STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00888

TSILI ADLER DERTSEYLT

Celia Adler

Permanent preservation of this book was made possible by
Gussie Scher
in memory of
father & mother, Morris & Gertie Schwartz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צילי אַדלער דערציילט

צילי אַדלער פֿאַונדיישאָן
און בוך־קאָמיטעט

הלל ראָגאָף, ערן־פּאָרזיצער
חיים ערענרייך, פּאָרזיצער
מרדכי ירדני, סעקרעטאַר

•

וויצע־פּאָרזיצערס
סימאָר רעכטצייט
נאָרמאַן פֿורמאַן
יעקב טיקמאַן

•

אַלעקסאַנדער קאַהאַן, ערן־טרעזשורער
נייטן פּאָרמאַן, טרעזשורער

•

אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט

בליי, העלען
גאָלפֿעדער, מעקס
גוסאַק, נחמן
הוירשפֿאַנג, אַלעקס
ליפּשיץ, יוסף
סלאָבאָדניק, זעליג
סקולער, צבי
עלקין, מענדל
קופּער, דזשעק
ראָטמאַן, מענדל

אַרויסגעגעבן פֿון
צילי אַדלער פֿאַונדיישאָן און בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1959

געשריבן מיט דער הילף פון

יעקב טיקמאַן

CELIA ADLER DERTZEILT

The Celia Adler Story

Copyright 1959 *by*

CELIA ADLER FOUNDATION

New York, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

האַרצוווייטיק און דערפאָלג

מאָריס שוואַרץ און איך
אין ליבין׳ס
„דער מאַן און זיין שאָטן"
די פּיעסע מיט וועלכער מיר האָבן
אָנגעהויבן די נייע עפּאָכע
אין אורווינג פּלייס טעאַטער

דער סעזאָן 1912־1913 האָט זיך אָנגעהויבן מיט גאָר אַ נייעס אין דער אידישער טעאַטער־וועלט. אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעפסקי האָבן באַשלאָסן, אַנשטאָט צו קאָנקורירן און דורס־זיין איינער דעם צווייטן, זאָלן זיי גרינדן אַ טראָסט און זיך העלפן איינער דעם צווייטן. דער חשבון איז געווען, אַז ווען זיי וועלן אַלע זיין צוזאַמען און נישט דאַרפן קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, וועט ניט זיין נויטיק צו האָבן אַ באַזונדער טעאַטער פאַר יעדן סטאַר.

דער ערשטער אויפטו איז געווען צו באַגרענעצן די צאָל גרויסע טעאַטערס צו צוויי, קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו און אַדלער־טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנעל. די סטאַרס האָבן זיך אַריינגעקליבן אין די צוויי גרויסע טעאַטערס. טהאַליאַ טעאַטער איז געבליבן שטיין ליידיק און פּיפּלס טעאַטער איז פאַרדונגען געוואָרן פאַר ענגלישע פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען פון איין זייט אַן עקאָנאָמיע און פון דער צווייטער זייט, האָט דער נייער פּלאַן באַפרייט אַ סטאַר פון שפּילן אין ניו יאָרק, און ער האָט געקענט אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ און מאַכן פאַרן טראָסט בעסערע געשעפטן ווי ווען ער איז געשטאַנען אין אַ באַזונדער טעאַטער אין ניו יאָרק.

אַחוץ דעם האָבן די דירעקטאָרן געהאָפט, אַז צוזאַמען וועלן זיי קענען אויפהויבן אַ קאָפּ קעגן דער אַקטיאָרן־יוניאָן און דיקטירן איר זייערע באַדינגונגען. און טאַקע איידער דער טראָסט איז אַלט געוואָרן עטלעכע חדשים האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין זייערע ביידע טעאַטערס. דער טראָסט האָט געלעבט איין סעזאָן און די נאָכווייעניש האָט אָנגעהאַלטן נאָך אַ קאַרגן סעזאָן.

דעם 14טן סעפּטעמבער, 1912, אין דעם סעזאָן וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן, האָט זיך געעפנט דער נייער טעאַטער אונטערן נאָמען „אַדלער־טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנעל טעאַטער״. אַדלער און טאָמאַשעפסקי זיינען געווען די דירעקטאָרן און מאַקס ר. ווילנער און יוסף איידלשטיין — די גענעראַל־פאַרוואַלטער. צו דער פייערלעכער דערעפענונג איז געשטעלט געוואָרן אַ יום־טוב׳דיקע פאָרשטעלונג. ס׳זיינען געשפּילט געוואָרן איינצלנע אַקטן פאַר יעדן סטאַר זיך אויסצוצייכענען. יעקב פּ. אַדלער איז אויפגעטראָטן אין זיין באַרימטער ראָלע פון שיילאָק; דוד קעסלער — אַלס שלומה׳קע שאַרלאַטאַן; טאָמאַשעפסקי האָט אויסגעקליבן פאַר זיין אויפטריט אַן אַקט פון „בלינדע ליבע״, מיט מיר אין דער הויפּט פרויען־ראָלע.

בעסי טאָמאַשעפסקי האָט יענעם סעזאָן ניט געשפּילט, אַזוי אַז אין מיטן דער וואָך, אין טאָמאַשעפסקי׳ס דראַמאַטישן רעפּערטואַר, האָב איך געשפּילט די אַלע הויפּט־ראָלן. איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ היפשע אומצופרידנקייט ביי אַ פּאָר שוישפּילערינס פון דער טרופּע. ס׳איז אַוודאי אַ גרויסע געלעגנהייט פאַר אַ יונגער שוישפּילערין צו שפּילן אַזעלכע אָנגעזעענע ראָלן, און קריגן אומגעהויערע קאָמפּלימענטן פון דער פּרעסע. וואָלט מיר אַוודאי געווען זייער גוט. איך האָב אָבער ניט פאַרשטאַנען, אַז בעסי׳ס ניט זיין אין טעאַטער און מיין פאַרטרעטן אירע ראָלן וועט מיר קאָסטן אַזוי פיל טרערן און האַרצווייטיק... ס׳קען זיין, אַז וואָלט איך ניט געווען „דער צעטראָגענער מלאך״, וואָלט איך אפשר ניט מיט אַזאַ הנאה זיך צוגעכאַפּט צו די אַלע הויפּט־ראָלן.

מיר איז אויסגעקומען הערן פון אַ שוישפּילערין, וואָס האָט לאַנגע יאָרן שוין געשפּילט די צווייטע פרויען־ראָלן, זיך באַקלאָגן אומגעפער מיט די ווערטער: „אַזוי פיל יאָרן ווי איך בין ביים טעאַטער, און וואַרט אויף דער געלעגנהייט צו שפּילן אַ הויפּט־ראָלע, קומט אַזאַ שנעק, ניט געפּאָקט און ניט געמאָזלט ביים טעאַטער, און איר גיט מען שפּילן הויפּט־ראָלן״.

איך האָב פאַרשטאַנען אַזאַ געפיל פון קנאה, אפילו איר ניט־פאַרגינערישקייט איז ניט געווען אַזאַ וואָס זאָל מיר פאַרדריסן און ערגערן. ס׳איז געווען מער אַ טענה צום אייגענעם ביטערן מזל, אַ סאָרט פאַרדרוס אויף איר ניט דערפילטער אַמביציע. דאָס איז מענטשלעך... איך האָב איר אפילו מיטגעפילט.

אין דער טרופּע איז געווען נאָך אַ שוישפּילערין, וואָס האָט געברענט פון אייפערזוכט, לּמאי איך קריג בעסי טאָמאַשעפסקי׳ס ראָלן. זי האָט זיך אָבער ניט באַקלאָגט, איר איז ניט אָנגעשטאַנען מיך צו אָנערקענען פאַר אַ קאָנקורענטקע. זי האָט זיך געפילט פיל העכער פון מיר, סיי אין איר פּאָזיציע אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטער, סיי אין דער אידישער טעאַטער־וועלט

בכלל — אין יעדן טעאַטער וואו זי האָט געשפּילט האָבן אַלע פּרויען־אַקטריסעס איר געשמייכלט און גע׳חנפ׳עט. צוליב איר מאַנס פאַרבינדונג מיט די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס האָבן אַלע מורא געהאַט, אַז זי קען שלעכטס טאָן די, אויף וועמען זי וואַרפט אַן אומ׳חן. בעסי׳ס ניט זיין אין טעאַטער האָט צערייצט אירע אַפּעטיטן. האָט זי ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי איז די וואָס דאַרף פאַרנעמען בעסי׳ס אָרט אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטער.

איז דאָס אויך פאַרשטענדלעך. עס איז די מענטשלעכע טבע צו וועלן שטייגן וואָס העכער, צו דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל אויפן לייטער פון דערפאָלג. ווען־זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען מ׳זוכט דאָס צו דער־גרייכן מיט ערלעכע מיטלען, מיט טאַלאַנט, מיט פעאיקייט, מיט שווערער אַרבעט. וויל איך דאָ ניט אורטיילן צי איר טאַלאַנט האָט זי באַרעכטיקט צו דער הויך צו וועלכער זי האָט חשק געהאַט. אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז קיין מיטל איז ניט געווען צו־נידעריק און צו־אומריין פאַר איר. איר טריפה׳נע אַמביציע האָט ביי איר צוגענומען יעדן טראָפּן געפיל פון מענטש־לעכקייט. זי איז געווען גרייט צו צעטרעטן יעדן איינעם וואָס איז איר געשטאַנען אין וועג. זי האָט באַשלאָסן אירס צו דערגרייכן אום יעדן פּרייז. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום קאַמפּס־מיטל. זי האָט פאַרמאָגט אַ גיפטיקע צונג, אַ פאַרדאָרבענעם מוח און אַ מורא׳דיקן טאַלאַנט פאַר שמוציקע רכילות׳ן... קעגן אַזעלכע מיטלען האָב איך זיך ניט געקענט פאַרמעסטן.

איך בין בכלל ניט געווען קיין קעמפערין הינטער די קוליסן, כאָטש איך בין שטענדיק געווען גרייט פאַר אַן אָפענעם קאַמף אויף דער בינע, וואו אַלע קענען זען און משפּט׳ן — אָבער אויף דעם איז זי קיין בעלן ניט געווען. בין איך געווען הילפלאָז קעגן איר. נאַכט־איין נאַכט־אויס, צי זי האָט יאָ אָדער ניט געשפּילט אין דער פּיעסע, פלעגט זי קומען אין טעאַטער און זיך באַזעצן אין אונזער געמיינשאַפטלעכער גאַרדעראָב, כאָטש זי האָט געהאַט אַן אייגענע גאַרדעראָב פאַר זיך, אָבער אין איר באַזונדער גאַרדעראָב וועט דאָך קיינער ניט הערן וואָס זי האָט צו דערציילן...

געפין איך פאַר נויטיק צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם, אַז איך האָב אין טעאַטער קיין באַזונדערע פּריווילעגיע ניט געהאַט. ווי אַ שוישפּילערין פון הויפּט־ראָלן, איז מיר אפשר געקומען אַן אייגענע גאַר־דעראָב, אָבער איך האָב עס ניט געהאַט. בין איך דערמיט ניט אויסן זיך צו באַקלאָגן אויף מיין דאָליע, נאָר די וואָס ווייסן עפּעס פון טעאַטער, וועלן דערפון גלייך קענען זען, אַז מיין פּאָזיציע אין טעאַטער איז ניט געווען קיין פּריווילעגירטע.

פלעגט זי, הייסט עס, קומען אין אונזער גאַרדעראָב און געלאָזט איר גיפטיקע צונג אין גאַנג. ניט דערמאָנענדיק מיין נאָמען, האָט זי דערציילט אַלע אַקטריסעס זיצנדיק דאָרט, וועגן אַ יונגער אַקטריסע וואָס שטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט די גאַנצע טעאַטער־פּראָפעסיע. זי ליגט איבער אין די רעדאַקציעס טאָג און נאַכט, איז געוואָרן קוצעניו־מוצעניו מיט יעדן איינעם וואָס שרייבט וועגן טעאַטער. זי איז זייער פריגיביק... שאַפט זי זיך איין אויף אַזאַ אופן גוטע קריטיקן — ניט אומזיסט נעמט מען זיך אָן פאַר איר אין די צייטונגען. דער סטאַר מיט וועמען זי שפּילט, גיט איר הויפּט־ראָלן אויך ניט אומזיסט...

מ׳קען אין אַ בוך ניט שרייבן אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט; עס איז ניט דרוקבאַר. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז אירע גיפטיקע רייד האָבן זיך ניט געענדיקט בלויז אין גאַרדעראָב. פאַר דער גאַנצער טעאַטער־פּראָפעסיע האָט זי מיין נאָמען אַזוי פאַרשמוצט, אַזוי דערנידעריקט, אַז איך האָב גאָרניט געוואוסט ווי געפאַלן איך בין.

דורך אַ צופאַל האָב איך עס אויסגעפונען. מיינע דריי אַדלער־שוועסטער — נוניע, דזשוליאַ און סטעלאַ — זיינען געקומען צו אַ פאָרשטעלונג אין וועלכער זי האָט געשפּילט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער לאָזשע, און ווען נאָר זי איז אַרויף אויף דער בינע, האָבן זיי זיך דעמאָנ־סטראַטיוו פאַנאַנדערגעלאַכט; נוניע, וועלכע איז געווען די אָנפירערין, נאָך שטאַרקער פון אַלע. נאָך עטלעכע געלעכטערס אַזעלכע, האָט די באַטרעפנ־דיקע אַקטריסע געשיקט דעם בינע־פאַרוואַלטער, ער זאָל זיי זאָגן, אַז אָדער זיי זאָלן אויפהערן חוזק־מאַכן אָדער אַרויסגיין פון טעאַטער. ער האָט די אַדלער־מיידלעך גוט געקענט. דזשוליאַ האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר אים, אַז נוניע האָט דערציילט אַ וויץ און זיי האָבן זיך ניט געקענט באַהערשן. ער האָט זיך שטאַרק געבעטן: „טוט עס ניט מער, אייער געלעכטער רעגט זי שרעקלעך אויף“.

נוניע האָט אים געענטפערט: „איר קענט איר זאָגן, אַז זי זאָל איינגעמען אַביסל פון איר אייגענעם גיפט, וועט זי ניט זיין אַזוי אויפגערעגט“. ער האָט אויף זיי מאָדנע אַ קוק געטאָן און איז אַוועק.

ס׳איז געווען אַ זונטיק באַכט — איך האָב אין דער אָפּערעטע ניט געשפּילט — בין איך געקומען אין טעאַטער נעמען מיין געהאַלט. אין אָפיס האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיינע שוועסטער טומלען עפּעס אין דער לאָזשע. בין איך אַריינגעגאַנגען צו זיי, און פונקט האָב איך זיי געטראָפן לאַכן אויפן קול. איך האָב פאַרוואונדערט געפרעגט: „וואָס טוט איר?“

נוניע האָט מיך אָנגעקוקט און שטיל געזאָגט: „דו ווייסט כאָטש וואָס

זי צערעדט אויף דיר? מיר זיינען אַ זעלבסט־דערווילטער קאָמיטעט זיך אָפּצורעכענען מיט איר פאַר דיר — זאָל זי זיך אויך אַביסעלע ערגערן״.

און אָט איז זי ווידער אַרויפגעקומען אויף דער בינע. בוניע האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דזשוליאַ און סטעלאַ נאָך איר — מיר זיינען אַלע אַרויס פון דער לאָזשע. מיר זיינען אַריין אין שטאַרק׳ס קאַפע, און ערשט דאָרט האָט זיך בוניע צעלאָזט:

„איך קען דאָך דיך — ביזט אַ נעבעכל געווען און אַ נעבעכל וועסטו בלייבן. איך אויף דיין אָרט וואָלט איר שוין לאַנג איר טריפה׳נעם פּיסק פאַרמאַכט. — אָבער דו — דו קענסט וויינען. נו, האָבן מיר זיך היינט כאָטש אַ ביסעלע געקילט דאָס האַרץ״.

זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זי קלייבט זיך צו האָבן אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין מיט אונזערע ברידער — „זאָלן זיי איר לאָזן וויסן, אַז דו האָסט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר דיר!״

געדענק איך ווי געריררט איך בין געוואָרן פון דעם געפיל, אַז זיי זיינען גרייט זיך איינצושטעלן פאַר מיר. איך האָב זיך אָבער געשראָקן און געהאָפט אַז בוניע וועט פאַרגעסן אין דעם ענין...

די סצענע מיט מיינע שוועסטער אין דער לאָזשע פון טעאַטער איז געשען מיט אַ צייט שפּעטער. אָבער דערווייל, אין דער גאַרדעראָב, האָט די אַקטריסע מיך ניט אויפגעהערט צו מאַטערן און דערציילט אַלץ מיאוס׳ע־רע מעשיות וועגן דער געוויסער יונגער אַקטריסע.

איך האָב זיך מיט גאָרניט געקענט אָפּרופן, זיך געשטיקט מיט מיינע טרערן. פון צייט צו צייט בלויז, ווען איך האָב שוין לענגער זיך ניט געקענט באַהערשן, פלעג איך אַרויסלויפן, זיך אויסוויינען.

האָב איך איינמאָל געהערט, אויפן וועג צוריק צו דער גאַרדעראָב, ווי אונזער „דרעסערין״ — מרס. שוואַרץ האָט זי געהייסן — האָט געזאָגט צו דער אַמביציעזער אַקטריסע: „איר וועט דאָך דאָס מיידל טרייבן צו טשעכאָטקע״ (שווינדזוכט).

יענע האָט זיך גיפטיק צעלאַכט: „מאַכט זיך ניט נאַריש... טשעכאָטקע איז ניט גענוג פאַר איר... איך וועל זי טרייבן צו אַ יונגן טויט...״

מיינע טעג און נעכט, יענעם סעזאָן, אין גאַרדעראָב, האָבן זיך איינגע־פּרעסן אין אַלע מיינע גלידער. ס׳האָט קיין סך ניט געפעלט, אַז יענע אַקטריסע זאָל אויספירן וואָס זי האָט געוואָלט. כ׳האָב, חלילה, ניט געטראַכט פון אַ יונגן טויט, כ׳האָב אָבער יאָ געטראַכט פון פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. די אַטמאָספערע האָט מיך ממש געשטיקט. איך האָב קיין פריינטלעך וואָרט

פון קיינעם פון מיינע קאָלעגן ניט געהערט. איך האָב זיך ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצורעדן — פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן.

נאָר איינמאָל, נאָך אַ פאָרשטעלונג, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך און מאַדאַם וויינטרויב זיינען די לעצטע געבליבן אין גאַרדעראָב. ווען מיר זיינען שוין פאַרטיק געווען אַרויסצוגיין האָט זי מיך אָפּגעשטעלט, זיך גוט אַרומגעקוקט אויב עמעצער הערט ניט, און זייער האַרציק מיר געזאָגט:

„איך ווייס, צילי, אַז זי באַשמוצט דיך אָן אַ פאַרוואָס. איך ווייס ווי דו ליידסט, נעבעך. איך פיל דיר מיט. מיין האַרץ טוט מיר ווי פאַר דיר. איך טאָר זיך אָבער מיט איר ניט פאַרקריגן. זי קען מיר שטערן מיין פרנסה, מיין קאַריערע. איז זיי מיר מוחל וואָס איך האַלט זיך פרעמד צו דיר. און אויב איך וועל זיך מיט דיר ניט גריסן אין גאַס, זאָלסטו מיר ניט פאַרדענקען דערפאַר".

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף איר, און מיין מוח האָט ניט באַנומען אין וואָס עס ליגט דער פינצטערער כוח פון דער פיפיקער אַקטריסע. ס'האָט אויף מיר געהאַט אַ שרעקלעכע ווירקונג. אָבער, עפּעס אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך טאָר דאָס טעאַטער ניט פאַרלאָזן. איך דאַרף בלייבן אויפן שלאַכטפעלד, כאָטש איך בין אין אַ הילפלאָזער פּאָזיציע.

איך האָב יאָ געהאַט איין נצחון, אַ נצחון וואָס האָט דעם שטורעם פאַרוואַנדלט אין אַ געוויטער. מיין נצחון איז באַשטאַנען אין דעם:

מ'האָט געדאַרפט שפּילן ליבין'ס „פרעמדע קינדער". אין יענער פּיעסע, ווי איר געדענקט, האָט בעסי טאָמאַשעפסקי געשפּילט די הויפּט־ראָלע און איך — איר אינגערע שוועסטער, די צווייטע פרויען־ראָלע אין דער פּיעסע. אַזוי ווי בעסי איז דעם סעזאָן אין טעאַטער ניט געווען, האָט מען געדאַרפט איר ראָלע פאַרטרעטן. טאָמאַשעפסקי האָט יענער אַקטריסע געגעבן די ראָלע; איך בין געבליבן ביי מיין ראָלע. נאָך דער ערשטער פּראָבע האָט טאָמאַשעפסקי ביי איר צוגענומען די ראָלע און זי מיר געגעבן. ער האָט מיר דערביי דערקלערט:

„כ'האָב ניט געוואָלט בייטןביידע וויכטיקע ראָלן אין דער פּיעסע. אָבער איך קען זיך ניט העלפן. דו וועסט מוזן שפּילן די הויפּט־ראָלע, און אויב דיין ראָל פון דער שוועסטער וועט אויסקומען שוואַכער, וועט די פּיעסע ניט אַזוי ליידן".

איך האָב אָן ווערטער גענומען די ראָלע. בנוגע דיסציפּלין אויף דער בינע האָט מען מיט טאָמאַשעפסקי'ן ניט געקענט אַרגומענטירן. ער איז אין דער הינזיכט געווען זייער שטרענג און געהאַט זיין וועג און זיין צוגאַנג.

אַזוי, למשל, האָבן אַלע געוואוסט, אַז ביי אים אין טעאַטער מוז מען זיין פּינקטלעך, מען מוז קומען אין צייט צו די פּראָבעס. ער האָט ניט געשריגן, אָדער, חלילה, עמעצן אויסגעזידלט. אָבער מער ווי איינמאָל האָב איך ביי־געוואוינט אַזאַ סצענע:

מיר זיינען אַלע אויף דער בינע. די פּראָבע איז באַשטימט אויף עלף אַזייגער. עס פעלט בלויז איינער אָדער איינע. ענדלעך קומט אַריין דער פאַרשפּעטיקטער. עס איז בלויז פינף אָדער זעקס מינוט נאָך עלף. טאָמאַ־שעפסקי זיצט ביי דעם אָפענעם טעקסט פון דער פּיעסע, און וואַרט.

ווי נאָר דער שולדיקער איז אַרויף אויף דער בינע, האָט טאָמאַשעפסקי אויף אים אַ קוק געטאָן, פאַרמאַכט דעם בוך, זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט: „מאָרגן עלף אַזייגער איז פּראָבע״, און אָן אַ וואָרט אַראָפּ פון דער בינע.

דערפאַר האָב איך געוואוסט, אַז ווען ער גיט מיר די ראָלע, דאַרף איך זי נעמען אָן טענות... האָב איך פאַר דעם נצחון באַצאָלט מיט גאָר אַ סך טרערן און האַרצוויטיק. יענע וואָך אין גאַרדעראָב, איז איר צונג געווען איין שטיק סם. זי האָט זיך ממש געפּרעגלט אין איר אייגענער הנאה, פון דערציילן די מיאוס׳ע זאַכן פון „יענער יונגער אַקטריסע״.

אַוודאי, ווען איך טראַכט איצט פון יענער צייט, וואונדער איך זיך אַליין פאַרוואָס אירע מיאוס׳ע רייד האָבן אויף מיר געהאַט אַזאַ ווירקונג. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז אין אירע גיפטיקע רכילות׳ן איז ניטאָ קיין וואָר־וואָרט, אַז זי טוט דאָס נאָר, כדי מיך צו ערגערן.

ווערט עס אפשר קלינגען ווי איך וואָלט זיך ספּעציעל באַמיט פאַר אייך צו דערשיינען ווי אַן אומשולדיקער נעבעכל. איך וויל דאָ אָבער אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך אונטערשטרייכן, אַז מיט מיין גאַנצער צוואַנציק־יאָריקייט, זייענדיק שוין עטלעכע יאָר אין אַ פּראָפעסיע, וואָס האָט דעם שם, אַז טהרת המשפחה איז ביי זיי אַן אָפּגעפרעגטע זאַך, בין איך דאָך געווען אַזוי נאַאיוו און אומשולדיק ווי יעדע באַלעבאַטישע יונגע טאָכטער אין יענע יאָרן... דערפאַר האָבן אירע רייד מיר געברענט די אויערן און געלעכערט דאָס האַרץ.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז טאָמאַשעפסקי, מער ווי אַלע אַנ־דערע סטאַרס, האָט געהאַט אַ געוויסן סענטימענטאַלן צוגאַנג צו אַקטיאָרישע קינדער, וואָס האָבן געזוכט אַ קאַריערע אויף דער בינע. האָט ער צו מיר געהאַט אַ ספּעציעלע וואַרעמע באַציאונג. ווען ער האָט איינמאָל דערזען אויף דער בינע, ביים שפּילן, אַז מיינע אויגן זיינען פאַרוויינט — די ראָלע האָט עס ניט געפאָדערט — האָט ער מיך נאָך דער פאָרשטעלונג אַריינגערופן צו זיך אין גאַרדעראָב, מיך געפרעגט די סיבה פון מיינע פאַרוויינטע אויגן.

אַנשטאָט געבן אַן ענטפער, האָבן איך אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. ער האָט מיט כמעט פּאַטערלעכער געטריישאַפט אַ דערשראָקענער מיך געזוכט צו באַרואיקן, נאָכאַנאַנד ווידערהאָלנדיק די זעלבע פראַגע — וואָס איז געשען?

ווען איך האָב זיך ענדלעך באַרואיקט, האָב איך אים געזאָגט:

„איר ווייסט גאָרניט וואָס איך גיי דורך ביי יעדער פאָרשטעלונג אין אונזער גאַרדעראָב. די אַקטריסע מיטן גיפטיקן צינגעלע, דערגייט מיר די יאָרן. זי קומט אַריין און באַזעצט זיך אין אונזער גאַרדעראָב און דערציילט די מיאוס׳טע זאַכן אויף אַ „געוויסער יונגער אַקטריסע״. זי דערמאָנט ניט מיין נאָמען — אָבער איך און אַלע ווייסן וועגן וועמען זי רעדט. אַזעלכע געמיינע און נידעריקע מעשות דערציילט זי וועגן מיר, אַז עס פלאַמט מיר אַזש דאָס פּנים... די טויטע שטילקייט דערביי, ביי אונז אין גאַרדעראָב; קיינער וואָגט ניט צו זאָגן אַ וואָרט. ווערן אירע מיאוס׳ע רייד נאָך שטאַר־קער. כמעט פאַר יעדער ראָלע מיינער דאַרף איך צוויי אָדער דריי מאָל זיך איבערגרימירן, ווייל די טרערן וואָס רינען אָן אויפהער, וואַשן אָפּ מיין גרים.

— „פאַר אַזאַ נאַר, צילי, האָב איך דיך ניט געהאַלטן, אירע רייד זאָלן אויף דיר אַזוי ווירקן. מ׳לאַכט איר אין פּנים אַריין״.

— „הלוואי וואָלט איך עס געקענט...״

„אויב אַזוי״ — האָט ער געזאָגט — „דאַרפסטו זיין גרייט צו ליידן״.

און איך האָב געליטן. זי האָט ניט אָפּגעלאָזן דעם גאַנצן סעזאָן.

אַרום יענער צייט איז אויסגעבראָכן דער אַקטיאָרן סטרייק. דער טראָסט, וועלכן איך האָב דערמאָנט, האָט זיך גענומען דערלויבן זאַכן און האַנדלונגען, וואָס די פירער פון דער יוניאָן האָבן ניט געקענט דערלאָזן. די יוניאָן־טוער האָבן געפּרואווט אויפקלערן די דריי סטאַרס די פאַלשקייט פון זייער האַנד־לונג. אָבער זיי האָבן גאָרניט גע׳פּועל׳ט, און ס׳איז דערקלערט געוואָרן אַ סטרייק איןביידע טעאַטערס.

די סטאַרס זיינען געוועזן איינגעשפּאַרט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז זיי קענען דעם סטרייק ברעכן. האָבן זיי פאַרמאַכט דעם נעשאָנעל טעאַטער, און די סטאַרס מיט די ווייבער און קינדער, האָבן אַלע געשפּילט צוזאַמען אין קעסלער׳ס סעקאַנד עוועניו טעאַטער. מיין טאַטע האָט זיך דאַן דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַ טאָכטער, וועלכע קען אים איצט צוניץ קומען. ער האָט אויף מיר געווירקט, אַז איך זאָל מיט זיי מיטשפּילן: „זיי ווילן אונז דורס־זיין, די שאַלאַפּייעס, אַזעלכע קאַרמאַנשטשיקעס...״

כאָטש איך האָב שוין געהאַט אַ יוניאָן־ביכל, מוז איך צוגעבן, אַז איך

האָב זייער וויניק פאַרשטאַנען וואָס אַ יוניאָן מיינט. ניט איך האָב געהאַט אַ באַגריף פון דעם גרויסן אויפטו פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, ניט איך האָב פאַרשטאַנען די פליכטן וואָס דער איינציקער יוניאָן־מיטגליד האָט צו זיין יוניאָן. פונקט ווי איך בין געווען אין אַ זייט און האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין אַנונג אין טעאַטער־פּאָליטיק, אַזוי האָב איך אויך ניט געפילט מיין אָנגעהעריקייט צו דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. און ווען מיין טאַטע האָט זיך ביי מיר געבעטן אַז איך זאָל מיט אים שפּילן, האָב איך געפילט, אַז דאָס איז כמעט מיין פליכט. ס'איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן, אַז איך באַגיי אַן עוולה קעגן מיינע קאָלעגן יוניאָן־לייט.

סיי די עפנטלעכע מיינונג, סיי דער אידישער עולם, און טאַקע די אויסגעהאַלטנקייט פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָבן געצוואונגען די סטאַרס זיך אונטערצוגעבן. נאָך אַ פּאָר וואָכן מאַטערניש און פאַרלוסט פון אַ היפּשער סומע געלט, האָבן זיי נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען וואָס די יוניאָן האָט זיי געשטעלט. ערשט דאַן האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין שפּילן מיט זיי איז ניט געווען קיין כשר'ע האַנדלונג פון אַ יוניאָן־מיטגליד. דער נאָמען דער־פאַר איז „סקעב".

ביי אַ מיטינג פון דער יוניאָן בין איך שטאַרק געטאַדלט געוואָרן — איך בין, פאַרשטייט זיך, דערביי ניט געווען — און ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז מ'זאָל מיך שטרייכן. די אַקטיאָרן זיגמונד וויינטרויב און סעמיועל שניייער האָבן געהאַט אַ געשפּרעך מיט מיר. זיי האָבן ביידע פאַרשטאַנען, אַז מיין נאַרישע האַנדלונג איז ניט געווען בייזוויליק קעגן דער אַקטיאָרן־יוניאָן און אויך געפילט, אַז אַ היפּשער טייל פון דער שולד ליגט אין דעם משפּחה־פּלאָנטער מיינעם. זיי האָבן ביידע מיט מיר געהאַט אַ האַרציקן געשפּרעך, מיר געגעבן צו פאַרשטיין ווי ניט־קאָלעגיאַל איך האָב געהאַנדלט. איך האָב גלייך דערזען ווי גערעכט זיי זיינען און זיך פּשוט געשעמט זיי קוקן אין די אויגן.

זיי האָבן מיר געראָטן אַז איך זאָל אַרויפקומען צום „ספּעשל מיטינג", וואו דער ענין וועט אויפגענומען ווערן, איך זאָל מאַכן אַ דערקלערונג, זיך אַנטשולדיקן, און זיי וועלן מיר העלפן. איך האָב זייער עצה אָנגענומען.

איידער מען האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו ריידן, האָט זיך אויפ־געשטעלט אַ שוישפּילער און געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל שטראָפירן צילי אַדלער מיט דריי הונדערט דאָלער פאַר איר סקעבן, מען זאָל זי אויס־שטרייכן פון דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, און איר קיינמאָל מער ניט לאָזן שפּילן אידיש טעאַטער אין אַמעריקע.

סעמיועל שניייער האָט גענומען אַ וואָרט, אויסדריקנדיק, אַז אַזאַ פאַר־

שלאַג מיינט כמעט ווי מען זאָל עמעצן פאַראורטיילן צו „דריי יאָר שיסן און פיר יאָר הענגען".

מען האָט מיר געגעבן אַ וואָרט. איך האָב זייער אויפריכטיק דערקלערט: „גלויבט מיר, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין שום אַנונג אַז איך טו שלעכטס דער יוניאָן מיט מיין האַנדלונג. מיין טאַטע האָט, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, זיך געווענדט צו מיר אין אַ פּאָטערלעכן וועג, גערעדט צו מיר ווי אַ טאַטע צו אַ טאָכטער, און ביי מיר געבעטן איך זאָל אים העלפן. איך האָב אים ניט געקענט אָפּזאָגן. איך האָב געפילט, אַז עס איז מיין פליכט אַלס טאָכטער, אים צו פאָלגן. קיין אַנדער דערקלערונג האָב איך ניט. איך קען אייך נאָר בעטן איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב דערפון גאָר אַ סך געלערנט".

איך האָב געענדיקט אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. איך האָב אויך באַמערקט, ווי אַ סך פון זיי האָבן-זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיר מוחל געווען. די ערשטע איז צו מיר צוגעקומען בינע אַבראַמאָוויטש און האָט מיר געזאָגט: „צילי טייערע, ביזט ניט נאָר אַ גוטע אַקטריסע, ביזט אויך זייער אַ קלוגע".

נאָך יענעם סטרייק איז דאָס לעבן פון די סטאַרס דורך עפּעס געשטערט געוואָרן, און אַדלער איז אין מיטן סעזאָן אַרויס פון טראָסט און אָנגעהויבן שפּילן אין דיוּאי טעאַטער, אויף דער פערצנטער גאַס...

נאָך די טרויעריקע מעשׂיות מיינע, וויל איך אייך דערציילן אַ פריילעכן און קאָמישן עפּיזאָד, כאָטש ער פאַרמאָגט אין זיך אַ טרויעריק קאַפּיטל פון אונזער אידישער געשיכטע אין רוסלאַנד און גלייכצייטיק וואַרפט ער ניט אַזאַ שיין ליכט אויף די פירער פון אונזער טעאַטער אין אַמעריקע.

עס איז געווען די פּעריאָדע פון דעם מענדל בייליס פּראָצעס, ווען דער משפט איז נאָך אָנגעגאַנגען אין קיעוו. איז איינעם פון אונזערע פּאַטענטירטע שונד-שרייבער איינגעפאַלן צו מאַכן אַ פּיעסע פון דעם דאָזיקן טראַגישן בלוט-בלבול. די פּיעסע איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון איינעם פון אונזערע סטאַרס, און ס'איז געוואָרן אַ גוואַלדיק-גרויסער קאַסע-דערפאָלג. האָבן זיך די אַנדערע סטאַרס מתקנא געווען און אויף שנעל אַלע געשטעלט מאַכערייקעס אויף דער טעמע, און דער טראַגיש-אומשולדיקער מענדל בייליס האָט אַראָפּגעשיינט פון די אַפישן פון אַלע דריי הויפּט-טעאַטערס — קעסלער'ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער, טאָמאַשעפסקי'ס נעשאָנעל טעאַטער און אַדלער'ס דיוּאי טעאַטער.

אַזוי ווי דער משפּט איז נאָך געווען אין גאַנג, האָבן ניט אַלע טעאַטערס געוואוסט ווי אַזוי צו ענדיקן די פּיעסע. זיי האָבן אים, אָבער, אַלע ענדלעך באַפרייט. דער נאַאיווער עולם איז מיט נייגעריקייט געלאָפן אין די טעאַטערס צו זען מענדל ביילים אַ באַפרייטן, אַזוי אַז אַנשטאָט באַשטראָפט צו ווערן פאַר מאַכן אַ ביליקע סענסאַציע פון אַ טראַגישן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע, זיינען אונזערע פּיפּיקע טעאַטער־מענעדזשערס באַלוינט געוואָרן מיט פולע קאַסעס.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. אין טאָמאַשעפסקי׳ס אויפפירונג פון „מענדל ביילים״ האָט ער, פאַרשטייט זיך, געשפּילט מענדל; איך — זיין טאָכטער. דער לעצטער אַקט האָט זיך אין אַלע טעאַטערס געשלאָסן מיט דער סצענע אין געריכט ווען ער ווערט באַפרייט. איך, זיין טאָכטער, האָב גאָרניט געהאַט צו טאָן אין דעם לאַנגן אַקט ביזן סוף, ווען מען דערקלערט אים פריי. איך פאַל אים, מיין טאַטן, אויפן האַלז, און דער פאָרהאַנג פאַלט.

נאָך אַ פּאָר וואָכן שפּילן די פּיעסע, איז מיר נמאס געוואָרן צו זיצן דעם גאַנצן לעצטן אַקט און הערן די באָמבאַסטישע דרשות, כדי צו זיין איינע פון אַ סך וואָס באַפאַלן מענדל ביילים׳ן ווען ער ווערט באַפרייט. האָב איך גע׳פּועל׳ט ביי טאָמאַשעפסקי׳ן, אַז פון צייט צו צייט זאָל איך קענען אַוועק־גיין פאַרן לעצטן אַקט.

איינמאָל, פאַרבייגייענדיק קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער אויפן וועג אַהיים, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זען קעסלער׳ן אַלס מענדל ביילים, אין לעצטן אַקט. ווען איך בין אַרויף הינטער די קוליסן איז אָנגעגאַנגען די געריכט־סצענע. עס איז מיר דאַן איינגעפאַלן אַזאַ שפּאַס: איך האָב זיך אַריינגעגנב׳עט אויף דער אָפענער בינע, זיך אַוועקגעזעצט צווישן די סטאַ־טיסטן, וואָס האָבן אָנגעפילט די בענק פון געריכטס־זאַל. ביים שלוס־אַקט, ווען קעסלער־ביילים ווערט באַפרייט, בין איך פאַרלאָפן דעם וועג פון פּעני לובריצקי׳ן, וועלכע האָט געשפּילט זיין טאָכטער, און איך בין קעסלער׳ן אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז, און ניט צוגעלאָזן פּעני׳ן צו אים. ער האָט אויס־געסטאַרטשעט זיינע גרויסע אויגן, האָט מיך האַרציק געקושט און דער פאָר־האַנג איז געפאַלן. ביים נויגן זיך האָט ער מיך געהאַלטן ביי איין האַנט און פּעני׳ן ביי דער צווייטער און מיר האָבן האַרציק געלאַכט און הנאה געהאַט פון מיין שפּאַס...

יענער סעזאָן האָט זיך פאַר מיר זייער לאַנג געצויגן, אָבער דער סוף איז ענדלעך געקומען. איך בין געווען גאָר אין זיבעטן הימל, ווען טאָמאַ־שעפסקי האָט מיר פאָרגעלייגט צו פאָרן מיט אים אויף אַ טור איבער אייראָפּע.

מיין מאַמע און לילי האָבן יענעם סעזאָן געשפּילט אין לאָנדאָן, אין

פּאַוויליאָן טעאַטער, מיט דזשאָזעף קעסלער׳ן. אַזוי ווי דער טור פון טאָמאַ־שעפסקי׳ן האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן אין לאָנדאָן, האָב איך מיט אים אָפּגעמאַכט צו שפּילן בלויז די פּאָר וואָכן אין לאָנדאָן, אָבער איך וועל ניט פאָרן אויף זיין וויטערדיקן טור קיין גאַליציע, פּוילן און רוסלאַנד. איך האָב פּשוט געוואָלט זיך אָפּרוען און פאַרברענגען מיט מיין משפּחה אין לאָנדאָן. טאָמאַשעפסקי האָט איינגעוויליקט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, גלייך געלאָזט וויסן מיין מאַמען וועגן מיין קומען צו איר שפּילן מיט טאָמאַשעפסקי׳ן. בין איך איבעראַשט געוואָרן, ווען זי האָט מיר געענטפערט, אַז עס איז שוין פאַר איר קיין נייס ניט געווען; דזשאָזעף קעסלער, דער דאַמאָלסטיקער דירעקטאָר פון לאָנדאָנער פּאַוויליאָן טעאַטער, וועלכער האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט טאָמאַשעפסקי׳ן, האָט איר נאָך מיט אַ טאָג־צוויי פריער איבערגעגעבן די גוטע נייס. האָב איך מיט גרויס פריידן און פאַרגעניגן געוואַרט אויף מיין באַגעגעניש מיט מיין מאַמען און לילי׳ן.

ביי מיר, אָבער, גייט ניט צו אַלץ גלאַט. טאָמאַשעפסקי איז געווען גע־וואוינט צו פאָרן אין לוקסוס, ניט אַנדערש ווי אין דעם ערשטן קלאַס. האָט ער עטלעכע טעג שפּעטער מיר געבראַכט די נייס, אַז ער האָט פאַר מיר אויך באַשטעלט אַ פּרעכטיקן צימער אין דעם ערשטן קלאַס. איך האָב אַזש אָנגעהויבן ציטערן:

„איך בעט אייך, טאָמאַשעפסקי, איך קען דאָס ניט אָננעמען. איך בין דאָך דעם סעזאָן אַזוי פיל באַרעדט געוואָרן, אַז דער געדאַנק וועגן פאָרן מיט אייך ערשטע קלאַס, וועט מיר צעשטערן דעם גאַנצן פאַרגעניגן פון דער רייזע. טוט מיר אַ טובה און באַשטעלט פאַר מיר אַ פּלאַץ אין דעם צווייטן קלאַס“.

ער האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט און געזאָגט:

„ביזט אַ נאַר, צילי. אָבער אַז דו ווילסט אַזוי, וועל איך עס טאָן“.

ווען איך טראַכט איצטער פון יענער רייזע, מוז איך צוגעבן אַז ער איז געווען גערעכט. איך דאַרף נאָר צולייגן, אַז איך בין געווען אַ גרויסער נאַר. מיין וועלן זיך היטן פון לייטישע מיילער האָט מיר כלל ניט געהאָלפן. קיינער האָט ניט געוואוסט אַז איך פאָר אויף דער שיף, ניט אין זעלבן קלאַס ווי טאָמאַשעפסקי. גערעדט האָט מען סיי־ווי. ווען טאָמאַשעפסקי האָט מיך איינמאָל פאַרגעשטעלט פאַרן קאַפּיטאַן און מיך אַרומגעפירט ווייזן דעם לוקסוס פון דעם ערשטן קלאַס, האָט מיך פאַרדראָסן וואָס איך האָב זיך פון דעם אָפּגעזאָגט.

די עטלעכע זומער־חדשים אין לאָנדאָן זיינען פאַר מיר געווען אַ גרויסער יום־טוב. מיינע אויפטריטן מיט טאָמאַשעפסקי׳ן אין „בלינדע ליבע“ און

אין „פרעמדע קינדער", ווי אויך אין „גערעכטיקייט" זיינען געווען אַ קאָלאָ־סאַלער דערפּאָלג. איך האָב זיך אָנגעגעסן מיט כבוד איבערגענוג.

די עטלעכע וואָכן זיינען פאַרביי. טאָמאַשעפסקי איז אַוועקגעפאָרן. ערשט איצט האָב איך צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט מיין משפחה, און אויך דאָ איז מיר באַשערט געווען אַ סך פרייד. איך האָב צוערשט דערזען, אַז מיין שוועסטער לילי, וועלכע איך האָב כמעט קיינמאָל ניט געזען שפּילן אַלס דערוואַקסענע, איז באמת געוואָרן אַ פּרעכטיקע סוברעטין און אַ זייער פיינע שוישפּילערין.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ נייס. יענעם סעזאָן האָט אין פּאַוויליאָן טעאַטער געשפּילט אַ יונגער אַקטיאָר, וועמען מאָריס מאָשקאָוויטש האָט געבראַכט פון לעמבערג, גאַליציע, מיט אַ סעזאָן פריער. איך האָב ניט געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען שפּילן. איך האָב אָבער יאָ געזען, אַז ער איז שטאַרק פאַרליבט אין מיין שוועסטער. מיר איז זייער געפעלן, ווען איך האָב געהערט ווי ער רופט זי „מיין אוצר'ל". אַלס די גרויסע שוועסטער האָב איך אָנגעקוואָלן פון דעם יונגן פאַרליבטן פּאָרל. די גאַנצע לאָנדאָנער אידישע טעאַטער־וועלט האָט שוין געוואוסט, אַז זיי זיינען חתן־כלה.

פאַרדריסט מיך, וואָס איך קען אייך ניט דערציילן וועגן דעם גרויסן טאַלאַנט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין דעם קליינינקן, דאַרינקן גאַליציאַנער בחור'ל, מיט די בלויע אויגן און חנ'עוודיקן שמייכל. מן הסתם שטויסט איר זיך שוין אַליין אָן, אַז דאָס איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער כאַראַקטער־קאָמיקער, מיין שוואָגער, לודוויג זאַץ.

איידער איך בין אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן יענעם זומער, האָב איך איבערגעלאָזט ענגלאַנד אַ מתנה, מיינע „טאַנסילס און עדינאָידס". איז דערביי דאָ אַ טשיקאַווע געשיכטע. איך לאָז עס איבער פאַר אייך צו באַשטימען אויב דאָס גייט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון נאַרישקייטן.

איך האָב עטלעכע טעג שטאַרק געליטן אויף מיין האַלז און נאָז, ביז די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז איך מוז אָפּערירט ווערן. איז איבעריק אייך צו זאָגן, אַז מיין מאַמע און אירע לאָנדאָנער פריינט האָבן געזען, אַז איך זאָל זיין אין גוטע הענט. איך בין אָבער בטבע אַ צעפּיעשטשעטע, איבערהויפּט קען איך ניט פאַרטראָגן קיין וויטיק. זאָלט איר צו דעם ניט געפּרואווט ווערן, אַזאַ אָפּעראַציע גיט אייך עטלעכע ניט קיין אַנגענעמע טעג.

געדענק איך, ווי איך בין געלעגן אין שפּיטאָל אין אַ באַקוועמען באַזונדערן צימער. דאָס איז געווען שפּעט ביינאַכט, די וויטיקן האָבן מיך געמאַטערט, איך בין ביי זיך געווען זיכער, אַז קיין אומגליקלעכערער מענטש איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ. די וויטיקן האָבן מיך ניט געלאָזט

איינשלאָפֿן. יעדע פופצן מינוט האָבן איך געהערט דורכן פֿעסטער אַ זייער אַנגענעמען קלאַנג פֿון אַ זייגער. איך האָב געפֿילט אַז מער קען איך ניט אויסהאַלטן. איך האָב אַריינגערופֿן די נוירס און איר געזאָגט, אַז איך קען מיינע שמערצן ניט אַריבערטראָגן, „גיב מיר עפּעס, ס׳זאָל מיר ווערן גרינגער״. פּונקט דאַן האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן דאָס פֿערטל שעה.

איך האָב מיט מיין פֿינגער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פֿון פֿענסטער און אין אַ זייער געהיימניספֿולן און מיסטישן טאָן איר געזאָגט: „אויב איך וועל נאָך האָבן די ווייטיקן ווען דער זייגער וועט ווידער קלינגען, וועל איך זיך אַרויסוואַרפֿן פֿון פֿענסטער״. זי האָט זיך אַביסל דערשראָקן און זיך אַוועקגעזעצט צופֿוסנס ביי מיר אויפֿן בעט און מיט איר גלאַטע, צאַרטע הענט גענומען מאַסאַזשירן די פֿאַדעשוועס פֿון מיינע פֿיס. איך האָב דעם זייגער יענע נאַכט מער ניט געהערט קלינגען; איך בין, ווייזט אויס, איינגעשלאָפֿן. ווען איך האָב זיך אינדערפֿרי אויפֿגעכאַפּט, האָב איך מער קיין ווייטיקן ניט געהאַט. איך האָב זיך פֿון פֿענסטער שוין ניט אַרויסגעוואָרפֿן.

איך וויל דאָ נאָך פֿאַרצייכענען, אַז פֿאַר מיין פֿאַרלאָזן לאָנדאָן האָב איך געקראָגן אַ בריוו פֿון טאָמאַשעפֿסקי׳ן, אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן, אַז מיט מיר וועט זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג אַ געוויסע יונגע פֿריילין, פֿאַני זוסמער איז איר נאָמען. זי איז אַ זייער פֿיינע פּרימאַדאָנאַ און פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך־פּרעכטיקע שטימע. זי וועט מיט מיר פֿאָרן קיין ניו יאָרק.

טאָמאַשעפֿסקי האָט מיר אויך געשריבן, אַז ער ברענגט מיט זיך קיין אַמעריקע דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון „שמע ישראל״, דעם באַרימטן רוסישן דראַמאַטורג, אָסיפּ דימאָוו. אויך אַ יונגן שוישפּילער־זינגער פֿון דער געוועזענער הירשביין־טרופּע, לאַזאַר פֿריד.

ניט מיט קיין גרינגן געמיט האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין משפּחה אין לאָנדאָן. ס׳איז מיר געווען זייער שווער זיי איבערצולאָזן און אַליין אַוועקפֿאָרן קיין ניו יאָרק. איך וועל דאָרטן שפּילן אין דעם זעלבן טעאַטער, וואו איך האָב דעם לעצטן סעזאָן אַזוי פֿיל איבערגעלעבט — געהאַט אַזוי פֿיל ערגערניש און האַרצווייטיק. איך האָב געוואוסט, אַז די זאָגענאַנטע אַקטריסע איז שוין ניט מער אין דעם טעאַטער, אָבער ווער ווייסט וואָס מיך דערוואַרט.

קנאה און אייפֿערזוכט זיינען שטענדיק געווען, און ווי מיר דוכט, וועלן אייביק בלייבן וויכטיקע עלעמענטן אין טעאַטער־לעבן ביי אַלע פֿעלקער. מיר אידן זיינען, חלילה, ניט הינטערשטעליק. יענע אַקטריסע איז ניט די איינציקע אין אונזער אידישער טעאַטער־וועלט, וואָס איז אַזוי באַהערשט

פון קנאה און ניט־פּאַרגינערישקייט. איז ווער ווייסט, וואָס דער נייער סעזאָן האָט פאַר מיר אָנגעגרייט?

שוין אויפן דריטן טאָג אויף דער שיף האָט מיר שטאַרק אויסגעפעלט מיין משפחה, ווייל, פּונקט ווי אין לאָנדאָנער שפּיטאָל, האָט זיך מיר אויך דאָ אויסגעוויזן, אַז איך קען מער ניט לעבן. ווייסט איר שוין פון מיינע פריערדיקע באַשרייבונגען, ס'אַראַ כוואַטסקע פאָרערקע איך בין. יענעם מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, איז דער ים געווען ערגער ווי אַלעמאָל, אַזוי אַז צום סוף פון דריטן טאָג האָב איך שוין קוים געקענט שטיין אויף די פיס.

ים־קראַנקייט אָבער לאָזט ניט אָפּ, זי פאָדערט אירס. איך האָב אָבער מער ניט וואָס צו געבן... האָב איך זיך קוים אויפגעהויבן פון מיין דעק־שטול און מיט מאַטערניש זיך צוגעשלעפּט צום פאָרענטש פון שיף. איך האָב זיך אַריבערגעבויגן און געבליבן כמעט הענגען אָן כוחות. פּונקט דאַן איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גלח. דערזעענדיק מיך הענגען אויפן פאָרענטש, האָט ער מיך מיט אַ זייער וואַרעמען טאָן געפרעגט: „קען אַי העלפּ יו, מיס?“ (מיט וואָס קען איך דיך העלפן?).

ער האָט מיך אָנגענומען, מיך כמעט צוגעטראָגן צו אַ דעק־שטול, זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר, מיך באַרואיקט אַביסל און איז אַוועק. ער איז געקומען צוריק אין עטלעכע מינוט מיט אַשיסעלע יויך און מיך, ווי אַ קליין קינד, אָנגעהאָדעוועט. עס איז אים ניט אָנגעקומען צו גרינג — איך האָב זיך ניט געלאָזן — אָבער ביסלעכווייז האָב איך דערפילט, אַז פון דער פּליסיקער וואַרעמקייט ווערט מיר גרינגער.

ער האָט זייט דאַן געהאַלטן אַן אויג אויף מיר — מיך אָפּגעהיט, עטלעכע מאָל אַ טאָג מיך אויפן דעק געקאָרמעט. איז, ווי איר זעט, האָב איך זיך איבער דעם פאָרענטש ניט געוואָרפן. בין איך אוודאי האַרציק דאַנקבאַר דעם גוטן גלח. ער האָט כאָטש עטוואָס לייכטער געמאַכט יענע רייזע מיינע.

איך בין בשלום געקומען קיין ניו יאָרק. אונזער טעאַטער האָט זיך געגרייט פאַר אַ נייעם סעזאָן. מען האָט אַנאָנסירט די גרויסע געסט פון אייראָפּע — צוויי פּרימאַדאָנעס. די שוין דערמאָנטע פאַני זוסמער, און אויך „דער שטאָלץ פון רוסלאַנד'ס אידישע פּרימאַדאָנעס, די חנ'עווודיקע, האַרציקע זינגערין אסתר נערעסלאַווסקאַיאַ. דריי אַקטיאָרן — דער איינציקער כאַראַקטער־קינסטלער און פּאָטער־ראַליסט, הער בערמאַן; דער גרעסטער רעאַליסטישער שוישפּילער פון רוסלאַנד, הער ליבערט און דער יונגער, שיינער ראָמאַנטישער זינגער און ליבהאָבער־שוישפּילער, לאַזאַר פריד. און — אחרון, אחרון חביב — גיט אָפּ כבוד צו דעם, וואָס כבוד פאַרדינט — דער שטאָלץ פון דער רוסיש־אידישער מאָדערנער דראַמע, הער אָסיפּ דימאָוו“.

אָט די אַלע שרייענדיקע רעקלאַמעס זיינען, אַזוי צו זאָגן, געשיקט געוואָרן פון טאָמאַשעפסקי׳ן, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען אין אייראָפּע. לויט די צייטונגען, איז דער טעאַטער ניט געווען פאַרנומען מיט די נייע געסט. אָט ווי עס גיט עס איבער דער טעאַטער־שרייבער פון „פאָרווערטס״.

„ווער וועט וועמען אַרויסשטופּן — עדלשטיין מיט אַדלער ווילנער׳ן, צי ווילנער עדלשטיינ׳ען מיט אַדלער׳ן — עס פאַנגט זיך אָן אַ נייער סעזאָן. עס קומען פון יוראָפּ נייע אַקטיאָרן. אָבער ניט מיט דעם איז דאָס טעאַטער פאַרנומען. מען איז פאַרנומען מיט דער אַדלער, ווילנער, עדלשטיין פראַגע. ווילנער וויל זיין בעל־הבית און עדלשטיין וויל זיין בעל־הבית. אויב ווילנער וועט אויספירן, וועט ער זיין באַס איבער ביידע טעאַטערס, סעקאָנד עוועניו און נעשאָנעל. אין איינעם וועט שפּילן קעסלער און אין אַנדערן — אַדלער־טאָמאַשעפסקי. אויב עדלשטיין וועט אויספירן, וועט ער זיך אָפּטיילן פון ווילנער׳ן, און וועט האָבן דעם נעשאָנעל טעאַטער״.

„קעסלער האַלט מיט ווילנער׳ן, אַדלער — מיט עדלשטיינ׳ען. אַלץ הענגט אָפּ אין טאָמאַשעפסקי׳ן. ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועט זיין. מען וואַרט ביז טאָמאַשעפסקי וועט קומען פון יוראָפּ. דערווייל קריגט מען זיך. אַדלער האָט אָנגעקלאָגט אין קאָורט און ער פאַרלאַנגט, אַז דער טראַסט זאָל זיך אויפלייזן, אַז מען זאָל אים אָפּלאָזן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ אידישער טעאַטער־טראַסט קען קיין דערפאָלג ניט זיין״.

„עדלשטיין האָט באַקומען אַ בריוו פון טאָמאַשעפסקי׳ן, וואָס האָט אים שטאַרק געערגערט. ער שרייבט, אַז ער קומט מיט צען פאַרשוין. פיר זיינען אַקטיאָרן. און ער וויל, ער זאָל אים אַרויסשיקן טויזנט דאָלער. האָט זיך עדלשטיין געבייזערט: — געווען אין יוראָפּ, געמאַכט אַ פוראָר, און האָט ניט פאַרוואָס אַהיים צו קומען. ס׳האָט אים ניט געהאָלפן — ער האָט געמוזט אַרויסשיקן די קלינגערס״.

הפנים, אַז מיין פאָרגעפיל וועגן נייעם סעזאָן ביים פאַרלאָזן לאָנדאָן האָט מיך ניט אינגאַנצן אָפּגענאַרט. ווען דער טעאַטער האָט זיך געעפנט, אָנהויב סעפּטעמבער, האָט מען דריי וואָכן נאָכאַנאַנד געשפּילט בלויז רע־פּערטואַר. טאָמאַשעפסקי איז געקומען בלויז אַ פּאָר טעג איידער דאָס טע־אַטער האָט זיך געעפנט. ער האָט פון אייראָפּע באַשטימט מיט וועלכע פּיעסן פון זיין רעפּערטואַר דאָס טעאַטער זאָל זיך אָנהויבן. די ערשטע וואָך זיינען געשפּילט געוואָרן עטלעכע פּיעסן אין וועלכע איך בין געווען אַ געשפּילטע, ווי „גערעכטיקייט״, „ישיבה בחור״ און אַנדערע.

אָבער איך בין אין די פּיעסן ניט אַנאָנסירט געוואָרן... מען האָט מיך ניט באַשטעלט צו קומען. מיינע ראָלן האָט יענע וואָך געשפּילט מערי עפּ־

שטיין, טאָמאַשעפסקי׳ס שוועסטער. איז קיין שום צווייפל ניט, אַז מערי עפשטיין איז געווען אַ פּרעכטיקע שוישפּילערין. אָבער לויט איר פיגור האָט זי זיך זיכער ניט געפּאַסט פאַר די ראָלן פון דעם רעפּערטואַר. אין טאָ־מאַשעפסקי׳ס אָפּוועזנהייט, איז דאָס אַלץ געלעגן אין די הענט פון זיין שוואָגער, דעם מאַן פון מערי עפשטיין. בין איך געווען מער פאַרוואונדערט ווי געערגערט פון ניט שפּילן מיינע ראָלן.

אויף דער צווייטער וואָך איז מיין נאָמען פלוצלונג זייער פּראָמינענט אַנאָנסירט געוואָרן, גלייך מיט באָריס טאָמאַשעפסקי׳ן. כאָטש עס זיינען געשפּילט געוואָרן די זעלבע פּיעסן ווי אין דער ערשטער וואָך. האָב איך זיך אַלץ געוואונדערט און ניט פאַרשטאַנען... ביז ראש השנה האָט מען געשפּילט טאָמאַשעפסקי׳ס פאַרשידנאַרטיקן רעפּערטואַר, דראַמאַטישע פּיעסן, ווי אויך אָפּערעטעס, גאָלדפאַדנ׳ס „בן עמי", טאָמאַשעפסקי׳ס „די אידישע נשמה", אין וועלכע די בייע פּרימאַדאָנע, פריילין זוסמער האָט זיך געוויזן פאַרן אַמעריקאַנער עולם. — אויף ספּעציעל אַנאָנסירט איז „מיסס סילי אַדלער, אַלס אַלמע, מיט דער מיטווירקונג פון ה׳ קעסטין, מאַד. אַבראַמאָוויטש, מיס עני טאָמאַשעפסקי, מאַד. וויינטרויב, הער גרינבערג, הער וויינטרויב, הער שאָר און הער בן־עמי".

אויף ראש השנה איז אויפגעפירט געוואָרן ספּעציעל מיט אסתר נע־רעסלאָווסקאַיאַ „דאָס פּאַריזער אַרבעטער־מיידל". איך האָב אין דער אָפּע־רעטע ניט געשפּילט.

מיטאַמאָל איז מר. עפשטיין געקומען צו מיר הינטער דער בינע און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיין מאָרגן צו אַ לעזע־פּראָבע פון אַ נייער פּיעסע אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, וואו קעסלער וויל מיך האָבן. איך האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

"וואָס הייסט, איך זאָל שפּילן אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער?"

— „דו שפּילסט דאָך סיווי ניט אין דער נייער אָפּערעטע דאָ".

— „אָבער שפּילן דאָרטן פרייטיק, שבת, זונטיק און לויפן צוריק אַהער, שלעפּן שמינק, פּעקלעך פאַרשידענע — פאַר די מיטן־וואָך פאָרשטעלונגען, דאָס איז זייער אַ שווערע אַרבעט, מר. עפשטיין".

— „איך מיין גאָרניט, אַז דו זאָלסט קומען אַהער שפּילן אין מיטן דער וואָך. איך האָב שוין צוגעגרייט ווער ס׳זאָל שפּילן דיינע ראָלן און דו דאַרפסט אפילו ניט קומען נאָך דיין געהאַלט — איך וועל עס דיר צושיקן יעדן זונ־טיק אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער".

די געשיכטע האָט זיך מיר אַלץ ניט פּאָטופּעט אין קאָפּ. איך האָב, אָבער, געמוזט גלויבן, אַז עפשטיין טוט דאָס מיט טאָמאַשעפסקי׳ס וויסן —

ווי קען דען אַנדערש זיין? האָב איך געטראַכט: אפשר איז דאָס אַ נאָכווייעניש פונם טעאַטער־טראַסט — אַזוי ווי קעסלער דאַרף אַ „לידינג לעידי״ פאַר זיין פיעסע, לייט מיך טאָמאַשעפסקי אויס צו אים.

ביי דער לעזע־פּראָבע האָט ליבין געלייענט זיין נייע פיעסע „טאָג און נאַכט״. איך האָב געקראָגן די הויפּט פרויען־ראָלע. האָב איך דאָס אויך צוגעשריבן צו דער מאָדנער סיטואַציע, וואָס איך וועל פּלוצלונג שפּילן אין קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער. מן הסתם, האָב איך געטראַכט, געדענקט מיך ליבין פון מיינע דערפאָלגן אין זיין „בלינדע ליבע״, „פרעמדע קינדער״ און „גערעכטיקייט״. האָט ער מסתמא קעסלער׳ן צוגערעדט ער זאָל מיך קריגן פאַר דער נייער ראָלע.

בין איך אַוודאי געווען צופרידן צו שפּילן אַ הויפּט־ראָלע מיט דוד קעסלער׳ן. איך בין געווען נאָך מער צופרידן וואָס איך בין געווען אינגאַנצן פריי אינמיטן דער וואָך, כאָטש דאָס האָט אין מיין נאַרישן קעפּל אויפגעוועקט אַ חשד, אַז עפּעס איז דאָ ניט אינגאַנצן כשר. וואָס הייסט, נעשאָנעל טעאַטער לאָזט מיך אַרומגיין ליידיק אַ גאַנצע וואָך?

חוץ דעם האָט מיר נאָך עפּעס געמאַטערט. אַ סך פון מיינע ראָלן אין טאָמאַשעפסקי׳ס רעפּערטואַר, באַשטייען פון גאָר יונגע מיידלעך און אפילו מיידעלעך — אָט די אַלע ראָלן שפּילט מערי עפּשטיין, די אימפּאָזאַנטע גראַנד־דאַמע פון אידישן טעאַטער — ווי קען דאָס טאָמאַשעפסקי דערלאָזן? אויך דער פאַקט, וואָס עפּשטיין האָט מיר ניט געהייסן קומען אין טעאַטער נאָך מיין געהאַלט — ער האָט עס מיר צוגעשיקט אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער... דאָס אַלץ האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ און דערוועקט אַ ניט־פאַרשטענדלעכן פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט.

וועלן מיר אַלע קליגער ווערן שפּעטער. דערווייל האָב איך הנאה געהאַט און אָנגעקוואָלן פון מיין שפּילן מיט קעסלער׳ן.

איז, אגב, כדאי אייך דאָ איבערגעבן אַן עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט אויף אַ וואונדערלעכן אופן קעסלער׳ס באַציאונג צו טעאַטער און שוישפּילער. פּאַסירט האָט עס טאַקע ביי די פּראָבען פון ליבין׳ס „טאָג און נאַכט״. דער שוישפּילער סעמועל שנייער, וועלכער איז ליידער פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן אין סאַמע מיטן פון זיין שטייגנדיקער קאַריערע, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין יענער פיעסע.

שנייער איז געווען אַ זייער טאַלאַנטירטער אַקטיאָר, מיט אַן ערנסטער באַציאונג צום טעאַטער. ער האָט אין די קורצע עטלעכע יאָר וואָס ער האָט געשפּילט אין ניו יאָרק, זיך געמאַכט אַ היפּשן נאָמען ביי דער פּרעסע און אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע בכלל. ער האָט אַ סך יאָרן געשפּילט מיט

קעסלער׳ן, וועלכער האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן. ביי יענע פּראָבען האָט קעסלער זייער אָפּט אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיטן אופן ווי שניַיער האָט זיין ראָלע פּראָבירט. כמעט ביי יעדער פּראָבע האָט ער אים ביי געוויסע סצענעס אָפּגעשטעלט און געהאַט טענות. שנייער האָט אים יעדעס מאָל זייער געדולדיק אויסגעהערט און זיך געגעבן די גרעסטע מי אַרויסצוברייִנגען דאָס וואָס ער האָט געמיינט, אַז קעסלער וויל... ווייל ווי איר ווייסט שוין, איז קעסלער׳ן זייער שווער געווען דירעקט אויפקלערן אַ שוישפּילער וואָס ער וויל.

איך האָב באַמערקט ביי די פּראָבען, אַז שנייער האָט יעדן טאָג געגעבן אַן אַנדער ווערסיע פון די סצענעס מיט וועלכע קעסלער איז ניט געווען צופרידן. אָבער קעסלער איז אַלץ אַרויס מיט בייזע טענות. שנייער האָט זיך מער ניט געקענט באַהערשן, ער איז געוואָרן זייער אויפגערעגט און אויסגעשריען:

„וואָס האָט איר זיך פאַרלייגט אויף מיר? נאָר צו מיר האָט איר טענות. וואָס איך טו געפעלט אייך ניט. מיין גאַנצע מי אייך צופרידנצושטעלן האָט מיר גאָרניט געהאָלפן. וויפיל איז דער שיר מיך צו מוטשען? זיי אַלע געפעלן אייך? ער, למשל, שטעלט אייך צופרידן? איר האָט דאָך צו אים קיין איין מאָל קיין טענה ניט געהאַט — אים קיין וואָרט ניט געזאָגט״.

קעסלער האָט זייער מילד געקוקט אויף שנייער׳ן און אים צוריק גלייך געענטפערט:

„און אַז איך וועל אים זאָגן, אַז איך וועל צו אים האָבן טענות, וועט מיר עפּעס העלפן? פון אייך קען איך קריגן וואָס איך וויל — פאַרשטייט איר דאָס ניט?...״

ליבּין׳ס פּיעסע, „טאָג און נאַכט״, האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשן דערפאָלג. איך האָב געקראָגן מיין פּאַרציע לויב־געזאַנגען פון דער פּרעסע און ניט גאָר וויניק קאָמפּלימענטן פון קעסלער׳ן אַליין. איך געדענק אָבער קלאָר, אַז איך האָב זיך עפּעס געפילט ווי אויף אַ פּרעמדער חתונה. ניט דאָרט בין איך אַנגאַזשירט געווען — איך האָב עס ניט געהאַלטן פאַר מיין טעאַטער. עפּעס האָב איך אָפּט געהאַט דאָס געפיל, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין דעם באַקאַנטן לידעלע, „ניט קיין געבעטענע אַליין געקומען״. אמת, איך בין ניט אַליין געקומען... אָבער אפשר איז דאָס נאָך ערגער — אַן אויסגע־באָרגטע...

בין איך דערפאַר זייער צופרידן אייך צו ווייזן דעם שאַרזש, וואָס דער באַרימטער מאָלער און קאַרטוניסט, שאול ראַסקין, האָט געמאַכט פון

מיין ראָלע אין יענער פּיעסע. אָט די קאַריקאַטורע כאַראַקטעריזירט אפשר אַמבעסטן מיינע געפילן אַרום דעם גאַנצן ענין. טאַקע, וואָס און ווער בין איך, וואָס מ'קען מיך אַרומשיקן וואוהין איינעם ווילט זיך? די גאַנצע פּאַסירונג האָט מיר אויסגעזען ווי איין גרויסע קאַריקאַטור פון זיך איןביידע טעאַטערס.

באַלאַנגענדיק, אַזוי צו זאָגן, אין צוויי טעאַטערס, האָב איך זיך פּלוצלונג דערפילט, אַז איך באַלאַנג ניט אין קיין איינעם. אָט וועט זיך באַלדענדיקן דער גאַנג פון ליבינ'ס פּיעסע און מיין דינסט אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער וועט זיין געענדיקט. און פרעמד איז מיר אַלץ געוואָרן דער טעאַטער, אין וועלכן איך בין געווען אַנגאַזשירט, דער נעשאָנעל טעאַטער.

יענער טעאַטער האָט שטאַרק רעקלאַמירט אויף אַ זייער סענסאַציאָנעלן אופן די קומענדיקע אויפפירונג פון אָסיפ דימאָוו'ס „דער אייביקער וואַנדערער". ווען טאָמאַשעפסקי האָט אָנהויב סעזאָן מיט מיר גערעדט וועגן דימאָוו'ס פּיעסע, האָט ער מיך שטאַרק גערייצט מיט דער וואונדערלעכער ראָלע, וואָס איך וועל דאָרט האָבן — „סאָניטשקע", אַ 14־יאָריק מיידעלע, וואָס איז אַזוי ווי פאַר מיר באַשאַפן געוואָרן: „איך בין זיכער צילי, אַז דו וועסט אין דער ראָלע זיך שטאַרק אויסצייכענען"... און אָט, הער איך, אַז מען האָט שוין באַשטימט פּראָבעס און מיך האָט מען פאַרגעסן.

שווער איבערצוגעבן דעם געפיל. איך האָב זיך עפּעס ווי געשעמט. איך פלעג ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן פאַרבייצוגיין דאָס טעאַטער, אַזוי ווי איך וואָלט געווען די שולדיקע, ניט דער טעאַטער. איך האָב זיך אָבער פאָרט ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז טאָמאַשעפסקי, וועלכער האָט פאַר מיין שפּילן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן זאָל גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן אין מיר. האָט עס ווי אַ וואָרעם נאָכאַנאַנד געטאָטשעט. איך האָב קיין רואיקע מינוט ניט געהאַט. ס'האָט זיך איינגעשניטן אין מיינע געדאַנקען. איך האָב זיך אויף אַ מינוט אפילו פון דעם ניט געקענט באַפרייען.

געדענק איך, ווי גאַנץ אָפּט איז מיר געקומען אויפן זין, אַז ווי אַ מיטגליד פון דער אַקטיאָרן יוניאָן, האָב איך דאָך מן הסתם געוויסע רעכט, אָדער די יוניאָן האָט מן הסתם צו מיר געוויסע פליכטן. זי דאַרף זיך, אַזוי צו זאָגן, אָננעמען מיין קריוודע. איך פלעג, אָבער, די געדאַנקען פאַריאָגן אַזוי שנעל ווי איך האָב גענומען טראַכטן דערפון. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל פאַר קיין פאַל קיינמאָל ניט וועלן אַרויפגעצוואונגען צו ווערן אויף אַ טעאַטער וואָס וויל מיך ניט. אינסטינקטיוו האָב איך געפילט, אַז שפּילן און עפּעס אויפטאָן קען איך בלויז אין אַ טעאַטער וואָס וויל מיך זייער שטאַרק האָבן. כאָטש איך האָב שוין בעסער פאַרשטאַנען דעם אויפטו פון אַ יוניאָן, און וואָס זי מיינט פאַר דעם איינצלנעם שוישפּילער, האָב איך אָבער ביי זיך ניט געקענט פועל'ן, אַז איך זאָל ווען עס איז לאָזן מיין יוניאָן פאַר מיר אויסקעמפן אַן אָרט אין טעאַטער.

דער מאָמענט איז געקומען; ליבינ'ס „טאָג און נאַכט" האָט זיך געענדיקט. איך בין געוואָרן אַ פרייער מענטש. אָבער מיין פרייהייט האָט מיך גע־מאַטערט. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. קיינמאָל האָב איך אַזוי ניט געפילט מיין עלנדקייט, מיין זיין אַליין. אַוודאי האָב איך געהאַט חבר'טעס; כ'האָב געהאַט מיין פּייגע'ן. אָבער זיי זיינען ניט געווען אַזעלכע פאַר וועמען איך קען מיין האַרץ אויפדעקן, פאַר וועמען אויפוויקלען אַט דעם טעאַטער־פּלאָנטער, אין וועלכן איך, אַלס שוישפּילערין, בין אַזוי הילפּ־לאָז אַריינגעשלעפּט געוואָרן.

ס'האָט מיר ניט געפעלט קיין געטריישאַפט. מיינע חבר'טעס און אַוודאי מיין פּייגע, זיינען מיר געווען געטריי ביז גאָר. אָבער ריידן צו זיי וועגן מיין טיפער באַליידיקונג, וועגן דער דערנידערונג וואָס איך האָב געפילט אַלס שוישפּילערין — דאָס האָב איך ניט געקענט, און איך צווייפל אויב זיי וואָלטן מיך פאַרשטאַנען. ווינטש איך ניט מיין ערגסטן שונא אָט די קרעמעניש, וואָס האָט זיך איינגעפרעסן אין מיין איינגעווייד.

איך האָב געהערט, אַז די פּראָבען פון „אייביקן וואַנדערער" גייען אָן.

און ווי אויף צו להכעיס האָבן טאָמאַשעפּסקי׳ס רייד וועגן „סאָניטשקאַ״ שטענדיק געקלונגען אין מײַנע אויערן. און טאָמער איז דאָס ווײניק געווען, האָב איך צופעליק אָנגעטראָפן גייענדיק אויף דער צווייטער עוועניו די האַר־ציקע בינע אַבראַמאָוויטש. זי האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט:

„צילי, וואו ביזטו? דו ביזט דאָך ביי אונז אין טעאַטער. אין „וואַנדערער״ איז דאָ אַ ראָלע, וואָס איז געשריבן ווי פאַר דיר. אוי, ווי יענע, נעבעך, מוטשעט זיך מיט דער ראָלע. זי האָט ניט די כוחות דערפאַר. זיי מוטשען זי אומזיסט. זי וויל, נעבעך, אָבער זי קען עס ניט באַווײַזן...

אַ צעבראָכענע בין איך אַוועק פון יענער באַגעגעניש מיט מרס. אַב־ראַמאָוויטש. זי האָט גאָרניט געוואוסט ווי איר גוטע מיינונג וועגן מיר אַלס שוישפּילערין, האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ. די ראָלע פון סאָניטשקאַ האָט מיך גענומען פאַרפאָלגן. ניט וויסנדיק וואָס די ראָלע איז, וואָס עס טוט זיך אין איר, האָב איך דערפילט אַ שרעקלעכן פאַרדרוס די ראָלע צו פאַרלירן. די רייד פון דער אַבראַמאָוויטש, האָבן ערשט בולט׳ער אונטערגעשטראָכן טאָמאַשעפּסקי׳ס רייד וועגן יענער ראָלע, און נאָך מער צערייצט מיין אַפּעטיט די דאָזיקע סאָניטשקאַ צו שפּילן. און אַ ביטערער פאַרדרוס, כמעט אַ כעס, האָט מיך אַרומגענומען אויף עפּשטיינ׳ען, וואָס ער האָט אויף אַזאַ גלאַטן אופן מיך כמעט אַרויסגעשטופּט פון טעאַטער און מיך באַרויבט פון דער געלעגנהייט צו שפּילן אָט די ראָלע, וועלכע אַזוי פיל מיינען, אַז דאָס איז כמעט ווי אויף מיר אָנגעמאָסטן.

אמת, זיין ווייב, מערי עפּשטיין, האָט דורך מיין ניט זיין אין טעאַטער געקראָגן די מעגלעכקייט צו שפּילן וויכטיקע און הויפּט־ראָלן, האָבן זיי ווי ניט געמעגט פּאַסן צו איר פיגור. אָבער די פערצן־יאָריקע סאָניטשקאַ קען דאָך אפילו עפּשטיין אַליין ניט דערוואַרטן, אַז זיין ווייב זאָל שפּילן. מיינט ער טאַקע באמת מיך אינגאַנצן אַרויסצושטופּן פון טעאַטער?... און טאָמאַ־שעפּסקי איז מסכים?...

זיבנט איך האָב אויפגעהערט שפּילן אין קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו טע־אַטער, פלעג איך צושיקן מיינע אַ חבר׳טע יעדן זונטיק אין נעשאָנעל טעאַטער נאָך מיין געהאַלט. געדענק איך ווי אַנטוישט איך פלעג ווערן, ווען זי פלעגט מיר אָפּגעבן דעם קאָנווערט אָן אַ וואָרט פון טעאַטער. די צענערלעך אין מיין קאָנווערט זיינען מיר ניט איינגעגאַנגען, ווייל איך האָב דאָרט ניט געפונען קיין צעטעלע פון טעאַטער. איך בין אָבער ביי זיך געווען פעסט אַנטשלאָסן, אַז איך קום ניט אין טעאַטער, סיידן מען וועט מיך רופן. אָבער ווי זאָגט מען עס — ס׳זעט אויס, אַז גאָט אַליין האָט דאָס ניט געקענט דערלאָזן.

יענער מאָנטיק פאַרנאַכט וועט מיר קיינמאָל ניט אַרויס פון זכרון. דאָס

איז געווען צווישן דער אַכטער און נײַנטער גאַס אויף סעקאָנד עווענױ. איך בין געווען אויף מײַן וועג אַהיים, ערשט פון דער באַרימטער, בכבוד׳יקער קאַפע „מאָנאָפּאָל״ קומט אַרויס באָריס טאָמאַשעפסקי אַליין. מיר האָבן זיך כמעט ווי אָנגעשלאָגן:

— צילי, וואָס איז מיט דיר? צילי, וואו שפּילסטו?

—איר פרעגט עס מיך? איר האָט דאָך מיר אַנגאַזשירט, איר צאָלט דאָך מיר ווײדזשעס.

— פאַרוואָס־זשע ביזטו ניט אין טעאַטער?

— דאָס פרעגט איר אויך ביי מיר?

טאָמאַשעפסקי האָט אין מײַן טאָן דערפילט, אַז דאָס איז ניט קיין גע־שפּרעך פאַר דער גאַס. מײַנע אויגן האָבן גלײַכצײַטיק געברענט און זײַנען פול געווען מיט טרערן.

קום מיט מיר אַרײַן אין קאַפע, וועלן מיר קענען ריידן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט:

— וואָס טוט זיך דאָ? זאָג מיר,צילי, וואָס איז דאָ געשען? פאַרוואָס ביזטו פלוצלונג אַוועק אין קעסלער׳ס טעאַטער?

— איך בין ניט אַוועק. מיך האָט עפּשטײַן געשיקט. איך האָב פאַר־שטאַנען אַז איר ווייסט דערפון.

— עפּשטײַן האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט אַוועק פון דעם טעאַטער.

— איר מײנט צו זאָגן, אַז אָן אײַער וויסן האָט עפּשטײַן מיך אויס־געבאָרגט צו קעסלער׳ן?

— וואָס הייסט אויסגעבאָרגט? פאַרוואָס זאָל איך דאָס טאָן?

— עפּשטײַן האָט מיר געזאָגט, אַז קעסלער דאַרף מיך פאַר אַ ראָלע, און אַזוי ווי איך שפּיל סײַווי ניט אין דער סוף־וואָך אָפּערעטע, זאָל איך גײן אַהין שפּילן. מ׳וועט זיך באַגײן אָן מיר אין דעם מיטן־וואָך רעפּער־טואַר, און מײַנע ווײדזשעס וועט ער מיר שיקן אַהין אין טעאַטער. דאָס איז פאַר אײַך אַלץ נײַס?

ער איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. איך קען ניט זאָגן, אַז איך האָב באַמערקט אַ שולדיקייט אין אים. גיכער האָט זײַן בליק געוויזן איבעראַשונג, אויפרעגונג, פאַרדרוס. ער האָט ווי אויסגעשטאַמלט, מער צו זיך ווי צו מיר: „ווען ער זאָל ניט זײַן מײַן שוואָגער...״

נאָך אַ לאַנגן, שווערן שטיל־שווײַגן:

— קום מאָרגן, 11 אַזייגער, צו פראָבע. נײַן, ניט מאָרגן, קום מיטוואָך, 11 אַזייגער. מאָרגן קומט נאָך יענע. איך וויל ניט זי זאָל דיך זען. עס וועט איר שטאַרק ווײ־טאָן... איך מוז זי צוגרייטן דערצו...

ער האָט אַוועקגעאײַלט צום טעאַטער.

דאָס איז דער צווייטער פון די געהויבענע מאָמענטן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין מיין לאַנג־יאָריקער קאַריערע אין אידישן טעאַטער. איך האָב אייך דערציילט פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט שילדקרויט׳ן, דעם קאָנטראַסט פון מיינע געפילן, ווען ער האָט מיך אפילו ניט געוואָלט זען ביי זיך אין הויז, און דאַן, אויף דער פערי פון נוארק, ווען ער האָט זיך ביי מיר געבעטן איך זאָל מיט אים שפילן.

אָט אַזוי אומגעפער האָב איך געפילט, אַרויסגייענדיק פון קאַפע „מאָ־נאַפאָל״. מיין יעדער טריט איז געווען אַ טאַנץ. אָן פליגל האָב איך געפילט, אַז איך פלי. איך האָב ממש געשוועבט אין די הימלען... פון זיך אַליין האָבן זיך פון מיין האַלז פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן די ווערטער: „סאָ־ניטשקאַ, איכ׳ל שפילן סאָניטשקאַ!״

אַ צווייפאַכער געדאַנק האָט זיך פאַרקליבן אין מיין מוח. דער ערשטער: וואָס איז דאָס אַזוינס סאָניטשקאַ? וועל איך אַליין אויך זיין אַזוי באַגייסטערט פאַר דער ראָלע ווי אַנדערע דענקען? דער צווייטער געדאַנק: וועט ניט זיין קיין ענדערונג ביז מיטוואָך? איך פאַרשטיי דאָך שוין, אַז טעאַטער־פּאָליטיק קען מאַכן פון טאָג נאַכט אין איין הרף־עין...

די צוויי טעג זייבען פאַר מיר געווען זייער לאַנגע. מיטוואָך, עלף אַזייגער, ווען איך בין צוגעקומען צום טעאַטער, האָב איך אינסטינקטיוו אויסגעמיטן דעם ספּעציעלן אַריינגאַנג צו דער בינע און בין אַריין דורך דער לאַבי. ווען איך האָב געעפנט די טיר צום טעאַטער און אַ קוק געטאָן אויף דער בינע, האָב איך געזען די גאַנצע טרופּע און אין אַ זייט טאָמאַשעפסקי׳ן מיט דער יונגער אַקטריסעלע, וועלכע האָט פּראָבירט סאָניטשקע. איך האָב שנעל פאַרמאַכט די טיר און געבליבן שטיין אין דער לאַבי, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי אַ וויינענדיקע אַרויסגעקומען. ווען זי האָט מיך דערזען איז זי מיר געפאַלן אויפן האַלז מיט אַ היסטערישן געוויין.

איך האָב געפילט איר האַרץ; איך האָב מיט איר מיטגעוויינט. זי האָט אַרויסגעשלוכצט:

— צילי טייערע, איך האָב די ראָלע אַזוי ליב געהאַט, אָבער איך וויים מיר פעלט נאָך זייער אַ סך אַז איך זאָל קענען די ראָל ריכטיק באַשאַפן. איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיין וואונדערלעך. איך ווינטש דיר גרויס דערפאָלג.

מיר האָבן זיך האַרציק צוקושט. איך האָב איר געזאָגט:

— גלויב מיר, טייערינקע, איך האָב דיר ניט געוואָלט וויי־טאָן. איך בין ניט שולדיק. דו ווייסט עס, טייערע...

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון טעאַטער, און דער סטיידזש־מענעדזשער האָט אויסגערופן:

„צילי, מר. טאָמאַשעפסקי וואַרט אויף דיר...״

— זאָל ער וואַרטן! איך האָב אויך געוואַרט. מ׳מעג אויף מיר אויך וואַרטן.

איך האָב זיך וואַרעם געזעגנט מיט דער יונגער אַקטריסעלע, און מיט אַ געפיל פון גרויס נצחון בין איך לאַנגזאַם אַרויף אויף דער בינע.

טאָמאַשעפסקי האָט מיר צוגעטראָגן די ראָלע. מיר, חלילה, ניט פאַרגעהאַלטן פאַר לאָזן זיי וואַרטן. די פראָבע האָט זיך אָנגעהויבן...

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַלטן אין האַנט די ראָלע פון סאָניטשקע, וואָס האָט מיך אַזוי געצויגן און גערייצט, האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם נאַרישן פלאָנטער, די הינטער־קוליסן פּאָליטיק, וואָס האָבן אַזויפיל לאַנגע טעג און וואָכן מיך געמאַטערט און שיר געפירט צו פאַרצווייפלונג. מיין שוישפּילערישער אינסטינקט האָט פאַרטריבן פון מיינע געדאַנקען די אַלע גערעכטע טענות און קריוודעס וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין מיין האַרץ און אין מיין מוח אַרום יענער פּאַסירונג.

איך האָב דערפילט, אַז איך שטיי איבער־אַ־נייס פאַר אַ שווערן עקזאַמען. איך דאַרף אין דער ראָלע באַווייזן אַלץ, וואָס אַלע, אַריינגערעכנט טאָמאַשעפסקי און אפשר אָסיפ דימאָוו אַליין, האָבן פון מיר דערוואַרט. איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף איבערשטייגן זייערע דערוואַרטונגען, ווייל זיי וועלן איצט מיט מער קריטישע אויגן קוקן אויף מיר.

מיין דערפאַרונג אַלס שוישפילערין האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך בין דאָ ניט אין קיין צו־גינסטיקער לאַגע. אַלע שוישפילער האָבן שוין קנאַפּע דריי וואָכן זייערע ראָלן פראָבירט; איך ווייס אַפילו ניט דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע.

כדי איר זאָלט פאַרשטיין אין וואָס מיין אומגינסטיקע לאַגע איז באַשטאַנען, מוז איך אייך אַריינגעמען אין דער רוטין פון פראָבירן אַ פּיעסע. ביי די ערשטע עטלעכע פראָבעס, נאָך דער לייען־פּראָבע, ווען אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך באַקענט מיט דעם אינהאַלט, זיצן אַלע מיט די ראָלן אין די הענט, און מען לייענט די ראָלן פון די ביכלעך. אַזעלכע זיצנדיקע פראָבעס גיין אָן אַ דריי־פיר טעג נאָכאַנאַנד. דורך די עטלעכע טעג, פאַרשטייט זיך, דאַרפן די שוישפילער אין דער היים לערנען זייערע ראָלן. און עס הויבן זיך אָן פראָבעס מיט שטעלונגען — אַרייַנגיין און אַרויסגיין — דאָס, וואָס מ׳רופט אין טעאַטער „ביזנעס״ אָדער „מיזאַן־סצענעס״.

ביי די ערשטע זיצנדיקע פּראָבען איז די אַרבעט פון רעזשיסאָר אָפּ־צוהיטן באַטאָנונגען און אויסדרוקן פון יעדן שוישפּילער׳ס ראָלע. איצט איז דער רעזשיסאָר פאַרנומען מיטן גאַנג פון דער פּיעסע, מיט די פּאָזיציעס פון יעדן שוישפּילער׳ס באַוועגונגען, דאָס זיצן און שטיין, דאָס איבערגיין די בינע, און די אַלגעמיינע קאָנצעפּציע, וואָס דער רעזשיסאָר האָט זיך געמאַכט וועגן דעם, ווי אַזוי די פּיעסע דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן. דער שטרענגער רעזשיסאָר פאָדערט פון די שוישפּילער נאָך די עטלעכע זיצנדיקע פּראָבעס, וואָס ווייניקער האַלטן די ראָלן אין דער האַנט, כדי ער זאָל קענען קאָנטראָלירן די באַוועגונגען פון יעדן שוישפּילער.

ווען איך בין געקומען צו יענער פּראָבע, האָט שוין קיינער קיין ראָלע אין האַנט ניט געהאַלטן. כמעט יעדער איינער האָט שוין, מיט דער הילף פון סופליאָר, זיין ראָלע געקענט גענוג ניט צו דאַרפן דאָס ביכל. עס זיינען שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן יעדנס פּאָזיציע, יעדנס אָרט אויף דער בינע. די סצענעס זיינען שוין געווען פאָרמירט. די פּראָבען זיינען שוין כמעט געווען פאַרשטעלונגען; פאַרשטייט זיך, אָן קאָסטיומען און אָן גרים. איך האָב דאָס אַלץ פאַרלוירן. האָב איך גלייך ביים אָנהויב געבעטן טאָמאַשעפּ־סקי׳ן, אַז ער זאָל מיך לאָזן האַלטן מיין ראָלע אין דער האַנט, לייענען מיינע רעפּליקן פון ביכל, ביז איך וועל זיך עטוואָס באַקענען מיטן אינהאַלט פון דער פּיעסע. טאָמאַשעפסקי האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעשטימט.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן מיט וואָס פאַר אַ התמדה איך האָב יענע נאַכט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיין ראָלע. ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צו פּראָבע, בין איך שוין ניט געווען אַזוי צוגעבונדן צום ביכל. איך האָב אָבער מיינע ווערטער בלויז געזאָגט, ניט געשפּילט, כאָטש עס האָט מיך שוין דאַן געצויגן געוויסע סצענעס אויסצושפּילן.

עס האָבן מיך ספּעציעל אינטריגירט די סצענעס, ווען איך געזעגן זיך מיטן טיש און מיטן איוון. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט דאָס אויסשפּילן. איך האָב אָבער געפילט, אַז איך האָב זיי נאָך ניט גענוג פאַרדייעט. איך האָב ניט געוואָלט, אַז די קריטישע אויגן זאָלן זען מיין שפּילן איידער איך פיל, אַז איך בין פולשטענדיק גרייט זיי צו ווייזן.

איך האָב זייער שטאַרק אָפּגעשאַצט די איינזעעניש, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן אי טאָמאַשעפסקי אי דימאָוו, אין דער צייט פון מיין צוגרייטן מיין ראָלע. זיי האָבן מיך ניט געיאָגט; זיי האָבן פון מיר ניט געפאָדערט. נאָך די ערשטע פּאָר פּראָבען, ווען די ווערטער פון מיין ראָלע האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען מיטן אמת פון דער פּערצן־יאָריקער סאָניטשקע, האָב איך

דערפילט איןביידן אַ פולשטענדיקן צוטרוי צו מיר, עפּעס אַ געפיל, אַז זיי קענען זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

וויל איך דאָ אייך פאַרצייכנען אַן איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען גלייך ווי איך האָב בייגעוואוינט מיין ערשטע פּראָבע פון „וואַנדערער". ניט אין מיינע פריערדיקע סעזאָנען מיט טאָמאַשעפסקי׳ן און אַוודאי ניט אין די צוויי ווינקל־טעאַטערס אין שיקאַגאָ און אין פילאַדעלפיע, האָב איך געפילט אַזאַ אַטמאָספערע ווי ביי יענע פּראָבע. איך בין געוווען געוואוינט, אַז אַקטיאָרן ביי פּראָבען זאָל צווישן זיך פירן געשפּרעכן און זיך דערציילן מעשיות, וואָס האָבן כלל ניט קאָמפּלימענטירט, ניט די בינע פון אַ טעאַטער, ניט די שוישפּילער אַליין. ביי די איצטיקע פּראָבען האָב איך עס ניט געהערט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די אָנוועזנהייט פון די דריי אייראָפּעער — דימאָוו, בן־עמי און פריד — האָט עפּעס ניט באַמערקטערהייט ביי די פּראָבען אָנגעהויכט אַן אַטמאָספערע פון ערנסט, פון אינטעליגענץ און קינסטלערישער פאַרטיפונג. און איך וויל דאָ מיט פרייד אונטערשטרייכן, אַז אונזערע שוישפּילער אין יענער טרופּע — בינע אַבראַמאָוויטש, נאַטאַנזאָן, די וויינטרויבס, גרשון רובין און רעגינאַ צוקערבערג — האָבן עפּעס ווי מיט פאַרגעניגן אויפגעכאַפּט און אָנגעהאַלטן די דאָזיקע אַטמאָספערע.

איך בין שטאַרק אימפּאָנירט געוואָרן פון דער בנעימות׳דיקייט פון לאַזאַר פריד... פון זיינע שטילע, סאַמעטענע טענער, וואָס האָבן זיך, ווי מיר האָט זיך געדוכט, געצויגן ווי פון אַן אָרגעל...

בלויז זיבן פּראָבע־טעג האָב איך געהאַט אויף פּאַרטיק צו מאַכן מיין שווערע, קאָמפּליצירטע, ראָלע פון דער צאַרטער, פּאָעטיש־געשטימטער, טרויעריש־מערישער סאָניטשקע, אַזוי, אַז אפילו ביי דער לעצטער פּראָבע האָב איך זיך צוריקגעהאַלטן און ניט פולשטענדיק אויסגעשפּילט מיינע סצענעס.

עס איז בכלל, ביי דעם ערנסטן שוישפּילער, קיינמאָל ניטאָ די זיכערקייט, אַז ער איז מיט זיין ראָלע פולשטענדיק פּאַרטיק. איך האָב אַלע מיינע יאָרן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו שוישפּילער, וואָס האָבן רואיק, מיט איבערצייגונג גערעדט פון זייער פולקאָמענקייט אין דער אָדער יענער ראָלע. דער אויפריכטיקער, אמת־טאַלאַנטירטער שוישפּילער וועט דאָס קיינמאָל פון זיין מויל ניט אַרויסריידן. אפילו אין געדאַנק האָט ער ניט די זיכערקייט, אַז ער ברענגט אַרויס אין דער ראָלע אַלץ, וואָס ס׳איז אין איר דאָ. ס׳איז, ווי מיר דוכט, כמעט ניט מעגלעך פאַר אַ שוישפּילער, אפילו ביי דער סאַמע לעצטער פּראָבע, צו דערגרייכן אַלץ וואָס ער וויל פון דער ראָלע אַרויסקריגן. ערשט ביי דער פּרעמיערע, מיט דער נערוועזיטעט, וואָס באַהערשט דעם

שווישפילער, אויפטרעטנדיק פאַרן עולם, גיט אים צו דער ציטער דאָס, וואָס ער דאַרף האָבן, כדי צו שאַפן און באַשאַפן דעם מענטשן וואָס ער שפילט.

בין איך שוין ניט איינמאָל איבעראַשט געוואָרן, ווען נאָך אַ פרעמיערע האָבן פריינט מיך געלויבט פאַר דעם, וואָס איך האָב געטאָן אין געוויסע סצענעס. איך האָב אַליין קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז איך האָב דאָס געטאָן. איך האָב דאָס זעלבע באַמערקט אויך ביי אַנדערע. אַזוי געדענק איך, למשל, די פאָלגענדיקע סצענע נאָך דער פרעמיערע פון פרץ הירשביין׳ס „די פוסטע קרעטשמע״ אין דעם נייעם אידישן טעאַטער, מיט זעקס יאָר שפּעטער.

אין דריטן אַקט האָט דער פערד־גנב איציק מיך, מייטע׳ן, אַרויסגע־גנב׳עט פון אונטער דער חופה, און איז מיט מיר אַוועק אין וואַלד. עס קומט פאַר צווישן אונז אַ שטאַרקע, ליידנשאַפטלעכע און רייצנדיקע סצענע, ווי איך רייס־אויף מיין חופה־קלייד און וואַרף זיך אים אין די אָרעמס, און איציק האָט זיך איינגעגראָבן מיט זיין פנים אין מיין אָפענער ברוסט. בין איך געשטאַנען דערביי, ווען עמעצער האָט בן־עמי׳ן אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג פאַר דער נאַטירלעכקייט פון איציק׳ס פולבלוטיקייט אין יענער סצענע. בן־עמי האָט אויסגעשטעלט די אויגן: „אַט דאָס האָב איך טאַקע געטאָן?״

אַזעלכע האַנדלונגען ווערן באַגאַנגען פון שווישפילער, געפירט פון זייער קינסטלערישער אינטואיציע, פון אַריינלעבן זיך אין דער ראָלע וואָס זיי באַשאַפן. איך האָב דאָס זייער אָפט באַמערקט ביי דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט און ביי אַנדערע שווישפילער פון דעם סטאַזש.

עס איז כמעט ניט מעגלעך פאַר אַ שווישפילער נאַכט־איין, נאַכט־אויס, וואָכן און חדשים נאָכאַנאַנד, איבערצולעבן די אַלע טראַגישע און דראַמאַ־טישע מאָמענטן, וואָס ער דאַרף אַרויסברענגען אין זיין ראָלע. דאָס קען אַ שווישפילער דערוויזן ביי די ערשטע פינף, זעקס, אכט פאָרשטעלונגען. דאַן, אויב ער באַזיצט דעם קינסטלערישן „זכרון פון געפיל״, קריצן זיך אין אים איין די געפילן פון יענע איבערלעבונגען, און מיט זיין טאַלאַנט קאָפירט ער זיך אַליין, ווי אַזוי ער האָט די סצענעס איבערגעלעבט ביי יענע ערשטע פאָרשטעלונגען. די אָנוועזנהייט, דער וואַרעמער אָפרוף פון עולם, העלפן אים ביי יענע ערשטע פאָרשטעלונגען צו דערגרייכן די סאַמע הויך פון זיין ראָלע. ווערט אַ שווישפילער דאָ און דאָרט, אין לויף פון דער פיעסע, צוגעבן און פאַרפולקאָמען געוויסע שטריכן. געשאַפן ווערט, אָבער, די ראָלע דורך זיין אינטואיציע ביי יענע ערשטע פאָרשטעלונגען.

איז דאָ כדאי צו באַמערקן, ווי מערקווירדיק עס איז דאָס, וואָס דער עולם ביי די פריער־דערמאָנטע פאָרשטעלונגען פון דער „פוסטער קרעטש־

מע" האָט אַזוי שטאַרק דערפילט די עכטקייט פון דעם לײדנשאַפטלעכן בחור, אַז אין טעאַטער האָט זיך ניט געהערט קיין אָנדייטונג פון ציניִשער אָנצוּ־הערעניש, וואָס אַזעלכע סצענעס רופן אַרויס אין טעאַטער. מיין איך, אַז דאָס איז אַ גרויסער קרעדיט, סיי פאַרן שוישפּילער, סיי פאַרן עולם.

איך מוז נאָך דאָ, איידער איך גיי צו צו דער פּרעמיערע פון אָסיפּ דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער", פאַרצייכענען נאָך עפּעס: איך האָב שוין אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צוווייענדיקער פּערזענלעכקייט פון טאָמאַ־שעפסקי׳ן אַלס שוישפּילער. ביי די פּראָבעס פון „אייביקער וואַנדערער" האָט טאָמאַשעפסקי, סיי אין פּראָלאָג, וואו ער איז דער אייביקער וואַנדערער, סיי שפּעטער, אַלס מרדכי בערמאַן, אין דער פּיעסע דערגרייכט די העכסטע נאַ־טירלעכקייט, אַרויסגעבראַכט די מענטשלעכסטע טענער. מיר האָבן אים אַלע באַוואונדערט.

געדענק איך, אָבער, נאָכדעם, אַז ביי די פאָרשטעלונגען האָב איך מיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט, אַז דאָס הער איך אים ריידן. געדענקען אפשר אַ סך פון אייך דעם פּראָלאָג פון „וואַנדערער"? טאָמאַשעפסקי איז דער אַלטער; איך בין דאָס „יונגע לעבן". שטייען מיר ביידע ווי אויף אַ הויכן באַרג, און איך זאָג מיט אַ זייער צאַרט, דין שטימעלע: „זיידעניו, פון דיינע אויגן פאַלן הייסע טרערן. דו ווייסט, מוטיקער און ווייט־זעענדיקער אַלטער". און ער דאַרף מיר ענטפערן שטיל און האַרציק, ווי ער האָט דאָס געמאַכט ביי די פּראָבעס: „מענטשן האָבן דאָ געלעבט, אַ גרויסן בית־עלמין געהאַט, און אַ הייפעלע שטיינער איז פונם לעבן געבליבן... דאָס זיינען זייערע גרויסע טרערן פאַרשטיינערט געוואָרן..." איז שטעלט זיך פאָר, אַז אויף מיינע שטילע, צאַרטע רייד: „זיידעניו, פון דיינע אויגן פאַלן הייסע טרערן", האָט טאָמאַשעפסקי, אַנשטאָט זיין נאַטירלעכן ענטפער, וואָס איז ממש אַריין אין די הערצער, זיך פלוצלונג אויף די העכסטע טענער איז זיין באַרימטן „טראַ־טאַ־טאַ־טאַ", אויף דייטש, זיך צעלאָזט אין פאָלגענדיקן ענטפער: „יאָ, פאָן מיינע אויגען פליסען טרערנע..."

איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן. ניט ער אַליין, ניט קיינער פון זיינע נאָענטסטע פריינט, האָבן קיינמאָל ניט געקענט פאַרענטפערן פאַרוואָס טאָ־מאַשעפסקי באַגייט אָט די פאַרשוועכונגען קעגן זיין אייגענעם, נאַטירלעכן, גרויסן טאַלאַנט.

אַן אַנדער פאָרשטעלונג געדענק איך, אַרום דער דריטער וואָך וואָס די פּיעסע איז געגאַנגען. איך שטיי הינטער די קוליסן און וואַרט אויף מיין אויפטריט. דימאָוו שטייט לעבן מיר אַ צופרידענער. מיר שמועסן פון דעם דערפאָלג פון דער פּיעסע. עס איז דער דריטער אַקט. די משפחה בערמאַן מוז

אויפן באַפעל פון דער מאַכט אַוועק פון דער שטאָט, פון זייער איינגעפונדע־וועטער היים. שטייט שוין דאָס מעבל אויף דער סצענע צענומען, און ביי דער הינטערשטער וואַנט שטייען צענומען די אייזערנע בעטן.

פלוצלונג האָט זיך פון דער בינע דערהערט אַ טראַסק, אַזוי ווי די ווענט וואָלטן איינגעפאַלן. פאַרצווייפלטע זיינען מיר ביידע צוגעלאָפן אַריינ־קוקן דורך דער אָפענער טיר, כדי צו זען וואָס פאַר אַן אומגליק דאָרט האָט געטראָפן. דאָס האָט טאָמאַשעפסקי, אין איינעם פון די דאָזיקע אומ־פאַרשטענדלעכע אָנפאַלן זיינע, אַ שליידער געטאָן די אייזערנע צענומענע בעטן.

דימאָוו און איך האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. אונזערע ביידנס בליקן האָבן אויסגעדריקט די פראַגע: „אויף וואָס דאַרף ער דאָס?...״

די פיעסע און די אויפפירונג פון „אייביקן וואַנדערער״ האָבן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן רושם. אונזער פרעסע האָט זיך מיט באַגייס־טערונג אָפּגערופן. איז זיכער כדאי צו זען ווי אַזוי די צוויי הויפּט־צייטונגען אין ניו יאָרק האָבן זי אויפגענומען.

שרייבט אַב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס״, דינסטיק, דעם דרייסיקסטן דע־צעמבער, 1913: „אַ זייגער־מאַכער זיצט ביי זיין וואַרשטאַט מיט זיין שפּאַקטיוו אויפן אויג, מיט די געצייג אין די הענט און באַקוקט און צעגלידערט די פאַרשידענע זייגערס וואָס מען ברענגט אים. דאָס רוב זיינען דאָס אָבער, פּראָסטע „ציבעלעס״ — גרויסע, האַמעטנע, אומגעלומפּערטע חברה. איינ־מאָל אין אַ נאָווינע ברענגט מען אַריין אַ גוטן, איידעלן זייגערל מיט טייערע דעליקאַטע רעדלעך. דאַן, ווען מען דערלאַנגט דעם זייגער־מאַכער זיינע געוויינלעכע געצייג, גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט: „ניין, עס איז אַ גאַנץ אַנדער חפץ, צו אים פאָדערט זיך גאַנץ אַנדערע געצייג״, און ער רוקט אַרויס אַ שופלאָדל אין וועלכן ער האַלט קלענערע, איידעלערע, דע־ליקאַטערע צווענגעלעך, דאַלאָטקעלעך, העמערלעך.

„אין אַזאַ מין לאַגע פילט זיך דער שרייבער פון דיזן אַרטיקל נעמענ־דיק באַשפּרעכן אַסיפ דימאָוו׳ס פיעסע, „דער אייביקער וואַנדערער״, וועל־כע ווערט איצט געשפּילט אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטער. שוין לאַנג, לאַנג, ווי מיר האָבן אין אידישן טעאַטער ניט דורכגעלעבט דאָס וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט ביי דער פאָרשטעלונג פון דיזן שטיק... מיט אַלע אירע פעלערן — און פעלערן האָט זי זייער וויכטיקע — איז דיזע דראַמע איינע פון די צוויי, דריי סאַמע בעסטע זאַכן, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט אויף דער אידישער בינע״.

לואי מיללער, דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט״, גיט דעם פאָלגענדיקן

קעפּל צו זיין קריטיק אויף דער פּיעסע: „אַ בלאַנדזשענדיקער שטראַל אין אַ פינצטערער כמאַרע — אָסיפ דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער״ אויף דער אידישער בינע״.

„בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן, איידער מיט אַ נאַר צו געווינען; בעסער צו קענען זידלען אַ גוטע פּיעסע, איידער צו דאַרפן לויבן אַ שלעכטע.

אָבער אָסיפּ דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער״ איז ניט קיין נאַר און ניט קיין שלעכטע פּיעסע. ווי אַלץ וואָס איז גוט, האָט זי אויך אירע חסרונות; ווי אַלץ וואָס איז קלוג, האָט זי אירע נאַרישקייטן... די דראַמע פון דימאָוו, וואָס איז נעכטן אָוונט אויפגעפירט געוואָרן אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטער, איז אַ נייער בלאַט, אויב ניט אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער צרה׳דיקער, אידישער בינע אונזערער פון אַמעריקע. אַמאָל, גאָר אַמאָל, ווען די דראַמע איז געווען אין די ווינדעלעך, און קריטיק אין דאַיפּערס — אין יענע גוטע צייטן פון אַמאָל, וואָלט מען דימאָוו׳ס דראַמע אַרונטערגעריסן אַזוי, אַז עס וואָלט אויף איר ניט פאַרבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין... עס איז אַ גרויס בילד פון אידישן גלות אין רוסלאַנד. טיף איז עס ווי דער גלות. שוואַרץ און קאַלט איז עס ווי דער גלות. און דאָס בעסטע פון אַלץ, אמת, איז דאָס אויך ווי דער אידישער גלות. די פּראָבלעם פון דימאָוו׳ס אייביקער וואַנדערער — דאָס איז דער איד, וועלכער ווייסט ניט בייטאָגט וואו ער וועט טאָגן, און בייטאָג — וואו ער וועט נעכטיקן. דער איד ביי וועמען דאָס קינד פרעגט, ווען וועט זיין אַ סוף פון גלות, און דער טאַטע ענטפערט, אַז ער האָט געשטעלט זיין טאַטן די זעלבע פראַגע, און ער קען נאָר געבן דעם זעלבן תירוץ — אַ קרעכץ, אַ טרער, אַ קללה... דאָס איז דימאָוו׳ס דראַמע״.

איך גלויב, אַז די אויבן־געבראַכטע צוויי אויסצוגן גיבן אייך אַ גענוגענ־דיקן איינדרוק פון דעם רושם וואָס די פּיעסע און די אויפפירונג האָבן דאַן געמאַכט. וויל איך נאָך אויך ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן וועגן דעם וואָס מ׳האָט געזאָגט וועגן מיין שפּילן.

זאָגט אַב. קאַהאַן: „אַ מערקווירדיק־לעבעדיקן טיפּ האָט געשאַפן צילי אַדלער, אַלס די פערצן־יאָריקע מיידעלע „סאָניאַ״. אָפט האָט זי איבערגעזאַלצן. דאָס איז אָבער געווען די איבערזאַלצונג פון אַ קינסטלער, וואָס איבערטרייבט אַ לעבעדיקן שטריך, ניט פון איינעם וואָס שפּילט אָן איינבילדונגס־קראַפט. אין דיזער ראָלע באַשטעטיקט זי פולשטענדיק, אַז זי איז געבוירן געוואָרן מיט דער איינבילדונגס־קראַפט און מיט די אינסטינקטן פון אַ קינסטלערין״.

שרייבט לואי מיללער: „דער לאַרבער־קראַנץ פון אָוונט צווישן די שוישפּילער געהערט, נאַטירליך, צילי אַדלער׳ן און זי זאָל עס אויך קריגן. זי

האָט דאָס פאַרדינט מיט איר טאַלאַנט, מיט דער מי וואָס זי האָט זיך געגעבן אַריינצוגיין אין דער ראָלע, דורכדרינגען זיך מיט דער נשמה פון דער הייליק־נאַרישער, פאַנטאַסטיש־פּראַקטישער, קליינטשינקער סאָניטשקע. זי האָט דאָס פאַרדינט פאַר איר ליבע צו איר אַרבעט, פאַר איר אַכטונג צו איר אויפגאַבע. איר קומט די ערע פון אָוונט. נאָך צילי אַדלער קומט דער נייער אויפגייענדיקער שטערן פון דער בינע, יעקב בן־עמי, אין דער ראָלע פון משה׳לע. ווען מען זאָל גלויבן אַ פאַרשפּרעכן, ווען מען זאָל קענען אורטיילן נאָך אַן איינציקער ראָלע, איז אויך זיין צוקונפט אויף דער בינע אַ גרויסע. צילי אַדלער פון איין זייט, בן־עמי פון דער אַנדער זייט. אויך לאַזאַר פריד אין דער ראָלע פון סאול, זיינען די דריי יונגע שטערן פון אונזער בינע. און עס איז גוט וואָס אַ צופאַל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט, אין אַ שטיק, וואָס איז זעלבסט פון „אַ יונגן".

וואָלט איך פון מיין שפּילן אייך געקענט ברענגען נאָך און נאָך קאָמ־פּלימענטירנדיקע מיינונגען און לויב־געזאַנגען אין יענער ראָלע. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז גענוג. אפשר וועלן גאָר אַנדערע מיינען — צופיל. בין איך דאָ ניט אויסן זיך צו פאַרענטפערן...

אָבער איך וויל דאָ פעסטשטעלן, אַז איך האָב „מיט אַ כיוון" זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף די פּאַסירונגען וואָס האָבן געפירט צום „אייביקן וואַנדע־רער"; אויך אויף די פּראָבען און אויף דעם אָפּרוף פון דער קריטיק — צוליב צוויי זאַכן. ראשית, האַלט איך, אַז מיין שפּילן אין „וואַנדערער" איז געווען אַ וויכטיקער שטאַפּל אויפן לייטער פון מיין קאַריערע, די אַנערקענונג פון די סאַמע אָנגעזעענסטע מענטשן פון דער צייטונגס־וועלט האָט מיך דערהויבן צו אַ הויכער פּאָזיציע אין דער אידישער טעאַטער־וועלט. ניט האָבנדיק דעם סטאַזש פון „סטאַר", ניט זייענדיק קיין באַלעבאָס פון אַן אייגענעם טעאַטער, האָב איך מיט אייגענע כוחות זיך דערהויבן צו אָט־דער וויכטיקער פּאָזיציע.

צווייטנס, בין איך אויסן צו אונטערשטרייכן מיט דעם דערפאָלג מיינעם, נאָך בולט׳ער די אַנטוישונג, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט ביים שלוס פון יענעם סעזאָן.

וועלן מיר אויף דער אַנטוישונג נאָך אַביסל וואַרטן. איך דאַרף דאָ נאָך באַרירן טאָמאַשעפסקי׳ס אויפפירונג פון דימאָוו׳ס צווייטער פּיעסע יענעם סעזאָן, „דער געדונגענער חתן". אויך דאָרטן האָב איך געשפּילט אַ יונג קינד, אפשר בלויז צען, עלף יאָר אַלט; איז עס באַוואוסט אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע, אַז שוישפּילער היטן זיך פון שפּילן באַכאַנאַנד אין צוויי ענלעכע ראָלן.

ווייל איך דאָ, ווי אַ ביישפּיל, ברענגען אַ פאַקט פון אַ שפּעטערדיקער פּעריאָדע, די פּרץ הירשביין פּעריאָדע, נאָך זיין גרויסן דערפאָלג פון זיין ערשטער פּיעסע, „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער. לודוויג זאַץ האָט זיך ממש געמאַכט אומשטערבלעך אין זיין ראָלע פון דעם זיידן, טאָדרעס, אין יענער פּיעסע. די צווייטע פּיעסע גלייך נאָכדעם, איז ווידער געקומען פּרץ הירשביינ'ס „דעם שמידס טעכטער". אויך דאָרט איז דאָ אַ ראָלע פון אַ זיידן, און ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז שוואַרץ זאָל וועלן זאַצ'ן אויך אין דער זיידע־ראָלע. זאַץ האָט בשום־אופן די ראָלע ניט גע־וואָלט נעמען: „נאָכאַמאָל אַ זיידע פון זעלבן פאַרפאַסער, מוז זיין אַזוי ענלעך, אַז ביי מיין גאַנצער מי וועל איך זיך אַליין נאָכמאַכן".

ער האָט די ראָלע ניט געשפּילט. ער האָט זיך צופרידן־געשטעלט מיט אַן אומוויכטיקער נעבן־ראָלע פונם מוכר ספרים, בלויז אין לעצטן אַקט. דאַרף קיינער ניט צווייפלען אַז זאַץ איז געווען אַ געניאַלער טאַלאַנט. דער פאַקט איז, אַז די נעבן־ראָלע, וואָס וואָלט אפשר געבליבן אומבאַמערקט, האָט אַרויסגעשיינט פון דער פּיעסע ווען זאַץ האָט זי געשפּילט.

ס'איז אָבער אמת, אַז יעדער שוישפּילער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט ער געוויסע „מענעריזמען", אייגנאַרטיקע באַוועגונגען און באַ־נעמונגען, וואָס קענען זיין ווילן, מוזן זיי זיך ווידערהאָלן, בפרט ווען אים קומט אויס צו שפּילן ענלעכע ראָלן. זאַץ האָט דאָס דערפילט, און דערפאַר האָט ער אַזוי געהאַנדלט. איך האָב זיך דערפאַר אַביסל געשראָקן, ווען איך האָב געהערט, אַז אויך אין „געדונגענעם חתן" וועט מיר אויסקומען צו שפּילן אַ מיידעלע.

ווען מ'האָט אָבער געלייענט די פּיעסע און איך האָב די ראָלע געהערט, האָב איך געזען אַז מ'קען אויסמיידן יעדע ענלעכקייט. אַוודאי בין איך געווען אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס די פיר יאָר אונטערשייד אין עלטער ביי אַ קינד, קען גוואַלדיק ענדערן די גאַנצע באַנעמונג און אויסדרוק פון דער ראָלע.

קען איך זיך ניט באַקלאָגן, אַז דער פאַקט, וואָס איך האָב נאָכאַנאַנד אין פּיעסן פון זעלבן פאַרפאַסער געשפּילט צוויי ראָלן פון יונגע מיידעלעך, האָט מיר עפּעס געשטערט צו מיין דערפאָלג. וועל איך אייך ווידער ברענגען אויסצוגן פון קריטיק:

שרייבט ב. גאָרין: „צווישן די שוישפּילער מוז מען באַזונדערס דערמאָנען צילי אַדלער, וועלכע האָט געשפּילט די קאָמפּליצירטע ראָלע פון דעם קינד. צילי אַדלער איז אַ גרויסע קראַפט אויף דער אידישער בינע. דאָס איז אַ שטערן וואָס איז אונז אומגעריכט, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, און לויכט

מיט איר אייגענעם ליכט. פיל מאָל האָבן מיר ממש פאַרגעסן, אַז מיר האָבן דאָ צוטאָן מיט אַן אַקטריסע, אַזוי נאַטירלעך שפּילט זי".

שרייבט אַב. קאַהאַן: „פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס האָבן געשפּילט אין דער שטיק האָט זיך בעסער פון אַלע אויסגעצייכנט צילי אַדלער. זי האָט אין דער שטיק אַ ראָלע אָן ווערטער — זי האָט כמעט ניט וואָס צו ריידן און וואָס צו טאָן — נאָר די בינע איז פול מיט איר. איר פאַרשטעלונג פון אַ יונג, קליין מיידעלע, וואָס כאַפּט זיך אַריין פון זאַל אין קיך, איזווירקלעך אַן איבעראַשונג פאַר אַלע טעאַטער־באַזוכער, זי שפּילט די ראָלע נאַטירלעך, לעבעדיק און אמת קינדיש..."

איז, ווי איר זעט, האָב איך זיך ניט פאַרשעמט אויך אין דער ראָלע, און אַוודאי האָט דאָס טעאַטער, חלילה, צו מיר קיין טענות ניט געקענט האָבן.

איך קען ניט אָפּלאָזן דימאָוו'ס צוויי גרויסע דערפאָלגן פון יענעם סעזאָן, דער „אייביקער וואַנדערער" און דער „געדונגענער חתן", איידער איך דערצייל אייך פון אַ פּאַסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מיר און טאַמאַשעפסקי'ן. עס האָט זיך געצויגן פון „אייביקן וואַנדערער" ביז שפּעט אין „געדונגענעם חתן". די מעשה הויבט זיך אָן פאַר אַ פאָרשטעלונג פון „אייביקן וואַנדערער".

אַ שבת, אָדער אַ זונטיק איז דאָס געווען, נאָך דער מאַטינע־פאָרשטעלונג. ווי געוויינלעך, בין איך געגאַנגען אַהיים צו מיין פייגע'ן עסן. נאָכן מאָלצייט פלעג איך זיך אויסציען אויף מיין קושעטקע ביי מיר אין צימער און רוען אַרום אַ שעה. דעמאָלט האָב איך אויך געטאָן דאָס אייגענע — עפּעס גענומען צום לייענען און האָב ביסלעכווייז איינגעדרעמלט. פייגע האָט געדאַרפט ערגעץ אַוועקגיין. ס'איז מעגלעך, אַז זי האָט געמיינט, אַז אין דער צייט וואָס זי איז געווען פאַרנומען אין קיך, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין טעאַטער. איך דרימל עס דערפון, וואָס זי האָט פאַרשלאָסן די טיר אויף דעם ספּעציעלן פאַררוקער־שלאָס, וואָס זי פלעגט נוצן בלויז דאַן, ווען זי האָט איבערגעלאָזט דאָס הויז אַליין.

די אויסערגעוויינלעכע שטילקייט האָט מיין דרימל פאַרוואַנדלט אין אַ געשמאַקן שלאָף. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און דער זייגער וואָס איז געשטאַנען נעבן מיין קושעטקע, האָט מיר אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה, אַז עס איז שוין צוואַנציק מינוט נאָך אַכט. אַ פאַרצווייפלטע בין איך אויפגעשפּרונגען. דער פאָרהאַנג אין „וואַנדערער" דאַרף זיך אויפהויבן פּינקטלעך

אַכט־דרייסיק און טאָמאַשעפּסקי און איך זיינען די ערשטע אויף דער בינע אין דעם פּראָלאָג. דאַרף איך הייסט עס, פון דער אַכצנטער גאַס קומען צום נעשאָנאַל טעאַטער, זיך גרימירן, זיך אָנטאָן, און אויף דעם אַלץ האָב איך קנאַפּע צען מינוט.

איך לויף אין אימפּעט צו דער טיר. אָבער איך קען בשום אופן ניט עפענען דעם מאָדנעם שלאָס, וואָס באַשטייט פון אַזאַ פּרענטע אייזן, וואָס פאַרנעמט די גאַנצע ברייט פון דער טיר. אין מיין אויפרעגונג האָב איך בשום אופן דעם שלאָס ניט געקענט רירן. די מינוטן דערווייל לויפן. מיר האָבן געוואוינט אויפן דריטן גאָרן. די פענסטער אונזערע גייען אַרויס צום הינ־טערשטן הויף. קיין סך צייט צום טראַכטן האָב איך ניט געהאַט. איך האָב בלויז געפילט, אַז איך מוז אַרויס פון שטוב. בין איך דורכן פענסטער אַרויף אויפן „פייער־עסקייפּ" און דורך די שווינדלדיקע, שמאָלע טרעפּעלעך זיך אין איילעניש געלאָזט לויפן אַראָפּ.

האָט, חלילה, מיט מיר גאָרניט פּאַסירט ביים לויפן. אָבער, ביז איך בין אַרויס אויף דער גאַס און דערגרייכט צו סעקאָנד עוועניו, זיינען שוין אוודאי אַוועק אַרום פופצן מינוט. קיין טראַמוויי האָט זיך ניט געוויזן און, ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך קיין טעקסי אויך ניט באַוויזן.

אין מיין פאַרצווייפלונג, האָב איך זיך מיט צעשפּרייטע הענט אַוועקגע־שטעלט כמעט אין מיטן וועג און געהאַפּט, אַז אַן אויטאָמאָביל וועט מיך באַמערקן און זיך אָפּשטעלן. עס איז מיר געלונגען. איך האָב מיט אימפּעט און פאַרצווייפלונג זיך געבעטן ביי דעם טרייבער, ער זאָל מיך צופירן צום נעשאָנאַל טעאַטער: די פאָרשטעלונג דאַרט קען זיך ניט אָנהויבן אָן מיר. איך בין די ערשטע אויף דער בינע. איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט. איך בין צילי אַדלער...

מיין געבעט און מיין אויפרעגונג האָבן געווירקט. דער מאַן האָט מיך אַריינגעלאָזט אין „קאַר" און מיר האָבן זיך געלאָזט צום טעאַטער. אָפּפאָרנדיק עטלעכע גאַסן האָב איך באַמערקט ווי אונז אַנטקעגן איז פאַרבייגעפאָרן טאָ־מאַשעפּסקי'ס גרויסער לימוזין מיט זיין זון הערי אַלס טרייבער. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס פאָרט ער מיך זוכן.

ווען איך האָב אַ פאַרסאָפּעטע געעפנט די טיר וואָס פירט צו דער בינע, איז אין זיין גאַנצן טראַכט געשטאַנען טאָמאַשעפּסקי, אָנגעטאָן צום פּראָלאָג, מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, מיטן אויסגעדרייטן הויכן וואַנדערשטעקן. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט, נאָר מיט די הענט און די אויגן געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?...

איך האָב ניט געוואָרט אויף זיינע רייד און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געזאָגט:

— פרעגט מיך איצט גאָרניט...

און איך האָב זיך געלאָזט לויפן צום גאַרדעראָב. פון אַלע זייטן אויף דער בינע האָב איך געהערט די אויסרופן:

„זי איז דאָ! זי איז שוין דאָ! מ׳קען אָנהויבן״...

די „דרעסערקע״ איז מיר געקומען אַנטקעגן מיטן לאַנגן כאַלאַט, וואָס איך טראָג אין פּראָלאָג, מיר געהאָלפן צעלאָזן מיינע לאַנגע האָר, און שוין בין איך געווען גרייט מיט טאָמאַשעפסקי׳ן אַרויפצוגיין אויף דער בינע.

נאָכן פּראָלאָג האָב איך אויך גאָרניט געקענט זאָגן, ווייל איך האָב זיך געדאַרפט איבערטאָן און זיך גרימירן פאַר דער ראָלע פון סאָניטשקע.

ערשט נאָכן ערשטן אַקט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו דערציילן טאָמאַשעפסקי׳ן וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט. איך מוז מודה זיין, אַז מיין לויפן איבערן „פייער־עסקעיפ״ האָב איך אַ היפּש ביסל דראַמאַטיזירט.

טאָמאַשעפסקי האָט הפּנים פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז ניט שייך מיר אויסצורייד. ער האָט צו מיין טעאַטער־דיסציפּלין קיינמאָל קיין טענות ניט געקענט האָבן. איך בין אין אַלץ שטענדיק געווען פּינקטלעך. אָבער פון דעם אויסדרוק פון זיינע אויגן האָב איך פאָרט באַמערקט, אַז ער האָט עטוואָס געצווייפלט אין דעם אמת פון מיין געשיכטע.

איך האָב גיך דעם אינצידענט פאַרגעסן, און בין זיכער געווען, אַז אויך טאָמאַשעפסקי האָט עס פאַרגעסן.

אין דעם „געדונגענעם חתן״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, הויבט זיך אויף אָן די פּיעסע מיט אַ פּראָלאָג. איך, אַלס קליין מיידעלע, ליג און שלאָף און מיר שטעלט זיך פאָר אין חלום, אַז עס קומט צו מיר דער האַלב־משוגע׳נער יאָשקע־מוזיקאַנט, דער העלד פון דער פּיעסע. ווי פון דער ערד, הויבט זיך אַרויס יאָשקע (טאָמאַשעפסקי אין דער סצענע), מיטן פידל אין האַנט. אַ גרינער „ספּאָט״ פאַלט אויף אים, און זייער מיסטעריעז און געהיימניספול רופט ער מיך צו זיך מיט די פינגער, זאָגנדיק: „קום צו מיר, אַליטשקע, דו קליינע, קום מיט מיר״.

און איך, אַ שרעקנדיקע, פרעג אים: „וואו אַהין זאָל איך גיין מיט דיר?״...

און טאָמאַשעפסקי (יאָשקע) ענטפערט מיט אייגענער פראַזע: „קום מיט מיר אויפן פייער־עסקעיפּ״...

אין מיטן יענעם סעזאָן האָט די אידישע בינע פאַרלוירן איינעם פון אירע שיינענדיקסטע שטערן. דעם זעקסטן פעברואַר, 1914, איז אַוועקגעפירט

געוואָרן צו זיין אייביקער רו דער געניאַלער און באמת אומשטערבלעכער זיגמונד מאָגולעסקאָ. צענדליקער יאָרן האָט מאָגולעסקאָ מיט זיין חן און קאָמיזם דערפרייט אידישע הערצער, אַרויסגערופן געלעכטער און פאַר־שאַפט גרויס הנאה הונדערטער טויזנטער אידישע טעאַטער־גייערס. זיין נאָמען איז געווען זייער אָפט דערמאָנט אין אידישע היימען. מען האָט זיך געקוויקט מיט זיינע וויצן, מען האָט נאָכגעזונגען זיינע לידלעך.

מאָגולעסקאָ׳ס טאַלאַנט איז אַריבער די גרענעצן פון דער ענגער אידישער בינע. ער דאַרף זיכער פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די גרעסטע וועלט־קינסט־לער. איך צווייפל באמת צי האָט נאָך אַ טעאַטער אין דער וועלט זיך געקענט באַרימען מיט אַזאַ קוואַלנדיקן טאַלאַנט ווי עס איז געווען זיגמונד מאָגו־לעסקאָ. ניט אומזיסט האָט מען ביי זיין ריזיקער לוויה, חוץ זיפצן און טרערן, אויך געהערט פון פּראָסטן פאָלק: „ניטאָ מער מאָגולעסקאָ! עס וועט שוין אַ צווייטער קיינמאָל ניט זיין!"

אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט מאָגולעסקאָ זיך געבעטן ביי זיין פריינט, דער „אָנדערטעיקער" ז. שוואַרץ: „איך וויל, אַז אַלץ ביי מיין לוויה זאָל זיין שיין; דו ווייסט דאָך, אַז אין לעבן האָב איך שטענדיק ליב געהאַט שיינס".

שוואַרץ האָט מאָגולעסקאָ׳ס וואונטש דערפילט. פונם שטאַנדפּונקט פון אַן אָרגאַניזירטער און איינדרוקספולער פּראָצעסיע, איז דאָס געווען דאָס שענסטע און איינדרוקספולסטע וואָס אידן אויף דער „איסט סייד" האָבן געזען. די אמת׳ע אבלים האָבן זיך געפילט די וואָס האָבן מיט מאָגולעסקאָ׳ן גע־גרינדעט און געשאַפן דאָס אידישע טעאַטער. ביי די זייטן פון טויטן־וואָגן זיינען געגאַנגען: יעקב פּ. אַדלער, דוד קעסלער, באָריס טאָמאַשעפסקי, יוסף איידלשטיין און לייזער צוקערמאַן.

און, מערקווירדיק, צווישן אַלע הספדים האָט קיינער מיך ניט אַזוי גערירט, ווי בלויז דאָס אויסזען פון מאָגולעסקאָ׳ס יוגנט־חבר, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געזונגען ביים חזן ניסן בעלזער, דער אַלטער קאָמיקער לייזער צוקערמאַן. אין זיין צייט האָט צוקערמאַן געשפילט אַ גרויסע ראָלע, אָבער מיר דוכט, אַז ניט זייער אַ סך פון די איצטיקע אידן אין אַמעריקע געדענקען אים. ביי מאָגולעסקאָ׳ס לוויה איז ער געווען די טראַגישסטע פיגור. און שווער איז געווען אים אָפּצורייסן פון ארון... ער האָט זיך געבעטן: „לאָזט מיך, פריינט, זיין לעבן זעליק׳לען... ווי לאַנג נאָך וועל איך אים זען?... איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַז איך וועל גיין צו זיין לוויה..."

נאָך דעם גרויסן דערפּאָלג פון די צוויי פּערלדיקע דימאָוו׳ס פּיעסן,

אין וועלכע באָריס טאָמאַשעפסקי האָט געקראָגן אַזוי פיל לויב־געזאַנגען, סיי פאַר ברענגען דימאָוו'ן, סיי פאַר ביידע געלונגענע אויפפירונגען, איז טאָמאַשעפסקי ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיינע מאָדנע אַנפאַלן. ער האָט צום שלוס־סעזאָן אויפגעפירט אַן אומזיניקע מעלאָדראַמע, וואו די שונד האָט אַראָפּגעשריגן פון דער בינע, פון אַלע אַקטיאָרן און פון דער גאַנצער אויפפירונג. שוין דער נאָמען אַליין זאָגט אייך אַלץ וואָס מען קען דערוואַרטן פון אַזאַ מאַכערייקע: „הימל, ערד און שווינדל".

אין צענטער: באָריס טאָמאַשעפסקי, טשאַרלס נאַטאַנסאָן; אויבן, רעכטס — לאַזאַר פריד; אויבן, לינקס — צילי אַדלער; אונטן, רעכטס — סעם קעסטין; אונטן, לינקס — גרשון רובין.

ברענג איך אייך מיט אַ כיוון די פּרעכטיקע קאַריקאַטור פון שאול ראַסקין, וואָס איז דערשינען אין גרויסן קונדס". דאָס רעדט פאַר זיך אַליין.

איך קען שוין לענגער ניט צוריקהאַלטן די אַנטוישונג, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט. עס איז פּשוט שווער צו גלויבן, וואָס איך וועל אייך דערציילן.

איר האָט געליינט די אויסצוגן פון די אָנגעזעענסטע טעאַטער־קריטיקער, וועגן מיין שפּילן און מיין דערפאָלג אין די אויבנדערמאָנטע צוויי פּיעסן. האָב איך געהאַט אַלע רעכט צו דערוואַרטן, אַז לאַנג, איידער דער סעזאָן וועט זיך ענדיקן, וועט מיר דאָס טעאַטער אָנשטעלן מיט די בעסטע קאָנדיציעס און מיט אַ סך אַ גרעסערן געהאַלט. אָנשטאָט דעם האָט מען מיר אפילו ניט פאָרגעלייגט צו בלייבן אין טעאַטער פאַרן קומענדיקן סעזאָן...

פאַרוואָס עס איז געווען אַזוי — האָב איך ניט קיין ענטפער. איך מוז אָננעמען דעם ענטפער וואָס עס האָט מיר געגעבן די גוטע, האַרציקע און לאַנג־יאָריקע שוישפּילערין, בינע אַבראַמאָוויטש. דאָס איז געווען אַ זונטיק נאַכט, נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג פון סעזאָן. איך בין אַרויס פון טעאַטער, באַלאָדן מיט פּעקלעך און מיט אַ שווער האַרץ. איך האָב זיך געאיילט, געגאַנגען זייער האַסטיק, ווי איך וואָלט וועלן אַנטלויפן וואָס שנעלער און וואָס ווייטער פון דעם טעאַטער, וואו איך האָב געהאַט מיינע גרויסע דערפאָלגן.

איך האָב אָנגעיאָגט מאַדאַם אַבראַמאָוויטש, וועלכע איז אויך געגאַנגען פון אונזער טעאַטער מיט פּעקלעך און אויך אָן אַן אַנגאַזשמאַ. זי האָט געוואוסט, אַז אויך איך בין ניט אַנגאַזשירט פאַרן קומענדיקן סעזאָן. און אָט וואָס זי האָט מיר געזאָגט:

— אַ מצוה אויף דיר, צילי, דאָס וועט דיר געבן אַ גוטע לעקציע. אַ יונגע אַקטריסע טאָר ניט שפּילן אַזוי גוט, אַז מען זאָל זי ליבן מער ווי אַלעמען, מער ווי די סטאַרס. דערפאַר ביזטו ניט אַנגאַזשירט, צילי. איך האָף אָבער, אַז וואו דו וועסט שפּילן, וועסטו שטענדיק אַריינלייגן אין דיין שפּילן, אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט. עכטער טאַלאַנט מוז סוף כל סוף זיגן...

מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט, זיך געזעגנט... אוןביידע האָבן מיר אַוועקגעטראָגן אונזערע שווערע הערצער, יעדע מיט זיך.

איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סך אמת אין דער אויסטייטשונג, וואָס די אַבראַמאָוויטש האָט מיר געגעבן, אַלס די סיבה וואָס איך בין ניט אַנגאַזשירט געוואָרן. איך האָב בלויז געצווייפלט אויב איר וואונטש, אַז עכטער טאַלאַנט מוז זיגן, וועט ווען עס איז מקוים ווערן.

און, ווי צו שטאַרקן מיין צווייפל, זיינען אַוועק וואָכן און מאָנאַטן. טעאַטערס האָבן אָנגעשטעלט טרופּעס. עס זיינען געווען אַרום זיבן, אַכט טעאַטערס אין ניו יאָרק. מיך האָט קיינער ניט געדאַרפט. און אַזוי בין איך נאָך יענע גרויסע דערפאָלגן מיינע שוין דעם צווייטן סעזאָן אַרומגעגאַנגען ליידיק.

עס קען זיין, אַז ווען איך וואָלט געפאָלגט יענער בייז־צונגיקער אַקטריסע פון פריערדיקן סעזאָן, און כאָטש געעפנט איין טיר אין אַ רעדאַקציע, וואָלט אפשר מיין שיקזאַל יענעם סעזאָן געווען אַנדערש. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געזוכט קיין פּראָטעקציע אין גאַנג פון מיין קאַריערע.

אַלס שוישפּילערין האָט פאַר מיר דאָס יאָר 1915 כמעט ניט עקזיסטירט. מיין קאַריערע איז אַזוי ווי איבערגעריסן געוואָרן. וואָלט איך אפשר אַ סך געדאַרפט זאָגן און דערציילן פון דעם וואָס עס קען פּאַסירן אין אידישן טעאַטער, טו איך עס ניט צוליב צוויי זאַכן. עס האָט טאַקע גאָרניט צוגעגעבן צו מיין קאַריערע, אָבער מיר דוכט אַז ס'האָט אויך גאָרניט צוגענומען פון איר. פאַרדרוס און האַרצווייטיק איז ניט שייך צו באַשרייבן, בפרט מיט פיר און אַ האַלב צענדליק יאָר שפּעטער, ווען קיינער קען דערפון גאָרניט געווינען.

וואָלט כאָטש איצט געווען אַ אידיש טעאַטער מיט אַ באַדייטונג, אָדער וואָלט אַזאַ טעאַטער געהאַלטן אין קומען, וואָלט עס ווערט געווען זיך ברייט אָפּצושטעלן אויף דעם — אפשר וועלן אַנדערע, נייע, יונגע כוחות עפּעס דערפון געווינען. איז בעסער דאָס איגנאָנצן צו פאַרשוויגן. מוז איך זיך באַנוגענען בלויז מיט אַן אויסצוג פון איינעם פון די טעאַטער־זייטן פון ערב יענעם סעזאָן, 1914־1915, וואָס זאָגט אַזוי:

„הפנים אַז צויבער און טאַלאַנט שפּילן אַ קליינע ראָלע אין אידישער טעאַטער־פּאָליטיק. צילי אַדלער איז זיך טאַקע באַצויבערענד, זי איז טאַקע איינע פון די געציילטע, אמת־באַדייטנדע טאַלאַנטן אויף אונזער אָרעמער אידישער בינע — אין ראָלן פון יונגינקע ווייבעלעך, אין דערוואַקסענע מיי־דעלעך איז זי טאַקע איינע — און אין די לעצטע, קען זיין, האָט זי איבער־הויפּט צו זיך זעלטן וואו אַ גלייכן, און דאָך בלייבט זיך דערוויל צילי אַדלער אָן אַ קנעלונג. אַלע, צווישן זיי אַ היפּש ביסל דרענגער, זיינען שוין צע־כאַפּט, אָבער צילי אַדלער איז אויסן־געבליבן. וועט איר דאָך פרעגן, היתכן? איז דער תירוץ: פּאָליטיקע... דערווייל בלייבט צילי אַדלער אָן אַ שטעלע, און וואָס איז זיכער נאָך אַ סך ערגער, דאָס אידישע טעאַטער בלייבט אָן צילי אַדלער. נאָר לאָמיר האָפן אַז ס'וועט צו אַזאַ אומגעלומפּער־טער נאַרישקייט דאָך ניט דערגיין. דאָס אידישע פּובליקום וועט פּשוט ניט וועלן באַרויבט ווערן פון דעם שפּילן וואָס עס האָט געהאַט אין „סאָניטשקע", אין דעם „אייביקן וואַנדערער" און אין „אָליטשקע", פון „געדונגענעם חתן".

עס איז אפשר כדאי דאָ צו פאַרצייכענען עפּעס, וואָס דער פאַרפאַסער פון די צוויי דערמאָנטע פּיעסן, אָסיפּ דימאָוו, האָט מיר ערשט לעצטנס דערציילט טאַקע פון יענעם סעזאָן. ער איז געשטאַנען אין טעאַטער מיט אַ היפּשער גרופּע טעאַטראַלן, שרייבער און שוישפּילער, ביי אַ פאָרשטעלונג פון זיין „געדונגענעם חתן", און אַלע האָבן באַוואונדערט דאָס קינד „אָליטשקע", און מען האָט גענומען ספּעקולירן, ווער זיינען די טאַטע־מאַמע פון אָט דער קינדער־ראָליסטקעלע וואָס שפּילט די ראָלע. ווען דימאָוו האָט זיי געזאָגט,

אַז דאָס איז אַ טאָכטער פון דיינע פיינמאַן און יעקב אַדלער, האָבן זיי געעפנט מויל און אויערן: „שוין באַלד צוואַנציק יאָר אַז זיי האָבן זיך געג׳גט — איר מיינט צו זאָגן...״

דימאָוו האָט זיי אָפּגעשטעלט: „צעלאָזט אייך ניט מיט אייער פאַנטאַזיע, ווייל גאָט ווייסט צו וואָס איר וועט זיך נאָך דערטראַכטן. איך זאָג אייך, דאָס איז זייער טאָכטער, זייער איינציקע טאָכטער, די איינציקע אין איר מין. דאָס איז אונזער צילי אַדלער״.

זיי האָבן מיך ניט דערקענט. האָט מיך זייער געשמייכלט, ווען איך האָב דאָס געהערט פון דעם זייער ליבן אָסיפּ דימאָוו, דער באמת־האַרציקער מענטש, דער ביז גאָר איבערגעגעבענער טעאַטראַל, עכט־טאַלאַנטירטער דראַמאַטורג און רעזשיסאָר, און גוטער, גוטער פריינט פון שוישפּילער וואָס זיינען אים צום האַרצן.

עס זעט אָבער אויס, אַז דער טעאַטער־שרייבער פון דעם אויבנדערמאָנטן נאָטיץ האָט זיך אָפּגענאַרט אין זיין האָפנונג, אַז דאָס אידישע טעאַטער וועט אַזאַ נאַרישקייט ניט באַגיין. האָט אפשר דער אידישער עולם ניט געוואָלט באַרויבט ווערן פון אַזאַ שפּילן ווי סאָניטשקע און אָליטשקע. זיי האָבן עס אָבער קיינעם ניט דערציילט... די טעאַטער־מענעדזשערס האָבן דערפון ניט געוואוסט אָדער ניט געוואָלט וויסן... פעלט אין מיין קאַריערע אַ יאָר.

אָבער אין מיין לעבן איז יענער יאָר ניט געווען קיין פאַרשפּילטער. ווען איך אייך פון דער זעלבער טעאַטער־זייט און פון זעלבן שרייבער געבן אַן אויסצוג, וואָס וועט אייך זאָגן וואָס איך מיין. שרייבט ער דאָרט, ריידנדיק וועגן מיין מאַמע, דיינע פיינמאַן:

„ווען מען רעדט וועגן מרס. פיינמאַן, טאָר מען ניט אויסלאָזן איר באַצוי־בערנדער און פון אַלע זייטן באַליבטער, צילי, אַ טאָכטער פון יעקב פּ. אַדלער. איצט בעט זיך אַוודאי צו ריידן וועגן איר, ווייל וויסן זאָלט איר, אַז צילי גייט מאָרגן צו דער חופה. די חופה וועט זיין אין ניו־רעדינג האָטעל אין אַטלאַנטיק סיטי, און דער חתן איז, אַנו, טרעפט ווער? אַיאַ, עס וואָלט אייך ניט איינגעפאַלן ווען איר זאָלט אפילו זיין מיט צען קעפּ. ער איז קיין אַנדערער ווי דער יונגער ליטוואַקל, וועלכן טאָמאַשעפסקי האָט פאַראַיאָרן אַראָפּגעבראַכט פון רוסלאַנד, וועלכער האָט אַזוי פּרעכטיק געשפּילט „שאול״ אין „אייביקן וואַנדערער״, זינגט אַזוי האַרציק־שיין אונזערע פאָלקס לידער — איר שטויסט זיך שוין אָן, אַז דאָס איז דער ליבער און ליבעסווירדיקער לאַזאַר פריד. איבעריק צו זאָגן, אַז אַלע טעאַטער־גייער און אַלע וואָס

האָבן ווען געזען דער יונגער צילי׳ן אָדער געהערט דעם ליב׳ן פרײד׳ן, ווינטשן זיי ביידן אַ האַרציקן מזל טוב״.

פיל איך, אַז סיי די פיר יאָר פון מיין פאַרהייראַטן לעבן מיט פרייד׳ן און נאָכמער, דער טייערער און האַרציקער זון אונזערער, דר. סעלווין פרייד, פאַרדינען איך זאָל עטוואָס מער דערציילן פון אונזער ראָמאַנס און חתונה האָבן.

איר זייט שוין, דוכט מיר, אַביסל באַקאַנט מיט מיר, ווייסט איר אַז איך בין ניט פון די זעלבסטשטענדיקע מענטשן, וואָס קענען לייכט באַשליסן זאַכן, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ ערנסטן שריט ווי חתונה האָבן. מיין מאַמע אין אין יענער צייט געווען ווייט אין זיד־אַמעריקע, אַזש אין בוענאָס־איי־רעס, וואו זי האָט געשפּילט. מיין אינגערע שוועסטער, לילי, וועלכע איז שוין געווען פאַרהייראַט צו לודוויג זאַק, איז געווען אין אייראָפּע. טראַכט איך פון יענער צייט, און איך פּרואוו זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון ווי אַזוי איך האָב גע־וואָגט צו מאַכן אַזאַ וויכטיקן באַשלוס כמעט אויף מיין אייגענער אחריות. די איינציקע וואָס האָט מיר געהאָלפן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער שווערער פּראָבלעם מיינער, איז געווען מיין ליבע, געטרייע פייגע.

באַשטאַנען איז די פּראָבלעם, ניט נאָר אין מיין עלנדקייט, נאָר, זאָל מיר די טעאַטער־פּראָפעסיע מוחל זיין, די הינטער־קוליסן אויפפירונג פון גאָר אַ גרויסן טייל פון די מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו לעבן טאָג־איין, טאָג־אויס איז מיר ניט געווען צום האַרצן. פריקרע און האַמעטנע איז מיר געווען דאָס לעבן הינטער די קוליסן.

האָב איך שוין דערמאָנט פריער, אַז די דריי אייראָפּייער האָבן אַרויס־געוויזן אינגאַנצן אַן אַנדער באַציאונג, אַן אַנדער אויפפירונג. דער מילדסטער און בנעימות׳דיקסטער צווישן זיי איז געווען לאַזאַר פרייד. ער איז אויך געווען דער וואָס האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט מיר. זיין אייראָפּעאישע קוואַליערישקייט, דאָס גאַלאַנטע פאַרנויגן זיך, דאָס קושן די האַנט, האָבן מיך אימפּאָנירט און מיין יונג־מיידלשקייט גערייצט.

טראָץ דעם שלעכטן נאָמען וואָס ס׳האָבן מיר געמאַכט די גיפטיקע רייד פון יענער זאָגענאַנטער אַקטריסע, בין איך נאָך אַלץ געבליבן דאָס טרוי־מעריש־ראָמאַנטישע מיידל. האָב איך אין מיינע אָפטע שפּאַצירן מיט פרייד׳ן, ווען ער האָט מיך באַגלייט אַהיים פון טעאַטער צו דער אַכצנטער גאַס, זיך זייער אָפט געפילט דערהויבן. ער האָט אין אונזערע שמועסן אַ סך מאָל מיר איבערגעגעבן ווי געשמייכלט און גליקלעך ער פילט זיך וואָס איך, צילי אַדלער, בין אַזוי פריינטלעך צו אים, בין אים מקרב. זיינע רייד, בכלל, זיינען מיר געווען זייער צום האַרצן, סיי זיין אַנגענעמע שטימע, וואָס האָט מיר

ממש געגעלט די אויערן, סיי זיינע טרוימערישע האָפנונגען אויף אַ בעסערן אידישן טעאַטער, וואָס מוז קומען. איך האָב ביז דאַן ביי קיינעם ניט געטראָפן אַזאַ ערנסטע באַציאונג צום טעאַטער ווי לאַזאַר פריד האָט געהאַט.

איך וואונדער מיך אָפט, וואָס מיר איז גאָרניט איינגעפאַלן צו זוכן פּראַקטישקייט אין מיין חתונה האָבן. מיין דערפאַרונג אויף דער בינע האָט מיך שוין געלערנט ווי נויטיק עס איז פאַר אַ שוישפּילערין אויף דער אידישער בינע צו האָבן עמעצן, וואָס האָט אָנזען אין טעאַטער. פריד האָט זיכער ניט געהאַט דעם פּאָטענציעלן כוח ווען עס איז זיך צו דערהויבן צו אַזאַ שטופע אין אידישן טעאַטער.

אין מיין מוח האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן דער געדאַנק, אַז מיט אים קען איך האָבן אַ גליקלעך לעבן. עס וועט זיין שיינקייט אין אונזער צוזאַמענלעבן, בנעימות׳דיקייט, איידלקייט און האַרציקע איבערגעבנקייט. איך פלעג אים אָפט פאַרבעטן צו מיר אין הויז פאַר אַ מאָלצייט. געדענק איך, ווי מיין ליבער פּייגע׳ן איז געגאַנגען אין לעבן ער זאָל האָבן דעם איינדרוק, אַז איך בין חוץ אַ שוישפּילערין, אויך אַן אשת־חיל. ווען ער פלעגט זיך קוויקן מיט אירע מאכלים, פלעגט זי אַזוי פאַרבייגייענדיק, אים זאָגן, אַז דאָס האָב איך אַלץ געקאָכט און געבאַקן. ווען איך פלעג איר מיט מיינע אויגן פרעגן „סטייטש?״ האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „ס׳איז גוט אַזוי, איך ווייס וואָס איך טו...״

ער האָט ענדלעך געוואַגט, און אויף איינעם פון אונזערע שפּאַצירן האָט ער מיט אַ סאָרט פאַרשולדיקטן, הילפלאָזן שמייכל, פאַרצויגן אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן ליבע און חתונה, וועגן אַן אידילישער היים.וועל איך קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן די אויגן זיינע בשעת ער האָט דעם געשפּרעך געפירט און געצילט צו דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. דער צוגאַנג זיינער און דער האַרציקער אמת, וואָס האָט פון זיין יעדן וואָרט געשטראָמט, האָבן אַזוי פיל צוגעזאָגט, אַזוי פיל פאַרשפּראָכן. איך האָב באמת דערזען, אַז דאָס וואָס איך האָב אין מיינע יונג־מיידלשע חלומות זיך פאָרגעשטעלט — צו האָבן עמעצן, צו וועמען איך זאָל קענען אַרויפקוקן און באַוואונדערן — אַז ער שטעלט דאָס מיט זיך פאָר.

ס׳איז מיר געווען אַזוי גוט, איך האָב געפילט אַזאַ אָנגענעמע וואַרעמ־קייט צו האָבן אים לעבן זיך. איך בין ביי זיך געווען זיכער, אַז ער וועט ביי מיר אַרויסרופן אָט די טיפע ליבעס געפילן נאָך וועלכע איך האָב אַזוי געבענקט. זיין זיסע, איידעלע פערזענלעכקייט וועט עס ביי מיר אַרויסרופן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט הימלישן גליק, ווען איך האָב אים

מיין ענטפער געגעבן. דאָס ערשטע מאָל אפשר אין מיין לעבן, וואָס איך האָב ניט געצווייפלט אין מיין באַשלוס...

איך האָב געשריבן דער מאַמען וועגן מיין באַשלוס, חתונה צו האָבן מיטן יונגן אַקטיאָר לאַזאַר פריד און אַז מיר וואָלטן געוואָלט פּראַווען די חתונה דעם זומער. ווען די מאַמע האָט באַקומען מיין בריוו, האָט זי שנעל פאַרענדיקט אירע גאַסטראָלן אין בוענאָס איירעס און מיר טעלעגראַפירט ווען זי וועט אָנקומען קיין ניו יאָרק. איך האָב גלייכצייטיק אויך געשריבן מיין שוועסטער לילי׳ן וועגן מיינע פּלענער, האָפנדיק אַז אויך זיי זאָלן קענען קומען אין צייט, אַזוי, אַז איך וועל האָבן מיינע נאָענסטע און ליבסטע צו מיין חתונה. ווען די מאַמע איז געקומען, האָט זי אונז געהאָלפן באַשליסן, וואו און ווען די חתונה זאָל זיין.

האָט שוין דער גורל אַזוי געוואָלט, אַז לילי און לודוויג זאָלן ביי מיין חתונה ניט קענען זיין, פונקט ווי איך האָב ניט געקענט זיין ביי זייער חתונה. זיי האָבן חתונה געהאַט אין לאָנדאָן אין סאַמע מיטן סעזאָן, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם „וואַנדערער". ווען איך האָב זיי געשריבן וועגן מיין חתונה, זיינען זיי געווען אין לעמבערג, צו גאַסט ביי לודוויג׳ס עלטערן, וואו עס איז געבוירן געוואָרן זייער ערשט קינד, צירעלע. מ׳האָט שוין דאַן אָנגעהויבן ריידן פון מלחמה. ער, אַ געבוירענער עסטרייכער, האָט שוין געהאַט שוועריקייטן איבער די גרענעצן. זייער רייזע האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוויי וואָכן.

פון דער אַדלער משפחה, זיינען געקומען צו מיין חתונה מיין טאַטע, מיין שוועסטער דזשוליאַ און מיין ברודער אייב.

האָבן מיר, הייסט עס, מיט מזל חתונה געהאַט, כאָטש דער מזל אונזערער האָט אונז ניט אַזוי גוט געדינט.

מיינע פאַרדינסטן, וואָס זיינען שטענדיק געווען אַ סך העכערע פון לאַזאַר׳ס, האָבן אונז יענעם יאָר געפעלט. מיר האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ באַשיידענע דירה אויף בעדפאָרד עוועניו, אין וויליאַמסבורג. מיין און לאַזאַר׳ס אויסשטייער צו אונזער חתונה, דאָס אויסמעבעלירן אונזער דירה, און די פּיאַנאָ, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד אין אונזער ביידנס לעבן, האָבן כמעט אינגאַנצן אויסגעליידיקט מיין באַנק־ביכל, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעקליבן דורך מיינע דערפאָלגרייכע יאָרן, מ׳שטיינס געזאָגט. האָט אויף אונז געוואַרט ניט גאָר קיין לוקסוסדיקער ווינטער.

אונזער ניט גאָר גרויסע דירה׳לע איז אין די ערשטע פּאָר וואָכן היפּש־לעך אָנגעפילט געוואָרן אפילו מיטן געלעכטער און ניט זעלטן מיט דעם



לאַזאַר פריד

צילי אַדלער



מיט אונזער זעליק׳ל

איך מיט מיין זעליק׳ל

לאַזאַר מיט זעליק׳ן

מיינע פאַרשידענע כאַראַקטערן אין גאַנג פון מיין קאַריערע

— „גאָט, מענטש און טייוול״

„עי פלעג איז באָרן״

„די פאַרגעסענע מאַמע״

זמפּעניו״ — שלום עליכם

„מיטן שטראָם״ — שלום אַש

„אוצר״ — דוד פּינסקי

געווייין פון אַ קליין, זיס קינד. לילי און לודוויג און זייער צירעלע, קומענדיק קיין אַמעריקע, האָבן די ערשטע עטלעכע וואָכן געדאַרפט וואוינען מיט אונז. איז, חלילה, ניט געווען צו גרוים. ביידע יונגע פּאָרלעך, דאָס קינד און מיין פּייגע, וועלכע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט, האָבן אַביסל באַ־שווערט אונזער קליינע היים. כאָטש מיר האָבן געדאַרפט לעבן אויף גע־ציילטע גראָשנס, האָט אונז, חלילה, ניט געפעלט דאָס נויטיקסטע, בפרט, אַז אונזער לעבן איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד און געלעכטער. מיין גאַנצן טאַלאַנט האָב איך אָפּגעגעבן מיין שפּילן זיך מיט דער גדולה׳דיקער צירעלע.

ווייסט דאָס אפשר ניט קיינער, אַז ווען לודוויג זאַץ איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען כמעט פאַנאַטיש רעליגיעז. בין איך געווען דער ערשטער קרבן פון זיין פאַנאַטיזם. מיר האָבן אין אַ פרייטיק נאַכט באַשלאָסן צו גיין זען אַ אידישע פאָרשטעלונג אויף דער עוועניו אין ניו יאָרק. זאַץ האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאָרן אום שבת. דער וועטער איז געווען אַ גאַנץ מילדער. האָבן מיר באַשלאָסן אַלע צו נעמען אַ שפּאַציר איבער דער וויליאַמסבורגער בריק, אַזש קיין ניו יאָרק און צוריק. דאַרף איך אייך אויס־זאָגן, אַז ווי אַ יונג ווייבל, בין איך געווען אין די ערשטע חדשים פון מיין שוואַנגערשאַפט. האָט דער לאַנגער שפּאַציר מיר דערווייל באַרויבט פון מיין צוקונפטיקער מאַמעשאַפט.

ווען איך בין דאָס איבערגעקומען, האָט מיין מער דערפאַרענע שוועסטער און לודוויג זאַץ אַליין — פון לאַזאַר׳ן איז דאָך אָפּגערעדט — מיך שטאַרק פאַרגעהאַלטן פאַרוואָס איך האָב מיין שוואַנגערשאַפט געהאַלטן בסוד. זיי וואָלטן מיך קיינמאָל ניט געלאָזט מאַכן אַזאַ שפּאַציר.

נאָך מיין חתונה, איז מיין מאַמע צוגעשטאַנען צו אַדלער׳ן, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן אין זיין פּיפּלס טעאַטער מיין מאַן, זיין איידעם, לאַזאַר פריד. ס׳איז ניט געווען שווער פאַר מיין מאַמען צו „פאַרקויפן" אַדלער׳ן אַזאַ פיינעם שוישפּילער און זינגער, ווי לאַזאַר פריד. קיין גרויסן געהאַלט האָט פריד ניט געקראָגן. ווען מיין באַנק־ביכל האָט זיך געהאַט אויסגעליידיקט, האָט זיך פריד געווענדט צום פאַרוואַלטער, יוסף איידלשטיין, נאָך אַן אַוואַנס אויף זיין געהאַלט, כדי צו האָבן מיט וואָס איבערצולעבן דעם זומער. נאָכ־דעם, ווי מען האָט יעדער וואָך אַראָפּגענומען די סומע אויפן חשבון פון זיין אַוואַנס, האָט פריד געבראַכט אַהיים און מיר איבערגעגעבן די ריזיקע „פּעידע" פון פערצן דאָלער אַ וואָך. האָט מיר אפשר יענער שפּאַציר אויף דער וויליאַמסבורגער בריק גאָר אַ טובה געטאָן. אפילו אין יענע יאָרן איז מיט פערצן דאָלער אַ וואָך שווער געווען איבערצוקומען אַ קימפעט.

מיין מאַמע האָט זיך אויך שטאַרק באַמיט ביי אַנשל שאָר אין פילאַ־

דערלפּיע, וואו זי האָט געשפּילט, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן איר איידעם, לודוויג זאַץ. עס איז איר אָנגעקומען אַ סך שווערער, ווי צו „פּאַרקויפן" פריד'ן צו אַדלער'ן. זייער ווייניק מענטשן האָבן דאָ זאַצ'ן געקענט. בלויז דערפאַר, וואָס אַנשל האָט ניט געקענט אָפּזאָגן מיין מאַמען, האָט ער פאַר 25 דאָלער אַ וואָך אָנגעשטעלט זאַצ'ן צו שפּילן וואָס עס וועט זיך מאַכן, מיט נאָך אַ באַדינג: ווען דאָס טעאַטער וועט דאַרפן, זאָל לילי זאַץ אויך שפּילן. און דאָס אַלץ פאַר דעם זעלבן 25ער.

וועט מיר נאָך אויסקומען אַ סך צו דערציילן וואָס לודוויג זאַץ האָט געהאַט דורכצומאַכן אויפן וועג צו זיין אַנערקענונג ביים אידישן טעאַטער אין אַמעריקע. אָבער דערווייל לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער היים, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן אַזוי געררים. עס האָט מיר שטאַרק געפעלט די זיסע, קוויקנדיקע צירעלע און מיין שוועסטער מיטן שוואָגער. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז ס'איז אַוודאי אונז שווער געווען אויסצוקומען מיט די שפּאָרע „פּאָר טולער", וואָס פריד האָט געבראַכט. אַ ביסל האָבן צוגעהאָלפן די צופעליקע פאַרדינסטן, וואָס זיינען מיר אָריינגעפאַלן (געדענקט איר די באַרימטע מאַ־טינע־פאַרשטעלונג פון „בלינדע ליבע", פאַר וועלכער איך האָב געקראָגן גאַנצע 50 דאָלער). דאַן איז אונז צוהילף געקומען די „גערי סאָסייעטי". דאָס איז געווען אַ שטאָטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָפּגעהיטן, אַז מינדער־יאָריקע קינדער זאָלן ניט צופיל אויסגענוצט ווערן. מינדעריאָריק האָט גע־מיינט אונטער זעכצן יאָר. פלעגט דאָס שטאַרק שטערן דעם אידישן טעאַטער אין פּיעסן, אין וועלכע עס האָבן געדאַרפט שפּילן קינדער.

געדענקט איר דאָך אַוודאי, ווען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט מיר געשטערט אין מיינע קינדער־יאָרן אַלס קינדער־ראָליסטקע, ווי מען האָט מיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן אין אַ שאַפע, כדי זייער פאַרטרעטער זאָל מיך ניט געפינען.

אין יענעם פינאַנציעל־שווערן ווינטער אונזערן איז די „גערי סאָ־סייעטי" אונז געקומען צו הילף. דער גרעסטער דערפאָלג אין „אַדלער'ס פּיפּלס טעאַטער" אין יענעם סעזאָן איז געווען „די לעבעדיקע יתומים". איזידאָר זאָלאָטאַרעפסקי'ס אַ געוואַלדיקע מעלאָדראַמע וואָס האָט שטאַרק אָנגעריסן און איז געגאַנגען כמעט דעם גרעסטן טייל פון סעזאָן. אין דער טרופּע איז געווען דער יונגער שוישפּילער לואיס בירנבוים. ער האָט זיך אין דער פּיעסע געמאַכט אַ גוואַלדיקן נאָמען. אויך האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט דער אייגנאַרטיקער, וואונדערלעכער כאַראַקטער־שוישפּילער, פּיטער גראַף.

אין דער פּיעסע האָט מיין שוועסטער סטעלאַ געשפּילט איינע פון די קינדער־ראָלן. די גערי סאָסייעטי האָט בשום אופן ניט געלאָזט אַז זונטיק

בייטאָג און אין אָוונט זאָלן מינדעריאָריקע קינדער שפּילן אין טעאַטער. האָט מיין ברודער אייב זיי פֿאַרגעשלאָגן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פֿון דער געריי סאָסייעטי אויף זונטיק: „צילי, כאָטש אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי, איז אין וואוקס און אויסזען קינדערישער פֿון סטעלאַ׳ן אַלס קינד. זאָל זי זונטיק שפּילן די ראָלע״.

איידלשטיין האָט מיך גערופֿן, געגעבן די ראָלע צו שפּילן יעדן זונטיק צוויי פֿאָרשטעלונגען. ער האָט מיר באַצאָלט גאַנצע פֿופֿצן דאָלער. פֿון דעם בין איך זייער ניט געווען צופֿרידן. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן זיי לאָזן וויסן, אַז פֿאַר וויניקער ווי פֿינף־און־צוואַנציק דאָלער וועל איך ניט שפּילן. גראָד איז יענע וואָך מיין מאַמע געווען אין ניו יאָרק אַ פּאָר טעג. ווען איך האָב איר דערציילט וואָס איך וויל טאָן, האָט זי מיך שטאַרק אָפּגערעדט:

„די פּאָר דאָלער פֿון די עטלעכע וואָכן, וועט דיר ניט פּעט מאַכן די יויך — ס׳לוינט זיך ניט צו פֿאַרקריגן״.

איך האָב זייער אָפּט באַוואונדערט און בין גלייכצייטיק געווען דאַנקבאַר מיין מאַמען פֿאַרוואָס זי האָט קיינמאָל ניט גענוצט איר איינפֿלוס אויף טעאַטער־מענעדזשערס און סטאַרס, אַז זיי זאָלן מיך אַנגאַזשירן. זי האָט געהאַט אין זיך דעם שטאָלץ און דעם פֿעסטן באַוואוסטזיין, אַז איך, איר טאָכטער, האָב גענוג באַוויזן אויף דעם געביט פֿון טעאַטער, ניט צו דאַרפֿן קיין פּראָטעקציע. איר געזונטער שכל האָט איר דיקטירט, אַז זיך איינשטעלן פֿאַר אַן אַנער־קענטער שוישפּילערין מאַכט זי קלענער און באַליידיקט זי. בין איך איר ביז־גאָר דאַנקבאַר, און ניט וויניק שטאָלץ, וואָס מיין מאַמע האָט געהאַט אַזאַ געזונטן לאָגישן צוגאַנג צו דעם ענין. איך וואָלט זיך געפֿילט זייער געערגערט פֿון דאַרפֿן אָנקומען צו פּראָטעקציע אין מיין קאַריערע.

הפּנים, אַז אויך אין דעם ענין פֿון שטאָלץ בין איך געווען היפּשלעך געראָטן אין מיין מאַמען.

מיינע זונטיקס אין מיין טאַטנס פּיפּלס טעאַטער האָבן מיך ווידער שטאַרק דערנענטערט מיט מיין שוועסטער נוניע. זי איז שוין אויך געווען פֿאַרהייראַט, מיט יוסף שיינגאָלד, שוין געווען אַ מאַמע פֿון 2 קינדער, פּערעלע און ליאָליטשקע. זיינען מיר אָפּט פֿון טעאַטער אַלע פֿיר — שיינגאָלד, נוניע, לאַזאַר און איך — געגאַנגען עסן צוזאַמען, אַמאָל אין אַ רעסטאָראַנט, אַמאָל ביי איר אינדערהיים. זיי פֿלעגן אויך פֿון צייט צו צייט קומען צו אונז אַהיים.

דערמאָנט זיך מיר זייער אַ טשיקאַווער און קאָמישער אינצידענט, כאָטש איך האָב דערביי דורכגעלעבט אַ זייער פּיינלעכן מאָמענט.

געשען איז דאָס טאַקע יענעם סעזאָן ביי אַ קאָנצערט אין „פֿאָרווערטס״־האָל. דער אָוונט איז געווען פֿאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק, און איינער פֿון די

אַראַנזשירער האָט זיך איינגעשטעלט און מיך געבעטן צו קומען זיי העלפן צו מאַכן זייער קאָנצערט מער דערפאָלגרייך. איך זאָל, הייסט עס, אויפטרעטן ביי זיי. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט געטאָן.

„דערפאַר טאַקע ווילן מיר איך — איר וועט זיין אונזער „סטאַר־אַט־רעקשאָן"...

אַ פעאיקער בחור איז געווען דער וואָס האָט זיך צו מיר געווענדט. ער האָט אויף שנעל אָפּגעמאָלן, ווי אַזוי ער וועט פובליקירן:

„די גרויסע און באַרימטע צילי אַדלער, צום ערשטן מאָל אין איר קאַריערע, וועט אויפטרעטן ביי אונזער קאָנצערט".

איך האָב עפּעס ניט געהאַט דאָס האַרץ אים אָפּצוזאָגן, אָבער איך האָב אים דערקלערט, אַז איך ווייס ניט וואָס צו טאָן ביי אַזאַ געלעגנהייט. איך שפּיל טעאַטער, יאָ, אָבער איך האָב ניט קיין שום פּראָגראַם פאַר אַ קאָנצערט.

דאָס, זאָגט ער, איז אַ קלייניקייט: „איך וועל אייך ברייננגען אַ שטאַרק־דראַמאַטישע פּאָעמע פון אונזער גרויסן אַרבעטער־דיכטער מאָריס ראָזנפעלד, „די פאַרפירטע". דאָס איז פאַר אייך ווי אָנגעמאָסטן. איך זאָג אייך, מיס אַדלער, איר וועט זיין אַ סענסאַציע".

איך האָב ענדלעך צוגעשטימט. ער האָט מיר די זאַך געבראַכט און איך האָב דאָס אויף אויסנווייניק גוט איינגעשטודירט. איך האָב שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער „פאַרפירטער", נעבעך, און אַריינגעלייגט מיין גאַנצן כוח, איבערצוגעבן דעם פּיין און ווי פון דער פאַרפירטער... און אָט קומט דער גליקלעכער אָוונט. איך האָב געוואוסט, אַז מיך, אַלס סטאַר־אַטראַקציע, וועט מען האַלטן צום סאַמע סוף. ווען איך בין אַרום ניין אַזייגער אַריינגעקומען אין פאָרווערטס־האָל, איז שוין דער אָוונט אָנגעגאַנגען. מען האָט גערעדט. ווען איך האָב זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און בין צוגעקומען צום ווינקל ביי דער זייט פון בינע, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, געדינט ווי אַ וואַרט־צימער פאַר די אַרטיסטן, בין איך איבעראַשט געוואָרן צו טרעפן דאָרט מיין שוועסטער נוניע און אָסיפ דימאָוו. מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, אַרומגעכאַפּט. ניט זי, ניט איך, האָבן געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז מיר וועלןביידע דאָרט אויפטרעטן.

דאָס איז, באמת, געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם סאָרט עולם און מיט די אַראַנזשירער פון אַזעלכע אָוונטן. איך בין געזעסן אַ פאַרכאַפּטע פון דעם גאַנצן ענין, אפילו פון די רעדעס. מיטאַמאָל איז צוגעקומען איינער זאָגנדיק: „מיס פרעזנצים אַדלער, באַלד קומט איר".

און באַלד האָב איך געהערט דעם טשערמאַן אַנאָנסירן: „איך האָב דעם

גרויסן כבוד פאַר אייך פאָרצושטעלן די באַרימטע קינסטלערין און שוישפּי־לערין, פּרענציס אַדלער״.

און איך הער נוניע׳ס שטימע, ווי זי זאָגט: „איך וועל פאַר אייך פאָר־טראָגן איינע פון די פּערלען פון דעם גרויסן דיכטער מאָריס ראָזנפעלד, „די פאַרפירטע״.

ווי אַ געליימטע בין איך געבליבן זיצן. דער מוח האָט מיר אַזש געגומען ברענען. וואָס זאָל איך איצט טאָן? דאָס איז דאָך די איינציקע זאַך וואָס איך קען. איך האָב אָנגעהויבן קוקן און זוכן אַ זייטיקן אַרויסגאַנג — אפשר אַנטלויפן — אָבער דערווייל הער איך ווי נוניע הויבט אָן די שורות וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל מי געלערנט. מיט ביטערקייט אין אַ פאַר־שטיקטן האַלז האָט זי אָנגעהויבן: „געדענקסטו ווי דו האָסט מיר ליבע געשוואָרן״, און אַריבער אין געוויין: „געגרינט האָט דער עפּלבוים צווישן די קאָרן — דער פויגל האָט רואיק געבליקט פון די צווייגן, און אַלעס אַרום איז געלעגן אין שווייגן״, און עכט־דראַמאַטיש, מיט אַ מורא׳דיקן אויסגעשריי: „אָ, ווער האָט עס דאַמאַלסט געוואוסט דייך כוונה?״

דער עולם זיצט אַ געפּלעפּטער, דער זאַל איז ממש פאַרפלייצט פון שלוכצן און טרערן... און ווען זי איז צוגעקומען צו די שורות, האָט זי די בינע פאַרפלייצט מיט אירע טרערן: „געדענקסט יענע נאַכט? אָ, דו דאַרפסט איר געדענקען, איך שענק עס דיר, גאָט זאָל אין הימל דיר שענקען. איך האָב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטן״... און פּלוצלונג האָט זי אויסגעשטורעמט: „אָ, רייס מיך ניט אויס, ווייסט מיך שפּעטער צעטרעטן״, און ווידער אין טרערן: „אָ, לאָז מיך, איך וועל מיך צווישן די מאַשינען, אָן ערלעכן מאָן, אַ געליבטן געפינען — אַ שאָפּ־מיידל בין איך ,וואָס האָב איך צו קלייבן — בין אָרעם געבוירן וועל איך אָרעם פאַרבלייבן״.

דער עולם האָט זיך געוויקט אין טרערן און ווען זי האָט ענדלעך גע־ענדיקט, עכט־דראַמאַטיש, אינגאַנצן אַ דערשעפּטע — „ווי קום איך אָן אויס־וואורף אין עלנט געשלאָסן — פאַרלאַנגען מיין מייסטערס אַ זון פאַר אַ חתן?״, האָט דער עולם אויפגעשטורעמט. זיי האָבן געקלאַפּט מיט די הענט און מיט די פיס, איר געגעבן איר פאַרדינטע אָנערקענונג.

זי איז אַ גליקלעכע אַראָפּ פון דער בינע, מיר שנעל צוגעוואָרפן אַ זיי־געזונט און איז אַ פריידיקע אַוועק מיט אָסיפּ דימאָוו.

איך בין געזעסן אין געהאַקטע וואונדן, ניט געקענט באַשליסן וואָס איך זאָל דאָ טאָן. איך האָב געפילט אַז ווען די ברעטער אונטער מיר וואָלטן זיך געעפנט, וואָלט איך מיט צופרידנקייט איינגעזונקען.

זיך איך אַ דערשלאָגענע, אַ פאַרצווייפלטע, ווי אַלע מיינע שיפן זיינען מיר אונטערגעגאַנגען. אפשר וועלן אַנדערע פון אייך פאַרשטיין, אַז מיין לאַגע איז געווען פיל ערגער פון איינעם וועמענס שיפן זיינען אונטערגעגאַנגען. דאָס איינציקע וואָס איך האָב זיך צוגעגרייט פאַר דעם היינטיקן, מיין ערשטן קאָנצערט, האָט מיין שוועסטער נוניע, ניט־וויסנדיק, ביי מיר אויסגעכאַפּט. דער וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו דעם קאָנצערט האָט מן הסתם זיין וואָרט געהאַלטן, מיך פּובליקירט אַלס די הויפּט אַטראַקציע פונם אָוונט, און אָט שטייט מיין גאַנצע רעפּוטאַציע אין קאָן.

ווי אַ האַמער, האָט כסדר מיר געקלאַפּט אין קאָפּ: וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך בעטן דעם טשערמאַן ער זאָל מיך אָפּלאָזן, מיך ניט פאָרשטעלן? אים געבן עפּעס אַ פוילן תירוץ און אַזוי־אַרום אַרויס פון מיין שווערער לאַגע? צי זאָל איך אַרויס פאַרן עולם און זיי דערציילן דעם אמת? איןביידע פאַלן האָב איך געזען אַ רואינע פאַר דעם שטיקל נאָמען וואָס איך האָב אַזוי שווער און מיט אַזוי פיל מי זיך געשאַפן. ווי וועל איך מענטשן קוקן אין די אויגן — זיין אַזוי הילפלאָז, זיך אַזוי פאַרלירן? איך האָב געפילט, אַז נאָר אַ נס קען מיך דאָ ראַטעווען.

אָבער אַנשטאָט דעם נס, האָב איך פּלוצלונג דערהערט דעם טשערמאַנ׳ס ווערטער: „צילי אַדלער" און אַ וואַרימען אַפּלאָדז אין זאַל. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט מען מיך פאָרגעשטעלט. אָט דאָס, הייסט עס, איז עס. איך דאַרף גיין.

ווייס איך נישט ווי אַזוי איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין געגאַנגען צו דער בינע. איך געדענק נאָר, אַז אין מיין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען, אַז אַזוי מן הסתם גייט אַ פאַראורטיילטער צו דער תליה. איך בין אַרויף אויף דער בינע. די האַרציקע אויפנאַמע פון עולם האָט מיך ווי עלעקטריזירט און מיך ווי אַרויסגענומען פון מיין געפּלעפטקייט. מיין מוח האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען — און דער נס איז געשען.

עס קען זיין, אַז איך וואָלט געדאַרפט האָבן טיף אין זיך אַ רעליגיעזן געפיל צו קענען אויף אַ געוויסן אופן אָפּדאַנקען פאַר אַ סך נסים אַזעלכע, וואָס זיינען מיט מיר אין מיין לעבן געשען. לעבט אפשר אין מיר אַזאַ געפיל אָן מיין וויסן. האָט זיך עס אַזוי געמאַכט אַז ערשט לעצטנס, מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, האָב איך זיך אָנגעטראָפן פנים־אל־פנים מיט אַ שווערער סיטואַציע, פאַר וועלכער מיין זון האָט זיך היפּשלעך געשראָקן.

עס איז געווען נאָכן טויט פון מיין מאַן יעקב קאָן. פינף און צוואַנציק יאָר האָט געדויערט אונזער צוזאַמענלעבן. ער איז געשטאָרבן אין טאָג פון

אונזער פינף און צוואַנציק יאָריקן חתונה־יובל. פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געטראָגן די גאַנצע אחריות פאַר מיין זיין, פאַר מיין לעבן, פאַר מיין שפּילן, פאַר מיין עקזיסטירן. איך האָב בלויז געדאַרפט אויספירן דאָס וואָס ער האָט פאַר מיר צוגעגרייט. איך האָב ניט געדאַרפט זאָרגן, ניט געדאַרפט טראַכטן, ניט געדאַרפט זוכן וואָס צו טאָן. ער האָט דאָס אַלץ באַזאָרגט, אפילו שטוב־זאַכן, וואָס ליגן געוויינלעך אין די הענט פון דער פרוי — אויך דאָס האָט ער פאַר מיר באַזאָרגט. קענט איר פאַרשטיין, אַז נאָך פינף און צוואַנציק יאָר פון אַזאַ לעבן ,ווען איר בלייבט פּלוצלונג אַליין, איז ווי מ׳וואָלט ביי אייך אַרויסגעריסן דאָס בענקל אונטער אייך, אָדער די וואַנט אין וועלכער איר שפּאַרט זיך אָן פאַלט פּלוצלונג איין. איך בין געווען בוכ־שטעבלעך פאַרלוירן.

מיין זעליק׳ל האָט דאָס געוואוסט און ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט און מורא געהאַט פאַר מיין הילפלאָזער פאַרלוירנקייט. ער אָט זיך געזען מיט זיינעם אַ יוגנט־חבר אברהם בן־אבי, אַ גרויסער פּסיכיאַטאָר און דאָקטאָר־פילאָזאָף, דער זון פון דער באַוואוסטער און באַליבטער שוישפּילערין, חבר׳טע און קאָלעגין מיינע, חנה אַפּעל. ער האָט אים דערציילט פון זיין דילעמאַ, אים איבערגעגעבן, ווי ווייט מעגלעך, מיינע פינף און צוואַנציק יאָר לעבן מיט מיין מאַן, ווי מורא׳דיק הילפלאָז איך פיל זיך. און דר. בן־אבי האָט אים געזאָגט דאָס פאָלגענדיקע:

„זאָרג זיך ניט פאַר דיין מאַמען. חוץ איר גרויסן טאַלאַנט אַלס שוי־שפּילערין האָט זי אַן איינגעבוירענע פעאיקייט צו קענען מייסטערהאַפט אַרויסקומען פון שווערע סיטואַציעס, געפינען פּונקט דעם ריכטיקן וועג, ווי אַזוי זיך צו העלפן. זי קען אפשר אַנדערע קיין עצות ניט געבן, ווייל פּונקט ווי איר גרויסער טאַלאַנט, קומט אויך דאָס ביי איר אינטואיטיוו, אפשר ניט פאַראויס באַטראַכט. זאָרג זיך ניט פאַר דיין מאַמען. פּונקט ווי זי האָט דערגרייכט איר הויכע פּאָזיציע אין איר קאַריערע אין אידישן טעאַטער, מיט אייגענע כוחות, כמעט אָן עמעצנס הילף, אָדער גאָר פאַרקערט, קעגן אַלע שוועריקייטן און שטיינער וואָס מען האָט איר געלייגט אין וועג, אַזוי וועט זי אויך פון איר שווערער לעבנס־סיטואַציע געפינען איר אויסוועג. זאָרג זיך ניט פאַר דיין מאַמען״.

קומט עס מיר אויפן זינען איצט ווען איך רייד וועגן יענער שווערער סיטואַציע מיינער אויף דער ביגע אין „פאָרווערטס״־זאַל. איך האָב געזאָגט, אַז דער נס איז געשען. באַשטאַנען איז דער נס אין דעם, וואָס דער ספּאָנ־טאַנער וואַרעמער אָפּרוף און די אָוואַציע מיט וועלכער דער עולם האָט מיך

אויפגעגומען האָבן פלוצלונג ווי אויפגעלייזט דעם פּלאָנטער אין מיין מוח, און איך האָב מיט זיכערקייט און מיט אַ פעסטן טאָן געמאָלדן:

„מיר האָבן נאָר וואָס אַלע מיט באַגייסטערונג אויפגענומען דעם דראַ־מאַטישן אופן מיט וועלכן מיין שוועסטער, פרענציס אַדלער, האָט פאַר איך פאַרגעטראָגן מאָריס ראָזנפעלד׳ס גרויסע שילדערונג „די פאַרפירטע״. אָבער יעדע שאַפונג, ווי גרויס און קינסטלעריש זי זאָל ניט זיין קען מען אויך אויסלאַכן — עס איבערגעבן אין סאַטירע. איך דענק, אַז עס איז זייער אינטערעסאַנט און זיכער אַמוזאַנט צו הערן כמעט נאָכאַנאַנד אַזעלכע צוויי פאַרשידנאַרטיקע אויפפאַסונגען פון איינער און דער זעלבער זאַך. איז אָט האָט איר עס, מיין אופן פון „די פאַרפירטע״, פון מאָריס ראָזנפעלד״.

און זייער שטיפעריש, מיט ביטערע סאַטירע און לייכטן שפּאַס, האָב איך ספּאָנטאַן פאַרן עולם פאַרגעטראָגן דאָס וואָס כ׳האָב עכט־דראַמאַטיש איינגעשטודירט. אין אַ סאָרט רייצנדיקן טאָן, מיט אַן אַפלאַכנדיקן בליק אין מיינע אויגן, און שאָקלענדיק באַוואוסטזיניק מיטן קאָפּ, האָב איך אָנגעהויבן: „געדענקסטו ווי דו האָסט מיך ליבע געשוואָרן?״

דער זאַל האָט תיכף אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

מער האָב איך ניט געדאַרפט.איך האָב דערפילט, אַז זיי האָבן אויפגעכאַפּט די סאַטירע וואָס איך האָב אין דעם ערנסטן געדיכט אַריינגעלייגט: „אָ, ווער האָט עס דעמאָלסט געוואוסט דיין כוונה?״ — איז עס געזאָגט געוואָרן אַזוי, אַז דער עולם האָט האַרציק געלאַכט. און ווען ס׳איז געקומען צו די שורות, וועלכע כ׳האָב מיט באַדייטונג אין פאָראויס מיט באַוואוסטזיין געזאָגט, „דו געדענקסט יענע נאַכט? אָ, דו דאַרפסט עס געדענקען״... און די שורות נאָכדעם, וועלכע איך האָב מיט איבערטריבענע זשעסטן און געבעט געזאָגט: „איך האָב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטן, אָ, רייס מיך ניט אויס, ועסט מיך שפּעטער צעטרעטן״ — האָט דער עולם ממש געלאַכט מיט טרערן און קאָנוואולסיעס.

און ווען איך האָב געענדיקט מיט זייער אַן אַפלאַכערישן בליק אויף אים אין זיין זייט — ווי איך וואָלט אים פון זיך געשטויסן — זייער שפּי־לעריש געזאָגט: „ווי קום איך אַן אויסוואורף, אין עלנט געשלאָסן פאַרלאַנגען מיין מייסטערס אַ זון פאַר אַ חתן?״, האָט דער עולם היסטעריש געלאַכט און מיך באַלוינט מיט אַזעלכע הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדויערט לאַנגע מינוטן. איך האָב זיך געבויגט און ווידער געבויגט פאַרן עולם — איך בין געווען גערירט. איך האָב מיין נאָמען ניט פאַרשעמט. איך האָב אָבער גלייכצייטיק ביי זיך באַשלאָסן, אַז ביז איך וועל ניט האָבן אַ רעפּערטואַר

כאָטש פון אַ האַלבן טוץ נומערן, וועל איך זיך ניט לאָזן איינרעדן צו גיין צו קאָנצערטן.

דער זומער יענעם סעזאָן, ווען די מערסטע אין דער שוישפּיל־פּראָפעסיע צעפאָרן זיך אין די בערג אָדער צום ים זיך אָפּרוען, האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אַ טעאַטער־סעזאָן. פריד האָט געליטן פון אַ טרוקענעם הוסט און דאָקטוירים האָבן אונז געראַטן ער זאָל פאַרברענגען אין די בערג, רוען, האָבן אַ סך זון, טרינקען מילך און, בכלל, זיך אָפּהיטן. האָב איך דערפאַר מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון מיין מאַמען, וועלכע האָט בשותפות מיט מאָריס שוואַרץ אָפּגעדונגען דעם רוף־גאַרדען איבער דעם נעשאָנאַל טעאַטער און געעפנט אַ זומערדיקן טעאַטער־סעזאָן. בין איך געוואָרן די לידינג־לעידי צו מאָריס שוואַרץ.

מיר האָבן שוין דאָרט אָנגעהויבן אונזערע שטענדיקע קאַמפן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ווייט, ווייט אין די יאָרן פון זיין קונסט־טעאַטער. ס'האָט מיר אָבער געהאָלפן צו פאַרדינען גענוג אויף צו האַלטן פריד'ן אין די בערג, ווי די דאָקטוירים האָבן אונז געראַטן. מיין מאַמע, זייענדיק אַ שותפ'טע אין דעם רוף־גאַרדן, האָט אויך געוואָלט, אַז לודוויג זאַץ זאָל זיין אַנגאַזשירט. ער האָט זיך אויך געניוויטיקט אין די פּאָר „טולער". אָבער שוואַרץ האָט אים ניט געוואָלט; דער תירוץ איז געווען — ער איז נאָך ניט אין דער יוניאָן... מיין מאַמע האָט ניט געוואָלט פירן קיין קאַמף; פאַרן קורצן זומער־סעזאָן האָט זיך עס ניט געלוינט. ער איז אָבער אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס מיין מאַמעס פאַרטרעטער אין באָקס־אָפיס. זאַץ, מיט זיין חוש פאַר הומאָר, האָט זיך תיכף באַטיטלט אַלס דער „ביזנעס־מענעדזשער", אויסלאַכנדיק זיין נייע פּראָפעסיע...

קען איך ניט זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ סך נחת שפּילנדיק אויפן רוף־גאַרדן. סיי די היצן, סיי מיין קאָלעגע שוואַרץ האָבן מיך היפּשלעך געמאַטערט.

דאָס איינציקע גוטע וואָס מיר איז פאַרבליבן פון יענעם זומער־סעזאָן איז געווען אַ וויזיט פון אַנשל שאָר, צו אַ פאָרשטעלונג דאָרט. איז עס ניט אַזוי זיין אָנוועזנהייט וואָס האָט מיך געפרייט, נאָר דאָס וואָס ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן צו ווערן די „לידינג־לעידי" אין זיין אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע. ער וועט אויך אַנגאַזשירן לאַזאַר פריד. ער האָט מיר פאָרגעלייגט זייער גוטע קאָנדיציעס; ער האָט אויך פאַר פריד'ן פאָרגעלייגט אַ גאַנץ פיינעם געהאַלט. כאָטש איך בין ניט געווען באַגייסטערט צו פאַרלאָזן ניו יאָרק, אָבער סיי די קאָנדיציעס און סיי דער אָנערקענטער סטאַזש פון אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע, וועלכע האָט געהאַט אַ שם פון אַ טעאַטער־שטאָט, בכלל, האָבן מיך געמאַכט פילן אַז זיין אַ „לידינג־לעידי" אין אַזאַ טעאַטער

איז פֿאַר מיר ניט נאָר קיין אום׳כבוד, נאָר אַ היפּשער שטויס אין מיין קאַריערע. בפרט נאָך, ווען שאַר האָט מיר אויסגערעכנט די טרופּע פון טעאַטער: ראשית, מיין מאַמע. דאָס וועט זיין דאָס ערשטע מאָל, אַלס דער־וואַקסענע אין אַמעריקע, וואָס איך וועל שפּילן מיט מיין מאַמען צוזאַמען איז איין טעאַטער. עס זיינען אויך אַנגאַזשירט לילי און לודוויג זאַץ, מישאַ און לוסי גערמאַן, דוד באַראַץ.

נאָך שפּילנדיק אויפן רוף־גאַרדן האָט זיך די מאַמע אַרויסגעכאַפּט קיין פילאַדעלפיע און גענומען דאָרט אַ דירה פאַר אונז אַלעמען. ווען זי האָט מיר געבראַכט די בשורה, האָב איך זיך דערפילט ווי עפּעס איז מיר אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. עס האָט מיך באמת געפרייט — די דערוואַרטונג פון אַ נייעם סעזאָן, ווידער וויסנדיק פאַראויס וואוהין איך גיי און וואָס מיך דערוואַרט. ס׳האָט מיר אויך שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס נאָך אַ היפּשע צאָל יאָרן, וועל איך ווידער זיין צוזאַמען מיט מיין קליינער אָבער ליבער משפחה. האָב איך נאָכן שווערן ליידיקן סעזאָן געהאַט אויף וואָס צו וואַרטן, אויף וואָס אַרויסצוקוקן.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, פרידן געלאָזט וויסן פון אַלץ. ער האָט זיך גאָר געפרייט וואָס ער וועט זיין אַוועק פון דער טומלדיקער, שווערער ניו יאָרק. איך האָב געהאַט נאָך אַ באַפרידיקונג פון דעם וואָס איך וועל ווידער שפּילן צוזאַמען מיט די גערמאַנס. זיי זיינען באמת מיר געוואָרן ליב און טייער זינט יענעם סעזאָן אין שיקאַגאָ און איך פלעג אָפט בענקען נאָך מישאַ גערמאַנ׳ס וואַרעמקייט און איידלקייט און חבר׳יש־קאָלעגיאַלער באַציאונג. בין איך בשלום איבערגעקומען דעם זומער־סעזאָן אויפן רוף־גאַרדן און זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן איבערקלייבן זיך אין דער שטאָט פון ברודער־ליבע — פילאַדעלפיע.

מיין פאָרגעפיל בנוגע דעם סעזאָן אין פילאַדעלפיע האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. די טרופּע איז געווען זייער אַ פריינטלעכע. דאָס זיין צוזאַמען מיט מיין קליינער, ליבער משפחה איז מיר אויך געווען זייער צום האַרצן. איז דאָס טאַקע געווען דער ערשטער סעזאָן אין מיין קאַריערע, ווען איך האָב זיך ניט געהאַט צו באַקלאָגן אויף האַרצוויייטיק.

מיין מאַמע און איך זיינען געווען די הויפּט שוישפּילערינס דורך דעם סעזאָן, אַזוי צו זאָגן, די „סטאַרס" פון דער טרופּע. אפילו די איינטיילונג לויט די פּיעסן און לויט דעם פּערסאָנאַל, איז מיר אויך געווען זייער שטאַרק צום האַרצן. ס׳איז אַזוי אויסגעקומען, אַז אין די פּיעסן אין וועלכע מיין מאַמע

האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלן איז דוד באַראַץ געווען איר „לידינג מען״; אין די פּיעסן אין וועלכע איך האָב געשפּילט די הויפּט־ראָלן איז מישאַ גערמאַן געווען מיין „לידינג מען״.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז ס׳איז, חלילה, קיינמאָל ניט אַריינגעקומען קיין טראָפּן קנאה צווישן מיין מאַמען און מיר. עס איז זייער אָפט אויסגעקומען מיין מאַמען צו שפּילן די צווייטע ראָל צו מיין הויפּט־ראָל. אויך דאָס האָט קיינמאָל ניט געבראַכט, חלילה, קיין שאָטן פון ניט־פאַרגינערישקייט.

איך שטרייך עס אונטער, ווייל אין טעאַטער, אין אַלגעמיין, איז דאָס ניט קיין נייס, אַז נאָענטע אייגענע, זאָלן טראָגן קנאה איינער אויפן צווייטן. דאָס אידישע טעאַטער איז אַוודאי ניט קיין אויסנאַם. איז כאָטש איך אַליין זאָג עס, ווייל איך אונטערשטרייכן, אַז מיר זיינען יאָ געווען אַן אויסנאַם.

האָבן מיר יענעם סעזאָן געשפּילט אַן אַ שיר פּיעסן, סיי פון אַלטן אידישן רעפּערטואַר, סיי נייע פּיעסן. וויל איך אייך ניט באַשווערן מיט באַקלאָגן זיך אויף דער שווערער אַרבעט. אין צופרידנקייט קען מען לייכט בייקומען שווערע אַרבעט. אונזער משפחה־לעבן אינדערהיים וואָלט אַוודאי געווען זייער אידיליש, ווען ניט צוויי עלעמענטן וואָס האָבן פאַרטונקלט אונזער פּריוואַטן לעבן. דאָס ערשטע, לאַזאַר האָט כמעט דעם גאַנצן סעזאָן געליטן פון אַ שווע־רער הייזעריקייט. פאַר אַ שוישפּילער בכלל און בפרט פאַר אַ שוישפּילער־זינגער, איז דאָס אַ מורא׳דיקער צושטאַנד. פריד האָט דעם גאַנצן סעזאָן זייער ווייניק געשפּילט. דאָס איז אויך פאַר אַ שוישפּילער אַ ביטערע פּיל אַראָפּצושלינגען. האָט עס, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויף אונז אַלעמען.

דער צווייטער עלעמענט איז געווען לודוויג זאַץ. ווי איר געדענקט, האָט מיין מאַמע גע׳פּועל׳ט ביי אַנשל שאָר, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן לודוויג זאַץ, איז ער, אַזוי צו זאָגן, געווען אַן איינגעבעטענער, אַן אַנגעוואָרפענער. פאַר אַ שוישפּילער מיט אַמביציע איז דאָס אַ מורא׳דיקער צושטאַנד. מ׳פילט זיך איבעריק, מ׳האָט ניט דעם מוט צו פאָדערן. האָט מען אים צוגעוואָרפן ראָלן אַזעלכע, אין וועלכע ער האָט בשום אופן זיין אומגעהויערן טאַלאַנט ניט געקענט ווייזן. דערצו האָט זיך יעדער שוישפּילער אין דער טרופּע געפילט העכער און וויכטיקער פון אים. אַזוי ווייט, אַז ווען נאָר זאַץ האָט אין אַ ראָלע געהאַט אַ וויץ אָדער אַ פראַזע וואָס האָט אַרויסגערופן געלעכטער אָדער אַפּלאָדיסמענטן, האָט עס ביי דער ערשטער געלעגנהייט עמעצער אויס־געכאַפּט.

זאַץ איז געווען אַ סענסיטיווער קינסטלער. זיין גרויסקייט האָט ער געקענט באַווייזן ווען ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אויפצובויען אַ כאַראַק־טער, שאַפן אַ טיפּ. האָט מען אים אָבער אַזעלכע ראָלן ניט געטרויט. ער

האָט קיין נייגונג ניט געהאַט צו די זאַגענאַנטע, בוף־קאָמישע ראָלן, וואו דער טאַנץ און שפּרונג שפּילן די הויפּט־ראָלן. צוליב זיין פיגור אָבער — ער איז דאַן געווען אַ מאָגער, דאַר בחור׳ל — האָט ער אויסגעקוקט זייער אינגעלש, וואָס דאָס איז צוגעפּאַסט פאַר די לייכטע בוף־קאָמיקער ראָלן — און מיט דעם האָט מען אים געהאַדעוועט.

די סוברעטין אין טעאַטער, אַ קרעפּטיקע, אַן אַמביציעזע, האָט אין אַזעלכע ראָלן פּשוט דאָמינירט די בינע און אים ווי אָפּגעווישט. אַזוי, למשל, פלעגט זי נאָך יעדן קופּלעט און טאַנץ אים פּשוט אויפהויבן אויף די הענט און אַראָפּטראָגן פון בינע. האָט זי דערמיט ביים עולם אויסגענומען, אָבער זאַצ׳ן האָט זי דערמיט געמאַכט קליין און נישטיק. ער האָט זיך קעגן איר ניט געקענט ווערן. ער האָט זיך געפילט שרעקלעך אומגליקלעך.

איז ער איינמאָל, פאַר אַ פאָרשטעלונג, אַריינגעקומען צו מיר אין גאַר־דעראָב. איך פלעג געוויינלעך קומען אין טעאַטער פרי, איך זאָל זיך ניט דאַרפן איילן מיט מיין גרים און אָנטועכץ. ער האָט יענעם אָוונט ניט געשפּילט. איך האָב באַמערקט אַ גוואַלדיקע אומרואיקייט אין אים. ער האָט נערוועז אַרומגעשפּרייזט עטלעכע מינוט, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַשליסן אויף עפּעס. מיטאַמאָל איז ער צו צו דער טיר, אַראָפּגעלאָזט דעם שלאָס, צוגעקומען צו מיין טישל און זייער צעטראָגן זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט אָנהויבן ריידן און זיך צוריקגעהאַלטן. ביז ענדלעך האָט ער ווי אַרויסגעפּלאַצט:

„הער, צילי, וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל פאַר דיר אויסגיסן מיין האַרץ. איך מוז זיך פאַר עמעצן אויסריידן. איך קען עס ניט ריידן פאַר ליליין; זי וועט זיך צו שטאַרק נעמען צום האַרצן דערפון. איך וויל איר ניט ווי טאָן. דו וועסט מיך אפשר בעסער פאַרשטיין. איך קען לענגער אַזוי ניט אָנגיין. איך האָב דעם גלויבן אין זיך פאַרלוירן. איך זע פאַר זיך ניט קיין צוקונפט ביים טעאַטער. אפשר האָב איך זיך איינגערעדט, אַז מיין באַרוף איז צו ווערן אַן אַקטיאָר. איך קען מער ניט קעמפן. איך מוז זוכן אַן אַנדער פּרנסה“.

די פאַרצווייפלונג אין זיינע אויגן האָט מיך ממש געשראָקן. אויף זיין פּנים איז געלעגן דער אויסדרוק פון דורכפאַל. פאַרלוירנקייט, האָפנונגס־לאָזיקייט — אַ מענטש וואָס שטייט פאַר אַן אָפּגרונט. איך האָב דערפילט, אַז געוויינלעכע רייד וועלן דאָ ניט העלפן. אַחוץ דעם, האָב איך שטאַרק געגלויבט אין זיין טאַלאַנט. אין די אַלע נאַרישע ראָלן זיינע, וועלכע זיינען אים געווען דערווידער, האָב איך עטלעכע מאָל באַמערקט פונקען פון אַ גרויסן טאַלאַנט, סימנים וואָס ווייזן פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס ליגן באַהאַלטן

אין דעם דאַרן, אינגעלשן לודוויג. איך האָב דערפילט, אַז איך דאַרף דעם מענטשן ראַטעווען פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער פאַרצווייפלונג, פון זיין שוואַכקייט צו קעמפן, פון זיין גרייטקייט זיך אונטערצוגעבן. איך האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אים. איך האָב אויף אים געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. און אַנשטאָט אים אַרויסצווייזן מיטלייד, אַנשטאָט אויס־צודריקן אים רחמנות, האָב איך מיט אַ פאַרוואורף און אין שטאַרקער אויפ־רעגונג, כמעט ווי אויסגעשריגן:

„ווי וואַגסטו אַזוי צו ריידן וועגן זיך? ! דו ווייסט אַליין ניט די כוחות וואָס זיינען באַהאַלטן אין דיר, דעם גרויסן טאַלאַנט וואָס דו פאַרמאָגסט, און שוין ביזטו גרייט אויפצוגעבן!"

איך האָב אַריינגענומען זיין פּנים אין מיינע הענט: „איך זאָג דיר, לודוויג, דיין טאַלאַנט מוז זיך דורכשלאָגן זיין וועג. נאַרעלע, דיין טאָג מוז קומען; מ'וועט דיך אַנערקענען. איך גלויב אין דיר — האָב געדולד, פאַרליר ניט דיין מוט. דיין אָרט איז אין טעאַטער".

ער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן און ביסלעכווייז האָבן זיך זיינע אויגן ווי אָנגעצונדן. אַ פרייד האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן: „צילי, דו האָסט מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן".

ער האָט זיך צעקושט מיט מיר, און מיט אַ לייכטן, שפּרינגענדיקן טראָט, איז ער אַ שמייכלענדיקער אַרויס פון מיין גאַרדעראָב.

אין זיינע דערפּאָלגרייכע יאָרן האָט ער מיר אָפט דערמאָנט יענעם געשפּרעך אונזערן און אין זיינע מעמואַרן האָט ער מיר עפּענטלעך געדאַנקט פאַר דעם מוט און כוח, וואָס איך האָב אים דאַמאָלסט געגעבן.

דערמאָנט מיך די סצענע מיט זאַצ'ן אין אַן עפּיזאָד וואָס גרענעצט זיך מיט שונד. וואָלט עס עמעצער באַשריבן אין אַ פּיעסע אָדער אין אַ ראָמאַן, וואָלטן עס אַ סך געהאַלטן פאַר אַן איבערטריבענע מעשה. זאָגט מען טאַקע, אַז דאָס לעבן איז שונדיקער פונם גרעסטן שונד. איז אָט האָט איר אַ פּאַ־סירונג, וואָס איז מיט מיר געשען יענעם סעזאָן.

דעם אָכטן מערץ פון יענעם סעזאָן האָב איך געהאַט מיין ערן־אָוונט. איך האָב פאַר יענעם אָוונט צוגעגרייט ז. ליבינ'ס פּיעסע, „די גאַסן פרוי". דאָס בילד וואָס איר זעט פאַר זיך האָט פאַרנומען דעם גרעסטן טייל פון דעם ספּעציעלן אַפיש. אַרום אַ וואָך פאַר מיין אָוונט האָב איך געקראָגן אָט דעם מאָדנעם בריוו, אין ענגליש:

„דאָס שרייבט איך אַ יונג מיידל, אַ סטודענטקע פון מעדיצינישן אוני־ווערזיטעט, וואו איך שטודיר אויף דאָקטאָר. איך האָב לעצטנס געהאַט אַ שרעקלעכע איבערלעבונג פון וועלכער איך בין מורא'דיק צעטרייסלט גע־

וואָרן און אַריין אין אַ טיפער פאַרצווייפלונג. איך האָב דערפילט אַז איך וויל מער ניט לעבן און באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיך. בלאָנדזשענדיק איבער די גאַסן פון שטאָט, מיט די געדאַנקען אין קאָפּ, בין איך פּלוצלונג ווי מיט אַ געהיימען כוח צוגעצויגן געוואָרן פון אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט צו מיר פון אַ טעאַטער־אַפיש. די אויגן האָבן ווי גערעדט צו מיר, ווי מיך געוואָרנט, ווי מיך דערמוטיקט, ווי מיר געגעבן האָפענונג. איך בין ממש פון די אויגן ווי היפּנאָטיזירט געוואָרן, ווי פון אַ פריינט געטרייסט... די אויגן זיינען געווען אייערע.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איידער איך באַגיי מיין טאַט, מוז איך זיך פריער, אויב מעגלעך, מיט אייך דורכריידן, אייך דערציילן וואָס עס האָט

מיך געטריבן צו מיין פאַרצווייפלונג. אינסטינקטיוו האָב איך דאָס געפיל, אַז אַ מענטש מיט אַזעלכע אויגן, מוז אויך האָבן טיפע פאַרשטענדעניש און די פעאיקייט אַריינצודרינגען אין אַ מענטשלעכער נשמה. איז עס אפשר געוואַגט פון מיר אייך צו באַאומרואיקן, אָבער איך בעט אייך, זאָגט מיר ניט אָפּ. איך וואַרט אויף אייער ענטפער, פּ. ב.״

דאַרף איך אייך דען זאָגן, אַז כאָטש איך בין געווען היפּש פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו מיין אָוונט, חוץ די געוויינלעכע פליכטן וואָס איך האָב געהאַט צו דערפילן אין טעאַטער, האָט זי אויף מאָרגן געקראָגן מיין ענטפער.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן. איך האָב פאַר זיך

געזען אַ פיינע, אינטעליגענטע, שיינע און אַנגענעמע פּערזענלעכקייט, אַ מיידל אין די פריע צוואַנציקער. און אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט:

אַרום פינף יאָר פריער האָט זי זיך אין קאָלעדזש באַקענט מיט אַ יונגנמאַן, אויך אַ סטודענט. זיי זיינען גיך באַפריינדעט געוואָרן און ס׳האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ זייער שטאַרקע ליבע. זי האָט אין אים געזען אַלץ וואָס זי האָט אין אירע מיידלשע חלומות זיך פאָרגעשטעלט. זי איז משוגע פאַרליבט געוואָרן אין אים; זיין ליבע צו איר איז אויך געווען זייער שטאַרק. ער איז געווען אַ מעדיצינישער סטודענט, אין די לעצטע יאָרן פון „מעדיקעל־סקול״. זי האָט אויך באַשלאָסן אויפצונעמען מעדיצין, און זי איז אַריין אין דעם „פרויען מעדיקעל־קאָלעדזש״ אין פילאַדעלפיע. ער האָט גראַדואירט מיט צוויי יאָר צוריק און אויפגענומען געוואָרן אַלס „אינטוירן״ אין אַ שפּיטאָל אין פּיטסבורג. זיי זיינען אָפיציעל פאַרלאָבט געוואָרן איידער ער איז אַוועקגעפאָרן. זיי האָבן אָפּגעמאַכט פראַווען זייער חתונה אין יאַנואַר פון דעם יאָר.

אויפן וועג צו דער חתונה, פאָרנדיק אין זיין אויטאָמאָביל איז געווען אַ צוזאַמענשטויס און ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרן. זי האָט מיט אַלע כוחות געפּרואווט איבערצולעבן דעם שרעקלעכן קלאַפּ און אָנגיין ווייטער מיט איר לעבן, אָבער טאָג נאָך טאָג איז עס איר שווערער געוואָרן, ביז זי האָט דערפילט אַז אָן אים האָט איר לעבן קיין ווערט ניט. זי האָט ניט צוליב וואָס און צוליב וועמען צו לעבן. זי קען ניט מער, זי וויל ניט מער לעבן, זי האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף. ער איז ביי איר געווען אַלץ; אָן אים האָט זי גאָרניט. זי האָט ניט געקענט באַהערשן איר היסטערישן אויסברוך.

איך האָב גענומען איר קאָפּ אויף מיין אַקסל, איר ניט געשטערט אין איר געוויין. איך האָב בלויז מיט מיינע הענט צאַרט געגלעט אירע שיינע שוואַרצע האָר.

איר היסטערישער געוויין האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּשע ווײַלע. איך האָב געגלעט איר קאָפּ, און קיין וואָרט ניט גערעדט. ס׳האָט זיך בלויז געהערט איר האַרצרייסנדיקער געוויין. אין מיין קאָפּ האָבן זיך געקליבן אַלערליי געדאַנקען וועגן דעם ווי אַזוי איך קען זי באַרואיקן — מיט וואָס איך קען אָפּווענדן איר פאַרצווייפלונג — וואָסערע אמת׳ע האַרציקע ווערטער קענען איר באַשלוס ענדערן. איר געוויין האָט זיך אײַנגעשטילט; איר שלוכצן האָט ענדלעך אויפגעהערט. איך האָב אויפגעהויבן איר קאָפּ, געהאַלטן אים אין מיינע הענט, אַ ווײַלע איר געקוקט גלייך אין אירע אויגן און ביסלעכווייז

האָב איך אָנגעהויבן ריידן — אַרויסגעבראַכט אומגעפּער די פאָלגענדע געדאַנקען:

„איך פאַרשטיי זייער גוט דיין פאַרצווייפלונג... — איך קען דיך ניט טרייסטן, אַז היינט, מאָרגן, איבער אַ יאָר, וועסטו געפינען אַן אַנדערן, אַ בעסערן... דאָס וועלן זיין פּוסטע טרייסט ווערטער, וועלכע דו וועסט באַלד דערפילן אַז זיי זיינען ניט אמת, אַז זיי קומען ניט פון האַרצן. און דאָס וויל איך ניט. דו ביזט אַן אינטעליגענט, פאַרשטענדיק מיידל, און, אויב ס׳איז אמת וואָס דו האָסט מיר אין דיין בריוו געשריבן, וויל איך גלויבן אַז דו וועסט זיך צוהערן אַזוי אויפמערקזאַם ווי דו קענסט נאָר אין דיין צושטאַנד הערן, און מיר גלויבן, אַז דאָס זיינען ניט קיין צוגעטראַכטע רייד, נאָר ווערטער וואָס קומען פון האַרצן — ווייל איך פיל־מיט מיט דיר.

„מיט רעכט פילסטו זיך אומגליקלעך, און פאַרצווייפלט. עס איז אָבער ניט רעכט פאַר אַ מיידל אין דיינע יאָרן, מיט דיין פעאיקייט צו טראַכטן און דענקען, זיך אונטערצוגעבן די געדאַנקען וואָס דער שוידערלעכער אומגליק האָט אין דיר פאַרזייט. הער־זשע מיך אויס, טייערינקע, איך נעם זיך זיכער ניט אונטער דיר צו פאַרענטפערן דעם גרויסן „פאַרוואָס״, וואָס האָט אָנגעפילט דיין גאַנצן וועזן ווען דו האָסט געקראָגן די שוידערלעכע נייס. אָט דעם „פאַרוואָס״ קען דיר קיינער ניט פאַרענטפערן. און אַוודאי וועט עס ניט פאַרענטפערן דיין איבערגעאיילטער שריט, דיין פאַרצווייפלטער טאַט. אמת, דו וועסט מער ניט קענען טראַכטן, דו וועסט אויפהערן זיין — איז דען דאָס דער ענטפער? זיי מיר מוחל, דאָס וועט זיין אַ האַנדלונג פון אַ פּחדן.

„איך בעט ביי דיר נאָר איין זאַך, גיב מיר אַ געלעגנהייט זיך מיט דיר צו באַגעגענען כאָטש נאָך עטלעכע מאָל. איך ווייס, אַז אין דיין איצטיקן צושטאַנד איז ניט מעגלעך צו דערוואַרטן, אַז דו זאָלסט קענען אַלץ זאַכלעך הערן און באַטראַכטן. אין דעם מאָמענט איז דיין גאַנצער געדאַנקען־גאַנג געצילט אין איין ריכטונג.

„איך וויל דו זאָלסט מיר גלויבן, אַז ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען איצט אָפּצושפּאָרן צייט זיך צו טרעפן מיט דיר. איך האָב אָבער דיין בריוו ניט געקענט פאַרשווייגן. איז אויב מיינע אויגן פון דעם אַפּיש האָבן אויף דיר געקענט ווירקן, וויל איך דו זאָלסט מיר געבן די געלעגנהייט מיט דיר נאָך עטלעכע מאָל ריידן. דאָס מוזטו מיר צוזאָגן. פאַר דיר איז אָפן צו יעדער צייט מיין גאַרדעראָב אין טעאַטער אָדער מיין היים. וויל איך דיין וואָרט, אַז דו וועסט קומען צו מיר כאָטש עטלעכע מאָל די וואָך. איך ווייס, אויב דו וועסט מיר געבן דיין וואָרט, וועסטו עס האַלטן״.

זי האָט מיר צוגעזאָגט, און זי איז געוואָרן אַן אָפטע אַריינגייערין צו מיר

אין גאַרדעראָב, ווי אויך צו מיר אַהיים. אין פאַרלויף פון אונזערע וויי־טערדיקע געשפרעכן, האָב איך איר ניט געפּרוואווט איינריידן, אַז אויף איר וואַרט אַ גליקלעך לעבן אין דער צוקונפט. איך האָב אָבער שטאַרק אונטער־געשטראָכן, אַז פטר׳ן אַזאַ לעבן ווי אירס, אויף אַ שוואַכער, פחד׳נישער, און אין דער זעלבער צייט, בראַוואַדאַ־מעסיקער טאַט, איז זיכער אַ זינד, סיי קעגן זיך אַליין, סיי קעגן דעם צוליב וועמען זי איז גרייט דאָס צו טאָן.

„אין דער פּראָפעסיע וועלכע דו נעמסט אויף, קענסטו אַזוי פיל גוטס טאָן”, האָב איך איר געזאָגט, „ניט צוליב דיין געניוס — אָבער דו קענסט כאָטש אַ טייל פון דיין ליבע אָפּגעבן צו ליידנדיקע, וועמען דו קענסט העלפן אַלס דאָקטאָר”.

איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז יעדער נייער וויזיט אירער ברענגט איר נענטער צו איר נאָרמאַלן צושטאַנד. איך האָב געפילט, אַז זי הויבט אָן גערן צו פאַרנעמען מיינע רייד. בכלל, האָט זיך איר נשמה אָנגעקניפּט אין מיינער, און קיין אינטימען, פאַרבאָרגענעם געדאַנק אירן, האָט זי פאַר מיר ניט באַהאַלטן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי מיר געמאָלדן איר באַשלוס: זי האָט זיך געווענדעט צו עטלעכע מעדיצינישע אוניווערזיטעטן אין זיד־אַמעריקע. זי דענקט, אַז אַרויסרייסנדיק זיך פון דער אומגעבונג דאָ, וועט איר העלפן צו קענען פאָרזעצן איר שטודיום. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי כמעט מיט פרייד מיר געלאָזט וויסן, אַז מען האָט זי אָנגענומען אין אַ מעדיצינישער שולע אין קאַרטעזשינאַ, קאָלאָמביאַ, אין זיד־אַמעריקע, און זי איז אַוועק־געפאָרן אַהין — מיטן פאַרשפּרעכן אַז זי וועט מיר שרייבן אַזוי אָפט ווי מעגלעך. געבעטן האָט זי מיר, אַז איך זאָל כאָטש פון צייט צו צייט איר ענטפערן. האָבן מיר קאָרעספּאָנדירט דורך די אַלע יאָרן פון איר שטודיום דאָרט.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען איך האָב געגומען שניידן וואָס איך האָב פאַרזייט. נעם איך אַרויס עטלעכע שטעלן פון אירן אַ בריוו, גע־שריבן ווען זי האָט געהאַלטן ביים גראַדואירן די „סקול אָוו מעדיצין ענד סוירדזשערי”. זי האָט מיר געשריבן, אַז זי אַרבעט צוויי־און־צוואַנציק פון יעדע פיר־און־צוואַנציק שעה. זי איז צופרידן, ווייל דורך דעם פאַרגעסט זי אינגאַנצן אין זיך. זי געפינט אַ סך באַפרידיקונג אין העלפן די אָרעמע וואָס בויטיקן זיך אין די פרייע שפּיטאָלן. אָבער מיין גרעסטע באַפרידיקונג אין יענעם בריוו זיינען די שטעלן, אין וועלכע זי טרייסט מיך.

עס זיינען אַדורך יאָרן פון מיין גט מיט פריד׳ן, אויך אַנטוישונגען אין חברים, קאָלעגן אין מיין טעאַטער־קאַריערע, און איך האָב אין מיינעם אַ בריוו

צו איר איבערגעגעבן מיינע אַ פּעסעמיסטישע שטימונג. און אַט ווי זי טרייסט מיך:

„ווערטער קענען ניט אויסדריקן דעם געפיל פון פרייד וואָס דיין בילד האָט אין מיין לעבן אַריינגעבראַכט. נעם איך דיין בילד אין האַנט און קוק לאַנג אין דיינע אויגן ביז איך הויב אָן פילן אַז דו ביזט לעבן מיר. בין איך טיף גערירט וואָס דו, צו וועמען עס ציען זיך אַזוי פיל ערלעכע געפילן פון איבערגעגעבענע פאַרערער דיינע, דו, וואָס דערוועקסט ביי אַזוי פיל מענטשן דעם ווילן, דעם חשק צו אַרבעטן, צו האָפן, צו לעבן, דו, וואָס ברענגסט אַריין אַזוי פיל פרייד אין איינזאַמע לעבנס — דו האָסט פאַרלאָרן דעם צוטרוי, דעם גלויבן אין מענטשן, אין מענטשלעכע ערלעכקייט? דו דאַרפסט זיך פילן דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, צווישן דיינע אומצאָליקע פריינט. קענען צילי אַדלער, מיינט זי ליב האָבן, זיך מקריב זיין פאַר איר".

וועל איך פאַרענדיקן אָט דעם דאָקומענט פון טיף מענטשלעכע געפילן מיט אירן אַ וויזיט קיין ניו יאָרק. מיין זון, זעליק׳ל, איז דאַן אַלט געווען אַרום 13-14 יאָר. זי האָט דורך איר וויזיט דאָ, זיך פאַרבונדן מיטן סיטי האָספּיטאַל אויף וועלפעיר איילענד. זי האָט מיין זעליק׳ן מיטגענומען אין שפּיטאָל און אים געפירט איבער די פאַרשידענע לאַבאָראַטאָריעס — געוויזן אַלע אינסטרומענטן. זי האָט מיר נאָכדעם דערציילט, מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס ער האָט אַלץ באַטראַכט און מיט מערקווירדיקער אינטעליגענץ געשטעלט פראַגן און געזוכט ענטפערס. „איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועט ער זיך אויף אַ געוויסן אופן איבערגעבן צו דער מעדיצי־נישער פּראָפעסיע", האָט זי פאַראויסגעזאָגט. איז אָט האָט איר, אויב איר ווילט, אַ נבואה וועגן מיין זונס צוקונפט.

אַזוי ווי אומדירעקט איז דער אינצידענט מיט דער פאַרצווייפלטער מיידל זיך פאַרלאָפן אַלס רעזולטאַט פון דעם אַפּיש פון מיין ערן־אָוונט פון יענעם סעזאָן אין אַרטש סטריט טעאַטער, רייצט עס מיך אייך איבערגעבן, אַז מיין אָוונט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, סיי מאָראַליש, סיי פינאַנציעל. די קנאַפּע טויזנט דאָלער וואָס זיינען מיר פון מיין אָוונט געבליבן זיינען מיר גוט צונויץ געקומען ווען פרייד און איך האָבן פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער אין דער באַרימטער שאַטאַק־פאַרם אין לאָוער דזשעימסבורג, ניו דזשוירזי, אַ זייער פּאָפּולערער פלאַץ אין דער טעאַטער־וועלט.

דאַרף איך אייך נאָך דערציילן, אַז תיכף נאָך מיין ערן־אָוונט, האָט אַנשל שאָר מיך און לאַזאַר׳ן אַנגאַזשירט אויפן קומענדיקן סעזאָן. מחמת דעם וואָס לאַזאַר האָט אַזוי זעלטן געשפּילט צוליב זיין הייזעריקייט, האָט עס מיך

געקאָסט אַ היפּשע העכערונג אויף מיין געהאַלט וואָס איך וואָלט געקראָגן. אָט ווי אַנשל שאָר האָט עס פאַר מיר אויסגעטייטשט:

„אַוודאי, צילי, קומט דיר אַ היפּשע העכערונג אויף דיין געהאַלט. האָסט זיך עס כשר פאַרדינט. אָבער דו מוזט פאַרשטיין, אַז לאַזאַר׳ס געהאַלט איז פאַרן געשעפט געווען אינגאַנצן אַ פאַרלוסט דעם סעזאָן. מיר ווייסן אויך ניט ווען ער וועט אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון זיין הייזעריקייט, מוז איך סיווי אָנשטעלן אַן אַקטיאָר אויף זיין אָרט. צוליב דיר, אָבער, מוז איך דאָך אים אָנהאַלטן אויך פאַרן קומענדיקן סעזאָן. אין דעם גייט אַריין דיין העכערונג״.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אַרגומענטירן קעגן זיין אמת׳ער אויסטייטשונג. בין איך געווען צופרידן מיט דעם, ווייל די אויסטייטשונג איז געבליבן אַ סוד בלויז צווישן מיר און שאָר׳ן. פאַר פריד׳ס געמיט־צושטאַנד איז געווען זייער וויכטיק, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז שאָר וויל אים, און אַנגאַזשירט אים פאַרן קומענדיקן סעזאָן.. האָב איך זיין פאָרשלאָג אָנגענומען און אונטערגעשריבן אַ צעטל. איך בין אויך געווען צופרידן, וואָס די מאַמע און לודוויג זיינען אויך אַנגאַזשירט געוואָרן מיט אַ העכערונג. עס איז דערצו מיר צוגעקומען נאָך אַ פרייד, וואָס מיין שוועסטער לילי איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרן אויף איר אייגענעם חשבון, ניט ווי אַ צוגאָב צו זאַצ׳ן.

מיט אַמאָל איז דער אידישער טעאַטער־עולם און דאָס קליינע טעאַטער־וועלטל אין פילאַדעלפיע איבעראַשט געוואָרן פון אַ גרויסער נייעס. איר געדענקט דאָך מיין ערשטן סעזאָן אין פילאַדעלפיע, ווען איך בין געווען מאָריס שוואַרצ׳ס „לידינג לעידי״ אין קאָלאָמביאַ טעאַטער. דעמאָלסט האָט מאַיק טאָמאַשעפסקי פאַרצייכנט אַ ניי קאַפּיטל אידיש טעאַטער אין יענער שטאָט מיט איבערנעמען דעם אַרטש סטריט טעאַטער. דורך די עטלעכע יאָר זינט דאַן האָט ער דעם טעאַטער פאַרלוירן. די אונטערנעמער, דזשאַש גרובער און משה׳לע לובער, האָבן דעם טעאַטער אויסגעדונגען. צו זיי איז נאָכדעם צוגעשטאַנען אַנשל שאָר, וואָס צוליב זיינע טעאַטער ידיעות און אויך שרייבערישע פעאיקייטן, האָט ער איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער בינע.

איז איצט מאַיק טאָמאַשעפסקי געקומען מיט נאָך אַ נייס. ער האָט אָפּ־געדונגען דעם שיינעם, גרויסן אַמעריקאַן טעאַטער, וואָס איז געווען היפּשלעך נעענטער צו דער אידישער געגנט אין פילאַדעלפיע. אַנשל שאָר, באַטיטלט אַלס דער ביסמאַרק פון אידישן טעאַטער, האָט אויסגעפונען באַצייטנס, אַז מאַיק טאָמאַשעפסקי אונטערהאַנדלט מיט יעקב פּ. אַדלער פאַר זיין נייעם טעאַטער. שאָר האָט גלייך דערפילט, אַז אַזאַ אַטראַקציע ווי אַ נייער טעאַטער

מיט יעקב פּ. אַדלער און סאַראַ אַדלער אַלס סטאַרס, וועט פאַר זיין אַרטש סטריט טעאַטער זיין אַ צו גרויסע קאָנקורענץ. איז ער אַוועק קיין ניו יאָרק מיטן באַשלוס, אויסצוכאַפּן אַדלער׳ן פאַר זיין טעאַטער, כאָטש ער האָט שוין כמעט געהאַט זיין פולע טרופּע פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן.

וואונדערן זיך מסתמא אַסך פון אייך: פאַרוואָס זאָל אַדלער פאַרלאָזן ניו יאָרק און שפּילן אין פילאַדעלפיע, וואָס כאָטש אַ גוטע טעאַטער־שטאָט, איז פאָרט אַ פּראָווינץ־שטאָט? איז אָט האָט איר נאָך אַ קאַפּיטל געשיכטע ווי זאַכן פאַסירן אין אידישן טעאַטער:

אין נעשאָנאַל טעאַטער איז געשטאַנען באָריס טאָמאַשעפסקי. דוד קעסלער האָט געהאַט דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער. נאָכן צעפאַלן פון טראָסט האָט אַדלער איבערגענומען דעם איינציק־פאַרבליבענעם אידישן טעאַטער, דעם פּיפּלס טעאַטער. איז ער דאָרט געשטאַנען צוויי סעזאָנען. דורך דער צייט האָט מאַקס געביל זיך דערוואָרבן אַ היפּשע נאָכפאָלגערשאַפט ביי אידישע טעאַטער־גייער מיט זיינע אייגענע שטאַרקע מעלאָדראַמעס, און אויך מיט דער פּאָפּולאַריטעט פון זיין פרויען־סטאַר, זיין פרוי דזשעני גאָלדשטיין. איז פאַרשטענדלעך, אַז זיין אַמביציע האָט אים געטרייצט צו פאַרלאָזן די ווינקל־טעאַטערס און איבערנעמען אַ גרויסן, לעגיטימען טעאַטער. האָט ער אויסגע־דונגען דעם פּיפּלס טעאַטער ביי אַדלער־עדלשטיין.

סיי טאָמאַשעפסקי, סיי קעסלער האָבן געוואָלט אַנגאַזשירן אַדלער׳ן פאַר יענעם סעזאָן. אָבער מיין ברודער אייב, וועלכער איז געווען מיין טאַטנס געשעפט־פירער, האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז אַדלער זאָל זיך אונטערוואַרפן די קאַפּריזן פון יענע סטאַרס. ער האָט דערפאַר זיך געלאָזט ריידן פון מאַיק טאָמאַשעפסקי, אַז אַדלער און סאַראַ זאָלן ווערן די סטאַרס פון זיין טעאַטער.

אַנשל שאָר און זיינע שותּפים האָבן באַשלאָסן, אַז קיין פּרייז איז ניט צו הויך אָפּצואווישן אַ קאָנקורענט. האָבן זיי מיט דער הילף פון דעם באַרימטן טעאַטער־אונטערנעמער עדווין רעלקין געפּועל׳ט ביי מיין ברודער, אייב אַד־לער, אַז ער זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון אַרטש סטריט טעאַטער. אין דעם, פאַרשטייט זיך, האָט געהאָלפן דער פּרייז וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַזאַ וואָס מאַיק האָט ניט געקענט נאָכקומען. דער פּרייז איז געווען: 450 דאָלער אַ וואָך, בלויז פאַר שפּילן פרייטיק און שבת. פאַר מיטן־וואָכיקע בענעפיטס — עקסטראַ, 100 דאָלער פאַר יעדער פאָרשטעלונג.

איז שוין דאָס אַליין אַ היפּשע סומע פאַר אַ טעאַטער וואָס האָט שוין אַ פולע טרופּע. קומט נאָך צו צו דעם אַ געהאַלט פאַר מיין ברודער אייב, און אַ פאָר, אָן וועלכע אַדלער האָט זיך ניט געקענט רירן. דאָס זיינען די צוויי פּרעכטיקע כאַראַקטער־שוישפּילער, גוסטאַוו שאַכט און איזידאָר קעשיר.

ווען אַנשל שאָר איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם זייער גוטן געשעפט, מיט די אַדלערס, האָט ער ערשט געהאַט אַ גאַנץ שווערע אַרבעט, איינצורײדן מײן מאַמען און מיך, אַז מיר װעלן, חלילה, אויף אַ האָר ניט ליידן, ניט בנוגע די אַנאָנסן, ניט בנוגע פּאַסיגע ראָלן. האָבן מיר זיך געגרייט פאַר אַ נייעם סעזאָן צו שפּילן מיט יאַקאָב פּ. אַדלער און סאַראַ אַדלער.

פון יענעם זומער אין שאַסטאַקס געדענק איך אַ היפּשע צאָל אינטערע־סאַנטע רייזעס און די וואונדער־שיינע לאַנדשאַפטן פון יענער געגנט. מיט אונז זיינען דאָרט אויך געווען מיין שוועסטער פרענציס מיט איר מאַן יאָזעף שיינגאָלד און בעסי טאָמאַשעפסקי. פאַר די סוף־וואָכן פלעגן אָפט אַרויסקומען צו אונז דער באַקאַנטער טעאַטער־מענעדזשער מאַקס גאָלדבערג און אונזער באַקאַנטער זשורנאַליסט און פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל" יעקב פישמאַן. מיר האָבן אַלע געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר, פלעגן אונזערע רייזעס אין מאַקס גאָלדבערג׳ס אויטאָמאָביל זיין אויסערגעוויינלעך אַמוזאַנט און אינטערעסאַנט. מיר פלעגן געוויינלעך זיצן אַ זיבן, אַכט מענטשן אין קאַר, און מ׳האָט זיך געלאָזט וואויל־גיין. שיינגאָלד און גאָלדבערג האָבן געהאַט אַ סך טעאַטער אַנעקדאָטן. בעסי, נוניע און איך פלעגן ניט נאָר אויפכאַפּן די טעאַטער אַנעקדאָטן, נאָר יעדע פון אונז פלעגט זיי אויף איר אופן באַפּוצן. ווער עס פאַר אייך זיין זייער אינטערעסאַנט צו הערן אָט דעם כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס איז דערציילט געוואָרן אויף איינער פון יענע רייזעס פון שיינגאָלד׳ן און באַפּוצט געוואָרן פון מיין שוועסטער נוניע.

דאָס איז געווען נאָך איינער פון יעקב גאָרדינ׳ס ניט־דערפאָלגרייכע פּיעסן, וואָס אַדלער האָט אויפגעפירט. ער האָט צו דער פּיעסע דערלייגט היפּשע עטלעכע דאָלער, האָט ער זיך ניט געאײלט אויפצופירן אַ נייע פּיעסע וואָס גאָרדין האָט אים פאָרגעלייגט. ווי אַ סך פון אייך ווייסן, איז גאָרדין געווען אַ מטופל מיט אַ היפּשער משפחה, און די נויט האָט אים געטריבן ער זאָל אַדלער׳ן ניט צורו לאָזן, ער זאָל ביי אים קויפן די נייע פּיעסע. אַדלער האָט זיך לענגער ניט געקענט אַרויסדרייען און צוגעשטימט צו הערן זיין פּיעסע. ער האָט פאַרבעטן גאָרדינ׳ען צו זיך אַהיים.

איך האָב שוין אין איינעם פון מיינע ערשטע קאַפּיטלען דערמאָנט די פרוי רחל, וואָס איז געווען אין דער אַדלער־משפּחה דאָס זעלבע וואָס פייגע איז געווען אין אונזער משפּחה. רחל האָט זיך אין אַלץ געמישט און אומעטום

געזאָגט איר דעה. ווען גאָרדין איז יענעם נאָכמיטאָג געקומען לייענען פאַר אַדלער׳ן, האָט זיך רחל ברייטלעך באַזעצט צו הערן די פּיעסע. ווען גאָרדין האָט געענדיקט דעם ערשטן אַקט, האָט מען פון אַדלער׳ס פּנים געקענט אָראָפּלייענען אַז אים איז די פּיעסע ניט געפעלן. גאָרדין האָט ווייטער גע־לייענט. אין מיטן צווייטן אַקט איז דאָ אַ שטאַרקע דראַמאַטישע סצענע, וואָס איז דווקא אַדלער׳ן ניט אַזוי געפעלן. אָבער מיטאַמאָל האָט רחל זיך מער ניט געקענט צוריקהאַלטן, און באַווירקט פון דער רירנדיקער סיטואַציע, האָט זי זיך צעוויינט. אַדלער האָט זיך תיכף אויסגעדרייט צו רחל׳ן, באַטראַכט איר אויפריכטיקן געוויין, און זיך גלייך געווענדעט צו גאָרדינ׳ען: „די פּיעסע איז מיינע, רחל איז מיין בעסטער עולם״. ער האָט די פּיעסע געקויפט. אומדירעקט, הייסט עס, האָט רחל גאָרדינ׳ען אַ גרויסע טובה געטאָן.

די פריילעכע וואַקאַציע האָט זיך געענדיקט. מיר זיינען צוריקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע. ווי שטענדיק, איז די מאַמע געקומען פריער אין שטאָט און האָט גענומען פאַר אונז אַלעמען אַ זייער באַקוועמע הויז, וואו יעדער פון אונז האָט געהאַט זיין אייגענע דירה׳לע. פייגע האָט געפירט די באַלע־באַטישקייט.

מיר האָבן געהאַט אַ געמיינשאַפטלעכן עס־צימער. פלעגן דאָרט ניט נאָר פאָרקומען אונזערע מאָלצייטן, נאָר גאַנץ אָפט פלעגט דער גרעסטער טייל פון אונזער טרופּע זיך צוזאַמענקומען דאָרט פאַרברענגען.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז אַנשל שאָר און די געשעפט־פאַרוואַלטער פון אַרטש סטריט טעאַטער האָבן ניט געזשאַלעוועט אויף אַנאָנסן צו לאָזן וויסן דעם עולם פון פילאַדעלפיע, אַז דער גרויסער יעקב פּ. אַדלער שפּילט ביי זיי אין טעאַטער. פילאַדעלפיע איז ממש פאַרפּלייצט געוואָרן מיט עטלע־כערליי אַפישן מיט מעלדונגען וועגן דער אויסערגעוויינלעך, ריזיקער טרופּע, וואָס דער אַרטש סטריט טעאַטער האָט פאַרן עולם צוגעגרייט: מר. און מרס. יעקב פּ. אַדלער, דיינע פיינמאַן, צילי אַדלער, דוד באַראַץ, גוסטאַוו שאַכט, מישאַ און לוסי גערמאַן, לאַזאַר פריד, מר. און מרס. באָריס ראָזענטאַל, משה זילבערשטיין, לודוויג זאַץ, לילי פיינמאַן, אסתר וואַקסמאַן, מאַקס סקורניק, איזידאָר קעשיר, מאַלי פּיקאָן, יודל בעלזער און אַנשל שאָר.

זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק נאָכאַנאַנד, אויף פאַרשידענע אופנים צו לאָזן וויסן דעם עולם מיט וויפיל מי און קאָסטן עס איז זיי אָנגעקומען צוזאַמענצושטעלן פאַרן פילאַדעלפיע׳ר עולם אַזאַ טרופּע. זיי האָבן געוואוסט, אַז טראָץ דעם וואָס זיי איז געלונגען אויסצוכאַפּן אַדלער׳ן ביי מאַיק טאָמאַ־שעפסקי׳ן, האָבן זיי נאָך אַלץ אַ גרויסע קאָנקורענץ — פאַר זיין אַמעריקען טעאַטער האָט מאַיק געקראָגן די אומשטערבלעכע בערטאַ קאַליש.

אַנשל האָט אָפּגעהיט זיין צוזאָג צו מיין מאַמען און מיר, און אונז, ווי איר זעט, ניט געקריוודעט אין די אַנאָנסן. וואָס אַנבאַלאַנגט די ראָלן, האָט דער קלוגער אַנשל אויסגעמיטן, אַז די מאַמע זאָל שפּילן אין די פּיעסן אין וועלכע עס האָבן געשפּילט די אַדלערס. איז סייווי אויסגעקומען, אַז די מאַמע האָט אין מיטן דער וואָך אויפגעלעבט איר גאַנצן רעפּערטואַר. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, האָב איך געשפּילט בלויז אין די אַדלער־פּיעסן, אין וועל־כע איך האָב געהאַט אַן אָנגעזעענע און צוגעפּאַסטע ראָלע. אַזוי אַז אין דעם הינזיכט איז דורכן גאַנצן סעזאָן, חלילה, ניט געקומען צו קיין שום משפּחה־צוזאַמענשטויס.

אָבער אין איין פאָרשטעלונג דורכן סעזאָן האָבן מיין מאַמע און מיין טאַטע יאָ צוזאַמען געשפּילט. דאָס איז געווען די סענסאַציע פון יענעם סעזאָן און האָט ווידער באַוויזן אַנשל׳ס קלוגשאַפט אין טעאַטער־ענינים. ער האָט פאַר זיין ערן־אָוונט גע׳פּועל׳ט ביי מיין מאַמען און ביי אַדלער׳ן, אַז זיי זאָלן פאַר אים שפּילן די ערשטע פּיעסע, מיט וועלכע יעקב גאָרדין האָט אָנגעהויבן זיין בינע־קאַריערע. דאָס איז די באַרימטע פּיעסע „סיביריאַ״, וועלכע האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם, סיי ביים אידישן טעאַטער אין ניו יאָרק, סיי אין דער פּרעסע און ביי דער אינטעליגענץ אין אַלגעמיין.

קענט איר שוין אַליין פאַרשטיין, אַז דער טעאַטער איז ממש באַלאַגערט געוואָרן צו יענער פאָרשטעלונג. דער עולם איז געקומען ניט נאָר זען די פּיעסע, מיט וועלכע גאָרדין האָט מיט 25 יאָר פריער זיך באַוויזן אין אידישן טעאַטער, נאָר איז אויך געקומען זען די פּערזענלעכע אַדלער פאַמיליע־דראַמע, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אויף דער בינע. וויל איך צוליב סענטימענטאַלע זכרונות דאָ פאַרצייכענען, אַז די ערשטע אויפפירונג פון „סיביריאַ״ איז פאָרגעקומען אין 1891 — אַרום אַ יאָר נאָך דעם גט פון מיינע טאַטע־מאַמע. און אָט איז דער פּערסאָנאַל און די שוישפּילער ביי יענער סאַמע ערשטער פאָרשטעלונג:

אברהם ראָזענקראַנץ — יעקב פּ. אַדלער;
זיין פרוי — פּאַולינאַ עדלשטיין;
זיין טאָכטער — סאַראַ אַדלער;
לעווין, אַ לערער — זיגמונד פיינמאַן;
פאַניע — דיינע פיינמאַן;
סאַמואיל, אַ סטודענט — לעאָן בלאַנק;
סאַבוראָוו, אַן אויספאָרשונגס־ריכטער — דוד קעסלער;
בערל טאַראַטוטיע — צעזאַר גרינבערג;
שפּענדיג, אַ דינער — זיגמונד מאָגולעסקאָ.

די ערשטע נייע פּיעסע יענעם סעזאָן איז געווען ליבינ׳ס „די גרויסע פּראָגע״. האַלט איך עס פאַר וויכטיק דאָ צו אונטערשטרייכן, אַז אין זיין טעאַטער איז אַנשל שאַר געווען דער באַלעבאָס אויף דער בינע. ער איז געגאַנגען קעגן דער אָנגענומענער מעטאָדע אין אידישן טעאַטער, אַז דער סטאַר פון דער טרופּע דאַרף זיין דער רעזשיסאָר. אפילו מיין טאַטע, דער גרויסער יעקב פּ. אַדלער, האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן אַנשל׳ס רעזשי. אַדלער איז שוין אין יענע יאָרן געווען צופרידן מיט וואָס ווייניקער אַרבעט און וואָס קלענערע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. בלויז אין פּיעסן פון אדלער׳ס רעפּערטואַר, האָט זיך אַנשל כמעט ניט געמישט. מיט דעם פלעגט זיך אָפּגעבן איזידאָר קעשיר, וועלכער האָט זייער גוט געקענט אַדלער׳ס רעפּערטואַר און זיינע וועגן.

איז דאָ כדאי זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דעם וועג וואָס האָט איזידאָר קעשיר׳ן געפירט צו דער אידישער בינע וואו ער האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע און איז געוואָרן איינער פון די זיילן אין דעם וואָס איך באַצייכן אַלס די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע פון אידישן טעאַטער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין דער צייט ווען כמעט יעדער סטאַר און אונטער־סטאַר האָבן געהאַט זייערע געשוואָרענע פּאַטריאָטן וואָס האָבן זיך שטאַרק געזאָרגט און אָפּגעהיט דעם כבוד פון זייער ליבלינג. ווייל דאָס איז כמעט אַ פאַרגעסן קאַפּיטל געשיכטע פון אידישן טעאַטער, פון אַרום פיר צענדליק יאָר צוריק, פיל איך אַז איך דאַרף מער אויפקלערן וואָס די פּאַטריאָטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט. אָט דער נאָמען „פּאַטריאָטן״, וואָס איז געוויינלעך פאַרבונדן מיט סענטימענטן געפילן צו זייער היימלאַנד — דריקט בלויז טייל־ווייז אויס דאָס וואָס די פּאַטריאָטן ביים אידישן טעאַטער האָבן געפילט צו זייערע אויסדערוויילטע. זייער איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט איז געווען אומבאַגרענעצט.

קיין זאַך איז ניט געווען צו־שווער פאַר אַ טעאַטער־פּאַטריאָט צו טאָן פאַר זיין ליבלינג — גיין אַ גאַנג, נאָכטראָגן די פּעקלעך, בכלל צופרידנשטעלן יעדן קאַפּריז, און צייטנווייז ווילדע פאַרלאַנגען וואָס זייער באַליבטן סטאַר האָט נאָר געקענט איינפאַלן...

עס איז געווען פאַר זיי דאָס גרעסטע גליק, ווען זייער סטאַר האָט זיי געהייסן עפּעס טאָן פאַר אים. ווי איז געווען צו דעם וואָס האָט אויסגעדריקט אומצופרידנקייט אָדער גערעדט מיט ביטול וועגן אַ סטאַר אין דער אָנ־וועזנהייט פון יענעמס פּאַטריאָטן. גאַנץ אָפט פלעגן פאָרקומען מלחמות, ממש פיזישע שלאַכטן, צווישן איין גרופּע פּאַטריאָטן מיט אַ צווייטער. דאָס פלעגט איבערהויפּט פּאַסירן ווען אַ סטאַר אָדער אַ סטאַריכע פלעגט אויסקומען צו

שפּילן אַ ראָל פון אַ צווייטן סטאַר אָדער סטאַריכע. פלעגן די פּאַטריאָטן ניט נאָר האָבן געשלעגן צווישן זיך, נאָר די בינע פלעגט אָפט באַוואָרפן ווערן מיט פוילע פרוכט און ווייכע טאָמעיטאָס.

געדענק איך ווי די מאַמע פלעגט דערציילן, ווען קעני ליפּצין איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין בערטאַ קאַליש׳עס אַ ראָלע, אַלס עטי אין גאָרדינ׳ס „קרייצער סאָנאַטאַ״. אַ פאַרצווייפלטע, כמעט היסטעריש, איז זי אַריינגעקומען אין גאַרדעראָב און זיך באַקלאָגט פאַר מיין מאַמען, וועלכע האָט אין דער פּיעסע מיטגעשפּילט: „דיינע, מען האָט מיך באַוואָרפן מיט עפּל און מיט באַרן״.

האָט איר די מאַמע געטרייסט: „זיי ניט אַזוי פאַרצווייפלט. מען האָט דיך באַערט מיט „פּריכטע״ (פרוכטן).

די מאַמע האָט עס איר אומיסטן געזאָגט אין דייטשן, ס׳זאָל קלינגען שענער.

די מערסטע פון די דאָזיקע פּאַטריאָטן זיינען געווען זייער אָרעם, ווייל זייענדיק פאַרקאָכט אין זייער ליבלינג און אין אידישן טעאַטער, בכלל, האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט זייער פּרנסה. זיינען געווען סטאַרס אַזעלכע, וואָס האָבן כאָטש אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און זייערע פּאַטריאָטן באַזאָרגט מיט פרייע בילעטן אין זייער טעאַטער. אפילו פון צייט צו צייט זיי צוגעוואָרפן אַביסל קליינגעלט. אָבער ניט אַלע זיינען געווען אַזוי. זיינען פאַראַן אָן אַ שיר עפּי־זאָדן און מעשיות וועגן די פּאַטריאָטן און זייערע סטאַרס. וועל איך אייך בלויז איבערגעבן איין עפּיזאָד אַזאַ, וואָס כאַראַקטעריזירט סיי די געפאַלנקייט פון אַ צאָל פון יענע פּאַטריאָטן און סיי די גרינגשעצונג וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן.

איינער פון אַדלער׳ס באַוואוסטע פּאַטריאָטן וועלכער האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן דערדינט צו ווערן אַן אוניפאָרמירטער היטער אין דער לאָבי פון אַדלער׳ס טעאַטער, האָט אַמאָל צוגעזען ווי מיין ברודער אייב נעמט אַ שטיקל שאָקאָלאַד פון אַ היפּשן בלעכענעם שאַכטל. דער פּאַטריאָט האָט מיט זשעדנעקייט געקוקט אויף אייבי׳ן, און ענדלעך האָט ער זיך מער ניט געקענט צוריקהאַלטן און געזאָגט: „דעם גרויסן אַדלער׳ס זון עסט שאָקאָלאַד און אָפּערט מיר אפילו ניט אַ קליין שטיקעלע. ווי איז מען דאָס אַזוי קאַרג?״...

אייב האָט זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה און דאַן געזאָגט: „ביזט גערעכט, גולאַש. אָבער כדי דיר צו ווייזן אַז איך בין ניט קיין קאַרגער, נאַ דיר אַוועק דאָס גאַנצע שאַכטל״.

גולאַש האָט זיך צוגעכאַפּט צו דעם שאָקאָלאַד און געגעסן איינס נאָכן אַנדערן — ביז ער האָט עס אינגאַנצן אויפגעגעסן. פינף־זעקס טעג, האָט

מען גולאַש׳ן ניט געזען אין דער לאַבי. מוז איך אייך אויסזאָגן, אַז דאָס היפּשע קעסטל שאָקאָלאַד איז געווען דער באַרימטער „עקס־לאַקס״...

מען דאַרף נאָך צום קרעדיט פון יענע פּאַטריאָטן צוגעבן, אַז אַ היפּשע צאָל פון זיי האָבן דערגרייכט הויכע פּאָזיציעס אין אידישן טעאַטער און אויך אויף בראָדוועי און אין האָליוואוד. עס איז גענוג בלויז צו דערמאָנען דעם באַרימטן בראָדוועיער טעאַטער־־אימפּרעסאַריאָ, דעם גרויסן דעיוויד בע־לאַסקאָ׳ס איידעם, מאָריס געסט, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַלס פּאַטריאָט אין אידישן טעאַטער אין באָסטאָן, און אַוודאי האָט אונזער אייגענער איזידאָר קעשיר זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען מיט זיינע דערגרייכונגען אין אידישן טעאַטער, ער אויך האָט אָנגעהויבן אַלס פּאַטריאָט. ער איז געווען איינער פון די „שטאַרקע״ אין יענער פּאַטריאָטן גרופּע, אַדלער׳ס אַ געשוואָרענער. ער האָט אַדלער׳ן גוואַלדיק פאַרגעטערט און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַדלער׳ס באַגעבסטער מענטש. קעשיר איז כמעט געוואָרן זיין לייבוועכטער. זייער אָפט ווען אין זיינע באַגעגענישן פלעגט אַדלער׳ן עמעצער ניט געפעלן, אָדער אויב עמעצער האָט זיך פאַרהאַלטן חוצפּה׳דיק צו אים, בפּרט אַז עס איז געווען אַ גוי מיט אַן אָנדייטונג אויף אַנטיסעמיטיזם, פלעגט ער זאָגן קע־שיר׳ן אַז ער זאָל אים צורעכט מאַכן...

אַזוי, למשל, איז פאָרגעקומען אַ סצענע אין סאָבוועי, ווען אַדלער איז געזעסן און געליינט אַ אידישע צייטונג. אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ שטאַרקער גויעץ און אָפּלאַכעריש געקוקט אויף אַדלער׳ן. ער האָט זיך ענדלעך אויפגעשטעלט און האָט ציניש אַדלער׳ן דערלאַנגט זיין ענגלישע צייטונג. אַדלער האָט צוזאַמענגעלייגט זיין אידישע צייטונג, גענומען ביים גוי זיין ענגלישע צייטונג און אים דערלאַנגט דערפאַר די אידישע צייטונג. דער גוי האָט זיך ברייט אָוועקגעזעצט, צעעפנט די צייטונג און מיט גרויס חוזק אָפּגעשפּאָט פון דעם אידישן שריפט.

מיין טאַטע האָט שוין מער ניט געליינט. ער איז געזעסן און מיט זיין בליק דורכגעדרונגען דעם גוי און זיין חוזק. ווען דער גוי האָט זיך אויפ־געשטעלט אַרויסצוגיין, האָט זיך אַדלער אויפגעהויבן, אַ וואונק געטאָן צו קעשיר׳ן און אים געזאָגט: „קום, וועסט אים דאַרפן פאַר אַלץ באַצאָלן...״ יענער האָט זיך אסור גענאַרט. קעשיר האָט אים פאַר אַלץ באַצאָלט. די קלעפּ האָט ער זיכער לאַנג ניט פאַרגעסן.

אַדלער האָט אָבער אין קעשיר׳ן, חוץ זיין שטאַרקייט, אויך דערשפּירט אַ פעאיקייט און טאַלאַנט פאַר דער בינע. ער האָט אים שטאַרק דערמוטיקט, אים פון צייט צו צייט געלאָזט שפּילן אַ ראָלע; אים צוגערעדט אַריינצוגעבן אַן אַפּליקאַציע אין דער אידישעראַקטיאָרן־ יוניאָן. ער איז אפילו אַליין גע־

קומען אין דער יוניאָן, ווען קעשיר האָט געמאַכט זיין פּראָבע. סיי די יוניאָן, סיי דאָס אידישע טעאַטער בכלל, האָבן געהאַט אַ גרויס געווינס אין איזידאָר קעשיר.

איך קען ניט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל „פּאַטריאָטן" איידער איך דערצייל פון אַ זייער מאָדנער באַגעגעניש מיינער אין לאָנדאָן, אַרום 1931. איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין איראָפּע, האָט מיינער אַ גוטער פריינט פון קענעדע, זייענדיק אין ניו יאָרק, מיך געבעטן איבערצוגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס זיינעם אַ ברודער אין לאָנדאָן. ער האָט אים הפנים געשריבן וועגן מיין אָנקומען אַהין, ווייל איך האָב פון דעם ברודער און זיין פרוי געקראָגן אַן אויסערגע־וויינלעך וואַרעמע אויפנאַמע. זיי זיינען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. זיי האָבן מיך איינמאָל פאַרבעטן מיט זיי צו פאָרן צו אַ גוטן פריינט זייערן, „מיר זיינען זיכער אַז איר וועט הנאה האָבן פון דער באַקאַנטשאַפט".

בין איך באמת געווען איבעראַשט פון דעם אויסערגעוויינלעך לוקסוס־דיקן פּאַלאַץ, אין וועלכן איך בין אַריינגעקומען.

מיין פריינטס ברודער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז אין די הענט פון באַ־לעבאָס פון דעם פּאַלאַץ ליגט די גאַנצע מואַווי־אינדוסטריע פון ענגלאַנד. עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען דעם נאָמען זיינעם. דער מואַווי־אינדוסטריאַליסט האָט געהאַט זייער אַ בכבוד'יקן אויסזען, און האָט אונז זייער פריינטלעך אויפגענומען אין דעם ספּעציפישן לאָנדאָנער ענגליש. זיין ווייב — פאַרפּוצט אין אַ רייט־קאָסטיום, האָט זיך פאַר אונז זייער קאַלט אַנטשולדיקט — זי האָט אַ פריערדיקע באַשטעלונג — און איז אַוועק. ווי נאָר זיין פרוי איז אַרויס פון הויז, איז ער צו צו מיר און אין אַ געשמאַקן, זאַפטיקן אידיש זיך מיט מיר צערעדט. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז מיט צענדליקער יאָרן צוריק איז ער געווען מיין טאַטנס אַ פּאַט־ריאָט און האָט אָפט סטאַטיסטירט אין זיין, אַדלער'ס גרענד טעאַטער. ער האָט מיט פרייד זיך דערמאָנט ווי אין אַ געוויסער פּיעסע איז ער געווען איינער פון אַן אָריענטאַלישער אַרמיי אין אַ מאַסן סצענע. ער האָט געדאַרפט שטיין אויסגעצויגן, מיטן קאָפּ אין דער הויך, און די שפּיז גלייך פאַר זיך. ער איז אָבער אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון אַדלער'ס שפּילן, אַז ער האָט זיין פּאָזע אינגאַנצן פאַרגעסן. זיין קאָפּ איז ניט געווען אין דער הויך, זיין שפּיז איז ניט געשטאַנען גלייך. ווען אַדלער איז אין זיין ראָלע אַלס הערשער אים פאַרבייגעגאַנגען, און דערזען אים אין זיין קרומער פּאָזע, האָט ער אים דערלאַנגט אַ פּאַטש... ביז היינט איז ער גליקלעך וואָס ער האָט אַרויסגע־רופן ביי אַדלער'ן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט. מיט שטאָלץ האָט ער זיך באַרימט, דערציילנדיק פון דעם אינצידענט.

ווען מיר האָבן פאַר דער דערעפענונג פון יענעם סעזאָן אין פילאַדעל־פיע געמאַכט עטלעכע געאיילטע פּראָבען פון אַדלער׳ס רעפּערטואַר, האָב איך באמת באַוואונדערט דעם גוואַלדיקן צוטרוי און כמעט דרך־ארץ, וואָס אַדלער האָט אַרויסגעוויזן צו זיין אַמאָליקן פּאַטריאָט, איזידאָר קעשיר. ס׳האָט לאַנג גענומען אַדלער׳ן עמעצן צו אַנערקענען. אָבער האָט ער אין עמעצן דערזען פונקען פון אמת׳ן טאַלאַנט איז ער געוואָרן זיין געטרייסטער פאַר־ערער און ווי וויט מעגלעך אים געהאָלפן און אים אַרויסגעפירט פאַרן ברייטן עולם און אים עפנטלעך געגעבן אַנערקענונג.

האָבן אַ היפּשע צאָל אַקטיאָרן אין דער פּראָפעסיע אַ סך געוואונען פון זיין אַנערקענען זיי. ס׳זיינען באַוואוסט אפילו פאַלן פון שוישפּילער צו וועמען אַדלער האָט אָנגעהאַלטן זיין אַנערקענונג און געטריישאַפט, כאָטש זיי האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס און ערגערניש. איינער פון זיי איז געווען גוסטאַוו שאַכט, דער זייער פיינער אַקטיאָר. ער איז בטבע געווען אַ רעוואָלוציאָנער־געשטימטער מענטש, פלעגט אָפט רעוואָלטירן קעגן אַדלער׳ן, און האָט זיך ניט געהיט פון אַרויסצוזאָגן זיינע מיינונגען צו אים אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאַנצער טרופּע. פלעגט דאָס, פאַרשטייט זיך, אַדלער׳ן שטאַרק ערגערן. יעדעס מאָל ווען ער האָט געהאַלטן אין אַנגאַזשירן שאַכט׳ן, פלעגט מען אים וואָרענען: „האָסט דאָך אַזוי פיל ערגערניש פון אים, וואָס דאַרפסטו אים?״ אַדלער האָט אַלעמאָל געהאַט איין ענטפער: „ס׳איז טאַקע אמת, ער ערגערט מיך אַ סך מאָל. ער איז אָבער אַ גוטער אַקטיאָר. איך מוז אים האָבן״.

דער פאַקט וואָס שאַכט איז געווען זיין מחותן האָט דאָ קיין ראָלע ניט געשפּילט. איר געדענקט דאָך אַוודאי, אַז גוסטאַוו שאַכט׳ס טאָכטער, עמילי, איז מיין שוועגערין, די פרוי פון מיין ליבן ברודער טשאַרלי.

אַ פּאָר מאָל שוין האָב איך אין מיינע פריערדיקע קאַפּיטלען צוגעזאָגט צו דערציילן ווי שווער עס איז זאַצ׳ן אָנגעקומען זיין קאַמף פאַר אַנערקענונג. פיל איך, אַז ניט דערפאַר וואָס ער איז געווען מיין שוואָגער, נאָר צוליב זיין אויסערגעוויינלעך גרויסן טאַלאַנט און דעם נאָמען וואָס ער האָט זיך געשאַפן אין אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, האָט ער פאַרדינט איך זאָל איבערגעבן געוויסע פאַקטן פון דעם גאַנג פון זיין קאַריערע, סיי אין די גלאַנץ יאָרן פון זיינע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען, סיי אין די יאָרן, ווען ער האָט זיך איבערגעגעבן צו די נאַרישע מאַכערייקעס.

נאָך גאָר אַלס יונגער בחור׳ל האָט ער עטלעכע יאָר געשפּילט מיט פאַרשידענע טרופּעס אין גאַליציע. סימנים פון זיין גרויסער אַמביציע האָט זאַך שוין אַרויסגעוויזן ווען ער האָט אין לעמבערג צו זיין ערשטן ערן־אָוונט אַלס שוישפּילער געוואַגט אויפצוטרעטן אַלס „למך״ אין גאָרדינ׳ס „דער ווילדער מענטש״, איינע פון די באַרימטסטע ראָלן פון יעקב פּ. אַדלער. טאַקע פון לעמבערג איז זאַך אַנגאַזשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן פאַרן סעזאָן 1912־1913, אין פּאַוויליאָן טעאַטער, וואו מאָריס מאָסקאָוויטש איז געווען דער דירעקטאָר. שוין דאָרט האָט זאַך באַוויזן זיין ערנסטע באַציאונג צו טעאַטער בכלל און זיין דרך־ארץ און טיפע פאַרטראַכטונג ביים שטודירן און אַריינדרינגען אין אַן ערנסטער כאַראַקטער־ראָלע.

מאָסקאָוויטש האָט אויפגעפירט יעקב גאָרדינ׳ס „אלישע בן אבויה״ און האָט דעם יונגן זאַצ׳ן געגעבן די באַרימטע כאַראַקטער־ראָלע פון „טוביה אביוני״, ווי אַ סך פון אייך געדענקען, שפּילט ער אויף אַ פּייפעלע. זאַך האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן, אַז ער זאָל האַלטן עפּעס וואָס קוקט אויס ווי אַ פּייפעלע אויף דער בינע און עמעצער הינטער די קוליסן זאָל פאַר אים שפּילן. ער האָט זיך ספּעציעל געקויפט אַזאַ פּייפעלע און ביי אַ מוזיקער זיך געלערנט אויסשפּילן דעם ניגון, כאָטש ער האָט קיינמאָל קיין מוזיקאַלישן אינסטרומענט ניט געשפּילט.

האָט זאַך יענעם סעזאָן מיט מאָסקאָוויטש׳ן זיך געפילט זייער דערהויבן. ער האָט ביים לאָנדאָנער עולם אָנגעהויבן קריגן אַנערקענונג און אָנזען.

נאָך יענעם סעזאָן איז מאָסקאָוויטש אַוועקגעפאָרן אַזש קיין זיד־אַמעריקע און יאָזעף קעסלער האָט איבערגענומען די דירעקציע פון פּאַוויליאָן טעאַטער. זיין פרויען־סטאַר איז געווען מיין מאַמע, דיינע פיינמאַן; זיין סובּרעטין — מיין שוועסטער, לילי פיינמאַן. ער האָט אויך אַנגאַזשירט דעם יונגן לודוויג זאַך. איז דאָס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס לודוויג האָט זיך געטראָפן מיט זיין צוקונפטיקער שוויגער, דיינע פיינמאַן. ער האָט זיך מיט איר באַקענט אין לעמבערג ווען זי האָט דאָרט גאַסטראָלירט, און ער האָט צו איר אַפּעלירט, אַז זי זאָל אים העלפן אַרויסקריכן פון לעמבערג. און אויף דער מאַמעס רעקאָמענדאַציע האָט אים מאָסקאָוויטש געבראַכט קיין לאָנדאָן.

ס׳איז אָבער יאָ געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט מיין שוועסטער לילי. ס׳איז ביי זיי גיך געוואָרן אַ ראָמאַן און, אויב איר געדענקט, האָב איך דערציילט וועגן מיינעם אַ וויזיט קיין לאָנדאָן, וואו איך האָב אָנגעקוואָלן ווען ער פלעגט איר רופן „מיין אוצר׳ל״.

אַרום אַ יאָר נאָך זייער חתונה זייַנען זאַך און לילי געקומען קיין אַמעריקע. ווייסט איר שוין פון מיינע לעצטע עטלעכע קאַפּיטלעך ווי אַזוי מען האָט זיך

געדאַרפט איינבעטן ביי טעאַטער־מענעדזשערס אין אַמעריקע זיי זאָלן אַנגאַזשירן לודוויג זאַצ׳ן, און איר געדענקט אויך זיין פאַרצווייפלונג וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין אַן אָוונט ביי מיר אין גאַרדעראָב אַ סעזאָן פריער.

דער סעזאָן מיט מיין טאַטן אין פילאַדעלפיע האָט זיך פאַר זאַצ׳ן אויך אָנגעהויבן אויף אַ ניט קיין אַנגענעמען אופן. אַלס הויפט־קאָמיקער פון דער טרופּע איז אַנגאַזשירט געוואָרן משה זילבערשטיין. דאָס האָט געמיינט, אַז זאַצ׳ן וועט אָנקומען אַבי־וואָסערע ראָלעכלעך.

איז אָט זיצן מיר ביי דער פאַרלעזונג פון דער ערשטער פּיעסע, ז. ליבינ׳ס „די גרויסע פראַגע״. די קאָמישע ראָלע — אַ „פּעינטער״, איינער פון ליבינ׳ס כאַראַקטעריסטיש ווייכע, קאָמישע מענטשעלעך — איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר זאַצ׳ן, אפילו די פיגור. ער דאַרף זיין אַ דאַר, שוואַך אידעלע. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך מוז אַלץ טאָן, אַז זאַץ זאָל די ראָלע קריגן. נאָך דער פאַרלעזונג האָט מען קיין ראָלן ניט פאַרטיילט, ווייל זיי זיינען נאָך ניט געווען אויסגעשריבן. איך האָב געוואַרט ביז די טרופּע איז זיך צעגאַנגען און דאַן געבליבן אויף דער בינע אַליין מיט שאַר׳ן. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי ער צעטיילט די ראָלן.

אַנשל האָט מיך דורכגענומען מיט זיין בליק, און זיינע קלוגע אויגן האָבן מיט אַ שמייכל באַוויזן, אַז ער ווייסט וואוהין איך ציל:

„דו ווייסט דאָך, צילי, — דער ערשטער קאָמיקער אין טעאַטער דאָ איז משה זילבערשטיין. אים געהערט די ראָלע״.

איך האָב אים גלייך געקוקט אין די אויגן און זייער ערנסט געזאָגט:

„גלויב מיר, אַנשל, אַז ניט בלויז דערפאַר וואָס זאַץ איז מיין שוואָגער, רייד איך צו דיר איצט. איך האָב זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער ראָלע, און איך זאָג דיר: דו וועסט באַגיין אַ גרויסע זינד, סיי קעגן דער ראָלע, סיי קעגן דער פּיעסע און סיי קעגן דיין טעאַטער, אויב זאַץ וועט ניט שפּילן די ראָלע. דו ווייסט גאַרניט, אַנשל, ווי אָנגעמאָסטן די ראָלע איז פאַר אים. ס׳קען זיין, אַז צו דיין געוויסנס זיינען היינט די ראָלן ניט פאַרטיק. דו ווייסט דאָך, אַז ווען די ראָלן וואָלטן שוין געווען פאַרטיילט, וואָלט איך מיט דיר ניט גערעדט איצט. בעט איך דיך, אַנשל, באַרעכן זיך איידער ס׳וועט זיין שפּעט.

„חוץ דעם, שטעל זיך פאָר דעם קאָנטראַסט. לודוויג — אַ דאַר, שוואַך, קליין אידעלע, קוים וואָס ער האָט אַ כוח צו ריידן — קעגן זיין ווייב מיט אַכט קינדער וואָס לילי וועט שפּילן, מיט איר איצטיקער היפּש־לעך־קיילעכדיקע פיגור. איך זע דעם קאָנטראַסט אַזוי דייטלעך. דאָס אַליין וועט צוגעבן אָן אַ שיר קאָמישע סיטואַציע״.

שאָר האָט מיך באַטראַכט מיט זײַנע שאַרפֿע, קלוגע אויגן: „דו ווייסט, צילי, האָסט אפשר גאָר געדאַרפֿט זײַן אַן אַדוואָקאַט. אָבער אפשר ביזטו גערעכט. איך וויל דיר אָבער זאָגן, אַז בלויז דיר צוליב וועל איך עס טאָן. איך נעם אויף זיך אַ היפּשן פּעקל. איך וועל האָבן אַ סך צרות פון זיל־בערשטיינ׳עז, און ס׳וועט מיר ניט זײַן אַזוי גרינג עס צו פּועל׳ן ביי דײַן טאַטן".

„גיב מיר דײַן וואָרט, אַז לודוויג קריגט די ראָלע. וועגן מײַן טאַטנ׳ס צושטימונג, פאַרלאָז זיך אויף מיר".

ער האָט מיר פאַרזיכערט.

„הער־זשע אויס אַנשל, איך בין אַזוי איבערצייגט אין דער אמת׳דיקייט פון מײַן מיינונג, אַז איך בין גרייט אײַנצושטעלן דײַן צוטרוי צו מיר, וואָס דאָס איז ביי מיר אַ סך ווערט. וויל איך דיר זאָגן, אַז אויב דו וועסט ניט זײַן צופרידן, אפילו באַגייסטערט, פון זאַצ׳ן אין דער ראָלע, וועל איך האַלטן, אַז איך האָב פאַרלוירן ביי דיר. איך וואַרף זיך ניט מיט מײַן רעפּוטאַציע, און אַוודאי ניט מיט דײַן צוטרוי צו מיר..."

לודוויג האָט די ראָלע געקראָגן. אָבער ניט איך און ניט לודוויג האָבן דורך די צוויי וואָכן פּראָבע געהאַט אַ מינוט צופרידנקייט. מײַן טאַטע האָט אויף אַלערליי אופנים אַרויסגעוויזן זײַן אומצופרידנקייט. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז זאַץ מיט זײַן אינגעלשן אויסזען זאָל קענען פאָרשטעלן דעם „פּעינטער", אַ טאַטע פון אַכט קינדער. איז אים שוין, במילא, קיין טאָן זאַצ׳ס ניט געפעלן. דאָס האָט אויף זאַצ׳ן אַזוי געווירקט, אַז ער האָט ביי די פּראָבעס באמת גאָר ניט געקענט באַווייזן — אַזוי איבערגעשראָקן איז ער געווען פאַר אַדלער׳ן.

אָבער, הפנים, אַז צו צרות קומט אויך אַמאָל אַן עק. די פּראָבעס האָבן זיך געענדיקט. וויל איך דאָ צו שאָר׳ס שבח זאָגן, אַז כאָטש איך האָב געפילט וויפיל מײַן טאַטע האָט טענות צו אים פאַר געבן זאַצ׳ן די ראָלע, האָט מיר שאָר דאָס קיין איינמאָל ניט פאַרגעוואָרפן. און אָט איז געקומען דער אָוונט פון דער פּרעמיערע. איך האָב געפילט זאַצ׳ס האַרץ און זיך פאַרגעשטעלט מיט וואָס פאַר אַ ציטערדיק געפיל ער גרימירט זיך פאַר דער ראָלע.

זאַץ, ווי אַ סך פון אייך ווייסן, איז אַ דאַנק זײַן מאַלערישן טאַלאַנט, געווען אַן אויסערגעוויינלעך קינסטלערישער גרימירער. אַ סך שוישפּילער האָבן מיר דערציילט, אַז שטייענדיק נאָענט צו אים, פלעגן זיי ניט קענען דערקענען אויף זײַן פּנים וואָס פאַר אַ שטריכן זײַנען געמאַכטע און וואָסערע זײַנען נאַטירלעכע. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זײַן גרים און אַנטוועקן פאַר יענעם „פּעינטער", האָט ער באַשלאָסן אַרײַנגיין צו אַדלער׳ן אין גאַרדע־

ראָב, כדי אויב אַדלער׳ן וועט עס ניט געפעלן, קען ער עס נאָך איצט בייטן. דאַרפט איר אויך וויסן, אַז אַדלער אַליין האָט געהאַט אַ גרויסע רעפּוטאַציע אַלס גרימירער.

ווען זאַץ האָט אָנגעקלאַפּט ביי אים אין טיר פון זיין גאַרדעראָב און איז אַריינגעקומען, האָט אַדלער מיט אומגעדולד און זייער שטרענג, קוקנדיק אין שפּיגל, אַ זאָג געטאָן: „ווער זייט איר, וואָס טוט איר דאָ?"

זאַץ האָט שטאַמלענדיק געענטפערט: „איך, ע, איך בין דאָס דער „לודוויג זאַץ"."

אַדלער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט זיינע גרויסע צעעפנטע אויגן, געקוקט אויף זאַצ׳ן און געזאָגט: „ניין, איר זייט ניט זאַץ, איר זייט דער פּעינטער, ליבינ׳ס פּעינטער!"

פון יענער מינוט אָן איז אַדלער געוואָרן זאַצ׳ס גרעסטער פאַרערער. ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. אַזוי לאַנג ווי אַדלער איז יענעם סעזאָן געבליבן אין אַרטש סטריט טעאַטער, האָט זאַץ זיך ניט געדאַרפט זאָרגן פאַר ראָלן.

אַנשל שאָר׳ן האָב איך שוין קיינמאָל ניט געדאַרפט „פאַרקויפן" זאַצ׳ן. ער האָט דערזען זאַצ׳ס גרויסקייט...

יענעם סעזאָן, 1916־1917, אין אַרטש סטריט טעאַטער, האָט זיך גע־פּלייסט כמעט אומבאַמערקט נאָך אַ צוקונפטיקער גרויסער סטאַר פון דער אידישער בינע, אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, מיט אַ זייער קינדיש פיגורקעלע. זי איז געווען אָנגעשטעלט טיילוויז אַלס כאָריסטקע, און פון צייט צו צייט געשפּילט אַ קליינע ראָלע. איר מאַמע איז געווען די דרעסערקע אין טעאַטער, פלעגט זי איר טעכטערל ראָטן צו שטיין אין די קוליסן ווען נאָר זי האָט צייט און צוקוקן ווי צילי אַדלער שפּילט. „קענסט פון איר אַ סך לערנען".

פלעג איך אָפט זען ווי אירע גרויסע, שיינענדיקע אויגן קוקן מיר נאָך פון די קוליסן.

איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז אַנשל שאָר האָט געהאַט אַן ערנסטע און שטרענגע באַציאונג צו דער בינע. פלעגט זיך אָפט מאַכן אַ פּיעסע, אין וועלכער איך האָב ניט געהאַט קיין ראָל. ס׳איז אָבער דאָרט געווען אַ קליינע ראָלע פון אַ יונג מיידל. פלעגט שאָר זיך ביי מיר איינבעטן, אַז איך זאָל אין דער ערשטער וואָך, ווען די פּיעסע ווערט אויפגעפירט, אים צוליב טאָן און שפּילן דאָס ראָלעכל. „איך בעט דיך, צילי, זאָג מיר ניט

אָפּ. איך האָב עמעצן צו שפּילן די ראָלע, איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט זי אוועקשטעלן״.

שאָר, האָט, בכלל, מיך אין טעאַטער אַזוי פיין באַהאַנדלט, אַז איך האָב אים ניט געקענט אָפּזאָגן. נאָך דער ערשטער וואָך פלעגט שוין דאָס מיידל שפּילן די ראָלע.

זי האָט אָבער יענעם סעזאָן ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַווייזן סימנים פון איר שפּעטערדיקער גרויסקייט. ערשט מיט אַ יאָר צוויי שפּעטער, ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָט איר אַמביציעזער און טעאַטראַליש־פּעאיקער מאַן, מיט איר געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע, וואו זי איז באַרימט געוואָרן אין אַ חנ׳עוודיקער, מוזיקאַלישער קאָמעדיע, „יאַנקעלע״. איר גרויסער דערפאָלג אין רומעניע האָט דערגרייכט די אַמעריקאַנער טעאַטער־מענע־דזשערס, און דער יונגער עדלשטיין איז געלאָפן קיין רומעניע, צו אַנגאַזשירן יענע מיידל פון פילאַדעלפיע, און ער האָט געמאַכט אַ סך געלט מיט דער גרויסער מאָלי פּיקאָן.

זי האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן פון סטאַרס אין אידישן טעאַטער אַ היפּשע צאָל יאָרן. ביז היינט צו טאָג איז די פירמע מאָלי פּיקאָן און יעקב קאַליך אַ גרויסער שלאַגער אין אידישן טעאַטער.

וואָס ס׳איז אָבער זייער טשיקאַווע, אַז נאָך יענעם דערפאָלג אירן אין רומעניע, ווען מיר איז אויסגעקומען דאָרט צו גאַסטראָלירן, האָבן אַ צאָל טעאַטראַלן, פּריינט פון אידישן טעאַטער, זיך אויסגעדריקט, לויבנדיק מיך: „אָבער זייט מוחל, מאַדאַם אַדלער, עס איז מערקווירדיק, וואָס אַ סך פון אייערע שטיפערישע באַוועגונגען און טענער דערמאָנען זייער שטאַרק אין מאָלי פּיקאָן״.

אפילו אין דעם גליק פון ווערן אַ מאַמע, דאַרף אַ הויפּט־שוישפּילערין פון אַ טעאַטער אינזינען האָבן, אַז זי זאָל מיט איר גליק ניט שעדיקן דאָס טעאַטער וואו זי שפּילט. האָב איך יענעם סעזאָן אין פילאַדעלפיע געהאַט אָט די פּראָבלעם. איז מיר אויסגעקומען די לעצטע וואָכן פון סעזאָן אויס־מאַרקירן אויף דער בינע צו שטיין אונטער אַ בענקל כדי צו פאַרשטעלן מיין ניט גאָר מיידלשע פיגור.

געדענק איך ווי אַ סך פאַרערערינס מיינע האָבן אויסגעדריקט זייער וואונדער וואָס איך, זייער ליבלינג צילי אַדלער, היט ניט אָפּ מיין פיגור. זיי האָבן באַדויערט וואָס איך גיב נאָך מיין אַפּעטיט, און עס, הפּנים, צופיל.

זיי האָבן מיר גע׳עצה׳ט, אַז איך זאָל זיך באַזאָרגן מיט אַ בעסערן קאָרסעט. איינע, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט פון קאָרסעטן, האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין געשעפט, זי וועט מיר שוין העלפן אין דער הינזיכט.

צו מיין גליק איז מיין שוואַנגערשאַפט געווען אין אַזאַ פאָרמע, וואָס קיינער האָט ניט פאַרדעכטיקט אַז איך בין אין „אַנדערע אומשטענדן". ניט נאָר דער עולם, נאָר אפילו די שוישפּילער מיט מיר אויף דער בינע איז ניט איינגעפאַלן אַז איך טראָג. די לעצטע פּיעסע פון סעזאָן וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן איז געווען קאָברינ׳ס באַוואוסטע דראַמע, „טיר נומער דריי". אַ דאַנק דער פּיעסע האָב איך מיין סוד געמוזט פאַרטרויען דעם שוישפּילער דוד באַראַץ.

אין אַ געוויסער סצענע דאַרף ער, מיין מאַן, אין אַ זייער אויפגערעגטן צושטאַנד מיך אויפהויבן אויף זיינע הענט, לויפן מיט מיר איבער דער גאַנצער ברייט פון דער בינע כדי מיך אַרויסצוראַטעווען פון אַ פאַרפלאָנטערטער אינטריגע. האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, ס׳זאָל חלילה עפּעס ניט פּאַסירן, כאָטש ער איז געווען אַ זייער שטאַרקער און קרעפטיקער מענטש. צוליב זיכערקייט האָב איך אים דערציילט מיין צושטאַנד און אים געבעטן ער זאָל זיין פאָרזיכטיק, סיי ביים אויפהויבן, סיי ביים אַראָפּלאָזן. איך געדענק אפילו ווען ער איז געלאָפן מיך טראָגנדיק אַ פאַר׳חלש׳טע, דערקלערנדיק פאַרן עולם וואָס ער טוט, פלעג איך שעפטשען: „גיב אַכטונג, גיב אַכטונג!..."

מיין זון איז געבוירן געוואָרן עפּעס מער ווי אַ וואָך נאָכן טעאַטער־סעזאָן, דעם פינפטן יוני, 1917, אין דעם סעינט ענ׳ס שפּיטאָל אין פילאַדעלפיע. קען איך ניט זאָגן, אַז דאָס טראָגן און האָבן זיינען מיר אָנגעקומען זייער שווער. ס׳זיינען אָבער אַרום דעם געווען פאַרדריסלעכע און אויך קאָמישע פּאַסירונגען

דער גרעסטער פאַרדרוס מייגער איז געווען וואָס מיין טאַטע איז צום ברית פון מיין זון ניט געקומען. דער תירוץ איז געווען, למאי איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין „צווייטן טאַטן", זיגמונד פיינמאַן, אין אידיש, אָשר־זעליק... איז כאָטש איך בין שוין געוואוינט געווען צו אָפטע ניט־פאָטערלעכע באַציאונגען פון מיין טאַטן, האָט עס מיך דאַמאָלסט שטאַרק וויי געטאָן. עפּעס איז דאָ אין מוטערשאַפט, וואָס ברענגט אַרויס אויסערגעוויינלעך סענסיטיווע און סענטימענטאַלע געפילן... דאָס איז געווען אַ צייטווייליקער פאַרדרוס וואָס איך האָב מיט דער צייט פאַרגעסן.

דערפאַר אָבער זיינע אַרום מיין ווערן אַ מאַמע פאָרגעקומען אָן אַ שיר פריילעכע און קאָמישע עפּיזאָדן. אַוועק אין שפּיטאָל בין איך פיר אַזייגער

פאַרטאָג. פאַרשטייט זיך, אַז די מערסטע אין הויז זיינען געווען אויף און האָבן מיך באַגלייט צו דער טיר. געדענק איך ווי מיין מאַמע האָט מיר נאָכגעשריען: „געדענק, ציליקו, פון דיר דערוואַרט איך אַ זון...״ און איך האָב צוריקגעשריען: „קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, מאַמע, איך וועל דיר צוליב טאָן...״

ווען די נייס איז אַרויס אין די צייטונגען, האָב איך געקראָגן אָן אַ שיר בריוו און קאַרטלעך מיט „מזל־טוב׳ס״ פון פילאַדעלפיער עולם. אַ סך האָבן געשריבן, אַז אין זייער שאָפּ האָט מען געמאַכט אַ יום־טוב, געטרונקען וויין און געוואונטשן „מזל־טוב צו אונזער צילי אַדלער״. עס איז וועגן דעם אויך געשריבן געוואָרן אין די צייטונגען.

אין מיינע שטאַרקסטע ווייען אין שפּיטאָל געדענקט זיך מיר אַ טשיקאַווער איינדרוק וואָס מיינע געשרייען האָבן ביי מיר אַרויסגערופן. אַלע ווייסן, אַז געבורט־ווייען זיינען גאָרניט קיין קלייניקייט. איז עס מערקווירדיק וואָס איך וועל איצט דערציילן. געוויינלעך שרייט אַ קימפּעטאָרין אין אירע ווייען, „אוי, ווי, מאַמע!״ דורך די ווייען ווערט דאָס וואָרט „מאַמע״ שטאַרק אויסגעצויגן. האָבן אין מיינע אויערן מיינע געשרייען און די טענער וואָס זיינען אַרויסגעקומען אין דעם אויסגעצויגענעם וואָרט „מאַמע״ מיך שטאַרק דערמאָנט אין באָריס טאָמאַשעפסקי׳ס אָפּטע אומנאַטירלעכע אויסגעשרייען אויף דער בינע. אין דער מינוט וואָס די ווייטיקן האָבן מיך אָפּגעלאָזט, האָב איך דערפון שטאַרק געלאַכט.

עס איז זייער מאָדנע וואָס אויך אין דעם, אין האָבן אַ קינד, האָט מען מיר מקנא געווען. די פרוי פון אונזער קאָמיקער משה זילבערשטיין איז אין פאַרגלייך מיט מיר געווען זייער אַ היפשע פרוי. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז צוויי וואָכן נאָך מיין קימפּעט איז זי געגאַנגען צו קינד, און האָט געהאַט זייער אַ שווער „האָבן״. אין אירע ווי־געשרייען האָט זי געהאַט איין טענה: „גוואַלד, ווי אַזוי האָט צילי אַדלער געקענט האָבן אַ קינד?!״

איך האָב פאַרגעסן איך צו דערציילן נאָך איין זאַך. ווען איך בין יענעם אינדערפרי אַוועק אין שפּיטאָל, האָב איך ביט געלאָזט אויפוועקן מיין פייגע׳ן. געטאָן האָב איך עס צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס, האָב איך געוואוסט, אַז זי וועט וועלן מיטגיין מיט מיר אין שפּיטאָל, האָב איך ניט געוואָלט אַז זי זאָל דורכמאַכן די שווערע צייט מיינע. צווייטנס, געדענקט איר אפשר, אַז פייגע האָט צורעדנדיק מיך צו האָבן אַ קינד, מיר געזאָגט: „דו דאַרפסט בלויז טראָגן און האָבן דאָס קינד. דאָס איבעריקע נעם איך אויף זיך״... אַזוי ווי דאָס טראָגן האָב איך שוין בשלום דורכגעמאַכט, האָב איך געוואָלט.

אויב מעגלעך, דאָס האָבן אויך דורכמאַכן אַן איר און דערפילן, אַזוי־צו־זאָגן, מיין אָפּמאַך מיט איר.

געפין איך, אגב, פאַר נויטיק עפּעס צו זאָגן וועגן דעם עצם ענין, פון האָבן מיין קינד, וואָס עס האָט מיך אַממערסטנס באַוואויגן צו האָבן אַ קינד.

דאָס צוזאַמענלעבן פון לאַזאַר׳ן און מיר איז ניט געווען וואָס איך האָב דערוואַרט. אַ סך פון מיינע אילוזיעס וועגן לאַזאַר׳ן — זיין פיינקייט און איידלקייט — האָבן ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויסרינען. עס איז זייער מעגלעך, אַז אַ גרויסע שולד אין דעם האָט געהאַט זיין געזונט־צושטאַנד, וואָס איז ניט געווען צו גוט. אַ סך פון זיינע נערוועזע און אויפגערעגטע אויסברוכן זיינען אפשר געווען אַ רעזולטאַט פון יענעם צושטאַנד זיינעם. איך האָב זיך אויך געפילט זייער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט פון אים... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געבליבן אַ סוד בלויז צווישן אונז, אין דער עפנטלעכקייט איז פריד כסדר געווען דער זיידענער, איידעלער מענטש. איך האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז אונזער צוזאַמענלעבן האַלט ביים צוזאַמענברעכן און איך האָב באַשלאָסן, אַז אפשר וועט אַ קינד דעם צושטאַנד ענדערן. געדענק איך, ווען מען האָט מיך אַרויסגעפירט פון דער „דעליווערי־רום" (צימער אין שפּיטאָל, וואו די דאָקטורים נעמען אָפּ דאָס קינד ביי דער געווינערין), און פריד וואָס האָט געוואַרט הינטער דער טיר איז צוגעגאַנגען צו מיר, אַ באַזאָרגטער און אַ צעטומלטער, האָב איך, נעמענדיק זיין האַנט, אים געזאָגט: „איצט, לאַזאַר, זאָג מיר צו, אַז פון היינט אָן וועסטו זיין גוט צו מיר..."

וויל איך מיין באַשרייבונג פון יענעם סעזאָן אין פילאַדעלפיע ענדיקן מיט ציטאַטן פון אַ לענגערן אַרטיקל וואָס עס האָט געשריבן דער באַרימטער זשורנאַליסט און טעאַטער־קריטיקער א. פרומקין, צו דער געלעגנהייט פון מיין ערן־אָוונט יענעם סעזאָן.

שטעלט ער זיך אָפּ אויפן פאַקט וואָס איך פאַרלאָז פילאַדעלפיע פאַרן קומענדיקן סעזאָן, און פּרוּווט אויפקלערן די אורזאַכן:

„מיר האָבן שוין איינמאָל אָנגעוויזן אויף די אומשטענדן, וועלכע האָבן אויף מער ווי אַ העלפט פון סעזאָן כמעט אַוועקגעשטעלט צילי׳ן אין הינטערגרונד פון דער בינע, אָדער זי געלאָזט זיצן אין דער לאָזשע און צוקוקן ווי אַנדערע שפּילן ראָלן צו וועלכע זי איז געשאַפן און צוגעפּאַסט. דאָס האָט אפשר בייגעטראָגן צו צילי׳ס באַשלוס זיך צו געזעגענען מיט פילאַדעלפיע.

„דאָס טעאַטער־לעבן איז פול מיט אַזעלכע אומשטענדן, מיט הינטער־קוליסן אינטריגעס. אַקטיאָרן האָבן צו דערציילן וועגן אומאָנגענעמלעכקייטן

מיט וועלכע מען מוז זיך אויף שריט און טריט באַגעגענען, וועגן דער קנאה־שנאה וואָס הערשט צווישן אַקטיאָרן, וועגן די צרות וואָס עס קומט אויס צו ליידן פון פּאַטענטירטע „סטאַרס", כיטרע מענעדזשערס און אַמאָל אויך פון אייגענע גלייכע קאָלעגן. די יונגע צילי איז אין דער הינזיכט ניט געווען קיין אויסנאַם. אין די געציילטע עטלעכע יאָר וואָס זי איז אויף דער בינע אַלס דערוואַקסענע האָט זי געהאַט איר פּעקל אומאַנגענעמע דער־פאַרונגען, ביטערע שטערונגען.

„אָבער איר גורל איז אין אַ געוויסער הינזיכט געווען נאָך טרויעריקער... איר איז אויסגעקומען איגנאָרירט צו ווערן פון דעם וואָס דאַרף לויט יעדער לאָגיק שטיין צו איר אַמנאָענסטן. דער וואָס האָט הינטער זיך אַ טעאַטער־קאַריערע פון דרייסיק יאָר, דער וועלכער שטאָלצירט דערמיט וואָס ער האָט אַזוי פיל אַקטיאָרן אַרויסגעבראַכט, אַזוי פיל טאַלאַנטן אַנטדעקט. דווקא ער האָט זיין „אָדלער־אויג" פאַרמאַכט פון זיין אייגן פלייש און בלוט, און זיין קינסטלערישער בליק האָט כלומר׳שט ניט געזען דאָס וואָס געוויינלעכע צושויער האָבן געזען. דער תירוץ איז געווען: צילי איז פיזיש צו שוואַך, צו דעליקאַט — איר פיגור שטערט איר.

„איז עס אַוודאי אמת, אַז צילי איז ניט געבענטשט מיט קיין פיזיש־שטאַרקער פיגור. דערפאַר אָבער איז זי געבענטשט מיט טאַלאַנט אין אַ פולער מאָס.

„איז עס געוויס ניט גרינג אָנגעקומען אונזער צילי׳ן זיך צו אַנטשליסן אויף דערוויל צו זאָגן גוד־באַי צו פילאַדעלפיע, צו דער שטאָט וואָס זי האָט געוויס ליב און צו דעם פובליקום וועמען זי איז אָן צווייפל דאַנקבאַר פאַר דער וואַרעמער אָנערקענונג וואָס זי האָט פון אים געהאַט. לאָמיר האָפן, אַז זי וועט ווידער זיין מיט אונז".

ציט עס מיך, ווי אַ טאָכטער פון אַ גרויסן טאַטן, צו דערציילן עפּעס וואָס האָט אַ שייכות מיט פרומקינ׳ס טענות צו אים.

אַרום אַ יאָר אָדער צוויי פאַר זיין טויט איז עס געווען. אין אַ בריוו צו זיין עלטערן זון, מיין ברודער אייב, האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. אויסגעדריקט זיינע געפילן צו אַלע זיינע קינדער, האָט ער וועגן מיר געשריבן:

„פון אַלע מיינע קינדער פיל איך זיך שטאַרק שולדיק קעגן צילי׳ן. פאַר איר האָב איך קיינמאָל גאָרניט געטאָן".

איך דערמאָן זיך אויך אונזער אַ באַגעגעניש אַ פּאָר חדשים שפּעטער נאָך יענעם בריוו. ער האָט פאַרבראַכט ביים ים דורך די זומער חדשים. האָב איך גענומען מיין זעליק׳לען, ער איז דאַן געווען אַרום זיבן יאָר, און

געפֿאָרן זען מיין טאַטן. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אַז מיין קינד זאָל געדענקען זיין גרויסן זיידן. מיר האָבן אים געטראָפֿן זיצנדיק אויף דער זון, אין אַ „וויל־טשער״. ער איז געווען זייער קראַנק. אים איז שוין אָנגעקומען זייער שווער דאָס ריידן. אָבער פֿון זיינע אויסדרוקספֿולע אַדלער־אויגן האָב איך אַרויסגעלייענט זיין דאַנקבאַרקייט פֿאַר אונזער קומען. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף מיר. איז אין זיינע אויגן געווען אַ ים מיט טרויער, געבעט און שולדיקייט. ער האָט מיר מיין האַרץ צעבראָכן. איך האָב זיך לאַנג געטוליעט צו אים, און געקושט דעם קאָפּ וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי אימפּאָזאַנט...

האָבן די ציטאַטן פֿון א. פּרומקין איך שוין אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז פֿאַרן קומענדיקן סעזאָן, 1917־1918, בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין קעס־לער׳ס סעקאָנד עווענױ טעאַטער אין ניו יאָרק. עס איז טאַקע אמת, אַז בכלל האָבן שוישפּילער די אַמביציע צו שפּילן אין ניו יאָרק, און איך בין אַוודאי ניט געווען קיין אויסנאַם. סיי דער אָנזען פֿון דער ניו יאָרקער אידישער פּרעסע, סיי די אידישע טעאַטער־וועלט אין ניו יאָרק האָבן די צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַר יעדן אַמביציעזן שוישפּילער.

איך וויל זיך אָבער מודה זיין, אַז מיר איז באמת געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיט דעם וואַרעמען עולם אין פֿילאַדעלפֿיע און מיט די האַרציקע פֿריינט, וואָס איך האָב זיך דאָרט געשאַפֿן אין די צוויי סעזאָנען וואָס איך האָב דאָרט געשפּילט. לאַזאַר איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרן אין ניו יאָרק אַלס זינגער אין טאָמאַשעפֿסקי׳ס נעשאָנאַל טעאַטער.

האָבן מיר יענעם זומער ווידער פֿאַרבראַכט אין „שאָסטאַק׳ס הויז״, אָבער ניט אַזוי זאָרגלאָז און פֿריילעך ווי דעם פֿאָריקן סעזאָן. סיי מיינע פֿליכטן צו מיין עופֿ׳עלע, סיי די נאָכווייענישן פֿון אַ קימפּעטאָרין האָבן מיר ניט דערלויבט צופֿיל צו הוליען און זיך איבערגעבן צו וואַקאַציע־־פֿאַרגע־ניגנס. מיין מאַמע איז מיט אונז געווען דאָרטן, האָט זי מיינע יונג־מאַמישע פֿליכטן היפּשלעך פֿאַרגרינגערט. מיין פֿייגע איז געבליבן אין פֿילאַדעלפֿיע מיט מיין שוועסטער לילי, איר צו העלפֿן מיט אירע צוויי קינדערלעך. דער זומער אויף דער פֿאַרם האָט לאַזאַר׳ן אויך געהאָלפֿן בייצוקומען און כמעט אינגאַנצן פֿאַרלירן זיין הייזעריקייט, און זיין קול און זיין האַלז האָבן אים ווידער געדינט ווי אַמאָל.

פֿאַרן שלוס פֿון יענער וואַקאַציע האָט זיך מיין מאַמע אַריבערגעכאַפּט קיין ניו יאָרק און אונז באַזאָרגט מיט אַ זייער פֿיינער דירה אויף דער

פינפטער עוועניו — אַ גאַנץ באַקוועמע דירה, גלייך מיטן אַריינגאַנג פון גאַס, כדי ניט פּייגע, ניט איך זאָלן זיך דאַרפן שלעפּן אויף טרעפּ מיטן קינדער־וועגעלע.

ווען מיר זיינען ענדלעך געקומען אַהיים נאָך אונזער וואַקאַציע, האָט שוין מיין פּייגע אַלץ איינגעאָרדנט אין אונזער דירה, און האָט באמת אי־בערגענומען אירע פליכטן צו מיין קינד, ווי זי האָט מיר פאַרשפּראָכן. זינט דאַן האָט זי מיך שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. זי האָט זיך אינגאַנצן איבער־געגעבן צו אונזער באַלעבאַטישקייט און צום קינד. איך פלעג בלויז פאַר מיין אייגענעם פאַרגעניגן אַ שטאָלצע זיך לאָזן שפּאַצירן מיטן קינדער־וועגעלע איבער סעקאָנד עוועניו, וואו אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן מיר מקנא געווען אויף דעם ליכטיקן פּנים פון מיין זעליק׳לען...

איך האָב זיך אַוודאי געגוידערט, אָבער קיינער האָט ניט געקענט זיין גלייך צו מיין ליבער פּייגע, ווען זי פלעגט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ פירן זעליק׳לען צו מיר אין טעאַטער־גאַרדעראָב, כדי איך זאָל אים אָנהאָדעווען, פּונקט ווי זי האָט מיט אַרום עטלעכע און צוואַנציק יאָר פריער מיך געפירט אין טעאַטער, אַז מיין מאַמע זאָל מיך אָנהאָדעווען. זי האָט זיך גאָרניט גע־קענט אָנזעטיקן מיט די קאָמפּלימענטן, וואָס אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס אין טעאַטער האָבן געוואָרפן אויף מיין קינד. זי איז ממש געוואָרן ברייטער ווי לענגער פון פאַרגעניגן.

אַוודאי איז עס געווען צו גונסטן איר וואָס איך האָב זיך געפירט ווי אַן אַלטמאָדישע מאַמע און געהאָדעוועט זעליק׳לען מיט מיין אייגענער מילך. איך האָב עס אָבער געמוזט אויפגעבן נאָך עטלעכע חדשים, ווייל איך בין געוואָרן שרעקלעך אָפּגעצערט און מיין דאָקטאָר האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל ווייטער אַזוי אָנגיין, „וועט פון דיר גאָרנישט בלייבן. זעליק׳ל וועט גאָרניט פאַרלירן ווען ער וועט ווערן געהאָדעוועט אויף מאָדערנע וועגן״. איך האָב געמוזט אויפגעבן מיין אַלט־מאָדישקייט, און מיין פּייגע האָט זיך, נעבעך, געמוזט אָפּגעבן מיט די אַלערליי „פאָרמולעס״, מיט וועלכע דער קינדער־ספּעציאַליסט האָט אונז באַאָרגט. איז עס פּייגע׳ן גאָרניט אָנגעקומען אַזוי גרינג נאָכצופאָלגן און אויסצומעסטן פּינקטלעך די אַלע קאָמבינאַציעס, וואָס זיינען פאַרמישט אין קינדער־שפּייז.

מיר איז באַשערט געווען תיכף נאָך מיין אָנקומען קיין ניו יאָרק צו באַקומען אַ גאַנץ היפּשע צעטרייסלונג פון דעם פּלוצלונגדיקן טויט פון אַ באַליבטן פריינט מיינעם און גרויסן שוישפּילער, מאָריס מאָריסאָן. קיינער האָט ניט געוואוסט וויפיל ער האָט געליטן מאַטעריעל אין די לעצטע יאָרן זיינע, ווען זיינע גאַסטראָלן זיינען געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער... עס

איז אָבער מערקווירדיק, וואָס כאָטש, בכלל, איז ער געווען אַזוי ווייט פון אידישקייט, האָט ער אין זיין צוואה געבעטן צוויי זאַכן: דאָס ערשטע, מ׳זאָל אים באַערדיקן אויף דער „וואַשיגטאָן סעמעטערי״ ניט ווייט פון דעם קבר פון זיגמונד מאָגולעסקאָ. זיין צווייטע שטאַרקע בקשה איז געווען, אַז זיין לוויה זאָל זיין אַן עכט־אידישע. זיינעביידע בקשות זיינען דערפילט געוואָרן.

זיין טויט האָט אויף מיר געהאַט אַ שווערע ווירקונג. פאַר זיין האַרציקער וואַרעמקייט איז ער מיר זייער ליב געוואָרן.

אין מיין אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד אַלס אַלטמאָדישע מאַמע האָב איך געהאַט דעם מזל, וואָס עטלעכע הייזער פון מיין וואוינונג איז געווען דער אָפיס פון אַ זייער פיינעם, פעאיקן און געטרייען דאָקטאָר, דעיוויד דעיווידסאָן. חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, איז ער געוואָרן אַ זייער נאָענטער פריינט אונזערער. ס׳איז אַ פריינטשאַפט וואָס האַלט נאָך אָן ביז איצט. ער האָט מיר באמת געדינט מיט אַזוי פיל געטריישאַפט, סיי מיר, סיי מיין משפחה, אַז איך וועל מיין גאַנץ לעבן אים ניט קענען גענוג אָפּ־דאַנקען. זיין ליבע פרוי דזשעני איז מיט אונז געווען נאָענט נאָך אין אירע מיידלשע יאָרן.

איז עפּעס יענער סעזאָן מיינער אין קעסלער׳ס טעאַטער געווען אַ מאָדנער געמיש. געעפנט האָט ער זיך מיט אַ היפּשער צאָל גאַסטראָלירנדיקע סטאַרס, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען בערטאַ קאַליש, מאָריס מאָשקאָוויטש און קעני ליפּצין. מיט די גאַסטראָליאָרן איז מיר ניט פיל אויסגעקומען צו שפּילן. האָט עס מיר זייער שטאַרק צוגעדינט אין מיין יונג־מאַמישקייט. עס געדענקט זיך מיר אויך ניט עפּעס פון מיינע ראָלן דורך די ערשטע חדשים פון יענעם סעזאָן. ערשט אין דעצעמבער איז אויפגעפירט געוואָרן אַ נייע פּיעסע, אַ קאָמעדיע פון משה ריכטער, „די צוויי חתנים״.

ברענג איך אייך דאָ אַן אויסצוג פון אַ קריטיק אין „טאָג״ וועגן יענער פּיעסע, געשריבן פון דעם טעאַטער־רעצענזענט דר. וואָרטסמאַן, וועלכער איז יענעם יאָר געקומען פון קאַליפאָרניע. שרייבט ער:

„צילי אַדלער האָט זיך ענדלעך דערוואָרט צו קריגן כאָטש אַ שטיקל לייטישע ראָלע דיזן סעזאָן, און זי האָט מיך איבערצייגט, אַז די לויב־געזאַנגען וואָס איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן איר שפּילן, זיינען אמת־פאַרדינטע. זי שפּילט מיט חן, טאַקט און פאַרשטענדעניש. איר איין באַוועגונג, אַ צי מיטן אַקסל אין ריכטיקן מאָמענט, דריקט אויס אַ גאַנץ שטיק איבערלעבונג. און ווען זי רעדט, הערט איר אַ מענטשן, וואָס ווייסט וואָס צו ריידן. זי איז ווירקלעך די „בעסי״, וואָס זוכט צו געווינען איר פאָטער אויף איר

זייט, צו קריגן איר געליבטן, און ניט ווי איינע, ווי עס פּאַסירט אָפט אין אידישן טעאַטער, וואָס רעדט צו דער „גאַליאָרקע״.

שרייבט אַן אַנדער רעצענזענט, פון אַ פּיעסע, אַן איבערזעצונג פון ענגליש, „אויפן געזעצלעכן וועג״: „צילי אַדלער איז געלונגען צו שאַפן אַ נייעם קאָמישן פּרויען־טיפּ, וואָס איז נאָך אויף דער בינע ניט געזען געוואָרן. וועגן צילי אַדלער בכלל וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידן. זי פאַרדינט די העכסטע אויפמערקזאַמקייט. ווי אַ יונגע שוישפּילערין, איז זי זיכער איינע פון די באַגאַבסטע וואָס די אידישע בינע פאַרמאָגט. אויסער איר געבוי־רענעם טאַלאַנט, צייגט זי אויך אַרויס התמדה. דאָס איז צו מערקן פון איר גלאַטן און גוט־איינגעשטודירטן שפּילן. ביי אידישע שוישפּילער איז פליי־סיקייט אַ זייער זעלטענע מעלה״.

פון יענעם סעזאָן קען איך ניט אָנווייזן אויף קיין גרויסע דערגרייכונגען, ניט מיינע אייגענע, ניט פון אַנדערע אין דער טרופּע. ס׳זיינען מיר אָבער פאַרבליבן עטלעכע עראינערונגען פון טשיקאַווע עפּיזאָדן, וועלכע זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון קעסלער׳ן. עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן ווי קעסלער האָט רעאַגירט אויף פּיעסן, וואָס זיינען אים ניט געווען צום האַרצן, איבערהויפּט אויף מאַכערייקעס, וואָס ער האָט אין טעאַטער געמוזט אויפפירן. געדענקט זיך מיר אַ פּיעסע פון איזידאָר זאָלאָטאַרעפסקי, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען פאַררעכנט פאַר אַ דערפאָלגרייכן פּיעסן־שרייבער אויף דער אידישער בינע, איבערהויפּט פאַר זיינע שטאַרקע מעלאָדראַמעס.

איז אָט שפּילן מיר די ערשטע נאַכט זיינע אַ מעלאָדראַמע, „זיסע חלומות״. דער ערשטער אַקט שליסט זיך מיט אַזאַ סצענע: איך שפּיל אַ 13־יאָריק אינגעלע, אין „ניפּענטס״; גיי איך צו צו מיין טאַטן, געשפּילט פון דוד קעסלער, צו זאָגן אים „אַ גוטע נאַכט, טאַטע״. קעסלער דאַרף ענט־פערן: „שלאָף געזונט, מיין זון, און האָב דיר זיסע חלומות״. ווען קעסלער ווידערהאָלט אַ צווייטן מאָל „זיסע חלומות״, דאַרף לאַנגזאַם פאַלן דער פאָר־האַנג. האָט שוין קעסלער, ווי עס ווייזט אויס, דורכן ערשטן אַקט זיך אָנגעגעסן מיט זאָלאָטאַרעפסקי פּראָזע, וואָס איז אים געווען זייער דערווידער, און ער האָט מיר געענטפערט אויף מיין „גוטע נאַכט, טאַטע״, „גיי שלאָפן, מיין זון, און האָב זיסע חלומות״. און פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעדרייט צום עולם און מיט אַ טיפן וויי‌טיק אויסגעדריקט: „אַ זיסער חלום, אַ פינצטערער חלום אויף זאָלאָטאַרעפסקי׳ן״.

דער פאָרהאַנג גייט לאַנגזאַם אַראָפּ, און איך האָב דערזען פון דער בינע ווי זאָלאָטאַרעפסקי לויפט אַרויס פון טעאַטער...

אַזעלכע שטימונגען האָבן ביי קעסלער׳ן זיך ניט דווקא אויסגעדריקט בלויז אין די אַזוי־גערופענע שונד־פּיעסן. ער איז אָפּט אויך באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ שטימונג אפילו ביי פּיעסן פון אַנערקענטע ליטעראַטן. אַזוי, למשל, איז ער אין שלום אַש׳ס באַרימטער דראַמע „אַ שנירל פּערל" אויך באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ שטימונג. עפּעס אין דעם גאַנג פון דער פּיעסע און אין זיין ראָלע האָט אים דענערווירט. ער האָט אפשר אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. ער האָט אָבער די ראָלע אָן חשק געלערנט און זייער נאַכלעסיק רעפּעטירט. ער האָט די ראָלע קיינמאָל ניט געקענט.

האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז די צווייטע וואָך אין גאַנג פון דער פּיעסע איז קראַנק געוואָרן דער אַנערקענטער, זייער חנ׳עוודיקער, געפּוצטער ליב־האָבער־זינגער סעמיועל ראָזנשטיין, וועלכער איז אַ היפּשע צאָל יאָרן זייער באַליבט געווען ביים אידישן טעאַטער־עולם, איבערהויפּט אין מוזיקאַלישע פּיעסן. אין „אַ שנירל פּערל" האָט ער געשפּילט מיין חתן — ניט קיין זינגענדיקע ראָלע. ווען ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן דורך דער פאָרשטעלונג פרייטיק נאַכט, האָט מען גע׳פּועל׳ט ביי יעקב בן־עמי׳ן, ער זאָל אַריינשפּרינגען אין דער ראָלע, שוין ביי דער שבת מאַטינע פאָרשטעלונג.

קענט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, אַז בן־עמי האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט די ראָלע ווי געהעריק איינצושטודירן, אַזוי, אַז ער איז געווען אַ סך אָנגעוואָרפן אויפן סופליאָר־קאַסטן. קעסלער האָט, אין זיין שלעכטער שטימונג, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען אין אַזעלכע פאַלן, געהאַלטן אין איין „נוקען" און „הוקען" אויף בן־עמי׳ן, וועלכער האָט, אַזוי צו זאָגן, געמוזט ציען זיינען ווערטער פון סופליאָר. דאָס האָט בן־עמי׳ן שטאַרק דענערווירט. איך האָב שטאַרק מיטגעפילט מיט בן־עמי׳ס פאַרלעגנהייט און געהאַט פאַר־דרוס אויף קעסלער׳ן פאַר זיין אומגערעכטע באַציאונג צו בן־עמי׳ן. ביי דער אָוונט־פאָרשטעלונג, שבת נאַכט, האָט שוין בן־עמי מער־ווייניקער דערפילט זיין ראָלע און פאַרלוירן זיין הילפלאָזיקייט. קעסלער אָבער, דאַרפנדיק אויף עפּעס אַן אופן אויסדריקן זיין אומצופרידנקייט, האָט ניט אויפגעהערט דאַ־קוטשען בן־עמי׳ן מיט זיין באַרימטן „נו! נו!..."

אין לעצטן אַקט האָב איך אין מיין ראָלע אַלס רבקה׳לע געהאַט אַ ליבעס־סצענע מיט מיין חתן דוד׳ל (בן־עמי). ער האָט דאָרט געהאַט אַ היפּשן מאָנאָלאָג, אויסדריקנדיק זיין פּראָטעסט קעגן דער רוסישער מאַכט, וועלכע איז שולדיק אין די פּאָגראָמען. ווען בן־עמי האָט מיך געהאַלטן אַרומגענומען, האָב איך פּלוצלונג דערפילט ווי מיט עפּעס אָפּצוצאָלן קעסלער׳ן פאַר זיין אומגערעכטער האַנדלונג. איך האָב זיך שטילערהייט גענומען בעטן ביי בן־עמי׳ן, ער זאָל דעם מאָנאָלאָג ניט ריידן.

פאַרוואָס, צילי ?"

„דו וועסט זען, קעסלער וועט ריידן דיין פּראָזע".

און כך הווה. נאָך איידער איך האָב פאַרענדיקט מיין ענטפער צו בן־עמי׳ן, האָט קעסלער נאָכגעזאָגט דעם גאַנצן מאָנאָלאָג וואָס דער סופליאָר האָט אַרויסגעלייענט פון טעקסט. ערשט ווען ער האָט געענדיקט, האָבן מיר געהערט ווי ער האָט אַ בורטשע געטאָן:

„עפּעס בייזע פּראָזע..."

בן־עמי און איך האָבן ביידע דערפילט אַ געוויסע באַפרידיקונג, וואָס דער פּלאַן איז אונדז געלונגען.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז בן־עמי אַריין צו קעסלער׳ן אין „דרעסינג־רום": „זייט מיר מוחל, מר. קעסלער, פאַר דעם וואָס עס איז געשען אויף דער בינע אין לעצטן אַקט. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסן, אַז מיט אַ כיוון האָב איך דאָס געטאָן. איר האָט מיך שטאַרק געערגערט מיט אייער „נוקען" און „הוקען", ווען איר האָט געוואוסט אַז איך האָב די ראָלע געקראָגן בלויז מיט עטלעכע שעה פאַר דער פאָרשטעלונג. האָב איך געוואָלט ווייזן, אַז איר, וואָס האָט געמאַכט אַ היפּשע צאָל פּראָבען אויף אייער ראָלע, און איר דאַרפט קענען די פּיעסע בעסער ווי איך — כמעט צוויי וואָכן אַז איר שפּילט שוין — קענט איר אַזוי ווייניק אייער ראָלע, אַז איר האָט אויפגעכאַפּט און אָפּגעזאָגט אַ פרעמדן מאָנאָלאָג".

קעסלער האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף בן־עמי׳ן, אָבער אַנשטאָט אויסברעכן אין כעס, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, האָט קעסלער אים אָנגענומען פאַרן אַקסל, אויסרופנדיק אויף זיין בעסטן אופן, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק:

„איט׳ס אָלרייט, מאַי באָי! איט׳ס אָלרייט!..."

די צווייטע העלפט פון יענעם סעזאָן, 1918־1917, זיינען אין קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער פאַרזייט געוואָרן די ערשטע זוימען, וואָס האָבן געפירט צו אַ נייער עפּאָכע אין אידישן טעאַטער. איך באַצייכן עס אַלס די „צווייטע גאָלדענע עפּאָכע". עס איז אָבער גלייכצייטיק דאַן אויך געקומען דער ערשטער שטויס צום סוף פון דוד קעסלער׳ס קאַריערע, און אומדירעקט אפשר אויך צו זיין פריצייטיקן טויט...

פיל איך אַ ציטער אין האַרצן ווען איך טראַכט פון יענער צייט, און

ניט מיט קיין גרינג געמיט וועט מיר אָנקומען וועגן דעם צו ריידן. כאָטש די נייע עפּאָכע האָט מיר צייטנווייז פאַרשאַפט אַ סך גליק און פרייד, האָב איך אָבער געהאַט מער פאַרדרוס און האַרצווייטיק. ביז היינטיקן טאָג, ווען נאָר איך דערמאָן זיך אין אָט דעם וויכטיקסטן קאַפּיטל פון מיין קאַריערע, פיל איך אַ טיפן ווייטיק, סיי פון מיינע אייגענע צערונענע האָפענונגען און סיי פון דעם כמעט האָפענונגסלאָזן צושטאַנד פון איצטיקן אידישן טעאַטער, צו וועלכן יענע עפּאָכע האָט צוגעלייגט איר חלק.

אַוודאי קען איך ניט רואיק טראַכטן פון קעסלער׳ס לעצטן וואַנדער־יאָר פאַר זיין פּלוצלונגדיקן טויט. און איידער איך טרעט צו צו יענעם קאַפּיטל, וויל איך אייך איבערגעבן נאָך צוויי חנ׳עוודיקע קעסלער־עפּיזאָדן. זאָלן זיי דינען ווי אַ זיי־געזונט, ווי אַן אָפּשלוס פון מיינע זיסע דעראינערונגען פון די עטלעכע יאָר וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו שפּילן מיט דעם באמת־געניאַלן קינסטלער, אפשר דער גרעסטער טאַלאַנטפולער שוישפּילער וואָס אונזער אידיש טעאַטער האָט פאַרמאָגט...

מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן אויף אַ זומער־טור מיט קעסלער׳ן, אין ליבינ׳ס „זיין ערשטע כלה" און גאָרדינ׳ס „גאָט, מענטש און טייוול", וואו עס זיינען אין דער זעלבער גרויס אַנאָנסירט געוואָרן פיר „סטאַרס" — דוד קעסלער, מאַלווינאַ לאָבעל, מאָריס שוואַרץ און צילי אַדלער. קעסלער האָט מיך זייער גערן געהאַט. ווייסט איר שוין פון פריער, אַז איך בין געווען אַ גרויסע לאַכערקע אויף דער בינע. ער איז אויך זייער אָפט געווען אין אַ שטימונג, ווען ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן און שפּאַס מאַכן. געדענק איך ווי כמעט פאַר יעדער פאָרשטעלונג אויף יענעם טור פלעגט ער מיך אַ פרעג טאָן:

„ווי גייט עס היינט, צילי, מיט אָדער אָן?..."

האָב איך געזאָגט „מיט", האָבן מיר שוין אָפּגעלאַכט אַ גאַנצע פאָר־שטעלונג. אין דער פּיעסע פון ז. ליבין, „זיין ערשטע כלה", האָט די לאָבעל געשפּילט די הויפּט־ראָלע. איר נאָמען איז געווען פריידל. איך בין געווען קעסלער׳ס שוועסטער און מיין נאָמען — בערטאַ. דאַרף ער מיר, אין זיין ראָלע אין צווייטן אַקט, דערציילן, אַז גייענדיק אויף בראָדוועי האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערזען פריידל׳ען. זאָגט ער צו מיר (בערטאַ׳ן) אָט אַזוי:

„הער נאָר, צילי, איך גיי אויף בראָדוועי און עס דוכט זיך מיר אַז איך זע בערטאַ׳ן".

הויב איך אָן זיך שטיקן מיט געלעכטער. איך דאַרף אים ענטפערן, איך קען אָבער ניט. זאָגט ער נאָכאַמאָל:

„איך רייד דאָך צו דיר, צילי: איך גיי אויף בראָדוועי און זע בערטאַ׳ן“.

דאָ האָב איך זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן, זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און זיך ממש געטרייסלט פאַר געלעכטער.

די סצענע האָט זיך געענדיקט קאַטאַסטראָפאַל, מיט אַן אַלגעמיינעם געלעכטער...

אין מילוואָקי, שפּילן מיר י. גאָרדינ׳ס „גאָט, מענטש און טייוול“, אין דאָרטיקן פּאַפּסט טעאַטער.

האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז גאַנץ נאָענט צום טעאַטער, האָט מען גע־דאַרפט פאַריכטן אַן אייזערנע בריק איבער אַ טייכל, און די „ריוועטינג“־מאַשינען (מאַשינען צום ניטעווען) האָבן שטאַרק געקלאַפּט. זיי האָבן דאָס געדאַרפט אַרבעטן ביינאַכט. איר האָט אַמאָל געהערט דאָס שרעקלעכע קלאַפּן פון אַ ריוועטינג־מאַשין? אין דער צייט פון זייער קלאַפּן האָט דער עולם כמעט ניט געקענט הערן וואָס מען רעדט אויף דער בינע, און עפּעס ווי אויף צו להכעיס פלעגן די מאַשינען דווקא קלאַפּן שטאַרקער ווי נאָר קעסלער האָט אָנגעהויבן ריידן.

אין שלוס פון צווייטן אַקט, האָט ער זיין באַרימטן מאָנאָלאָג ווען הער־שעלע דובראָוונער בעט זיך ביי זיין ווייב פּעסעניו, זי זאָל אים מוחל זיין, ער וויל ביי איר אַ גט. און ער ענדיקט:

„פּעסעניו, זיי ניט בייז אויף מיר, איך פאַרדין ניט דיינע כשר׳ע טרערן — איך בין אַ סך ערגער ווי דו האָסט מיך גערעכנט, איך ווייס, איך פיל ווי שווער דיר איז איצט...“ און ער פאַלט צו אירע פיס אין געוויין: „אוי, פּע־סעניו, פּעסעניו!“ און דער פאָרהאַנג פאַלט.

די מאַשינען האָבן ביי דער סצענע אַזוי געקלאַפּט, אַז ער איז געוואָרן אויסער זיך. און צו ווייזן אַז דער עולם הערט סיי־ווי ניט וואָס ער זאָגט, איז אַנשטאָט דעם מאָנאָלאָג פון „גאָט, מענטש און טייוול“, האָט ער גענומען אויסשרייען דעם מאָנאָלאָג, מיט וואָס ער ענדיקט דעם צווייטן אַקט פון „זיין ערשטע כלה“:

„ניין, ניין, איך קען ניט גיין אין דער אָפּעראַ זינגען, מיין טאַטע און מיין שוועסטער האָבן מיין שטימע פאַרקויפט“...

איך, שפּילנדיק ציפּעניו אין „גאָט, מענטש און טייוול“, דערהער וואָס ער רעדט, קוק איך אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן... דערזעט ער ווי איך קוק אויף אים, שרייט ער אויס: „וואָס קוקסטו אויף מיר מיט דיינע אַדלער־אויגן“!...

הערנדיק אַזעלכע רייד, בין איך אַראָפּגעלאָפן פון דער בינע... אָבער

ער האָט מיר נאָכגעשריען: „דיר איז גוט וואָס דו קענסט אַרויסלויפן, איך מוז דאָך דאָ שטיין און ענדיקן..." און ער איז צוגעפאַלן צו פעסעניו'ס פיס און האָט אויסגעשריען וויינענדיק: „פעסעניו! פעסעניו!"

דער פאָרהאַנג איז געפאַלן אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם האָט טאַקע הפּנים ניט געהערט זיינע רייד, זיי האָבן נאָר געהערט ווי ער שרייט און קאָכט זיך, און מן הסתם סימפּאַטיזירט מיט אים צוליב דעם דרויסנדיקן קלאַפּן, האָבן זיי אים באַלוינט מיט אַפּלאָדיסמענטן...

נאָך אינמיטן פון יענעם לעצטן סעזאָן אין קעסלער'ס טעאַטער, האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז ס'איז ניטאָ קיין שלום־בית אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. מאַקס ווילנער, וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אַלס געשעפטס־פירער און טעאַטער־אונטערנעמער, איז געווען דוד קעסלער'ס אַ שטיף־זון. האָט זיך עס אָנגעהויבן ווי אַ פאַמיליע־קריג. ווילנער, אַלס יונגער געשעפטסמאַן, איז געווען פאַראינטערעסירט אין אידישן טעאַטער אַלס געשעפט. ער האָט ניט געהאַט קיין שום סענטימענטן פאַרן אידישן טעאַטער, אַלס אינסטיטוציע, און אַוודאי ניט קיין שום באַציאונג צו די גרינדער און בויער פון וועלכע קעסלער איז געווען אַזאַ וויכטיקער מיטגליד.

ווען די געשעפטן מיט קעסלער און זיין טעאַטער זיינען אין די לעצטע עטלעכע יאָר געווען זייער געשלאָגן, האָבן זיי זיך פאַרשולדיקט אין שווערע צענדליקער טויזנטער דאָלער. איז עס שוין אַ כלל, אַז ווען פּרנסה איז געשלאָגן ווערט דער שלום־בית געשטערט. איז געקומען צו האַרבע רייד און קריגערישע סצענע צווישן ווילנער'ן און קעסלער'ן, און זייער אַנטאַגאָניזם איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג.

דער קלימאַקס איז געקומען ווען ווילנער האָט אין זיין קאַלטער פּראַקטישקייט אַרויסגעזאָגט זייער קלאָר און פּשוט, אַז קעסלער איז אַ שטערונג צום טעאַטער־געשעפט, אַז ער איז אויסגעשפּילט, און, בכלל, אים אַזוי דערנידעריקט אין דער אָנוועזנהייט פון זיין משפּחה, אַז קעסלער האָט אין זיין אויפרעגונג אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ סצענע, האָט מער קיין רייד ניט געקענט זיין פון ווייטערע געשעפטלעכע באַציאונגען צווישן ווילנער'ן און קעסלער'ן.

די דריקענדיקע חובות האָבן עס געמאַכט אוממעגלעך, אַז קעסלער זאָל אַליין איבערנעמען דאָס טעאַטער. ווילנער, פאַרקערט, ווי אַ יונגער געשעפטסמאַן, איז גרייט געווען אַרויסלאָזן קעסלער'ן פון טעאַטער און איבערנעמען אויף זיך אַלע אַחריות'ן און אַלע חובות. דער ענין איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט.

די טעאַטער־שרייבער האָבן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, געהאַלטן דעם

עולם געשפּאַנט מיט נייעס פון פּאָליטישן טעאַטער־קעסל: „עס קערט זיך הימל און ערד אויף סעקאָנד עוועניו וועגן קעסלער׳ס טעאַטער. עס טיילט זיך אָפּ דוד קעסלער פון זיין שותף און מענעדזשער מאַקס ר. ווילנער. זיי גט׳ן זיך; קעסלער גייט אַוועק, און ווילנער בלייבט ביים טעאַטער. שוין דריי טעג ווי מר. קעסלער האַלט די פּען אין האַנט אונטערצושרייבן דעם גט, און שרייבט ניט אונטער. מ׳קען זיך ניט אייניקן, איבער געוויסע פּונקטן וועגן וועלכע מען זאָגט ניט אויס. ווי מ׳פאַרזיכערט אונז, איז דער אָפּהאַלט צוליב דעם „סאַין אויפן טעאַטער. קעסלער וויל ניט אונטערשרייבן דעם גט, ביז מען וועט ניט אַרונטערנעמען דעם שילד פון טעאַטער, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן „קעסלער׳ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער". אין אַנדערע ווערטער, קעסלער וויל אַוועק פון טעאַטער צוזאַמען מיט זיין נאָמען. האַלט ער נאָך אַלץ די פּען אין האַנט. דערווייל פירט מען אויף אַ נייע פּיעסע, אונטער דער דירעקציע פון מאָריס שוואַרץ. שוואַרץ און בערנאַרד בערנשטיין זיינען די הויפּט־ראָליסטן פון דעם נייעם שטיק, וועלכע הייסט „זיין איינציקער חבר" און איז פאַרפאַסט פון אַן אַקטיאָר שלמה שטיינבערג. אַלזאָ, נייע הערשער, יונג בלוט רעגירט איצט אין דעם גרויסן קעסלער׳ס טעאַטער"...

„דאָס מאָל האָט טאַקע פּאַסירט עטוואָס איבטערעסאַנטעס אין דעם פּאָליטישן קעסל־גרוב פון אידישן טעאַטער. דאָס איז ניט אַ זייפן־בלאָז, וואָס עס ווערט צעפּויקט און צעבלאָזן מיט אַ טאַראַראַם, נאָר טאַקע אַן אמת׳ע באָמבע, ווי מ׳רופט עס אויפן טעאַטער־לשון. דער העלד פון דער מואווינג־פּיקטשור איז דוד קעסלער. ווען קעסלער איז אַרויס פון זיין טעאַטער האָט אים לואי גאָלדבערג, טאָמאַשעפסקי׳ס מענעדזשער, אַוועקגעכאַפּט צו זיך, צו טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנאַל טעאַטער, מיט אַ געהאַלט, וואָס יעדער אָרעמער איד מעג זיך עס ווינטשן — פינף הונדערט דאָלער אַ וואָך. איז געקומען דער מענעדזשער פון דעם פילאַדעלפיע אַמעריקען טעאַטער און האָט קעסלערן אָנגעבאָטן זעקס הונדערט דאָלער אַ וואָך, ער זאָל קומען שפּילן אין פילאַדעלפיע. ער האָט עס אָנגענומען".

„אין אַמעריקען טעאַטער זיינען די באַלעבאַטים געווען מאַיק טאָמאַשעפסקי, קלאַראַ ראַפּאַלאָ און הערשל צוקערבערג. עס איז אָבער אין פילאַדעלפיע דאָ נאָך אַ טעאַטער, וועלכער באַלאַנגט צו אַנשל שאָר. האָט שאָר ניט געוואָלט אַזאַ קאָנקורענץ, האָט ער באַשטעלט אַ קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים פון אַמעריקען טעאַטער און זיי געמאַכט דעם פאָלגענדיקן פאָרשלאָג: — „פילאַדעלפיע קען ניט אויסהאַלטן קיין צוויי גרויסע טעאַטערס. צאָלנדיק קעסלער׳ן זעקס הונדערט דאָלער אַ וואָך, חוץ די איבעריקע מענטשן אין דער טרופּע, וועלן אייך די הוצאות אויפעסן. אויך מיר וועלן אין דעם

שפּיל דערלייגן דעם קאָפּ. דאָס איז מיין פאָרשלאָג: מיר וועלן אייך געבן זיבן טויזנט דאָלער, איר זאָלט אינגאַנצן צומאַכן דעם אַמעריקען טעאַטער און פאַרלאָזן פילאַדעלפיע".

„נאָך אַביסל דינגעניש, האָבן זיי דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. זיי האָבן פאַרלאָזן פילאַדעלפיע. קעסלער איז געבליבן מיט אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט פון אַ טעאַטער וואָס איז ניטאָ מער".

קענט איר שוין פאַרשטיין פון די אַלע בייעסן, אַז קעסלער האָט קיין האָניק ניט געלעקט. ער האָט אין לויף פון עטלעכע יאָר, ווען ער איז געווען אַ וואַנדערער, געשפּילט אין פאַרשידענע טעאַטערס — ביי מיין טאַטן אין גרענד טעאַטער, אין בעסי טאָמאַשעפסקי'ס פיפּלס טעאַטער און אויך אין באָריס טאָמאַשעפסקי'ס נעשאָנאַל טעאַטער. ער האָט זיך אומעטום געפילט אומגליקלעך. קעסלער האָט זיין האַרצוויייטיק קיינעם קיינמאָל ניט דערציילט. איך געדענק אָבער ווען איך פלעג אים אַמאָל זען אויף דער עוועניו, האָט מיר דאָס האַרץ געריסן קוקנדיק אויף אים.

אין זיינע וואַנדערונגען אין יענע יאָרן איז אים אויסגעקומען צו שפּילן אין אַ דערפאָלגרייכער אָפּערעטע ביי טאָמאַשעפסקי'ן. כדי צו קענען אָנאָנסירן קעסלער'ס נאָמען אין דער אָפּערעטע, האָט טאָמאַשעפסקי פאַר אים געמאַכט אַ נאַרישן אויפטריט אין דריטן אַקט. קעסלער איז שוין געווען אין אַ שטימונג, וואָס ער האָט זיך ניט געוועוּרט. ער האָט די ראָלע אָנגענומען. געדענק איך ווי יחיאל גאָלשמיט האָט מיט ווייטיק אין האַרצן מיר איבערגעגעבן אַ סצענע פון אַקטיאָרן קלוב:

„איך בין געזעסן מיט קעסלער'ן, געשפּילט אַ צוויי־הענטיקן פינאָקל. צו באַהאַלטן די ביטערקייט וואָס האָט אים געפרעסן, האָט ער זיך געוויצלט... מיטאַמאָל האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, וואָס האָט מיר ממש מיין האַרץ צעבראָכן, אַ זאָג געטאָן, ווי עס גייט דאָס ווערטל ביי וואָדעוויל־אַקטיאָרן: „אַי מאַסט גאָו, — מאַי עפּירענס איז טען־סעווענטין..." (איך מוז גיין, איך טרעט אויף זיבעצן מינוט נאָך צען).

אין דער פּראָזע זיינער, האָט ער שטאַרקער אויסגעדריקט זיין האַרצווייטיק און זיין דערנידערונג, ווי מ'קען עס אָנשרייבן אין אַ גאַנצן בוך...

ווילנער האָט אין שוואַרץ'ן דערזען דעם פּאָטענציעלן כּוח צו ווערן אַ סטאַר. אים האָט אימפּאָנירט שוואַרצ'ס אַמביציע, זיין יוגנטלעכער פייער, זיין שטאַרקער גלויבן אין זיך, זיין פעאיקייט אויך אַנדערע צו מאַכן גלויבן אין זיין כּוח און זיי אָנצינדן מיט זיין באַגייסטערונג פאַר

זיינע געפּלאַנטע גרויסע אויפטוען. מיט איין וואָרט — ווילנער האָט אין שוואַרצ'ן דערזען דעם גרויסן געווינס פאַר זיין געשעפטלעכער צוקונפט אין אידישן טעאַטער.

ער האָט, דערפאַר, תיכף ווי נאָר ער האָט קעסלער'ן באַזייטיקט פון זיין טעאַטער, געמאַכט שוואַרצ'ן פאַר זיין רעכטער האַנט. ער האָט אים איבערגעגעבן די בינע־דירעקציע פון סעקאָנד עוועניו טעאַטער ביז ענדע סעזאָן. שוואַרץ פון זיין זייט האָט דערפילט, אַז דאָס איז די געלעגנהייט פון וועלכער ער האָט גע'חלומ'ט. ווילנער קען אים שטעלן אויף די פיס.

איז דאָך אַלעמען באַקאַנט דער אַמעריקאַנער אויסדרוק „ווען אַפּאָרטיו־ניטי נאָקס עט יור דאָר...״ שוואַרץ איז געווען גרייט ווען די וואונדערלעכע געלעגנהייט האָט זיך באַוויזן. ער האָט נאָך געהאַט דאָס גליק, וואָס אין יענער צייט האָט דאָס מזל מער ווי איינמאָל אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, און ער האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע דאָס אויפגעכאַפּט און אויסגענוצט. חוץ דער געלעגנהייט פון קעסלער'ס באַזייטיקט ווערן פון טעאַטער און פון ווילנער'ס צוטרוי צו אים, האָט זיך אויך באַוויזן די גע־לעגנהייט צו קריגן אין גלייכן געלט דעם פּרעכטיקן אירווינג פּלעיס טעאַטער. דער טעאַטער איז געווען ווי געוואונטשן פאַר אַן אינטימען דראַ־מאַטישן טעאַטער. שוואַרץ האָט מיט ענערגישן פיבער דעם אייגנטימער פון טעאַטער אָנגעשטעקט מיט זיין וויטער וויזיע, און אים איז געלונגען דאָס טעאַטער צו קריגן.

ער האָט צוגעטראָטן מיט אַן אַנטשלאָסנקייט צו באַווייזן ווי גערעכט ער איז געווען, ווען ער האָט זיין יונגן חבר, סאָל דיקשטיין, פאָראויס געזאָגט, אַז ער, שוואַרץ, וועט אַמאָל נאָך זיין גרעסער ווי אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעפסקי צוזאַמען.

האָב איך אייך צוגעזאָגט, ווען איך האָב גערעדט פון יענער אַמביציע שוואַרצ'ס, אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן אים און יענע דריי. איך קען ניט קלאָר דערקלערן פאַרוואָס עס רייצט מיך אָט דעם פאַרגלייך צו מאַכן. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס אין לויף פון אָט דער פון מיר באַצייכנטער „צווייטער גאָלדענער עפּאָכע״, אין וועלכער שוואַרץ איז געווען דער וויכטיק־סטער פאַקטאָר, האָב איך אָפט אין מיינע געדאַנקען געמאַכט אָט דעם פאַרגלייך. דערצו בין איך, אין די לעצטע פאַר טעג, אויך באַווירקט פון אַן אומדערוואַרטעטער, פריידיקער איבעראַשונג. איך האָב באַקומען זייער אַ האַרציקן בריוו פון מאָריס שוואַרץ. מיט זיין אויפריכטיקער חבר'שאַפט, וואָס באַפאַלט אים זייער אָפט, קאָמפּלימענטירט ער מיך שטאַרק פאַר מיין דערציילן וועגן אונזער ערשטן סעזאָן אין פילאַדעלפיע. ער האָט אויך

אויף אַ וואונדערלעכן אָפּנהאַרציקן אופן אין מיר אויפגעוועקט אַ טייל פון די שווישפּילערישע חלומות אונזערע, וועלכע זיינען שפּעטער אַזוי גרויזאַם צערונען געוואָרן.

דערלויב איך זיך, און איך האָף אַז שוואַרץ וועט מיר מוחל זיין, דעם בריוו צו פאַרעפנטלעכן. איך האָב דאָס געפיל, אַז דער בריוו וועט באַרייכערן מיין דערציילן און וועט פאַר דעם לייענער זיין פון גרויס אינטערעס. איך גיב דאָ דעם בריוו פון „א" ביז „ת": —

„האָליוואוד, מאַי 13 — מיין מזל׳דיקער טאָג.

„ליבע צילי:

„אַלפרעד גולדין האָט מיר געשיקט דעם אַרטיקל, אין וועלכן דו שילדערסט אונזער צוזאַמענשפּילן אין פילאַדעלפיע, אין גרין סטריט. איך האָב פאַר זיך געזען אונזער יוגנט און די אַלע פיבערישע איבערלעבונגען. ס׳איז מערקווירדיק ווי דו געדענקסט אַלע דעטאַלן, אַלע פּאַסירונגען, וועלכע איך, אַ דאַנק מיין שווערער פאַרצווייגטער אַרבעט, האָב ניט די מעגלעכקייט צו געדענקען אָדער פאַרצייכענען.

„„ווי גיך די יאָרן זיינען אַוועק!

„ווי אָרעם מיר זיינען געווען, אָבער ווי גליקלעך! — יעדע מינוט אויף דער בינע איז געווען אַ טיפע פרייד.

„וויפיל האָפענונגען זיינען ביים אידישן טעאַטער אומגעבראַכט געוואָרן אַ דאַנק די וועלכע האָבן צעשטערט וואָס די בעסערע קינסטלער האָבן געזוכט צו שאַפן.

„דו געדענקסט געוויס דעם פאַל, ווען דו האָסט פּלוצלונג געלאָזט וויסן, אַז דו ווערסט פאַרלאָבט, פאַר׳קנס׳ט צו אַ געוויסן מאַנופעקטשורער, און אַזוי ווי אַלע זיינען געווען פאַרליבט אין דיר — און איך אפשר נאָך מער ווי אַלע — איז די אייפערזוכט געווען גוואַלדיק.

„וואו איז זי? — וואו איז דאָס פּלאַץ וואו זי געפינט זיך?

„ס׳האָט געררוישט און געקאָכט, ביז מ׳האָט געפונען דיין אַדרעס.

„און אַזוי ווי איך האָב געקענט גוט אימיטירן דיין טאַטן, יעקב אַדלער, האָב איך צו דיר גערעדט טעלעפאָניש און געשריען ווי ער — „וואָס פאַר אַ טאָכטער ביזטו, וואָס דו נעמסט אַ חתן אָן מיין פרעגן? און וואָס עפּעס אַ ביזנעסמאַן? מיר שטייט ניט אָן קיין מאַנופעקטשורער — איך וויל אַן אַקטיאָר! און אויב אַ חתן, פאַרוואָס ניט דעם יונגן מאָריס שוואַרץ? איר וועט ביידע זיין אַ גוט פּאָרל, ווי איך מיט סאָניע אַדלער..."

„אויב דו האָסט שוין באַקומען אַן ענגעידזשמענט רינג, גיב אים אָפּ. טאָמער פאָלגסטו מיך ניט, וועל איך ניט טאַנצן אויף דיין חתונה..." א. ד. ג.

„מערקווירדיק, אַז דו אַליין האָסט מיר געגלויבט, אַז ס׳רעדט אַדלער. שפּעטער האָבן מיר אַלע אויסגעפונען, אַז דו האָסט געשפּילט אַ קאָמעדיע מיט אונז אַלע.

„זיי געזונט און גרוס דיין זעליק׳ן פֿאַר מיר.

„מיט פֿריינטשאַפֿט, ווי תּמיד, מאָריס שוואַרץ״.

בין איך זיך פֿאַר אייך מודה, אַז איך האָב פֿאַרגאָסן אַ היפּשע צאָל טרערן ביי געוויסע שטעלן אין דעם בריוו. ספּעציעל ביי די שורות: „ווי גיך די יאָרן זיינען אַוועקגעפֿלויגן — ווי אָרעם מיר זיינען געווען, אָבער גליקלעך — יעדע מינוט אויף דער בינע איז געווען אַ טיפֿע פֿרייד״. אוי, ווי טרויעריק אמת דאָס איז! וואָס איז פֿון יענער פֿרייד געוואָרן? און ווידער, „וויפֿיל האָפֿענונגען זיינען ביים אידישן טעאַטער אומגעבראַכט געוואָרן אַ דאַנק די, וועלכע האָבן צעשטערט וואָס די בעסערע קינסטלער האָבן געזוכט צו שאַפֿן!...״

גיב איך צו, דורך טרערן, נאָך אַ פֿראַזע: — אויך אַ דאַנק די צע־רייצטע אַמביציעס צו איבערשטייגן...

וועל איך דאָ אויך צו שוואַרצ׳ס קרעדיט באַשטעטיקן, אַז אַזוי וואונ־דערלעך האָט ער דעמאָלט באַכגעמאַכט מיין טאַטן, אַז איך האָב באמת געגלויבט, אַז מיין טאַטע רעדט צו מיר. מיין ענטפֿער, אַז איך שפּיל אַ קאָמעדיע, וואָלט איך אפֿשר שוואַרצ׳ן ניט געזאָגט; איך האָב מיין סוד אַרויסגעגעבן מיינענדיק, אַז איך רייד צו מיין טאַטן. יונג־מיידלשע און יונג־בחור׳ישע נאַרישקייטן, אָבער ווי זיס זיי זיינען...

בין איך שוואַרצ׳ן האַרציק דאַנקבאַר פֿאַרן געשמאַקן בריוועלע זיינעם — סיי פֿאַר די קאָמפּלימענטן וועגן מיין דערציילן, סיי פֿאַר די זיסע דער־אינערונגען אָן דעם חנ׳עוודיקן טעלעפֿאָנישן געשפּרעך, ווען ער האָט אַזוי וואונדערלעך אימיטירט מיין טאַטן.

און איצט וועגן פֿאַרגלייך.

איך האָב מיט שוואַרצ׳ן געשפּילט אַ סך יאָרן. איך האָב אויך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַדלער׳ן, קעסלער׳ן און טאָמאַשעפֿסקי׳ן אין זייערע גרעסטע דערגרייכונגען, אין די סאַמע קרוין־יאָרן זייערע, און איך דענק, אַז איך בין ניט גענאַרט אָדער אומגערעכט אין מיין השערה, אַז אויך שוואַרץ האָט שוין דערגרייכט זיינע העכסטע הויכן, קען דערפֿאַר מיין סך־הכּל זיין אַ פֿאָלקאָמענער. עס איז קיין שום צווייפֿל ניט, אַז שוואַרצ׳ס נאָמען וועט אויף אייביק בלייבן אין דער אידישער טעאַטער־געשיכטע. ער האָט פֿאַר־שריבן אַ קאַפּיטל פֿון טעאַטער־דערגרייכונגען וואָס זיינען אומגעהויער מער ווי עס האָבן באַוויזן יענע גרויסע דריי. אַלס שוישפּילער אָבער קען זיך

שוואַרץ ניט פאַרמעסטן מיט קיינעם פון יענע דריי. איך גלויב אַז עס וואָלט געווען אַ גרויס געווינס פאַר שוואַרצ'ן און פאַר זיין נאָמען אַלס שוישפּילער, ווען ער וואָלט גלייך אין אָנהויב פון זיין קאַריערע אַנערקענט דעם פאַקט.

אַמשטאַרקסטן האָבן זיך אין מוחות פון זיינע צושויער איינגעקריצט זיינע וואונדערלעכע שאַפונגען אַלס דוד שאַפּיראָ פון „שווער צו זיין אַ איד", „טוביה דער מילכיקער",ביידע פון שלום עליכם"; דער מילנער פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", ניסן אַלטער פון „שמידס טעכטער", ביידע פון פּרץ הירשביין; דאָס שניידערל אין „קידוש השם", פון שלום אַש, און ענלעכע ראָלן פון דעם זשאַנער. וואָלט ער ניט אַריינגעפאַלן אין די שוואַכקייטן פון יענע גרויסע דריי, אַז ער, אַלס סטאַר קען אַלץ שפּילן, וואָלטן אויך זיינע שוישפּילערישע דערגרייכונגען געווען אַ סך גרעסער. יענע האָבן דאָס געקענט...

מיר וועט נאָך אויסקומען אָנצווייזן אויף נאָך שוואַכקייטן וואָס שוואַרץ האָט פון יענע דריי גע'ירש'נט.

וועגן אָט די ביידע פאַרגלייכן מיינע — וועגן זיינע שוישפּילערישע כוחות, וועגן זיינע ריזיקע דערגרייכונגען פאַר דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער — וועל איך זיך מער אָפּשטעלן און מיין מיינונג באַקרעפטיקן, ווען איך וועל פון שטאַפּל צו שטאַפּל דורכגיין די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע פון אידישן טעאַטער.

עס איז אַוודאי געווען אַ געוואַגטער שריט אין יענע יאָרן צו עפענען אַ אידיש טעאַטער אין אירווינג פּלעיס, אויף דער 15טער גאַס. אונזער טעאַטער איז דאַן געווען קאָנצענטרירט צווישן גרענד סטריט און דער צווייטער גאַס, אויף דער באַוערי און סעקאָנד עוועניו. די סטאַבילע טעאַטער אונטערנעמער, פאַרוואַלטער און סטאַרס האָבן דערויף געקוקט ווי אויף אַ ווילדער אַוואַנטיורע.

„דער אידישער עולם וועט ניט גיין אַזוי וויט, בפרט אָן אַ פּאַטענ־טירטן סטאַר", האָבן זיי גע'חוזק'ט פון די יונגע צוציקעס און מיט פרייד זיך שוין געגלעט די בייכלעך ביי זייער נבואה, אַז דער גאַנצער ענין וועט אין גיכן פּלאַצן ווי אַ זייפן־בלאָז...

שוואַרץ און ווילנער, אָבער, האָבן געהאַט דעם מוט צו וואַגן, און אַזוי שנעל ווי דער „ליס" אויף דעם אירווינג פּלעיס טעאַטער איז אונטערגע־שריבן געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן אופן צו פּראָפּאַגאַנדירן און באַקענען דעם עולם מיט דעם נייעם אויפטו זייערן.

שוואַרץ האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצן יונגן

פּייער. ער האָט מיט אומדערשעפּלעכער ענערגיע זיך גענומען דעם ענין אָרגאַניזירן. דעם צווייטן מאַרטש, 1918, האָט שוואַרץ אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", אונטערן קעפּל, „קען מען אין ניו יאָרק אויסהאַלטן אַ בעסערן אידישן טעאַטער?" איבערגעגעבן זיין אַני מאַמין", זיין פּראָגראַם פאַר אַזאַ טעאַטער.

געפּין איך פאַר וויכטיק יענעם אַרטיקל שוואַרצ'ס איבערצוגעבן אין גרעסטן טייל, ווי ער איז געווען געדרוקט:

„שוין מער ווי 2 יאָר, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט דעם פּלאַן צוזאַמענ־צושטעלן אַ טרופּע, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן צו שפּילן גוטע, ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זאָלן זיין אַ כבוד פאַרן אידישן טעאַטער.

„איך האָב מיט אייניקע שוישפּילער גערעדט, וועלכע זיינען געוואָרן באַגייסטערט פאַר דער אידעע. צווישן זיי אויך אייניקע שרייבער, קריטיקער און דראַמאַטורגן. מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, געמאַכט מיטינגען, אויסגעאַרבעט פּלענער, צוערשט אויסצופּרובירן אין זומער, שפּילן פאַר ביליקע פּרייזן, אַ. אַ. וו. אַזוי שנעל אָבער ווי עס איז געקומען צו דער געלט פּראַגע, ווי אַזוי מען זאָל זיך איינטיילן מיט די מאַרקן און ווער זאָל זיין דער רעזשיסאָר, ווער מענעדזשער, ווער טאָן־געבער? — האָט זיך אין יעדן אָנגעצונדן דאָס פּייערל פון אייפערזוכט... און איך באַשולדיק קיינעם נישט, ס'איז דאָך אַלעס בחברותא: — אונזער געשעפט, אונזער פאַרמעגן — האָט דאָך יעדער איינער די זעלבע רעכט... און אַזוי איז דער פּלאַן דורכגעפאַלן. אַ סך האָבן אונז נאָך באַטראַכט פאַר משוגעים, פאַנטאַזיאָרן.

„ביז נאָך 2 יאָר פאַנטאַזירן איז מיר ענדלעך געלונגען צו באַקומען דעם שענסטן טעאַטער, דעם בעסטן פון וועלכן איך האָב ווען געטראַכט. אַ קליין טעאַטער מיט אַ גרויסער פּראַכטפּולער בינע, וואו מען וועט קענען אויפפירן שיינע, גוטע פּיעסן — און די הויפּט־זאַך — די שטימונג זאָל זיין. דער טעאַטער האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג. דאָרטן האָבן געשפּילט די גרעסטע קינסטלער. און דערפאַר, ווען עס איז אַרויס די נייס, אַז איך האָב איבערגענומען דעם טעאַטער אויף 10 יאָר (מיט אַ פּריווילעגיע אויף נאָך 11), ווער איך איצט באַטראַכט פאַר אַ משוגע'נעם, פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, ווייל עס הערשט די מיינונג, אַז אַזאַ טעאַטער קען ניט האָבן קיין קיום. זיי טענה'ן אַז די וואָס שרייען גוטע פּיעסן, צאָלן ניט פאַר קיין טיקעטס, נאָר זיי בעטן אַ פּעס.

„און די מענעדזשערס פון די איצטיקע טעאַטערס זיינען גאָרניט אַזוי שטאַרק שולדיק, ווי מאַנכע פאַרדאַמען זיי. די גרויסע טעאַטערס שטייען איצט מיט אַן עקספּענס (אויסגאַבע) פון פיר־פינף טויזנט דאָלער אַ וואָך. איין

דורכפאַל רוקט צוריק אויף וואָכן לאַנג מיט אַ היפּשן דעפיציט. און דערפאַר זוכט יעדער די געוואונטשענע „באָמבע“ מיט דעם „פּאָנטש“ (קנאַק), וואו מען זאָל וויינען און לאַכן. און ווען דער מענעדזשער קען אַריינקומען אין טעאַטער און זען ווי דער עולם זיצט און וויינט ווי יום־כּיפּור אין שול, דאַן גיט ער זיך אַ גלעט ביים בייכל און גייט אַהיים רואיק שלאָפן, ווייל ער ווייסט, אַז ער וועט שבת קענען צאָלן וועידזשעס (שכירות) און מאַכן פּראָפיט.

„אַ חוץ דעם איז דאָ נאָך אַ גרויסע שטערונג פאַר גוטע פּיעסן פון ליטעראַרישער באַדייטונג. די טעאַטערס זיינען צו גרויס, זיי פאַרלירן זיך. אַ פּינטל מיטן אויג איז וויניק. אום אַלע 2 טויזנט מענטשן זאָלן זען, מוז מען טאַקע גלאַנצן מיט די אויגן. אַ שטילער קרעכץ ווערט פאַרלוירן. דאַן זאָגט דאָס פובליקום און זאָגאַר דער קריטיקער, וועלכער ווערט מיטגעריסן מיטן עולם, אַז דער אַקטיאָר אָדער די אַקטריסע האָט ניט קיין טעמפּעראַמענט, קיין נשמה, קיין ליידנשאַפט א. אַ. וו. ווייל מען דאַרף ווייזן, אַז מען האָט טעמפּעראַמענט, עסט מען אינגאַנצן אויף די סיגערים (אַ טעאַטער־אויסדרוק פאַר שרייען און מאַכן קולות)... אין אַלע ענגלישע טעאַטערס וואו מען פירט אויף גוטע פּיעסן, זאָגאַר שיינע אָפּערעטן, פירט מען זיי אויף אין אַ טעאַטער פון טויזנט אָדער 12 הונדערט „סיטס“. דער צושויער געפינט זיך דאַן אַזוי ווי אין דער היים, וואו ער קען געמיטלעך זען און הערן אַלעס, און זאָל זיך אַריינלעבן אין דעם. און דאָס גיט דעם שוישפּילער די געלעגנהייט בעסער צו שפּילן, ווייל ער פילט, אַז מען שענקט אים אויפמערקזאַמקייט.

„און דערפאַר וויל איך, אַז דער גרויסער עולם זאָל האָבן אַ קליין טעאַטער, וואו די שוישפּילער זאָלן מיטן גאַנצן האַרצן זיך איבערגעבן צו דער קונסט, וואו די מענעדזשמענט, דאָס פּראַכטפולע, באַקוועמע טעאַטער און אַלעס צוזאַמען זאָל אַרבעטן פאַר איין ציל, אויפצוהייבן די אידישע בינע פון וועלכער די שרעקלעכע „פּאָנטשעס“ און די פופצן „קוירטן קאָלס“ (אויפהייבן דעם פאָרהאַנג. בעת מען אַפּלאָדירט די אַקטיאָרן) זאָלן פאַרשווינדן. זאָלן זיי ווייסן, אַז איצט האָבן זיי די געלעגנהייט צו האָבן דאָס נאָך וואָס זיי שטרעבן. מיין פאַרטנער, וועלכער האָט אַריינגעלייגט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, איז איינגעגאַנגען אויף מיין באַדינג, אַז דער טעאַטער זאָל זיין אייניגע מאָסן אַנדערש ווי אַנדערע ווייל גלאַט עפענען אַ טעאַטער איז גאָר ניט אַזוי נויטיק, וואָרעם די איצטיקע מאַכן ניט אַזעלכע גלענצנדע געשעפטן (מיט דער אויסנאַם פון צוויי). אום צו מאַכן דעם טעאַטער פאַר אַ פינאַנציעלן סוקסעס (דערפאָלג) מוז עס צוערשטן זיין אַ מאָראַלישער סוקסעס. און אויף די פאָלגנדע פונקטן, רעכן איך, אַז עס זאָל זיין אַ דאָפּלטער סוקסעס:

„1) דער טעאַטער זאָל זיין אַ סאָרט היילקטום, וואו עס זאָל שטענדיק הערשן אַ יום־טוב׳דיקע און אַרטיסטישע שטימונג;

„2) אַ געזעלשאַפט פון יונגע קינסטלער, וועלכע זאָלן ליב האָבן און שטרעבן צו ברענגען דעם אידישן טעאַטער צו אַ שיינער שטופע;

„3) שפּילן גוטע דראַמען, הערליכע קאָמעדיען, געלונגענע פּאַרסן און שיינע אָפּערעטן. און אויב אַ מעלאָדראַמע, מוז עס זיין מיט אינטערעס און לאָגיק;

„4) יעדע פּיעסע אויפירן אַזוי ווי זי פאַרדינט און וואו דער אויטאָר זאָל אויך האָבן אַ דעה איבער זיין פּיעסע. מאַכן גענוג פּראָבען כדי די שוישפּילער זאָלן האָבן צייט גענוג איינצושטודירן זייערע ראָלן. אויך וועט יעדער פּיעסע קריגן אַ גענעראַל־פּראָבע מיט קאָסטיומען און סינעריס;

„5) די פּרעסע און דער טעאַטער זאָלן גיין האַנט אין האַנט, און אויב די פּרעסע, דאָס פּאָלק און די טעאַטער־יוניאָנס, וועלן מיר געבן די נויטיקע שטיצע, בין איך זיכער, אַז דער אירווינג פּלעיס טעאַטער וועט זיין אַ שטאָלץ פאַר אונזערע אידן אין ניו יאָרק״.

אָט מיט דעם „אַני מאַמין״, און מיט זיין טיפן גלויבן אין זיינע גרויסע אַמביציעס איז שוואַרץ צוגעטראָטן צוזאַמענצושטעלן זיין טרופּע פאַר דעם אידעאַלן טעאַטער, וואָס ער האָט אַזוי שיין און אָנציענדיק אויסגעמאָלן אין זיין אַרטיקל. איך האָב געהאַט דאָס מזל צו זיין די ערשטע מיט וועמען ער האָט פאַרהאַנדלט, ער האָט מיך ממש באַצויבערט מיט די שיינע פאַרבן מיט וועלכע ער האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט דעם אויספּאַנטאַזירטן טעאַטער זיינעם. ער וויל מיך האָבן פאַר זיין „לידינג־לעידי״; ער דאַרף מיך האָבן אים צו העלפן. מיט מיר איז ער זיכער. די קאָמבינאַציע מאָריס שוואַרץ און צילי אַדלער, וועט זיין אָנציענדיק, סיי פאַרן עולם, סיי פאַר דער פּרעסע, סיי פאַר די יונגע בעסערע שוישפּילער, וואָס ער האָט בדעה צוצוציען צו זיין טעאַטער. אים איז ניט שווער אָנגעקומען מיט מיר דורכ־צוקומען. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אומעטום אַנאָנסירט ווערן גלייך מיט אים, אַז קיינער וועט ניט ווערן אַנאָנסירט אַזוי גרויס ווי מיר ביידע. ער האָט דאָס אַריינגעשריבן אין קאָנטראַקט און מיר האָבן עס אונטער־געשריבן. איך האָב אים אפילו נאָכגעגעבן זיין בקשה איך זאָל ניט פאָדערן קיין העכערונג אויף מיין געהאַלט, וואָס איך האָב געקראָגן יענעם סעזאָן ביי קעסלער׳ן. איך מוז אים העלפן אין זיין ערשטן סעזאָן — נאָכאַלעמען עס איז דאָך „אונזער טעאַטער״...

אַרום אַ חודש שפּעטער איז ער געקומען צו מיר מיט אַ נייער בקשה: אַזוי ווי ער וויל צוציען די בעסטע יונגע כוחות וואָס אונזער טעאַטער

פאַרמאָגט, ווײל ער אויך אַנגאַזשירן בערטאַ גערסטין. בערטאַ גערסטין האָט די ערשטע יאָרן פון איר טעאַטער־קאַריערע געשפּילט אין די ניו יאָרקער וואָדעוויל טעאַטערס. ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר, איז זי אַריבער אין דעם אַזוי־גערופענעם לעגיטימען טעאַטער, וואו זי האָט זיך גאָר גיך דער־וואָרבן אַ נאָמען ווי אַן ערשט־קלאַסיקע שוישפּילערין. די לעצטע צוויי סעזאָנען איז זי געווען די „לידינג־לעידי" אין טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנאַל טעאַטער. זי וויל אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער אויך אַנאָנסירט ווערן ווי אַ „לידינג־לעידי", גלייך מיט מיר. לויט מיין קאָנטראַקט קען ער די פאָ־דערונג אירע ניט נאָכגעבן אָן מיין צושטימונג. אַוודאי האָב איך אַ רעכט דאָס צוריקצוּווייזן. איז אים אויך ניט שווער אָנגעקומען אין דעם פאַל ביי מיר צו פּועל׳ן מיין דערלויבעניש — „איך מוז דאָך אים העלפן".

פונקט ווי שוואַרץ, ווען עס די מערסטע טעאַטער־מענטשן מוזן צוגעבן, אַז אַן אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט אַזאַ קרבן ניט געבראַכט. איך האָב אָבער איינגעזען אַז בערטאַ איז גערעכט אין איר פאָדערונג. איך האָב אויך געפילט אַז זי וועט זיין אַ גרויס געווינס פאַר אונזער טעאַטער.

עס איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב לעצטנס געהאַט מיט בערטאַ גערסטין פון יענער צייט טאַקע. זי דערציילט, אַז זי האָט זיך שטאַרק געקווענקלט צו פאַרלאָזן דעם סטאַבילן טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנאַל טעאַטער פאַר שוואַרצ׳ס אויסגע׳חלומ׳טן אוירווינג פּלעיס טעאַטער:

„איך האָב דעמאָלט גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס ער אונטערשטרייכט אַזוי וועגן שפּילן בעסער טעאַטער. איך האָב ניט געוואוסט קיין חילוק: סטייטש בעסער טעאַטער? אַז מען שפּילט גוט, איז בעסער טעאַטער".

אָבער שוואַרץ מיט זיין כוח הדיבור און זיין גרויסע באַגייסטערונג האָט ניט אָפּגעלאָזן, בפרט נאָך, אַז ער האָט איר אויסגערעכנט וועמען ער האָט שוין. די אַלע יונגע בעסערע שוישפּילער מיט וועלכע ער וועט זיך אַרומרינגלען — יונגוואַרג מיט יונגע אַמביציעס — „מיר ווילן זיי ווייזן וואָס עס מיינט טעאַטער־שפּילן!". ער האָט זי איבערגערעדט.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער ווידער ביי מיר געבעטן הילף. ער וויל האָבן לודוויג זאַצ׳ן אין זיין טרופּע. נאָר איך קען זאַצ׳ן באַווירקן.

זאַץ האָט יענעם סעזאָן געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג מיט אַדלער׳ן אין זיין גרענד טעאַטער. די אידישע פּרעסע האָט אים גוואַלדיק אויפגענומען. ספּעציעל אין די צוויי ראָלן זיינע אין דימאָוו׳ס „וועלט אין פלאַמען" און „שקלאַפן פון פאָלק". ער איז, פאַרשטייט זיך, אויך מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון ברייטן טעאַטער־עולם. אַדלער האָט אים געוואָלט אויך פאַרן קומענדיקן סעזאָן. זאַץ איז געווען זייער גליקלעך ביי אַדלער׳ן,

און ס'איז אים גאָרניט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן אַוועקגיין פון אים.

איך האָב געפילט, אַז ביים בויען אַזאַ נייעם טעאַטער, דאַרף זאַץ אויך זיין דערביי. איך האָב שטאַרק געגלויבט אין זיין פילזייטיקן טאַלאַנט און געוואוסט, אַז ער וועט זיך שאַפן זיין פּלאַץ אין דעם סאָרט טעאַטער. איך האָב זאַצ'ן גענומען צוריידן. ער האָט אין אָנהויב גאָרניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט זיך אפילו געשראָקן פאַרן געדאַנק אַוועקצוגיין פון אַדלער'ן.

„צילי, איך פיל זיך אַזוי פאַרפליכטעט צו אַדלער'ן. ער האָט מיר געגעבן מיין גרויסע געלעגנהייט, ווי קען איך אים אַזוי אָפּדאַנקען?"

איך בין צוגעשטאַנען:

„הער, לודוויג, איך גלויב שטאַרק אין דעם נייעם טעאַטער. מיט דיין כוח וועט דער טעאַטער אַ סך געשטאַרקט ווערן. דו האָסט צו מיר מער פליכטן ווי צו אַדלער'ן. איך בין מער דיין משפחה, ווי אַדלער איז. איך גלויב, אַז איך האָב דיר דאָס ביי אַ סך געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן. פאַרדין איך ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיין פאָדערונג שטעלן העכער ווי אַדלער'ס. דו מעגסט מיר גלויבן, אַז איך האָב דיין טובה אויך אין זינען. דו דאַרפסט זיין צווישן די גרינדער פון אַזאַ טעאַטער".

איך האָב אויך צוגעצויגן מיין מאַמע'ס הילף. איך האָב איר איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון דעם דערפאָלג פון אַזאַ טעאַטער:

„דאָרט וועלן מיר זיך אַלע קענען אויסלעבן. מיר בויען אַ צוקונפט פאַר אונז אַליין און אויך אַ נייע עפּאָכע אין דעם אידישן טעאַטער".

מיין מאַמע האָט מיך פאַרשטאַנען. זי האָט מיר געהאָלפן ווירקן אויף זאַצ'ן. ער האָט ענדלעך נאָכגעגעבן. און איך האָב שוואַרצ'ן ווידער געהאָלפן. איך האָב מיט צופרידנקייט שוואַרצ'ן געבראַכט די בשורה און געפילט, אַז איך האָב אַ היפּשן חלק צוגעטראָגן צו די באַמיאונגען צו שאַפן דעם נייעם טעאַטער. מיין זיכערקייט און פעסטער גלויבן אין דעם דערפאָלג פון „אונזער טעאַטער" איז פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען שוואַרץ האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אויך אַנגאַזשירט יעקב בן־עמי.

פון דער צייט וואָס איך האָב געשפּילט אין דימאָוו'ס „אייביקער וואַנדערער" איז מיר פאַרבליבן אַ גוטער טעם פון בן־עמי'ן — זיין פּערזענלעכקייט, זיין טאַלאַנט און זיין באַציאונג צו טעאַטער זיינען מיר געוועזן צום האַרצן... האָט מיר באמת שטאַרק הנאה געטאָן, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז בן־עמי וועט אויך זיין מיט אונז... אין די קורצע עטלעכע יאָר וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט ער נאָך ניט באַוויזן זיך צו

דערהויבן צו אַ וויכטיקער פּאָזיציע אין אידישן טעאַטער דאָ. ער האָט אָבער געצויגן אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין עטלעכע ראָלן וואָס ער האָט געשפּילט, סיי אין בעסערן רעפּערטואַר, ווי „דער וואַנדערער" און „געדונגענער חתן", פון דימאָוו'ן, סיי אין מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר.

ער האָט, למשל, אין קאַלמאַנאָוויטש'עס „די ווערט פון אַ מאַמע'ן" געשאַפן אַ וואונדערבאַרן כאַראַקטער, נאָטע וואַסערטרעגער. אגב, האָט ער מיט יענער ראָלע זיינער שטאַרק אויסגענומען ביי דער פּראָפּעסיע. די אַקטיאָרן האָבן אַנערקענט אַז דער „ליטעראַטוטניק" איז גאָר אַ פיינער שוישפּילער.

ער האָט אויך אין יענע ערשטע יאָרן זיינע אין אַמעריקע געקראָגן גרויס אָנזען און אַ סך לויב אַלס רעזשיסאָר, ווען ער האָט מיט אַ גרופּע אַמאַטאָרן אויפגעפירט אין „נעיבאָרהוד פּלעיהאַוז" אויף גרענד סטריט דריי איינאַקטערס, פון י. ל. פּרץ. דער בעסערער טעאַטער־עולם האָט אין אים געזען אַ גאָר וויכטיקן כוח פאַרן אידישן טעאַטער. איך האָב דערפאַר דערפילט אַז זיין צושטייַן צו אונזער טעאַטער איז אַ גרויסער געווינס פאַר אונז.

מיך האָט שטאַרק אימפּאָנירט שוואַרצ'ס אַמביציעזער אויפטו און זיין מוטיקער גלויבן, אַז מיר, די יונגע, האָבן דעם כוח און טאַלאַנט צו שאַפן אַ נייעם וועג אין אידישן טעאַטער, זיך אָפּטרייסלען פון דעם שימל וואָס איז אָנגעוואָקסן אויף אונזער טעאַטער, צוליב פּערזענלעכע שטרויכלונגען, וואָס אונזערע ערשטע „גרויסע" האָבן ניט געקענט בייקומען — צו זען אַרויסשיילן די ריינע, שיינענדיקע ירושה זייערע פון די דערנער און ווילדע געוויקסן וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין לויף פון די יאָרן און פאַרטונקלט איר שיין און פאַרמינערט איר גרויסן ווערט... האָב איך זיך געפילט געהויבן, וואָס איך בין געווען די ערשטע, וועמען שוואַרץ האָט צוגעצויגן. איך האָב מיך דערפילט ווי אַ טייל פון דעם גרויסן געוואַגטן פאַרזוך, זיך געפרייט מיט יעדן נייעם כוח וואָס אונזער טעאַטער האָט צוגעקראָגן...

עס איז, אַגב, כדאי דאָ צו פאַרצייכענען עפּעס וואָס טיילט אויס בן־עמי'ן פון אונז אַלעמען. איר ווייסט שוין פון מיין דערציילן וועגן די צוגרייטונגען צום אירווינג פּלעיס טעאַטער, אַז מיר האָבן געקוקט דערויף און געהאָפט אַז עס ווערט געשאַפן אַ נייער וועג, אַ שענערער צוגאַנג צו טעאַטער. בן־עמי האָט אָבער אויף אַ דירעקטן אופן געפּרואווט באַווירקן און פאַרזיכערן אַז דאָס טעאַטער וועט זיך אָנשטרענגען אויפצופירן פּיעסן פון אַ ליטעראַרישן ווערט. אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט שוואַרצ'ן, האָט ער געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז מינדעסטן איין מאָל אַ וואָך זאָל געשפּילט ווערן אַ ליטעראַרישע פּיעסע.

מ׳האָט זיך שטאַרק געדונגען וועגן דעם פּונקט. שוואַרץ האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ צוזאָג קען באַשווערן דאָס טעאַטער. די רייד איז געווען וועגן שפּילן אַ ליטעראַרישע פּיעסע יעדן מיטוואָך. בן־עמי האָט עס טאַקע באַצייכנט אַלס „ליטעראַרישער מיטוואָך". האָט שוואַרץ אַרגומענטירט, אַז אים קען אויסקומען פאַרלירן געלט יענע אָוונטן; וויל ער אַז בן־עמי זאָל אויך עפּעס צוטראָגן, אַראָפּלאָזן כאָטש פינף דאָלער פון זיינע שכירות. בן־עמי האָט צוגעשטימט — אַנשטאָט פינף־און־זיבעציק דאָלער אַ וואָך, איז געבליבן זיבעציק.

אין סעזאָן 1917־1918, האָט מיין טאַטע אין זיין גרענד טעאַטער אַרויסגעפירט און זייער אָפּט געלויבט פאַרן עולם כמעט אַן אומבאַקאַנטע שוישפּילערין. זי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין כאַראַקטער־ראָלן און אַלס מוסטער־ראַליסטין. דאָס איז אונזער זייער טאַלאַנטפולע חנה אַפּעל. שוואַרץ האָט אויך זי אַנגאַזשירט.

האָב איך באמת געהאַט גרויס פאַרגעניגן און די בעסטע דערוואַר־טונגען ווען איך האָב ענדלעך איבערגעלייענט די נעמען פון אונזער טרופּע פאַרן אירווינג פּלעיס טעאַטער. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז שוואַרץ האָט געהאַלטן וואָרט, און זיך טאַקע אַרומגערינגלט מיט די בעסטע יונגע כוחות וואָס דאָס אידיש טעאַטער האָט דאַן פאַרמאָגט. אָט איז דער צעטל אין דער אָרדנונג ווי זיי זיינען געווען אַנאָנסירט:

דער פרויען פּערסאָנאַל: צילי אַדלער, בערטאַ גערסטין, חנה אַפּעל, סאָניאַ נאַדאָלסקי, עני מעלצער, מרס. ראָזנטאַל און די יונגע קלאַראַ ראָזנ־טאַל. מענער: מאָריס שוואַרץ, לודוויג זאַץ, יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדשמיט, אליהו טענענהאָלץ, באָריס ראָזנטאַל און מאַקס ווילנער.

מיר האָבן מיט חשק און התמדה זיך גענומען צו דער אַרבעט פאַרן אָנהויב פון סעזאָן.

געדענק איך די יום־טוב׳דיקע שטימונג, די אינערלעכע פרייד וואָס איך האָב געפילט, גייענדיק צו דער ערשטער פּראָבע אין אירווינג פּלעיס טעאַטער. יעדער אבער האָט אין מיר געזונגען. אין מיין מוח האָבן זיך געוועבט שיינע חלומות, זיסע האָפענונגען. מיר לאָזן זיך אויף נייע וועגן וואָס וועלן אונז פירן צו אַ זיכערן ברעג.

איך האָב די זעלבע שטימונג אַרויסגעלייענט פון יעדן איינעם פון דער טרופּע, ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דער בינע צום ערשטן מאָל. אין יעדנס אויגן, אין די שיינענדיקע פּנים׳ער האָט מען געקענט זען די פריידיקע דערוואַרטונגען. אַ גרייטקייט צו אָפּגעבן כוח און מוח צו העלפן אַ נייעם שיינעם אָנהויב. מ׳האָט ממש געקענט פילן דעם רייץ פון קווענ־

דיקער יוגנט, וואָס איז אָנגעשטאָלט מיט ענערגיע, אָנגעשטעקט מיט אַמבי־ציעס צו גיין אויף אייגענע נייע וועגן צו אַ שענערן, אַ בעסערן אידיש טעאַטער.

שוין אין די ערשטע באַגעגענישן, אין די נייע באַקאַנטשאַפטן האָב איך דערפילט אַ געלייטערטע אַטמאָספערע, אַ מין דערהויבנקייט. גאָר אַן אַנדער צוגאַנג ווי איך בין געוואוינט געווען צו טרעפן ביי אַנהויב סעזאָן פריער. אָן די באַנאַלע חכמות, צינישע רכילות׳ן און שאַרפע וויצן, וואָס האָבן שטענדיק געלאָזט אַ שלעכטן טעם... האָט יענער ערשטער צוזאַמענ־קום מיך געוואַרעמט, מיינע זיסע האָפענונגען געשטאַרקט און געמוטיקט.

געדענק איך ווי דער געוויינלעכער צוגאַנג צו דער פאָרלעזונג פון דער ערשטער פּיעסע, האָט עפּעס ווי פאַרשוועכט די יום־טוב׳דיקייט ביי מיר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז שוואַרץ האָט געדאַרפט פריער ריידן צו דער טרופּע. אונז, אַזוי צו זאָגן, אָנרעגן זיך צו לאָזן מיט גלויבן אויף אַ נייעם וועג. ער האָט עס ניט געטאָן. גלייך צוגעטראָטן צו דער פאָרלעזונג ווי מ׳האָט עס געטאָן אין אַלע טעאַטערס ביז איצט. ס׳האָט זיך ניט געמערקט קיין נייער צוגאַנג.

די שטימונג פאַר אַ בעסערן אידישן טעאַטער איז געקומען צום אויס־דרוק פון פאַרשידענערליי ווינקלען — סיי אויף די טעאַטער זייטן אין די אידישע צייטונגען, סיי אין ספּעציעלע אַרטיקלען פון אָנערקענטע ליטעראַטן, זשורנאַליסטן און טעאַטראַלן. אַזוי איז, למשל, אין „טאָג“, דעם 18טן מאַי, 1918, דערשינען אַן אַרטיקל פון דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו. ציטיר איך דאָ פון יענעם אַרטיקל:

„עפּעס נייעס, פרישעס רייסט זיך אַריין אין דער אַטמאָספערע פון אונזער טעאַטער. דאָס טעאַטער־פּובליקום האָט זיך געענדערט צום בעסערן, אַ סך אַלטע, פעסטע טעאַטער־טראַדיציעס זיינען אומדערוואַרטעט אָפּגעשאָפט געוואָרן... עס האָבן אין אַ קורצער צייט אויפגעבליט אַ סך פרישע טעאַטראַלע בלומען און פיל טעאַטראַלע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן... אַ סך רעפּוטאַציעס זיינען צו גרונט געגאַנגען, אָבער גיך, כמעט אומבאַמערקט, האָבן זיך באַוויזן אויף זייער אָרט, נייע נעמען, נייע כוחות... עפּעס ווי מיט אומבאַרעמהאַרציקער, אָבער גערעכטער גרויזאַמקייט... דאָס אָפּגעלעבטע, פאַרעלטערטע, גייט צו גרונט, און זיין אָרט פאַרנעמט דאָס נייע, דאָס יונגע... אַזוי איז עס אין לעבן, אַזוי אויך אין דער קונסט. דער עולם איז מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן צו זאַכן וואָס זיינען פריער זיי געווען צום האַרצן... פּיעסן וואָס וואַלטן מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק אויסגענומען ביים

עולם, זיינען איצט פולשטענדיק דורכגעפאַלן... און דאָס וואָס האָט, דוכט זיך, ניט געקענט האָבן קיין דערפּאָלג, איז דווקא יאָ געפעלן..."

ווי געזאָגט, איז דאָס אויבן־ציטירטע בלויז איינס פון אַ צאָל אַר־טיקלען פון דעם כאַראַקטער, וואָס זיינען אין יענער צייט געשריבן געוואָרן. איז עס זיכער געווען אַ גרויסע הילף פאַר אונזער נייעם אָנהויב אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, ווערטפולע רעקלאַמע פון אַ פיינעם פאַרנעם... שוואַרץ און ווילנער האָבן געזוכט די שטימונג צו אויסנוצן און זיינען אַרויס מיט אַ „קאַמפּעין" פאַר יערלעכע „סובסקרייבערס"...

דער „פאָרווערטס" טעאַטער־רעפּאָרטער רעאַגירט אויף דעם אין אַ גרעסערן נאָטיץ דעם 24טן מאַי, 1918: „מאָריס שוואַרץ וויל אין זיין טע־אַטער ניט נאָר אַדווערטאַיזן זיך און די אַקטיאָרן נאָר אויך די טעאַטער־גייער. די וואָס וועלן קויפן יערלעכע פּלעצער אין טעאַטער וועלן זייערע נעמען אויפגעשריבן ווערן אויף ספּעציעלע גרויסע טאָוולען וואָס וועלן הענגען אין דער „לאָבי" פון טעאַטער, און מ'וועט מיינען אַז דאָס זיינען נעמען פון פּיעסן אָדער פון אַקטיאָרן... שוואַרץ האָט אויך אַ פּלאַן צו גרינדן אַרום זיין טעאַטער אַ קלוב פון הונדערט סטאַטיסטן, מענער און פרויען. פון דעם קען מיט דער צייט אַפילו אַרויסקומען אַ דראַמאַטישע שולע. די סטאַטיסטן וועלן ווערן ספּעציעל געשולט, צו וויסן ווי אַזוי אויף אַ בינע צו דערשיינען, אַזוי אַז די מאַסן־סצענעס זאָלן אַרויסקומען באַטיר־לעך און מיט אַ געוויסער פאַרשטענדעניש... דער שכר פאַר זייער אַרבעט וועט זיין פריי איינטריט אין טעאַטער ווען נאָר זיי וועט זיך וועלן... אויך זייערע נעמען וועלן זיין אויסגערעכנט אויף פּלאַקאַטן אין דער לאָבי, און אין די טעאַטער פּראָגראַמען".

ניט אַלץ איז אָבער אין טעאַטער צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן. סימנים פון ערשטן קריזיס האָבן זיך באַוויזן ווי נאָר מ'האָט זיך גענומען צוגרייטן די ערשטע טעאַטער־רעקלאַמען. גאַר גיך איז דער קריזיס אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. אַזוי ווי מיין נאָמען איז אין דעם געווען פאַרמישט, פיל איך עס ווי מיין חוב דעם ענין קלאָר צו מאַכן. אָט ווי עס איז אין „פאָרווערטס" דאַן איבערגעגעבן געוואָרן:

„די צוויי וויכטיקסטע קינסטלער פון מאָריס שוואַרצ'ס אירווינג פּלעיס טעאַטער בונטעווען זיך, און האַלטן ביים אַוועקגיין פון טעאַטער. דאָס זיינען צילי אַדלער און לודוויג זאַץ. מיר וועלן אַן אַנדערש מאָל באַשפּרעכן פאַר־וואָס צילי אַדלער און זאַץ בונטעווען זיך. דער בונט איז אַן אינטערעסאַנטער: דאָס איז אַן אָנגעוויטיקט קאַפּיטל אין די קינסטלער־קרייזן, די סטאַר־סיסטעם... דערוויל דערציילן מיר, אַז ס'האַלט דערביי, אַז צילי אַדלער

און לודוויג זאַץ זאָלן קויפן אַ פּיעסע ביי אָסיפ דימאָוו און זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט...״

אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען דער „אינטערעסאַנטער בונט?!״ ווי קומט אין אונזער טעאַטער וואָס זוכט צו שאַפן אַ „נייעם וועג״, אַ „נייעם צוגאַנג״, אַזאַ אָנצוהערעניש ווי „סטאַר סיסטעם?!״ איז אָט וואָס עס האָט דערפירט דערצו:

ווי איר געדענקט, בין איך געווען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך וואָס זאַץ איז אַוועק פון אַדלער׳ס גרענד טעאַטער כדי צו זיין מיט אונז אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער. ווען מען האָט גענומען צוגרייטן די ערשטע טעאַטער־רעקלאַמעס און זאַץ האָט געזען אַז מאָריס שוואַרץ, צילי אַדלער, בערטאַ גערסטין זיינען גרעסער אָנאָנסירט, האָט ער געפאָדערט פון שוואַרצ׳ן אַז ער וויל אויך זיין אַנאָנסירט גלייך מיט אונז. איך בין געווען מיט דער מיינונג אַז ער האָט רעכט דאָס צו פאָדערן. און פּונקט ווי איך האָב צוגעשטימט אַז בערטאַ גערסטין זאָל זיין אַנאָנסירט גלייך מיט מיר, מעג שוואַרץ נאָכגעבן, אַז זאַץ זאָל זיין אַנאָנסירט גלייך מיט אים. שוואַרץ האָט אין אָנהויב זאַצ׳ן זיין פאָדערונג אָפּגעזאָגט, האָט זאַץ געוואָלט אַוועקגיין פון טעאַטער. איך האָב געפילט אַז איך האָב אַ חוב צו זאַצ׳ן און איך דאַרף שטיין מיט אים אין זיין קאַמף. איך האָב דאָס געזאָגט שוואַרצ׳ן. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און שוואַרץ האָט זאַצ׳ן נאָכגעגעבן.

אַלץ האָט זיך „אויסגעפּרעסט״...

פאַר דער ערשטער פּיעסע צו דערעפענען דעם נייעם אוירווינג פּלעיס טעאַטער, האָט שוואַרץ אויסגעקליבן ז. ליבינ׳ס פאַנטאַסטישע דראַמע, „דער מענטש און זיין שאָטן״.

כאָטש די פּיעסע האָט ווייט ניט געשטימט מיט די האָפענונגען וואָס מ׳האָט געלייגט אויף דעם נייעם טעאַטער, איז אָבער כדאַי איבערצוגעבן די וואַרעמע באַציאונג פון דער פּרעסע און דעם ערנסטן צוגאַנג פו די וויכטיקסטע טעאַטער־רעצענזענטן פון יענער צייט.

ווי אַן אָנהויב פון אַ נייעם פּאַרזוך אין אידישן טעאַטער — אַ פּאַרזוך וואָס האָט געענדערט זיין אויסזען פאַר אַ סך יאָרן, און געפירט צו דער „צווייטער גאָלדענער עפּאָכע״ אין אונזער טעאַטער, איז עס ביז גאָר וויכטיק, זיך ברייט אָפּצושטעלן אויף דער אויפנאַמע וואָס דער אוירווינג פּלעיס טעאַטער האָט געקראָגן אין דער אידישער פּרעסע.

שרייבט, למשל, דער איצטיקער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס", הלל ראָגאָף:

„דער אידישער טעאַטער איז היי־יאָר רייכער געוואָרן מיט נאָך אַ בינע און מיט נאָך אַ סטאַר מענעדזשער. דער יונגער קינסטלער מאָריס שוואַרץ האָט פֿאַרוואַנדלט דעם אַלטן דייטשן טעאַטער אויף אירווינג פּלעיס אין אַ אידיש הויז און האָט דאָרט דעם סעזאָן געעפֿנט מיט ז. ליבינ'ס אַן ערנס־טער פּיעסע, מיט אַ טרופּע יונגע, אויסגעצייכנטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט אַ שיינער אויסשטאַטונג און פּעאיקער רעזשי. צווישן די אַלע טעאַטערס וועלכע האָבן דעם סעזאָן אָנגעפֿאַנגען מיט דראַמען, האָט דער אירווינג פּלעיס טעאַטער דעם בעסטן איינדרוק געמאַכט. דאָס דאַרף דעם גאַסט אין אונזער טעאַטער־וועלט צוגעבן מוט און כּוחות פֿאַר זיין אונטערנעמונג".

ריידנדיק וועגן דער דראַמע פּילט מען, אַז הלל ראָגאָף ראַנגלט זיך מיט דער ניט צו־געראָטענער פּיעסע ליבינ'ס, און מיטן ווילן ניט צו שאָדן דעם נייעם אָנהויב...

„וואָס אָנבאַלאַנגט דעם שפּילן פֿון די אַקטיאָרן, מוז פֿריער געזאָגט ווערן אַ וואָרט וועגן דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס דער אַנסאַמבאַל מאַכט: עס איז ווירקלעך צום ערשטן מאָל וואָס מען זעט אויף דער בינע אַ טרופּע פֿון געקליבענע קינסטלער, איינער אין איינעם, יעדער צוגעפּאַסט צו זיין ראָלע, יעדער איינגעשטודירט אין זיין ראָלע. מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז די רעזשי איז אַן אויסגעצייכנטע. מיט איינער אָדער צוויי אויסנאַמען שפּילט יעדער ניט בלויז אויפֿריכטיק און ערנסט, נאָר אויך אינטעליגענט".

ראָגאָף שטעלט זיך אָפּ גאַנץ ברייט אויף די מערסטע שוישפּילער פֿון אַנסאַמבאַל. לייענענדיק זיינע אָפּשאַצונגען, האָט עס מיך דערמאָנט דעם ערנסט מיט וועלכן די מערסטע פֿון די שוישפּילער זיינען צוגעגאַנגען צו זייערע ראָלן. געדענק איך, למשל, פֿאַר מיין ראָלע אין לעצטן אַקט, אַלס אַל־טיטשקע, האָב איך טעג גאַנצע פֿאַרבראַכט אין עטלעכע מושב־זקנים'ס, שטודירנדיק אַלערליי אַלטיטשקע ווייבער — זייערע באַוועגונגען, דעם טאָן פֿון זייער ריידן, און וואָס און ווי אַזוי זיי דריקן אויס זייער אָפּגעלעבטקייט, זייער „נאָך־אַלעמען".

ווי אַ מין באַרעכטיקונג פֿאַר מיין איינריידן לודוויג זאַצ'ן זיך אָנצושליסן אין אונזער טעאַטער און צו באַשטעטיקן מיין גלויבן אין זיין טאַלאַנט, וויל איך דאָ ענדיקן די אויסצוגן פֿון הלל ראָגאָפֿ'ס קריטיק מיט עטלעכע שורות וועגן לודוויג זאַץ:

„דעם גרעסטן היט (דערפֿאָלג) מאַכט לודוויג זאַץ אין אַ קליינער ראָלע,

וועלכע איז כמעט ווי צוגעטשעפּעט צו דער פּיעסע. זאָץ האָט, הפּנים, גע־טראַכט ביי זיך — איר האָט מיך געוואָלט אָפּ׳פּטר׳ן מיט גאָרניט, מיר געבן אַ „קאָמופלאַזש״־ראָלע, וועל איך ווייזן אַז איר האָט געמאַכט אַ טעות, אַז איך וועל ציען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט ווי איר, און אפשר מער. און ער האָט עס געטאָן... זיין גרים, זיינע באַוועגונגען, זיין אַרומשפּאַנען הין און צוריק, זיין אויסשפּראַך, זיין וואַרגן זיך מיט די ווערטער ווען ער ווערט אויפגערעגט — זעלטן ווען מען האָט אַזעלכעס געזען אויף דער אידישער בינע. זאָץ מאַרשירט גאַנץ שנעל צום סאַמע אויב־אָן צווישן די כאַראַקטער־קאָמיקער אויף דער אידישער בינע״.

עס איז אין יענע יאָרן אין „טאָג״ דערשינען אַ פּסעוודאָנים „אוריאל מזיק״, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם מיט זיינע רעצענציעס איבערן אידישן טעאַטער. מען האָט אין דער טעאַטער־וועלט און אויך אין דער ציייטונגס־וועלט לאַנג ספּעקולירט ווער עס איז דער שרייבער, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים „אוריאל מזיק״. איז עס פאַר א סך געווען אַ גרויסע איבעראַשונג, ווען נאָך אַ לאַנגער צייט איז אַרויס דער סוד, אַז „אוריאל מזיק״ איז דער זשורנאַליסט און דערציילער, אַלטער עפּשטיין. איז אָט ווי „אוריאל מזיק״ האָט רעאַגירט אויף דער דערעפענונגס־פּיעסע אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, „דער מענטש און זיין שאָטן״:

„געוויס איז אַ גרויסער פּאַרדרוס, וואָס אין אַ נייעם טעאַטער, וואו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט יונגע קרעפטן, פון די סאַמע בעסטע וואָס מיר פאַר־מאָגן ,זאָל מען זיך נעמען אויפפירן שוין באַלד פון אָנפאַנג אַ נאַרישע, אומגעלומפּערטע זאַך. אַז דאָס לעצטע ווערק פון ז. ליבין איז ניט קיין גערעאָטנס, בין איך געווען איבערצייגט פון די טעאַטער־רעצענזיעס און קריטיקן וועלכע איך האָב געליינט אין אונזער טעגלעכער פּרעסע. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קונסט־קריטיקער האָב איך, זיצנדיק אין דער היים, אויך אויסגעדריקט מיין אַנטריסטונג קעגן הער שוואַרץ פאַר ווען אונז אָפּנאַרן מיט פאַרשידענע זיסע הבטחות. גיין זען די זאַך ווי זי ווערט אויפ־געפירט, זען וואָס די אַקטיאָרן און אַקטריסעס טוען אויף, איז אויך ניט נויטיק געווען, מחמת עס איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג, אַז כמעט קיינער טוט ניט גענוג, אַז עס זאָל ווערט זיין וועלכע ניט איז לויב. בין איך געזעסן אין דער היים און געוואַרט ביז די דאָזיקע שרעקלעך־שלעכטע דראַמע וועט אַראָפּגענומען ווערן און אַ בעסערע וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ.

„אָבער עס האָט פּאַסירט — די פּיעסע „דער מענטש און זיין שאָטן״ האָט געגומען האָבן דערפאָלג. דער עולם קומט און מען טראַכט ניט וועגן

אויפפירן אַן אַנדער זאַך. מיר איז אויסגעקומען צוריידן מיט אַ צאָל טעאַטער־באַזוכער, און זיי האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז די זאַך איז גאָרניט אַזוי שלעכט, אַז עס לאָזט זיך זען ווי מען שפּילט עס. דאָס איז מיר געוואָרן טשיקאַווע... אַזאַ מיינונגס־פאַרשידנהייט צווישן די קריטיקער פון דער פּרעסע און די קריטיקער פון פּובליקום איז באַלערנד און אינטערעסאַנט אין פילע פּרטים. מילא, בין איך אַוועק זען „דער מענטש און זיין שאָטן". איך בין אָפּגעזעסן אַ גאַנצע פאָרשטעלונג און האָב פאַר קיין פאַל ניט געקענט זען דעם עלעמענט אין דער פּיעסע, וואָס האָט געקענט מאַכן אַזוי בייז, למשל, מיין פריינט דר. וואָרטסמאַן. „דער מענטש און זיין שאָטן" איז ווייט ניט יענער סאָרט מעלאָדראַמע וואָס מיר זיינען געוואוינט צו זען פון דעם מין שרייבער ווי ז. ליבין איז. אויף מיר האָט גראָד די לעצטע שאַפונג זיינע געמאַכט דעם איינדרוק ווי דער מחבר וואָלט זיך דאָ געוואָלט אויפהויבן און זיך באַפרייען פון דעם נאַרישן קוואַטש מיט וועלכן ער האָט אונז געהאָדעוועט די לעצטע יאָרן. עס איז אַ פּרוואו צו געבן עפּעס ווערט־פולעס און דער שרייבער מוז און דאַרף קריגן די נויטיקע אַנערקענונג".

איך האַלט, אַז די צוויי רעצענזיעס ברייינגען גענוג אַרויס די דערוואַר־טונגען וואָס זיינען געלייגט געוואָרן אויפן אירווינג פּלעיס טעאַטער און דעם גוטן ווילן דעם טעאַטער צו העלפן, אויב ער זאָל נאָר גיין אויף די וועגן וואָס דער טעאַטער האָט צוגעזאָגט.

איז עס דווקא אויסגעפאַלן אויף אַן ענגלישן רעצענזענט, לואיס הירש, פון „אַמעריקען וויקלי דזשואיש ניוס", אונטערצושטרייכן אַ וויכטיקע בייס און גאָר אַ גרויסע ענדערונג, וואָס דער אירווינג פּלעיס טעאַטער האָט געבראַכט. עס איז באמת געווען אַ רעוואָלוציע אין אידישן טעאַטער. וואָס האָט מיך שטאַרק געוואונדערט איז, וואָס אין די צוויי דערמאָנטע קרי־טיקן פון „פאָרווערטס" און „טאָג" איז דאָס ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. גיב איך אייך אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג פון אַן אויסצוג פון יענעם אַרטיקל:

„אין איין אידישן טעאַטער וועט אונז פעלן דעם יאָר די לאַנג־יאָריקע בכבוד'יקע אינסטיטוציע, דעם סופליאָרס שטימע. אָט־אָ די זינד קעגן דער טראַדיציע האָט זיך דערלויבט דער אירווינג פּלעיס טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט זיך געעפנט לעצטן דאָנערשטיק. איז מען דאָך אַזוי פיל יאָרן געוואוינט געווען אין אידישן טעאַטער צו הערן פריער די רויע ווערטער פון סופליאָר און דאַן ערשט די געקאָכטע רייד פון שוישפּילער.

„שוואַרץ האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ הערלעכער טרופּע, און זיי

האָבן באַוויזן שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג צו קענען זייערע ראָלן. איז דאָס פאַרן עולם געווען אַזאַ איבעראַשונג, אַז זיי זיינען פאַרגאַפּטע געזעסן שטיל און אויפמערקזאַם דורך דער גאַנצער פאָרשטעלונג. איז עס אויך עפּעס וואָס איז ניי אין אידישן טעאַטער. דאָס איז דער כוח פון אַ נייעם פאַרזוך. ווערט טאַקע געלייגט אַ סך האָפענונג אויף דעם טעאַטער. און מען קען דערוואַרטן אַן ערנסטע באַציאונג סיי פון דער פרעסע, סיי פון עולם. אמת, אַז קיין סטאַרס זיינען דאָרט ניטאָ, אָבער אַלע זיינען נייגעריק, ענטוזיאַסטיש און אָנגעטאָפּטשעוועט מיט ריינעם, קינסטלערישן, שוישפּילערישן טאַלאַנט. און זיי זוכן צו שאַפן אַ נייעם וועג אין אידישן טעאַטער״.

עס איז שווער פעסטצושטעלן צי ליבינ׳ס פּיעסע „דער מענטש און זיין שאָטן״ איז באמת געווען אַ טעאַטער־דערפאָלג. כאָטש עס איז געגאַנגען זיבן וואָכן, איז עס פאָרט געווען אַ געמוטשעטער דערפאָלג, וואָס איז מערסטנס געשפּייזט געוואָרן פון דער נייגעריקייט פון עולם צו זען דעם נייעם אירווינג פּלעיס טעאַטער. עס איז דאַן געווען אַ גרויסער עולם אידישע טעאַטער־גייערס, וועמען עס זיינען נמאס געוואָרן די אַלטע אויסגעדראָשענע וועגן פון אידישן טעאַטער, ווי עס האָט זיך טרעפלעך אויסגעדריקט אָסיפּ דימאָוו אין זיינע באַמערקונגען וועגן אידישן טעאַטער, וואָס איך האָב שוין איבערגעגעבן. האָט דער עולם געגלויבט אין דעם נייעם פאַרזוך וואָס ווערט געמאַכט אין אירווינג פּלעיס טעאַטער און — מ׳איז געקומען.

נאָך דער פּיעסע זיינען געקומען עטלעכע פאַרזוכן גאָרניט קיין דערפאָלגרייכע. דער טעאַטער האָט אפילו געזוכט צו ברענגען דעם עולם מיט שאָמער׳ס פּיעסע „דאָס גייסטער הויז״. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן. אַ היפּשער קינסטלערישער דערפאָלג איז געווען דימאָוו׳ס פּיעסע „די דערוואַכונג פון אַ פאָלק״. קיין פולע קעשענעס מיט געלט האָט דאָס טעאַטער אויך פון דער פּיעסע ניט געהאַט. דער קינסטלערישער דערפאָלג, אָבער, האָט פיל־וויניק פאַרגיטיקט און געגעבן מוט דעם טעאַטער ווייטער אָנצוגיין.

אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגן פון הלל ראָגאָפ׳ס קריטיק אויף דער פּיעסע. נאָכדעם ווי ער ברייננגט אַ גאַנצן צעטל פון חסרונות, מאַכט ער דעם פאָלגענדיקן סך־הכל: „און דאָך איז „די דערוואַכונג פון פאָלק״ אַ ליטעראַריש ווערק, פול מיט דראַמאַטישע סצענעס און מיט שפּאַנענדיקע סיטואַציעס. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז צווישן אַלעס וואָס איז היי־יאָר אויפגעפירט געוואָרן אויף דער אידישער בינע, איז די דראַמע די בעסטע. זי פאַרדינט געזען צו ווערן פון יעדן אינטעליגענטן מענטשן״.

וויל איך זיך דערלויבן צו נעמען פֿאַר זיך אַליין אַ קאָפּעטשקע לויב און קאָמפּלימענטן פֿון הלל ראָגאָף אויף מיין שפּילן אין יענער פּיעסע: „איינע פֿון די שיינע סצענעס שטעלט פֿאָר ווי צוויי קינדער שפּילן זיך אין טאַטע־מאַמע פּרייטיק־צו־נאַכטס. אַזאַ בילד האָבן מיר שוין לאַנג, לאַנג אויף דער אידישער בינע ניט געזען. דימאָוו האָט אין איר אַריינגעגאָסן אַ פֿולע מאָס פֿון זיין טאַלאַנט, און דערצו האָט אים אָפּגעגליקט, וואָס אין דעם טעאַטער וואו די פּיעסע ווערט געשפּילט, איז גראָד דאָ צילי אַדלער אין דער טרופּע. די סצענע איז אַריינגעפֿאַלן אין אירע הענט. עס פֿעלן ווערטער אויסצודריקן דעם פֿאַרגעניגן, וואָס דער עולם האָט די עטלעכע געציילטע מינוטן וואָס צילי אַדלער פֿירט דורך אָט די מערקווירדיקע סצענקעלע. זי גרייכט אַ הויכן פּונקט פֿון קונסט, זי איז וואונדערבאַר".

איז באמת אַ שאָד וואָס די פּיעסע האָט ניט געהאַט דעם נויטיקן פֿינאַנציעלן דערפֿאָלג. איך האָב מיין ראָלע שטאַרק ליב געהאַט. איז אויב מען וועט עס ניט האַלטן פֿאַר באַרימעריי פֿון מיין זייט, וויל איך דאָ אויסדריקן אַ פֿאַרשייטן געדאַנק מיינעם. געטריי דער אָפֿנהאַרציקייט וואָס איך האָב צוגעזאָגט, וועל איך דאָס איינשטעלן:

די טעאַטער־געשיכטע פֿון דער וועלט איז רייך אין פֿאַלן ווען שוישפּילער און שוישפּילערינס זיינען געוואָרן וועלט־באַרימט פֿאַר שפּילן איין באַשטימטע קינדער־ראָלע. אַ דאַנק אַזאַ באַשטימטער ראָלע איז זייער קאַריערע פֿאַרזיכערט געוואָרן אויף זייער גאַנצן לעבן. מיר איז אויסגעקומען אין גאַנג פֿון מיין קאַריערע אַלס דערוואַקסענע שפּילן נאָענט צו אַ צענדליק קינדער־ראָלן. די ראָלן זיינען געווען אין עלטער פֿון נאָענט צו 10 ביז אַרום 13־14 יאָר. אין יעדער פֿון די ראָלן האָבן די מערסטע פֿון די קריטיקער, סיי אין דער אידישער פּרעסע און גאָרניט זעלטן אויך אין דער ענגלישער פּרעסע, מיך גוואַלדיק געלויבט, כמעט אויסגעטיילט אַלס די גרעסטע דערגרייכונג אין שוישפּיל קונסט, כאָטש אין די מערסטע פּיעסן האָבן פֿיגורירט מיט גרויסע וויכטיקע ראָלן כמעט די גרעסטע שוישפּילער פֿון אונזער בינע. מיינע ריזיקע דערפֿאָלגן האָבן מיין קאַריערע ניט באַזונדערס באַרייכערט, נאָר פֿאַרקערט, נאָך יעדן דערפֿאָלג אַזאַ, האָט מיך דאָס באַטרעפֿנדיקע טעאַטער ניט געוואָלט מער...

די קינדער־ראָלן פֿון וועלכע איך רייד איצט, האָב איך שוין געשפּילט אַלס דערוואַקסענע, שוין אפֿילו אַליין אַ מאַמע פֿון אַ קינד. מיין שכר פֿאַר די דאָזיקע אויסטערלישע דערפֿאָלגן איז, ווי געזאָגט, געווען דער היפּוך.

איז זייט מיר מוחל פֿאַר אויסדריקן מיין באַהאַלטענע קריוודע פֿון אַ סך יאָרן.

מיינע קינדער־ראָלן אַלס דערוואַקסענע

(שוין אפילו אליין אַ מאַמע)



אליע׳טשקע אין „געדונגענעם חתן"

טאָמאַשעפסקי און איך אין „אייביקן וואַנדערער"

אין „אָרעם, רייכע יתומה׳לע"

ראָזכען אין „שמעטערלינג שלאַכט"

מיין
קינדער־ראָלע
אין אָסיפ דימאָוו׳ס
„די דערוואַכונג פון אַ פאָלק״.
איך שפּיל זיך מיט מיין חבר׳ל
אין טאַטע־מאַמע פרייטיק־צו־נאַכט

דאָס אוירווינג פּלעיס טעאַטער האָט אויך קיין גרויס נחת ניט געהאַט מיט דוד פּינסקי׳ס אַ פּיעסע, „די קרומע וועגן פון ליבע״. זי איז באמת איינע פון גרויסן דראַמאַטורגס ניט־געלונגענע זאַכן. וועל איך זיך באַגנוגענען מיט אויסצוגן פון אַ קריטיק געשריבן בשותפות פון אוריאל מזיק און דעם באַרימטן מאַלער שאול ראַסקין.

זאָגט אוריאל מזיק: „קרומע וועגן״ איז זייער אַ קרומע פּיעסע, געשריבן אויף זייער אַ קרומען אופן, און זי האָט געמאַכט זייער אַ קרומען איינדרוק״. זאָגט שאול ראַסקין: „עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ שווי־שפּילערין, וועלכע זאָל בעסער קענען אויסדריקן מיט איר שפּילן די טרויעריקע לאַגע אירע, ווי צילי אַדלער. שפּילן שפּילט די יונגע אַקטריסע מיט אירע אויגן. יעדער אַקטיאָר שפּילט הויפּטזעכלעך מיט עפּעס — איינער מיט זיין שטימע, אַ צווייטער מיט זיין פיגור, אַ דריטער מיט זיין מימיק. צילי אַדלער שפּילט הויפּטזעכלעך מיט אירע אויגן. און זי האָט דאָ באַוויזן איר גאַנצע קונסט — גרויסע ליבנדיקע אויגן, גרויסע צאָרנדיקע אויגן, גרויסע שפּאָטנדיקע אויגן פול מיט אויסדרוק, פייער און ליכט, און מער פון אַלץ — אינטעליגענץ — אַ פול גרינטלעך פאַרשטיין פון איר אויפגאַבע און מיטלען״.

דורך דער צייט וואָס אין די סוף־וואָכן זיינען געשפּילט געוואָרן די פריער דערמאָנטע פּיעסן מיט און אָן דערפאָלג, זיינען אין מיטן וואָך אויפגעפירט געוואָרן אַ צאָל ליטעראַרישע פּיעסן, די מערסטע פון וועלטלעכן רעפּערטואַר. אַזוי איז געשטעלט געוואָרן שילער׳ס „די רויבער״; גוצקאָוו׳ס „אוריאל אַקאָסטאַ״; בערנאַרד שאָאָ׳ס „מרס. וואָרענ׳ס פּראָפעשאָן״, און אַנדערע. בן־עמי האָט שטאַרק געפאָדערט, לויט זיין קאָנטראַקט, אַז מ׳זאָל שטעלן ליטעראַרישע פּיעסן פון דער אידיש־דראַמאַטישער ליטעראַטור. שוואַרץ האָט בן־עמי׳ן געזאָגט, אַז ער גיט אים דאָס רעכט צו שטעלן אַ פּיעסע וואָס ער אַליין וועט אויסקלייבן: „איך וועל זיך אינגאַנצן ניט מישן...״

בן־עמי האָט זיך גע׳עצה׳ט מיט יחיאל גאָלדשמיט, און ער האָט אים פאָרגעלייגט צו שפּילן הירשביינ׳ס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״: מיר האָבן דאָס געשפּילט אין פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב און מיר דוכט, אַז דאָס איז זייער פּאַסיק פאַר אונזער טעאַטער דאָ״.

בן־עמי, אַ געשוואָרענער חבר און פריינט הירשביינ׳ס, האָט זיך אָנגעכאַפּט און שוואַרצ׳ן פאָרגעלייגט די פּיעסע. שוואַרץ האָט געצווייפלט אין דער פּיעסע, כאָטש ער איז מיט איר ניט געווען באַקאַנט: „דאָס וואָס די עמעטשורס האָבן געשפּילט?...״

בן־עמי האָט גענומען צושטיין, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַ דאַטום, אַ מיטוואָך, פֿאַרן „פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל". וואָלט איך אפשר איצט געדאַרפֿט זיין מער באַקאַנט מיט דער פּראָווידיאַנישער לערע כדי צו קענען דערקלערן פֿון וואַנען ס'נעמט זיך וואָס זייער אָפֿט קעמפֿן מענטשן, ניט וויסנדיק, קעגן זייער אייגענעם גרעסטן גליק. עפּעס דערפֿון איז געשען מיט שוואַרצ'ן.

ווייסן שוין איצט אַלע, אַז „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל" און „דעם שמידס טעכטער" פֿון הירשביין, זיינען באמת געווען דער כוח וואָס האָט געפֿירט שוואַרצ'ן צו זיין לאַנגיאָריקער קאַריערע אין מאָריס שוואַרצ'ס אידישן קונסט־טעאַטער. שוואַרץ האָט מיט אַלערליי תירוצים פּרובירט אָפּצושטופּן די ערשטע אויפֿפֿירונג פֿון „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל". אויף יעדער ווענדונג פֿון בן־עמי האָט ער געהאַט גענוגענדע אורזאַכן פֿאַרוואָס דאָס מוז אָפּגעלייגט ווערן. בן־עמי האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט; ער איז ניט מיד געוואָרן צו פּאָדערן. אויך האָט אים גאָלדשמיט דערמוטיקט און געטריבן שטרענג צו פּאָדערן פֿון שוואַרצ'ן אַ באַשטימטן דאַטום. איצט, ווען איך דערצייל פֿון יענער עפּאָכע, האָב איך זיך גענומען די מי און געהאַט אַ געשפּרעך מיט בן־עמי'ן וועגן דעם ענין. און אָט וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן:

„איך בין, הפּנים, געווען יונג און בּאַריש. כאָטש איך האָב געהאַט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו ווייב און קינד, האָב איך דאָך געשטעלט אַן אולטימאַטום: אויב איך קריג ניט קיין דאַטום אין צוויי וואָכן, גיי איך אַוועק פֿון טעאַטער".

שוואַרץ האָט ענדלעך באַשטימט דעם דאַטום פֿאַר מיטוואָך, דעם 16טן אָקטאָבער: „איך וועל ניט שפּילן און זיך גאָרניט מישן — טוט וואָס איר ווילט".

מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבע, אונטער בן־עמי'ס רעזשי. ביי אַ סך געלעגנהייטן האָט סיי בן־עמי, סיי גאָלדשמיט פּרובירט שוואַרצ'ן איינ־ריידן, אַז די ראָלע פֿון מילנער אין דער פּיעסע איז פֿאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. שוואַרץ האָט זיך אָפּגעזאָגט און בן־עמי האָט די ראָלע געגעבן באָריס ראָזנטאַל'. אונזערע פּראָבעס זיינען אין טעאַטער באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ שטיף־קינד. מיר האָבן זיי געדאַרפֿט אַריינכאַפּן צווישן אַנדערע פּראָבעס.

שוואַרץ האָט אָבער פּאָרט איינמאָל אָפּגעשטאַט אַ וויזיט צו אַ פּראָבע, זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם סופֿליאָר, דזשוליוס ערבער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער פּראָפֿעסיע אַלס דער ליטעראַרישער סופֿליאָר. שליסט זיך דער ערשטער אַקט מיט אַזאַ סצענע:

איך, צירל, צעקריג זיך מיט מיין געליבטן נח און בין אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. און ווי איך שטיי אַ פֿאַרטראַכטע, קומט די משוגע'נע

דאַבע, װעלכע זוכט אירע געשטאָרבענע קינדער אויפֿן בית עולם, און איך װער זייער דערשראָקן פֿון אירע רייד. קומט אַרויס מיין מאַמע, און זעענדיק אַז איך בין ניט מיט אַלעמען, טאַפּט זי מיך ביים קאָפּ, זאָגנדיק, „ביזט ניט געזונט, חלילה?“ איך ענטפֿער: „איך װייס ניט...“ מיין מאַמע בלאָזט מיך אָפּ דריי מאָל און שפּייט אויס: „קיין בייז אויג זאָל ניט זיין; האָסט אַ ביסל היץ; קום אַריין אין שטוב, מען װעט דאַרפֿן אַן עין־הרע אָפּ־שפּרעכן, אַ גוט־אויג“. זיי לאָזן זיך ביידע אין שטוב אַריין, עס הערט זיך פֿון דערװייטנס דער „משוגע'נער דאַבע'ס“ געזאַנג. און גייענדיק הויבט אָן די מאַמע: „דריי װייבער זיינען געשטאַנען אויף אַ שטיין“, א. אַ. װ. און דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם.

שוואַרץ גיט אַ קוק אויף ערבער'ן און טוט אַ זאָג: „דאָס איז עס? דאָס איז אַ שלוס־קוירטן?“

ערבער, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, ענטפֿערט:

„מר. שוואַרץ, דאָס איז דאָך ליטעראַטור...“

װען איך טראַכט איצט פֿון יענער צייט און פֿון שוואַרצ'ס באַציאונג צו הירשביינ'ס „פֿאַרװאָרפֿן װינקל“, פֿיל איך אַז ביי שוואַרצ'ן איז דאָס ניט געװען קיין בייזװיליקער חוזק.

שוואַרץ איז געװען אין אַ מאָדנער לאַגע. זיין שותּף מאַקס ר. װילנער, װי איך האָב שוין דערציילט, איז געװען אַ שטרענגער געשעפֿטסמאַן, אַן סענטימענטן פֿאַר די שוישפּילערישע אַמביציעס װאָס האָבן געברויזט אין שוואַרצ'ס גאַנצן װעזן. האָט שוואַרץ, דערפֿאַר, געמוזט זיין ציטערדיק און אָפּגעהיט מיט יעדן שריט װאָס ער האָט געמאַכט. ניט קענענדיק הירשביינ'ס פּיעסע, דערצו װיסנדיק, אַז אַמאָל האָבן עס געשפּילט, האָט ער מורא געהאַט פֿאַר דער ריזיקע, איינצושטעלן אַן אויפֿפֿירונג װאָס קען זיך אַרויס־װייזן פֿאַר אַ דורכפֿאַל. ער האָט ניט געקענט זיך דערלויבן אַװעקגעטראָגן צו װערן מיט דער באַגייסטערונג פֿון בן־עמי און גאָלדשמיט.

מוז דאָ צו זיין קרעדיט צוגעגעבן װערן, אַז װען ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער פּיעסע, האָט ער יאָ דערפֿילט, אַז עס לוינט זיך צו מאַכן דעם פּאַרזוך, אָבער זיין אחריות האָט אים געמאַטערט מיט צװייפֿל. פֿאָראויס־צוזאָגן אויף אַ פּיעסע, צי זי װעט זיין אַ דערפֿאָלג אָדער ניט, איז אַ פּראָב־לעם װאָס מאַטערט יעדן טעאַטער־אונטערנעמער. איז עס באַװאוסט, אַז בראָדװיי װאָלט גרייט געװען זיך לאָזן קאָסטן שװערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן צו געפֿינען אַזאַ מענטשן, װאָס זאָל קענען פֿאָראויסזאָגן, צי אַ פּיעסע װעט „אַנרייסן“. זייער אָפֿט, ביים לייענען און שטודירן אַ פּיעסע זוכן, למשל,

דער רעזשיסאָר און דער טעאַטער־אונטערנעמער אין דער פּיעסע סצענעס אַזעלכע וואָס זאָלן אַרויסרופן געלעכטער ביים עולם.

אין הירשביינ׳ס „פאַרוואָרפן ווינקל" זיינען קיין וויצן ניטאָ, קיינער האָט ניט געקענט פאָראויסזען אַז אין הירשביינ׳ס דיאַלאָג — די פאָלקס־טימליכקייט, די פשוט׳קייט פון די מענטשן — אַז אין דעם ליגט אַ סך הומאָר. גלייך ווי דער פאָרהאַנג גייט־אויף אין ערשטן אַקט, און דער זיידע טאָדרעס רעדט צו דער ציג, לאַכט שוין דער עולם. ביים לייענען האָט מען דאָס בשום אופן ניט געקענט פאָראויסזען.

ענלעכס האָט פאַסירט ווען בן־עמי האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט לייוויק׳ס באַרימטע דראַמע, „שאָפּ". ווילנער ווי דער באַלעבאָס פון טעאַטער, האָט געמאַטערט בן־עמי׳ן, ווען ער האָט צוגעזען איינע פון די לעצטע פּראָבען: „עס זיינען ניטאָ קיין קאָמישע סצענעס, קיין געלעכטער". בן־עמי אַליין האָט זיך אויך דערפאַר געשראָקן. און אָט קומט די פּרעמיערע פאָרשטעלונג. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף אויפן ערשטן אַקט, שטעלט עס פאָר אַ ניו יאָרקער „שאָפּ" גאַנץ פרי, ווען די אַרבעטער קומען אָן. דער „שאָפּ" איז ליידיק, און גלייך ביים אַריינגאַנג הענגט דער זייגער (טיים־קלאָק), וואו יעדער דאַרף אָפּדרוקן די צייט פון זיין קומען. איז ווי נאָר דער ערשטער אַרבעטער האָט אַריינגעשטעלט זיין קאַרטל און דער זייגער האָט אָפּגעקלונגען, האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער אין טעאַטער. און אַזוי איז עס געווען ביי יעדער באַוועגונג וואָס אַן אַרבעטער מאַכט באַרמאַל אין אַ „שאָפּ" ביים אַריינקומען, ווי אויסטאָן דאָס רעקל, אָנטאָן דעם פאַרטוך, א. אַ. וו. דאָס האָט אַרויסגערופן שטאַרקע געלעכטערס. איז טאַקע ביים לייענען, ווי קען דאָס איינעם איינפאַלן?

עס איז געווען שווער פאָראויסצוזאָגן, אַז אַזאַ סצענע אין „פאַרוואָרפן ווינקל", ווי דער שלוס פון ערשטן אַקט, וואָס איך האָב פריער באַשריבן, אַז דווקא דער שטילער שלוס־אַקט זאָל ביים עולם אַרויסרופן אַ גרויסע באַגייסטערונג.

האָבן טאַקע אין שוואַרצ׳ן געקעמפט די צוויי געפילן, זיין מורא פאַר אַ דורכפאַל, און זיין ווילן צו זיין אַ באַטייליקטער, אויב ס׳וועט זיין אַ דערפאָלג. איז עס ביי אונז אַלעמען געווען שטאַרק אָנגעלייגט, ווען אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט געזען עטלעכע פּראָבען, האָט ער בן־עמי׳ן געלאָזט וויסן, אַז ער וועט שפּילן די ראָלע פון חיים הערש דער מילנער. ער וועט זיך אָבער ניט מישן אין דער רעזשי. זיין צווייפל אָבער האָט אים נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. ער האָט געמאַכט פּראָבע

אָן באַגײסטערונג און גאַנץ אָפט מיט חוזק. בן־עמי׳ן איז ניט גרינג אָנגעקומען צו דערגײן ביז צו דער פּרעמיערע פֿון „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל״...

איר האָט געלײענט אין די קריטיקן איבער דער ערשטער פּיעסע ליבינ׳ס, „דער מענטש און זײַן שאָטן״, אַז מען האָט שטאַרק געלויבט די אויסשטאַטונג. שוואַרץ און ווילנער האָבן ניט געשפּאָרט און זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט, אַז די בינע זאָל אויסזען ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. בײַם „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל״, אָבער, האָט בן־עמי גאָרניט געקענט פּועל׳ן וועגן עפּעס אַן אויסשטאַטונג פֿאַר דער פּיעסע.

אין דער פּיעסע זײַנען דאָ דרײַ פֿאַרשידענע דעקאָראַציעס: דער בית־עולם און דער דרויסן פֿון דעם קברנ׳ס הויז, די רײַכערע שטוב פֿון חיים הערש דעם מילנער און די אָרעמערע דירה פֿון נאָטע דעם קברן. ווילנער האָט פֿון זײַן סעקאָנד עוועניו טעאַטער געבראַכט עטלעכע אַלטע דעקאָראַציעס, און מיט דעם האָט בן־עמי געדאַרפֿט אויפֿפֿירן דאָס „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל״. ער האָט אַפֿילו ניט געקענט פּועל׳ן אַז מען זאָל אָפּקאַלכן חיים הערש׳ס דירה, עס זאָל אויסקוקן לײַטישער פֿון נאָטע דעם קברנ׳ס.

שוואַרץ האָט טאַקע גע׳טענה׳ט מיט בן־עמי׳ן: „איבערקאַלכן אַ דעקאָראַציע דאַרף קאָסטן דרײַסיק דאָלער. ס׳איז בײַ מיר אַ גרויסער צווײַפֿל צי בײַ דער פֿאָרשטעלונג, מיטוואָך, וועט די קאַסע אײַננעמען דרײַסיק דאָלער״. האָט בן־עמי מיט האַרצווייטיק געזען, אַז מ׳זאָל פֿון די אַלטע דעקאָראַציעס ווי ניט איז אויסלאַטען די אויסשטאַטונג. האָבן זיך טאַקע די לאַטעס שטאַרק אָנגעזען.

אָבער, הפּנים, אַז אויב די פּיעסע האָט די ראָזשינקע, כאַפּט עס דער עולם אויף אַפֿילו מיט פֿאַרלאַטעטע דעקאָראַציעס. און פֿאַרקערט, גיט אויס אויף אַן אויסשטאַטונג שווערע טויזנטער דאָלאַרן, אָבער, אויב די פּיעסע האָט נישט דעם נויטיקן צויבער, קענען די פּרעכטיקסטע דעקאָראַציעס פֿאַר קיין דערפֿאָלג ניט מאַכן. זעט אויס, אַז אַ פּיעסע אָן דעקאָראַציעס קען אויסנעמען; דעקאָראַציעס אָן אַ פּיעסע — קײנמאָל ניט.

האָבן אפֿשר די שוועריקייטן פֿון דער ערשטער אויפֿפֿירונג פֿון „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל״ באַשווערט בן־עמי׳ס געמיט. מיר, אָבער, האָבן אונזער באַגײסטערונג פֿאַר דער פּיעסע און פֿאַר אונזערע ראָלן דערפֿון ניט פֿאַרלוירן. האָט אונדז טאַקע אונזער אינסטינקט ניט אָפּגענאַרט. אמת, יענעם מיטוואָך איז דער טעאַטער ניט געווען געפּאַקט. עס זײַנען געווען אפֿשר ווייניקער ווי דרײַ הונדערט מענטשן. אָבער די באַגײסטערונג, דער ענטוזיאַזם, די וואַרעמקייט מיט וועלכע דער קלײנער עולם האָט די פּיעסע אויפֿגענומען איז שווער איבערצוגעבן. מיר האָבן אויף דער בינע ממש

דערפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם ציט זיך פון עולם צו אונז אויף דער בינע מיט יעדן זאַץ; יעדע פראַזע האָט דערגרייכט די הערצער און די געפילן פון עולם. די אָוואַציעס נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען געווען עפּעס וואָס איך האָב אין אידישן טעאַטער פריער ניט געזען. די פריידיקע אויסגעשרייען, די בראַוואָ געשרייען האָבן געהילכט אין הויז ווי עס וואָלט געווען אַ געפּאַקטער טעאַטער.

די מערסטע פון עולם האָבן זיך אַרומגעשטעלט נאָענט צו דער בינע. די וואָס האָבן דאָרט מער קיין פּלאַץ ניט געהאַט האָבן זיך געשטעלט אויף די בענקלעך און נאָכאַנאַנד אַפּלאָדירט, אויסגערופן נעמען פון אַק־טיאָרן און געשריען מיט באַגייסטערונג. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער בינע, אונזערע אויגן און אויערן ניט געגלויבט. ביי אַ טייל פון אונז האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. דער פאָרהאַנג איז געבליבן אָפן אַ סך, אַ סך מינוטן. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט אונז.

שוואַרץ האָט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון — און אפשר וואָלט דער עולם אונז אַנדערש ניט אָפּגעלאָזט — ער איז אַרויסגעטראָטן און גע־האַלטן אַ רעדע. געטריי צו זיין ציטערדיקייט איבער זיין אונטערנעמונג, האָט ער אַפּעלירט צום עולם אַז זיי זאָלן אונז העלפן: „איר זעט, מיר האָבן גענומען אַ „טשענס" און אויפגעפירט אַזאַ פיינע ליטעראַרישע פּיעסע. לאָזט עס וויסן אייערע פריינט און זעט, מיר זאָלן קענען אָנגיין מיט אונזער גוטער אַרבעט".

„אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז נאָך צוויי מאָל געשפּילט געוואָרן אין מיטן דער וואָך. דער עולם און די באַגייסטערונג זיינען געשטיגן מיט יעדער פאָרשטעלונג. דערצו זיינען די סוף־וואָך פּיעסן, נעבעך, געפאַלן איינע נאָך דער צווייטער. האָבן ווילנער און שוואַרץ איינגעשטעלט און די פּיעסע אַרויפגעשטעלט אויף פרייטיק, שבת און זונטיק. צוועלף וואָכן נאָכאַנאַנד האָט „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" געבראַכט די גרעסטע איינאַמעס, וואָס דאָס אירווינג פּלעיס טעאַטער האָט יענעם סעזאָן געהאַט. אפילו ביי די קליי־נערישע סעקאָנד עוועניו סטאַרס און טעאַטער־מענעדזשערס האָט דער חוזק זייערער איבער „ליטעראַטאַציע", ווי זיי האָבן גערופן ליטעראַרישע פּיעסן, זיי זיך נעבעך געשטעלט אין האַלז.

קינסטלערישע דערגרייכונגען, אָן אַ שיר לויב־געזאַנגען און אַ סך, אַ סך אינערלעכע באַפרידיקונג האָבן געסטאַיעט גענוג פאַר דער גאַנצער טרופּע. עס האָט געבראַכט אַ נייע עפּאָכע אין אידישן טעאַטער. דער טרי־אומף פון בעסערן אידישן טעאַטער איז באמת געווען אַ פאָלקאָמענער, ווייל ער האָט געזיגט, טראָץ אַלע שטערונגען, וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג.

„אַ פאַרוואָרפן ווינקל" האָט ווי געלאַכט דער טעאַטער־פּראַקטישקייט אין פּנים אַריין: „איר האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ שטיף־קינד, מיך ניט צוגעלאָזן, מיך ניט צוגעזען, מיך ניט אָנגעטאָן ווי געהעריק איז — זיך געשעמט מיך פאַר מענטשן אַרויספירן — איז, אייך אויף צו־להכעיס, בין איך אַלעמען געפעלן און איצט שפּיגלט מען זיך אין מיר. איז, זאָל עס אייך וואויל באַקומען, סיי די וואָס האָבן געגלויבט אין מיר, סיי די וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט מיסטרויען".

איז דאָך אָפּגערעדט, אַז מיר אַלע האָבן זיך געפילט יום־טוב׳דיק. יעדע פאָרשטעלונג איז געווען ליב און טייער. איך קען זיך עד היום ניט דער־קלערן די מאָדנע געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט ביי די פאָרשטעלונגען פון יענע יום־טוב וואָכן. ביי יעדער פאָרשטעלונג פון „פאַרוואָרפן ווינקל", ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן נאָך אַן אַקט, האָט מיך באַהערשט אַ טרויעריק געפיל: „אָט, שוין אָפּגעשפּילט נאָך אַן אַקט, נאָך אַ שטיק יום־טוב אַוועק".

איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז די פריידיקסטע און די גליקלעכסטע אין דער טרופּע זיינען געווען בן־עמי און גאָלדשמיט. זיי האָבן עפּעס ווי געפילט, אַז דאָס איז געווען זייערער אַ פּערזענלעכער נצחון. בן־עמי, ווי פּרץ הירשביינ׳ס פּערזענלעכער פריינט, האָט גאָר געשוועבט אין די הימלען. ווען בן־עמי האָט געהאַט זיך שריפטלעך אָנגעפרעגט ביי הירשביינ׳ען צי ער מעג שטעלן זיין „פאַרוואָרפן ווינקל" אין פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער, האָט אים הירשביין געענטפערט:

„איך גיב דיר דאָס רעכט אויף דער פּיעסע, בלויז מיטן באַדינג, אַז דו נעמסט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויפפירונג".

קענט איר זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ פרייד בן־עמי האָט הירש־ביינען געשריבן וועגן דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון זיין פּיעסע.

דעם מחבר׳ס טאַלאַנט און זיין פּערזענלעכקייט איז אַ טעמע וואָס איז זייער אָפט באַהאַנדלט געוואָרן און זייער אַ סך איז וועגן דעם געשריבן געוואָרן. דער סך־הכל, די אונטערשטע שורה ביי די מערסטע וואָס האָבן וועגן דעם געשריבן איז, אַז בכלל איז עס געזונטער, סיי פאַרן שרייבער, סיי פאַר זיינע לייענער, אַז זיי זאָלן זיך פּערזענלעך ניט באַגעגענען. צו אָפט איז די פּערזענלעכקייט פון שרייבער אַ שטאַרקער דיסאָנאַנס פון זיין ריזיקן טאַלאַנט. דאָס קען זיך אויסדריקן אין קערפּערלעכן אויסזען פון שרייבער,

אין זיין באַנעמונג, אין זיינע זיטן, אין זיין כאַראַקטער בכלל. און זייער אָפּט טרעפט, אַז דעם לייענערס אַנטוישונג אין דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט, נעמט ביי אים צו דעם אַפּעטיט צו זיינע שאַפונגען. איך אַליין האָב ניט זעלטן אין מיין לעבן אַזעלכע אַנטוישונגען דורכגעלעבט.

דוכט מיר, אַז פּרץ הירשביין איז געווען פון די ווייניק גליקלעכע אויסנאַמען. זיין פּערזענלעכקייט האָט דעם לייענער און דעם טעאַטער־צו־שויער ניט אַנטוישט. ראשית, איז הירשביין געווען אַ שטילער, באַשיידע־נער מענטש, אָן פּרעטענזיעס. ער האָט זיך אָפּט אַליין אויסגעדריקט, אַז דאָס פאָלק איז אים גאָרניט שולדיק, וואָס אים האָט זיך פאַרוואָלט צו ווערן אַ שרייבער, אַ דיכטער. הירשביינ׳ס פּערזענלעכקייט, זיין געשטאַלט האָט מיט זיך געטראָגן בנעימות׳דיקייט, איידלקייט און שטילקייט.

ווערט דערציילט וועגן זייער אַ כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך צווישן הירשביין און אַ צווייטן גרויסן אידישן דיכטער, וועמען אָט די אַלע מעלות, וואָס איך האָב פריער אויסגערעכנט אויף הירשביינ׳ס חשבון, האָבן זיך אויך צו אים זייער געפּאַסט. איך מיין דאָ אונזער גרויסן אידישן דיכטער, יהואש. איך בין זיכער, אַז די אַלע וואָס האָבן געקענט אָט די צוויי טאַ־לאַנטפולע פּערזענלעכקייטן, וועלן מיט מיר איינשטימען.

זיצן זיי ביידע אַמאָל און יהואש דערפרעגט זיך ביי הירשביינ׳ען, וואו ער וואוינט, צי האָט ער אַ באַקוועמע דירה, און הירשביין ענטפערט: „אין מיין דירה הערשט אַזאַ שטילקייט, אַז איך הער ממש ווי אַ פליג קלאַפּט מיט די פליגלען״.

און יהואש קוקט מיט צופרידנקייט אויף הירשביינ׳ען און זאָגט: „די שטילקייט אין מיין דירה איז טיפער ווי אייערע. איך קען הערן ווי מיין שכן שלאָגט זיך מיט דער דעה״.

זאָלט איר אָבער ניט מיינען, אַז הירשביין איז געווען אַ שוואַכלינג, אַ נאָכגיביקער. וואָס אַנבאַלאַנגט זיינע פּיעסן, און זיין שרייבן בכלל, איז ער געווען זייער שטרענג און אָפּגעהיט.

אגב, איז דאָ אפשר כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אויך פיזיש איז הירשביין געווען זייער שטאַרק. איך האָב אַליין געזען ווי ער האָט אַריינגענומען אַ האַלבן דאָלער צווישן זיינע פינגער און אים צוזאַמענגעבויגן.

זיין פעסטער כאַראַקטער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ צאָל האַנדלונגען זיינע אַלס דראַמאַטורג און זשורנאַליסט. איז איבעריק צו זאָגן, אַז הירשביין קומענדיק קיין אַמעריקע איז ווייט ניט געווען קיין גביר. פונדעסטוועגן, ווען איינע פון די גרעסטע טעגלעכע צייטונגען אין ניו יאָרק, האָט אים פאָרגע־לייגט צו שרייבן פאַר דער צייטונג און צוגעגעבן: „אין מיין צייטונג שרייבן

אַלע גרעסטע שרייבער וואָס קומען קיין אַמעריקע", האָט הירשביין זיך אָפּגעזאָגט און צוגעגעבן פון זיין זייט: „איך וויל טאַקע ניט, אַז איר זאָלט עס כסדר קענען זאָגן".

אויך אין טעאַטער האָט ער געהאַט זיין צוגאַנג. ווייסט מען, אַז פאַר אַ סך יאָרן האָבן סטאַרס אָפּגעקויפט ביי דראַמאַטורגן זייערע אַ פּיעסע און עס געמאַכט פאַר זייער אייגענטום אויף זייער גאַנצן לעבן. ווען הירשביינ'ס פּיעסן זיינען אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, דעם סעזאָן 1918־1919, פּלוצלונג געוואָרן אַזאַ גרויסער דערפאָלג, האָט לואיס שניצער, וועלכער איז געווען דער געלט־כוח אין דעם „נייעם אידישן טעאַטער" 1919־1920, פאַרבעטן הירשביינ'ען צו זיך אין אָפיס — ער וויל מיט אים ריידן געשעפט. הירשביין איז געקומען מיט זיין פרוי, די שפּעטער באַרימטע דיכטערין, אסתר שו־מיאַטשער.

זיצן זיי אין אָפיס און שניצער ווענדעט זיך צו הירשביינ'ען:

„איר ווייסט, איך בין גרייט זיך לאָזן קאָסטן אַ סך געלט, טאַקע שיינע עטלעכע טויזנט דאָלער, איר זאָלט מיר פאַרקויפן אייער פּיעסע „די גרינע פעלדער". איך וואָלט זייער וועלן אַז מיין פרוי, הענריעטאַ שניצער, זאָל האָבן די איינציגע רעכט אויף דער פּיעסע. איך מיין, איך וואָלט וועלן, אַז די פּיעסע זאָל זיין אירע אויפן גאַנצן לעבן".

הירשביין האָט קיין סך ניט געטראַכט און אַ זאָג געטאָן: „איר מעגט וועלן. קום, אסתר", אוןביידע האָבן פאַרלאָזט דעם אָפיס.

אָט, ווי איר זעט, אָן פּרעטענזיעס, האָט הירשביין געקענט זיין שטעטל באַשטיין.

עס איז אויך ניט קיין נייס, אַז הירשביין איז געווען אַ שטענדיקער וואַנדערער. ער איז כסדר אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט. ווען דאָס „פאַר־וואָרפן ווינקל" איז פּלוצלונג געוואָרן אַזאַ דערפאָלג אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, איז הירשביין געווען אין קענעדע. ווען בן־עמי האָט אים געמאָלדן פון דעם גרויסן דערפאָלג, האָט ער בן־עמי'ן געענטפערט, אַז ער קומט קיין ניו יאָרק. די נייס פון הירשביינ'ס קומען האָט ניט נאָר דערפרייט בן־עמי'ן — אויך אונז אַלעמען, און דעם בעסערן אידישן טעאַטער־עולם בכלל.

דער „פאָרווערטס" טעאַטער־שרייבער האָט אַלעמען אָנגעזאָגט די בשו־רה בזה הלשון:

„הירשביין קומט נאָך אַ ביסל נחת! דער שטילער, באַשיידענער אידישער שרייבער, פּרץ הירשביין, וועגן וועלכן די טעאַטער־וועלט אין ניו יאָרק האָט לעצטנס געקראָגן אַ גוטע מיינונג, קומט קיין ניו יאָרק צו קלייבן נחת פון זיין דערפאָלג מיט זיינע אייגענע אויגן. אַגב, וועל איך אייך דאָ אויך אַנט־

פלעקן אַ סוד: הירשביינ׳ען קומט אַ מזל־טוב; ער איז אין קענעדע אַ חתן געוואָרן״.

דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס פּרץ הירשביין איז געקומען קיין אַמעריקע. ער איז מיט עטלעכע יאָר פריער דאָ געווען, אָבער ער האָט דאַן קיין שום פאַרבינדונג ניט געמאַכט מיטן פּראָפעסיאָנעלן אידישן טעאַטער. ער איז דאַן געקומען און האָט מערסטענס פאַרבראַכט אין די קרייזן פון די דראַמאַטישע פאַראיינען. ביז דאַן איז הירשביין, בכלל, געווען ווייניק באַוואוסט אין אַמעריקע. בלויז אין די דראַמאַטישע פאַראיינען, איבערהויפּט אין פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב, זיינען פון צייט צו צייט זיינע איינ־אַקטערס און פּיעסן געשפּילט געוואָרן. איז אפשר דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אומדירעקט האָט יענער קלוב געשפּילט אַ באַהאַלטענע ראָלע אין דער נייער עפּאָכע פון אידישן טעאַטער.

ביידע פּיעסן, סיי „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, סיי „דעם שמידס טעכטער״, זיינען ווי ספּעציעל געשריבן געוואָרן פאַרן פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב. געשען איז דאָס אויף אַ זייער מאָדנעם און טשיקאַווען אופן. ווען הירש־ביין האָט זיך באַקענט מיט דעם אויבנדערמאַנטן קלוב, ביי זיין ערשטן וויזיט קיין אַמעריקע, האָט דער קלוב אין זיין רעפּערטואַר געשפּילט עטלעכע פּיעסן פון דעם באַרימטן פּוילישן דראַמאַטורג פּשיבישעווסקי. הירשביינ׳ען זיינען יענע פּיעסן ניט געווען צום האַרצן. ער האָט געהאַט די מיינונג, אַז אַ אידיש דראַמאַטישער פאַראיין דאַרף זיך ניט יאָגן צו שפּילן אַזעלכע שווער־פּראָבלעמאַטישע, פאַרפּלאָנטערטע פּיעסן.

אין אַ געשפּרעך מיט יואל ענטין, דעם אָנפירער פון יענעם קלוב, האָט ער געהאַט טענות צו אים, למאי ער שפּילט אַזעלכע פּיעסן. ענטינ׳ס ענטפער איז געווען, אַז ס׳איז דאָ אַ וויכטיקע אורזאַך, פאַרוואָס מען האָט אויסגעקליבן די פּיעסן. ס׳איז דערפאַר, ווייל דאָרט זיינען דאָ ווייניק פרויען־ראָלן. דעם קלובס שוישפּילער־פּערסאָנאַל האָט אַ זייער באַגרענעצטע צאָל פייאיקע פרויען־שוישפּילערינס.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז הירשביין געקומען מיט אַ מאַנו־סקריפּט און געזאָגט: „אָט האָט איר אַ פּיעסע, וואָס איז זייער צוגעפּאַסט פאַר אייערע פרויען־שוישפּילערינס״.

ער האָט געבראַכט זיין פּרעכטיקע קאָמעדיע, „דעם שמיד׳ס טעכטער״. ער האָט דאַן, נאָכאַנאַנד, אין אַ גאָר קורצער צייט אָנגעשריבן דעם ציקל פאָלקס־פּיעסן: „דעם שמידס טעכטער״, „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, „די פוסטע קרעטש־מע״, „די גרינע פעלדער״. ניט הירשביינ׳ען און ניט קיין אַנדערן איז דאַן

איינגעפאַלן אפילו אין געדאַנק, אַז דער ציקל פאָלקס־פיעסן וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבן׳ וועט שאַפן אַ נייע עפּאָכע אין אידישן טעאַטער.

איך געדענק ניט די צייט ווען אַ פּיעסע אויף דער אידישער בינע האָט אַרויסגערופן אַזאַ סומאַטאָכע, סיי אין דער אידישער פּרעסע, סיי ביים אידישן טעאַטער־עולם. איך האָב שוין אין מיינע באַשרייבונגען אָפּט געגעבן אויסצוגן פון באַגייסטערטע קריטיקן אויף בעסערע פּיעסן אין די אידישע טעאַטערס. מיט וואָס עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די קריטיקן און רעצענזיעס פון „פאַרוואָרפן ווינקל" איבער אַלע פריערדיקע איז, וואָס כמעט אין אַלע קריטיקן האָט זיך געפילט די נייע עפּאָכע, וואָס ווערט געשאַפן מיטן „פאַר־וואָרפן ווינקל". אויף פאַרשידענע אופנים האָט אין יעדער קריטיק אָט־די מיינונג דאָמינירט דאָס גאַנצע שרייבן.

מיר דוכט אויך, אַז קיינמאָל פריער האָט די פּרעסע אַזוי פיל לויב געגעבן דעם ברייטן עולם וואָס האָט אַזוי וואונדערבאַר רעאַגירט און אויפ־געכאַפּט דעם נייעם טאָן אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער. ווי איינע, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם צווייפל און ציטער וועגן דער מעגלעכקייט, אַז „דאָס פאַרוואָרפן ווינקל" זאָל פון עולם ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אויפגענומען ווערן, האָב איך זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט און זיך צוגעקוקט זייער אויפמערקזאַם ווי אַזוי דער עולם כאַפּט אויף די פּיעסע. ווילט זיך מיר זאָגן, אַז אויך אין דעם פאַל, איז עס געווען אַ נייעס אין אידישן טעאַטער. דער עולם האָט ניט געוואַרט באַווירקט צו ווערן פון דער קריטיק, נאָר פאַרקערט, אין דעם פאַל איז די קירטיק גאָר ניט וויניק באַווירקט געוואָרן פון דער וואַרעמער און ספּאָנטאַנער באַגייסטערונג, וואָס דער עולם האָט אין גאַנג פון דער פאַר־שטעלונג אַרויסגעוויזן. איך וואָלט אַוודאי געקענט אויסטייטשן ווי אַזוי און פאַרוואָס דער עולם האָט געקראָגן זיין באַגייסטערונג פון דער פּיעסע אין דעם שפּילן, וואָלט איך אָבער דערמיט צוגענומען די ראָל וואָס געהערט מיט רעכט צו די טעאַטער־קריטיקער פון די צייטונגען.

אַ סך איז וועגן דער פּיעסע געשריבן געוואָרן. ווי דער אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע, וואָלט עס זיכער ניט געווען קיין קרומע זאַך איך זאָל איבער־געבן יעדעס וואָרט וואָס איז אין דער פּרעסע געשריבן געוואָרן וועגן „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". ווייס איך אָבער, אַז דאָס וואָלט פאַרנומען גאָר צופיל פּלאַץ. וועל איך זיך באַנוגענען מיט אויסצוגן, קירצערע און לענגערע, פון די וויכטיקסטע טעאַטער־קריטיקער. איך וועל אָנהויבן מיט אַב. קאַהאַן.

זיין קריטיק האָט דאַן אַרויסגערופן אַ היפּשן שטורעם ביי אונז אין טעאַטער.

מאָריס שוואַרץ, אַלס שוישפּילער, האָט געהאַט טענות צו געוויסע באַ־

מערקונגען, וואָס אַב. קאַהאַן האָט אין זיין קריטיק געמאַכט אויפן חשבון פון שוואַרצ׳ן. שוואַרץ האָט זיינע טענות אויסגעדריקט עפנטלעך אין אַ בריוו צום „פאָרווערטס״ און אַב. קאַהאַן האָט אים אויף זיין בריוו געענטפערט. איך וועל די וויכטיקסטע שטעלן פוןביידע בריוו אייך איבערגעבן נאָכדעם ווי איר וועט לייענען די אויסצוגן פון קאַהאַנ׳ס קריטיק.

לודוויג זאַץ האָט זיך געפילט שטאַרק געערגערט און פאַרביטערט פון דער מיינונג וואָס קאַהאַן האָט וועגן אים אין דער ראָלע פון „טאָדרעס״ אַרויסגעזאָגט. אַזוי טיף געערגערט איז ער געווען, אַז ער האָט עס אויף פּאַפּיר ניט געוואָלט און ניט געקענט אויסדריקן. ערשט מיט אַ סעזאָן שפּעטער, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם אַזוי גערופענעם בעסערן טעאַטער און געמאַכט זיין אומשטערבלעכן דערפאָלג אין דער אָפּערעטע „דעם רבי׳נס ניגון״, האָט ער פון דער בינע זיין פאַרביטערונג קעגן קאַהאַנ׳ען אויסגעגאָסן פאַרן עולם.

איך קען בלויז צוגעבן, ווי זיין שוועגערין, וואָס אונז איז אויסגעקומען אַ סך יאָרן וואוינען צוזאַמען, אָדער אין נאָענטער שכנות איינער צום אַנדערן, אויך ווי איינע וואָס האָט באַוואונדערט די פילזייטיקייט פון זיין טאַלאַנט, אַז יענע קריטיק קאַהאַנ׳ס האָט געלאָזט אַ שעדלעכע דויערנדיקע ווירקונג אויף זאַצ׳ן, און אפשר אים אָוועקגעפירט אויף די נאַרישע וועגן אויף וועלכע ער האָט זיין ריזיקן טאַלאַנט פאַרשווענדט. זאַצ׳ס טענות און קריוודעס קעגן יענער קריטיק, וועל איך אויך ברייטער אַרומריידן נאָך קאַהאַנ׳ס קריטיק.

בכלל, האַלט איך, אַז עס איז כדאי אַרויסצוברענגען אַזוי ברייט ווי מעגלעך די אויסצוגן פון די פאַרשידנאַרטיקע און אָפט קעגנגעזעצטע מיינונגען, סיי איבער דער פּיעסע, סיי איבערן שפּילן.

אַב קאַהאַנ׳ס קריטיק איז דערשינען דעם 29טן דעצעמבער, 1918, אונטערן קעפּל „אַ נייע פּיעסע פון פּרץ הירשביין אין „אירווינג פּלעיס טעאַטער״.

„דער באַקאַנטער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, פּרץ הירשביין, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעשריבן אַ פּיעסע אין פיר אַקטן, וועלכע ער רופט אָן „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״. ווען דער שרייבער פון דיזן אַרטיקל האָט געזען די פאַרשטעלונג, האָט ער צוערשט באַקומען גאַנץ שוואַכע איינדרוקן פון איר. דער ערשטער אַקט און אַ טייל פון צווייטן אַקט האָבן חסרונות מער ווי מעלות און צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערן קינסטלערישן ווערט. אָבער ביסלעכוויז אַנטוויקלט זיך אַ סיטואַציע, וועלכע

וואַקסט אין קראַפט און דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון אַזאַ אָריגינעלן, אַזאַ זאַנדערבאַרן, דראַמאַטישן אינטערעס, אַז עס מאַכט איינפאַך אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אידישער בינע. עס איז אַ גרויסע פּאַסירונג אין אונזער טעאַטער־לעבן. די אָריגינאַליטעט באַשטייט אין דעם ספּעציעלן טעם, וואָס די איינפאַכקייט פון לעבן באַקומט אין דיזער פּיעסע.

„שנאה — דער האַס צווישן צוויי קאָנקורענטן — אַט דאָס איז דער געפיל, וועלכער ווערט באַהאַנדלט אין דער נייער פּיעסע. אַלץ איז פּראָסט, אַזוי אַן נייעסן, אַזוי אַן איינפאַלן, אַזוי אלף־בית׳דיק, און דאָך וואַקסט עס ביז עס ברעכט־אויס ווי אַ שטורעם־ווינט. אַזוי ווי עס וואָלטן זיך געקליבן שטיקלעך דינאַמיט. דאַכט זיך ניטאָ וואָס צו זען, אָבער פון דיזע גראָע וואָכעדיקע שטיקלעך פּלאַצט אַרויס אַן עקספּלאָזשאָן, וועלכע רייסט אויף אַ וועלט. די קראַפט איז אַ קלאַסישע. זי האָט אין זיך ביט קיין גלייכן אויף דער אידישער בינע; מיר האָבן פיל גרעסערע פּיעסן אויף אונזער בינע, אָבער קיינע פון זיי האָט ניט אַזאַ קלאַסישע גוואַלדיקייט. די שנאה איז צוליב חיונה. אַ איד וואָס מאַכט אַ לעבן אַלס אַ קברות־מאַן קלייבט זיך צו בויען אַ מיל. דער מילנער פון שטעטל דערשרעקט זיך פאַר דער קאָנקורענץ, און עס פאַנגט זיך אַן אַ קאַמף צווישן די צוויי פאַמיליעס. דעם מילנערס זון איז איינגעליבט אין דעם קברות־מאַנס טאָכטער און די צוויי קאָנקו־רענטן ווילן פון דעם שידוך ניט וויסן. עס איז אַ מין ראָמעאָ און דזשוליעט געשיכטע. און די ליבע איז דורכגעוועבט מיט דעם קאַמף צווישן די צוויי משפחות. דער שלום ווערט געשלאָסן דורך דעם פּלאַן, אַז אין דער נייער מיל זאָל זיך באַזעצן דאָס פאַרפאָלק נאָך דער חתונה. דעם מילנערס קאָנ־קורענט וועט דאַן זיין זיין אייגענער זון, און אַזאַ קאָנקורענץ איז דעם מילנער ליב.

„דוכט זיך איר האָט ענלעכעס געלעזן אָדער געזען טויזנט מאָל, און דאָך גרייפט עס אייך אַזוי ווי איר וואָלט קיינמאָל אַזעלכעס ניט געזען קיינ־מאָל אַזעלכעס ניט געלעזן. אַ רייכע פרישקייט דופטעט פון דער פּיעסע, קיין צוגעקלערטקייט, קיין צוגעמאַכטקייט אָדער נאָכגעמאַכטקייט — עס איז פרץ הירשביין. עס איז זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענער ווין. עס איז פול מיט דעם גאָלד פון קינסטלערישער ערלעכקייט. עס איז טייער. עס איז אַ פּראַכט, טראָץ אַלע שוואַכקייטן און רויקייטן. בראַוואָ! בראַוואָ!

„מאָריס שוואַרץ פאַרדינט קרעדיט, פאַרוואָס ער האָט אַזאַ איינפאַכע פּיעסע אויפגעפירט. מען קען אים דעם קרעדיט געבן מיטן גאַנצן האַרצן. צו שטעלן אַזאַ פּיעסע דאַרף מען האָבן מוט. אָבער דאָס פּובליקום גיט דער נייער אויפפירונג פון דיזער פּיעסע צו נייעם מוט. ווי עס שיינט פאַר־

לויפיק, וועט די איינפאַכע קראַפט פון דיזער שטיק גוט אָפּגעשאַצט פון עולם, און אויב אַזוי, וועט דאָס זיין אַ קוואַל פון האָפענונג, אַז אַ גוטע, שטאַרקע דראַמע קען האָבן דערפאָלג ביי אונז. דער עיקר איז, אַז די עפעקטן זאָלן ניט זיין קיין פאַבריצירטע, ניט קיין קוגל פון מאַרך מיט שמד־שטיקענע ראָזשינקעס.

„פילע איינצלהייטן פון דער פיעסע זיינען רוי. מען וואָלט זיי באַדאַרפט אַרומפאָלירן, אויסגלעטן, אויספיינען. פּרץ הירשביין פעלט די אויסטערלישע פאָרמע פון קונסט. אויך פעלן אים קינסטלערישע אַנטוויקלונג, געפּאָלירטקייט. ער האָט אָבער אין זיך אַ שטאַרקן קינסטלערישן עיקר, ער איז נאַאיוו ווי אַ קינד. און אין דיזער קינדערשקייט זיינער שטעקט אַ טאַלאַנט פון דעם אמת׳ן סאָרט. אויף טעכניק מוז אַזאַ שריפטשטעלער אונטערהינקען; אָפט זיינען די איינצלהייטן שוין צו־קינדיש. דערפאַר אָבער ווען די קונסט פאָדערט ניט קיין טעכניק און אַלץ ווענדעט זיך בלויז אין דעם נאַטירלעכן געפיל און איינבילדונגס־קראַפט, דאַן איז די קינדערשקייט און נאַאיווקייט די שטאַרקע קונסט. די וויכטיקסטע סצענעס און פיגורן פון דער פיעסע זיינען ווי אויסגעהאַקט פון ריזיקע פעלזן־שטיינער. ניט אַרומגעהובלט, ניט געפּאָלירט, גרויס, אימה׳דיק.

„אויפגעפירט ווערט די פיעסע אין סך־הכל גוט. אָפט אַ ביסל ניט דערבאַקן, אָבער אין אַלגעמיין גוט.

„די ראָלע פון דער מיידל, די העלדין, דעם קברות־מאַנס טאָכטער, שפּילט צילי אַדלער. זי איז אויסגעצייכנט, ווי אימער. אָפט קומט ביי איר אַרויס דער טיפּ פון אַן אַמעריקאַניש מיידל, אַנשטאָט אַ היימישער, אָבער זי איז דאָך אויסגעצייכנט. שוואַרץ אַליין שפּילט דעם מילנער. דאָס איז אַ איד אַ כעסן, וועלכער שרייט אַלע ווײַלע, אָבער ווען מענט כעס עס האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג, עס גייט באַלד איבער, עס פאַנגט ווידער אָן און עס האָט ווידער קיין באַדייטונג ניט. שוואַרץ האָט די ראָלע גוט באַטראַכט און ער שאַפט דעם טיפּ. עס וואָלט זיך וועלן, אַז ער זאָל אַרויסצייגן מער קינסטלערישע אויסגעאָסנקייט און ווייניקער קאָפּ־אַרבעט. אָבער דעם טיפּ שאַפט ער פאָרט און עס קומט אַרויס אַ צימלעך שטאַרקע לעבעדיקע בילד. עס וואָלט זיך אויך ווינטשן, אַז שוואַרץ זאָל ענדלעך זיך באַפרייען פון נאָכמאַכן דזשייקאָב פּ. אַדלער׳ס שטימע און אַרט־ריידן אויף דער בינע. אַדלער איז אויסגעצייכנט, אָבער נאָכמאַכן איז ניט קיין קונסט, אפילו ווען מען מאַכט נאָך דעם גרעסטן.

„בן־עמי שפּילט דעם העלד, דעם מילנערס זון — אַ פאַרליבטער, יונגער פּראָסטאַק, מיט הייסע בלוט. ער שפּילט דיזע ראָלע גוט און ער שאַפט

אויך דעם טיפּ. הגם ער קען זיך ניט באַפרייען פון דעם געוויסן בן־עמי׳שן טאָן, וועלכן איר הערט פון אים אין אַלע פּיעסן. זאָצ׳ן איז דיזע ראָלע זייער ניט געראָטן. ער איז אַ קאָמיקער אין דעם געוויינלעכן זין און דאָ פאָדערט זיך קינסטלערישע אַרבעט פון אַ העכערן סאָרט, דאָס איז אים ניט געלונגען. איר ווייסט אייגענטלעך ניט וואָס ער וויל; און זיין שטימע קלינגט ניט מיט קיין לעבעדיקע מענטשלעכע טענער. מרס. נאַדאָלסקי, גאָלדשמיט און ראָזענטאַל, זיינען געווען אָלרייט. אין אַלגעמיין קומט אַרויס אַ לעבעדיקער שטיקל לעבן מיט לעבעדיקע מענטשן״.

געדענק איך נאָך זייער קלאָר דעם פאַרדרוס און האַרצווייטיק וואָס קאַהאַנ׳ס קריטיק האָט ביי דער טרופּע אַרויסגערופן. מאַדאַם נאַדאָלסקי, יחיאל גאָלדשמיט און באַריס ראָזנטאַל האָבן זיך געפילט ווי אויסגעפּאַטשט וואָס אַב. קאַהאַן איז זיי אָפּגעקומען מיט אַ קאָלעקטיוון אויסדרוק „זיי זיינען אָלרייט״. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז זייער מי און פאַרטראַכטונג איבער זייערע ראָלן האָבן טיילוויז געהאָלפן צום גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע, און האָבן פאַרדינט אַ מער אינדיווידועלע אָפּשאַצונג. האָבן זיי זיך געפילט געקריוודעט און זיך אַרומגעטראָגן מיט זייער ערגעריש. מאָריס שוואַרץ איז געווען אויסער זיך, ווען ער האָט איבערגעלייענט אַב. קאַהאַנ׳ס טענות צו אים. ער האָט אין דער ראָלע „חיים הערש״ אַריינגעלייגט אַ גרויסע מאָס פון זיין אינטואיציע און פאַרשטעלונגס־קראַפט און געשאַפן אַ לעבעדיקן כאַראַקטער. סיי דער עולם, סיי די שוישפּילער האָבן אַנערקענט זיין געלונגענע דערגרייכונג אין דער ראָלע. האָט עס אים מורא׳דיק געערגערט ווען קאַהאַן האָט אים אויסגערעדט פאַר נאָכמאַכן אַדלער׳ס טענער.

האָט שוואַרץ געוואַגט, אין אַ בריוו צום „פאָרווערטס״, זיך אויסטענה׳ן מיט אַב. קאַהאַן. איך ציטיר אַ טייל פון זיין בריוו:

„איר שרייבט, אַז איך האָב געשאַפן אַ לעבעדיקן טיפּ, אין דער ראָלע פון חיים הערש, און באַלד זאָגט איר איך זאָל ניט נאָכמאַכן אַדלער׳ן. ממה נפשך, האָב איך געשאַפן, האָב איך דאָך ניט נאָכגעמאַכט. האָב איך נאָכגעמאַכט, האָב איך דאָך ניט געשאַפן. איך וויל אָבער צוויי פּונקטן קלאָר מאַכן. דער ערשטער, אַז מר. אַדלער זאָל זיך באַרואיקן און ניט גלויבן, אַז מיין סוקסעס באַשטייט אין „טרעוולען אויף זיין טיקעט״. און צווייטנס, דאָס פּובליקום וואָס קומט אין טעאַטער זאָל וויסן, אַז איך האָב אימיטירט שוישפּילער צו קאָנצערטן בלויז, פאַר אַ געוויסן פּיטשור, אָן און פאַר זיך, פאַר שפּאַס, ווייל איר אַליין, מר. קאַהאַן, האָט זיך גענוג אָנגעלאַכט ווען איך האָב זיי נאָכגעמאַכט. דער געדאַנק יענעם נאָכצושפּילן, איז בשום־אופן ניט מיין געדאַנק״.

אַב. קאַהאַן האָט שוואַרצ'ס אָפּענעם בריוו ניט איגנאָרירט. ער האָט אים תיכף אויף זיין בריוו געענטפערט. וועלן מיר אויך פון קאַהאַנ'ס בריוו טיילווייז ציטירן:

„זאָל שוואַרץ נאָר זיין קונסט נעמען ערנסט, זאָל ער אָבער זיך אַליין ניט נעמען צו־ערנסט... די באַמערקונג, אַז אַדלער דאַרף ניט מורא האָבן, און אַז ער, מר. שוואַרץ, „פּאַרט ניט אויף זיין טיקעט", מאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק. אַז מ'דאַרף אַדלער'ן באַרואיקן אין זיין שרעק אַז מר. שוואַרץ פאַרניכטעט אים, אין דעם וועט קיינער מיט מר. שוואַרץ ניט זיין איינפאַרשטאַנען. אַבסאָלוט ניט. מר. שוואַרץ איז ניט דער איינציקער אַקטיאָר וואָס פאַרלירט ווירדע, געלאַסנקייט און מאָס ווען אַ קריטיקער וויזט אָן אַ פעלער אין זיין שפּילן... ווען אַ קריטיק איז נאָר געשריבן מיט אַן אָנשטענדיקער שפּראַך, מוז דער קריטיקער זיין אַבסאָלוט פריי אויסצושרייבן זיין מיינונג".

איך האָב איבערגעגעבן אַ טייל פון די טענות פון די וואָס זייגען פון אַב קאַהאַן באַהאַנדלט געוואָרן אויבערפלעכלעך. און אויך דעם בריוו־אויסטויש פון שוואַרץ און אַב. קאַהאַן, ווייל מיין אינסטינקט דיקטירט מיר, אַז איך בין שולדיק מיינע אייגענע זעקס צענדליק יאָר אויף דער בינע אַרויסצוברענגען די ערגערניש און האַרצווייטיק וואָס שוישפּילער לעבן איבער ווען זיי פילן זיך געקריוודעט. איך בין אייך נאָך שולדיק מיין צוגעזאָגטע צעגלידערונג פון לודוויג זאַצ'ס טענות צו אַב. קאַהאַן.

שרייבט דער זייער שטרענגער ליטעראַרישער מבין און לאַנג־יאָריקער טעאַטער־קריטיקער יואל ענטין אין „דער וואַרהייט" נאָוועמבער דעם 17טן, 1918, אונטערן קעפּל „דער טריאומף פון דער ליטעראַרישער פּיעסע":

„די ליטעראַריש אידישע פּיעסע פייערט איצט איר גרעסטן טריאומף. אויב ביי עמעצן לעבט נאָך דער מינדסטער ספק צי די ליטעראַריש אידישע פּיעסע קען אונזער בינע באַנייען, זי פון איר שפּלות דערהויבן, טאָ זאָל ער קומען אין אירווינג פּל. טעאַטער זען „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". ניטאָ ביי אונז קיין פּובליקום פאַר דער ערלעך־ליטעראַריש אידישער פּיעסע, טענה'ן אונזערע קונסט־שאַכערמאַכערס. זאָלן די אַלע, וואָס האָבן וועלכע ס'איז נויגונג זיי צו פּאַטאַקעווען, קומען צו „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". זיי וועלן זען די גליקזעליקסטע באַגייסטערונג, וואָס דער אידעאַליסטישער אויפקלערער און עסטעט קען זיך נאָר ווינטשן. זיי וועלן דערשפּירן יענע סימפּאַטיע צווישן פּובליקום און קינסטלער, צו וועלכע די נאָבעלסטע טעאַטער־קונסט האָט ווען געשטרעבט. זיי וועלן דערפילן יענע האַרציקע מיטשפּיל

צווישן אוידיטאָריע און בינע, וואָס איז דאָס שענסטע שטרעבן, דער הערלעכסטער תיקון פון דער דראַמאַטישער קונסט... די פיינע געשפּאַנט־קייט, די טיפע פרייד מיט איינצלנע סצענעס, מאָמענטן און שטריכן... די ברייטהאַרציקסטע ענטוזיאַסטישע אָוואַציעס נאָך די שלוס־אַקטן, לאָזן זיך שווערלעך באַשרייבן.

„ניטאָ ביי אונז קיין קרעפטן אַן איידל־ליטעראַרישע פּיעסע אויפצופירן, וויינען מאַנכע אַנטוישטע טעאַטער־באַאָבאַכטער. זאָלן זיי, און אַלע וואָס האָבן הנאה צו לייגן שטיינער אויפן האַרצן צו הירשביינ׳ס קאָמעדיע קומען. זיי וועלן זען אַז אונזערע בינע־קינסטלער האָבן דעם זעלבן פינצטערן מזל ווי זייער פאָלק. די שונד האָט זייער טאַלאַנט אַראָפּגעדריקט, די פאַלש־קייט האָט זייער גלאַנץ פאַרטונקלט. די וואָכעדיקע ביליקייט האָט זייער פיינע שאַפונגס־קראַפט פאַרטעמפּט. אָבער אין דער גוטער, ערלעכער, גע־שמאַקפולער פּיעסע, אינם ווירקלעכן אידישן שטיק, ווערט אונזער פאַר׳־כישופ׳טער אַקטיאָר, צוריק אין אַ פּרינץ פון קונסט פאַרוואַנדלט, אַזוי ווי דער פאַרוואַנדלטער איד פון היינריך היינע׳ס פּאָעמע „ביים אַנקומען פון שבת קודש״...

„אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ ווערט אַרום און אַרום געשפּילט מיט אַזאַ פרישׂ־קייט, היינרייסונג און גאַנצקייט, מיט אַזאַ האַרציקער שאַפונגס־פרייד, מיט אַזאַ פיינעם געשמאַק און איידעלן טאַקט, אַז דער מיטשפּילנדיקער צושויער ווערט איינפאַך אָנגעפילט מיט ליבע און שטאָלץ. אַזאַ פולשטענדיקער אַריינ־לעבן זיך, אַזאַ געזונטע לייכטע נאַטירלעכקייט, אַזאַ פרישע קוואַליקייט, אַזאַ שפע פון פיינע שטריכן האָט מען ביי אונז זעלטן געזען. „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ איז איינע פון די גליקלעכסטע שאַפונגען פון הירשביינ׳ס געבענטש־טער פעדער. אַ אידישע „ראָמעאָ און דזשוליעט״... אַן ערלעך דאָרפישע ליבעס־געשיכטע פון איינעם פון יענע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך... מען לאַכט פון יעדער סצענע — פון יעדער באַמערקונג, פון דעם קלענסטן אויסדרוק און מינדסטער מינע: עס איז יענער אינערלעכער פאַרבאָרגענער הומאָר, וואָס פון אויבן־אויף קען מען קוים פאַרדעכטיקן אַז ער עקזיסטירט. אַן און פאַר זיך איז ניטאָ קיין קאָמיזם, ניט אין די פאַרשוינען און ניט אין די סיטואַציעס פון דער קאָמעדיע. אין די גאַנצע פיר אַקטן זיינען קוים דאָ אַ פּאָר וויצן — דער הומאָר פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ קוועלט אַרויס פון איר סביבה, און דערפון וואָס די פאַרשוינען זיינען מיט איר אַזוי דורך און דורך צוזאַמענגעוואַקסן״.

עס איז אַ וואונדערלעך אמת־פאַרדינטער, ערלעכער שיר־השירים צו

דער פּראַקטיקייט פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״... און מיר דוכט זיך, אַז איר קענט דערפון אַרויסלייענען פאַרוואָס די פּיעסע האָט אַזאַ עפּאָכע געמאַכט.

דעם 17טן נאָוועמבער אין „טאָג״, אונטערן קעפּל, „אַ שיינע פּיעסע פּראַכטפול געשפּילט״, שרייבט דר. י. וואָרטסמאַן:

„שוין לאַנג, וואָס איך האָב אַזאַ גייסטיקן פאַרגעניגן ניט געהאַט אין אידישן טעאַטער. מיין פרייד איז אמת גרויס געווען זעענדיק ווי אַזוי ענטוזיאַסטיש דאָס פּובליקום האָט סיי די פּיעסע, סיי די שוישפּילער, אויפגענומען. מאָריס שוואַרץ מעג זיך איצט אמת גראַטולירן. ער האָט געבראַכט פּרץ הירשביינ׳ען אויף דער אידישער בינע, וועלכע איז לעצטנס, אַזוי מורא׳דיק בלוט-אָרעם געווען...

„געשפּילט ווערט די פּיעסע אמת גלענצענד. מאָריס שוואַרץ שפּילט חיים הערש דעם מילנער, און שוין לאַנג-לאַנג וואָס ער האָט אַזוי גוט ניט געשפּילט. אַלס נח שפּילט בן-עמי, און זאָגן אַז ער שפּילט גוט איז ווייניק געזאָגט. זייער גוט שפּילט אויך די קליינע הענריעטאַ דזשייקאָבסאָן אַלס דאָס מיידעלע חיה׳לע. מען קען זאָגן, אַז מיט איר איצטיקן שפּילן איז זי געוואָרן אַן אַקטריסע. מאָמענטנווייז האָט זי דערמאָנט אָן צילי אַדלער, ווען זי האָט געשפּילט קינדער-ראָלן. פּראַכטפול איז אויך געווען גאָלדשמיט אַלס נטע דער גרעבער. זיין גרים, זיין האַלטונג, זיין אַרויסברענגען דעם דאַזיקן סאָרט אידן קען מען זיך קוים בעסער פאָרשטעלן.

„צילי אַדלער אַלס צירל האָט פּשוט קאָנצערט אָפּגעגעבן, שוין איר ערשטער מאָל באַווייזן זיך ביי דער טיר, איר שטעל, אירע אויגן דעמאָלט — איז ניט צום באַשרייבן. דאָס מוז מען זען אום צו קענען עס ריכטיק אָפּשאַצן.

„קאָנצערט האָט אויך געגעבן לודוויג זאַץ, אַלס דער אַלטער טאָדרעס. זאַץ האָט ביז איצט געהערט לויב-געזאַנגען וועגן זיך. פיל אָבער האָבן מורא געהאַט אַז ער איז אַן איינזייטיקער אַקטיאָר. מיט זיין שפּילן די ראָלע פון טאָדרעס האָט ער אַלע ספקות אין אַ זייט פאַררוקט.. ער איז אַ קינסטלער פון ערשטן ראַנג. צוליב זיין שפּילן אַליין איז ווערט צו זען די פּיעסע״.

עס האָבן אויך געשריבן זייער אינטערעסאַנטע רעצענזיעס דער טעאַטער-קריטיקער און היסטאָריקער ב. גאָרין, אין „מאָרגען זשורנאַל״, און דער לאַנגיאָריקער טעאַטער-רעצענזענט ישראל דער יענקי, אין „אידישן טאַגע-בלאַט״. צו מיין גרויסן פאַרדרוס קען מען די צייטונגען אין ערגעץ ניט געפינען, ניט אין די ביבליאָטעקן, ניט אין איוואָ-אַרכיוו און ניט אין דער ביבליאָטעק פון אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. עס איז שווער צו פאַרשטיין,

פֿאַרוואָס פֿון די צוויי וויכטיקע אידישע צייטונגען, וואָס האָבן געלעבט צענדליקער יאָרן, זאָל פֿון יענער פּעריאָדע קיין געדעכעניש ניט בלייבן. מיין גאַנצע מי צו געפֿינען ערגעץ קאָפּיעס פֿון יענע יאָרן איז געווען אומזיסט.

איז מיר אָבער אין מיין זוכעניש אָנגעקומען אַ קריטיק אין „קונדס", וואָס איך האַלט פֿאַר חנ'עוודיק גענוג צו ברענגען עטלעכע ציטאַטן. גע'חתמ'עט האָט זיך אייגער אונטערן פּסעוודאָנים „פּיף־פּאַף":

„קורץ גערעדט, איז פּרץ הירשביינ'ס „אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל" ווי אַ ועקזייגער פֿאַר אייער בלוט — אַ יאַשאַ חפץ פֿאַר אייער מרה שחורה, אַ שיר־השירים פֿאַר אייער האַרץ, אַ ווייגאַרטן אין דעם מדבר, אַ ווייסער שפּיטאָל פֿאַר דעם פֿאַר'ראַקאָוו'טן, פֿאַר'געבעל'טן, פֿאַר'שטיינבערג'טן און זאָ וויטערדיקן אידישן טעאַטער.

„הירשביינ'ס „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל", וואָס האָט זיך פֿון אַ פּראָסטן מיט־וואָך נאָכט אַרויפֿגעאַרבעט אויף אַ פֿרייטיק, שבת און זונטיק מאַטינע און אָוונטן, האָט צוריקגעשליידערט די נידערטרעכטיקע פֿאַרלוימדונגען פֿון די אידישע טעאַטער־מענעדזשערס, אַז דאָס אידישע טעאַטער־פּובליקום האָט ליב צו קייען אַלטע מאַטראַצן".

איך וואָלט זיכער געקענט אויספֿילן נאָך אַ צוויי־דריי קאַפּיטלען מיט אויסצוגן פֿון רעצענזיעס וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל". איך וויל זיך מודה זיין אַז איך האָב געהאַט אַ היפּשן קאַמף מיט זיך אַליין, בייצוקומען מיין נויגונג דאָס צו טאָן. אַזוי ווי איך האַלט איצט ביים אָנהויב, ביים ערשטן שטאַפּל פֿון דער צווייטער גאָלדענער עפּאָכע אין אידישן טעאַטער, טרייבט עס מיך איבערצוגעבן אַלץ, וואָס איז אַזוי פֿיל פֿאַרשינדאַרטיק געזאָגט געוואָרן וועגן דער פּיעסע און דער טרופּע.

מיין טעאַטער־אינסטינקט אָבער האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז כאָטש פֿאַר מיר האָט געהאַט גרויס אינטערעס יעדעס וואָרט, וואָס איז פֿון יענעם אָנהויב געשריבן געוואָרן, קען עס אָבער פֿאַר די מערסטע לייענער ווערן לאַנג־וויילים. וועל איך זיך באַנוגענען דערמיט וואָס איך וועל דערמאָנען די נעמען פֿון אַ צאָל שרייבער. אַ טייל פֿון זיי האָבן אפשר דאָס ערשטע און איינציקע מאָל געשריבן וועגן אידיש טעאַטער. אַזוי, למשל, בין איך זיכער אַז זייער וויניק פֿון אייך האָבן געלייענט אַן אָפּשאַצונג פֿון ב. באָרוכאָוו וועגן טעאַטער, אָדער פֿון לואיס ליפּסקי, חוץ אַ גאַנצער ריי פֿון אַלערליי פּסעוודאָנימען און ראשי־תיבות.

עס איז אויך היפּש געשריבן געוואָרן אין דער ענגלישער פּרעסע, און אויף גאָר אַן ערנסטן פֿאַרנעם. איך וועל דאָ זיך באַנוגענען מיט דער־

מאָנען עטלעכע שרייבער. פון די נעמען וועט איר פאַרשטיין דעם ערנסטן צוגאַנג פון דער בראָדוועיער טעאַטער־וועלט צו אונזער נייעם פּאַרזוך. ס'האָבן געשריבן לודוויג לואיסאָן, דזשאָרזש דזשין נייטהען, סעמיועל ספּיוואַק, צו דערמאָנען בלויז עטלעכע נעמען. אויף מיין גוטן מזל האָבן די דערמאָנטע ענגלישע שרייבער זיך גאָר אַ סך אָפּגעשטעלט אויף מיר און מיין שפּילן. גאַנץ אָפט קומט מיר אויפן געדאַנק אַ צווייפל, אויב דאָס איז געווען גוטער מזל. פּונקט ווי ס'איז ניט געווען געזונט צופיל לויב פון אידישע רעצענזענטן פאַר אַ יונגער אַקטריסע אין דעם אַלטן אידישן טעאַטער, איז עס אפשר אויך ניט געווען צו־גוט פאַר מיר אין נייעם טעאַטער די אויסערגעוויינלעכע לויב־געזאַנגען אין דער ענגלישער פּרעסע...

איך האָף אַז מיר איז געלונגען אייך איבערצוגעבן כאָטש אַ טייל פון דער אויפרעגונג וואָס אונזער שיינער אָנהויב אין אירווינג פּלעיס טעאַטער האָט אַרויסגערופן ביים בעסערן אידישן טעאַטער־עולם. לויט יעדער לאָגיק, וואָלט אַ טעאַטער וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אָנזען, אַזוי פיל לויב, אַנערקענונג פאַר יעדן איינעם, וואָלט לויט יעדער מענטשלעכער לאָגיק, אין דעם טעאַטער, און איבערהויפּט אויף דער בינע, געדאַרפט הערשן אַן אמת'ער שלום־בית, אַ גליקלעכע צופרידנקייט פון אַלעמען מיט אַלעמען.

צו מיין גרויסן ווייטיק און טיפסטער אַנטוישונג, איז עס ניט געווען אַזוי. הפּנים, אַז די שוואַכקייטן און די שטרויכלונגען וואָס האָבן פאַרפּירט די גרויסע פון ערשטן דור, אַז טייל פון דעם איז אויך אַריבער צו אונז. די אַטמאָספערע אין טעאַטער, ספּעציעל אויף דער בינע, איז פון פאַרשטעלונג צו פאַרשטעלונג אַלץ שווערער געוואָרן אַריבערצוטראָגן. עס איז געוואָרן אַ מין געיעג פון איבערשטייגן, פון יאָגן זיך נאָך געלעכטער, פון רייסן זיך נאָך אַפּלאָדיסמענטן. אמת, ס'האָט דאָ געפעלט דער אַלטער סטאַר־באַלעבאָס, וועלכער האָט עס געטאָן מיט כוח, דער רעזולטאַט איז אָבער געווען כמעט דער זעלבער. אָן אַ פאַרוואָס איז מען זיך כמעט שונאים געוואָרן.

וועל איך זיך בפירוש ניט אָפּטיילן פון די, וואָס האָבן געזינדיקט. איך ווייס נאָר, אַז מיינע זינד זיינען זיכער ניט געווען ערגער ווי די זינד פון אַנדערע. מיין האַרצווייטיק אָבער איז געווען אומגעהויער טיפער ווי פון די אַנדערע. ביי מיר איז צערונען געוואָרן אַן אילוזיע וואָס האָט מיך געשפּייזט די לאַנגע וואָכן און חדשים פון דער צוגרייטונג צו אונזער נייעם וועג אין טעאַטער. איך האָב געהאָפט און געגלויבט אַז דאָס טעאַטער וועט ווערן אונזער היים; אַז צוזאַמען וועט די טרופּע יאָרן און יאָרן בויען און שאַפן... ס'וועט ניט זיין קיין סטאַר־באַלעבאָס וואָס האָט בלויז

זיך אין זינען... ס׳וועט זיין אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע... דער איינער איז דער טעאַטער... איז די אַנטוישונג פאַר מיר געווען זייער אַ ביטערע.

דערמאָנט זיך מיר, ווי נאָך אַן אויפגערעגטער סצענע צווישן שוואַרצ׳ן און מיר, בין איך אַ וויינענדיקע אַרויסגעלאָפן פון טעאַטער. און איך וויל דאָ בפירוש אונטערשטרייכן, אַז דאַן, צום סוף פון 1918, ווען איך בין שוין געווען אין מיינע שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן, איז מיין אַנטוישונג און ערגערניש ניט געווען קיין רעזולטאַט פון נאַאיווער אומדערפאַרנקייט. איך האָב מיט מיין גאַנצן באַוואוסטזיין זיך דערפילט אַן אָפּגענאַרטע, איינע ביי וועמען מ׳האָט אירע שענסטע חלומות און האָפענונגען אויסגעלאַכט. האָב איך גאָרניט געוואוסט אַז מיין אַרויסלויפן אַ וויינענדיקע פון טעאַטער וועט עמעצן ברענגען הארצווייטיק און אים באַרויבן פון זיין פרנסה. איך האָב עס אויסגעפונען אַט איצט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי „מיין דערציילן" האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „פאַר־ווערטס".

איך האָב באַקומען אַ בריוו. איינער שטעלט זיך פאַר מיר פאָר און פּרובירט מיך דערמאָנען, אַז ער איז דעם ערשטן סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער געווען אָנגעשטעלט ווי אַ געהילף אין דער פאַרוואַלטונג פון טעאַטער. הערמאַן, האָט מען אים גערופן. אין דעם בריוו רעדט ער וועגן יענער וויינענדיקער סצענע. ער איז געוואָרן אויסער זיך זעענדיק מיך אַ וויינענדיקע. ער האָט, בכלל, זיך שטאַרק געערגערט, וואָס איך ווער באַ־האַנדלט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געוואַגט מיט מיר צו ריידן, האָט ער באַשלאָסן עפּעס צו טאָן. האָט ער געשריבן אַ בריוו צום טעאַטער־שרייבער פון „פאָרווערטס" און אים איבערגעגעבן געוויסע איינצלהייטן וועגן דעם ווי איך, צילי אַדלער, ווער אין טעאַטער געקריוודעט. דער טעאַטער־שרייבער האָט זיך דורכגערעדט מיט שוואַרצ׳ן און אים געוויזן דעם בריוו.

אויסגעלאָזט האָט זיך אפשר אַ טובה פאַר אים — ער, הערמאַן (חיים) אַקסעלבלאַנק, האָט זיך פאַרנומען אויף אַנדערע וועגן. ער האָט פאַרפאַסט אַ היסטאָרישע מוּאוויִ, „פון צאַר ביז לענין", פון וועלכער ל. קרישטאַל האָט געשריבן אַ זייער גינסטיקע קריטיק אין „פאָרווערטס" אין צייט ווען דאָס איז אַרויס.

פאַרשטייט זיך, אַז די באַציאונגען צווישן שוואַרצ׳ן און מיר זיינען דערפון ניט בעסער געוואָרן. אגב, איז געקומען אַ סך אַן ערנסטערער ענין, וואָס האָט אפשר צוגעגאָסן, ווי מען זאָגט, אויל צום פייער,

אַרום יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן עפּענען אַ נייעם, בעסערן טעאַטער, מיט לואי שניצער אַלס דער געלט־כוח. נאָך אַ צייט פון שטילע פאַרהאַנדלונגען צווישן שניצער, בן־עמי, גאָלדשמיט און מיר איז די נייס אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. איך וועל מער דערציילן פון דעם אין מיינע שפּעטערדיקע קאַפּיטלען.

איז זיך גרינג פאָרצושטעלן אַז די קאָנקורענץ פון אַ נייעם, בעסערן טעאַטער האָט מער פון אַלעמען געערגערט שוואַרצ׳ן. אפשר האָט אים אויך געערגערט וואָס אין נייעם טעאַטער זיינען שוין פאַררעכנט צוויי פון זיינע פּרויען־שוישפּילער, חנה אַפּעל און איך, צוויי פון זיינע מענער שוישפּי־לער, בן־עמי און גאָלדשמיט. דירעקט האָט שוואַרץ מיט אונז קיינמאָל דעם ענין ניט פאַרהאַנדלט. אָבער ביי די פאָרשטעלונגען פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ האָט דער ענין גענומען שפּילן אַ גרויסע ראָלע. די אומשולדיקע, פאָלקסטימלעכע הירשביין פּראָזע איז אין די מיילער פון די שוישפּילער געשפּיצט געוואָרן צו דער גרינדונג פון נייעם טעאַטער.

ווייסט איר, אַז אין דער פּיעסע גייט אָן אַ פאַרצוויפלטער קריג פון די צוויי משפּחות — אויף איין זייט, דער מילנער חיים הערש (מאָריס שוואַרץ), אויף דער צווייטער זייט דער אַלטער טאָדרעס (לודוויג זאַץ), נאָטע קברן (יחיאל גאָלדשמיט) און איך צירל, נאָטע׳ס טאָכטער. איז דאָ צייטיק צו פאַרצייכענען, אַז דעמאָלט איז שוין אויך אַרויס די נייס, אַז פאַרן קומענדיקן סעזאָן איז לודוויג זאַץ אויסגעכאַפּט געוואָרן פון עדלשטיינ׳ען אַלס סטאַר פאַר זיין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, מיט אַ געהאַלט כמעט דריי מאָל אַזוי פיל ווי דער וואָס ער האָט געקראָגן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער. אַזוי, אַז אין דעם באַהאַלטענעם קריג, האָט שוואַרץ אויך געהאַט זיין חשבון מיט זאַצ׳ן.

אין דער פּיעסע האַנדלט זיך וועגן בויען אַ נייע מיל אין שכנות צו חיים הערש׳ס מיל. האָט, פאַרשטייט זיך, דער עולם ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען, אַז די קריגערישע צדדים אויף דער בינע שיסן אויס זייערע פּערזענלעכע פיילן דורך הירשביינ׳ס אומשולדיקן דיאַלאָג. אַזוי, למשל, אין דריטן אַקט, פּרואווט מען מאַכן אַ שלום איידער עס הויבט זיך אָן דער גרויסער קריג. זאָגט חיים הערש׳ס צד:

„אַז זיי וועלן באַדאַרפן, וועלן זיי שוין צו אונז קומען״...

איז דאָס געזאָגט געוואָרן מיט אַן אָנצוהערעניש אַז דער נייער טע־אַטער וועט צעפאַלן ווערן, וועלן די אַקטיאָרן זיך קומען בעטן ביי שוואַרצ׳ן... האָט עס גאָלדשמיט אויפגעכאַפּט, און אין זיין נאָטע קברנ׳ס ענטפער:

„וועסטו שוין וואַרטן ביז איך וועל קומען צו דיר״, האָט עס געמיינט אַ דירעקטער ענטפער צו שוואַרצ׳ן...

ווען חיים הערש זאָגט ביי דער טיר פאַרן אַוועקגיין מיט אַ וואַרנדיקן טאָן: „זאָלן זיי בויען״, איז אין דער פּיעסע דערויף קיין ענטפער ניטאָ. אָבער גאָלדשמיט האָט געפילט אין שוואַרצ׳ס טאָן, אַז דאָס גייט אויפן חשבון פון דעם נייעם טעאַטער, האָט ער אים ניט געוואָלט שולדיק בלייבן קיין ענטפער, און ער האָט צוריקגעשריען: „מען וועט שוין בויען״. און שוואַרץ האָט ווידערהאָלט: „זאָל מען בויען״...

דאָס האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אַ סך מאָל, מיט אַלץ שטאַרקערע באַטאָנונגען. בלויז מיר האָבן געוואוסט וואוהין עס צילט. דער עולם האָט עס אָנגענומען פאַר אַ טייל פון קריג צווישן חיים הערש און נאָטע.

אין פערטן אַקט האָט חיים הערש טענות צו זיין זון נח (בן־עמי), פאַרוואָס ער ליבט זיך אין צירל׳ען, נאָטע קבֿרנ׳ס טאָכטער. אַרויסגעקומען זיינען אָבער טענות צווישן שוואַרצ׳ן און בן־עמי׳ן. שרייט, למשל, שוואַרץ: „זאָג מיר, ווער איז זי, דיינע?״ איז אין דעם געלעגן די טענה, למאי בן־עמי האָט פאַרן נייעם טעאַטער צוגעצויגן צילי אַדלער (צירל).

און מיטאַמאָל צעשרייט ער זיך: „איך וויל דיך מער ניט האָבן פאַר מיין קינד״... און דער זון ענטפערט: „אפשר ווערסטו זיך אָן מיר מאַכן בעסער״... זיינען דאָס אויך געווען טענות צווישן שוואַרץ און בן־עמי.

אין פערטן אַקט קומט דער אַלטער טאָדרעס (לודוויג זאַץ) מיט עקשנות שלום צו מאַכן. ווען דער אַלטער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענסטער, זאָגט חיים הערש צו זיין ווייב: „וואָס וויל נאָך דאָס מיידל האָבן פון מיין קאָפּ?... מיינענדיק מיך, צירל.

אויף דערויף ענטפערט טאָדרעס: דאָס מיידל איז טייערער פון דיר מיט דיין מיל אינאיינעם״.

דאָן אָבער האָט שוין זאַץ אין דעם ענטפער אַריינגעלייגט אַ טיפערן מיין מיט באַוועגונגען און מימיק, וואָס מיר אויף דער בינע האָבן קלאָר פאַרשטאַנען, אַז זאַץ זאָגט אים: „צילי אַדלער איז ביי מיר טייערער פון דיר מיט דיין גאַנצן טעאַטער אינאיינעם״...

די שטימונג פון יענעם ווערטלען זיך, דורך דער פּראַזע פון הירשביינ׳ס העלדן, צווישן שוואַרצ׳ן און אונז איז געוואָרן נאָך מער אָנגעצויגן.

אַרום יענער צייט האָב איך זיך געגרייט צו מיין ערן־אָוונט, אַ פּונקט וואָס איך האָב געהאַט אין מיין קאָנטראַקט. האָט שוואַרץ זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו מיר. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז די באַציאונגען

צווישן שוואַרצ'ן און מיר זיינען, מילד גערעדט, ניט געווען קיין פריינטלעכע, אַזוי אַז איך האָב אפילו אים ניט פאָרגעלייגט ער זאָל אַנטייל נעמען אין מיין פאָרשטעלונג.

איך האָב אויף מיין אייגענער אחריות אויסגעקליבן אַ פּיעסע. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע קאָמעדיע פון דעם גרויסן דייטשן דראַמאַטורג הערמאַן זודערמאַן, וועלכער איז אַ דאַנק דער געניאַלער רוסישער שוישפּי־לערין קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ געוואָרן וועלט באַרימט.

איך מוז דאָ דערמאָנען איינעם פון מיינע דריי דזשעקס, וועלכער האָט פאַר מיר די פּיעסע געקראָגן אין אַ גאַנץ פיינער אידישער איבערזעצונג. אומדירעקט וועט דער באַטרעפנדיקער דזשעק זיין פאַרמישט אין אַ שטיקל פלאָנטער, צווישן שוואַרצ'ן און מיר, נאָך מיין ערן־אָוונט. מוז איך אייך מער באַקענען מיט דעם דזשעק. ניט קיין שוישפּילער אָדער שרייבער, ניט קיין רייכער מעצענאַט — אַ איד אַ פּשוט'ער מיט אַ היפּשער מאָס אינטעליגענץ. מיט זיין גאַנצן באַוואוסטזיין, מיט אַלע זיינע חושים, האָט ער ליב געהאַט דאָס בעסערע אידישע טעאַטער. ער איז אַ היפּשע צאָל יאָרן געווען אַ מיטגליד אין דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב, וואָס האָט געשפּייזט און גענערט זיין איבערגעגעבנקייט צום בעסערן טעאַטער. ער איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט יחיאל גאָלדשמיט, עליע טענענהאָלץ און יעקב בן־עמי. דורך זיי האָב איך זיך מיט אים באַקענט.

ווען ער האָט געהערט, אַז איך זוך אַ פּיעסע פאַר מיין ערן אָוונט, האָט ער מיר געבראַכט די „שמעטערלינג שלאַכט", פון זודערמאַן, איך זאָל עס איבערלייענען. די פּיעסע איז מיר שטאַרק געפעלן, און אַוודאי האָט מיך גערייצט צו שפּילן די ראָלע אין וועלכער קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכנט.

דער אמת'ער נאָמען פון דעם דזשעק איז געווען יעקב טיקמאַן. זינט אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט אין 1918 האָט אונזער פריינטשאַפט דורך אַלע פערציק יאָר ניט אויפגעהערט און איז קיינמאָל ניט פאַרטונקלט געוואָרן. אָט די פריינטשאַפט פאַרדינט אפשר מיר זאָלן פראַווען אַ פערציק־יאָריקן יובל. איך ווייס ניט וויפיל פריינט עס קענען זיך באַרימען מיט אַזאַ לאָנגיאָריקייט. אגב, איז דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, אַז ער איז דער איינציק לעבנגעבליבענער פון יענע דריי דזשעקס, און זיכער פאַרדינט זיין פריינטשאַפט צו מיר איך זאָל אים ווינטשן נאָך אַ סך יאָרן, סיי פאַר אים און זיין משפּחה און ניט ווייניקער פאַר אונזער פריינטשאַפט. עס איז שווער צו גלויבן די אַלע טשיקאַווע, אומדערקלערלעכע צופאַלן צווישן טיקמאַנ'ען און מיר. אויך אין די איצטיקע זכרונות מיינע איז ער גאָר אַ

וויכטיקער שותּף. און אויב „מיין דערציילן“ פֿאַרמאָגט אַ געשיכטלעכן און ליטעראַרישן ווערט, קומט טיקמאַנ׳ען אַ גרויסער חלק פֿון דעם שבח. וועט מיר נאָך אויסקומען אַ היפּשע פּאָר מאָל צו דערמאָנען זיין נאָמען.

אין וואָס איז באַשטאַנען שוואַרצ׳ס אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צו מיר?

עס האָט זיך געפֿירט אין יענע יאָרן, אַז ווען אַ מיטגליד פֿון אַ טרופּע האָט געהאַט אַן ערן־אָוונט, האָט מען מיט וואָכן פֿריער ביים טעאַטער אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע „סאַין“ מעלדנדיק דעם דאַטום און די פּיעסע פֿון באַטרעפֿנדיקן אָוונט. די גרויס פֿון דער ספּעציעלער „סאַין“ האָט זיך געווענדט אָן דעם סטאַזש וואָס דער באַטרעפֿנדיקער שוישפּילער האָט געהאַט אין טעאַטער. עס פֿלעגט אויך שיינען עטלעכע וואָכן, סיי אין די צייטונג־אַנאָנסן, סיי אין די וועכנטלעכע אַפֿישן, זיין אַ ספּעציעלער צוגאָב וועגן דער פֿאָרשטעלונג. אין יענע יאָרן, ווען אידיש טעאַטער איז געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל אין לעבן פֿון אידישן ניו יאָרק, פֿלעגן אָט די ספּעציעלע אַנאָנסן און מעלדונגען אַ סך העלפֿן, אַז דער ערן־אָוונט זאָל ווערן אַ פֿינאַנציעלער דערפֿאָלג, בפֿרט פֿאַר הויפּט שוישפּילער פֿון אַ טעאַטער. פֿון דער „סאַין“ אין דער „לאָבי“ און די אַלע פּריווילעגיעס האָט מען, אויף איין וועג אָדער אויף אַן אַנדער וועג, מיך באַרויבט. האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, דערפֿון געהאַט גרויס עגמת־נפֿש און שטאַרק געציטערט, אַז מיין אָוונט וועט ליידן דערפֿון.

איך בין קיינמאָל ניט געווען פֿון די שוישפּילערינס וואָס האָבן געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס פֿלעגן צולייגן אַ האַנט צו אַ שוישפּילערס ערן־אָוונט. איך האָב זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָזט אַז די מעלדונגען אין די צייטונגען און אויף די אַפֿישן וועלן ברענגען דעם עולם צו דער קאַסע. צו מיין פֿריידיקער איבעראַשונג איז דער טעאַטער געווען איבערגעפּאַקט.

איז עס ניט געווען אינגאַנצן קיין נס. איך האָב שוין אין מיינע באַשרייבונגען דערמאָנט אַז איך בין אייביק דאַנקבאַר דער אידישער פּרעסע. זי האָט מיך שטענדיק זייער פֿיין באַהאַנדלט. פֿאַר יענעם אָוונט מיינעם זיינען עטלעכע מאָל, כמעט אין יעדער צייטונג, אונטער אַלערליי נעמען און פּסעוודאָנימען, דערשינען היפּשע נאָטיצן אין לייַנגערע אַרטיקלען וועגן מיין קומענדיקן ערן־אָוונט. זוכנדיק אין די אידישע צייטונגען פֿון יענער צייט, האָב איך זיך באמת געוואונדערט, מיט וויפֿיל האַרציקייט און ליבע די אידישע צייטונגען האָבן אין פֿאָראויס וועגן מיין אָוונט געשריבן, און ביז היינט קען איך ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי, טראָץ די שטערונגען פֿון דער טעאַטער־פֿאַרוואַלטונג, האָט מיין אָוונט דאָך געקראָגן אַזוי פֿיל „פּובליסיטי“.

ניט געקוקט אויף די באַשולדיקונגען פון „יענער פּיפּיקער אַקטריסע“, מוז איך נאָך אַלץ אונטערשטרייכן, אַז די לענגערע אַרטיקלען זיינען גע־שריבן געוואָרן פון בעמען וואָס זיינען מיר נאָך ביז איצט אומבאַקאַנט. שרייבט, למשל, איינער אונטערן צונאָמען מ. גרים, עטלעכע טעג פאַר מיין אָוונט, און כאָטש ער באַשולדיקט מיך אין זאַכן מיט וועלכע איך בין כלל ניט איינשטימיק, האַלט איך אַז עס איז כדאי צוליב זיין חנ׳עוודיקייט אי־בערצוגעבן עטלעכע ציטאַטן:

„אַ קליינע, כמעט מיניאַטורנע מיידלשע פיגור, בויגיק און רירעוודיק, מיט שלאַנקע הענט, אַ שלאַנקן האַלז, אַ קליין קעפּל, מיט גרויסע אויגן און אַ באַדייטנדיקע נאָז, צילי אַדלער“ (איז, הייסט עס, מיין באַדייטנדיקע נאָז אויך אַ מעלה). זי איז נאָך אַלץ זייער גוט אין די ראָלן פון קליינע מיי־דעלעך. טוט זי אָן דאָס קורצע קליידל, און לאָזט אַראָפּהענגען אומבאַהאָלפן די הענט, שטערט איר אפילו ניט איר גרינטלעכע שטימע צו מאַכן דעם איינדרוק פון דעם קליינעם מיידעלע. אָבער אין דערוואַקסענע ראָלן ווערט דאָס קליידל לענגער, די אַרבל פאַרדעקן די הענט ביזן פויסט, דער קאָפּ הויבט זיך אויף, די פיגור ווערט שלאַנקער, און דאָס קליינע מיידל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דערוואַקסענער באַוואוסטזיניקער פרוי... סיי ביי דער קליינער מיידל, סיי ביי דער מיניאַטורנער זעלבסטבאַוואוסטזיניקער פרוי, זעען זיך אַלץ אַרויס די אויגן, גרויסע קלוגע אויגן, וואָס פאַרגעפלען זיך קיינמאָל ניט, און בלייבן אַלעמאָל קלוג... דאַכט זיך אָפּטמאָל, אַז אין דער קלוגשאַפט און קלאָרקייט פון אָט די אויגן ליגט אויך דער גרעסטער חסרון פון צילי אַדלער... צילי אַדלער ווייסט... זי ווייסט אַז זי איז קלוג, זי ווייסט אַז זי איז טאַלאַנטפול, זי ווייסט אַז זי קען, זי ווייסט אַז אויף איר קוקן אויגן און באַוואונדערן זי...“ (אוי ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען איך זאָל באַזיצן אָט דאָס אַלץ וואָס ער שרייבט מיר צו. איך וואָלט עס אפילו פאַר קיין חסרון ניט געהאַלטן).

„צייטנווייז דוכט זיך אַז זי ווערט אַליין נתפעל פון זיך, פאַרליבט זיך אין זיך אַליין, און קען זיך ניט איינהאַלטן פון זאָגן צו זיך: צילי, ווי קלוג און טאַלאַנטפול דו ביזט... זי וועט דאָך מוחל זיין די ליבע צילי, וואָס עס ווערט גערעדט וועגן איר הויפּט חסרון דווקא צו איר ערן־אָוונט — אַזוי קען מעןריידן נאָר וועגן שוישפּילער צו וועלכע מען איז ניט גלייכ־גילטיק... און ניט גלייכגילטיק איז דאָס ווייניקסטע וואָס עס קען זיך דערלויבן צו זאָגן איינער אין דער עפנטלעכקייט“. (האָב איך ניט דאָס האַרץ זיך צו קריגן מיט איינעם וואָס גיט צו, אַז ער איז פאַרליבט אין

מיר. אָבער, טייערער מ. גרים, איר זייט אומגערעכט אין מיין פאַרליבטקייט אין זיך אַליין).

ווי געזאָגט, איז געשריבן געוואָרן אַ סך פאַר מיין אָוונט און נאָך מיין אָוונט, וועלן מיר זיך נאָך צו דעם אומקערן. איך וויל אייך אָבער איצט געבן מיינע אייגענע איינדרוקן פון יענעם אָוונט מיינעם, וועלכער איז מחמת אַ סך טעמים געווען אַנגעפּיקעוועט מיט דראַמע, מיט אויפּריכטיקער גע־טריישאַפט און מיט פאַלשן טעאַטער־שפּילן. און אַזוי ווי דער אומבאַקאַנטער מ. גרים האָט מיך געשטעמפּלט אַלס קלוגע, וועל איך זיך האַלטן ביי דעם וואָס מען שרייבט־צו קלוגע מענטשן, און דערציילן אַלץ אין דער אָרדענונג פון זייער וויכטיקייט. צו ערשט די דראַמע:

ניט נאָר די בינע, נאָר דאָס גאַנצע פּובליקום איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געשפּאַנטער דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די לאָזשעס אויףביידע זייטן פון דער אוידיטאָריע. אין דער לאָזשע אויף דער רעכטער זייט פון דער בינע איז געזעסן מיין טאַטע מיט מיין שוועסטער דזשוליאַ. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז ווי נאָר מיין טאַטנס גראַציעזער זילבער־ווייסער קאָפּ האָט זיך באַוויזן, האָט ער געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, בפרט ביי אַ אידישן טעאַטער־עולם. דאָס מאָל אָבער, איז די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט פון עולם ניט געפאַלן בלויז אויף אים, ווייל אין דער לאָזשע פון דער לינקער זייט פון דער בינע איז געזעסן מיין מאַמע מיט מיין שוועסטער לילי, און דורך דער גאַנצער פאָרשטעלונג, סיי ווען די בינע איז געווען אָפן און דאָס שפּילן איז אָנגעגאַנגען און אַוודאי ביי די אַנטראַקטן, האָט אַן עלעקטרישער שטראָם זיך געצויגן פון עולם צו דער רעכטער און לינקער לאָזשע.

דער טעאַטער־עולם אין יענע יאָרן האָט ניט נאָר געקענט און ליב געהאַט זיינע גרויסע שוישפּילער, זיי האָבן אויך מער־ווייניקער געוואוסט די פאַרשידענע משפחה־פּלאָנטערס אין וועלכע זייערע ליבלינג־שוישפּילער זיי־נען געווען פאַרוויקלט. דער משפחה־פּלאָנטער פון מיינע טאַטע־מאַמע, יעקב פּ. אַדלער און דיינע פיינמאַן, איז געלעגן טיף אין די הערצער פון טעאַטער־עולם פון יענער צייט. ניט מיין טאַטע, אַוודאי ניט מיין מאַמע, האָבן מיט וועלכע ניט איז מינעס אַדער בליקען עטוואָס געוויזן סימנים פון בייזע געפילן, חלילה, פון איינעם צום צווייטן. דער עולם אָבער, האָט מיט דריב־גענדיקע, זוכנדיקע בליקן געפּרוּווט געפינען סימנים פון זייער משפחה־פּלאָנטער.

האָט צווישן עולם געהערשט אַ מאָדנע גליקזעליקייט, דרך־ארץ׳דיקער מיטגעפיל און דערהויבונג, אַ צופרידנקייט צו האָבן די זכיה בייצוואוינען

אַט די שטילע דראַמע, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַטער, און זיך געצויגן פוןביידע לאָזשעס צו דער בינע, און פון עולם צו אַלע דריי.

דאָס האָט זיך ווידערהאָלט נאָך יעדן שלוס־אַקט, ווען מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן פון זייערע לאָזשעס מיר צוגעטיילט זייערע האַרציקע אַפּלאָדיסמענטן און מיט זייערע אויגן מיר געשיקט זייער ליבע — אויס־געדריקט זייער צופרידנקייט מיט זייער טאָכטער.

דער סוף פון אָט דער שטילער דראַמע אין טעאַטער איז געקומען נאָכן שלוס פון דריטן אַקט, ווען די בינע איז געבליבן אָפן און מען איז צוגעטראָטן צו דער צערעמאָניע פון באַגריסונגען און אויסטיילן מתנות צו דער בענעפיציאַנטין. די בינע איז גאָר גיך ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלומען גאָרטן. און אויף עליע טענענהאָלץ אין געפאַלן דער גורל מיט דער צערעמאָניע אָנצופירן.

אויך אין דער צערעמאָניע פון צוטיילן כבוד דעם בעל־שמחה פון אָוונט האָט זיך פאָרמירט אַ נייער וועג, אַ נייער צוגאַנג. די בינע איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ רעדנער־פּלאַטפאָרמע, וואו קאָלעגן שוישפּילער האָבן אויסגעדריקט זייערע געפילן צום בענעפיציאַנט. עליע טענענהאָלץ האָט באמת מיט גרויס טאַלאַנט און אינטעליגענץ דורכגעפירט דעם טייל פון דער צערעמאָניע.

רייצט עס מיך אָבער צו זאָגן, אַז ביי נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט מן הסתם שוואַרץ אַלס דירעקטאָר פון דער טרופּע אָנגעפירט מיט דער צע־רעמאָניע. אָבער אונטער די אומשטענדן וואָס האָבן עקזיסטירט, זיינען מיר ניט געווען זיכער אויב שוואַרץ וועט זיך אפילו באַווייזן אויף דער בינע צו מיין אָוונט. איך ווייס, אַז איך האָב עס ניט דערוואַרט. אָבער שוואַרץ האָט אַ געזונטן חוש פאַר די זאַכן, און ווען ער האָט דערפילט די דראַ־מאַטישע שפּאַנונג וואָס האָט געהערשט צווישן עולם אין טעאַטער, אַ דאַנק דער אָנוועזנהייט פון מיינע טאַטע־מאַמע, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין שענסטן און בעסטן — באַשטעלט אַ פּרעכטיקן בלומען־קוישל — און זיך באַוויזן היגטער די קוליסן ביים אָנהויב פון דער צערעמאָניע.

איז טענענהאָלץ געשטעלט געוואָרן אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט גע־וואוסט די באַציאונגען צווישן שוואַרץ'ן און מיר; ער האָט אָבער געפילט אַז שוואַרץ דאַרף פאָרגעשטעלט ווערן. ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט.

זיינען אַ סך האַרציקע, וואַרעמע רייד געזאָגט געוואָרן צו מיר און וועגן מיר פון אַ צאָל מיטגלידער פון דער טרופּע. אַ גאָר איבעראַשנדיקן איינדרוק האָט איבערגעלאָזט מיין שוואָגער לודוויג זאַץ, סיי מיט זיינע אינטימע

האַרציקע פֿאַר ווערטער, סיי מיט דער אָריגינעלער מתנה, וואָס ער האָט מיר צוגעטיילט. אין דעם פֿאַרפֿאַקטן קעסטעלע וואָס ער האָט געהאַלטן, האָט ער קינצלעך פֿאַרשטעלט די צוויי, דריי אויסגעשניטענע לעכעלעך פֿון קעסטל און אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט געזעדט פֿון זיין פֿאַסיקער מתנה צו מיר, האָט ער דעמאָנסטראַטיוו דאָס קעסטל צעעפֿנט און אין טעאַטער־זאַל זיינען אַרויסגעפֿלויגן צוויי קלאָר־ווייסע טויבן. די אויסרופֿן פֿון וואונדער און פֿאַרגאַפּטקייט האָבן אויסגעדריקט די פֿריידיקע איבעראַשונג פֿון עולם. עס איז געווען אַ זייער הערלעך, רירנדיקע סצענע...

טענענהאָלצ׳ס טעאַטער־אינסטינקט האָט אים דיקטירט פֿאַרצושטעלן מיין טאַטע־מאַמע צום סאַמע סוף פֿון דער צערעמאָניע ווי אַ קלימאַקס. שוואַרצ׳ן האָט ער פֿאַרגעשטעלט פֿאַר זיי. וויל איך פֿאַרצייכענען אַ געפֿיל וואָס האָט מיך באַהערשט דערזעענדיק שוואַרצ׳ן אַ פֿאַרפֿוצטן מיטן קוישל בלומען אין האַנט, וויסנדיק אַז סיי ער און סיי איך וועלן געצוואונגען זיין צו שפּילן פֿאַלש טעאַטער פֿאַרן עולם... אָט איז געקומען די סצענע פֿאַר פֿאַלש טעאַטער שפּילן. שוואַרץ האָט מיט דער שענסטער בלומען־שפּראַך מיר צוגעטיילט אַ סך קאָלעגיאַלע קאָמפּלימענטן, און איך האָב זיי אויפֿגענומען מיט אַ געמאַכטן גליקלעך־שמייכלענדיקן אויסדרוק איך האָב מיטן זעלבן שמייכל פֿון אים גענומען די בלומען און אַ „טשעק״, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט ווי אַ מתנה פֿון דער טעאַטער־פֿאַרוואַלטונג.

דערוויל, נאָך שוואַרצ׳ס רעדע, האָט טענענהאָלץ אין עטלעכע פֿאַסיקע, זייער האַרציקע רייד, מיט אַ סך פּיעטעט, פֿאָרגעשטעלט מיינע טאַטע־מאַמע און זיי פֿאַרבעטן אויף דער בינע. ס׳איז מיין שפּראַך ניט רייך גענוג, און איך ווייס ניט אויב עס זיינען דאָ אַזעלכע ווערטער אין דער וועלט, וואָס קענען אָפּמאָלן די סצענע אויף דער בינע ווען מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט אמת טאַטע־מאַמישע ליבע, און אַוודאי ניט איבערגעבן די צוריקגעהאַלטענע, האַרציקע אָפּרופֿן פֿון עולם און בפֿרט דעם ציטער פֿון מיין האַרץ ווען, אפֿשר צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַלס דערוואַקסענע, האָבן מיינע אמת׳ע טאַטע־מאַמע צוזאַמען, גלייכצייטיק מיך אַרומגענומען און געקושט. אויב איר פֿאַרשטייט צווישן־שורות שפּראַך, וועט איר אפֿשר דאָ אין די צווישן שורות געפֿינען מער ווי אין די שורות...

מיין טאַטע האָט, פֿאַרשטייט זיך, אויף זיין טעאַטראַלישן, אַדלערישן אופֿן אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט און זיין באַוואונדערונג מיט מיינע דערגרייכונגען. ער האָט אפֿילו אָנגעדייטעט, אַז איך אַליין, אָן זיין הילף, האָב דערגרייכט די הויכע פּאָזיציע וואָס איך פֿאַרנעם אין טעאַטער. אָבער אויף מיין מאַמען איז אויסגעפֿאַלן צו זיין די, וועמענס ווערטער האָבן

סיי אונז אויף דער בינע, סיי דעם גאַנצן עולם פאַר אַ מאָמענט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. בלויז ניין ווערטער האָט זי געזאָגט, אָבער מיט די קורצע רייד האָט זי אָנגערירט דאָס סאַמע טיפסטע וואָס קען זיך באַהאַלטן אין אַ מענטשלעכער נשמה. און אמת׳דיק זיינען די רייד געווען. און דאָס איז דאָך שוין אַ כלל, ווערטער וואָס קומען פון האַרצן גייען צום האַרצן. געזאָגט האָט זי: „מיר, קינד מיינס, גייען אַראָפּ, אָבער דו גייסט אַרויף...״ עס איז געווען אַ וואונדערלעכער שלוס־אַקט פאַר דער צערעמאָניע.

עס איז וועגן יענעם אָוונט מיינעם אַ סך געשריבן געוואָרן, סיי פון דער פּיעסע און שפּילן און סיי פון דער דראַמע אין טעאַטער, וועל איך זיך נאָך אפשר שפּעטער צו דעם אומקערן. אָבער אַן אָנדייטונג פון דעם שוין דערמאָנטן מ. גרים, אין זיין אָפּשאַצונג וועגן מיין אָוונט, האָט ער געמאַכט אַ זייטיקע באַמערקונג, אויף וועלכער איך האָב אַ סך צו זאָגן. ער האָט געזאָגט: „אָט איז נאָך אַ שטיק, און אַ גלענצענד שטיק, וואָס האָט געקענט גיין אין אידישן טעאַטער. אָבער צי וועט די ערשטע אויפ־פירונג פון איר ניט בלייבן די לעצטע, וועגן דעם ווייסט נאָר דער דירעקטאָר פון אוירוויגג פלעיס טעאַטער״.

איר וועט אַוודאי ניט געפינען אין די רעקאָרדס פון אידישן טעאַטער, אַז די פאָרשטעלונג איז מיט מיר ווען־עס־איז נאָכאַמאָל געשפּילט געוואָרן.

דיקטירט מיר מיין געפיל פאַרן אמת און גערעכטיקייט אָוועקצונעמען די שולד פאַר דעם פון דעם דירעקטאָר פון אוירווינג פלעיס טעאַטער, מאָריס שוואַרץ. ער האָט יאָ, גלייך אויף דער צווייטער וואָך, געוואָלט די פּיעסע נאָכאַמאָל שפּילן. בלויז אַ פּאָר טעג נאָך מיין פאָרשטעלונג, ביי אַ פּראָבע אויף דער בינע, האָט שוואַרץ אויסגערעכנט דעם רעפּערטואַר, וואָס וועט געשפּילט ווערן די צווייטע וואָך, און פאַר דאָנערשטיק פון יענער וואָך האָט ער באַשטימט, אַלס בענעפיט פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע, צו שטעלן „די שמעטערליִג שלאַכט״. מיט רעכט אָדער אומרעכט, האָט עס מיר פאַרדראָסן פאַרוואָס שוואַרץ האָט מיך ניט געפרעגט איידער ער האָט צו־געזאָגט די פּיעסע צו שטעלן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן די פּיעסע.

שוואַרץ האָט פּרובירט מיך איבעררעדן, אָבער ניט מיט האַרציקע קאָ־לעגיאַלע רייד. וואָלט ער חבר׳יש מיט מיר גערעדט און אַרויסגעוויזן עפּעס אַ חרטה אויף זיין האַנדלונג, וואָלט איך מן הסתם נאָכגעגעבן. האָט אָבער שוואַרץ דאָס ניט געטאָן. ער האָט בלויז געזוכט אויף אַלערליי אופנים מיך אויסקליגערן. האָט דאָס מיך נאָכמער געמאַכט איינגעשפּאַרט.

עס פאַרדריסט מיך באמת איצט, ווען איך טראַכט דערפון, פאַרוואָס איך האָב זיך אַליין באַרויבט פון האָבן אין מיין רעפּערטואַר אַזאַ פּרעכטיקע

קאָמעדיע ווי „שמעטערלינג שלאַכט" און אַזאַ אויסגעצייכנטע ראָלע, וואָס דאָרט איז דאָ פאַר מיר. מיין טראַציקייט צו שוואַרצ'ן האָט מיך פאַרפירט ניט צו טראַכטן פון אָט דער זייט פון דער סיטואַציע. אַזוי אַרום איז מקוים געוואָרן מ. גרים'ס נבואה, אַז די ערשטע פאָרשטעלונג פון „שמעטערלינג שלאַכט" וועט אויך זיין די לעצטע.

אָבער ניט שוואַרץ, דער דירעקטאָר פון אירווינג פּלעיס טעאַטער, איז אין דעם שולדיק. די שולד איז מיין אייגענע... איך האָף, אַז דער אומבאַקאַנטער מ. גרים, אָדער דער וואָס איז באַהאַלטן אונטער דעם נאָמען, וועט קריגן זיין באַפרידיקונג וויסנדיק ווער עס איז שולדיק.

איך האָף, אַז ס'איז מיר געלונגען אייך איבערצוגעבן די שטימונג אין טעאַטער ביי מיין ערן־אָוונט. אָבער חוץ מיר, האָבן אויך אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער איבערגעגעבן זייער איינדרוק פון דער דראַמע און די שטימונג וואָס האָט באַהערשט דעם עולם אין טעאַטער. די אָנוועזנהייט פון מיין טאַטע־מאַמע רייצט מיך אייך איבערצוגעבן עטלעכע ציטאַטן אַרום דעם ענין. עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק וואָס מיר קומט אויס אייך איבערצוגעבן אַ וואונדערלעכן ציטאַט פון אַן אָפּשאַצונג פון יענעם אָוונט און איך קען ניט אָנגעבן, מחמת דער אַלטקייט און צעפאַלנקייט פון דעם אויסשניט, ניט דעם נאָמען פון שרייבער און אפילו ניט דעם נאָמען פון דער צייטונג. איך בין אָבער זיכער, אַז איר וועט מיט מיר איינשטימען, אַז דער ציטאַט איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

ציטיר איך: „די אמת'ע דראַמע, וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן און פרייד, האָפענונג און אַלערליי געדאַנקען וועגן מענטשן און זאַכן איז פאָרגעקומען נאָכן דריטן אַקט ביים פייערן דער בענעפיציאַנטינס, צילי אַדלער'ס, יום־טוב. דאָס איז, ליידער, אַ פּערזענלעכע דראַמע, וועלכע וואַרט אויף דעם קינסטלער, וואָס זאָל מאַכן פון דעם אַ ווערק. איך קען מיך אָבער ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק.

„אין לאָזשע, נאָענט צו דער בינע, זיצן די מחותנים, צווישן זיי לייכט אַרויס אַ מאַיעסטעטישע געשטאַלט מיט אַ הערלעכן ווייסן קאָפּ, זיין אויסדרוקספולער פנים שיינט ווי די זון, און די גרויסע קינסטלער־אויגן קוקן צו דער בינע. און די בליקן זיינע זאָגן, מיין בלוט, מיין פלייש, מיין גייסט — אַ פאָרזעצונג פון מיין שאַפונג, פון מיין לעבן... און זיין בליק גלעט און לאַשטשעט זיין קינד. און זיין קינד, די יונגע געטין, די קעניגין פון אָוונט, זי שיקט יונגע, וואַרעמע, דאַנקבאַרע בליקן צום פאָטער, און יעדער קוק איז ווי אַ זונענשטראַל, און אירע ליפּן מורמלען, דוכט זיך, שטילערהייט

— אַ דאַנק דיר, פאָטער, אַ דאַנק דיר, דו הייליקער קוואַל פון מיין לעבן, פון מיין גייסט.

„אין ווייטסטן ווינקל פון אַ צווייטער לאָזשע זיצט אַ מיטליאָריקע פרוי, יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן. דאָס איז די גרויסע מאַמע, פון דער גרויסער טאָכטער. זי קוקט ווייניק צו דער בינע, און די טאָכטער קוקט ווייניק צו איר. זיי דאַרפן שויןביידע זיך ניט דערקלערן. זיי זיינען ביידע זיכער אין זייער ליבע איינס צום אַנדערן. דאָס בלוט, וואָס איז איבערגעגאַנגען דורך דער מילך פון מאַמע צו טאָכטער מאַכט זיי אויף אייביק איינס. די פרוי קוקט צו דעם פאָטער, און אירע אויגן זיינען פול מיט נצחון. זי האָט מיט אים אַלטע חשבונות, און וואָס גרעסער דער טאַלאַנט פון דער טאָכטער, אַלץ גרעסער איר פרייד. און, גאָט, וויפיל טאַלאַנט די טאָכטער האָט היינט נאַכט אַרויסגעוויזן. די איז שוישפּילערין, און די איז שוישפּילערין — די איז פרוי, און די איז פרוי — די וועט פאַרזעצן איר לעבן, איר עקזיסטענץ. דער מאַמעס האַרץ איז פול מיט גליקזעליקייט״.

שרייבט אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען „לומינוס״, ווידער עמעצער וואָס איך האָב קיין באַגריף ניט ווער ס׳איז אונטער דעם צונאָמען באַהאַלטן. איך וויל אייך דאָ בלויז ציטירן וואָס ער זאָגט וועגן דעם ענין:

„רירנד זיינען געווען די סצענעס ווען דער פאָטער פון צילי אַדלער, יעקב פּ. אַדלער, און איר מוטער, מאַדאַם דאַינע פיינמאַן, זיינען אַרויף אויף דער בינע. דאָס בילד פון די עלטערן, דאָס פרייען זיך מיט זייער געראָטן קינד, איז געווען אמת פאַטעטיש, האַרציק. די קווינטעסענץ פון דעם בילד איז געווען דער מאַמעס ווערטער: „מיר, קינד מיינס, גייען אַראָפּ, אָבער דו גייסט אַרויף...״ איז עס אַ טרייסט און אַ נחת, ניט בלויז פאַר די עלטערן, אַז דאָס גייען אַרויף איז אַן אמת שטייגן, אַ שטייגן צו דער אַזוי צוציענדיקער צוקונפט פון אַ גרויסער קינסטלערישער קאַריערע״.

געפין איך אַן אויסשניט אין ענגליש וואָס איך קען ווידער ניט פעסט־שטעלן פון וועמען און פון וואַנען עס קומט, אונטערן קעפּל, איבערזעצט אין אידיש לייענט זיך עס אַזוי: „אַ וויכטיקער עטאַפּ אין צילי אַדלער׳ס קאַריערע״.

„די וואָס האָבן בייגעוואוינט די ערן־פאַרשטעלונג לכבוד צילי אַדלער אין אירווינג פּלעיס טעאַטער לעצטע וואָך, זיינען געווען עדות צו אַן אויסערגעוויינלעכן מאָמענט ווען מענטשן וויינען פאַר פרייד. געוויינט אין דעם פאַל האָבן ניט בלויז די שוישפּילער אויף דער בינע, ווען צילי אַדלער׳ס מוטער, אַליין אַ באַרימטע שוישפּילערין, איז אַרויף אויף דער בינע, אויף דער איינלאַדונג פון דעם צערעמאָניע־מייסטער מר. טענענהאָלץ און האָט

גערעדט צום עולם וועגן איר גליק און פרייד וואָס זי קען ביוואוינען די געלעגנהייט, האָט דער גאַנצער עולם וואָס האָט אָנגעפּאַקט דעם טעאַטער, פון די לאָזשעס ביז דער העכסטער גאַליאַרקע, זיך מיט איר מיטגעפרייט. אָבער ווען דער מאַמען האָבן געגומען שטיקן טרערן אין איר האַלז, און צילי האָט שנעל איר קאָפּ איינגעגראָבן אויף דער מאַמעס אַקסל, טרייסלענדיק זיך פון טרערן, האָבן זיך דערהערט אַן אַ שיעור שלוכצן פון פאַרשידענע זייטן פון גרויסן עולם...״

עס איז אויך אַ סך געשריבן געוואָרן סיי פון דער פּיעסע, סיי פון דעם שפּילן, און מערקווירדיק, איך בין שטענדיק שטאַרק אימפּאָנירט און איך באַוואונדער די פאַרשידנאַרטיקע און קעגנגעזעצטע מיינונגען פון פאַרשידענע שרייבער וועגן איינער און דערזעלבער פּיעסע, וועגן איינער און דערזעלבער שוישפּילערין. האָב איך אין פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט די רעצענזיע פון אונזער וועטעראַן יואל ענטין. ציטיר איך זיין מיינונג וועגן דער פּיעסע:

„די שמעטערלינג שלאַכט״, איז ניט נאָר איינע פון די בעסטע פּיעסן פון הערמאַן זודערמאַן. זי איז אויך איינע פון די לעבעדיקסטע און שפּיל־באַרסטע אויף יעדער בינע״.

און אַט שרייבט איינער וועמענס נאָמען און נאָמען פון דער צייטונג איך קען ניט געפינען. איך ציטיר:

„ביי אונז אידן, אַז ס׳איז נאָר אַ גוי׳אישער נאָמען, הייסט עס שוין ליטעראַטור. און אַזוי האָט צילי אַדלער אויסגעקליבן פאַר איר ערן־אָוונט הערמאַן זודערמאַנ׳ס אַ פּיעסע, וועלכע אַפּעלירט אָבער ניט צו אונז אידן אין אַמעריקע״...

קען איך ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי וועגן דער זעלבער פּיעסע קענען געזאָגט ווערן אַזעלכע קעגנגעזעצטע מיינונגען. איך בין פון די וואָס האָבן שטענדיק געהאַט דרך־ארץ פאַר שרייבער און געהאַט צוטרוי צו זייער אויטאָריטעט. האָב איך אָט די שרייענדיקע פאַרשידנאַרטיקייט קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין...

שרייבט ענטין וועגן מיין שפּילן די ראָל פון ראָזכען: „צילי אַדלער איז אַ מייסטערין אויף אַזעלכע יוגנטלעכע ראָלן. איר שפּילן דאָס יונגע מיידעלע אין דימאָוו׳ס „געדונגענעם חתן״, לאָזט זיך ביז היינט ניט פאַרגעסן. אָבער אין דאָס סאַמע פיינסטע און טראַגישסטע אין ראָזכענ׳ס כאַראַקטער איז זי געבליבן אַ היפּש ביסל הינטערשטעליק״.

„שרייבט דער רעצענזאַנט אין „טאָג״: „צילי אַדלער, די בענעפיציאַנטין, האָט אין דער ראָזכען אַריינגעלייגט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט. אַזוי פיל

האָט זי אַריינגעגעבן פון זיך אין דעם מיידל, אַז מינוטנווייז האָט איך אָנגעכאַפּט אַ שרעק. זי האָט ניט בלויז אינטערפּרעטירט, זי האָט געשאַפן, באַשאַפן אַ טיפּ. ראָזכען, ווי צילי אַדלער האָט זי פאַרגעשטעלט, איז אַזוי רייצנדיק אין איר נאַאיוויטעט, אַזוי נאַאיוו אין איר קלוגשאַפט. צו זאָגן אַז זי שפּילט נאַטירלעך, איז באַנאַליטעט. זי איז ראָזכען — דער אמת׳ער טיפּ פון דעם „באַק־פיש“ — דאָס מיידל וואָס איז נאָך ניט פרוי, אָבער שוין ניט מער קיין קינד“...

זיינען אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע מיינונגען בנוגע דאָס שפּילן פון אַ ראָלע אפשר פאַרשטענדלעך, אָבער זיכער אַ גרויסער פראַגע־צייכן פאַר דעם שוישפּילער...

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין איצט, ווען איך האַלט ביים בין־השמשות פון מיין טעאַטער־קאַריערע, אויסצודריקן די קריוודע פאַר זיך און מיינע קאָלעגן שוישפּילער, פאַר אַן עוולה וואָס אַ צאָל טעאַטער קריטיקער באַגייען אָפּט מחמת גלייכגילטיקייט צום שוישפּילער און, צייטנווייז, צוליב זעלבסט באַפרידיקונג.

אונזער אידיש טעאַטער איז קיינמאָל ניט געקומען צו דער מדרגה, אַז די פאָרשטעלונג צו וועלכער די קריטיק ווערט איינגעלאַדן, זאָל זיין אַזאַ אין וועלכער אַלע שוישפּילער האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך אין זייערע ראָלן צו פאַרפאָלקאָמען. ביי די אומות העולם פּרוּווט מען אויס אַ פאָר־שטעלונג וואָכן אין פאָראויס איידער מען דערלויבט די קריטיקער צו קומען זי זען. ביי אונז איז, ליידער, ניט אַזוי. אמת, אַז אין די יאָרן פון דער עפּאָכע פון וועלכער איך דערצייל איצט, האָט שוואַרץ און אַנדערע דירעקטאָרן פון בעסערן טעאַטער ניט פאַרבעטן די קריטיק ביז דער דריטער אָדער פינפטער פאָרשטעלונג. ס׳איז אָבער ווייט ניט געווען גענוג, אַז אַ שוישפּילער זאָל באמת קענען זיין ראָל דערגרונטעווען. בפרט, ווען עס האָט געטראָפן אין אונזער אידישן טעאַטער, אַז אַ פּיעסע איז אומדערוואַרט געווען אַ דורכפאַל און מ׳האָט אויף שנעל געמוזט איינשטודירן אַ נייע פּיעסע.

די מערסטע טעאַטער־קריטיקער זיינען געווען נאָענט באַקאַנט מיט די אומשטענדן אין טעאַטער. וואָלטן זיי באַדאַרפט, לויט מיין השערה, זיך היטן מיט זייער אורטייל. שוין אָפּגערעדט פון אַן ערן־פאָרשטעלונג, וואָס זי איז מערסטנס אַ צוגאָב־שטודיום פאַר די אַקטיאָרן, און האָט זעלטן די געלעגנהייט צו ווערן פולשטענדיק פאַרטיק. איך ווייס פון זייער אַ סך פון מיינע קאָלעגן שוישפּילער, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך עגמת־נפש פון רעצענזיעס פון אָנגענומענע און לאַנגיאָריקע טעאַטער־שרייבער, וועלכע

האָבן זיך, בכלל, ניט גערעכנט מיט אומשטענדן, וואָס זיינען זיי געווען זייער גוט באַקאַנט.

איך האָלט עס פאַר וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז אָט די טענה מיינע איז גערינכטעט דווקא צו אונזערע ערלעכסטע, אויפריכטיקסטע און באמת פאַרשטענדיקסטע טעאַטער־קריטיקער, פאַר וועלכע איך, און די מערסטע קאָלעגן מיינע, האָבן שטענדיק געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. זיי האָבן זיך געמעגט רעכענען מיט דער אָפט ניט גינסטיקע לאַגע, אונטער וועלכער עס פלעגט אויסקומען אפילו אין ערנסטע טעאַטערס צוצוגרייטן אַ פּיעסע.

אַרום יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים, אַז די פאַרשטעלונגען פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" הויבן אָן שוואַכער באַזוכט צו ווערן, און דאָס טעאַטער האָט זיך געדאַרפט גרייטן פאַר אַ נייער אויפפּי־רונג. איז עס דעמאָלט ביי שוואַרץ'ן און ביי דער טעאַטער־פאַרוואַלטונג קיין פּראָבלעם ניט געווען. דער אומפאַרגלייכלעכער, ספּאַנטאַנער דערפּאָלג פון הירשביינ'ס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", האָט אונטערגעזאָגט סיי שוואַרצ'ן, סיי דער פאַרוואַלטונג וואו צו זוכן זייער קומענדיקן דערפאָלג.

מען האָט זיך געווענדעט צו הירשביינ'ען, און אין די ערשטע וואָכן פון יאַנואַר, 1919, האָט מען אין אירווינג פּלעיס טעאַטער מיט גרויס דער־וואַרטונג און אַ סך צופרידנקייט און הנאה, געהערט די פאַרלעזונג פון פּרץ הירשביינ'ס צווייטער דערפאָלגרייכער פּיעסע פון יענעם סעזאָן, „דעם שמידס טעכטער".

ס'איז אַוודאי ניט קיין נייע אַנטדעקונג, אַז פּונקט ווי מזל שפּילט אַ ראָל אין מענטשלעכן לעבן האָבן זאַכן אויך זייער מזל. און אַוודאי איז עס דער פאַל מיט פּיעסן. „דעם שמידס טעכטער" איז געווען אַ סך מזל־דיקער ווי „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", כאָטשביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג. פאַקטיש זיינען ביידע פּיעסן „געלאָפן" כמעט די זעלבע צאָל וואָכן. דער מזל פון „דעם שמידס טעכטער" איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מ'איז גאָר מיט אַן אַנדער ערנסט צוגעטראָטן צו איר.

ווי איר געדענקט, איז די פּיעסע „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" אין אונזער טעאַטער אַריינגעקומען ווי הינטערווייִלעכס, עפּעס ווי זי וואָלט אַריינגע־שמוגלט געוואָרן. דערפאַר האָבן די פון אונז, וואָס האָבן געהאַט אַזוי פיל נשמה־ציטער ביז דאָס „פאַרוואָרפן ווינקל" האָט גובר געווען אַלע צווייפלען און אַלע שטיף־קינדערישע באַהאַנדלונגען, מיט גרויס הנאה אויפגענומען

דעם ערנסטן און דרך־ארץ׳דיקן צוגאַנג, מיט וועלכן מען האָט זיך גענומען צו די פּראָבעז פון „דעם שמידס טעכטער״.

ווי איר געדענקט, האָט די פאַרוואַלטונג פון טעאַטער מורא געהאַט איינשטעלן אויסצוגעבן דרייסיק דאָלער אויף איבערפּאַרבן אַן אַלטע דעקאָראַציע פאַרן „פאַרוואָרפן ווינקל״. פאַר „דעם שמיד׳ס טעכטער״ אָבער, האָט זיך די פאַרוואַלטונג שטאַרק אָפּגעגעבן און ניט געשפּאָרט קיין געלט אַז די צוויי דעקאָראַציעס, סיי די קוזניע, סיי דעם שמידס שטוב, זאָלן מיט אַלע פּינקטלעכקייטן אויפגעבויט ווערן. ספּעציעל זיינען אַ סך זאָרג און הוצאות אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער דעקאָראַציע פון דער קוזניע.

און איך וויל דאָ פעסטשטעלן, אַז שוואַרץ האָט אַריינגעלייגט אַ סך זאָרג, און זיך אַ סך פאַרטראַכט אויף דער אויפפירונג פון „דעם שמידס טעכטער״. איך נוץ ניט מיט אַ כיוון דעם טערמין רעזשי, ווייל אָט דער וויכטיקער טייל פון טעאַטער־קונסט האָט נאָך יענעם סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער שטאַרק געפעלט. האָט מיך ניט שאָקירט אַן אַרטיקל פון דעם מיר אומבאַקאַנטן מ. גרים, דעם 29טן מערץ 1919, אונטערן קעפּל: „רעזשי — אַ זאַך וואָס איז אין אונזער טעאַטער ניטאָ״. איך ציטיר בלויז דעם ערשטן פּאַראַגראַף:

„עס האָט מיך אַ באַקאַנטער געפרעגט: וואָס איז דאָס מיט דער אידישער טעאַטער־קריטיק וואָס זי פאַרנעמט זיך בלויז מיט דעם אינהאַלט פון שטיק און דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן און זי שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ אויף דער רעזשי?״ מיין ענטפער אויף דעם איז: זאַכן וואָס זיינען ניטאָ קען מען ניט קריטיקירן״.

אָבער ווידער קומט אַריין דאָס גוטע וואָרט „מזל״. יעדע ראָלע איז געלעגן אין די הענט פון שוישפּילער וואָס — ווער מיט מער, ווער מיט ווייניקער טאַלאַנט — האָבן אָבער אַלע געהאַט דעם אמת׳ן חוש פאַר בעסער טעאַטער און די פייאיקייט און די אינטעליגענץ זיך אַריינטראַכטן אין זייערע ראָלן און אַרויסנעמען אַלץ, וואָס דער מחבר האָט אין זיין פּראָזע באַהאַלטן. און ווייל יעדער פון די שוישפּילער האָט געפילט און דערקענט דעם שטייגער לעבן איז דאָס בילד, טראָץ רעזשי־לאָזיקייט, אַרויסגעקומען גאַנץ און אין נוסח פון הירשביינ׳ס געשאַפענער אַטמאָספערע.

אָט, למשל, זיינען אין דער פּיעסע אַריין צוויי לידלעך, איינע פון מאָריס שוואַרץ וואָס איז געוואָרן כמעט וועלט־באַרימט, דאָס זייער חנ׳נעוודיקע בחור׳יש לידל, „מיידל, מיידל, מיידל״, און דאָס צווייטע, אַ האַלב פאָלקס־לידל, וואָס איך האָב אין דער פּיעסע געזונגען, „ווען אַ מיידל שפּילט אַ ליבע״... זייענן דאָס, חלילה, ניט געווען קיין אָפּיציעלע געזאַנגס־לידלעך,

וואָס ווערן אַריינגעשטעלט אין פּיעסן, ווערן אַקאָמפּאַנירט פון אָרקעסטער און שטעלן, אַזוי צו זאָגן, אָפּ דעם גאַנג פון דער פּיעסע, כדי דער זינגער אָדער די זינגערין זאָל זיך קענען אויספּיינען מיט דער שטימע. גאַנץ אָפּט פּאַסט זיך דאָס לידל גאָרניט אַריין אינעם אינהאַלט פון דער פּיעסע. ניט שוואַרץ, ניט איך זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיק פון אָרקעסטער. מיר האָבן עס אַריינגעוועבט אין אונזערע ראָלן און עס איז אַרויסגעקומען ווי אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון דער האַנדלונג.

שוואַרץ האָט זיין לידל געזונגען ביי זיין אַרבעט אין קוזניע, און האָט דערמיט בולט׳ער געמאַכט זיין יונג־בחור׳יש פאַרליבטקייט. איך האָב מיין לידל געזונגען ביים אויסנייען, און אויסגענוצט די טענער בעסער צו כאַראַקטעריזירן מיין יונג־מיידלשע פאַרטראַכטקייט. איך בין זיכער, אַז ס׳איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען זאַכן וואָס זיינען אין דער פּיעסע און אין די ראָלן ניטאָ. ביידע האָבן מיר אויסגענוצט די לידלעך אויף אַזאַ אופן, אַז שוואַרצ׳ס ניסן־אַלטער און מיין זעלדע זיינען דערפון רייכער געוואָרן אַלס כאַראַקטערס אין הירשביינ׳ס פּיעסע.

עס איז אין „דעם שמידס טעכטער״ געווען נאָך אַן אַקטיאָרישער צוגאָב. דאָס איז שוין אָבער געווען מיט גאָר אַן אַנדער מאָטיוו. איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל ביי אַ געלעגנהייט דערמאָנט, אַז לודוויג זאַץ האָט ניט געוואָלט שפּילן אין „דעם שמידס טעכטער״ די ראָלע פון זיידן וואָס שוואַרץ האָט אים צוגעטיילט. ניט, חלילה, דערפאַר, וואָס זאַץ האָט אין דער ראָלע ניט געזען פאַר זיך קיין מעגלעכקייט צו שאַפן. אָבער אַזוי ווי ער האָט אין „פאַרוואָרפן ווינקל״ געשפּילט אַ זיידן, האָט ער מורא געהאַט אַז גלייך אין דער צווייטער הירשביין פּיעסע, מיט כמעט דער זעלבער אומגעבונג, ווידער צו שפּילן אַ זיידן, זאָל ער ניט דאַרפן זיך ווידערהאָלן. ער האָט, דערפאַר, פאַרגעלייגט מאָריס שוואַרצ׳ן, אַז ער וועט שפּילן די קליינע ראָלע אין דריטן אַקט, דעם מוכר־ספרים׳ניק.

שוואַרץ האָט פאַרשטאַנען די אורזאַך פון זאַצ׳ס מורא און אָנגענומען זיין פאָרשלאָג. ער איז געווען זיכער, אַז די פּיעסע וועט דערפון געווינען. דער זיידע קען זייער גוט געשפּילט ווערן פון יחיאל גאָלדשמיט, און די קליינע ראָלע פון מוכר־ספרים׳ניק וועט קריגן מער אָנזען דורך זאַצ׳ן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ווי געזאָגט, פאַרנעמט די ראָל פון מוכר־ספרים׳ניק זייער אַ קליינעם אָרט אין דער פּיעסע. זאַץ האָט אָבער די ראָל אַזוי פאַרגעשטעלט, אַז דער כאַראַקטער איז געוואָרן כמעט דער הויכפּונקט פון אַקט. סיי זיין גרים, סיי זיין אָנטועכץ זיינען געווען אַזוי, אַז שוין מיט זיין אַריינקומען איז די בינע מיט אים פול געוואָרן.

ער האָט אָבער צו דעם צוגעגעבן אַ שווישפּילערישן איינפאַל. ער האָט דעם מוכר־ספרימ׳ניק געגעבן אַן אויסשפּראַך ווי איינער וואָסליידט פון אַ שפּראַך־פעלער. דער פעלער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דורך זיינע שלעכטע מאַנדלען אין האַלז און אַ נאַז־פעלער, קען ער קיין „מם״ ניט אַרויסריידן און פון דעם „מם״ ווערט ביי אים אַ „בית״. אַזוי ווי אין זיין ראָלע קומט אים אויס זייער אָפט זאָגן די ווערטער: מיידל, שמיד, מאָרגן, מחזורים, מוכר־ספרים, און ענלעכע ווערטער, איז דערפון אַרויסגעקומען:ביידל, שביד, באָרגל א. א. וו. האָט עס געפירט צו אַן אַ שיר קאָמישע סצענעס און סיטואַציעס. דער קאָמיזם איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווייל זאַץ האָט ניט געפּרואווט אָט דעם חסרון זיינעם אונטערשטרייכן, ווי עס איז די טבע פון קאָמיקער. ער האָט עס אָפּגעזאָגט אַן ספּעציעלער באַטאָנונג. דאָס קאָמישע איז אַרויסגעקומען פון דעם וואָס מען האָט אים ניט פאַר־שטאַנען, און מ׳האָט אים געמוזט איבערפרעגן.

אַזוי, למשל, אַריינקומענדיק, זאָגט ער: „כ׳האָב איך געבראַכט אייער ביידל״... דער טאַטע האָט אים ניט פאַרשטאַנען און געמוזט איבערפרעגן, און ניט איינמאָל נאָר עטלעכע מאָל, ביז דער אידל ווערט שטאַרק אין כעס, וואָס מען פאַרשטייט אים ניט. ער זאָגט עס דאָך אַזוי קלאָר: „כ׳האָב איך געבראַכט אייער ביידל, ביידל״ — האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אַן אַ שיר געלעכטערס פון עולם.

קלינגט עס אפשר ווי אַן אומערלעכע באַציאונג צום פאַרפאַסערס כאַ־ראַקטער. פּרץ הירשביין, אַליין אַ טעאַטראַל, אַ דראַמאַטורג, האָט ביים ערשטן מאָל זען זאַצ׳ן אין דער ראָלע, אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט, און ער האָט מיט זאַצ׳ן און שוואַרצ׳ן זיך דורכגערעדט, און זיי האָבן באַ־שלאָסן אַז זאַץ זאָל ביי דער קומענדיקער פאָרשטעלונג שפּילן די ראָלע אָן אָט דעם קונצעלע. זאַץ האָט אים צופרידנגעשטעלט און געטאָן וואָס ער האָט אים געבעטן. אָבער תיכף נאָך דער פאָרשטעלונג, איז הירשביין אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע און זיך געבעטן ביי זאַצ׳ן, אַז ער זאָל שפּילן ווי ער האָט געשפּילט, ווייל דער אַקט האָט פאַרלוירן אַ סך פון זיין חן. הירשביינ׳ס טעאַטראַלער חוש האָט אים דיקטירט, אַז זאַצ׳ס אַזוי־גערופן קונצעלע גיט צו זייער אַ סך צום כאַראַקטער פון מוכר־ספרימ׳ניק, און ברענגט אַריין אַ סך שיינעם הומאָר אין די סצענעס פון דריטן אַקט.

נאָך די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען איז די פּיעסע באמת אַוועק ווי אַ מזמור. מיר האָבן זיך אַלע איינגעשפּילט אין די ראָלן, אויסגעפילט אַלע ניואַנסן, און דער עולם האָט ליב־באַקומען די פּרעכטיק־שיינע, שטילע קאָמעדיע, אַן די פאַטענטירטע קאָמיקער, קאָמישע פאָרלעך, בופ־קאָמיקער

און סוברעטינס, אָן די אַלע פּאַטענטירטע מיטלען. די קאָמעדיע איז געוואָרן אַ ריזיקער דערפאָלג. דער עולם האָט באמת אויפגענומען יעדע קאָמישע סיטואַציע. דער נאַטירלעכער פאָלקס־הומאָר האָט דערגרייכט דעם עולם, און דער טעאַטער האָט ממש געקראַכט פון געלעכטער.

אָבער אויך דאָ, אין „דעם שמידס טעכטער", אפשר נאָך מער ווי אין „פאַרוואָרפן ווינקל", האָבן מיר נאָך אַ צוויי־דריי וואָכן שפּילן זיך אַוועק־געלאָזן אין אַ געיעג צו איבערשטייגן איינער דעם צווייטן.

בכלל, טראָגט אין זיך קאָמעדיע דעם רייץ, אַז שוישפּילער זאָלן אַרויס־קומען מיט אַלץ נייע און נייערע קאָמישע אויסדרוקן, האַנדלונגען און סי־טואַציעס. ערשט דאַן זעט זיך אָן די אָפּוועזנהייט פון אַ שטרענגן רעזשי־סאָר. טרעפט אָפט אין בעסערע ענגלישע טעאַטערס, אַז נאָך אַ צאָל וואָכן שפּילן רופט דער רעזשיסאָר פּלוצלונג צוזאַמען די שוישפּילער צו פּראָבע. עס זיינען לויז געוואָרן געוויסע שטעלן אין דער פּיעסע; עס זיינען אויס־געוועפּט געוואָרן געוויסע וויכטיקע מאָמענטן; עס זיינען פאַרגרעבט גע־וואָרן אַ טייל פון די צאַרטע, איידעלע ניואַנסן. דער רעזשיסאָר נעמט ווידער אַריין די אויפפירונג אין זיינע הענט און צווינגט די שוישפּילער צו ברייגנען זייערע ראָלן צו דער גאַנצקייט, מיט וועלכער די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

ביי אונז האָט מען גאָר דערפון ניט געטראַכט. האָט מאָמענטנווייז דעם אָדער יענעם פאַרדראָסן אַ געוויסע איבערטריבענע סצענע פון איינעם אָדער מער שוישפּילער, האָט מען אויסגעדריקט אַ באַהאַלטענעם פאַראיבל. געטאָן האָט מען אָבער גאָרניט וועגן דעם.

זעט זיך אפשר דאָ שטאַרק אָן דער גרויסער חסרון, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אין אונזער טעאַטער, פון פאַראייניקן דעם אַזוי־גערו־פענעם הויפּט־שוישפּילער מיטן רעזשיסאָר אין איין פּערזאָן. דער רעזשיסאָר אין דעם פאַל ווערט פאַרשוואונדן אַזוי שנעל ווי די פּיעסע הויבט אָן גע־שפּילט ווערן. דער שוישפּילער פון דער פאַראייניקונג ווערט פאַרנומען מיט זיין שוישפּילערישקייט, פאַרגעסט אינגאַנצן זיין ראָלע אַלס רעזשיסאָר און זינדיקט גלייך מיט אַלעמען, און אַמאָל אפשר נאָך מער פון אַלעמען, די גאַנצקייט פון דער פּיעסע צו צעשרויפן און צעשטערן...

בלויז דער איינגעוואָרצלטער דרך־ארץ צום מחבר און צום עולם, וואָס די מערסטע פון אונז האָבן פאַרמאָגט, האָט אונז ניט דערלאָזן צו פאַר־וואַנדלען אונזערע גרויסע אויפטואונגען אין אַ חוזק.

איך האָב פריער באַמערקט, אַז אין אַ קאָמעדיע דערלויבן זיך אָפט שוישפּילער, אפילו די ערנסטע, צו מאַכן שפּאַס און אָפּשפּילן שטיקלעך.

דערמאָנט עס מיך אין אַ שפּיצל וואָס דער באמת גרויסער און טאַלאַנטפולער מוני וויזענפריינד, שפּעטער וועלט־באַרימט אַלס פּאול מוני, האָט אָפּגעטאָן ביי אַ פאַרשטעלונג פון „שמידס טעכטער" דעם קומענדיקן סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער.

איך האָב שוין דערציילט, אַז אַ צאָל פון די שוישפּילער וואָס זיינען געווען מיט שוואַרצ'ן אין זיין ערשטן סעזאָן, זיינען פון אים אַוועק און האָבן געהאָלפן גרינדן דעם נייעם טעאַטער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, וואָס האָט דעם שוואונג צום בעסערן און ערנסטן אידישן טעאַטער שטאַרק דערהויבן. צווישן די אַוועקגעגאַנגענע איז אויך געווען יחיאל גאָלדשמיט. ווען שוואַרץ האָט דעם קומענדיקן סעזאָן געדאַרפט שפּילן „דעם שמידס טעכטער", האָט ער די ראָלע פון זיידן וואָס יחיאל גאָלדשמיט האָט געשאַפן, געגעבן דעם דאָן נייעם יונגן שוישפּילער מוני וויזנפריינד.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אין אַ מיטן־וואָך אָוונט, ווען מען האָט אין אירווינג פּלעיס טעאַטער געשפּילט „דעם שמידס טעכטער", האָט גאָלדשמיט גראָד ניט געשפּילט אין גאַרדען טעאַטער. וויזנפריינד און גאָלדשמיט זיינען געווען חברים און פריינט,ביידע האָבן שטאַרק געהאַלטן איינער פון צווייטן. טרעפנדיק זיך אין דער באַרימטער טעאַטער־קאָפע „ראַיאַל", איז מוני'ן איינגעפאַלן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל דער טרופּע פון זיין טעאַטער. ער האָט פאַרגעלייגט גאָלדשמיט'ן ער זאָל בשתיקה פון אַלעמען היינט נאָכט שפּילן דעם זיידן אין „דעם שמידס טעכטער", אין אירווינג פּלעיס טעאַטער. גאָלדשמיט האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שפּאַס אָדער אַ שפּיצל. זיי זיינען ביידע אַוועק צום טעאַטער און מוני האָט, אַזוי צו זאָגן, אַריינגעשמוגלט גאָלדשמיט'ן צו זיך אין גאַרדעראָב.

ווען דער זיידע מאַכט זיין אויפטריט אין ערשטן אַקט, געפינען זיך אויף דער בינע ניסן־אַלטער (מאָריס שוואַרץ) און זעלדע, מיין ראָלע, וואָס איז יענעם סעזאָן געשפּילט געוואָרן פון דער זייער באַגאַבטער און חנ'עוודיקער חנה האָלענדער. דער זיידע קומט אַרויף זינגענדיק אַ אידישע תפילה — „אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר..." ווען שוואַרץ האָט דערהערט די טענער פון אונטער דער בינע, האָט ער פאַנאַנדער געעפנט זיינע גרויסע אויגן מיט וואונדער; ס'האָט אים ניט געקלונגען ווי מוני'ס טענער. אָבער אפילו ווען דער זיידע האָט זיך שוין אין טיר באַוויזן, איז אים נאָך אַלץ ניט איינגעפאַלן, אַז אונטער דעם גרים און קליידער איז ניט מוני. ערשט ווען דער זיידע האָט אויף שוואַרצ'ס פרעגנדיקן „גוט מאָרגן, זיידע" געענטפערט מיט באַדייטונג: „ווייסט דעם טייטש דערפון, האַ, ניסעלע?", האָט שוואַרץ אָנשטאָט צו ענטפערן אים אויף זיין פראַגע —

פאַרטײטשן די ווערטער פון זײן זינגענדיקער תפילה — מיט וואונדער אויס־גערופן: „זע נאָר, זע, דער אַלטער זיידע איז דאָ...״ גאָלדשמיט׳ס שמייכל און מוני׳ס געלעכטער היטער די קוליסן האָבן אים אַלץ פאַרענטפערט.

איז דאָ, אגב, כדאי צו פאַרצייכענען, אַז טראָץ דעם אָנגעגעבענעם ווערטלען זיך פון שוואַרצ׳ן און גאָלדשמיט׳ן, דורך דער פּראָזע פון הירש־ביינ׳ס העלדן אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז די פריינטשאַפט צווישן זיי ניט געשטערט געוואָרן. האָבן זיך אַלע באמת געפרייט און געהאַט אַ סך שפּאַס, אַ דאַנק מוני׳ס און גאָלדשמיט׳ס איינפאַל.

דערלאָזט מיר ניט דאָס האַרץ, אַז איך זאָל דורכלאָזן דעם גרויסן מוני ווייזנפריינד און ניט אָפּשטעלן זיך לענגער אויף דעם וועלט־באַרימטן שוישפּילער, וועלכער האָט אין די קנאַפּע צען יאָר וואָס ער האָט געשפּילט אויף דער אידישער בינע פאַרצייכנט אַ גרויסן צעטל פון קינסטלערישע דערגרייכונגען און שאַפונגען. איך האָב אין מיין דערציילן עטלעכע מאָל זיך אויסגעדריקט, אַז ביים ערנסטן און עכט־טאַלאַנטירטן שוישפּילער, איז קיינ־מאָל ניטאָ די זיכערקייט, אַז ער האָט אין זיין ראָל דערגרייכט פאָלקאָמענקייט. מוני ווייזנפריינד איז געווען פון די דאָזיקע שוישפּילער. ער האָט אייביק געצווייפלט אין זיין גרויסן טאַלאַנט און שטענדיק געזוכט אַלץ מער און מער פאַרטיפונג אין זיינע ראָלן.

ווייס איך, למשל, אַז נאָך דער פּרעמיערע פון „שווער צו זיין אַ איד״, וואו ער איז אין זיין ראָלע אַלס איוואַנאָוו כמעט איבערנאַכט געשטעמפּלט געוואָרן אַלס איינער פון די סאַמע גרויסע טאַלאַנטן אויף אונזער בינע, איז ער געווען דערשלאָגן און פאַרצווייפלט, ער איז זיכער געווען, אַז ער איז אין דער ראָל דורכגעפאַלן. אַז די קריטיק וועט אים אויף שטיקער צערייסן. ער האָט געהאַט אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר זיין געפיל פון צווייפל. מוני האָט ביז דאַן קיין יונגע ראָל קיינמאָל ניט געשפּילט.

ער האָט אָנגעהויבן שפּילן ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגל. זיין טאַטע־מאַמע, פּיליפּ און סאַלטשע ווייזנפריינד האָבן אין שיקאַגאָ געהאַט זייער אייגענע מואווינג פּיקטשור הויז, וואו זיי פלעגן אויך שפּילן סקעטשעס. מוני האָט שוין אין יענע יאָרן געשפּילט בלויז טאַטעס און זיידעס, כסדר מיט אַ באָרד, שטענדיק אויסגעבעט זיין שלאַנק אינגעלשן קערפּער כדי אויס־צוקוקן מער באַיאָרנט. אַזוי האָט זיך ביי אים פון זיין פריער יוגנט געשאַפן דער איינדרוק, דער גלויבן, אַז זיין זשאַנער אַלס אַקטיאָר איז נאָר טאַטעס און זיידעס, כאַראַקטערס פון עלטערע מענטשן. ער האָט גאָר מורא גע־האַט צו טראַכטן ווען עס איז צו שפּילן אַ יונגע ראָלע.

ער איז דערפאַר געווען זייער אומגליקלעך ווען שוואַרץ האָט אין „שווער צו זיין אַ איד" אים צוגעטיילט די ראָל פון יונגן קריסטלעכן סטו־דענט „איוואַנאָוו".

איז עס אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז די ראָל זיינע איז געווען דער גרויסער שטויס וואָס האָט אים ענדלעך דערפירט צו וועלט־באַרימטקייט. איז עס כדאי צו פאַרצייכענען, אַז מיט אַלע זיינע כוחות האָט מוני געקעמפט און זיך געוועהרט קעגן אָט דער ראָל. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט האָבן דעם גרעסטן דורכפאַל. ס'האָט אים געשראָקן דער געדאַנק זיך צו ווייזן אין ניו יאָרק, כמעט צום ערשטן מאָל אין אַ גרעסערער ראָל, מיט אַ ריינעם, ניט באַוואַקסענעם פּנים.

דער פיינער זשורנאַליסט, איינער פון די וועטעראַנען פון „פאָרווערטס"־שרייבער־שטאַב, מ. אָשעראָוויטש, האָט זיך אַ היפּשע צאָל יאָרן אָפּגעגעבן מיט טעאַטער, אפילו געשאַפן עטלעכע פיעסן פאַרן טעאַטער. ער איז פון די געציילטע ליטעראַטן וואָס האָבן אַ באַציאונג צו שוישפילער, און ער פאַרטיפט זיך זייער אָפט אין דעם שוישפילערס נשמה. אין זיין בוך „דוד קעסלער און מוני וויזנפריינד — צוויי דורות אידיש טעאַטער" ווייזט אָשעראָוויטש אַרויס אַ גוואַלדיקע פאַרשטענדעניש פאַר אַקטיאָרישע אי־בערלעבונגען און יסורים, וואָס עס קומט אויס אַ שוישפילער דורכצומאַכן אין גאַנג פון זיין קאַריערע, בפרט איינער וואָס האָט אַן ערנסטע באַציאונג צו זיין באַרוף.

שרייבנדיק וועגן מוני'ס שטייגונג און וואַקסן אין זיין קאַריערע אין ניו יאָרק, ווייזט ער אָן און שטעלט זיך גאַנץ ברייט אָפּ אויף מוני'ס גרויסע דערפאָלגן ביי שוואַרצ'ן אין טעאַטער, איבערהויפּט ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּילן אָנגעזעענע ראָלן. ווייזט אונז אָשעראָוויטש, ציטירנדיק די וויכטיק־סטע טעאַטער־קריטיקער פון יענער צייט, מיט וואָס פאַר אַ באַוואונדערונג און טיפער אָפּשאַצונג זיי האָבן אויפגענומען יעדן נייעם אויפטריט פון דעם יונגן, וואַקסנדיקן גרויסן קינסטלער. אָשעראָוויטש געפינט פאַר נויטיק, נאָך אַ סעזאָן פון גרויסע דערפאָלגן מוני'ס צו מאַכן די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„ער האָט זיך אַלץ געטוליעט צום אידישן קונסט טעאַטער וואו ער איז לכל הדעות געווען דער ריכטיקער שוישפילער אויף דער ריכטיקער בינע. האָט זיך אָבער גראָד געמאַכט אַזוי, אַז דווקא נאָך דעם גרויסן דערפאָלג אין „שווער צו זיין אַ איד", דווקא נאָך דעם, ווי אַלע קריטיקער האָבן וועגן דעם מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג געשריבן, איז ער אין אידישן קונסט טעאַטער ניט אַנגאַזשירט געוואָרן. איז דאָס געווען דער רעזולטאַט פון פראָפעסיאָנעלער אייפערזוכט, ווי עס טרעפט געוויינלעך אין טעאַטער־

קרייזן, ווען אַ יונגער שוישפּילער הויבט אָן ציען צופיל אויפמערקזאַמ־קייט"... (אוי ווי איך ווייס דעם טעם דערפון!...)

וויל איך דאָ עפּעטלעך אויסדריקן פריינט אַשעראָוויטש'ן מיין טיפסטן דאַנק און אַנערקענונג פאַר אונטערשטרייכן און אַרויסברענגען די אומבאַ־האָלפנקייט, אין וועלכער דער יונגער שוישפּילער געפינט זיך אָפט אין גאַנג פון זיין קאַריערע. עס ווערט קיינעם ניט איינפאַלן, אַז הויכע דערגריי־כונגען צו וועלכע אַ שוישפּילער דערגייט דורך שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, דורך גרויסן טאַלאַנט און קינסטלערישער אינטואיציע, אַז דאָס קען און ווערט אָפט אַ שטער אין זיין קאַריערע... האָט עס אמת מוני'ן ניט געשטערט צו דערגרייכן זיין הויכע פּאָזיציע, צו ווערן וועלט־באַרימט. עס האָט אים אָבער יאָ געשטערט זיך צו ווידמען און זיך אויסלעבן אין זיין ערשטער ליבע — אידיש טעאַטער. אַנדערע האָבן ניט דאָס גליק צו קריגן די געלעגנהייט וואָס ער האָט געהאַט, און אפשר אויך ניט דעם געניאַלן טאַלאַנט, און זיי ווערן פאַרלוירן, אָדער זיי ליידן אַ גאַנץ לעבן.

פאַרזעצנדיק דעם גאַנג פון מוני ווייזנפריינד'ס קאַריערע, דערציילט אַשעראָוויטש ווי אַזוי מוני האָט אין סעקאַנד עוועניו טעאַטער דעם סעזאָן נאָך „שווער צו זיין אַ איד" זיך געמוטשעט אַלס אַן אָפּערעטן־אַקטיאָר. איז אַזוי אַוועק אַ יאָר פון עגמת־נפש, און ווען דער נייער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן איז שוין מוני ווייזנפריינד ווידער געווען צוריק אין אידישן קונסט טעאַטער. אין יענעם סעזאָן האָט מוני געשאַפן צוויי ראָלן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. דאָס זיינען געווען די ראָלן פון דעם באַדינער „אָסיפּ", אַ טיף רוסישער פאָלקס־כאַראַקטער אין גאָגאָל'ס רעוויזאָר, און דעם שניידער־געזעל „קאָפּל" אין שלום עליכמ'ס „דאָס גרויסע געווינס". און ווידער האָט די קריטיק מיט באַגייסטערונג און גרויס לויב געשריבן וועגן די צוויי מאָנומענטאַלע ראָלן זיינע.

זייער ווייניק אידישע שוישפּילער זיינען אַזוי אַלזייטיק און איינשטימיק געלויבט געוואָרן פאַר זייערע שאַפונגען. און אַשעראָוויטש באַמערקט: „נאָכן גרויסן דערפאָלג אין גאָגאָל'ס „רעוויזאָר" און אין שלום עליכמ'ס „דאָס גרויסע געווינס"" איז מוני ווייזנפריינד ווידער ניט אַנגאַזשירט געוואָרן אין אידישן קונסט־טעאַטער"...

„פאַר די מענטשן, וועמען דער אידישער קונסט־טעאַטער איז געווען נאָענט, איז דאָס געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. מען האָט זיך איינפאַך ניט געקענט אויסמאָלן דעם אידישן קונסט טעאַטער אָן מוני ווייזנפריינד.

„דר. מוקדוני האָט דאַן געשריבן: „ווי וועט אויסזען שוואַרצ'ס טעאַטער

אָן מוני וויזנפריינד? וויזנפריינד איז געווען דער ריינער קינסטלערישער געוויסן פון דעם דאָזיקן טעאַטער״.

דעם סעזאָן שפּעטער איז שוין מוני וויזנפריינד ווידער געווען ביי שוואַרצ׳ן.

„אַט אַזוי האָט זיך עס אַלץ געדרייט — אַ סעזאָן אין קונסט־טעאַטער, און דערנאָך אין גלות; אַ סעזאָן אין גלות און דערנאָך ווידער צוריק אין קונסט־טעאַטער״.

דעם סך־הכל ציט אַשעראָוויטש אונטער אויפן פאָלגנדיקן אופן:

„מאָריס שוואַרץ קען זיך ניט האַלטן ביי דער טראַדיציע, אַז אַ קונסט־טעאַטער דאַרף איינבירגערן די אַקטיאָרן אין זיך און וואַקסן צוזאַמען מיט זיי״.

פירט אַזוי אַשעראָוויטש דורך מוני׳ן אין זיין קאַריערע דורך די קנאַפּע צען יאָר אויף דער אידישער בינע אין ניו יאָרק, ביז ער דערפירט אים אין זיינע „גלות׳ן״ אַזש צו געבעל׳ס טעאַטער, און אַרויסברייענגענדיק זיינע וויטיקן און אַנטוישונגען, דערפירט ער מוני׳ן צו זיין ערשטן אויפטריט אויף בראָדוועי אין „ווי אַמעריקענס״ (מיר אַמעריקאַנער), און דאַן קיין האָליוואוד. און ער שליסט זיין שטודיום וועגן מוני וויזנפריינד אונטער־שטרייכנדיק: „עס זיינען געווען די צען יאָר אין ניו יאָרק, וואָס האָבן אַזוי בולט מוני׳ס עכטן טאַלאַנט אויסגעפורעמט. ס׳זיינען געווען די צען יאָר אין ניו יאָרק וואָס האָבן אים געפירט צו באַרימטקייט און גרויסע מעגלעכקייטן״.

ערשט איצט, ריידנדיק וועגן מוני וויזנפריינד (פּאול מוני), קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז אין מיין קאַריערע אויף דער אידישער בינע האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט דעם געניאַלן שוישפּילער. כאָטש מיר האָבן אַ סך סעזאָנען געשפּילט ביי שוואַרצ׳ן, האָט דער גורל אַזוי געוואָלט, אַז יענע סעזאָנען ווען מוני איז געווען ביי שוואַרצ׳ן אין טעאַטער, איז שוואַרץ מיט מיר ניט געווען שוה בשוה, און פאַרקערט. ערשט מיט 27 יאָר שפּעטער, פון דער פּעריאָדע פון וועלכער איך דערצייל דאָ, האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו שפּילן צוזאַמען מיט אים, שוין דאַן זייער באַרימטן פּאול מוני. דאָס איז אָבער ניט געווען אין אידיש, דאָס איז געווען אין דעם באַרימטן ספּעקטאַקל פון בען העכט „אַ פלעג איז באָרן״ (אַ פאָן איז געבוירן געוואָרן) אויף בראָדוועי.

פיל איך ביז היינט צו טאָג זיך זייער געשמייכלט, וואָס ווען מען האָט פּאול מוני׳ן פאַרגעלייגט אַ צעטל פון כמעט צוויי צענדליק אָנגעזעענע שוישפּילערינס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען די סאַמע גרעסטע אַמעריקאַנער אַקטריסעס, באַרימטקייטן פון בראָדוועי און האָליוואוד, האָט מוני גאַנץ קאַלטבלוטיק איבערקוקנדיק דאָס צעטל געזאָגט: „דאָ פעלט פונקט

דער נאָמען פון דער שוישפּילערין, וועלכע איז ווי פאַר דער ראָלע געבוירן, קריגט מיר צילי אַדלער״.

ווען יענעם ספּעקטאַקל און מוני׳ס און מיין שפּילן וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו דערציילן.

איך בין זיכער, אַז איר האָט מיר שוין מוחל געווען, וואָס איך האָב איבערגעריסן מיין דערציילן און געווידמעט אַ קאַפּיטל צו איינעם פון די שטראַלן וואָס האָבן עטלעכע קורצע סעזאָנען באַשיינט און געוואַרעמט אונזער בעסערן טעאַטער. איך האָב עס געטאָן מיט פאַרגעניגן, און איך בין זיכער אַז אויך איר האָט דערפון הנאה געהאַט. קען איך זיך איצט אומקערן צו יענעם ערשטן סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, אין פעברואַר 1919, ווען עס איז צום ערשטן מאָל אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אידישער בינע גע־שטעלט געוואָרן פּרץ הירשביין׳ס פּרעכטיקע קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער״.

איך האַלט עס פאַר אַ גרויסן זכות וואָס אויף מיין מזל איז אויסגעפאַלן צו שפּילן די הויפּט פרויען־ראָלן אין אַלע הירשביין׳ס פּיעסן, וואָס זייַנען אויף אונזער בינע געשטעלט געוואָרן. יעדע פון די פיר ראָלן האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך אינערלעכן גליק, טיפע פרייד, גייסטיקן גענוס, און אָן אַ שיר שוישפּילערישע באַפרידיקונג. איך וויל האָפן, אַז איך האָב די פיר ראָלן געגעבן אַזוי פיל פון זיך, וויפיל איך האָב פון זיי אַרויסגעקראָגן.

מיר דוכט, אַז קיין דראַמאַטורג האָט אויף אַזאַ עכט־אידישן אופן ניט אַרויסגעבראַכט דעם אידיש־מיידלשן פלירט, מיידלשע ליבע, מיידל־בחור׳שע שטיפערייען ווי דאָס האָט געטאָן פּרץ הירשביין אין אָט דעם ציקל פאָלקס־פּיעסן זיינע. ביז היינט, ווען מיר קומט אויס אַריינצוקוקן און לייענען די פּראָזע פון מיינע ראָלן אין „דעם שמידס טעכטער״, „גרינע פעלדער״, „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ און „די פוסטע קרעטשמע״ — קען איך זיך ניט אָפּ־וואונדערן ווי פאַרטרעפלעך און מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ער האָט אי־בערגעגעבן דעם אויפשפּראָץ פון מיידלשער רייפקייט, און דאָך אַזוי עכט־אידישלעך, אָן אַ טראָפּן פון די אָנגענומענע וועלטלעכע יונג־מיידלשע ליבעס־אויסגוסן. שוין אין די נעמען אַליין — זעלדע, צינע, צירל און מייטע — פיל איך אַזוי פיל אידישן חן.

אין „דעם שמידס טעכטער״ קומט פאַר אַ צווייענדיקע ליבעס־קאָנקו־רענץ וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּרעכטיק קאָמישן פּלאָנטער. אויף

איין זייט איך, זעלדע און מיין צווילינג־שוועסטער לאה־דאָבע. אויף דער צווייטער זייט די צוויי שמיד־געזעלן, ניסן־אַלטער און ברוך־משה. איז ראשית דאָ דער פּלאָטער, ווער פון דעם צווילינג איז די עלטערע. כאָטש אַ צווילינג, זיינען זיי אינגאַנצן פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער. זעלדע איז אַ קליינע, אַ זשוואַווע, אַ דורכגעטריבענע, און אַ גרויסע שטיפערקע. זי איז דערצו אויך צוגעפּאַסט צו פירן די גרענדע, אַלע זאָלן זיך דרייען אַרום איר. לאה־דאָבע, פאַרקערט, איז אַ סך אַ גרעסערע אין וואוקס, אַ סאָלידע, ניט קיין איבערגעשפּיצטע, אָפּט אַ פאַרכמורעטע, און לאָזט זיך מערסטנס פירן פון זעלדע׳ן.

נעמט לאה־דאָבע אויס ביי ביידע בחורים מיט דעם וואָס זי איז אַ געראָטענע באַלעבאָסטע, אַ גוטע קעכין. ציט זיי, אָבער,ביידן זעלדע׳ס שטי־פּערישקייט און מיידלשער חנ׳עווּדיקער רייץ. פילט זיך אָפּטע זעלדע זייער תקיף ביי זיך און האָט די זיכערקייט אַז זי קען אויסקלייבן ווען זי וויל, אַז ביידע ליבן זיך אין איר. איר געטריישאַפט אָבער צו איר צווילינג־שוועסטער דערוועקט אין איר אַ מיטגעפיל, אַ רחמנות.

ווען איר, זעלדע׳ן, ווייזט זיך אויס אַז זי האָט שוין ביי זיך באַשלאָסן ווען זי וויל, איז זי גרייט צו העלפן איר שוועסטער צו קריגן דעם צווייטן. גיט זי איר שוועסטער אַ „ליבעס־פּראָשעק״, וואָס זי האָט בסוד־סודות געקראָגן פון אַן אַלטער גויע. זי רעדט איין דער שוועסטער, זי זאָל דאָס אַריינטאָן אין אַ טעלער יויך פון דעם צווייטן בחור. ווען ער וועט אויפעסן די יויך וועט ער זיכער ווערן פאַרליבט אין איר. אָבער אין דער מיִגוּט ווען די שוועסטער, אַ צע׳חוש׳טע, אַ צעטראָגענע, אַ ציטערדיקע, טראָגט דעם טעלער מיטן פאַרמישטן פּראָשעק צום בחור, שעפּטשענדיק אַ שטילע תפילה אַז דער פּראָשעק זאָל זיך צונעמען, פונקט דאַן לויפט זעלדע מ׳כּלוֹ־מר׳שט אומגעריכט פאַרביי און שלאָגט איר דעם טעלער אַרויס פון האַנט. דער טעלער פאַלט אַראָפּ מיט אַ טראַסק, די יויך מיטן אויסגעמישטן פּראָשעק ווערט צעשפּרייט איבערן חדר און דערמיט אויך די שטילע האָ־פענונג פון דער פאַרצווייפלטער לאה־דאָבע...

די געשפּרעכן, די טענות, די רייד צווישן די צוויי שוועסטער זיינען אַזוי עכט־פאָלקסטימלעך אידיש, אַז דער עולם ווערט ממש פאַרכאַפּט. זאָגט מיר אונטער מיין לאַנג־יאָריקע טעאַטער־דערפאַרונג, אַז איך זאָל צופרידנ־שטעלן די פון איך וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט „דעם שמידס טעכטער״ און איך דערציילן אַז סוף־כּל־סוף ווערן ביידע שוועסטער און ביידע בחורים חתן־כּלה.

איך האָבן אין „מיין דערציילן״ שוין עטלעכע מאָל פאַרצייכנט, אַז

אַ דאַנק דעם ציקל פאָלקס־פּיעסן פון פּרץ הירשבײן האָט זיך אָנגעהויבן וואָס איך באַצײכן אַלס די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע פון אידישן טעאַטער. דאַרף איך אײַך שוין ניט דערצײלן אַז די גאַנצע אידישע פּרעסע אָן אויס־נאָם האָט מיט אַ סך וואַרעמקייט און באַגײַסטערונג די פּיעסע אויפגענומען. איז אַזוי ווי מיך מאַטערט דער אייביקער צווייפל, צי אונזער אידישער טעאַטער וועט זיך ווען־עס־איז נאָכאַמאָל דערהויבן צו דער הויך פון יענער פּעריאָדע, וויל איך פאַר דעם געשיכטלעכן ווערט פון „מײַן דערצײלן" געבן עטלעכע אויסצוגן פון די רעצענזיעס איבער „דעם שמידס טעכטער". עפּעס האָב איך דעם געפיל ווי איינער וואָס באַוואונדערט אַ בילד פון אַ פאַרעלטערטן אַנטיק, וואָס איז דורך בייזע כוחות פאַרניכטעט געוואָרן און ס'איז שווער זיך מיט דעם צו שיידן.

אונזער שטרענגער ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיקער יואל ענטין האָט געשריבן אין דער „וואַרהייט" פון 26טן פעברואַר, 1919:

„עס איז אַן אמת־דאָרפישע אידיליע, „דעם שמידס טעכטער". דעם שמידס אַלטער פאָטער גייט אַרום און זינגט דאָס ערשטע געזאַנג פון פרי־מאָרגן דאַוונען. דעם זיידנס מזמור איז ווי אַ סימבאָלישער לייט־מאָטיוו פאַר דער טויאיקער פרישקייט פון דער פּיעסע, פאַר דער יוגנטלעכער ליבעס־קאָמעדיע, וואָס שפּילט זיך אין איר אָפּ... די אידילישע, פּרעכטיקע האַנד־לונג דרייט זיך דורך פאַרשידענע ליבעס־טעות'ן, האַרציקע, שוועסטערשע ברוגז'לעך און איבערבעטענישן און פאַרווירטקייטן פון צוויי נאַאיווע בחו־רים. עס איז אַ ריינער און אָריגינעלער הומאָר, אַזאַ וואָס קען נאָר איינפאַלן אַזאַ צאַרטן אידישן זיטן־מאָלער, אַזאַ פאָעטיש־דאָרפישן צייכענער פון אינ־טימע אידישע פריידן און לײַדן, ווי פּרץ הירשבײן... ערשט אין סוף פּיעסע, ווען אויף דער סצענע באַווייזט זיך אַ פלינק רירעוודיק מוכר־ספרים'ל וואָס איז אויך אַ שדכנ'דל, און די פּאַר'עקשנ'טע קינדער דערהערן אַ פּאָר האַרציקע ווערטער וועגן יום־כיפּור, ווערט דאָס קניפּל פאַנאַנדערגעפּלאָנטערט... און אַזוי איז דער ליבעס־פּלאָנטער איינגעהילט אין אַ פרום־אידישלעכער שטי־מונג, אַזוי ווי אַ פאָטערלעכער טלית. מיט דעם געזאַנג פון די שטערן הויבט ער זיך אָן, און מיט אַ סצענע וואו אַלע לייגן זיך אויס אויף דר'ערד צו באַקוקן דעם פאַקנטערגעערס ספרים און אתרוגים, ענדיקט ער זיך — אַ שלום־פאַרהאַנג וואָס נאָר איין פּרץ הירשבײן האָט געקענט צוטראַכטן".

הלל ראָגאָף שרייבט אין „פאָרווערטס" דעם פינפטן מערץ, 1919:

„אין דעם אירווינג פּלעיס טעאַטער ווערט איצט אויפגעפירט אַ צווייטער פּערל פון פּרץ הירשבײנ'ס דראַמאַטישן אוצר — „דעם שמידס טעכטער", אַ דראַמע וואָס פאַרדינט די זעלבע באַגײַסטערטע אָפּשאַצונג פון אידישן עולם,

ווי „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". דער גרויסער דערפאָלג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז געווען די פריילעכסטע דערשיינונג אין דער טעאַטער־וועלט דיזן יאָר. זיינען די גרויסע מאַסן טעאַטער־גייער ווירקלעך דערוואַקסן צו אַזאַ פּאָעטיש־צאַרטן, ליטעראַריש־איידעלן שוישפּיל ?...

„די פראַגע ווערט איצטער געמאַכט... דערפאָלג פאַר דיזער דראַמע וועט זיין דער גרעסטער זיג פאַר דער שענערער, בעסערער דראַמע אויף דער אידישער בינע.

„פרץ הירשביין האָט פאַר זיינע העלדן אין דיזער פּיעסע אויסגעקליבן פיר ריינע אידישע הערצער. די ליבע זייערע איז אַ ריינע, אַ שיינע. דער קאַמף זייערער האָט אין זיך ניט קיין סימן פון גרויזאַמקייט, פון גיפט. יעדער וואָלט בעסער געוואָלט פון שלאַכטפעלד אַנטלויפן, אָפּלאָזן דעם פּלאַץ פאַרן קעגנער — אַ פּיעסע אין וועלכער אַלע פּערזאָנען האָבן די פולסטע סימפּאַטיע, די פולסטע ליבע פון די צושויער. אַ פּיעסע וואו אַלעס איז שיין, וואו אַלעס איז ריין, וואו אַלעס באָדט זיך אין פּאָעזיע.

„און די אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן געכאַפּט דעם אמת'ן גייסט פון דער פּיעסע און זיי שפּילן זייערע ראָלן מערקווירדיק־קינסטלעריש. צילי אַדלער אין דער ראָלע פון זעלדע און מאָריס שוואַרץ אין דער ראָלע פון ניסן־אַלטער האָבן זיך אַליין איבערגעטראָפן. זיצנדיק אין טעאַטער און קוקנדיק אויף זייער שפּילן, ווילט זיך מיר ניט אַנדערש ווי גלויבן, דאָס פרץ הירשביין האָט דיזע ראָלן געשאַפן ספּעציעל פאַר זיי; אַז איידער ער האָט די צוויי כאַראַקטערן אָפּגעמאָלט, האָט ער אויסגעפאָרשט די פעאיקייטן פון די צוויי שוישפּילער".

אין זעלבן נוסח, מיט אַ סך שבחים פאַר דער פּיעסע, פאַר די שוישפּי־לער און פאַרן עולם, האָבן געשריבן די וויכטיקסטע שרייבער פון די 4 טעגלעכע ציטונגען, אויך אין וועכנטלעכע, חודש'לעכע, און אפילו פּעריאָדישע זשורנאַלן. בין איך זיך מודה, אַז ווען איך האָב געענדיקט לייענען אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן, האָט זיך פאַרקליבן אַ שטייפער קנויל ביי מיר אין האַלז. אַזוינס פילט אפשר אַן אָבל ביים אויפדעקן אַ מצבה אויף דעם קבר פון דעם ליבסטן, וואָס די ערד האָט ביי אים צוגענומען.

נאָך די אַלע אַרויסגעזאָגטע האָפענונגען, וואונטשן און דערוואַרטונגען וואָס כמעט יעדער איינער פון די שרייבער האָט אין זיין רעצענזיע אָדער קריטיק אויסגעדריקט אויף זיין אופן, אַזוי פיל און נאָכמער, האָב איך, ווי איינע פון די וואָס האָבן צוגעטראָגן זייער מי און ענערגיע צו יענעם גלאָר־רייכן אָנהויב, אויך געהאָפט און געגלויבט און גע'חלומ'ט פון דעם שיינעם

געוועב וואָס האָט אויף אַ ציכטיקער קאַנווע געדאַרפט און געקענט אויסגע־וועבט ווערן. בין איך איצט, ביים גריבלען זיך אין די אַלע שיינע, האַרציקע און באַגייסטערטע אויסגוסן פון יענער פעריאָדע, ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן און מיט אימפּעט פאַרטראָגן געוואָרן אין יענער שיינער צייט אַריין. און איבער אַ נייס האָב איך דערפילט דעם טיפן ווייטיק וואָס פון די אַלע שיינע חלומות איז געוואָרן אַזאַ מוטנער טייך. נעם איך זיך ניט אונטער צו געפינען די שוועל וואו די שולד פאַר דעם אַלץ דאַרף אָוועקגעלייגט ווערן. איך קען אָבער ניט אינגאַנצן פאַרשוויגן און פאַרבייגיין דעם טיפן ווייטיק און פאַרדרוס אָן וועלכן ניט איז אויסדרוק.

איז נעמט עס ניט פאַר אומגוט וואָס איך נעם אייך אַריין ווי שותפים צו אָט דער צעוויטיקטער שטימונג מיינער. איר קענט, אַז איר ווילט, דאָס צושרייבן צו קאַפּריזנער אַקטיאָרישער שוואַכקייט. איר קענט אָבער אויך אין דעם דערפילן די טיפע פאַרצוויפלונג וואָס פייניקט און מאַטערט די געציילטע וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן, פון די וואָס האָבן געפּרואווט העלפן שאַפן די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע אין אידישן טעאַטער.

אָט דער אויסגוס מיינער האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן, ווייל „דעם שמידס טעכטער" האָט, ווי געשלאָסן דעם סעזאָן פון יענעם ערשטן אָנהויב אין אירווינג פּלעיס טעאַטער. דורכבלעטערנדיק די צייטונגען פון יענער צייט האָב איך ווידער איבערגעלעבט יענעם סוף סעזאָן. עס איז אָנגענומען ביי רעליגיעז־געשטימטע אידן, אַז אין געוויסע טרויעריקע געדענק־טעג איז אַ מצוה זיך וואָס מער צו פּייניקן. עפּעס פון דעם פיל איך אין מיין איצטיקער שטימונג, טראַכטנדיק פון דעם שיינעם אַמאָל און קוקנדיק אויף דעם מיאוס'ן איצטער וויל איך זיך נאָך אַביסל פּייניקן.

איך דערמאָן זיך ווי די מערסטע פון יענע קאָלעגן שוישפּילער מיינע האָבן אין יענעם סעזאָן זייער קינסטלערישן הונגער אויסגעדריקט דורך די פיינע ליטעראַרישע פּיעסן וואָס יעדער פון זיי האָט אויסגעקליבן פאַר זיין יום־טוב פאָרשטעלונג. בערטאַ גערסטין האָט צו איר אָוונט געשטעלט איבסענ'ס „העדאַ גאַבלער", חנה אַפּעל האָט זיך געוויזן אין בערנאַרד שאָ'ס „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן", לודוויג זאַץ האָט פאַר זיך אויסגעקליבן די טראַגישע ראָלע פון יודקע אין דוד פּינסקי'ס קאָמעדיע „דער אוצר", יעקב בן־עמי האָט צו זיין אָוונט געבראַכט אַ נייע פּיעסע „שמשון און דלילה" פון אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן דראַמאַטורג סווען לאַנגע, מאָריס שוואַרץ האָט פאַר זיין ערשטן אָוונט געשטעלט אַרטור שניצלער'ס „פּראָפעסאָר בערנאַרדי" און פאַר אַ צווייטן אָוונט סוף־סעזאָן, אָסקאַר וואַילד'ס „דער אידעאַלער מאַן".

דוכט מיר אַז אָט די זעקס פּיעסן וואָס איך האָב דערמאָנט, און צורע־

כענענדיק מיין „שמעטערלינג שלאַכט״, אָט די 7 פּיעסן אַליין קענען געבן קינסטלערישע באַפרידיקונג, סיי פאַר די שוישפּילער, סיי פאַרן עולם — גענוג פאַר אַ גאַנצן סעזאָן. איך וועל ניט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן, אַז די מערסטע שוישפּילער אויף דער אַמעריקאַנער בינע לעבן זיך אויס זייערע שוישפּילערישע יאָרן אין ניט מער פון זיבן ראָלן אַזעלכע.

א סך אַנערקענונג און ליוב האָבן געקראָגן די שוישפּילער וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין די אַלע אויסגערעכנטע אָוונטן. און אַוודאי זיינען די בענעפיציאַנטן באַלוינט געוואָרן מיט אַ סך פאַרדינטע קאָמפּלימענטן. צוויי פון די פּיעסן זיינען אַ דאַנק די אָוונטן דערגאַנגען אַזש ביז בראָדוועי.

געדענקען נאָך מן הסתם אַ סך פון אייך, אַז מיט דער פּיעסע „שמשון און דלילה״ האָט דער דאַן באַרימטער אַמעריקאַנער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ אַרטור האָפּקינס געבראַכט יעקב בן־עמי׳ן פאַר אַ צאָל דערפאָלגרייכע יאָרן אויף בראָדוועי. אַזוי האָט אויך די באַרימטע אַמעריקאַנער אינסטיטוציע „טעאַטער גילד״ פּינסקי׳ס קאָמעדיע „דער אוצר, אונטערן נאָמען „דהי טרעזשור״, אַריינגענומען אין זייער רעפּערטואַר. ביי דער ערשטער אויפפירונג האָבן זיי מיך גערופן פאַר דער ראָלע פון טילי, וואָס איך האָב געשפּילט צו זאַצ׳ס אָוונט. וועט מיר נאָך אפשר אויסקומען שפּעטער צו דערציילן וועגן מיין ערשטן אויפטריט אויף בראָדוועי.

דערמאָנט זיך מיר אויך אַ פאַר טשיקאַווע עפּיזאָדן פון יענע אָוונטן. איר מוזט אַליין פאַרשטיין, אַז ביים בעסטן ווילן און ערנסטער באַציאונג קען מען ניט פולשטענדיק און ווי עס באַדאַרף צו זיין איינשטודירן אַ פּיעסע צו אַזאַ אָוונט. געוויינלעך קומט אויס אַזוי, אַז אין דער טעאַטער־רוטין זיינען אַזעלכע אָוונטן אַ צוגאָב צו די געוויינלעכע פּראָבען וואָס אַ טעאַטער האָט. זעלטן ווען אַ פּיעסע איז באמת פאַרטיק צו אַזאַ אָוונט.

געדענק איך, למשל, ביי דער פאָרשטעלונג פון „העדאַ גאַבלער״, זיינען מיר אַלע אויף דער בינע, און דער סופליאָר רעדט פון קאָסטן בערטאַ׳ס אַ פראַזע. עס טרעפט זייער אָפט, אַז אין לויף פון די פּראָבען ווערן געוויסע פראַזן, לויט דער קאָנצעפּציע פון דעם רעזשיסאָר מיט דער צושטימונג פונם שוישפּילער אויסגעשניטן. יענע פראַזע האָט געהאַט דעם גורל. דער סופליאָר, אָבער, האָט דורך די געאיילטע פּראָבען די פראַזע פון זיין טעקסט ניט אַרויסגענומען אָדער אויסגעמעקט. ער חזר׳ט איבער די פראַזע פאַר בערטאַ׳ן — זי זאָגט אים שטיל, „איך זאָג עס ניט״. געדענקט איר, אַז איך האָב שוין פאַר אייך דעם סופליאָר ערבער פאָרגעשטעלט, ווי אַן אינטעליגענטן מענטשן און אַ קענער פון ליטעראַטור. נעמט ער אונז זאָגן מוסר פון

קאַסטן: „קינדער, וואָס האָט איר צום אָרעמען איבסען? פאַרוואָס לאָזט איר אים ניט ליגן רואיק אין קבר?״

צווישן די שוישפּילער, וואָס האָבן אַנטײל גענומען אין דער פּיעסע, איז אויך געווען באַריס ראָזנטאַל, וועלכער האָט זײן ראָלע, דורך אַ צופאַל, ערשט געקראָגן אַ טאָג־צוויי פאַר דער פאָרשטעלונג. ווען ער האָט דער־הערט דעם סופליאָרס טענות, איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַז אפשר איז דאָס זײנע ווערטער און אַז דעם סופליאָרס טענות זײנען אויף זײן חשבון, האָט ער מיט פײנער באַטאָנונג די פאָר ווערטער אַרויסגעזאָגט. פאַרשטײט זיך, אַז מיר אויף דער בינע האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער. אַזוי שנעל ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, לויפט ראָזנטאַל האַסטיק צו זיך אין גאַרדעראָב און קומט צוריק צו אונז אַ פאַרסאַפּעטער מיט דער ראָלע אין האַנט, און אַן אויפגערעגטער אונז אַלעמען געוויזן, אַז אין זײן ראָלע זײנען די ווערטער ניטאָ...

ווייס איך ניט צי האָט ווער פון אײך אַמאָל געהערט אַ מעשה׳לע וואָס ווערט דערציילט וועגן דעם באַרימטן קלאַסישן פראַנצויזישן קאָמיקער קאָקלען. אין אַ קאָמישער ראָלע זײנער, איז אַ גרויסער טײל פון זײן קאָמיזם פאַרגעקומען אין אַ סצענע וואו ער שלאָפט אויף דער בינע. און קאָקלען פלעגט אַזוי שלאָפן, אַז דער עולם האָט געקײכט פון געלעכטער. האָט זיך אָבער אַמאָל געמאַכט ווען דער באַרימטער קאָמיקער איז ביי דער סצענע באמת אײנגעשלאָפן, און דער גאַנצער קאָמיזם פון אַקט איז פאַרשוואונדן. דאָס מעשה׳לע ווערט מערסטנס דערציילט פון די וואָס ווילן באַווײזן, אַז רעאַליזם אויף דער בינע איז ניט אַלעמאָל גוט. אין פּינסקי׳ס קאָמעדיע, „דער אוצר״, האָט אויך פּאַסירט אַן ענלעכע זאַך. ניט מער וואָס יענער פאַל האָט שיר צעשטערט דעם גאַנצן גאַנג פון דער פּיעסע.

לודוויג זאַץ, אַלס דער פאַרקריפּלטער, האַלב־אידיאָטישער, טראַגישער יודקע, דאַרף, לויטן גאַנג פון דער פּיעסע, זיך לײגן שלאָפן אויפן אויוון. פאַר וואָסערע פּופּצן, צוואַנציק מינוט הערט מען פון אים ניט. דערנאָך דאַרף ער פון חלום זיך אויפכאַפּן מיט אַ שרעקלעכן אויסגעשריי. אין אָוונט ווען מען האָט די פּיעסע געשפּילט, איז זאַץ געווען שטאַרק אויס־געמאַטערט און איז ליגנדיק אויפן אויוון טאַקע באמת אײנגעשלאָפן. אָן זײן אויסגעשריי קען די פּיעסע ווייטער ניט גײן, און זאַץ שלאָפט. מיר ווערן אַלע פאַרצווייפלט — וואָס טוט מען? יעדער אײנער האָט געטראַכט פאַר זיך, און אַלע זײנען, הפּנים, געקומען צום זעלבן געדאַנק. מיט אַמאָל האָט זיך פון אַלע העלזער אַרויסגעריסן אַ שטאַרקער געשריי, „יודקע״.

זאָך האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט זיך באמת דערשראָקן — פון שלאָף, ניט פון חלום — און ער האָט געגומען שרייען ווי ער האָט באַדאַרפט.

דאָס דערמאָנט מיר שוין אויך ווי ביי דעם אַנטראַקט, ווען מ׳האָט זאַצ׳ן צוגעטיילט מתנות און כבוד, האָט מען מיר אויך אַרויסגערופן צו זאָגן עטלעכע ווערטער. ניט זייענדיק קיין רעדנערקע, האָב איך דאָך אַרויסגערופן מיט מיינע פּאָר ווערטער אַ סך אַפּלאָדיסמענטן און אַ סך געלעכטער. געזאָגט האָב איך: „איך ווייס ניט מיט וואָס זאָך האָט זיך אַזוי איבערצונעמען. איך האָב זיך מער מיט וואָס איבערצונעמען — זאָך איז מיין שוואָגער...״

עס דערמאָנט זיך מיר אויך שוואַרצ׳ס צווייטער אָוונט, „דער אידע־אַלער מאַן״, פון אָסקאַר ווײַלד. צווישן די העלדן אין דער פּיעסע זיינען דאָ ענגלישע טיטולירטע לאָרדן און לעידיס. איך האָב אויך געשפּילט אַזאַ לעידי. געדענק איך, ווי די „דרעסערקע״ האָט אויף מיר אַזוי מאָדנע גע־קוקט ווען זי האָט געזען ווי איך בין שוין גרייט אַרויפצוגיין אויף דער בינע. איך האָב געטראָגן אַ קלייד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געשמאַקפולן סטיל, אָבער איינפאַך, אָן קליפּערלעך. דווקא אין דער איינפאַכקייט איז געלעגן אַ סך אַריסטאָקראַטישקייט. זי האָט זיך ענדלעך איינגעשטעלט און מיר געזאָגט:

„צילי, איר גייט שפּילן לעידי טשילטערן אין אַזאַ קלייד. אין דעם קלייד זעט איר ניט אויס ווי אַ לעידי״...

בערטאַ גערסטין הערנדיק דאָס האָט אַ שמייכל געטאָן, און קלאַפּנדיק דער דרעסערקע אין פּלייצע האָט זי געזאָגט:

„מרס. לאַטיינער, ס׳איז שווער צו גלויבן, אָבער דאָס קלייד קאָסט אין פיינסטן קליידער־געשעפט הונדערט און פופציק דאָלער. לעידיס טראָגן נאָר אַזעלכע קליידער — אָן פליטערלעך...״

מיר האָבן, הייסט עס, פאַרענדיקט דעם ערשטן סעזאָן פון שוואַרצ׳ס אירווינג פּלעיס טעאַטער. פיל איך ווידער אַ פאַרדרוס ווען איך פאַרגלייך אונזערע סעזאָנען דאַן מיט דעם וואָס ס׳טוט זיך איצט אין אונזער טעאַטער. ניין חדשים האָט יענער סעזאָן געדויערט, און אַזוי אויך אַ סך יאָרן נאָכ־דעם. היינט איז עס אַ נס אַז אַ טעאַטער האַלט אויס קוים פיר חדשים. נאָך די ניין חדשים אין ניו יאָרק, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ פּראָווינץ־טור אויף ווינציקסטנס זעקס אָדער אַכט וואָכן.

נאָך דעם ריזיקן דערפאָלג וואָס דאָס אירווינג פּלעיס טעאַטער, די

טרופּע, און איבערהויפּט די צוויי הירשביין פּיעסן האָבן געמאַכט, די אויסערגעוויינלעכע אויפנאַמע פון באַגייסטערונג וואָס די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט, סיי וועגן די פּיעסן און סיי וועגן דער טרופּע אויסגעדריקט, איז מען אַרויסגעפאָרן אויפן פּראָווינץ־טור מיט זיכערקייט, אַז דאָס וועט זיין אַ טריאומף־טור. אַרויסגעפאָרן איז כמעט די גאַנצע טרופּע, בלויז צוויי פון די וויכטיקע שוישפּילער זיינען ניט מיטגעפאָרן. יעקב בן־עמי און בערטאַ גערסטין זיינען געבליבן פאַר אַ זומער־סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער.

וועל איך זיך ניט אַריינלאָזן אין דער פּאָליטיק, וואָס האָט געפירט דערצו אַז אַזעלכע צוויי וויכטיקע שוישפּילער זאָלן אויסן בלייבן. איך דערמאָן עס בלויז ווי אַ געשיכטלעכן פאַקט.

דער טור האָט זיך אין אַלע הינזיכטן אויסגעצייכנט מיט אַ ריזיקן דערפאָלג, פינאַנציעל און מאָראַליש. מיר אַלע האָבן געהאַט כבוד אויפן פּוד, און די טעאַטער־פאַרוואַלטונג האָט אָנגעפילט די קעשענעס. אָבער אָנגעהויבן האָט זיך דער טור מיט אַן אומדערוואַרטעטער שלעכטער געשעעניש, וואָס האָט אונז אַלעמען געערגערט און מיר ספּעציעל פאַרשאַפט אַ סך שרעק און האַרצווייטיק.

געקומען איז די געשעעניש ווי אַ נאָכווייעניש פון דער ניט לאַנג פאַרענדיקטער ערשטער וועלט־מלחמה. אונזער ערשטער אַרויספאָר איז געווען קיין קענעדע, די דעמאָלט צוויי פּרעכטיקע טעאַטער־שטעט, מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. אין אַמעריקע און קענעדע איז נאָך דאַן זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן אַ פאַרבליבענער געזעץ פון די מלחמה־יאָרן, אונטערן נאָמען „די ענעמי עיליען עקט". אַזוי ווי לודוויג זאַץ איז געווען אַן עסטרייכער — ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו ווערן אַ פולשטענדיקער אַמעריקאַנער בירגער — האָבן די גרענעץ־באַאַמטע פון קענעדע אים ניט געוואָלט אַריינלאָזן. כדי איר זאָלט בעסער באַגרייפן וואָס אַט דער שריט האָט געמיינט פאַר אונז אַלעמען, וויל איך אייך דאָ איבערגעבן אַ בריוול וואָס מאָריס שוואַרץ האָט פון יענעם אינצידענט געשריבן צום דאַמאָלסטיקן רעדאַקטאָר פון דער „פאָרווערטס" טעאַטער־אָפּטיילונג, דער זשורנאַליסט און דערציילער בערל באָטוויניק. ער האָט עס פאַרעפנטלעכט אויף דער טעאַטער־זייט פון „פאָרווערטס".

איך בין זיכער, אַז דער זייער חנ'עוודיקער און הומאָריסטישער טאָן פון בריוול, וועט אייך אַלעמען אַמוזירן. אָט איז דאָס בריוול:

„אונזער ערשטע שטאָט וואו מיר האָבן געדאַרפט איבעראַשן דעם עולם, איז געווען מאָנטרעאַל, קענעדע. און דאָ פאַנגען זיך אָן די ערשטע צרות. לודוויג זאַץ איז, בעבעך, געשטראָפט געוואָרן צו זיין אַ גאַליציאַנער. האָט

ער אונז פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל טראָבל. נאָך אין ניו יאָרק האָב איך אים געזאָגט, אַז מען וועט אים ניט אַריינלאָזן אין קענעדע, ווייל ער איז אַן „ענעמי עיליען". גיט ער זיך אַ דריי אויפן קנאַפּל און זאָגט זיך, מעשה זאַץ: מיך וועט מען שוין יאָ אַריינלאָזן. איך בין געווען ביי אַ לאָיער, און ער האָט געזען מיינע ערשטע סיטיזען פּעיפּערס און ס'איז אָל־רייט.

„אָל־ראַיט איז אָל־ראַיט, פאָרן מיר. אָנגעקומען זיינען מיר אין ראָזעס־פּאָינט, קענעדע גרענעץ, אַרום 7 אין דער פרי. זאַץ, וועלכער איז געווען מיט אונז אין וואַגאָן — איז זיך געשלאָפן אויבן, איבער מיר, גאַנץ געשמאַק, און גע'חלומ'ט פון דעם סוקסעס וואָס ער וועט מאַכן אויף דער פּראָווינץ. מיטאַמאָל קנאַק — מען קלאַפּט אין טיר... און דער קאָנק איז געווען שוין איינמאָל אַ „קנאַק": „געט אַפּ דהער! ווהער איז דהי אָוסטריען?" — הער איך אַ קול. און נאָך איידער וואָס ווען, זאַץ שטייט שוין אין די פּאַדזשאַמעס, און ציטערט ווי אַ בלאַט. „קאַם ענד דרעס יורסעלף — האָרי אַפּ!" שרייט אַ חברה'מאַן מיט לאַנגע וואָנצעס.

„פאַרשטייט איר שוין, מן הסתם, אַז אָנקוקנדיק זאַצ'ס בלייכן פּנים, האָב איך אים אַליין ניט געקענט לאָזן גיין. האָב איך זיך גיך אָנגעטאָן, און אויסגעשריען מעשה העלד: זאַץ, איך בין מיט דיר!"

„מיר זיינען אַרונטער פון דער טרעין, די איבעריקע שוישפּילער זיינען אַוועקגעפאָרן מיט צעבראָכענע הערצער קיין קענעדע, און מיר זיינען דאָ פאַרבליבן. ס'האָט ניט געהאָלפן מיינע טענות, אַז מיר האָבן מיט דער מלחמה ניט וואָס צו טאָן, אַז זאַץ האָט גאָר בטבע מורא פאַר אַ מלחמה, אַז אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" שפּילט ער די ראָלע פון דעם אידישן ווילסאָן, וועלכער מאַכט שלום צווישן די צוויי מילנערס. — אַ נעכטיקן טאָג, רעדט צו דער וואַנט. — איר מוזט גיין נעמען פּיקטשורס — גיט אַ געשריי אַ קענעדער באַאַמטער — 10 אַזייגער וועל איך דאָ זיין צוריק, און ברענגט מיר די פּיקטשורס — און בורטשענדיק איז ער אַוועק.

„מיר זיינען געבליבן שטיין אַזוי ווי געשאָכטענע הענער. „יאָ, ברודער זאַץ", זאָג איך, „קום, מיר וועלן דערווייל באַקוקן דאָס שטעטל", — און מיר האָבן זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין, וואָס איז צען טריט פון סטעישאָן. מיטאַמאָל קומט אונז אַנטקעגן אַ גרויסער שוואַרצער הונט, טאַקע אַן אמת'ער כלב, שטעלט זיך אַוועק, אַקוראַט אַנטקעגן אונז, סטאַרטשעט אויס די אויגן און קוקט. ווילן מיר גיין ווייטער, פאַרגייט ער אונז דעם וועג. זיין לאַנגע צונג הענגט אים אַרויס פון מויל, קוקט אַלץ אויף זאַצ'ן, ווי איינער זאָגט: „ביזט טאַקע אַ גאַליציאַנער?"

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיר האָבן פון דעם הונט שוין ניט געקענט פּטור

ווערן. וואו מיר האָבן זיך אַ ריר געטאָן, אַהאַ, ער איז דאָ. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען צום פאָטאָגראַפער, אַ לאַנגער, דאַרער איירישמאַן, וועלכער האָט אונז פאָטאָגראַפירט. איך האָב זיך ניט געדאַרפט פאָטאָגראַפירן, נאָר אויס סימפּאַטיע צו זאַצ'ן האָב איך עס געטאָן. ער האָט ביי אונז צוגענומען די צוויי דאָלער מיט אַ ברוגז'ער מינע, און האָט אונז געהייסן קומען אַ פערטל צו צען נאָך די בילדער. אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אויף אונז דער הונט מיט וועלכן מיר זיינען איצט שוין היימיש געוואָרן, און מיר האָבן זיך געלאָזט איבערן שטעטל זוכן אַ רעסטאָראַן. דער הונט איז געלאָפן אַפריער און אַ גליקלעכער געדרייט מיטן עק. מיר האָבן עפּעס איבערגע־כאַפּט, דעם הונט אויך מכבד געווען מיט אַ העם־סענדוויטש.

„מיר האָבן אָפּגענומען די בילדער, און זיינען געגאַנגען באַגעגענען דעם אינספּעקטאָר מיט די לאַנגע וואָנצעס. דער אינספּעקטאָר האָט אונז אַוועקגעפירט צום אַמעריקאַנער אימיגרעישאַן אָפיס, וועלכע האָט, נאָך טויזנט און איין פראַגן, זאַצ'ן אַרויסגעגעבן אַ פּאַספּאָרט. מיר האָבן גענומען אַן אויטאָמאָביל און גליקלעכע זיך געלאָזט קיין מאָנטרעאַל.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין לאַקאַל, אויף דער אַנדערער זייט גרע־ניץ פון קענעדע, זיינען ערשט געקומען די געדיכטע צרות. אַן אינספּעק־טאָר האָט איבערגעקוקט זאַצ'ס פּאַספּאָרט, גיט זיך אַ שמייכל, און זאָגט זיך גאַנץ קאַלט: „ס'איז אָל־ראַיט, דער פּאַספּאָרט זאָגט אַז דו קענסט פאַרלאָזן אַמעריקע, אָבער מיר קענען דיך ניט אַריינלאָזן אפילו פאַר קיין מיליאָן, ביזט אונזערער אַ שונא!"

„גוואַלד, וואָס טוט מען?!" — שרייט זאַץ. ווי אַזוי וועלן מיר היינט שפּילן, און ווי וועל איך דאָ בלייבן? זע וויפיל גלחים ס'דרייען זיך דאָ אַרום — מ'קען מיך נאָך אָפּ'שמד'ן".

„און דאָ איז שוין פיר אַזייגער. דריי שטונדן דאַרף נעמען דאָס פאָרן קיין מאָנטרעאַל. איך טעלעפאָניר קיין אָטאַוואַ — צום מיניסטער אָוו דזשאַסטיס — און זיין ענטפער איז געווען ער זאָל פאָרן אַהין פון וואַנען ער איז געקומען. הכלל, מיר האָבן זיךביידע געזעגנט, און פאַרמאַטערטע, הונגעריקע, דערשלאָגענע האָט זיך יעדער גענומען זיין וועג. איך — קיין מאָנטרעאַל, און זאַץ — קיין קליוולאַנד, וואו ער זאָל אויף אונז וואַרטן ביז פרייטיק.

„מיט מזל בין איך אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל אַרום אַכט אַזייגער. איך גיי אַריין אין דער לאָבי פון טעאַטער, אַ לעבעדיקער מענטש ניטאָ. עפּעס אַ מיידעלע שטייט ביים באָקס־אָפיס און קויפט זיך אַ טיקעטל. וואו זיינען די פאַרערער פון קונסט? שריי איך צום מענעדזשער — וואו זיינעז

די וואָס האָבן געשריבן אַזוי פיל הונדערטער בריוו מיר זאָלן זיי ניט פאַרגעסן, מיר זאָלן זיי קומען ווייזן ליטעראַטור?

„ניטאָ״, — ענטפערט דער מענעדזשער — „זיי זיינען אין די מואווינג פּיקטשורס״.

„מילא, ווי אַזוי מיר איז געווען אויפן האַרצן, קענט איר אייך פאָר־שטעלן. געשפּילט האָבן מיר דעם אויפדערנאַכט פאַר אַ האַלב הויז. ראָזנ־טאַל האָט געשפּילט זאַצ׳ס ראָלע, און דאָס פּובליקום האָט געמיינט אַז דאָס איז זאַץ. נאָר איינער, וועלכער האָט זאַצ׳ן געזען אין ניו יאָרק, האָט גע־פרעגט ביי אַן אָושער, צי דאָס איז טאַקע זאַץ אָדער זאַצ׳ס אַ ברודער, ווייל ער איז עפּעס לענגער, זאַץ איז קלענער. די פאָרשטעלונג האָט אָבער גע־מאַכט אַ מאָראַלישן סוקסעס.

„וואָס זאָל מען טאָן אַז דער עולם קומט ניט? באַנוגנט מען זיך מיט אַ מאָראַלישן דערפאָלג. צו דער צווייטער נאַכט אָבער זיינען שוין מענטשן צוריקגעגאַנגען. זיי האָבן קיין טיקעטס ניט געקענט קריגן. מיר האָבן גע־שפּילט „דעם שמידס טעכטער״, און מיין סטעידזש־מענעדזשער, וועלכער איז אַזוי גרויס ווי זאַץ און דאַר ווי ער, און וועלכער האָט געקענט זיין ראָלע אויסנווייניק, האָט געשפּילט זאַצ׳ס ראָלע און אים אַזוי קונסטפול קאָפּירט, אַז מיר אַליין האָבן געמיינט אַז דאָס איז זאַץ. ווען איך האָב נאָכן שפּילן דערציילט פאַרן עולם וואָס ס׳איז געשען און אַז דאָס איז ניט זאַץ, האָט איינער אין דער ערשטער ריי געזאָגט צו זיין ווייב — „אַ חכם, ער וויל מיך נעמען אויף זיכער, גלייך ווי איך קען ניט זאַצן״...

וועט עס מן הסתם זיין אַ גרויסע איבעראַשונג ניט נאָר פאַר די מער־סטע לייענער, נאָר אַפילו פאַר א סך פון דער טעאַטער און שרייבער־וועלט, וואָס איך וועל דאָ איצט דערציילן. מיין צווילינג־שוועסטער אין „דעם שמידס טעכטער״, די ראָלע וואָס בערטאַ גערסטין האָט געשפּילט אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער, האָט אויף יענעם פּראָווינץ־טור געשפּילט — טרעפט ווער?... איך ווייס איר וועט ניט טרעפן. ס׳וועט אייך גאָרניט איינפאַלן. צום ערשטן, צום איינציקן מאָל אין איר לעבן האָט זי געשפּילט טעאַטער — מאַדאַם מאָריס שוואַרץ — אַנאַ שוואַרץ. מיט איר פיגור און אויסזען האָט זי זיך וואונדערלעך געפּאַסט פאַר דער ראָלע. מיט איר אינטעליגענץ, און קענענדיק די פּיעסע דורך־און־דורך, האָט זי די ראָלע זייער פיין אַרויסגעבראַכט. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין אַמביציע צו שפּילן טעאַטער.

מער האָט זי ניט געוואָלט...

יענע געשעעניש מיט זאַצ'ן ביי דער קענעדער גרענעץ, און דער שוואַ־כער באַזוך פון דער ערשטער נאַכט אין מאָנטרעאַל, האָבן געפירט צו אַן אויסערגעווייגלעכן אינצידענט וואָס איז כדאי צו דערציילן. איך וואָלט עס באַטיטלט: „אַ בייזער וויץ, אַ שפּיצל און אַן איבערשפּיצל".

אָנגעהויבן האָט זיך עס פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג אין מאָנט־רעאַל. שוואַרץ האָט אין זיין בריוו דערמאָנט ווי דערשלאָגן מיר האָבן זיך אַלע געפילט וואָס מ'האָט זאַצ'ן ניט אַריינגעלאָזט אין קענעדע. דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז איך האָב עס געפילט מער ווי אַלע און זיך שטאַרק געשראָקן איבער דעם וואָס עס קען מיט זאַצ'ן געשען.

די באַציאונגען צווישן שוואַרצ'ן און מיר פון נאָך מיין ערן־אָוונט וואָס איך האָב באַשריבן, זיינען אַ סך ערגער געוואָרן. מיר זיינען געווען טויט ברוגז, ניט גערעדט איינער צום צווייטן. ווען שוואַרץ איז ענדלעך אַליין, אָן זאַצ'ן, אַריינגעקומען אין זיין גאַרדעראָב, האָב איך ממש געברענט פון נייגעריקייט צו וויסן וואָס דאָרט איז געשען און וואו עס איז זאַץ. איך האָב אָבער ביי זיך ניט געקענט פועל'ן אַליין דאָס ביי אים צו פרעגן. האָב איך געזען אַז אַנדערע זאָלן אים פרעגן.

שוואַרצ'ס גאַרדעראָב איז געווען ניט וויט פון מיינעם. שוואַרץ האָט אַוודאי פאַרשטאַנען, אַז איך בין נייגעריק צו וויסן און אַז איך וועל זיך שטאַרק צוהערן, האָט ער מיט אַ כיוון גערעדט מיט עטלעכע טענער העכער ווי געוויינלעך, מיר צוליב הייסט עס... אָבער דערציילט האָט ער אַזעל־כע שרעקלעכע זאַכן כדי מיך צו מאַטערן.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און ער האָט ביז די קלענסטע דע־טאַלן אָפּגעמאָלט אַ בילד פון שוידער און ברוטאַליטעט — די קלעפּ וואָס ער האָט אין זיין דערציילן זאַצ'ן צוגעטיילט, די אינקוויזיציע וואָס זאַץ האָט דורכגעמאַכט, ביז מען האָט ענדלעך אַ פאַרבלוטיקטן, אַ צע'הר־ג'עטן זאַצ'ן אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, ווי אין אַ קבר, „און דאָרטן האָב איך אים איבערגעלאָזט... איין גאָט ווייסט וואָס זיין סוף וועט זיין".

דעם אומשולדיקן שוואַרצן הונט האָט שוואַרץ פאַרוואַנדלט אין אַ מורא־דיקן שפּיר־הונט, וואָס האָט אויך געהאַט אַ חלק אין זאַצ'ס פאַרבלוטיקטן צושטאַנד. מיין שכל הישר האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס קען ניט זיין אמת. האָט אָבער שוואַרץ מיט אַזאַ רעאַליזם די געשעענישן אויסגעמאָלט: „אוי, האָט מען אים געשלאָגן! אוי, האָט מען אים געפּאַטשט! און דער הונט, אָט אַזאַ גרויסער, צעווילדעוועטער כלב, איז אויף אים אַלע ווייל־ע אַרויפגעשפּרונגען, און זאַצ'ס געשרייען! דאָס האַרץ מיינס האָט ער צעריסן.

איך האָב אָבער אים גאָרניט געקענט העלפן.... הילפלאָז בין איך געווען קעגן די מערדערלעכע באַאַמטע".

איך בין געזעסן ממש ווי אויף הייסע קוילן. מיין שכל האָט געקעמפט קעגן שוואַרצ׳ס שוישפּילערישער פאַנטאַזיע, און ווער ווייסט צי איך וואָלט עס אויסגעהאַלטן, ווען ניט זאַצ׳ס זייער קלוגע און באַרעכנטע האַנדלונג. ווי איך בין געזעסן אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג ביי זיך אין גאַרדעראָב, האָט מען מיר אַריינגעטראָגן פון זאַצ׳ן אַ טעלעגראַמע: „דאָנ׳ט וואָרי, פּיל פיין, סי יו אין קליוולענד".

איך האָב, פאַרשטייט זיך, פון דער טעלעגראַמע קיינעם ניט דערציילט אויסער גאָלדשמיט׳ן און טענענהאָלצ׳ן. מיר האָבן נאָך דער פאָרשטעלונג אָפּגעהאַלטן אַ „קריגס־ראַט". מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט שוואַרצן פאַר זיין כוונה מיך צו מאַטערן. נאָענט צו צוויי אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר אָפּגערופן שוואַרצ׳ס האָטעל־צימער. גערעדט האָט טענענהאָלץ מיט אַ פאַרשטעלט קול, גאָלדשמיט און איך האָבן זיך אונטערגעהערט. געענטפערט האָט שוואַרצ׳ס ברודער מאַרטין, וועלכער איז געווען זיין געשעפט־פאַרוואַלטער. דער טעלעפאָנירער איז באַשטאַנען דערויף, אַז ער מוז ריידן מיט מאָריס שוואַרצ׳ן גופא. עס האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן געשעפט־פאָרשלאַג.

„איר קענט עס מיר זאָגן", האָט מאַרטין געענטפערט, „מאָריס שוואַרץ שלאָפט. ער האָט געהאַט זייער אַ שווערן טאָג".

מיר זיינען אָבער באַשטאַנען אַז מיר מוזן ריידן מיט שוואַרצ׳ן; עס האָט צו טאָן מיט מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג. מאָריס שוואַרץ איז צוגע־קומען צום טעלעפאָן, מיט אַ פאַרשלאָפענעם „העלאָ".

„זייט מוחל, מר. שוואַרץ, וואָס מיר האָבן אייך אויפגעוועקט".

„נאָר מיך? דעם גאַנצן האָטעל האָט איר אויפגעוועקט!"

„איך רייד אין נאָמען פון אַ קאָמיטעט. מיר האָבן אונטער זיך די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס אין מאָנטרעאַל. דער קאָמיטעט איז היינט נאַכט געווען ביי אייך אין טעאַטער. ס׳האָט אונז ווי געטאָן דאָס האַרץ וואָס דער טעאַטער איז געווען אַזוי ליידיקלעך".

שוואַרץ ענטפערט: „אייער מאָנטרעאַל מעג זיך שעמען. איך ברענג אַזאַ טרופּע, אַזאַ ליטעראַטור. וואו איז געווען דאָס אידישע מאָנטרעאַל?"

„אָט וועגן דעם האַנדלט זיך עס, מר. שוואַרץ. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן מיר זאָלן אייך העלפן. מיר שעמען זיך טאַקע. מיר זיינען אַזוי באַגייסטערט געווען פאַר דער פאָרשטעלונג, אַז מיר ווילן ביי אייך אָפּ־קויפן שיינע עטלעכע הונדערט בילעטן פאַר דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג.

מיר וועלן שוין זען אַז איר זאָלט צו מאָנטרעאַל ניט דאַרפן האָבן קיין טענות. מיר ווילן זיך טרעפן מיט אייך מאָרגן, ניין אין דער פרי".

„וואָס רעדט איר, ר' איד? איך דאַרף זיך דאָך אויסשלאָפן. עס איז דאָך איצטער באַלד דריי. ווען וועל איך שלאָפן?"

„מיר מוזן דאָס אַראַנזשירן פרי צו קענען באַצייטנס לאָזן וויסן אונ־זערע אַלע מעמבערס".

בקיצור, מ'האָט אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן 9 אַזייגער אין פראָנט פון טעאַטער. צופרידענע, מיט געקילטע הערצער, זיינען מיר געגאַנגען שלאָפן.

דאַרף איך אייך ניט דערציילן אַז פונקט 9 אַזייגער האָט שוואַרץ גע־וואַרט ביים טעאַטער. ווען מיר זיינען עלף אַזייגער געזעסן אין „קאָפע־שאָפּ" פון האָטעל און געגעסן פרישטיק, האָט שוואַרץ, אַ מידער, מיט רויטע, ניט־דערשלאָפענע אויגן, זיך אַריינגעשאַרט און אַ בייזער זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ טישל. גאָלדשמיט און טענענהאָלץ האָבן מיט אַ שאָקל מיט די קעפּ אים באַגריסט, און אינסטינקטיוו האָבן מיר עפּעס דערפילט, אַז קוקנדיק אויף אונזערע צופרידענע פּנים'ער, האָט ער זיך ווי עפּעס אָנגעשטויסן אַז מיר זיינען פאַרמישט אין דעם ביינאַכטיקן טעלעפאָן און אין זיין לאַנגן אומזיסטן וואַרטן ביים טעאַטער.

מיר האָבן אָנגעהאַלטן אונזער געשפּרעך און זיך געהיט ניט צו קוקן מער אין שוואַרץ'ס זייט. אָבער פאַר'גנב'עטערהייט האָט גאָלדשמיט פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן צו שוואַרצ'ן, און עס האָט פּאַסירט — זייערע בליקן האָבן זיך איינמאָל באַגעגנט. גאָלדשמיט איז זיכער געווען אַז שוואַרץ האָט זיך אָנגעשטויסן...

ווייסט איר שוין, אַז צו דער צווייטער פאָרשטעלונג איז דער טעאַטער געווען איבערגעפּאַקט. די שטורעמדיקע אָוואַציעס האָבן אַלעמען געמאַכט פאַרגעסן דעם שלעכטן טעם פון דער ערשטער פאָרשטעלונג און אויך דעם אינציצידענט מיט זאַצ'ן ביי דער גרענעץ. מ'האָט געמיטלעך פאַרבראַכט אין אַ קאַפע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צוויי אַזייגער האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן אין האָטעל־צימער פון גאָלדשמיט און טענענהאָלץ. גאָלדשמיט איז שוין געלעגן אין בעט, טענענהאָלץ איז נאָך געזעסן און געשריבן אַ בריוו. ווען ער האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן, האָט אים עמעץ געזאָגט: „טעיק יור מעדיסין". טענענהאָלץ פרעגט איבער: „וואַט דיד יו סעי?" — דער ענטפער איז געווען: „טעיק יור מעדיסין".

טענענהאָלץ האָט אים געפּרוווט דערקלערן, אַז דאָס איז עפּעס אַ טעות. דער ענטפער איז אַלץ געווען דער זעלבער — „טעיק יור מעדיסין".

גאָלדשמיט האָט אַרויסגעבורטשעט פֿון שלאָף: „ווער איז דאָרטן?" טענענ־האָלץ האָט אויפֿגעהאַנגען און דערציילט אים וואָס ס'איז געשען. טענענ־האָלץ האָט געענדיקט זיין שרייבן און זיך געלייגט שלאָפֿן.

פּונקט דריי אַזייגער האָט זיך דער טעלעפֿאָן ווידער צעקלונגען. דאָס מאָל האָט גאָלדשמיט געענטפֿערט. ווען ער האָט געהערט דעם „טעיק יור מעדיסין", האָט ער זיך צעקאָכט. געדענקט איר אפשר, אַז גאָלדשמיט איז אויפֿגעוואָקסן אויף די גאַסן פֿון האַרלעם. ער האָט געקענט נעמען און געבן קלעפּ, ער האָט ניט מורא געהאַט פֿאַר אַ געשלעג. ער האָט זייער האַרט און ערנסט אַריינגעשריגן אין טעלעפֿאָן: „יו בעטער סטאָפּ, אָר אַי'ל קאַם דאַון ענד ברעיק יור נאָוז פֿאָר יו!!"... פֿון זיין געשריי האָט זיך טענענ־האָלץ אויפֿגעכאַפּט — ערשט גאָלדשמיט איז גרייט זיך אָנטאָן און אַרונטערגיין אויספֿירן זיין סטראַשונאַק. טענענהאָלץ האָט אים באַרויִקט. „פֿאַרשטייסט ניט אַז דאָס איז שוואַרצ'ס איבערשפּיצל אויף אונזער שפּיצל? לייג זיך שלאָפֿן און לאָז עס צו מיר".

ווען דער טעלעפֿאָן האָט ווידער געקלונגען פֿיר אַזייגער, האָט טע־נענהאָלץ געענטפֿערט, און אויף דער מעכאַנישער פֿראַזע „טעיק יור מע־דיסין", האָט ער אים זייער העפֿלעך געענטפֿערט „טהענק יו".

דאָס האָט זיך איבערגע'חזר'ט יעדע שעה ביז אַכט אַזייגער.

דאָס מאָל, ווען מיר זיינען נאָך עלף אַזייגער אַריינגעקומען אין „קאָפּע־שאָפּ" עסן פֿרישטיק, איז שוין שוואַרץ געזעסן אַ צופֿרידענער ביי אַ טישל מיטן סופֿליאָר ערבער און זייער פֿאַרשנדיק געקוקט אויף אונז. גאָלדשמיט און טענענהאָלץ האָב אים געגעבן אַ זייער וואַרעמען „גוט מאָרגן", ווי גאָר־ניט וואָלט געשען, און מיט לייכטע טריט צוגעגאַנגען צו אַ טישל און פֿריילעכע באַשטעלט אונזערע פֿרי־מאָרגנדיקע מאכלים. פֿאַר'גנב'עטע האָבן מיר געזען ווי שוואַרץ קאָכט זיך פֿאַר ערבער'ן, וואַרפֿנדיק אויף אונז בליקן וואָס האָבן אויסגעדריקט צווייפֿל אויב זיין איבערשפּיצל איז אים געלונגען.

ערשט ווען מיר האָבן רויִק אָפּגעגעסן, איז טענענהאָלץ צוגעגאַנגען צו שוואַרצ'ן און אים געגעבן די האַנט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „איצט זיינען מיר קוויט".

שוואַרצ'ס פּנים האָט זיך אַזש צעלויכטן און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

„האַ — יעדע שעה גערופֿן, האַ?! ס'איז מיר גאָרניט אַזוי לייכט אָנ־געקומען מיטן קלוירק. איך קען דאָך גאָלדשמיט'ן, כ'האָב מורא געהאַט, אַז ער קען נאָך אַרונטערקומען און מאַכן אַ גאַנצן סקאַנדאַל. איך האָב אַזוי ערנסט ווי מעגלעך דעם קלוירק דערקלערט, אַז אין אייער צימער שטייט איין מיין סטאַר־שוישפּילער און זינגער — אַז ער האָט אַ טבע צו

שיכור'ן און דאָס שטערט אים צום זינגען. ער איז איצט טויט שיכור, און איך וועל ניט קענען געבן מיין פאָרשטעלונג מאָרגן — דאָס קען מיך אומגליקלעך מאַכן. דער איינציקער מיטל איז, ער זאָל נעמען זיין מעדיצין יעדע שעה. „בלויז דו קענסט מיך ראַטעווען. יעדע שעה מוזטו אים רופן. אַלץ וואָס דו זאָלסט אים זאָגן איז „טעיק יור מעדיסין״. ער וועט זיך קאָכן. ער וועט זיך זידלען, ער וועט אפשר קומען און זיך וועלן שלאָגן, דו זאָלסט אָבער טאָן דיינס״... פאַרכעס, ס'האָט מיך געקאָסט אַ צענערל די מעשה״...

וועמענס שפיצל איז געווען בעסער און ווער וועמען עס קומט אַרויס, דאָס וועלן מיר איבערלאָזן פאַר אייך צו אורטיילן.

עס זעט אויס, אַז די נייע ווינטן וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין אידישן טעאַטער, ווי דימאָוו האָט אַנטפּלעקט אין זיין אַרטיקל, וואָס איך האָב ציטירט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, זיינען ניט געווען אינגאַנצן אויסגעטראַכט פון זיין פאַנטאַזיע. עפּעס האָט זיך יאָ אַ ריר געטאָן, סיי אין דער אידישער טעאַטער־וועלט, סיי אין דער אידישער ציטונגס־וועלט און אין אַ געוויסער מאָס אויך צווישן אַ טייל פון אונזער טעאַטער־עולם.

אַוודאי האָט שוואַרץ מיט זיין ערשטן סעזאָן אין אירוווינג פּלעיס טעאַטער צוגעטראָגן גאָר אַ היפּשן חלק צום צעבלאָזן אָט די „נייע ווינטן״. פּרץ הירשביינ'ס צוויי צאַרטע, שטילע און פּשוט'ע פאָלקס־פּיעסן, האָבן מיט זייער ריזיקן דערפאָלג און מיט דער באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם וואָס זיי האָבן ביים ברייטן עולם אַרויסגערופן, די דאָזיקע „נייע ווינטן״ געגעבן פרישע כוחות. האָבן זיך שוין אין מיטן סעזאָן יענעם אָנגעהויבן וועבן פּלענער פאַר דעם „נייעם אידישן טעאַטער״, וואָס האָט שפּעטער זיין קורץ לעבן אויסגעשפּילט אין אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדען. אַזוי ווי מיר, איז אויך אין דעם פאַל באַשערט געווען צו זיין פון די ערשטע וואָס זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו יענעם צווייטן פאַרזוך, וועל איך דאָ איבערגעבן, מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי דער נייער טעאַטער איז געבוירן געוואָרן.

מוז איך זיך דאָ פאַר אייך מודה זיין, אַז מיט ניט ווייניק פאַרדרוס און האַרצווייטיק האָבן מיר זיך גענומען צום נייעם אויפטו. אפילו איצט, ווען איך דאַרף דאָס אייך דערציילן, לעב איך ווידער איבער די ביטערקייט וואָס איך האָב דאַן געפילט, ווען עס זיינען צערונען געוואָרן מיינע שיינע חלומות און זיסע האָפענונגען, אַז שוואַרץ מיט זיין אירווינג פּלעיס טעאַטער

וועט ווערן די פּערמאַנענטע היים פאַר אַלע בעסערע און ערנסטע יונגע כוחות אין אידישן טעאַטער.

כמעט תיכף ווי זיין טעאַטער איז געעפנט געוואָרן, האָב איך ביסלעכ־ווייז גענומען פילן, אַז מיט גאָר קליינע אויסנאַמען וועט דער שוואַרץ טעאַטער זיין אַ פאַרזעצונג פון דעם אַלטן טעאַטער מיט אַלע זיינע איבלען, אפילו מיט דער שווידערלעכער „סטאַר־סיסטעם". פאַרזוכן פאַר בעסער טעאַטער, פאַר פּיעסן פון ליטעראַרישן ווערט, האָבן דאָך יענע אויך גע־מאַכט. אָבער פאַר דעם רואיקן געמיט־צושטאַנד, פאַר דער פאָלקאָמענער קינסטלערישער באַפרידיקונג און דערגרייכונג פון אונז, שוישפּילער, איז דער שוואַרץ טעאַטער ניט געווען אַ סך אַנדערש פון אַדלער'ס גרענד טע־אַטער, קעסלער'ס סעקאָנד עוועניו טעאַטער אָדער טאָמאַשעפסקי'ס נע־שאָנאַל טעאַטער. פּונקט ווי אין יענע טעאַטערס, איז זייער אָפט אַ יונגער שוישפּילער פאַר זיין ערלעכער, קינסטלערישער דערגרייכונג, באַלוינט געוואָרן מיט פאַרדרוס און האַרצוויטיק.

דער ערשטער פון אונזער טרופּע אין שוואַרץ טעאַטער, וואָס האָט זיין אַנטוישונג אַרויסגעזאָגט אין דער הויך, איז געווען דער סענסיטיווער יעקב בן־עמי. עס האָט לאַנג ניט גענומען און יחיאל גאָלדשמיט און איך האָבן עס אויך דערפילט מיט אַלע אונזערע חושים — דאָס איז ניט געווען וואָס מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. דאָס איז ניט וואָס שוואַרץ האָט אַזוי שיין אויסגעמאָלט אין יענעם אַרטיקל מיט זיינע אני מאמינ'ס, וואָס איך האָב אייך געבראַכט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. בלויז איינס זיינען מיר שוואַרצ'ן שולדיק געבליבן — אים קומט דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז עס איז דאָ אַ אידישער טעאַטער־עולם, וואָס קען פאַרדייען בעסער טע־אַטער און איז גרייט דערפאַר צו באַצאָלן.

ער האָט באמת געקענט ווערן דער „כהן גדול" פון אָט דער נייער הייליקער קונסט, די טעאַטער־קונסט. האָט ער אָבער פון די גרויסע דריי גע'ירש'נט אַ סך פון זייערע שוואַכקייטן און דורך דעם פאַרשוועכט די כהונה. דערפאַר האָבן די פון אונז, וואָס האָבן אין זיך דערפילט די ניי־גונג צו אַזאַ סאָרט טעאַטער שוין ניט געקענט רוען. עס האָט אונז געצויגן און מיר זיינען געווען גרייט זיך איבערצוגעבן צו אַזעלכע מעגלעכקייטן. מוז איך דאָ ווידער אויסטיילן יעקב בן־עמי'ן פאַר דעם וואָס ער האָט אונז געפירט צו אַזאַ נייער ערנסטער מעגלעכקייט, כאָטש געקומען איז עס צו אים אומדירעקט, אפשר אפילו אומגעריכט.

אין די יאָרן צווישן 1910 און אַרום 1914־15 איז אין ניו יאָרק געווען אַ גרויס גערעטעניש אויף דראַמאַטישע פאַראיינען מיט און אָן אידעאַ־

ליסטישע שטרעבונגען. דער פאָרלויפער פון זיי אַלע איז געווען דער שוין־דערמאָנטער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב", וואָס איז אויפגעקומען נאָך אין 1902, אונטער דער פירערשאַפט פון יואל ענטין. יענער קלוב האָט אויף זיין פאָן פּראָקלאַמירט זיין אידעאַל: „צו פאַרבעסערן, פאַרשענערן און דערהויבן דעם קולטורעלן מצב פון דער אידישער בינע".

אַ סך אינטעליגענטנע כוחות האָט יענער קלוב צוגעצויגן, און זיי האָבן זיך זייער ערנסט אָפּגעגעבן מיט זייער אידעאַל. יאָרן און יאָרן האָט יענער קלוב זיינע אינטעליגענטע און טיילוויז טאַלאַנטירטע דעקלאַמאַטאָרס און פאָרלייענערס געשיקט צו קאָנצערטן פון אַלערליי אָרגאַניזאַציעס, סאָ־סייעטיס און לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן זיך צו זיי געווענדט. אַנשטאָט נאַרישע, פּוסטע, ביליקע און שרייענדיקע לידלעך, האָט דער עולם אויף יענע קאָנצערטן געקענט הערן ליטעראַרישע פּערל פון שלום עליכם, פּרץ, פּינסקי, אַש און רייזען.

אַגב, האָט יענער קלוב מיט דער צייט געבראַכט צו דער אידישער בינע אַ צאָל גאַר פיינע און טאַלאַנטירטע שוישפּילער, צווישן זיי: גרשון רובין, יחיאל גאָלדשמיט, יודל דובינסקי, אליהו טענענהאָלץ, לואיס וויסבערג און אַנדערע. פון יענעם קלוב זיינען אויך מיט אַ גאַר היפּשן דערפאָלג דערגאַנגען צו בראָדוועי און האָליוואוד: קלאַראַ לענגסנער, טענענהאָלץ און מלכה קאָרנשטיין.

אונטערן נאָמען „ליטעראַרישער דראַמאַטיק קלוב" האָט עטלעכע יאָר עקזיסטירט און געשפּילט אַן אַמאַטאָרן־גרופּע. די 2 הויפּט־שוישפּילער דאָרט זיינען געווען יחיאל גאָלדשמיט און הענריעטאַ שאַפּיראָ. צווישן די מיטגלידער אין יענעם קלוב איז אויך געווען אַ יונגערמאַן לואיס שניצער. ער האָט ניט געהאַט קיין שוישפּילערישע אַספּיראַציעס. ער איז געווען אַן אַמביציעזער און דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן. כאָטש באַגרענעצט אין אינטעליגענץ און אין וויסן, האָט ער געהאַט אַ נאַטירלעכן פאַרלאַנג פאַר בעסערן און שענערן טעאַטער און אַן איינגעבוירענעם דרך־ארץ פאַר אינטעליגענץ און געלערנטקייט. ווי אַ יונגער בחור איז ער געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין דער שיינער און שיינענדיקער הענריעטאַ שאַפּיראָ. אַ דאַנק זיינע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע יונגעלייט פון קלוב, איז אים מיט דער צייט געלונגען, אַז הענריעטאַ שאַפּיראָ זאָל ווערן מרס. שניצער.

איז עס פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרווירק־לעכן איר אַמביציע, צו ווערן אַ סטאַר־שוישפּילערין אין אידישן טעאַטער. אירע צוויי גרעסטע מעלות זיינע געווען: איר שיינער פּנים און רייצנ־

דיקע פיגור. איז דאָס אַליין, הפנים, ניט געווען גענוג צו דערגרייכן אַ הויכע פּאָזיציע אין עקזיסטירנדיקן אידישן טעאַטער, כאָטש שניצער האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און געלט.

טאַקע ער האָט עס פינאַנסירט יעקב בן־עמי׳ס אויפפירונג פון די דריי י. ל. פּרץ איינאַקטערס, „די שוועסטער״, „אין קעלער־שטוב״ און „נאָך קבורה״, אין נעיבאָרהוד פּלעי־האוז אויף גרענד סטריט, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט. הענריעטאַ שניצער האָט, פאַרשטייט זיך, געשפּילט די הויפּט־ראָלן אין די דריי איינאַקטערס.

אין יענער צייט האָט לואי מילער, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט״, אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ נייע אידישע טעגלעכע מאָרגן־צייטונג, „דער פירער״, וואָס האָט, נעבעך, געהאַט קיצור ימים. מילער האָט אין זיין צייטונג אָפּגעגעבן גאָר אַ סך פּלאַץ יענער אויפפירונג און שטאַרק געלויבט הענריעטאַ שניצער, זי באַצייכנט ווי אַן ערשטקלאַסיקע שוישפּי־לערין. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, זייער צערייצט איר אַפּעטיט און אַמביציע. דאָס האָט אויך איר מאַן לואיס שניצער געגעבן דעם ערשטן שטויס צו נעמען טראַכטן ערנסט וועגן שאַפן אַן אייגענעם טעאַטער.

מאָריס שוואַרצ׳ס דערפאָלגרייכער אָנהויב אין אירווינג פּלעיס טע־אַטער האָט אין שניצער׳ס מוח רייף געמאַכט דעם געדאַנק צו אינוועסטירן אין אַ נייעם פאַרזוך פאַר אַ בעסער טעאַטער, וואו זיין פרוי זאָל האָבן די געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן איר חלום, מאַכן אַ קפיצת הדרך (אַ שפּרונג) צום סאַמע אויבן־אָן אין אידישן טעאַטער. ער האָט אָט דעם פּלאַן זיינעם פאָרגעלייגט יעקב בן־עמי׳ן, מיטן הויפּט־טראָפּ, פאַרשטייט זיך, אויפן בעסערן טעאַטער. בן־עמי, נאָך אַן ערנסטער פאַרטראַכטונג, האָט זיך אָנ־געכאַפּט אין אָט דער מעגלעכקייט. ער האָט צוגעצויגן גרשון רובין, יחיאל גאָלדשמיט און מיך, אַז מיר זאָלן צוזאַמען באַטראַכטן און אויסאַרבעטן דעם פּלאַן און אין יעדן פּרט באַוואָרענען, אַז דער טעאַטער זאָל באמת ווערן דער בעסערער טעאַטער, וועגן וועלכן מיר אַלע האָבן גע׳חלומ׳ט, די געגאַרטע פּערמאַנענטע היים פאַר אַלע בעסערע כוחות אין אידישן טאַטער.

לואיס שניצער האָט גאָר גיך באַוויזן, אַז ער מיינט עס ערנסט צו טראָגן די פינאַנציעלע אחריות פאַר אַזאַ טעאַטער. ער האָט אונז איבעראַשט מיט דער בשורה, אַז אים איז געלונגען צו קריגן דעם גאַרדען־טעאַטער, אַ טייל פון דעם אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדען, צווישן דער 26טער און 27טער גאַס, אויף מעדיסאָן עוועניו. דער טעאַטער איז געווען אין ווינקל פון מעדיסאָן עוועניו און 27טער גאַס. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיק־שיין אינטים

טעאַטער, מיט אַ מער ווי געווײנלעך גרויסער און רחבות׳דיקער בינע, וואָס איז ווי געוואונטשן פאַר אַ טעאַטער מיט קינסטלערישע אַמביציעס.

גרשון רובין האָט זיך אפילו אַ ביסל געשראָקן, אַז פאַרן אידישן טעאַטער־עולם איז דאָס צו ווײט.. מיר האָבן בײ אים די מורא גיך צוגענומען, ווײל סײ מעדיסאָן סקווער און סײ דער מעדיסאָן סקווער גאַרדען זײנען, ווי מען רופט עס אין ענגליש, „לענד־מאַרקס" אין ניו יאָרק.

אגב, איז דער טעאַטער ניט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט און נײ פאַרן אידישן טעאַטער־עולם. אין דעם טעאַטער איז אין 1916, אויף דער איניציאַטיוו פון אונזער גרויסן דערצײלער, נאָוועליסט און דראַמאַטורג דוד פּינסקי, אויפגעפירט געוואָרן זײן פּיעסע „גאַברי און די פרויען". לואיס שניצער האָט דאַן פינאַנציעל געהאָלפן יענע אונטערנעמונג. אין יענער אויפפירונג האָבן צום גרעסטן טײל געשפּילט אַמאַטאָרן — די שוין דערמאָנטע הענריעטאַ שניצער, מלכה קאָרנשטײן, קלאַראַ לענגסנער, לואיס ווײסבערג און הענרי שאַכט, אַ אינגערער ברודער פון אונזער באַרימטן כאַראַקטער־שױשפּילער גוסטאַוו שאַכט.

די פאָרשטעלונג האָט אין דער אידישער און אַמעריקאַנער פּרעסע אַרויסגערופן גרויס אַנזען.

דוד פּינסקי האָט דאַן צוגעצויגן אַלס רעזשיסאָר פאַר זײן פּיעסע אַ יונגן דײטש־אידישן סטודענט יהושע גאָרדאָן, אַ תלמיד פון דעם באַרימטן דײטש־אידישן רעזשיסאָר מאַקס רײנהאַרדט.

אין אַמעריקע האָט דעמאָלט אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע אין ענגליש העדוויג רײכער, אַ טאָכטער פון דעם באַרימטן דײטש־אידישן גרויסן שױשפּילער און רעזשיסאָר עמאַנועל רײכער. זי איז געווען נאָענט באַקאַנט אי מיט דוד פּינסקי׳ן, אי מיט דעם יונגן יהושע גאָרדאָן, האָט זי אויך געהאָלפן אין דעם קינסטלערישן טײל פון יענער אויפפירונג.

די זײער געלונגענע רעזשי, דער געשלעכט־פּלאָנטער אין דער פּיעסע און דער ערנסטער צוגאַנג צו יענער אויפפירונג האָבן געקראָגן אַ סך לויב. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין יענעם טעאַטער אַרום צוואַנציק מאָל, אַזוי אַז דער גאַרדען־טעאַטער איז דורך דעם באַקאַנט געוואָרן צום אידישן טעאַטער־עולם. אגב, איז דאָ כדאי צו פאַרצײכענען, אַז יהושע גאָרדאָן האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן „אידישן לעגיאָן", איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרבליבן אין ארץ ישראל, וואו ער איז, לײדער, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

מיט שניצער׳ס מעלדונג, אַז ער האָט געדונגען דעם גאַרדען טעאַטער

אַלס היים פאַר אונזער „נייעם טעאַטער" האָבן מיר זיך ערנסט גענומען צו דער אַרבעט, צו די צוגרייטונגען צו ברענגען אונזער חלום צום לעבן...

די אינטימע גרופע — יעקב בן־עמי, גרשון רובין, יחיאל גאָלדשמיט און איך — האָט אין אַ צאָל באַראַטונגען ביי מיר אין שטוב אַרומגערעדט און אויסגעאַרבעט אַלע פּרטים בנוגע דער קינסטלערישער פירונג פון טעאַטער. מיר האָבן גרינטלעך דורכגעטראַכט און באַשטימט אַ סך דעטאַלן, וואָס לויט אונזער לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג דאַרפן זיי זיין אַ ברכה סיי פאַרן געזונטן גאַנג פון אַזאַ טעאַטער, סיי פאַר דער צופרידנקייט און קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון די איינצלנע שוישפּילער. געפין איך פאַר נויטיק דאָ איבערצוגעבן אַ צאָל פון די תנאים, סטאַטוטן וואָס מיר האָבן דאַן פאַר אונזער טעאַטער פעסטגעשטעלט, ראשית:

1. ניטאָ קיין „סטאַרס". יעדער שוישפּילער האָט די געלעגנהייט צו וועלכער זיין טאַלאַנט באַרעכטיקט אים.

2. די ראָלן אין אַ פּיעסע ווערן פון רעזשיסאָר פאַרטיילט לויט דער צוגעפּאַסטקייט און פעאיקייט פון שוישפּילער.

3. קיינער טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ ראָל וואָס אים איז צוגעטיילט געוואָרן. ער האָט, אָבער, אויך דאָס רעכט צו שטודירן וועלכע ראָל אים געפעלט און דאַרף קריגן די געלעגנהייט צו ווייזן ביי איינער אָדער מער פּראָבעו, וואָס ער קען אין דער ראָלע אויפטאָן. דער רעזשיסאָר באַשטימט ווער עס איז בעסער. ער קען אויך באַשטימען, אַז די באַטרעפנדיקע ראָל זאָל אין דער ריי געשפּילט ווערן פון צוויי אָדער מער שוישפּילער.

4. דער רעזשיסאָר טאָר ניט זיין קיין שוישפּילער אין דער פּיעסע וואָס ער רעזשיסירט.

5. דער הויפּט־שוישפּילער פון איין פּיעסע קען ביי אַ צווייטער פּיעסע שפּילן בלויז אַ נעבן־ראָל.

6. יעדער מיטגליד פון דער טרופּע, וואָס האָט ניט קיין ראָל אין אַ פּיעסע, מוז, אויב מ'דאַרף, אַנטייל נעמען אין די מאַסן סצענען, אויב ס'זיינען דאָ אַזעלכע.

7. אין די ציימונג־אַנאָנסן און אויף די אַפישן זאָלן די נעמען פון די שוישפּילער גיין לויטן אלף־בית, און אַלע אין זעלבן גרויס.

8. פאַר דער אַלזייטיקער גאַנצקייט פון דער קינסטלערישער און קולטורעלער הויך פון טעאַטער זאָל באַשטימט ווערן אַ „ליטעראַריש־קינסטלערישער ביירּאַט", וואָס זאָל באַשטיין פון צוויי ליטעראַטן, צוויי מאָלער און צוויי שוישפּילער. דער רעזשיסאָר זאָל זיך מיט דעם קאָמיטעט באַראַטן וועגן פּיעסן און וועגן קינסטלערישע ענינים אין די אויפפירונגען.

נאָך אַ גאַר וויכטיקער פונקט איז פון אונז לאַנג און אַלזייטיק באַטראַכט און דיסקוטירט געוואָרן. דאָס איז געווען דער געדאַנק איינצושטעלן אַן איינהייטלעכן שפּראַך־דיאַלעקט. עס זאָל פון אונזער בינע ניט געהערט ווערן אַלערליי אידישע דיאַלעקטן. עס זאָל ניט טרעפן אַז אין איין משפחה אויף דער בינע, זאָל דער טאַטע, למשל, ריידן אַ פּוילישן דיאַלעקט און זיין זון אָדער טאָכטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי אים אין שטוב, זאָל ריידן אַ ליטווישן, גאַליציאַנער אָדער וואָלינער אידיש.

איז עס גאַר ניט אַזוי לייכט ווי עס זעט אויס אויבן־אויף. אַ סך עלע־מענטן זיינען דערמיט פאַרבונדן. בינע־שפּראַך דאַרף האָבן מעלאָדישן קלאַנג, מילד־ווייכן און וואַרעמען אויסדרוק, פּאָעטישע שיינקייט. ניט יעדער דיאַלעקט פאַרמאָגט אָט די מעלה. ליטוויש, למשל, פאַרמאָגט אַ סאָרט האַרטקייט, קלינגט עס ווי קאַלט און שטרענג. אַנדערע דיאַלעקטן האָבן זייערע חסרונות.

חוץ דעם איז אויך געשטאַנען די פראַגע צו וועלכן דיאַלעקט וועט זיין לייכטער די שוישפּילער צו באַקערן. געדענקט זיך מיר דער זייער מאָדנער און טשיקאַווער פאַקט, וואָס דער גרעסטער קעמפער קעגן ליטווישן דיאַלעקט איז געווען אונזער גרשון רובין, וואָס איז אין דער פּראָפעסיע געווען פאַר־רעכנט פאַרן ערשטן ליטוואַק אויף דער אַמעריקאַנער בינע. חוץ זיין פּרינ־ציפּיעלער קעגנערשאַפט, האָט ער זיך אויף זיין אופן שטאַרק געבעטן: „גזלנים, מערדער, דאָס איז דאָך אַ רציחה פון אייך... שוין אַזוי פיל יאָרן וואָס איך מוטשע זיך מיין ליטוויס צו פאַרגעסן... איז נאַ דיר גאָר...״

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת איז אָנגענומען געוואָרן דער וואָלינער דיאַלעקט וואָס זאָל, אָבער, פאַרזיכטיק מאָדיפיצירט ווערן און פאַרבעסערן אַ צאָל ווערטער און אויסדרוקן וואָס צעמישן אָפט דעם געדאַנק, וועלכן זיי דאַרפן אויסדריקן.

עס ליגט מיר נאָך איצט אין טעם די פרייד, די הנאה, די טיפע צו־פרידנקייט, וואָס מיר האָבן אַלע געפילט ביים אָפּגעבן זיך מיט דער אויסאַרבעטונג פון די אַלע כללים. אונזערע האָפענונגען און דערוואַרטונגען האָבן אין גאַנג פון אָט די ערנסטע צוגרייטונגען, זיך דערהויבן צו דער העכסטער הויך.

איך לעב איצט ווידער איבער די אומבאַשרייבלעכע פרייד און באַ־גייסטערונג וואָס מיר האָבן אַלע דערפילט ווען ס׳איז געלונגען צו צוציען אַלס רעזשיסאָר פון אונזער טעאַטער דעם וועלט־באַרימטן דייטש־אידישן רעזשיסאָר און שוישפּילער עמאַנועל רייכער. ער איז געווען פאַררעכנט אַלס דער פאָטער פון נאַטוראַליסטישן טעאַטער אין דייטשלאַנד. ער האָט, בכלל, פאַרנומען אַ גאַר הויכע פּאָזיציע אויף דער דייטשער בינע אין די יאָרן

ווען דאָס דייטשע טעאַטער איז געווען פֿאַררעכנט אַלס דאָס סאַמע העכסטע אין דער וועלט. זיינען מיר אַלע ממש געווען אין זיבעטן הימל פֿון דעם געפֿיל, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון אידישן טעאַטער וועט אַן אַנערקענטער רעזשיסאָר פֿון גרויסער רעפּוטאַציע אונז רעזשיסירן, אונז ווייזן, אונז לערנען.

חוץ זיינע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען איז עמאַנועל רייכער געווען ביז גאָר אַ פֿיינע, גרויסע פּערזענלעכקייט מיט אַ וואַרעמער, האַרציק־פֿריינטלעכער באַציאונג צו אונז, שוישפּילער. זיינע אינטימע געשפּרעכן וועגן טעאַטער און טעאַטער־קונסט זיינען געווען אַזוי חבר׳יש, אָן אַ סימן פֿון גדלות, פֿון אַן אויבן־אַראָפּ בליק. זיי זיינען באמת געווען פֿון האַרץ צו האַרץ. ער האָט מיט פֿרייד אויפֿגענומען אונזער פֿאָרשלאָג צו האָבן ביי דער קינסטלערישער פֿירונג פֿון טעאַטער דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן בייראַט.

זיינען באַשטימט געוואָרן צוויי ליטעראַטן, יואל ענטין און איך קען זיך בשום־אופן ניט דערמאָנען דעם צווייטן; די צוויי מאַלער, לעוויט און וואָלקאָוויטש; די צוויי שוישפּילער, גרשון רובין און יעקב בן־עמי. אַלס סעקרעטאַר, פּיעסן־לייענער און סופֿליאָר ביי פּראָבעס, וואָס זאָל גלייכצייטיק אָפּהיטן די אייגהייטלעכקייט פֿון שפּראַך־דיאַלעקט, האָט אונז שניצער רע־קאָמענדירט זיין און אונזער אַלעמענס פֿריינט, יעקב טיקמאַן. אגב, איז דאָ כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז טיקמאַן איז אומאָפֿיציעל געווען דער דירעקטער פֿאַר־טרעטער פֿון שניצער׳ן אין דער טעאַטער פֿירונג. דאַן האָט נאָך שניצער געהאַט צו אים אַ סך צוטרוי.

טרעפֿט עס זייער אָפֿט, אַז דער ערנסט, דער אימפּעט און די ערלעכע אַנטוויקלונג פֿון אַן אידעע פֿאַרכאַפּט און איבערוועלטיקט די וואָס האָבן עס אָנגעהויבן. דאָס האָט דאַן פּאַסירט מיט שניצער׳ן. ער איז אַזוי באַהערשט געוואָרן פֿון דעם ערנסטן פֿאַרנעם און קינסטלערישער אַטמאָספֿערע, אַז ער האָט כמעט פֿאַרגעסן דעם פּערזענלעכן אינטערעס וואָס אים האָט אָריגינעל באַוואויגן צו פּלאַנירן דעם טעאַטער.

זיינען דאָס פּאָר אונז אַלעמען באמת געווען די האָניק־חדשים פֿון אונזער נייעם אָנהויב. וויל איך דאָ מיט אַ געפֿיל פֿון גרויס צופֿרידנקייט און טיפֿער פּיעטעט אויסרעכענען די נעמען פֿון די שוישפּילער וואָס זיינען מיט פֿרייד צוגעשטאַנען צו אונזער טרופּע. די פֿרויען: בינע אַבראַמאָוויטש, צילי אַדלער, אידאַ פֿעלדמאַן, העלריעטאַ שניצער. די מענער: יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדשמיט, לאַזאַר פֿריד, גרשון רובין, עמאַנועל רייכער, יוסף שיינ־גאָלד, לואיס ווייסבערג, היימאַן מייזעל, איזידאָר עלגאַרד, אַדאָלף עבראַמס,

סעם אַדלער. עס זיינען שפּעטער אין סעזאָן אויך צוגעקומען מישאַ און לוסי גערמאַן.

סיי דער ליטעראַרישער בייראַט, סיי מיר אַלע שוישפּילער, האָבן לאַנג דיסקוטירט וואָס עס זאָל זיין דער נאָמען פונם טעאַטער. און כאָטש לויט אַלע צוגרייטונגען איז ביי יעדן אין געדאַנק געלעגן דער נאָמען „דאָס אידישע קונסט־טעאַטער", האָט אָבער די באַשיידנקייט סיי פון בן־עמי, סיי פון דער פּירנדיקער גרופּע שוישפּילער ניט דערלאָזט זיך אַליין צו קרוינען אַלס די כהנים פון קונסט. אמת, דאָס איז דער צוועק, אָבער עס איז נאָך צו־פרי, צו חוצפּה׳דיק פאַר אונז יונגע זיך אַליין צו רופן קונסט־טעאַטער. עמאַ־נועל רייכער אָבער האָט עס יאָ געפאָדערט. נאָך לאַנגן ישוב־הדעת איז מען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס. כדי צוליב צו טאָן עמאַנועל רייכער׳ן איז אין ענגליש געבליבן דער נאָמער „דהי דזשואיש אַרט טהיעיטער", אָבער אין אידיש, „דאָס נייע אידישע טעאַטער".

אפילו אין דער געשעפט־פאַרוואַלטונג האָט דאָס טעאַטער געהאַט אַ נייעם צוגאַנג. עס איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס געשעפטס־פאַרוואַלטער פון טעאַטער אַ העכסט אינטעליגענטער יונגערמאַן מיט אַ סך אידיש און ענגליש וויסן — שלמה גראָסמאַן.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז דער ערנסטער פּאַרנעם פון דעם נייעם אידישן טעאַטער האָט געקראָגן זייער אַ וואַרעמען אָפּרוף אין דער אידישער פּרעסע. ב. באָטווינִיק האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" אַזוי פרי ווי אַפּריל דעם 4טן, 1919, אונטער אַ קעפּל, „וואָס ווילן די גרינדער פון נייעם אידישן טעאַטער": „דער דערפאָלג פון שוואַרץ טעאַטער מיט די אמת־ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען האָט באַוויזן, אַז מיר האָבן אין ניו יאָרק היפּשע טויזנטער מענטשן וואָס זיינען וויליג צו צאָלן געלט און זען און הנאה האָבן פון הויך־ליטעראַרישע דראַמען. און דאָס האָט צערייצט דעם קינסטלערישן אַפּעטיט פון אַלע בינע־מענטשן, וואָס שטרעבן צו אַ קונסט־טעאַטער, אין ליטעראַ־רישן זין פון וואָרט, און וויבאַלד איין טעאַטער קען האָבן דערפאָלג, קען דאָס האָבן אַ צווייטער אויך — דערפאָלג מיט ליטעראַטור — און ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געדונגען דעם גאַרדען טעאַטער אויף 27טער גאַס, אַ נאָמען געגעבן דעם טעאַטער „דאָס נייע טעאַטער", און ווילן גיין נאָך ווייטער ווי שוואַרץ מיט זיין אירווינג פּלעיס טעאַטער. אַ טייל פון די אַקטיאָרן וואָס זיינען טעטיק אין דעם נייעם טעאַטער זיינען טאַקע פון שוואַרצ׳ס אירווינג פּלעיס טעאַטער.

„אויף נעקסטן סעזאָן רייסן זיי זיך אָפּ פון שוואַרצ׳ן צו גיין העכער און העכער אין ליטעראַטור. וואָס, איינגטלעך, קען זיין העכער? די דראַמען

פון איבסען, בערנאַרד שאָא, אָסקאַר וואַילד, לעאָניד אַנדרעיעוו און פון דעם אידישן פרץ הירשביין זיינען פאַרלויפיק דאָס לעצטע וואָרט אויף דער בינע ביי אַלע פעלקער. איז דער תירוץ: ניט אין דער דראַמע אַליין ווילן זיי גיין ווייטער, נאָר אין דעם אופן ווי אַזוי די דראַמע זאָל געשטעלט ווערן. עס האָט זיך צוזאַמענגענומען פאַר דעם נייעם טעאַטער אַ וואונדערלעכע טרופע.

„עס איז ווירקלעך דאָ אַ סך, אַ סך זאַכן וואָס מוזן אויסגעבעסערט ווערן אין דעם אופן ווי אַזוי אַ דראַמע ווערט צוגעגרייט פאַרן פובליקום. דער פאַקט איז, דאָס די אַלע אַקטיאָרן פון דער טרופע זיינען צופרידן צו פאַרדינען ווייניקער ווי אין אַנדערע טעאַטערס, אַבי זייערע חלומות און פלענער וועגן אַ ריין־קינסטלערישן טעאַטער, סיי אין די דראַמען, סיי אין דעם שפּילן און סיי אין אַלע פרטים פון די אויפפירונגען אין אַזאַ טעאַטער זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן. איין פונקט, און דאָס איז דער וויכטיקסטער אין דער נייער טעאַטער־געזעלשאַפט איז, אַז קיין סטאַר אָדער סטאַריכע זאָל ניט זיין. אַלע זיינען גלייך, און אַלע מוזן פאָלגן דעם רעזשיסאָר. יעדער אַקטיאָר איז אַ סטאַר און ניט קיין סטאַר. ווען אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע צייכנט זיך אויס אין אַ פאַרשטעלונג, דאַן איז ער אָדער זי דער סטאַר. מאָרגן צייכנט זיך אַן אַנדערער אויס, איז דער אַנדערער אַ סטאַר. ס׳הייסט, אַז די סטאַר־סיסטעם ווערט איבערגעלאָזן צו די קריטיקער“.

מיינונגען אַזעלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אונזער נייעם טעאַטער פון אַ צאָל טעאַטער־שרייבער. זיינען מיר געווען צופרידן, וואָס ניט מיר אַליין האָבן דערפילט, אַז שוואַרצ׳ס טעאַטער איז ניט דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט עס זאָל זיין, און אַז אונזער נייער פאַרזוך איז אַ באַרעכטיקטער און אפשר אַ געווינס פאַר דער נייער עפּאָכע וואָס דאָס אידישע טעאַטער האָט געזוכט צו שאַפן.

אָט וואָס ס׳האָט געשריבן וועגן דעם נייעם טעאַטער יואל ענטין אין סעפּטעמבער־נומער „צוקונפט“, 1919: „מיר האָבן דאָס נייע טעאַטער וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט גאָר הויכע, די סאַמע העכסטע צילן (איך האָב מורא אַז זיי זיינען שוין צו־הויך). דאָס נייע טעאַטער פון מעדיסאָן סקווער גאַרדען, האָט די בעסטע טרופּע, וואָס מען קען ביי אונז צונויפשטעלן. אַלע אַקטיאָרן זיינען דאָרט אַנטשלאָסן ערנסט זיך צו זייער זאַך צו פאַרהאַלטן. זיי האָבן זיך פאַרשוואוירן צו געבן בוכשטעבלעך די ליטעראַרישע פּיעסן וואָס זיינען פאַראַן אויף אידיש אָדער אויף ענגליש. די נשמה פון דעם נייעם טעאַטער איז דער הער בן־עמי... אָבער אַמוויכטיקסטן, האָט דאָס נייע

טעאַטער אַ רעזשיסאָר. דאָס איז דער הער עמנואל רייכער, איינער פון די אויפבויער פון דער באַרימטער בערלינער נייער בינע, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט די הויפּטמאַנ׳ס און די זודערמאַנ׳ס, און בכלל, אַן אָנגעזעענער רעזשיסאָר״.

עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן סיי פונם ליטעראַרישן בייראַט, סיי פון די פירנדיקע שוישפּילער, אַז די דערעפענונגס־פּיעסע פון אונזער טעאַטער מוז זיין פון אונזער אייגענער אידישער, דראַמאַטישער ליטעראַ־טור... און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן „די פוסטע קרעטשמע״, פון פּרץ הירשביין, אַ שטאַרק דראַמאַטישע פאָלקס־פּיעסע מיט עטוואָס אַ מיס־טישן הינטערגרונט. עס איז אויך גלייכצייטיק באַשטימט געוואָרן, אַז די צווייטע פּיעסע זאָל זיין פון דעם וועלטלעכן רעפּערטואַר, גערהאַרד הויפּט־מאַנ׳ס „איינזאַמע מענטשן״. מיר האָבן דאַן אויך באַשטימט, אַז ביידע פּיעסן זאָלן גלייכצייטיק שטודירט ווערן. „די פוסטע קרעטשמע״ זאָל גיין אין די סוף־וואָכן, „איינזאַמע מענטשן״ — פאַר דער מיטן וואָך.

דאָס איז אויך געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ נייס אין דער דערעפענונג פון אַ נייעם טעאַטער. אָט דער באַשלוס האָט שוין געפירט צו נאָך אַ גרעסערער נייס אין דעם געוויינלעכן גאַנג פון אידיש טעאַטער: פולע צוויי מאָנאַטן פאַר דער דערעפענונג פונם טעאַטער איז די טרופּע צוגעטראָטן צו טעגלעכע פּראָבען פאַר ביידע פּיעסן, כדי לייכטער צו מאַכן די פּראָבע־רוטין פאַר די שוישפּילער אין די זומערדיקע היצן אין ניו יאָרק איז גע־דונגען געוואָרן אַ ספּעציעלער זאַל ביים ים אין קאָני איילענד.

געדענקט זיך מיר אַ זייער טשיקאַווער עפּיזאָד ביי יענע פּראָבען אין קאָני איילענד. פון אַלע יאָרן מיינע, געדענק איך, אַז איך האָב געהאַט שטאַרק הנאה צו באַטראַכטן דעם דרויסן אין דער צייט פון אַ שטורעם. די דונערן און בליצן האָבן מיך גוואַלדיק אימפּאָנירט, און איך פלעג אַ פאַרגאַפטע שטיין ביים פענסטער און אָנקוקן פון יעדן בליץ און דונער. ליגט מיר אין זכרון עד־היום, ווען אַלס ניין אָדער צען־יאָריקע מיידעלע, אויף אונזער פאַרם אין ראָזענהיין, ניו דזשוירזי, אין דער צייט פון אַזאַ שטורעם, שטיי־ענדיק ביים פענסטער, האָט זיך אין מיר געקלאַמערט אַ דערשראָקענע, אַ ציטערנדיקע מיין קליין שוועסטערל לילי, און ביי יעדן בליץ און קנאַל פון דונער, פלעגט זי מיט אימפעט שעפּטשען, באַהאַלטנדיק איר קעפּעלע אין מיין קליידל: „שנעל, צילי, זאָג די ברכה, שנעל זאָג די ברכה״, און איך אַ קוועלנדיקע פלעג יעדן בליץ און יעדן דונער שענקען די ברכה „עושה מעשה בראשית און „שכוחו וגבורתו מלא עולם״.

איז דאַן אין קאָני איילענד ביי איינער פון די פּראָבען פאָרגעקומען אַ

שרעקלעכער שטורעם. ווייסט איר דאָך אַלע, אַז אין קאָני איילענד ביים ים איז דער שטורעם אַ סך שרעקלעכער ווי אין שטאָט. אַ שוואַרצער חושך האָט באַדעקט דעם ים און דעם הימל, די דונערן און בליצן האָבן ממש געשפּאָלטן די הימלען, און ניט ווילנדיק זיינען אַלע שטיל געבליבן אויף זייערע ערטער. צוויי אויסנאַמען זיינען אין דער טרופּע געווען אין יענעם מאָמענט: איך, שטייענדיק אַ פאַרגאַפטע ביים גרויסן פענסטער, קוקנדיק מיט באַוואונדערונג אויף דער שטורעמדיקער נאַטור און מעכאַניש שעפּ־טשענדיק די ברכות נאָך יעדן בליץ און דונער און די גרויסע אָסאָבע חנה אַפּעל. זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, פאַרשטעלט זיך מיט אַ בענקל און ביי יעדן בליץ און דונער מיט צונויפגעלייגטע הענט געשעפּ־טשעט: „מיט חסד און מיט רחמים, גאָטעניו, מיט חסד און רחמים, גאָטעניו״.

ווען דער שטורעם איז אַריבער און די אַפּעל איז ווי עפּעס אַ פאַר־שעמטע אַרויס פון איר באַהעלטעניש, האָט זי מיך באַפאַלן מיט טענות, למאי איך, אַזאַ פּיצל קעגן איר, שטיי אָן מורא ביים פענסטער. האָבן אַלע אויפגענומען אירע טענות מיט אַ געלעכטער וואָס האָט אין זיך אויך אויס־געדריקט אַ מיטגעפיל צו דער גרויסער חנה אַפּעל.. אונזער רעזשיסאָר עמאַנועל רייכער האָט פאַר איר מיט אַ שמייכל אויסגעטייטשט דעם גרויסן וואונדער: „די געהיימניס איסט גאַנץ דערקלערליך. די קליינע צילי — זי איסט זאָ פול מיט עלעקטריציטעט״.

די אַפּעל איז געבליבן שטיין מיט אירע קלוגע אויגן, באַטראַכט איר אייגענע גרויס און מיט איר אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר הומאָר, ווי פאַר־שעמט, אַרויסגעזאָגט: „אויב אַזוי בין איך, הפּנים, ׳פול אָוו געז׳״.

געדענקט זיך מיר, אַגב, פון יענע פּראָבען נאָך אַן איניצידענט אין וועלכן איך בין געווען פאַרמישט. אויף דער ראָלע פון איציק אין „די פּוסטע קרעטשמע״ האָבן פּראָבירט דריי שוישפּילער — יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדשמיט און יוסף שיינגאָלד. וויל איך אייך דערמאָנען, אויב איר געדענקט ניט, אַז אין דריטן אַקט קומט פאָר אַ שטאַרקע, ליידנשאַפטלעכע ליבעס־סצענע צווישן דעם העלד איציק און דער כלה מייטע, וואָס איך האָב פּראָבירט.

נאָך עטלעכע פּראָבען צווישן אונז, האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערן ווער עס זאָל בלייבן ביי דער ראָלע פון איציק. רייכער, דער רעזשיסאָר, האָט שוין זיין מיינונג געהאַט פעסטגעשטעלט, כאָטש ער האָט עס נאָך ניט אַרויסגעזאָגט. מיר אַלע אָבער, האָבן גוטמוטיק געשפּאַסט וועגן די דריי איציקס, און יעדער האָט אויף זיין אופן אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג.

ערשט די אַלטע אַבראַמאָוויטש טוט פּלוצלונג אַ זאָג: הערט, חברה, מיר דוכט אַז די איינציקע וואָס דאַרף עס באַשליסן איז צילי. זי איז אויס־

געשטאַנען די ליבעס־סצענעס פון אַלע דריי איציקס, זאָל זי זאָגן וועלכער איציק געפעלט איר בעסער״.

אַלע האָבן פּאַטאַקעוועט: „וואָס זאָגסטו, צילי?״

איך האָב אויפגענומען דעם שפּאַס פון אַלעמען און אויף מיין אופן אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג: „איך ווייס ניט ווער ס׳שפּילט בעסער, איך בין פאַרנומען מיט מיין אייגענער ראָלע; איך ווייס אָבער ווער ס׳האַלזט און קושט בעסער. דאָס אָבער וויל איך אייך ניט אויסזאָגן״.

ס׳ליגט מיר נאָך אין טעם די וואַרעמע האַרציקייט און די כמעט פּול־שטענדיקע צופרידנקייט וואָס מיר אַלע שוישפּילער האָבן געפילט יענע וואָכן ביי די פּראָבעס אין קוני איילענד. עס האָט אונז אימפּאָנירט די זיכערקייט און באַוואוסטזיניקע אויטאָריטעט וואָס עס האָט זיך געפילט אין רייכער׳ס רעזשי. ער האָט אַזוי וואונדערלעך געקענט פאַר אַ שוישפּילער אויפקלערן וואָס ער וויל פון דער ראָלע.

איך געדענק נישט קיין איין מאָל ווען רייכער זאָל וויזן אַ שוישפּילער ווי אַזוי צו ריידן אָדער שפּילן אין זיין ראָלע. ער פלעגט בלויז אין אַ שטילן געשפּרעך מיטן באַטרעפנדיקן שוישפּילער אויסטייטשן פאַר אים די ראָלע און וואָס ער דענקט די אָדער יענע סצענע דאַרף אַרויסברענגען. מיט זיין גאַנצער באַרעכטיקטער אויטאָריטעט האָט ער אפילו אין דעם שטילן געשפּרעך נישט געזאָגט דעם אַקטיאָר וואָס צו טאָן. ער האָט אים נאָר פאַרגעלייגט אויף וועלכן אופן צו פּרובירן אַרויסברענגען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט.

די אויפגאַבע פון רעזשי בכלל איז זיך צו באַמיען אַז דער שוישפּילער זאָל פאַרשטיין וואָס דער רעזשיסאָר וויל. ווען עס דער שוישפּילער פאַרשטיין, דאַרף ער האָבן גענוג טאַלאַנט און קינסטלערישע אינטואיציע אויף זיין אופן און מיט זיינע מיטלען דאָס אַרויסברענגען. בלויז דאַן קען עס אַרויס־קומען נאַטירלעך. טאַלאַנט און אינטואיציע זיינען דעם שוישפּילערס פאַר־מעגן. קיין רעזשיסאָר קען עס דעם שוישפּילער ניט געבן.

די איבערגעבנקייט פון די שוישפּילער, זייער אויפריכטיקע, ערלעכע באַציאונג האָט זיך אַרויסגעזען ביי יעדער געלעגנהייט. אָט דאָרט, ביי די פּראָבעס אין קאָני איילענד, האָט מען געקענט דערפילן און פאַרשטיין די נשמה פון דעם ערלעכן און ערנסטן קינסטלער־שוישפּילער. אפילו די, וועלכע האָבן פאַרלוירן אין זייער פאַרזוך צו שפּילן די ראָלע פון איציק, די הויפּט מענער־ראָלע אין „די פּוסטע קרעטשמע״, וואָס איז פּראָבירט געוואָרן פון דריי שוישפּילער, האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון קנאה,

פון ניט־פּאַרגינערישקייט צו דעם וואָס האָט די ראָלע געוואונען. דאָס איז געווען דער גייסט וואָס האָט געהערשט און באַהערשט יעדן איינעם אין אונזער טרופּע.

זייער אָפט, סיי אין יענע וואָכן, סיי איצט, ווען איך טראַכט פון יענער צייט, טוּיכט אויף אין מיין געדאַנק אַ פּאַרדרוס, הלמאי ביי יענע פּראָבען זיינען ניט אָנוועזנד געווען אַלע די וואָס האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו זיין רעזשיסאָרן אין אונזער אידישן טעאַטער, ווי אויך די וואָס זייער דאָליע איז געווען צו שרייבן וועגן טעאַטער. זיי וואָלטן דאַן ערשט געקענט פאַרשטיין די אמת׳ע נשמה פונם שוישפּילער און די באַציאונג צו זיין באַרוף. איך קלער דערפון נישט אַנדערש ווי פון די זיסטע האָניק־וואָכן אין מיין גאַנצער קאַריערע אַלס שוישפּילערין אויף דער אידישער בינע. ליידער, זיינען דאָס געווען קורצע וואָכן, ווייל עפּעס פון שפּעטערדיקן סם האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן אַריינגיסן אין אונזער זיסן האָניק.

וויל איך זיך נאָך אָפּהאַלטן צו דערציילן וועגן אָט דעם סם וואָס איך האָב דערמאָנט. איך וויל נאָך זיך אָנהאַלטן אין דער חיי־שעה, לענגער אַביסל אויסציען די צייט ווען מיר האָבן אַלע ווי געשוועבט אין די וואָלקנס און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אונזער גרויסער חלום האַלט ביים פאַר־ווירקלעכט ווערן. איך געדענק נאָך די פריידע און די טיפע באַפרידיקונג וואָס יעדער איינער פון אונז האָט געפילט ווען איינער פון די קאָלעגן האָט אַרויסגעוויזן ביי די פּראָבען קינסטלערישע דערגרייכונג און געקראָגן הויכע קאָמפּלימענטן פון אונזער רעזשיסאָר, עמאַנועל רייכער. מיר האָבן זיך אַלע אמת־האַרציק געפרייט מיט דער פריידע פון דעם באַטרעפנדיקן קאָלעגע אונזערן. און — איך וויל דאָס אונטערשטרייכן, אָן אַ סימן, אָן אַ שאָטן פון קנאה אָדער ניט־פאַריגינערישקייט.

געדענק איך, למשל, ווי צופרידן מיר זיינען געווען ווען עמאַנועל רייכער האָט געזונגען שבחים צו אונזער בינע אַבראַמאָוויטש און גרשון רובין און ספּעציעל צוליב זיי געוואָלט אַריינברענגען אין אונזער רעפּערטואַר יענעם סעזאָן גערהאַרדט האויפּטמאַנ׳ס אַ צווייטע פּיעסע, „דער ביבער פעלץ״ — בלויז דערפאַר ווייל אין יענער פּיעסע זיינען דאָ אויסגעצייכנטע ראָלן פאַר די צוויי שוישפּילער.

דערמאָן איך זיך מיט וויפיל פאַרגעניגן און אמת׳ער פּיעטעט איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט אויספּוצן מיין פּריוואַטן גאַרדעראָב וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אין אונזער גאַרדן טעאַטער — דער גאַרדעראָב, וועלכן איך האָב געהאָפט און געגלויבט אַז מיר וועט אויסקומען צו האַלטן פאַר

מייך צווייטער היים אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אפשר ביזן סוף פון מיין שוישפּילערישער קאַריערע.

ס׳איז ביי מיר קיין שום צווייפל ניטאָ, אַז יענער טעאַטער אונזערער וואָלט לאַנג געלעבט און געדייעט און וואָלט דערגאַנגען צו גאָר הויכע קינסטלערישע דערגרייכונגען און אפשר געפירט די געשיכטע פון אונזער אידישן טעאַטער אין אַמעריקע אויף גאָר, גאָר אַנדערע וועגן. אָבער די טראָפּנס פון סם האָבן ביסלעכווייז געטומען ווירקן. איך קען זיך ניט דער־מאָנען קיין טיפערע טראַגעדיע אין מיין קאַריערע, וואָס זאָל זיך גלייכן מיט דעם וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און לעב איצט איבער, ווען איך דערצייל אייך פון אָט דעם קאַפּיטל פון אונזער „נייעם טעאַטער״.

איך האָב פריער דערציילט אַז לואי שניצער איז אַזוי באַהערשט געוואָרן פון דעם ערנסטן צוגאַנג און ערלעכן פאַרנעם אונזערן, אַז ער האָט ווי פאַרגעסן אַז די הויפּט טרייב־קראַפט וואָס האָט אים געשטויסן צו ווערן אַ מעצענאַט פאַרן בעסערן אידישן טעאַטער, איז געווען זיין פּרויס אַמביציע. און כאָטש ער איז געווען בטבע אַ שטאַרקער עקשן, איז אָבער, הפּנים, געווען אַ באַהאַלטענער כוח אין זיין לעבן וואָס האָט געבראָכן זיין עקשנות און די ערלעכקייט מיט וועלכער ער איז פון אונז באַהערשט געוואָרן. ווען איך דאָ בולט׳ער אַרויסברענגען אָט די טראַגעדיע, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרדרוס, האַרצווייטיק און אַנטוישונג כמעט דער גאַנצער טרופּע אונזערער.

כדי ס׳זאָל זיך ניט דערוועקן ביי עמעצן אַ חשד, אַז אונזער טרופּע, אָדער די פירנדיקע שוישפּילער, האָבן דורך קנאה אָדער ניט־פאַרגינערישקייט, מיט אומרעכט זיך באַצויגן צו דער אַמביציע פון אַ יונגער שוישפּילערין, וויל איך דאָ ווי פאַרלויפן דעם וועג און אייך ברענגען עטלעכע שורות פון אַן אַרטיקל, געשריבן אין „פאָרווערטס״ פון אַב. קאַהאַן מיט פינף חדשים שפּעטער, דעם 24טן דעצעמבער, 1919.

„...דאָס אַלעס איז ניט זייער אַנגענעם צו זאָגן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ טעאַטער וועלכן מען וויל פון גאַנצן האַרצן שטיצן. אָבער ווי אַזוי קען מען דעם טעאַטער העלפן, ווען מען וועט פאַרבאָרגן דעם עיקר? די הויפּט־ראָלע שפּילט מאַדאַם שניצער. זי האָט אַ שיינע פרויען־פיגור, און דאָס איז אין דיזער פּיעסע זייער וויכטיק. קערפּערלעך, אַלזאָ, האָט זי דער ראָלע געפּאַסט, אָבער אַלס שוישפּילערין... זי איז די באַלעבאָסטע פונם טעאַטער, און מען מוז איר געבן אַ קאָמפּלימענט פאַרוואָס איר טעאַטער זוכט צו שטעלן גוטע פּיעסן. אָבער צי דען גלויבט זי ווירקלעך, אַז אירע קרעפטן זיינען גרויס גענוג פאַר הויפּט־דראַמאַטישע ראָלן?... אַ געראָטענע

פיגור הייסט נאָך ניט אַ גרעסטענע שוישפּילערין פאַר וויכטיקע ראָלן. אויב מען דאַרף איר דאַנקבאַר זיין פאַרוואָס איר טעאַטער זוכט צו שפּילן גוטע פּיעסן, הייסט עס אָבער נאָך ניט אַז מען דאַרף באַצאָלן דערפאַר אַזאַ גרויסן פּרייז צו זען אַ שוישפּילערין אין ראָלן פאַר וועלכע זי איז אַבסאָלוט צו־שוואַך...״

ניט אַזוי שאַרף און דירעקט האָבן אַנדערע געשריבן וועגן דער באַלע־באַסטע פונם טעאַטער. איך מוז אָבער זאָגן, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ טייל פון דעם וואָס האָט געפירט צו דער טראַגעדיע, צו דעם חורבן פון אונזער שיינעם חלום. דער דיסאָנאַנס, דער דיסציפּלין־ברוך, דאָס מיאוס־מאַכן אָט דעם שיינעם פּנים פון אונזער טעאַטער האָט אַ סך מער שאָדן געטאָן...

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: ביים פאַרטיילן די ראָלן פון די ערשטע צוויי פּיעסן, „די פּוסטע קרעטשמע״ און „איינזאַמע מענטשן״, איז דער באַלעבאַסטע פון טעאַטער צוגעטיילט געוואָרן די זייער וויכטיקע ראָלע פון „אַנאַ מאהר״ אין „איינזאַמע מענטשן״. דאָס האָט איר אָבער ניט צופרידנ־געשטעלט. אַזוי ווי „די פּוסטע קרעטשמע״ איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער דערעפענונגס־פּיעסע, שבת און זונטיק, האָט זי געפאָדערט אויך די הויפּט־ראָלע אין דער פּיעסע, די ראָלע פון מייטע, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן.

האָבן מיר דאָך געהאַט אַ פעסטגעשטעלטן פּונקט, אַז יעדער מיטגליד אין דער טרופּע האָט דאָס רעכט צו פאָדערן און באַווייזן וואָס ער קען אויפטאָן אין אַ ראָלע וועלכע ער וויל, און אים דאַרף געגעבן ווערן דאָס רעכט די ראָלע צו פּראָבירן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט גיין אויף אַ פאַרמעסט מיט מיר אויף דער ראָלע פון מייטע. זי האָט געפאָדערט אַז די ראָלע זאָל איר און בלויז איר צוגעטיילט ווערן. דאָס האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט דערלאָזן ניט רייכער, ניט בן־עמי און ניט דער גאַנצער ליטעראַריש־קינסטלערישער ביירעט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטער אין דעם שלום־בית צווישן דעם מעצענאַט און דער קינסטלערישער פירונג פון טעאַטער. בלויז אין עטלעכע טעג, איז די פריינטשאַפט וואָס שניצער האָט געפילט צו בן־עמי׳ן, גאָלד־שמיט׳ן און טיקמאַנ׳ען פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט אין אַ שנאה. האָט ער זייער לייכט געקענט באַזייטיקן פון טעאַטער זיין פערזענלעכן פריינט, זיין פאַרטרעטער טיקמאַנ׳ען. ער האָט אָבער ניט געקענט באַזייטיקן יעקב בן־עמי׳ן און עמאַנועל רייכער׳ן, כאָטש ער וואָלט עס געוואָלט.

איז אָבער דאָס אַלץ געווען, אַזוי צו זאָגן, הינטער־קוליסן פּאָליטיק, פון וועלכער זייער ווייניק פון דער טרופּע האָבן געוואוסט.

ענדע אויגוסט האָבן מיר זיך אַרויסגעקליבן פון קאָני איילענד און אָנגעהויבן פּראָבירן אויף דער בינע פון אונזער טעאַטער. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער גיפט, וואָס האָט שטילערהייט געטריפט און ביסלעכווייז פאַר׳סמ׳ט די גוטע שטימונג, די קאָלעגיאַלע געפילן און די קינסט־לערישע גאַנצקייט פון דער טרופּע.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער סם וואָס האָט אַזוי אומ׳ברחמנות׳דיק חרוב געמאַכט דעם שענסטן און ערלעכסטן פאַרזוך אונזערן צו שאַפן אַ באמת־בעסערן טעאַטער, אַ קינסטלערישע היים פאַר אַלע בעסערע כוחות וואָס זיינען דאַן געווען אין אידישן טעאַטער?

דער מייסטער־רעזשיסאָר עמאַנועל רייכער האָט געלייגט זייער אַ סך האָפענונג אויף די מאַסן־סצענעס פון דער „פּוסטער קרעטשמע״. איבערהויפּט אויף דער חתונה־סצענע פון צווייטן אַקט. עס איז אים אַוודאי געווען זייער צום האַרצן דער פּונקט אין אונזער שוישפּילערישער פּראָגראַם, אַז יעדער מיטגליד פון אונזער טרופּע וואָס האָט ניט קיין ראָל אין אַ געוויסער פּיעסע דאַרף אַנטייל־נעמען אין די מאַסן־סצענעס, אויב אַזעלכע זיינען דאָ. ער האָט אונז עטלעכע מאָל שטאַרק געלויבט פאַר דעם פּונקט ווען ער האָט זיך באַקענט מיט אונזער פּראָגראַם.

ווי פּעאיק עס זאָל ניט זיין דער רעזשיסאָר און ווי איבערגעגעבן ס׳זאָלן ניט זיין די סטאַטיסטן־גרופּן וואָס ווערן גענוצט אין מאַסן־סצענעס, מוז מען האָבן עטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכע, דערפאַרענע שוישפּילער די מאַסן צו פירן. ווי געזאָגט, איז רייכער געווען פאַררעכנט אַלס דער פאָטער פון רעאַליסטישן טעאַטער. איז אַזאַ סצענע ווי אַ אידישע חתונה אין אַ קליין שטעטל אָדער אַ דאָרף, געוואַלדיקער מאַטעריאַל פאַר אַ רעזשיסאָר. האָט ער אויסגעאַרבעט זיין רעזשי־פּלאַן פאַר יענעם אַקט, איינטיילנדיק די מאַסן אין גרופּן, און יעדע גרופּע געשטעלט אונטער דער פירערשאַפט פון אַ שוישפּילער וואָס האָט אין דער פּיעסע ניט געשפּילט.

אָבער ווען ער האָט זיין פּלאַן גענומען צו פאַרווירקלעכן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ זייער אומאַנגענעמער סיטואַציע. ער האָט צוזאַמענגערופן אויף דער בינע אַלע שוישפּילער פון דער טרופּע, סיי די וואָס האָבן געהאַט ראָלן אין דער פּיעסע, סיי די וואָס האָבן קיין ראָלן ניט געהאַט.. ווען ער האָט אויפגעקלערט זיין רעזשי־פּלאַן פאַר דעם צווייטן אַקט און באַשטימט

די פּירער פון די פאַרשידענע מאַסן־גרופּן, האָט די מרס. שניצער דעמאָנ־סטראַטיוו זיך אָפּגעזאָגט אַנטייל צו נעמען.

וואָלט איר אָפּוועזנהייט באמת ניט געמאַכט קיין גרויסן אונטערשיד. אָבער אויף איר קוקנדיק, מיט רעכט אָדער אומרעכט, האָבן אויך אַנדערע זיך אָפּגעזאָגט, מיט דער טענה, אַז אַזאַ פּונקט האָט אַ זין בלויז ווען אַלע זיינען גלייך, אָן אויסנאַם. האָט אָבער דער דיסציפּלין־ברוך געהאַט אַ דער־דריקנדיקע ווירקונג אויף דער טרופּע. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס צעריסן דעם חברים־גייסט פון דער טרופּע און אָפּגעשוואַכט די אויטאָריטעט פון רעזשיסאָר.

איז די טרופּע אינערלעך צעטיילט געוואָרן: אויף איין זייט האָבן די איבערגעגעבענע צום געדאַנק פון בעסערן טעאַטער מיט עקשנות זיך גע־האַלטן ביי די פּרינציפּן וואָס דער טעאַטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט; פון דער צווייטער זייט, האָבן די וואָס האָבן געמיינט אַז עס וועט זיי בעסער זיין זיך צו חנפ׳נען צום באַלעבאָס, איבערהויפּט צו דער באַלעבאָסטע, באַרעכטיקט אירע פאַלשע אַמביציעס, ניט פילנדיק, אַז דערמיט גראָבן זיי אונטער די סאַמע עקזיסטענץ פון דעם טעאַטער.

איך בין ניט אינגאַנצן זיכער אויב מיר איז געלונגען קלאָר אַרויסצו־ברענגען דעם אומפאַרמיידלעכן סוף וואָס יענער דיסציפּלין־ברוך האָט פאַרן טעאַטער געבראַכט. אפשר איז עס אַזוי טיף פאַרבונדן מיט דער קאָמפּלי־צירטער נשמה פון ערלעכן שוישפּילער, אַז ס׳איז שווער דאָס צו פאַרטייטשן און עס קלאָר מאַכן.

קען זיין, אַז מיין פאַרביטערונג ווי אַ רעזולטאַט פון אַזעלכע צוויי אַנטוישונגען, איין סעזאָן נאָכן אַנדערן — די צערונענע חלומות מיינע פון שוואַרצ׳ס אירווינג פּלעיס טעאַטער און תיכף דערנאָך די נאָך שטאַרקערע דערשיטערונג, דאָס פילן זיך איבעראַנייס אָפּגענאַרט, די פאַרצווייפלונג און מורא אַז עס ווערט פאַרלוירן אפשר דער לעצטער פאַרזוך פאַר אונז. אונזער צעטרייסלטער גלויבן וועט ביי אונז צונעמען יעדן ביסל כוח נאָכאַמאָל אַזאַ פאַרזוך צו מאַכן. אָט די פאַרביטערונג מיינע, וואָס איך לעב איצטער איבער ביים דערציילן, ברענגט מיך אפשר צו אַ לאַגע אַז איך קען ניט אָביעקטיוו צעגלידערן די געשעענישן וואָס האָבן געפירט צו מיין „צווייטן חורבן״.

וויל איך עס לאָזן פאַר די, אויב אַזעלכע וועלן זיך געפינען, וואָס וועלן אַמאָל שרייבן די געשיכטע פון אידישן טעאַטער. זאָלן זיי ציען אַ סך־הכל, זאָלן זיי משפּט׳ן...

דאַרף איך ניט זאָגן, אַז יענער דיסציפּלין־ברוך האָט פאַר רייכער׳ן אַ סך שווערער געמאַכט צוצוגרייטן די מאַסן־סצענעס פון דער „פּוסטער קרעטשמע״. אַ גליק איז געווען, וואָס מיר האָבן געגרינדעט אַ דראַמאַטישע

סטודיאָ אַרום טעאַטער, טאַקע אונטער דער גאָר פײַנער דירעקציע פון עמאַנועל רייכער. האָט אים צוגעשפּילט דאָס מזל, וואָס אַ טאַלאַנטירטע גרופּע יונגוואַרג האָט זיך אָפּגערופן.

איך וויל דאָ מיט פאַרגעניגן פאַרצייכענען, אַז פון יענער סטודיאָ האָט די אידישע בינע צוגעקראָגן אַ היפּשן געווינס.

צווישן די מיידלעך האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט איינע אַ זייער חנ׳עוודיקע, מיט לעבעדיקע בלישטשענדיקע אויגן, אַ מיניאַטורנע שלאַנקע פיגורקעלע, וואָס האָט מיט איר פרייד און געלעכטער ממש די בינע באַלעבט. אַ רירעוודיקע אַזאַ, האָב איך פאַר איר קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי: „קוועקזילבער״.

איר ליבע, איר געזונטער חוש פאַר טעאַטער האָט, ווי עס זעט אויס, אין איר געטליעט פון קינדוויַז אָן. האָט זי טאַקע גאָר גיך פאַר זיך געשאַפן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין בעסערן אידישן טעאַטער. אויך אונזער פּרעסע האָט איר געשענקט וואַרעמע אויפמערקזאַמקייט, איר אָפט צוגעטיילט פאַר־דינטע קאָמפּלימענטן פאַר אירע פיינע טעאַטער־דערגרייכונגען. איז פון יענער יונגיטשקער „יונה בלעי״, אַרויסגעקומען די גאָר פיינע שוישפּילערין העלען בלעי.

איר קענט שוין פאַרשטיין, אַז די פרייד, דעם נחת וואָס מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט צו האָבן ביי דער דערעפענונג פון אונזער נייעם טעאַטער איז צונישט געוואָרן...

האָבן מיר נאָך געצערטלט אַ באַהאַלטענע האָפענונג, אַז אפשר וועט די דערעפענונג, די אַנטפּלעקונג פון אונזער טעאַטער פאַר דער עפענט־לעכקייט, די קינסטלערישע אויפפירונג, די פּרעכטיקע רעזשי, די שוישפּי־לערישע דערגרייכונגען, אפשר וועט דאָס אַלעס דעם טעאַטער געבן דעם נויטיקן שוואונג, די דערהויבונג און עס וועט באַזיגן די פינצטערע כוחות וואָס האָבן אונז די פאַרביטערונג געבראַכט. טראָץ זייערע קליינלעכע אַמ־ביציעס וועט דאָס טעאַטער זיך דורכשלאָגן זיין וועג און מיט דער צייט זיין בכוח אָט די בייזע כוחות צו באַזייטיקן.

איז אָבער די באַהאַלטענע האָפענונג ניט מקוים געוואָרן. וויל איך זיך ניט אונטערנעמען צו משפּט׳ן, צי ס׳זיינען גערעכט געווען די קריטיקער וואָס האָבן כמעט איינשטימיק אונזערע ערשטע צוויי אויפפירונגען, „די פּוסטע קרעטשמע״ און „איינזאַמע מענטשן״ אויפגענומען מיט ווייניק באַגייסטע־רונג, כאָטש מיט גוטן ווילן און מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט האָבן זיי אפשר געשטעלט צו שטרענגע פאָדערונגען און אַזוי צעגלידערט די אויפפירונג, די רעזשי און דאָס שפּילן, אַז דער סך־הכל, די אונטערשטע שורה איז געווען זייער ניט גינסטיק.

וויל איך דאָ ציטירן פון אַן אַרטיקל פון אַ זייער אָנגעזעענעם, ערנסטן זשורנאַליסט אונזערן, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו. איך טו עס דערפאַר, ווייל אין זיין לאַנגן אַרטיקל האָט ער אויך טענות צו די קריטיקער אונזערע פאַר זייער שטרענגן צוגאַנג:

„אַ גרופּע טאַלאַנטפולע, יונגע, אַמביציעזע אידישע שוישפּילער, אָן גליענדיקע שטערן, ביט אין דער האָפענונג צו מאַכן שטיקער גאָלד, נאָר מיט דעם שטרעבן אויפצופירן ליטעראַרישע דראַמען און אויך קינסטלעריש זיי אויפפירן אונטער געניטער רעזשי... די נייע קינסטלערישע געזעלשאַפט איז אויפגעטראָטן פאַרן גרעסטן פובליקום און דער אידישער אינטעליגענץ אין פרץ הירשביינ׳ס „פוסטע קרעטשמע“.

„מיר זיינען אויף יענער פאַרשטעלונג געווען. האָבן אַלע אירע גוטע זייטן און אַלע אירע פעלערן געזען. מיר האָבן זיך ניט אָפגענאַרט, ניט אין די דערוואַרטונגען פריער און ניט אין דעם וואָס מיר האָבן געזען אין טעאַטער. וואָלט דאָך גוט געווען. ליידן מיר אָבער אַלע פון אַ גרויס אומ־גליק. אונזערע קריטיקער גייען צו צו דער אידישער ליטעראַטור, צו דער אידישער קונסט און דראַמע, אפילו צו דער בייעסטער דערשיינונג פון אַ קינסטלערישן טעאַטער, מיט אַזאַ מאַסשטאַב און מאָס פון פאָדערונגען, ווי עס פּאַסט זיך צוצוגיין צו די גרעסטע פון דער וועלט. אָדער זיי לויבן אָן אַ מאָס, אָדער זיי פאַרדאַמען אָן אַ מאָס. און אַנשטאָט צו טאָן דאָס ביסעלע גוטס וואָס די קריטיק דאַרף טאָן — אינטערפּרעטירן און דערמוטיקן דאָס גוטע, דאָס העלפן אַנטוויקלען — אַנטמוטיקן זיי עס און שיטן אָפּט אַרויף אַ לאָפּעטע ערד אויף דעם יונגן בוימעלע. מיר האָבן יאָרן לאַנג געלייענט טעאַטער־קריטיק פון די גרעסטע אייראָפּעאישע טעאַטער־קריטיקער אין פאַרשידענע שפּראַכן, און מיר געדענקען ניט אַז עס זאָל אפילו דער גרויסער אייראָפּעאישער בינע געשטעלט ווערן אַזוי פיל פאָדערונגען פון פולקאָמענ־קייט אויף איינמאָל. אום גאָטעס ווילן, ווי קען מען דאָס פאָדערן פולקאָמענ־קייט אין דעם קינסטלערישן שפּילן? אַ קאָלעגע האָט אָנגערופן דאָס נייע אידישע טעאַטער „דאָס טעאַטער פון רחמנות“. מיר זיינען זיך מודה, פאַר אונז קלינגט דער נאָמען אַ ביסל באָמבאַסטיש. פיל רואיקער האָט אים כאַראַקטעריזירט דער רעזשיסאָר עמאַנועל רייכער אַליין פון דער בינע: ער ווייסט, האָט ער געזאָגט, אַז טעכניש איז די אויפפירונג נאָך ניט פאָלקאָם... אָבער אינגאַנצן גענומען, האָט ער באַטאָנט, האָבן מיר איך געגעבן דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן.

„און אַזוי איז עס. דאָס נייע אידישע טעאַטער איז אין קינסטלערישן זין „דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן“. און די אויפגאַבע אפילו פון דעם ער־

לעכן רעצענזענט און קריטיקער, דאַרף זיין, אָנצואווייזן אויף די פעלערן וואָס קענען אויסגעבעסערט ווערן, און פאַרשטענדלעך מאַכן פאַר דעם עולם דאָס גאַנצע, כדי ער זאָל בעסער קענען אָפּשאַצן דאָס קינסטלערישע. דערמיט מאַכט ער אַן ערנסטן און ערלעכן פּאַרזוך צו דערהויבן די אידישע בינע און דאָס אידישע טעאַטער״.

איך האָב מיט אַ כיוון ציטירט דר. זאָלאָטאַראָוו׳ס טענות צו די טעאַטער־קריטיקער ווייל דאָס גיט מיר די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן מיינע אייגענע טענות אַרום דעם ענין, כדי כאָטש אַ ביסל אַיך צו באַקענען מיט דעם ווי עס פילט דער בעסערער און ערנסטער שוישפּילער ביי אַ פּרעמיער פאָרשטעלונג, ווען די קריטיק זיצט אין טעאַטער.

ווייל איך דאָ, ראשית, פאַרצייכענען אַן אָנגענומענע מיינונג פון שוי־שפּילער און טעאַטראַלן איבער דער גאָרער וועלט, אַז דער ערגסטער עולם, פאַר וועמען זיך צו ווייזן, איז דער וואָס באַשטייט פון קריטיקער, שרייבער און הויך־אינטעליגענץ בכלל. זיי זיינען אַ קאַלטער עולם. דער געוויינלעכער אויסדרוק פון שוישפּילער ביי אַזאַ פאָרשטעלונג איז: „עס ווייעט אַ קעלט פון טעאַטער״. מיר, אויף דער בינע, פילן ניט קיין שום אויסדרוק פון וואַרעמ־קייט, פון באַגייסטערונג — עלעמענטן וואָס אָן זיי קען דער שוישפּילער ממש ניט אָטעמען, קען ניט געבן פולן אויסדרוק צו זיין טאַלאַנט, זיין קינסטלערישער אינטואיציע.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די וואָס קומען אין טעאַטער מיט דער ספּעציעלער פליכט צו דאַרפן שרייבן אַ קריטיק, אַז זיי זאָלן זיך היטן עפנטלעך צו ווייזן זייערע געפילן און איינדרוקן, כדי צו באַהאַלטן זייער מיינונג פאַרן עולם און פאַר זייערע קאָלעגן קריטיקער. ס׳איז אָבער שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס שרייבער בכלל און אַזוי־גערופענע הויך־אינטעליגענץ זיינען אַזוי קאַרג אין אויסדריקן זייער צופרידנקייט ביי אַ פאָרשטעלונג. כדי איר זאָלט זיך פאַרשפּאָרן וואונדערן פונוואַנען מיר ווייסן דאָס, וועל איך אויסזאָגן אַ סוד, עפּעס וואָס ניט קיין סך פון עולם ווייסן.

ביי יעדער פּרעמיער פאָרשטעלונג, אין דער מורא׳דיקער נערוועזיטעט וואָס הערשט סיי אויף דער בינע, סיי אין די הערצער פון די שוישפּילער, קוקן מיר אַלע אין די צווישן־אַקטן, דורך אַלערליי עפענונגען און אין אַרום דעם פאָרהאַנג, און שטודירן די פּנים׳ער, סיי פון די קריטיקער, סיי פון די מערסטע פּראָמינענטע און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון דער

ליטעראַריש־קולטורעלער וועלט וואָס זיצן אין טעאַטער, און זיי — אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואוסט פון אונזערע באַהאַלטענע בליקן... מיר האָבן כמעט קיינמאָל בשום־אופן ניט געקענט פון זייערע פּנים׳ער אָראָפּלייענען אַ מינע, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל אונז געבן די מינדעסטע אָנצוהערעניש וואָס זייער מיינונג איז פון דער פאָרשטעלונג. איז עס טאָקע מורא׳דיק שווער פאַר אונז, ביי אַזאַ פאָרשטעלונג, צו געבן אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן...

לאָמיר אייך שוין אויסזאָגן נאָך אַ סוד. מיר דוכט, אַז דאָס ווייסט כמעט קיינער ניט אויסער אונז, שוישפּילער, און נאָענטע מענטשן. די העכס־טע שטופע פון נערוועזיטעט ביי אונז פלעגט זיין, ווען מ׳האָט אונז אָנגעזאָגט אַז אַב. קאַהאַן זיצט אין טעאַטער. כמעט יעדער איינער אין אונזער טע־אַטער־וועלט האָט זיך מער געשראָקן פאַר זיין מיינונג. צוליב זיין פּאָזיציע אַלס רעדאַקטאָר פון דער אַממערסטן־געלייענטער אידישער צייטונג אין דער וועלט, איז זיין איינפלוס געווען אומגעהויער גרויס. די לייענער פון „פאָר־װערטס" האָבן שטאַרק רעספּעקטירט זיין מיינונג און זיינען באַווירקט געוואָרן פון זיין אָפּשאַצונג. איך וויל אייך דאָ ברענגען צוויי ביישפּילן, וואָס באַשטעטיקן דאָס וואָס איך האָב געזאָגט.

געדענקען עס מן הסתם אַ סך פון אייך, אַז אַרום 1907־1908 איז יעקב גאָרדין געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין פּאָפּולאַריטעט ביים טעאַטער־עולם און ביי די לייענער פון אידישע צייטונגען בכלל. האָט אַב. קאַהאַן אַרום יענער צייט געשריבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען אין „פאָר־װערטס" מיט אָפּשאַצונגען וועגן יעקב גאָרדינ׳ס טאַלאַנט אַלס דראַמאַטורג, צעגלידערט אַ סך פון זיינע דערפאָלגרייכע פּיעסן און אונטערגעצויגן ניט קיין גינסטיקן, ניט קיין שמייכלענדיקן סך־הכל פון גאָרדינ׳ען אַלס דראַמאַ־טורג. און, מערקווירדיק, נאָך יענע אַרטיקלען פון אַב. קאַהאַן האָבן אַ סך פון מיינע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן פונקט ווי איך געהאַט אַ גאָר הויכע מיינונג וועגן גאָרדינ׳ען אַלס דראַמאַטורג, מיטאַמאָל צו מיין גרעסטער איבעראַשונג פאַרלאָרן זייער באַגייסטערונג פאַר אים. זיי האָבן גערעדט כמעט מיט ביטול וועגן זיינע פּיעסן.

קאַהאַנ׳ס מיינונג איז פאַר אַ גרויסע צאָל פון זיינע לייענער געווען וואָגיק, כמעט הייליק. די גרויסע מערהייט „פאָרווערטס" לייענער זיינען געווען די אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר קאַהאַנ׳ס ערלעכקייט, פאַר זיין גרייטקייט זיך אָנצונעמען פאַר דעם געקריוודעטן — עפּעס פון דעם וואָס איך האָב געפילט, ווען קאַהאַן האָט, ניט קענענדיק מיך אפילו, זיך אָנגענומען מיין קריוודע אין פּיפּלס טעאַטער, ווי איך באַ־שריב אין אָנהויב פון „מיין דערציילן".

מיט יענער סעריע אַרטיקלען, וואו אַב. קאַהאַן האָט אַרויסגעזאָגט זיין ניט־גינסטיקע מיינונג וועגן יעקב גאָרדינ׳ס שאַפן, האָט ער דעם דראַמאַ־טורגס פּאָפּולאַריטעט היפּש פאַרקלענערט.

מיין צווייטער ביישפּיל האָט צו טאָן מיט מיין שוואָגער, לודוויג זאַץ. האָב איך שוין אַ פּאָר מאָל אייך צוגעזאָגט אין „מיין דערציילן״, אַז איך וועל זיך אָפּשטעלן מער אויף אַב קאַהאַנ׳ס מיינונג וועגן לודוויג זאַץ און ווי אַזוי מיין שוואָגער האָט אויף דעם רעאַגירט. ווי איר געדענקט, האָט אַב. קאַהאַן אין זיין קריטיק פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ אַרויסגעזאָגט ניט קיין צו־גוטע מייבונג וועגן זאַצ׳ן אין דער ראָלע פון „טאָדרעס״, כאָטש זאַץ האָט אין דער ראָלע אַרויסגערופן אַ סך באַגייסטערונג, און די מערסטע רעצענזענטן און קריטיקער האָבן אים שטאַרק געלויבט.

די ראָלע פון טאָדרעס איז בפירוש ניט קיין קאָמיקער־ראָלע. זאַץ האָט אפילו אַרויסגעוויזן אַ היפּשע מאָס טראַגיזם אין יענער ראָלע. קאַהאַן זאָגט: „זאַצ׳ן איז דיזע ראָלע זייער ניט געראָטן. ער איז אַ קאָמיקער אין דעם געוויינלעכן זין, און דאָ פאָדערט זיך קינסטלערישע אַרבעט פון אַ העכערן סאָרט .דאָס איז אים ניט געלונגען...״ די מיינונג קאַהאַנ׳ס האָט זאַצ׳ן זייער וויי־געטאָן. אין יענער צייט איז זאַץ ניט געווען פון די שוישפּילער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דער זיכערקייט, אַז זיי זיינען גאָטס־געבענטשטע טאַלאַנטן. אָבער אויף אַזאַ קלאַפּ פון אַב. קאַהאַנ׳ען האָט ער זיך ניט געריכט. ער האָט אָבער ניט געוואָגט צו האָבן עפּענטלעכע טענות צו אַב. קאַהאַן...

דעם קומענדיקן סעזאָן איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן פון עדלשטיינ׳ען אַלס „סטאַר״ פאַר זיין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. ער איז דאָרט אויפגע־טראָטן אין גרשון באַדער׳ס „דעם רבי׳נס ניגון״. אין דער ראָלע פון יונגן רבי׳לע האָט ער געהאַט אַזאַ ריזיקן דערפאָלג, וואָס איז כמעט שווער צו געפינען אַ פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער. ווען קאַהאַן האָט געשריבן וועגן אים אין יענער ראָלע, האָט ער אויסגעדריקט אַ מיינונג אַז זאַץ איז ניט קיין קאָמיקער. נאָך קאַהאַנ׳ס יענער קריטיק האָט זייער אָפּט פּאַסירט, אַז ווען דער עולם פון טעאַטער האָט געקייכט פון געלעכטער, פון זאַצ׳ס שפּילן דעם רבי׳לע, האָבן זיך געהערט אויסרופן: „לאַכט ניט, ער איז ניט קיין קאָמיקער...״

מיט קוראַזש פון זיין אַ סטאַר, און האָבנדיק אַזאַ ריזיקן דערפאָלג אין אַ גרויסן טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו, האָט זאַץ, טיילוויז געריצט פון זיינע געשוואוירענע פאַרערער, פון דער בינע זיך אויס׳געטענה׳ט מיט קאַהאַנ׳ען גאָרניט אויף אַ קאָמפּלימענטירנדיקן אופן. דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַ צאָל טעאַטער־שרייבער. דער „פאָרווערטס״ איז ממש פאַר־

פלייצט געוואָרן מיט אַן אַ שיר בריוו פון די לייענער וועגן דעם ענין, צי איז זאַך אַ קאָמיקער, צי ניט. אין די בריוו זיינען די מיינונגען געווען היפּשלעך צעטיילט. די גרעסטע מערהייט אָבער האָט אָנגענומען קאַהאַנ׳ס מיינונג, אַז זאַך איז ניט קיין קאָמיקער.

גייט עס מיר ניט אַזוי שטאַרק אין די מיינונגען וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. עס וואַרעמט מיך אָבער דאָס האַרץ ווען איך דערמאָן זיך מיט בענקעניש אין דעם גרויסן אינטערעס, וואָס דער אידישער טעאַטער־עולם האָט אַרויסגעוויזן דעם טעאַטער און די שוישפּילער. דאָס ווייזט, אַז דאַן איז דאָס אידישע טעאַטער געווען אַ טייל פון זייער לעבן. בענקט זיך שטאַרק נאָך יענער צייט. אָט דער אינצידענט אונטערשטרייכט ווידער קאַהאַנ׳ס גרויסן איינפלוס אויף זיינע לייענער און אויף די טעאַטער־גייערס.

דערפאַר איז אונזער נערוועזיטעט געווען אַזוי גרויס ווען קאַהאַן איז געווען אין טעאַטער. קאַהאַן האָט געהאַט אַ געוואוינהייט קיינמאָל ניט צו פאַרלאָזן זיין פּלאַץ ביי די אַנטראַקטן אין טעאַטער. איז חוץ דעם וואָס מיר פלעגן פון אונזערע באַהאַלטענע פענסטערלעך קוקן און שטודירן קאַהאַנ׳ס פּנים, פלעגן מיר אויך אַרויסשיקן ספּעציעלע שלוחים, זיי זאָלן שפּיאָנירן, אפשר וועט זיי געלינגען אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס וועט אונז געבן אַן אָנצוהערעניש, וואָס זיין מיינונג איז וועגן דער פאָרשטעלונג. ס׳איז אונז אָבער קיינמאָל ניט געלונגען.

האָב איך אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל זיך אויסגעדריקט, אַז קאַהאַנ׳ס אַרויסגעזאָגטע מיינונג וועגן לודוויג זאַצ׳ן אין דער ראָלע פון „טאָדרעס״ האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאַט צו טאָן מיט דעם, וואָס זאַך איז אַוועק אויף נאַרישע וועגן אין זיין קאַריערע אַלס שוישפּילער. אין מיינע אָפטע גע־שפּרעכן מיט לודוויג׳ן אין סעזאָן פון „פאַרוואָרפן ווינקל״ האָט ער מיט ערגערניש און טיפן פאַרדרוס גערעדט וועגן קאַהאַנ׳ס מיינונג וועגן אים, אויסדריקנדיק דעם געדאַנק, אַז עס לוינט זיך ניט פאַר אַ שוישפּילער אויף דער אידישער בינע זיך ערנסט צו פאַרטיפן און פאַרטראַכטן ווי אַזוי קינסטלעריש אַ ראָלע צו שאַפן: — „עס ווערט ניט אָפּגעשאַצט״.

איך האָב. פאַרשטייט זיך, געפּרואווט אים באַווייזן, אַז ער איז אומגע־רעכט. אַ קריטיקער האָט דאָס רעכט איבערצוגעבן דעם איינדרוק וואָס אַ פּיעסע אָדער אַ שוישפּילער האָט אויף אים געמאַכט, אויב ער איז נאָר אויפריכטיק אין זיין מיינונג. ווי געזאָגט, האָט זיין גרויסער דערפאָלג אויף סעקאָנד עוועניו אים היפּשלעך צעטומלט און אים פאַרפירט אויף נאַרישע, און פאַר אים און פאַרן טעאַטער בכלל, שעדלעכע וועגן.

דפנים, אַז ניט אין קיין מזל׳דיקער שעה איז „דאָס נייע אידישע טעאַטער״ אונזערס געבוירן געוואָרן. אפילו איך אַליין, וואָס האָב אַזוי פיל האַרץ און נשמה אין דעם אַריינגעלייגט, אפילו ביי מיר אַליין האָט דאָס טעאַטער ניט דעם געהעריקן מזל זייבעם.

ווען איך האָב געטראַכט פון דערציילן אייך וועגן דעם ערשטן און איינציקן סעזאָן וואָס דאָס טעאַטער האָט פאַר מיר עקזיסטירט, בין איך זיכער געווען, אַז דאָס וועט פאַרנעמען ניט ווייניקער פּלאַץ ווי דער ערשטער סעזאָן אין שוואַרצ׳ס אירווינג פּלעיס טעאַטער. אָבער איצט, ווען איך דאַרף מיינע געדאַנקען ברענגען צום אויסדרוק, ווילט זיך מיר וואָס שנעלער דאָס איבערקומען, ווערט מיר איבערדריסיק דאָס טראַכטן דערפון, ווער איך באַהערשט פון אַ געפיל וואָס ווייניקער זיך צו גריבלען אין יענע געשעענישן...

פּרוביר איך פאַר זיך אַליין צו פאַרטייטשן אָט דעם מאָדנעם געפיל מיינעם, ווערט פאַר מיר קלאָר פאַרוואָס אָט דער געפיל האָט מיך באַהערשט. עס קען קיין שום צווייפל ניט זיין, אַז מיר, די גרופּע שוישפּילער, וואָס האָבן אויפגענומען לואי שניצער׳ס גרייטקייט צו העלפן שאַפן אַ נייעם, אמת־בעסערן אידישן טעאַטער, האָבן אין דעם אַריינגעלייגט די בעסטע כוחות, די שענסטע טרוימען, די ריינסטע כוונות, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, אָבער, הפּנים, די פּערזענלעכע אַמביציעס וואָס האָבן שניצער׳ן געבראַכט צו יענעם פאַרזוך זיינעם, האָבן באַזיגט און צונישט געמאַכט אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען. איז מקוים געוואָרן דער אַלטער, באַקאַנטער אויסדרוק, „דער באַרג האָט אַ מויז געבוירן״.

איז, כאָטש וועגן די ערשטע צוויי פּיעסן, „די פּוסטע קרעטשמע״ און „איינזאַמע מענטשן״, איז זייער אַ סך געשריבן געוואָרן אין דער אידישער און ענגלישער פּרעסע און, אין סך־הכל, איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ סך לויב, אַ סך שבחים... אויף מיין חשבון איז פאַרשריבן געוואָרן אַ היפּש ביסל גוטע, אויפריכטיקע און קאָמפּלימענטירנדיקע מיינונגען — גייט עס מיר אָבער אַלץ ניט איין, ווייל ווי אַ גאַנצעס איז די אויפנאַמע פון דער קריטיק געווען שטאַרק אומגינסטיק. עס האָבן געשריבן די וויכטיקסטע טעאַטער־שרייבער פון יענער צייט: יואל ענטין, הלל ראָגאָף, ב. גאָרין, ישראל דער יענקי, אוריאל מזיק, זישע לאַנדוי, מ. גרים, און אַ גאַנץ צעטל שרייבער אונטער אַלערליי ראשי־תיבות.

איך פיל זיך שולדיק, וואָס אַזוי פיל ערנסטע אָנשטרענגונגען פון אַזוי פיל אויפריכטיקע שרייבער ווערן פון מיר אַזוי ברוטאַל איגנאָרירט. אָבער סיי מיין טעאַטער־אינסטינקט, סיי מיין געפיל פאַר יושר זאָגן מיר אונטער, אַז

צו ציטירן פון די אַלע קריטיקער, ווײַל איך בלויז פאַרנעמען אַ סך פּלאַץ. די אונטערשטע שורה וועט בלייבן ניט מער ווי דאָס, וואָס דר. זאָלאָטאַראָוו האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין אַרטיקל, פון וועלכן איך האָב פריער ציטירט.

אָבער אַזוי ווי איך דערצייל וועגן זיך אַליין, וועל איך זיך דערלויבן צו באַרימען מיט ציטירן בלויז אַ פּאָר מיינונגען, וואָס זיינען וועגן מיר געשריבן געוואָרן.

שרייבט הלל ראָגאָף וועגן „איינזאַמע מענטשן" אין „פאָרווערטס":

„צילי אַדלער דערהויבט זיך מיט איר שפּילן צו אַ הויכן גראַד פון ריינער קונסט. די ראָלע איז אַ גרויסע און אַ שווערע, דאָך פילט זיך ניט קיין איינציקע פגימה אין די אַלע פינף אַקטן. מיר געדענקען ניט אַ פאַל, ווען אָט די זעלטענע קינסטלערין האָט דעם עולם אַזוי באַצויבערט ווי אין דער ראָל. איר געשטאַלט, אין אַלגעמיין, און דער אויסדרוק פון איר געזיכט אין די קריטישע מאָמענטן, שוועבן פאַרן צושויערס אויגן לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי ער פאַרלאָזט דאָס טעאַטער".

וועגן דער זעלבער ראָלע, נעם איך אַרויס אָט דעם קורצן אויסדרוק פון דער רעצענזיע אין „טאָג":

„מענטשן ווערן צעבראָכן פון די ליידן פון דער צוויי־און־צוואַנציק יאָ־ריקער פרוי קייטי — לאַנג לעבן זאָל די רירנדיקע, מענטשלעכע, נאַטיר־לעכע צילי אַדלער..."

און אָט איז נאָך איין אויסדרוק פון אַ רעצענזענט פון דער זעלבער פּיעסע:

„בלויז פאַר איין צילי אַדלער זיינען דאָ ניט געלעגן קיין שטרויכלונגען אין וועג. אָבער וואו, גוטע מענטשן, איז דען דאָ אַ שטרויכלונג פאַר אַן אַקטריסע, וואָס איז צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר געוואָרן אונזער סאַראַ בערנאַרד און קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אינאיינעם?" (איך בין אַזש רויט געוואָרן דאָס לייענענדיק).

איז נאָך דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דורך יענעם סעזאָן איז אין טעאַטער געשפּילט געוואָרן דוד פּינסקי'ס „שטומער משיח", מיט עמאַנועל רייכער אין דער הויפּט־ראָלע; שלום אַש'ס „מיטן שטראָם"; דימאָוו'ס „בראָנקס עקספּרעס"; „שמשון און דלילה" פון סוון לאַנגע. אַ צאָל פון די פּיעסן האָבן געהאַט אַ דורכשניטלעכן דערפאָלג. קיין איינע פון זיי האָט ניט געוואַלדיק אויסגענומען.

צווישן די געשפּילטע פּיעסן יענעם סעזאָן אין גאַרדען טעאַטער איז אויך געווען איבסענ'ס וועלט־באַרימטע פּיעסע „נאָראַ". דאָס איז געשפּילט געוואָרן צום ערשטן מאָל דינסטיק דעם 3טן פעברואַר, 1920, צו מיין ערן־

אָוונט. די גאַנצע שטימונג אין טעאַטער און אויך מיין פערזענלעכע שטימונג זיינען אַוודאי ניט געווען קיין יום־טוב׳דיקע. לגבי מיינע געפילן (גרייטנדיק זיך צו יענעם יום־טוב מיינעם) זיינען מיינע פּאַרדרוסן און ערגערנישן אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער ביי מיין „שמעטערליג שלאַכט״ יום־טוב געווען אַ צוקער־לעקעכל. דאָרט, אויב איר געדענקט, בין איך דעם אָוונט פון דער פּאָרשטעלונג באַלוינט געוואָרן סיי מיט האַרציקער וואַרעמקייט פון מיינע קאָלעגן שוישפּילער, סיי מיט דער יום־טוב׳דיקער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין טעאַטער אַ דאַנק דער אָנוועזנהייט פון מיינע טאַטע־מאַמע, יעקב פּ. אַדלער און דינע פיינמאַן. (דעם יאָר איז מיין מאַמע געווען פאַרנומען אין דעם טעאַטער וואו זי האָט געשפּילט, און מיין טאַטע האָט אין אַ האַרציקער טעלעגראַמע מיר געלאָזט וויסן, אַז ער קען מיט מיר זיין „נאָר אין גייסט״).

קען איך זיך ניט באַקלאָגן, אַז דער עולם האָט זיך ניט אָפּגערופן צו מיין אָוונט. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. דער עולם האָט מיך וואַרעם אויפגענומען. אַ טייל פון די קאָלעגן מיינע האָבן זיך מיט מיר געפרייט. אַרום און אַרום אָבער, איז מיר דער יום־טוב געווען איבערדריסיק. ווען ניט די עטלעכע הונדערט דאָלער, אין וועלכע איך האָב זיך גענויטיקט, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן די באַלעבאַטים פון טעאַטער מוחל געווען דעם אָוונט.

איך וואָלט אפשר אינגאַנצן ניט דערמאָנט דעם ענין. האָט מיר אָבער אימפּאָנירט, וואָס ווי אַ צושויער יענעם אָוונט, אָן מיין וויסן, איז אין טעאַטער געזעסן דער באַרימטער ציוניסטישער פירער לואיס ליפּסקי, און צו מיין גרעסטער איבעראַשונג האָט ער געשריבן אין „מאָרגען־זשורנאַל״ דעם 9טן פעברואַר אַ זייער וואַרעמע רעצענזיע וועגן יענעם אָוונט מיינעם. וויל איך זיך ניט אונטערנעמען צו זאָגן, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מאָל וואָס לואיס ליפּסקי האָט געשריבן וועגן טעאַטער. אָבער עס פרייט מיך וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין אַ טעמע פאַר איינע פון די געציילטע טעאַטער־קריטיקן וואָס ער האָט אין זיין לעבן געשריבן.

איך קען ניט ציטירן דעם לאַנגן אַרטיקל. וואו ער ציינט אַ סך פאַר־שטענדעניש פאַר טעאַטער און אַ פיינע באַציאונג צום שוישפּילער. איך וועל אייך איבערגעבן בלויז עטלעכע שטעלן:

„צילי אַדלער. די יונגע, באַגאַבטע אידישע אַקטריסע, האָט געשפּילט „נאָראַ״ דעם לעצטן דינסטיק אָוונט אין נייעם אידישן טעאַטער און האָט דורך דעם זיך פּרובירט פאַרמעסטן מיט די אַנדערע אַקטריסעס פון ערשטן קלאַס אין אַ ראָלע וועלכע שטעלט גרויסע פאָדערונגען צו די כוחות פון

אַ שווישפּילערין. אַ הויז אָנגעפּילט מיט פּריינט — אמת׳ע פּערזענלעכע פריינט — האָט באַגריסט די ליבנסווירדיקע אַרטיסטין און האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר אַ טיפן אינטערעס אין איר שפּילן „נאָראַ״ נאָר אויך אַן אמת׳ע פּערזענלעכע ליבע צו איר. מען קען זאָגן גלייך פון אָנהויב, אַז צילי אַדלער האָט זיך ספּראַוועט אין דער ראָלע מיט קרעדיט. זי האָט אַרויסגעצייגט אומגעווייגלעכע אינטעליגענץ, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט איר אויפריכטיקער אינטואיציע און פיל פאַרשטענדעניש פאַר דער שווערער ראָלע. עס וואָלט געווען נאַריש צו מאַכן פאַרגלייכן. מאַדאַם קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ׳ס „נאָראַ״ איז געווען אַן אויסגערעכנטע שטיק פאָרשטעלונג, אין וועלכער ס׳האָבן געפעלט פייער און וואַרעמקייט, אָבער עס האָט געהאַט אירע אייגענע שיינקייטן. נאַזימאָוואַ איז ערטערוויז געווען פיל בעסער, אָבוואָל, אין די ערנסטע מאָמענטן האָט איר געפעלט אויפריכטיקייט. מרס. פיסק׳ס „נאָראַ״ איז געווען אַ שטיק רייפע פאָרשטעלונג וואָס איז באַגריפן געוואָרן אין אַ גאַנץ אַנדער גייסט. די אויסשטייענדיקע מעלות פון צילי אַדלער׳ס „נאָראַ״ גלייך ביי איר ערשטער פאָרשטעלונג, איז איר מיידלשקייט און איר פולשטענדיקייט, און אַלס אַזעלכע איז עס געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע שטיק קונסט... זי פאַרדינט די לויב פון אַלע ליבהאָבער פון גוטן שפּילן״.

מיר האָט שטאַרק הנאה געטאָן, ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין גאַרדעראָב נאָך דער פאָרשטעלונג און צווישן אַנדערעס מיר געזאָגט: „צילי אַדלער, איך וואָלט זייער געוואָלט אייך זען אין דער ראָלע נאָכדעם ווי איר וועט עס שפּילן כאָטש נאָך אַ צען מאָל״.

דערמאָנט מיך מיין שפּילן „נאָראַ״ אין אַ זייער טשיקאַווען עפּיזאָד ביי אַ פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע אין בראַזיל אויף מיינעם אַ שפּעטערדיקן טור דאָרט. נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען אַ גרופּע פרויען אַריינגעקומען צו מיר אין דער גאַרדעראָב. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס פאָרטרעטער פון אַ פרויען אָרגאַניזאַציע און געהאַט צו מיר אַ טענה: למאי איך טרעט אויף אין אַ ראָלע וואָס ווייזט אַז אַ פרוי לאָזט איבער מאַן און קינדער און גייט אַוועק. „איר טאָרט ניט ווייזן אַזאַ שלעכטן ביישפּיל צו אונזערע פרויען״.

איך בין, פאַרשטייט זיך, געבליבן ווי געפּלעפט פון דער מאָדנער טענה. און כדי זיך צו ראַטעווען פון זייער צאָרן, האָב איך ספּאָנטאַן געענטפערט: „נאָראַ קומט מאָרגן אין דער פרי צוריק — זי האָט בלויז געוואָלט אָנלערנען דעם מאַן אירן און אים איבערשרעקן. אָבער איר מעגט זיין גאַנץ רואיק, נאָראַ וועט מאָרגן צוריקקומען״.

זיי זיינען צופרידענע אַרויס פון מיין „דרעסינג רום״.

געשלאָסן האָט זיך דער סעזאָן מיט הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער״, וואָס בן־עמי האָט דעם פריערדיקן יאָר אין זיין זומער־סעזאָן אין אירווינג פלעיס טעאַטער אויפגעפירט. אַזוי ווי די ראָלע פון „ציניע״ אין דער פיעסע איז מיין באַליבסטע ראָלע, ציט עס מיך זיך מער אָפּשטעלן אויף דעם. אגב, איז דאָך דאָס געווען דער אָפיציעלער סוף פון יענעם צערונענעם חלום אונזערן.

וויל איך אויך אין דעם פאַל איך ניט מאַטערן מיט ציטאַטן פון דעם שלל רעצענזיעס וואָס איז וועגן דער פיעסע געשריבן געוואָרן. איך וויל אָבער פאַרצייכענען צוויי מאָמענטן אַרום יענער אויפפירונג — איינער, וואָס האָט בכלל ניט צוטאָן מיט פרעסע־קריטיק, וואָס האָט אָבער פאַר אונז, שוישפילער, געהאַט אַ געוואַלדיקע באַפרידיקונג.

סיי אין אירווינג פלעיס טעאַטער אין פריערדיקן סעזאָן, סיי אין אונזער נייעם טעאַטער, איז קיינער פון די אַנערקענטע סטאַרס אונזערע ניט גע־קומען זען אונזער אַ פאָרשטעלונג. דער פאַקט וואָס מיין טאַטע איז געקומען צו מיין אָוונט אין אירווינג פלעיס טעאַטער — איז עס געווען בלויז אויס אַנערקענונג צו מיר אַלס זיין טאָכטער. איז עס דערפאַר פאַר אונז, שוי־שפילער, געווען אַן אַנגענעמע איבעראַשונג ווען צו איינער פון די פאָר־שטעלונגען פון „גרינע פעלדער״ איז געקומען דוד קעסלער. ער איז, בכלל, אין זיין גאַנצן באַנעם געווען אַזוי פיל איבערגעגעבן צום טעאַטער, אַז ער האָט הנאה געהאַט פון נייע אויפטוען און נייע פאַרזוכן.

ווען ניט דער משפחה־פּלאָנטער צווישן אים און ווילנער׳ן, וואָלט קעסלער מן הסתם אָפּגעריסן צייט און אַרויסגעוויזן אינטערעס צו קומען זען דעם אָנהויב פון בעסערן טעאַטער אין אירווינג פלעיס. ביי דער פאָר־שטעלונג „גרינע פעלדער״ האָט ער ניט נאָר אַרויסגעוויזן זיין הנאה זיצנ־דיק אין טעאַטער מיט אַפּלאָדירן, ער איז אויך געקומען הינטער דער בינע און פערזענלעך אונז אויסגעדריקט זיין אַנערקענונג און לויב. איך, ספּעציעל, האָב דערפון געהאַט אַ סך פרייד און פאַרגעניגן, עפּעס וואָס איך האָב יענעם סעזאָן זייער ווייניק געהאַט.

דער צווייטער מאָמענט ביי דער פאָרשטעלונג פון „גרינע פעלדער״ וואָס איז שוין געווען אַ געמיש פון פרייד און ערגערניש, איז געווען אַב. קאַהאַנ׳ס קריטיק וועגן דער פיעסע און וועגן שפּילן.

ס׳דוכט מיר, אַז עס קענען גאָר קיין צוויי מיינונגען ניט זיין וועגן דעם, אַז „גרינע פעלדער״ איז די שענסטע אידיליע פון אידישן לעבן וואָס איז ווען עס איז געוויזן געוואָרן אויף דער אידישער בינע, און אפשר בכלל אין דער אידישער ליטעראַטור. און עס קען, לויט מיין מיינונג, אויך קיין

פּרץ הירשביין מיט די כאַראַקטערן פֿון זיין „גרינע פֿעלדער"

מיינע הירשביין־ראָלן

צינע
אין „גרינע פעלדער"

ציךל
אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל"

בן־עמי און איך
אין „פוסטע קרעטשמע"

צווייפל ניט זיין אַז אין דער ראָלע פון „לוי־יצחק" האָט יעקב בן־עמי אַרויסגעבראַכט אויף אַ וואונדערלעכן אופן דעם אָרעמען, אָבער גייסטרייכן ישיבה־בחור.

אין זיין קריטיק האָט קאַהאַן, למשל, אַזעלכע אויסדרוקן: „די פּיעסע איז זייער אַ שיינע, זייער אַן אינטערעסאַנטע, זייער אַן איינדרוקספולע. איר מעגט אָפּגיין אין די ענגלישע טעאַטערע מאָנאַטן־לאַנג, וועט איר פון זייערע פּיעסן ניט באַקומען אַזאַ איידל און אַזאַ איידל־מאַכנדיקן גענוס, ווי דער וואָס איר באַקומט אין דיזער פּיעסע. אַזוי ווי אַ פּרעכטיקע געביידע דרינגט אייער נשמה דורך מיט אַ געפיל, וועלכער איז ענלעך צו דעם מוזיק־געפיל, צו דער דערהויבנקייט וואָס אין אייער נשמה ווערט געשאַפן ווען איר לעזט פּאָעזיע — אָט אַזאַ שטימונג ווערט אין איך געבוירן און וואַקסט ווען איר קוקט אויף די „גרינע פעלדער". אָט פּונקט אַזוי פיל איך וועגן די „גרינע פעלדער", שרייבנדיק דיזן אַרטיקל אַ טאָג נאָכדעם ווי איך האָב די פאָר־שטעלונג בייגעוואוינט".

קען דען זיין אַ בעסערע מיינונג פון אַזאַ וויכטיקן זשורנאַליסט און פּערזענלעכקייט ווי אַב. קאַהאַן? דאָס איז פאַר אַ טעאַטער זייער אַ גרויסער געווינס. זאָגט ער אָבער אין סאַמע אָנהויב אַזאַ מיינונג:

„אַ געביידע פון וועלכער די אַרכיטעקטור איז אַ שיינע, אַן אינטערע־סאַנטע, אַן אָריגינעלע, אָבער וואָס אין אירע איינצלהייטן זיינען פאַראַן אַ סך פעלערן. דער אַלגעמיינער פּלאַן זאָגט עדות וועגן אַ גייסטרייכן קינסט־לער; פון וויטן מאַכט דער בנין אויף איך אַ שטאַרקן איינדרוק — אָבער דאָ איז אַ פענסטער קרום, דאָ איז אַ טיר ניט ווי עס פּאַסט, דאָרטן זיינען ציגל געלייגט אומגעלומפּערטערהייט... אָט אַזאַ בילד האָט זיך מיר געפּלאָנ־טערט אין קאָפּ ווען איך בין אַרויס פון דעם נייעם טעאַטער וואו איך האָב געזען פּרץ הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער"...

האָט עס אונז באמת געוואָרפן אין היץ און אין קעלט לייענענדיק קאַהאַנ׳ס מיינונג וועגן דער פּיעסע. אָט האָבן מיר געשוועבט אין די הימ־לען פון זיין גוטער מיינונג; אָט זיינען מיר אַראָפּ אין גיהנום ווען ער רעדט וועגן די פעלערן. זיין מיינונג וועגן דעם שפּילן איז אויך אַזוי — אַרויף און אַראָפּ. גיט ער, למשל, אין אָנהויב דעם פאָלגנדיקן סך־הכל: „יעדער און יעדע האָט געהאַט וואָס צו שפּילן; יעדער און יעדע האָט צוזאַמען געווירקט מיט די איבעריקע אַזוי אַז דער סך־הכל איז געווען ווי אַן אָר־קעסטער אין וועלכן די אינסטרומענטן גיסן זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָניע". איז דאָך ווידער גוט. נעמט ער אָבער נאָכדעם צעגלידערן יעדן איינעם באַזונדער און ווידער איז דאָ מער חסרונות ווי מעלות. הויבט ער אָן, למשל,

מיט מיר און זאָגט: „צילי אַדלער האָט די ראָלע אַרויסגעבראַכט אויסגע־צייכנט, אָבער..." דאָ קומט אַזוי פיל חסרונות מיינע, אַז ס׳קען שוין ניט זיין „אויסגעצייכנט"... ס׳קען שוין אפילו ניט זיין ניש׳קשה...

זאָגט ער וועגן בן־עמי׳ן: „ווען בן־עמי באַווייזט זיך אויף דער בינע אין „גרינע פעלדער", האָט אַזוי ווי אַן אָטעם געטאָן מיט גייסטיקייט, גראָד דאָס וואָס עס פאָדערט זיך דאָ... דיזע גייסטיקייט האָט זיך אין אים געפילט אין די גאַנצע דריי אַקטן". און ווידער קומט אַן „אָבער" וואָס מאַכט אַלץ צונישט.

איך האָב זיך דערלויבט אַרויסצוברענגען אָט דעם ביישפיל פון אַב. קאַהאַנ׳ס קריטיק וועגן „גרינע פעלדער" וואָס באַשטעטיקט אין אַ געוויסער מאָס דר. זאָלאָטאַראָוו׳ס טענות צו די קריטיקער.

אויב איך געדענקט, האָב איך אין איינעם פון מיינע פריערדיקע קאַפּיט־לען אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז טראָץ דער הינטער־קוליסן פּאָליטיק און די ניט־באַרעכטיקטע אַמביציעס פון דער באַלעבאָסטע פון טעאַטער, האָבן מיר, ווי איך האָב זיך דאָרט אויסגעדריקט, „געצערטלט אַ באַהאַלטענעם געדאַנק, אַז אפשר וועלן אונזערע אויפפירונגען, דער רעפּערטואַר, די רעזשי, די שוישפּילערישע דערגרייכונגען, אַזוי אויפגענומען ווערן פון דער קריטיק און פונם עולם, אַז אונזער נייער טעאַטער וועט בייקומען די בייזע כוחות וואָס זוכן אים צו צעשטערן".

איז ניט באַשערט געווען אַז יענער טרוים אונזערער זאָל פאַרווירק־לעכט ווערן...

דער דערפאָלג פון „גרינע פעלדער" האָט, טראָץ דעם אַלעם, די פינאַנ־ציעלע מערכה פון טעאַטער היפּשלעך פאַרבעסערט, אָבער ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן פאַר אַ לענגערן פּראָווינץ־טור, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען דער נאַטירלעכער גאַנג פון אידישן טעאַטער, האָב איך מחמת צוויי סיבות פון טור זיך אָפּגעזאָגט. איין סיבה: דאָס טעאַטער איז מיר מורא׳דיק נמאס געוואָרן... ס׳איז מיר דערווידער געוואָרן די אַטמאָספערע פון טעאַטער. די אומריינע לופט האָט מיך ממש געשטיקט. איך האָב וואָס שנעלער געוואָלט אָפּטרייסלען זיך פון נייעם טעאַטער אונזערן.

ניט ווילנדיק, מוז איך מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן מיינע צוויי אַנטוי־שונגען. איך בין פון שוואַרצ׳ן קיינמאָל ניט אַוועק מיט אַ געפיל פון שנאה. איך האָב קיינמאָל פון שוואַרצ׳ן צו מיר ניט געפילט קיין פיינטשאַפט. שוואַרצ׳ס שוואַכקייטן, שוואַרצ׳ס זוכן צו שטייגן העכער פון אַלעמען, זיינען געווען אין די ראַמען פון באַרעכטיקטער מענטשלעכער שוואַכקייט. — שטרויכלונגען וואָס ניט אַלע קענען בייקומען. דאָ, אָבער, אין דעם טעאַטער

האָב איך דערפילט אַ שנאה פון די באַלעבאַטים צו מיר, און איך מוז מודה זיין, איך צו זיי האָב אויך געפילט אַ באַשטימטע פיינטשאַפט. דער באַלעבאָסטעס ניט־גערעכטע אַמביציעס האָבן לכל הדעות ניט געהאַט קיין גרונט, קיין באַרעכטיקונג און וועלכע ניט איז מעגלעכקייט זיי אַמאָל צו רעאַליזירן.

איך האָב זיך שוין פּאַקטיש מיט דעם נייעם טעאַטער געזעגנט. איך בין שוין מיט מער אָדער ווייניקער פאַרגעניגן געוועזן אַנגאַזשירט אַלס סטאַר־שוישפּילערין אין אַנשל שאָר׳ס אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע. איך האָב שוין, הייסט עס, אין די צוויי סעזאָנען פון אירווינג פּלעיס און גאַרדען טעאַטער געהאַט גענוג אַנטוישונג ,זיך אָנגעשעפּט מיט גענוג ביטערקייט, אויב איך האָב ביי זיך גע׳פּועל׳ט אומצוקערן זיך צום אַלטן טעאַטער, שפּילן די ראָל פון דער אַנערקענטער „לידינג לעידי״, כדי צו קענען זיך כאָטש גייסטיק אָפּרוען פון דעם האַרצווייטיק און פאַרדרוס וואָס די נייע פאַרזוכן האָבן מיר געבראַכט.

דאָס צווייטע וואָס האָט מיך ווי געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון דעם טור, און פון אַ ראָלע וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט און אַזוי געוואָלט זיך אין איר באַווייזן אויסער ניו יאָרק, איז געווען אַ ריין־פּערזענלעכע סיבה. עס קען זיין, אַז כאָטש דירעקט האָט עס קיין שום שייכות ניט געהאַט אין וועלכן ניט איז אופן מיט דעם טרויעריקן קאַפּיטל פון נייעם אידישן טעאַטער, האָט אָבער די ביטערקייט וואָס איך פיל ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם סעזאָן, אַן אומדירעקטע שייכות מיט מיין פּערזענלעכער טראַגעדיע, וואָס איך האָב גראָד יענעם סעזאָן דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט.

ווען איך האָב דערציילט וועגן דעם געבורט פון מיין קינד, האָב איך געגעבן אַן אָנצוהערעניש וועגן ניט קיין פולקאָמענעם שלום־בית צווישן מיין מאַן, לאַזאַר פריד, און מיר. די עטלעכע יאָר פון דאַן ביז דעם סעזאָן, וואָס איך האַלט וועגן אים איצטער אין דערציילן, איז דער שלום־בית אַ סך ערגער געוואָרן.

נעם איך זיך ניט אונטער צו משפט׳ן ווער פון אונז איז געווען מער שולדיק. איך ווייס נאָר, אַז לאַזאַר׳ס בנעימות׳דיקער און זיידענער איינדרוק, וואָס די גאַנצע פּראָפעסיע האָט באַוואונדערט, האָט מיך אָפּגעהאַלטן עטלעכע יאָר פון מאַכן דעם ענדגילטיקן שריט. הפנים, אַז ס׳זיינען דאָ מענטשן אַזעלכע, וואָס גיבן אַזוי פיל פיינקייט און קאַווילערישקייט דער דרויסנדיקער וועלט, אַז ס׳בלייבט ווייניק דערפון פאַר די נאָענטסטע און ליבסטע...

איך האָב געפילט, אַז די צעריסנקייט צווישן אונז ווירקט שלעכט אויפן געזונט פון אונזביידן, און נאָך מער האָב איך מורא געהאַט, אַז אונזער וואַקסנדיקער זון וועט אָנהויבן פילן אונזער צעריסנקייט; אַז אַ היים אָן

ליבע, אָן חבר׳ישקייט, אָן אַ וואַרעמער אַטמאָספערע קען האָבן אַ שעדלעכע ווירקונג אויף אונזער קינד. כאָטש מיך האָט געשראָקן דער געדאַנק, אַז איך וועל אַמאָל דאַרפן מיין קינד ענטפערן אויף פראַגן, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען דעם שריט און מאַכן אַ סוף.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז ניט מיט קיין לייכטן געמיט נעמט מען אויף זיך די אַחריות פון מאַכן אַזאַ ענדגילטיקן באַשלוס. אַ שיידונג, בכלל, איז זייער אַ פיינלעכער פּראָצעס דורכצומאַכן ביי אַלע מענטשן. די אָנגענומענע מיינונג ביי דער וועלט איז, אַז ביי שוישפּילער איז דאָס אַ לייכטער ענין און ס׳זיינען טאַקע דאָ פאַלן אין דער שוישפּילערישער וועלט וואָס קענען אַרויסגעשטעלט ווערן פאַר אַ ביישפּיל צו באַרעכטיקן דעם אויסדרוק וואָס געוויסע מענטשן זאָגן: שוישפּילער בייטן מאַן אָדער ווייב, ווי מענטשן בייטן וועש אויפן לייב. איז, ווי געזאָגט, זיינען דאָ אַזעלכע פאַלן אין דער פּראָפעסיע.

ס׳איז אָבער אויך אמת, אַז אַזעלכע פאַלן טרעפן אויך ביי מענטשן אויסער דער פּראָפעסיע. איך פאַרקערט, בין איבערצייגט, אַז אין דער שוישפּילערישער וועלט איז דער ענין פאַרבונדן מיט מער אומאַנגענעמלעכקייטן ווי אין געוויינלעכן לעבן, איבערהויפּט אין דער אידישער טעאַטער וועלט, וואו דער פעלד איז אַזוי ענג און באַגרענעצט.

פון זיך און מיין משפחה קען איך אייך ברענגען גענויע ביישפּילן. מיין מאַמע האָט בלויז חדשים נאָכן גט געדאַרפט זיין אין איין טעאַטער צוזאַמען מיט מיין טאַטן. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט מיר. בעת מיין שיידונג און נאָך מיין שיידונג איז מיר אַלץ אויסגעקומען צו שפּילן אין איין טעאַטער מיט מיין מאַן לאַזאַר פריד.

איר פאַרשטייט דאָך אַליין אַז איך האָב גאָרניט געקענט טראַכטן, זייענדיק אָנגעשטעלט אין אַ טעאַטער, ניט צו דערלאָזן אַז פריד זאָל אין זעלבן טעאַטער אַנגאַזשירט ווערן. איך האָב אפילו ניט געקענט, ווויסנדיק אין פאָראויס אַז פריד איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ געוויסן טעאַטער, אויסמיידן צו שפּילן אין יענעם טעאַטער, ווי דאָס איז טאַקע געשען אין דעם איינציקן בעסערן טעאַטער אין וועלכן מיר אַלע האָבן חשק געהאַט צו שפּילן, איך מיין שוואַרצ׳ס טעאַטער. אַ צאָל סעזאָנען איז מיר אויסגעקומען, אַנגענעם אָדער ניט, צו שפּילן מיט פריד׳ן.

יענער שלוס־סעזאָן אָבער פון וועלכן איך דערצייל איצט איז מיין שיידונג געווען נאָך אַ סיבה פאַרוואָס איך האָב ניט אָנגענומען אַרויסצופאָרן אויפן פּראָווינץ־טור מיט „גרינע פעלדער״ אין וועלכע פריד האָט געשפּילט.

מיינע באַגרענעצטע פאַרדינסטן אָבער אין די לעצטע צוויי סעזאָנען (אין אוירוויִנג פּלעיס און גאַרדן טעאַטערס) האָבן מיר ניט דערלויבט צו בלייבן ניט באַשעפטיקט.

האָב איך אָנגענומען אַ פאָרשלאַג פאַר אַ זומער־סעזאָן אין ברוקלין ליריק טעאַטער אין אַ ביליקער מעלאָדראַמע מיט זעלבסט־געקרוינטע סטאַרס — אַ שרעקלעכער בייט פאַר אַ טור מיט „גרינע פעלדער". מיין מאָגערע פינאַנציעלע לאַגע האָט מיך אָבער ניט געלאָזט זיין קיין איבערקלייבער. איך האָב צייטווייליק, מיט מיין קינד און פייגע'ן געמאַכט מיין היים ביי מיין גוטער האַרציקער חבר'טע פון מיינע שול־יאָרן, די געוועזענע דאָראַ האָר־וויץ, וואָס איך האָב אַ סך מאָל דערמאָנט אין דעם ערשטן טייל פון מיין בוך.

דעם גרעסטן טייל פון מיין באַלעבאַטישקייט האָב איך איבערגעלאָזט דאָרט וואו ס'איז געווען אונזער היים פאַר די עטלעכע יאָר וואָס פריד און איך האָבן געוואוינט צוזאַמען אין ניו יאָרק. איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל האָבן אַ היים ווען ער וועט צוריקקומען פון טור. איך האָב סוף זומער זיך באַזאָרגט מיט אַ היים אין פילאַדעלפיע און טאַקע דאָרט אָנגעגעבן אויף אַ גט.

וויל איך דאָ איצט שליסן דאָס קאַפּיטל, לאַזאַר פריד אין מיין לעבן, מיט אַ בריוול וואָס איך האָב געקראָגן פון אים אַזש אין אַפּריל, 1943, אַ קנאַפּער יאָר פאַר זיין טויט. ער איז דאַן געווען אין אַ סאַנאַטאָריום אין דואַרטי, קאַליפאָרניע, ניט ווייט פון לאָס אַנדזשעלעס. דער בריוו איז אַן ענטפער אויף מיינעם אַ בריוו, וואָס איך האָב אים געשריבן נאָך אונזער זונס גראַדואירן פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין ניו יאָרק אוניווערזיטעט. דער בריוו רעדט פאַר זיך אַליין:

„אַפּריל 6, ל. א.

„ליבע צילי!

„איך האָב נאָר־וואָס דערהאַלטן דיין האַרציקן בריוול. זאָל דיך גאָט בענטשן פאַר דיינע טרייסט ווערטער און פאַר דער גוטער בשורה.

„און ווי שיין און בילדלעך דו האָסט באַשריבן די צערעמאָניע פון אונזער קינדס גראַדואירן.

„איך האָב מיר אַזוי פאָרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע. איך זע אַזוי קלאָר וואָס דו האָסט דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט אין דעם מאָמענט פון דער צערעמאָניע... אָט אפילו איצט שרייבנדיק צו דיר, גיסן טרערן פון מיינע אויגן, פון פרייד און פאַרדרוס. פרייד וואָס עס איז ענדלעך געשען, און אונזער ליכטיק קינד שטייט אויף זיינע אייגענע פיס, מיט אַן אינטעליגענטע פּראָפּעסיע, און וועט ניט דאַרפן וואַרטן ביז עמעצער וועט

אים אַנגאַזשירן און טאָן אַ טובה אין ניט באַצאָלן פֿאַר דער שווערער אַרבעט. אַליין און פֿריי און אינדעפּענדענט, זאָל אים נאָר גאָט געבן כּוח און געזונט, און איבערהויפּט די מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיקן.

„און פֿאַרדרוס, וואָס מיינע אויגן און איך אַליין האָבן עס ניט געקענט זען. כאָטש איך ווייס אַז דו האָסט מיך גוט פֿאַרטראָטן. איך ווייס, אַז איר ביידע האָט געטראַכט פֿון מיר אין דעם מאָמענט. און פֿאַרדרוס, וואָס איך בין ניט אימשטאַנד צו שיקן אים די מתּנה וואָס איך האָב געוואָלט אים שיקן.

„דיר קומט דאָך, אייגנטלעך, אַ צווייענדיקער דאַנק. דו ביזט געווען וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה ווען עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע, אַז מען נעמט אים אַריין אין .N. Y. U (ניו יאָרק אוניווערזיטעט) און איצט פֿאַר דעם ליבן בריוו'ל, און אַ דריטער און הויפּט־דאַנק קומט דיר — איך קליינ זיך שוין לאַנג דיר עס זאָגן אָדער שרייבן — פֿאַר דיין גוטער אַרבעט אין העלפֿן דערציען אַזאַ ליכטיקן מענטשן ווי אונזער קינד, וואָס מענטשן, נאָענטע און ווייטע, קענען זיך ניט אָפּלויבן פֿון אים.

„זאָל עס דיר אויך גיין אַקעגן דאָס איבעריקע וויפֿיל עס איז דיר באַשערט צו זיין מיט אונז אין גליק און איבערהויפּט אין געזונט.

„ווּעסט זען דעם בחור, נעם אים אַרום און דריק אים צום האַרצן אַזוי ווי איך וואָלט עס געטאָן.

„מיט דאַנק דיר נאָך אַמאָל פֿאַר דיין ליבן בריוו, און אויב דו פֿוילסט זיך ניט אַמאָל, שרייב נאָך.

„גריס מר. קאָן.

דיין לאַזאַר".

הפּנים, אַז ער האָט זיך ניט געריכט אַז דער סוף פֿאַר אים וועט קומען אַזוי שנעל... איך האָב נאָך באַוויזן צו שיקן אונזער זון צו אים אין דואַרטי, קאַליפֿאָרניע, זיך צו זען מיט אים. קורץ נאָך דעם איז דער סוף געקומען.

איך וויל ניט אַריינלאָזן זיך אין איבערגעבן די פֿאַרשידענע געפֿילן און די אָן אַ שיר סענטימענטן, וואָס זיינען אין מיר אויפֿגעשוואומען איצט לייענענדיק און איבערשרייבנדיק אָט דעם בריוו זיינעם. עס וואָלט זיך אפֿשר געגרענעצט מיט דעם וואָס מענטשן רופֿן מעלאָדראַמאַטישקייט. וועל איך עס בעסער לאָזן פֿאַר זיך. איך מוז זיך אָבער אָפּשטעלן אויף דער שורה, וואו פֿריד זוכט מיר צו דאַנקען פֿאַר דער בשורה, וואָס איך האָב אים אָנגעזאָגט: „ווען עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע, אַז מען נעמט אונזער זון אַריין אין ניו יאָרק אוניווערזיטעט". איך טו עס צוליב דעם, וואָס דערמיט איז פֿאַרבונדן אַ מאָדנע סצענע פֿון פֿריד און גליק... גלייכצייטיק פֿיל איך, אַז איך מוז דאָ פֿאַרצייכענען מיין דאַנק צו דריי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן

פון דער אידיש־אַמעריקאַנער פּאָליטישער וועלט, וועלכע האָבן אַ סך גע־האָלפן אַז יענע טעלעגראַמע פון ניו יאָרקער אוניווערזיטעט זאָל קענען געשיקט ווערן.

ס'איז ניט אַזוי גרינג געווען יענע יאָרן פאַר אַ אידישן בחור אָנגע־נומען צו ווערן אין מעדיציניש פאַקולטעט פון יענעם אוניווערזיטעט. פונקט ווי אין שלום עליכמ'ס „שווער צו זיין אַ איד", זייגען הויכע צייכנס און אפילו אַ גאָלדענער מעדאַל ניט געווען גענוג גאַראַנטיע פאַר אַ אידן אָנגענומען צו ווערן אין אַזאַ וויכטיקער לערן־אינסטיטוציע. מ'האָט געמוזט זוכן הילף, ווי מ'רופט עס אין ענגליש, „ציען דראָטן". איך בין אַרומגעלאָפן זוכן הילף און געקלאַפּט אין אָן אַ שיר טירן. מ'האָט מיך געראָטן זיך צו ווענדן צו דר. ש. מאַרגאָשעס און זיין ליבער פרוי, וועלכע האָבן, ווי מ'זאָגט, צוטריט צו פּערזענלעכקייטן, וועמענס וואָרט איז וואָגיק אין יענעם אוני־ווערזיטעט. זיי האָבן מיר פריינטלעך אויפגענומען, מיר פאַרזיכערט צו טאָן וואָס זיי קענען. זיי האָבן מיר אָבער אויך געראַטן זיך צו ווענדן צו אונזער ב. וולאַדעק, וואָס איז דאַן געווען דער פּרעזידענט פון ניו יאָרק סיטי קאַונסיל. זיינס אַ בריוו אויף דער אָפיציעלער „סטיישאָנערי" קען האָבן אַ גרויסע ווירקונג.

קען איך ביז היינט ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט וולאַדעק האָט מיך אויפגענומען, אויסגעהערט מיין בקשה און געזאָגט: „אַ בריוו אַליין איז ניט גענוג. איך וועל פּערזענלעך זיך זען מיטן „דיען" פון אוניווער זיטעט". בין איך ממש געפּלעפט געוואָרן פון אַזאַ האַרציקער באַציאונג. איך האָב באַוואונדערט אונזער גרויסן ב. וולאַדעק, וואָס פאַרנומען און פאַרטראָגן אין אַזאַ פאַרצווייגטער טעטיקייט וואָס ער האָט געפירט,איינגע־שפּאַנט אין אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע פליכטן, נעמט ער זיך די צייט מיר און מיין זון העלפן — ניט ווי איך האָב אים געבעטן, בלויז מיט זיינעם אַ בריוו, נאָר אַליין פאַרגעשלאָגן צו געבן זיין מי און צייט פאַר פּערזענ־לעכן קאָנטאַקט מיטן „דיען". איז ער אַוודאי ניט שולדיק געווען וואָס זיין אָנ־שטרענגונג האָט ניט דערגרייכט דעם ציל...

האָט מען מיר אין יענע קרייזן גע'עצה'ט איך זאָל פּרואוון מיין מזל און זיך זען מיט אונזער גרויסן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע כוחות דערגרייכט אַזעלכע הויכע הויכן אין אונזער אַרבעטער־באַוועגונג אין אין דעם אַמעריקאַנעם פּאָליטישן לעבן בכלל — דער אויסערגעוויינלעך דערפאָלגרייכער און דאָך פּשוט'ער דוד דובינסקי, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל — איך זאָל זיך באַמיען צו פּועל'ן ביי אים, אַז ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן. ער קען אפשר העלפן.

איך האָב זיך באַמיט, איך האָב גע׳פּועל׳ט. דער אפשר איז געווען איבעריק — ער האָט געקענט און ער האָט געהאָלפן. וועל איך אים אייביק בלייבן דאַנקבאַר פאַר זיין מענטשלעכער פריינטשאַפט וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן, פאַר שענקען מיר זיין צייט, זיין מי, און אַוודאי פאַר דער דערגרייכונג.

טייכן טינט און בערג גאַנצע פון פּאַפּיר זיינען אויסגענוצט געוואָרן צו באַשרייבן און אַרויסברענגען אַ מאַמעס האַרץ אַ מאַמעס פרייד און אַ מאַמעס געפילן און זאָרג פאַר איר קינדס גליק. קען איך צו דעם זייער ווייניק צוגעבן. עס האָט זיך אָבער טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון יענער מאָמענט, ווען די לאַנג־דערוואַרטעטע, מיט אַ סך מי אויסגעבעטענע טעלעגראַמע פון ניו יאָרק אוניווערזיטעט איז ענדלעך געקומען.

געווען בין איך דאַן אַליין אין שטוב. לעב איך איצט פון דאַסניי איבער אָט די אומבאַשרייבלעכע פרייד וואָס מען קען גאָר מיט ווערטער ניט אַרויס־ברענגען, ווען פון געלן פּאַפּירל האָבן אַרויסגעבלישטשעט די עטלעכע ווערטער: „יו העוו בין עקסעפּטעד“, א. א. וו.

וואָלט איך זייער וועלן איר זאָלט מיט מיר איצט דערפילן מיין לאַגע דאַן. אַ מאַמעס איבערפולט האַרץ, וואָס האָט ניט אין דעם מאָמענט פאַר וועמען אויסצוגיסן אירע געפילן. איך בין אַליין אין שטוב, פון מיין האַלז האָבן זיך געריסן קולות ענלעך צו תפילות, וואָס רייסן זיך פון מענטשלעכע הערצער, ווען זיי דערפילן אַז זיי האָבן פאַרוואָס צו דאַנקען דער געהיימער אומפאַרשטענדלעכער מאַכט וואָס פירט מיט זייער לעבן. איך האָב, אַליין עס ניט פילנדיק, געטאַנצט און געשפּרונגען, היסטעריש געלאַכט, און טרערן פון פרייד זיינען גערונען פון מיינע אויגן. אַלערליי פּראַזעס פון גאָט־בעטן און גאָט־דאַנקען האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען.

אַן אויסגעמאַטערטע פון דעם אויסברוך, האָב איך זיך געכאַפּט צום טעלעפאָן, גערופן פרייד׳ס האָטעל. איך האָב געפילט אַז אים קומט צוערשט די בשורה. איז ער אָבער אין האָטעל ניט געווען. האָב איך גערופן קאַפע ראָיאַל — ניטאָ. וואו באַך קען איך אים זוכן?... אין אַקטיאָרן קלוב — פריד איז דאָרט אויך ניט געווען. איך האָב אומעטום געלאָזט מיין בקשה: ער זאָל מיך רופן.

האָב איך גענומען זוכן מיין מאַן, דזשעק קאַן. אים אָבער האָב איך אויך ניט געקענט קריגן.

מיין זון זעליק׳ל איז ערגעץ אַוועק פאַרברענגען מיט חברים, כ׳האָב ניט געוואוסט וואו איך זאָל אים זוכן.

די מאָדערנע טעאַטער־קונסט זאָגט אונז, אַז מענטשןריידן ניט צו זיך אַליין. בין איך, הפּנים, געוואָרן אויס מאָדערנע אַקטריסע... מיין איבערפולט מאַמעס האַרץ האָט געזוכט אַן אויסגוס... איך בין זיך מודה, אַז איך האָב גערעדט צו זיך אַליין אין גאַנץ הויכע טענער... דאָס אַלץ האָט, הפּנים, מיך ניט באַפרידיקט... איך בין אַרויס אין קאָרידאָר, געקלונגען דאָס גלעקל צום „עלעוועיטאָר״. ווען דער שוואַרצער האָט געעפנט די טיר, און זיינע מילדע, פריינטלעכע און שמייכלענדיקע אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט, האָב איך, אָן אָפּשטעל, פאַר אים אויסגעגאָסן די פריידע, וואָס האָט מיין האַרץ אָנגעפילט. ער האָט אויך קינדער — ער האָפט אויך אַמאָל איבערצולעבן אַזאַ נחת און פריידע; ער האָט מיך פאַרשטאַנען, ער האָט מיר געוואונטשן גליק...

עטוואָס אַ באַרואיקטע בין איך צוריק אַריין אין שטוב. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען — פריד האָט גערופן. אין אַ קול געשטיקט פון טרערן האָט ער מיר געדאַנקט, וואָס איך האָב אים ניט פאַרגעסן אין אָט דעם פריידיקן מאָמענט מיינעם. זיינען פאַרשוואונדן אַלע טענות און קריוודעס, אַלע בייזע געפילן. עס האָבן צוזאַמען געשלאָגן צוויי הערצער, הערצער פון טאַטע־מאַמע, וואָס פרייען זיך מיט דער האָפענונג פון זייער קינדס גליקלעכער צוקונפט.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און מיין דזשעק איז אַ פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן. מיין איבערפולט האַרץ האָט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסצוגיסן.

ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז מיין זון געקומען אַהיים. דערזען אַז אין שלאָף־צימער איז ליכטיק, איז ער אַריינגעקומען. ניט דזשעק, ניט איך האָבן אים עפּעס געזאָגט פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען. מיין שוישפּי־לערישער אינסטינקט האָט מיך געדרייצט צוצוגרייטן אַ סצענע פון אַ מאַמעס אייגענער פאַנטאַזיע. זעליק׳ל האָט אונז דערציילט, ווי ער האָט דעם טאָג פאַרבראַכט, און כאָטש אין דעם דערציילן האָט זיך גערדאַרפט הערן אינגלשע פרייד פון אַ פריילעך פאַרבראַכטן טאָג, האָט זיך אין זיינע רייד געפילט אַ זאָרג, אַן אומעט, וואָס האָט כסדר אָנגעפילט זיין יונגן מוח, וועגן דער אומזיכערקייט פון ווערן אָנגענומען אין אַ מעדיצינישן פאַקולטעט.

נאָך פלוצלונג זיינען זיינע אויגן געפאַלן אויף מיין צופוסנס. וואָס, צוגעשפּילעט צום צודעק, האָט ער דערזען די טעלעגראַמע. מיין טעאַטער־אינסטינקט האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. דער שפּיל פון מיין מאַמישער פאַנ־טאַזיע האָט געהאַט דעם קלימאַקס וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. איך

בין זיכער, אַז זיין אויסגעשריי און כמעט היסטערישער אויסבורך האָבן איבער־געשראָקן אַ סך פון די שכנים אין יענער שטילער נאַכטיקער שעה...

ווער איר זיך אפשר וואונדערן, פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי פיל אָפּ־געשטעלט אויף יענער טעלעגראַמע, וואָס איז כמעט אַ געוויינלעכע פּאַסירונג אין אַ סך אַמעריקאַנער הייזער. די אורזאַך דערפון איז, ניט נאָר דאָס, וואָס ווי געוויינלעך ביי מענטשן, איז די אייגענע היים ניט גלייך ווי אַלע היימען — דאָס אייגענע קינד ניט גלייך ווי אַלע קינדער. עס איז אויך דערפאַר, וואָס מיר איז אַזוי שווער אָנגעקומען דורכצוטראָגן מיין זונס שטודירן און זיין דערגרייכונג. ווער עס מן הסתם פאַר אַ סך פון אייך קלינגען אומגלויב־לעך, אַז איך, צילי אַדלער, אַ שוישפּילערין מיט רעפּוטאַציע, בין געווען פינאַנציעל אַזוי געשלאָגן, אַז דאָס דורכטראָגן איין־איינציק קינד צו דער מדרגה פון ווערן אַ דאָקטאָר זאָל פאַלן אַזוי שווער. אָבער אַזוי איז עס געווען. אומשטענדן האָבן זיך אַזוי צונויפגעלייגט, אַז פונקט אין די יאָרן ווען דאָס שטודירן פאָדערט די גרויסע הוצאות, פונקט דאַן, זיינען מיינע פאַרדינסטן געווען זייער דערשלאָגן.

עס זיינען געווען די קריזיס יאָרן אין אַמעריקע, און יאָרן אַזעלכע רופן זיך שלעכט אָפּ אויף טעאַטער. אונזער אידישער טעאַטער איז, מילד גערעדט, געווען אויף גרויסע צרות. פריד האָט בכלל ווייניק פאַרדינט; ער האָט מיט גאָרניט געקענט העלפן. כאָטש איך האָב פון אים קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט. דזשעק קאָן, האָט דאַן אויך קנאַפּ פאַרדינט, כאָטש ער האָט אויף אַלערליי אופנים זיך אָנגעשטרענגט צו טראָגן די פינאַנציעלע אחריות, סיי פון אונזער לעבן, סיי פון מיין זונס שטודירן.

עס איז, בכלל, געווען אַ זייער וואונדערלעכע באַציאונג פון מיין צווייטן מאַן מיט מיין זון. זעליק פלעגט זיך מיט אים מער עצה'נען ווי מיט מיר. און גאַנץ אָפט פלעגט קאָן אין שפּאַס זאָגן זעליק'ן: „דענקסטו ניט, אַז מיר דאַרפן דער „שטיף־מאַמען" אויך אַרייננעמען אין אונזערע באַשלוסן?..."

קאָנ'ס זאָרג איז געווען אַ צווייענדיקע. ער האָט בשום אופן ניט דערלאָזט, אַז מיין סטאַטוס, מיין רעפּוטאַציע אַלס שוישפּילערין, זאָל פאַרמינערט ווערן דורכדעם וואָס איך וועל זיך אַרונטערלאָזן צוליב פאַרדינסטן. ער האָט אויך געהאַט די זאָרג, אַז זעליק זאָל, ווי אַנדערע סטודענטן, ניט דאַרפן אַרבעטן דורך די נעכט, כדי צו פאַרדינען אויף די הוצאות פון זיין שטודירן.

קרובים און באַקענטע, וויסנדיק אונזערע פינאַנציעלע שוועריקייטן, האָבן אונז זייער אָפט געשטראָפט פאַרוואָס מיר נעמען אויף זיך אַזאַ שווערן יאָך. איך האָב זיך שטענדיק געוועַרט קעגן אַט די עצות מיט דער טענה: „אויב

איך בין געבענטשט מיט איין־איינציקן זון, וועלכער וויל שטודירן, בין איך גרייט אויף אַלץ אים צו העלפן".

זעליק אַליין האָט אָפּט מיט דזשעק'ן גערעדט וועגן דעם, אים געזאָגט וויפיל ער ליידט זעענדיק ווי שווער עס קומט אונז אָן. ער איז גרייט דאָס אויפצוגעבן. דזשעק'ס ענטפער איז שטענדיק געווען: „דו האָב נאָר אינזינען דיין שטודירן, דאָס איבעריקע לאָז צו מיר, צו אונז".

געדענקט זיך מיר צייטן, ווען מיר פלעגן זיצן אין אונזער קליינער דירה דורך די קריטישע וואָכן פאַר אַ סטודענט, ווען ער גרייט זיך צו אַ וויכטיקן עקזאַמען. מיר פלעגן זיצן און זיך היטן צו ריידן אַ וואָרט אין דער הויך, כדי ניט צו שטערן זעליק'ן אין זיין לערנען. מיר פלעגן גאַנץ אָפּט אַראָפּגיין אין גאַס, אפילו אין שניי און רעגן, שפּאַצירן, כדי זעליק'ן לאָזן אַליין. (מיר האָבן זיך ניט פאַרגונען אויסצוגעבן געלט אויף אַ מואווי...)

גלויבט מיר אַז איך דערצייל עס איך ניט כדי אַרויסצורופן סענטי־מענטן... איך בין בלויז אויסן צו באַווייזן, אַז אפילו אַזאַ שוישפּילערין ווי איך, האָט זייער זעלטן געקענט פירן אַ לעבן פון לוקסוס און גאַרניט זעלטן געלעבט אין נויט. און אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט, אַז מיינע צייטן פון נויט זיינען געווען דאַן, ווען מיין זון האָט געדאַרפט מיין הילף, איז עס מיר דערפאַר געווען אַזוי אָנגעלייגט ווען מיר איז געלונגען דורכצוטראָגן פון דעם מאָמענט פון דער טעלעגראַמע און די יאָרן פון זיין מעדיצין־שטודיום ביז צו זיין גראַדואירן אַלס דאָקטאָר, וואָס איך האָב באַשריבן אין מיין בריוו צו פריד'ן און זיין ענטפער וואָס איר האָט געלייענט אין אָנהויב פון דעם קאַפּיטל.

וויל איך צוגעבן נאָך צוויי מאָמענטן אַרום דעם ענין. דער ערשטער מאָמענט, ווען זעליק איז אויף יענער טעלעגראַמע געקומען צו זיין אינ־טערוויו מיטן „דיען" פון אוניווערזיטעט. דער „דיען", קוריער מעק'איווען, אַ יונגער איירישמען, האָט אין פאַרלויף פון אינטערוויו אים געפרעגט, ווער עס זיינען זיינע עלטערן. ווען ער האָט אָנגערופן זיין מאַמעס נאָמען, האָט דער „דיען" זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און איבערגעזאָגט:

„אַדלער? — האָסטו עפּעס אַ שייכות מיט דעם גרויסן דזשייקאָב פּ. אַדלער?"

זעליק האָט אַ פאַרוואונדערטער אים אָנגעקוקט און געענטפערט: „יאָ, ער איז געווען מיין זיידע..."

אויף זעליק'ס פאַרוואונדערונג, האָט אים דער „דיען" דערציילט, אַז ער געדענקט נאָך, ווען ער האָט באַוואונדערט דזשייקאָב פּ. אַדלער'ן אין

„שיילאָק" אויף בראָדוועי און אַז ער האָט פיל פון אים געלעזן: „ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער".

ער האָט זיך אויך געוואונדערט, פאַרוואָס זעליק האָט ניט אויפגענומען אַ קאַריערע אויף דער בינע. זעליק האָט אים געזאָגט, אַז זיין מאַמע איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער זאָל, ראשית, דורכמאַכן אַ קאַלעדזש שטודיום, און דאַן קען ער באַשליסן זיין אייגענע צוקונפט. ביז איך האָב געענדיקט קאַלעדזש, האָב איך שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן אויפצונעמען מעדיצין".

דער צווייטער מאָמענט האָט ווידער צו טאָן מיט דעם נאַרישן האַרץ פון אַ מאַמען. מיט ניט ווייניק מי איז זעליקן און מיר אָנגעקומען ער זאָל אויפגענומען ווערן אַלס „אינטוירן" אין „בית ישראל" שפיטאָל. געדענק איך, ווי איך פלעג אומיסטן אַפּט אַריינקומען אין שפיטאָל — זיצן אין איינעם פון די קאָרידאָרן, און געקליבן נחת, ווען דער „לאַוד־ספּיקער" האָט נאָכאַנאַנד ווידערהאָלט: „קאָלינג דר. סעלווין פריד! — קאָלינג דר. סעלווין פריד".

איך האָב אין לעצטן קאַפּיטל אַביסל נאָכגעגעבן מיין נאַריש מאַמיש האַרץ אויפן חשבון פון אייער געדולד. וועט איר מיר מן הסתם דערפאַר מוחל זיין. קען איך איצט ווידער אָנגיין מיט דערציילן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון מיין קאַריערע.

איר ווייסט שוין אַז פאַר דעם סעזאָן 1920־1921 בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַנשל שאָר׳ס אַרטש סטריט טעאַטער. וואָלט מן הסתם פאַר מיר געווען שווער אַריבערצוטראָגן יענעם סעזאָן, צוריק אין דעם אַלטן טעאַטער, נאָך צוויי סעזאָנען פון נייע פאַרזוכן און שיינע חלומות. האָט מיר אָבער דאָס מאָל אויף אַ צווייענדיקן אופן צוגעשפּילט. די שטאָט פילאַ־דעלפיע האָט אין מיר שטענדיק דערוועקט געוויסע אַנגענעמע סענטימענטן. דער פילאַדעלפיער עולם האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און דערצו איז אין דער טרופּע אין יענעם טעאַטער אויך געווען מיין מאַמע, דיינע פיינמאַן.

צווייטנס, האָב איך נאָך איידער איך האָב זיך ריכטיק עטאַבלירט אויף יענעם סעזאָן אין פילאַדעלפיע, געקראָגן אַן אַנגענעמע איבעראַשונג. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון דעם קינסטלערישן ראַט פון „טעאַטער גילד". זיי שרייבן מיר, אַז זיי גרייטן זיך צו עפענען זייער היי־יאָריקן סעזאָן מיט אַן אויפפירונג פון דוד פּינסקי׳ס „דער אוצר" (דהי טרעזשור). ווילן זיי איך

זאָל שפּילן די הויפּט פּרויען־ראָלע, „טילי". זיי וואָלטן וועלן זיך מיט מיר דורכריידן. אין מיין דעמאָלטיקער שטימונג, נאָך מיינע צוויי גרויסע אַנ־טוישונגען אין אוירווינג פּלעיס און אין גאַרדען טעאַטערס, האָט מיך אָט דאָס ברייוול אַרויסגענומען פון דער אַפּאַטיע וואָס האָט מיך באַפאַלן.

איך האָב שוין אין ערשטן טייל פון מיין דערציילן פּרובירט צו דער־קלערן פאַרוואָס מיר איז ניט איינגעפאַלן אין מיינע יונגע יאָרן צו זוכן אַ קאַריערע אויף דער ענגלישער בינע. איצט בין איך ווידער געשטאַנען ביי אַ מאָמענט ווען איך האָב ביי זיך אין האַרצן געזוכט אַן ענטפער צי וואָלט איך געווען צופרידן צו ווידמען די רעשט פון מיין לעבן, פון מיין טעאַטער־לעבן, צו דער ענגלישער בינע. קען איך באַשטימט, מיט זיכערקייט ניט זאָגן, אַז איך וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ קאַריערע אויף דער ענגלישער בינע. איך קען אָבער אָפנהאַרציק און געוויסנהאַפט זאָגן, אַז אין יענעם מאָמענט האָט מיך ניט געצויגן און איך האָב ניט געפילט אין זיך די גרויסע אַמביציע צו ווערן אַן ענגלישע שוישפּילערין.

אַוודאי איז מעגלעך, אַז וואָלט איך דאַן געקענט האָבן די נביא׳ישע קראַפט צו זען פאַראויס וואָס פון אידישן טעאַטער וועט ווערן, וואָלט איך אפשר אַנדערש געקוקט אויף אַזאַ געלעגנהייט. ניט האָבנדיק אָבער אַזאַ וווייטן בליק, האָב איך דאַן, ווי שטענדיק, געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין אויסלעבן זיך אין מיין שוישפּילערישער קאַריערע איז ענג פאַרבונדן מיט דער אידי־שער בינע.

וויל איך, חלילה, קיינעם ניט אָפּנאַרן. איך האָב זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, און וואָלט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, פון ראָלן אויף דער ענגלישער בינע. אַזוי איז די מענטשלעכע נאַטור, דער שוישפּילערישער דראַנג, די פינאַנציעלע באַפרידיקונג. איך האָב אָבער קיינמאָל אין זיך ניט געפילט דעם ציטער, דעם גרויסן ווילן אויסצושפּילן מיין קאַריערע אויף דער ענגלישער בינע. פאַרקערט, איך האָב שטענדיק מורא געהאַט פאַרן געדאַנק זיך צו דאַרפן ענדגילטיק שיידן מיט דער אידישער בינע, טראָץ מיינע אַנטוישונגען, מיין האַרצווייטיק, מיין פאַרביטערונג, וואָס מיין קאַריערע אויף דער אידישער בינע האָט מיר אין אַזאַ גרויסער מאָס צוגעטיילט. איך האָב דערפאַר מיט אַ היפשער מאָס רואיקייט געמאַכט אַ באַשטעלונג צו קומען זיך זען און פאַרהאַנדלען מיט דעם „טעאַטער גילד".

איך האָב געקראָגן אַ זייער וואַרעמע אויפנאַמע. אַ באַציאונג פון ניי־געריקייט אַז איך זאָל זייער פאַרלאַנג אָננעמען און, בכלל, אַן אַנגענעמע קינסטלערישע אַטמאָספערע. אַ גאָר אַנגענעמע איבעראַשונג איז פאַר מיר געווען ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז עמאַנועל רייכער וועט די פּיעסע

רעזשיסירן. די פּאָליסי פון דעם טעאַטער גילד איז דאַן געווען צו שטעלן אַ באַשטימטע צאָל פּיעסן יעדן סעזאָן, צוטיילנדיק אַ באַשטימטע צאָל וואָכן פאַר יעדער אויפפירונג. דעם „אוצר" איז צוגעטיילט געוואָרן צווישן פינף און זעקס וואָכן. איז מיר דער פאָרשלאַג געווען זייער צום האַרצן — סיי די ראָלע, וואָס איך האָב, אגב, אַמאָל געשפּילט אויף דער אידישער בינע, סיי די אַנגענעמע באַציאונג און אויך די פינאַנציעלע באַדינגונגען. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך מוז זיך פריער דורכריידן מיטן פאַרוואַלטער פון אַרטש סטריט טעאַטער, צו פועל'ן ביי אים ער זאָל מיך באַפרייען אויף די באַשטימטע פינף־זעקס וואָכן.

וועל איך זיך נאָך אומקערן צו דערציילן פון די געפילן וואָס האָבן מיך באַהערשט ביי מיין ערשטן אויפטריט אויף בראָדוועי, דעם איינדרוק וואָס די אויפפירונג און מיין שפּילן האָבן געמאַכט אויף דער פּרעסע, אויף די וויכטיקסטע שוישפּילער פון דער טרופּע און אויף די פירנדיקע כוחות פון טעאַטער גילד, אויף דעם ענגלישן טעאַטער־עולם און בכלל אין דער בראָדוועיער טעאַטער־פּראָפּעסיע.

איך מוז דאָ ווידער מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנען אַנשל שאָר'ס ביז גאָר פיינע באַציאונג צו מיר בכלל, ווען מיר איז אויסגעקומען אין מיין קאַריערע אים צו האָבן פאַר מיין באַלעבאָס און זיין איינזעעניש מיר אַנט־קעגנצוקומען און מיר געבן די געלעגנהייט צו שפּילן אין אַזאַ טעאַטער ווי „דהי גילד", אויף בראָדוועי. ווען איך האָב אים מיט אַלע איינצלהייטן איבערגעגעבן וועגן מיינע פאַרהאַנדלונגען מיט זיי, האָט ער אָן אַ סך טראַכטן מיר תיכף געהייסן זיי לאָזן וויסן, אַז איך נעם אָן זייער פאָרשלאַג. ער האָט מיך נאָר געבעטן איך זאָל ביי זיי פועל'ן אַז זיי זאָלן מיך פריילאָזן פאַר דער דערעפענונגס־פּיעסע אין פילאַדעלפיע, וואָס קומט פאַר עטלעכע וואָכן איידער עס הויבן זיך אָן די פּראָבעט פאַרן „אוצר".

און ווידער האָט שאָר באַוויזן זיין דערפאַרונג אין טעאַטער־פאַך. ער האָט געוואָלט אַז דער פילאַדעלפיער עולם זאָל וויסן און גלויבן, אַז איך וועל צוריקקומען אין זיין טעאַטער נאָך דער באַשטימטער צייט. ער האָט מיך געבעטן תיכף צו פאַרעפנטלעכן אַ בריוו אין דער טעגלעכער פילאַ־דעלפיער „אידישער וועלט" און זיי דערציילן וועגן דעם ענין ווי ער איז. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים געפאָלגט און שוין אין אָנהויב סעפּטעמבער איז דאָס פאָלגענדיקע בריוועלע מיינס דערשינען אין דער „אידישער וועלט":

„אַ בריוועלע פון צילי אַדלער".

„זייער געערטער רעדאַקטאָר פון „אידישע וועלט":

„דערלויבט מיר דורך אייער ווערטער צייטונג אויסדריקן מיין וואַרעמען

דאַנק צו מיינע מענעדזשערס פון אַרטש סטריט טעאַטער פאַר געבן מיר זייער פריינטלעכע דערלויבעניש צו שפּילן אייניקע וואָכן אַלס גאַסט מיט דעם „טעאַטער גילד” אין ניו יאָרק, אויף דער ענגלישער בינע. איך וועל אויפטרעטן אין גאַריק טעאַטער אין ניו יאָרק אונטער דער רעזשי פון עמאַנועל רייכער אין דער הויפּט פּרויען־ראָלע פון דוד פּינסקי׳ס „דער אוצר”, אין ענגליש. איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט אַוועקצוגיין פון אַ טעאַטער, אין וועלכן איך בין אָנגעשטעלט, אפילו בלויז אויף קורצע עטלעכע וואָכן. נאָר אַזוי ווי איך בין צופעליק פריי פון דער אָפּערעטע, וואָס וועט אויפגעפירט ווערן אַלס די צווייטע פּיעסע אין אַרטש סטריט טעאַטער, האָט די פריינטלעכע פאַרוואַלטונג פון טעאַטער מיר דערלויבט צו גיין שפּילן אַ ראָלע, וואָס איך האָב זייער ליב, פאַר אַ צייט פון פיר וואָכן. בלויז דאַן האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג פון דער טעאַטער גילד.

„איך וועל באַשטימט קומען קיין פילאַדעלפיע נאָך יענע פאָרשטעלונגען. מיין ערשטער אויפטריט אין פילאַדעלפיע ביי מיין צוריקקומען אין אַרטש סטריט טעאַטער וועט, ווי עס זעט אויס, זיין אין פּרץ הירשביין׳ס באַרימטער פּיעסע „די פּוסטע קרעטשמע”.

„מיט גרויס אַכטונג,

צילי אַדלער”

שאָר איז געווען געוועכט. דער פילאַדעלפיע טעאַטער־עולם האָט אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעדריקט זיין צוטרוי צום אמת פון מיין בריוו. אויך האָט מיר שאָר פאַרזיכערט, אַז די איינגאַמעס ביי דער דערעפענונגס־פּיעסע, אין וועלכער איך בין אויפגעטראָטן, זיינען געווען איבער זיין דערוואַרטונג, און די אויפנאַמע ביי יעדן אויפטריט מיינעם אויף דער בינע זיינען געווען אויסערגעוויינלעך שטורמיש און וואַרעם. איך האָב אויך באַקומען אַ היפּשע צאָל בריוועלעך פון פילאַדעלפיער טעאַטער־גייער, ווינטשנדיק מיר דערפּאָלג אויף בראָדוועי. אַנדערע זיינען געקומען הינטער דער בינע צו טאָן דאָס זעלבע — אָבער אַלע האָבן מיר געוואונטשן איך זאָל צוריקקומען בשלום.

די פּרעמיערע פון דוד פּינסקי׳ס „דער אוצר” אונטערן ענגלישן נאָמען „דהי טרעזשור”, איז פון טעאַטער גילד אַנאָנסירט געוואָרן פאַרן 3טן אָקטאָבער, 1920. דער אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע האָט זיך געעפנט דעם 24טן אויגוסט מיט די „צוויי שוועסטער”, שאָר׳ס אַ באַ־אַרבעטונג פון ל. פריימאַנ׳ס אַ מעלאָדראַמע, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר די

„פיר ליכטיקע שטערן״, ווי דאָס טעאַטער האָט אונז אַנאָנסירט — לעאָן בלאַנק, צילי אַדלער, סעם קעסטין, דאָראַ ווייסמאַן.

דאַרף איך ניט זאָגן, אַז כּדי צו האָבן אַ פּרעמיערע דעם 3טן אָקטאָבער, האָט דער גילד טעאַטער אָנגעהויבן די פּראָבעס אָנהויב סעפּטעמבער. ס'איז דאָ כּדאַי צו פאַרצייכענען וואָס מיר איז אויסגעקומען איינצושטודירן און שפּילן אין די צוויי וואָכן פון יענעם אָנהויב סעזאָן אין אַרטש סטריט טעאַטער.

איך האָב שוין אַ סך מאָל אונטערשטראָכן, אַז אַנשל שאָר האָט זיך צו מיר שטענדיק באַצויגן זייער פריינטלעך און באמת־האַרציק. זיין טעאַטער־דערפאַרונג, אָבער, האָט אים דיקטירט, אַז ער מוז אויסנוצן צילי אַדלער, אויפן בעסטן אופן פאַר זיין טעאַטער אין די פּאָר וואָכן. די רעקלאַמע אין די פילאַדעלפיער צייטונגען בנוגע מיין אויפטריט אויף דער ענגלישער בינע אין אַזאַ טעאַטער־אינסטיטוציע ווי די טעאַטער גילד האָט שאָר'ן גערייצט צו שלאָגן אַזוי פיל קאַפּיטאַל ווי מעגלעך פון צילי אַדלער.

האָב איך שוין דעם צווייטן סעפּטעמבער, אַ וואָך נאָך דער דערעפענונג, געדאַרפט שפּילן איבסענ'ס „נאָראַ״. איז עס אמת, אַז איך האָב די ראָלע געשפּילט דעם פריערדיקן סעזאָן אין גאַרדען טעאַטער, אָבער פאַר מיינע מיטשפּילער איז די פּיעסע געווען אינגאַנצן ניי, איז אויף מיינע פּלייצעס געלעגן די אחריות אַז פון די עטלעכע פּראָבעס זאָל אַרויסקומען אַ ביש'קשה'־דיקע פאָרשטעלונג. איז דאָס אַליין אַ שווערע דערגרייכונג אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג. איך וואָלט דאָס אָבער ניט דערמאָנט ווען דאָס וואָלט געווען אַלץ וואָס איך האָב אין דער קנאַפּער וואָך געדאַרפט דערגרייכן. איז אָבער פאַר דעם 3טן און 4טן סעפּטעמבער, די צוויי טעג גלייך נאָך „נאָראַ״, מיט גרויס רעקלאַמען פאַר סעם קעסטין און מיר אַנאָנסירט געוואָרן גאָלד־פאַדנ'ס „צוויי קוני לעמלס״, אַ פּיעסע אין וועלכער איך האָב ביז דאַן קיינמאָל ניט געשפּילט.

ווייס איך ניט צי איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט דאָס איז געווען פאַר מיר. איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגן, אַז אין מיין גאַנצער קאַריערע האָב איך זיך קיינמאָל ביט דערלויבט אַרויפצוגיין אויף דער בינע אין וועלכער־ניט־איז ראָלע און זיך דאַרפן פאַרלאָזן אויפן סופליאָר. אַוודאי האָט שאָר'ס טעאַטער דערפאַרונג זיך זייער גוט באַצאָלט פאַרן טעאַטער. די דריי פאָרשטעלונגען האָבן געבראַכט ריזיקע איינגאַמען. פאַר מיר, אָבער, איז דאָס געווען אַ מורא'דיקע אָנשטרענגונג. שאָר האָט מיר אָבער פאַרגיטיקט דערמיט, וואָס אַזוי שנעל ווי די פּראָבעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין גילד טעאַטער, האָט ער מיך אינגאַנצן באַפרייט פון די מיטנוואָכעדיקע פאָרשטעלונגען. איך פלעג בלויז צוריקקומען קיין פילאַדעל־

פּיע פּרייטיק פאַרנאַכט צו שפּילן מיין ראָלע אין דער סוף־וואָך פּיעסע „די צוויי שוועסטער". צוויי וואָכן פאַר דער פּרעמיערע האָט מיך שאָר באַפריים אויך פון די סוף־וואָך פאָרשטעלונגען.

וועגן די פּראָבעס פון „אוצר" אין טעאַטער גילד האָב איך נאָר גוטס צו זאָגן. ס'איז מיר אַוודאי געווען צום האַרצן ווידער צו אַרבעטן אונטער רייכער'ס רעזשי. איך בין אויך געווען שטאַרק אימפּאָנירט פון דער אויסער־געוויינלעך וואַרעמער באַציאונג סיי פון דער פאַרוואַלטונג פון טעאַטער, סיי פון די שוישפּילער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַזעלכע באַרימטע גילד־שוישפּילער מיט גרויסע רעפּוטאַציעס ווי דאַדלי דיגס און העלען וועסט־לי. זיי האָבן געשפּילט מיינע טאַטע־מאַמע, אַ אידישן קברות־מאַן מיט זיין ווייב, פּשוט'ע קליין־שטעטלדיקע פרומע אידן, ראָלן, וואָס איז פאַר זיי געווען שווער צו צעקייען.

פלעגן זיי מיך אָפּט באַלאַגערן און פאַרוואַרפן מיט אַן אַ שיר קשיות וואָס האָבן זיי געמאַטערט אין זייערע ראָלן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, און אויף ווי ווייט איך ווייס ביז איצט, דאָס איינציקע מאָל, וואָס דער טעאַטער־גילד האָט אין זיין רעפּערטואַר אַריינגענומען אַ אידישע פּיעסע.

פּינסקי'ס „אוצר", אַלס ליטעראַריש ווערק, האָט זיך זיכער אַריינגעפּאַסט אין דער גילדס סטאַנדאַרד פון דראַמאַטישער ליטעראַטור. די קאָמישע סיטואַציעס אין דער פּיעסע האָבן טיילווייז אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם. די גייציקייט ביי מענטשן נאָך געלט, זיך יאָגן מיט אימפּעט צו זוכן באַהאַלטענע אוצרות איז אַן „אַלוועלטלעכע" שוואַכקייט, איז אָבער די סביבה אין וועלכער די סיטואַציע ווערט אַרויסגעבראַכט אַזוי ווינקלדיק אידיש, אייגגעוויקלט אין אַזאַ פרעמדער אַלטמאָדישער אידישקייט, אַז דער ברייטער אַמעריקאַ־נער עולם האָט עס ניט געקענט פאַרדייען.

די אויפפירונג און דאָס שפּילן זיינען בכלל געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק, דאָ און דאָרט זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן טענות צו געוויסע שוישפּילער, אַז זיי האָבן ניט געפונען די אידישע אַטמאָספערע אין זייערע ראָלן. וויל איך ניט פאַרנעמען צופיל פּלאַץ איך איבערצוגעבן די שבחים וואָס זיינען מיר צוגעטיילט געוואָרן פאַר מיין ראָלע פון „טילי". וועל איך ברענגען בלויז צוויי ציטאַטן. שרייבט, למשל, דער באַרימטער בוירנס מענטל:

„צילי אַדלער מיט איר פּרעכטיקן חוש פאַר קאָמיזם, איר רייכן טאַלאַנט און וואונדערלעכע אינטואיציע און שוישפּילערישן ענטוזיאַזם ברענגט אַריין זייער אַ סך קאָליר און לעבן אין דער גילדס אויפפירונג — „דער אוצר"... דער הויך־פּונקט פון אָוונט איז געווען דאָס שפּילן פון צילי אַדלער, די ערשטע דאַמע פון דער אידישער בינע. אונזער ענגלישער טעאַטער איז ניט שטענדיק

בכוח צו ווייזן אַזאַ שפּילן. עס איז אַנגענעם צו זיצן און הנאה האָבן פון איר וואונדערבאַרן שפּילן״.

ראָבערט גאַרלאַנד אין „וואָירלד טעלעגראַם״:

„צילי אַדלער׳ס קונסט קען בעסער אָפּגעשאַצט ווערן אין ענגליש ווי אין אידיש. עס איז אַ מער דיסציפּלינירטע קונסט. זי קען ניט אַנדערש ווי נאָר געבן דורכאויס אַ קינסטלערישע פאָרשטעלונג״.

עס זיינען, אַ חוץ רעצענזיעס און קריטיקן אויך געווען אָן אַ שיר אַרטיקלען אין וועלכע מ׳האָט מיך באַשריבן פון סאַמע אָנהויב פון מיין טעאַטער־קאַריערע ביז מיין קומען אויף דער ענגלישער בינע.

מיט דעם האָט זיך אָפּגעגעבן מיין פּערזענלעכע פּובליסיטי־אַגענטין, בעלאַ ספּיוואַק, וועלכע איז מיט יאָרן שפּעטער שטאַרק באַרימט געוואָרן אַלס איינע פון די דערפאָלגרייכע דראַמאַטורגינס פון דעם פּאָרל „בעלאַ און סעמיועל ספּיוואַק״. בכלל, איז די אינסטיטוציע פון פּערזענלעכע פּובליסיטי־אַגענטן אויף דער אַמעריקאַנער בינע כמעט אַ מוז פאַר אַן אָנגעזעענעם שוישפּילער. די מערסטע פון זיי זיינען געבענטשט מיט אַ ספּעציעלן חוש פאַר סענסאַציאָנעלע נייס וועגן די וועמען זיי דינען כדי צו האַלטן זיי נאָכאַנאַנד פאַר די אויגן און אויערן פון דער בראָדוועיער טעאַטער־וועלט.

געדענק איך, למשל, ווי שטאַרק באַזאָרגט איך בין געווען, ווען אַ פריינט מיינער האָט מיר געבראַכט די אומאַנגענעמע נייס, אַז אַ מיטגליד פון מיין פאַרפלאָנטערטן משפּחה־לעבן גרייט זיך מיר צו מאַכן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל אין טעאַטער, ביי אַ פאָרשטעלונג פון „דהי טרעזשור״. איר קענט זיך פאָרשטעלן די מורא וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט וואָס אַזאַ סקאַנדאַל וועט מיינען פאַר מיר. איך האָב אַ ציטער־דיקע זיך פאַרטרויט פאַר בעלאַ ספּיוואַק. איר פּנים האָט אַזש אויפגע־לויכטן, אירע אויגן האָבן זיך ממש אָנגעצונדן, און ווי זי וואָלט שוין באַשיינפּערלעך געזען פאַר אירע אויגן דעם סקאַנדאַל אין טעאַטער, האָט זי אויסגערופן:

„אָ, הלוואי, גאָטעניו, זאָל ער קיין חרטה ניט האָבן! דו ווייסט דען, צילי, וואָס איך קען מאַכן פון אַזאַ סקאַנדאַל? דאָס וועט דאָך זיין ערשטע־זייט־נייעס מיט גרויסע אותיות אין אַלע צייטונגען. אַזאַ רעקלאַמע האָט דאָך אַ גוואַלדיקע ווערט פאַר דיר און פאַר דיין קאַריערע...״

איך האָב געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע אויגן און זיך גע־וואונדערט וואָס אַזוינס עס ליגט באַהאַלטן אין די מוחות פון די פּובליסיטי־אַגענטן, וואָס זיי קענען אַזוי לייכט מאַכן גרויסע רעקלאַמען פון אינטימן

און פּערזענלעכן האַרצווייטיק. איך האָב דאַן ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען די קללה פון דעם וואָס מ׳רופט „געלער זשורנאַליזם״.

בין איך גליקלעך וואָס איר האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן. ניט איינמאָל האָט זי שפּעטער אין אונזערע געשפּרעכן מיך באַדויערט:

„צילי, דו האָסט ניט קיין מזל. דיין קאַריערע וואָלט אָן אַ שיר גע־וואונען, ווען יענער סקאַנדאַל וואָלט פאָרגעקומען״.

מילא, בין איך איר פון גאַנצן האַרצן מוחל די געווינסן וואָס איך וואָלט געהאַט.

אויב איר וועט מיר מוחל זיין מיין אומבאַשיידנקייט, וועל איך אייך זאָגן, מיט מיין פולן באַוואוסטזיין און מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז איך האָב מיין נאָמען און מיין פּראָפּעסיע, חלילה, ניט פאַרשעמט מיט מיין ערשטן אויפטריט אויף דער ענגלישער בינע. ניט נאָר האָבן דאָס באַשטעטיקט די שבחים פון די וויכטיקסטע טעאַטער־קריטיקער אין דער פּרעסע, די אַמע־ריקאַנער טעאַטער־פּראָפּעסיע, בכלל, האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס באַ־גייסטערונג.

געדענק איך נאָך ווי דער גרויסער דעיוויד בעלאַסקאָ, דאַן איינער פון די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע טעאַטער־פּערזענלעכקייטן אין דער בראָד־וועיער טעאַטער־וועלט, האָט נאָך אַ פאָרשטעלונג אין מיין גאַרדעראָב גע־שווערעמט מיט באַגייסטערונג פאַר מיין שפּילן און קושנדיק מיך, עטלעכע מאָל מיך געבעטן אים צו קומען זען ביי דער ערשטער געלעגנהייט. איך וועל אויך ניט פאַרגעסן די אויסערגעוויינלעכע פרייד און אמת׳ע האַרצי־קייט וואָס מיין באַליבטע בערטאַ קאַליש האָט אין דעם זעלבן גאַרדעראָב אויסגעדריקט צו מיר פאַר מיין שפּילן יענע ראָלע. זי האָט מיט זיכערקייט פאָראויסגעזאָגט, אַז מיין צוקונפט וועט שוין בלייבן אויף בראָדוועי.

נאָך וויכטיקע טעאַטער־פּערזענלעכקייטן פון דער בראָדוועיער טעאַטער־וועלט האָבן מיך געבעטן זיי קומען זען. קען איך ביז היינט קלאָר ניט פאַרטייטשן פאַרוואָס איך האָב כמעט ווי איגנאָרירט די אַלע וואונדערלעכע פאַרשפּרעכונגען און איינלאַדונגען. אפשר איז עס אַן איינגעבוירענער שטאָלץ מיינער, מן הסתם איינע פון מיינע שוואַכקייטן, וואָס איך האָב שטענדיק דאָס געפיל, אַז די וואָס דאַרפן מיך באמת, וועלן וואו מיך צו געפינען.

איך דענק, אַז וואָלט די ראָלע פון „טילי״ ניט געווען דורכאויס כאַ־ראַקטעריסטיש־אידיש און וואָלט עס ניט געווען אין זשאַנער פון קאָמיזם, וואָלטן זיך אפשר געפונען בראָדוועיער טעאַטער־מענעדזשערס וואָס וואָלטן מיך געוואָלט און מיך געזוכט.

די דירעקציע פון דער טעאַטער גילד האָט מיך שטאַרק געוואָלט פאַר

זייער קומענדיקער אויפפירונג פון בערנאַרד שאָא׳ס „האַרטברעיק האַוז״. קען איך זיך אויך ניט דערקלערן פאַרוואָס מיין לאָיאַליטעט צו אַנשל שאָר האָט מיך ניט דערלאָזט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון דער טעאַטער גילד.

איך בין צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיע, געהאַלטן מיין וואָרט וואָס איך האָב עפנטלעך געגעבן צום פילאַדעלפיער טעאַטער־עולם אין דער „אידישער וועלט״.

הפנים, אַז אַנשל שאָר איז זיכער געווען, אַז איך וועל האַלטן וואָרט און קומען צוריק צו אים אין טעאַטער, אַזוי שנעל ווי די „אוצר״־פאָר־שטעלונגען וועלן זיך ענדיקן. ער האָט די לעצטע פאָר וואָכן געשפייזט דעם פילאַדעלפיער טעאַטער־עולם מיט מיין דערפאָלג אויף בראָדוועי און מיט די גרויסע שבחים וואָס זיינען מיר דאָרט צוגעטיילט געוואָרן.

האָט עס ווידער באַוויזן ווי גוט ער האָט פאַרשטאַנען דעם טעאַטער־עולם. ווען ער האָט אַנאָנסירט מיין ערשטן אויפטריט אין אַרטש סטריט טעאַטער, האָט זיך דער פילאַדעלפיער עולם אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע. די פיעסע מיט וועלכער איך האָב ווידער אָנגעהויבן אין פילאַדעלפיע איז געווען איזידאָר זאָלאָטאַרעפסקי׳ס „דאָס אָרעמע רייכע יתומה׳לע״, אַ גוואַל־דאָווגע מעלאָדראַמע מיט אַ שטאַרק דראַמאַטישער קינדער־ראָלע פאַר מיר.

זאָלן מיר די טעאַטער־צושויער וואָס האָבן מיך אין דער ראָל געזען, מוחל זיין פאַר די טייכן טרערן, וואָס איך האָב ביי זיי אַרויסגערופן מיט מיין שפילן. ס׳איז אָבער אמת, אַז די פיעסע „דאָס אָרעמע רייכע יתומה׳־לע״ האָט מיר שפּעטער אין מיינע וואַנדער־יאָרן זייער גוט געדינט. זי איז געוואָרן אַ זיכערער שלאָגער וואו און ווען איך האָב זיך אין דער ראָלע געוויזן. איך האָב געקראָגן אָן אַ שיר לויב־געזאַנגען פון אַלערליי קריטיקער איבער גאָר דער וועלט. איך האָב מיט דער פיעסע געמאַכט אַ סך געלט. פיל איך ווי אויסצודריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו איזידאָר זאָלאָטאַרפסקי, פאַר שאַפן די ראָלע אין דער דאָזיקער מעלאָדראַמע.

אָבער דאָ, אין פילאַדעלפיע, נאָך מיינע פאָרשטעלונגען אין דער אויס־געצייכנטער ראָלע פון טילי אין פינסקי׳ס „אוצר״, זיינען מיר אין אַ גרויסער מאָס געווען דערווידער סיי די פּראָזע, סיי די סיטואַציעס פון יענער פיעסע. דוכט מיר, אַז איך וועל אָמבעסטן אַרויסברענגען דאָס וואָס איך וויל איצטער אויסדריקן, דורך די רייד וואָס עס האָט מיר צוגעטיילט אַ טעאַטער־רעצענזענט אין אַ זיד־אַמעריקאַנער אידישער צייטונג. ליידער קען איך דעם נאָמען ניט געפינען אויף דעם אויסשניט. ציטיר איך פון זיין רעצענזיע נאָך אַ פאָרשטעלונג אין איינער פון די מעלאָדראַמעס פון

דעם סאָרט ווי „דאָס אָרעמע רייכע יתומה׳לע״, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אויף איינעם פון מיינע טורס אין זיד־אַמעריקע מיט יאָרן שפּעטער:

„אַז צילי אַדלער איז אַ קינסטלערין פון הויכער באַגאַבונג און איז פּעאיק צו צינדן און באַגייסטערן איר אוידיטאָריע, איז קיין פראַגע ניט ביי קיינעם. זי איז געקומען צו אונז מיט דעם אָרעאָל פון אירע קינסטלערישע דער־גרייכונגען אין דעם ניו יאָרקער קונסט־טעאַטער וואו זי איז געווען די הויפּט פרויען־פיגור. אָבער ערשט דאָ ביי אונז, דוכט מיר, האָט זי דורכגעמאַכט דעם גרויסן קינסטלערישן נסיון, און איז אַרויס פון אים די זעלבע צילי אַדלער, די גרויסע קינסטלערין. נעמט עס ניט אָן אַלס פּאַראַדאָקס. פאַר צילי אַדלער, דעם מענטש מיטן פיינעם נערוון־געוועב, איז זיכער לייכטער געווען אויפצונעמען דעם נאַטירלעכן ציטער און די נאַטירלעך־געצייכנטע פרויען פון פרץ הירשביין, שלום עליכם, שלום אַש, וואָס זי פלעגט אַרויס־פירן אויף דער בינע פון קונסט־טעאַטער, איידער אַריינצובלאָזן לעבן, און מ׳מוז זאָגן עכט לעבן, קינטלעריש געשאַפן אין די אומנאַטירלעכע, אומעכטיקע אין פשוט לעבנסלאָזע פאַרשויבען פון אַמעריקאַנער טאַנדעטנע שונד־ שרייבער״.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ זייער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט ביי אַ פאַרשטעלונג פון דער „אָרעמע רייכע יתומה׳לע״, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אין ברוקלינער ליריק טעאַטער. ווי איך האָב זיך אויס־געדריקט פריער, האָב איך מיט דער ראָלע מיינער שטענדיק אַרויסגערופן אָן אַ שיר טרערן ביי אַלערליי צושויער פאַר וועלכע מיר איז די פּיעסע אויסגעקומען צו שפּילן. דער עפּיזאָד וואָס איך גיי אייך איצט דערציילן, איז געשען שוין דאַן, ווען איך האָב פאַרמאָגט אַ זייער שיינע, פּרעכטיקע היים, אין מיין אייגענער הויז אין דער דאַן זייער געהויבענער סי־געיט, אויפן סאַמע שפּיץ פון קאָני איילענד. אין דעם עפּיזאָד נעמט אָנטייל דער באַרימטער פּיעסן־שרייבער וויליאַם סיגעל, וועמעס מעלאָדראַמעס האָבן פיל יאָרן געבראַכט גרויסע אוידיטאָריעס און אַ סך געלט אין די אידישע טעאַטערס.

וועל איך זיך דערלויבן ביי דער געלעגנהייט אויסצודריקן מיין צושטימונג צו דער פאַרשייטער מיינונג, וואָס די דראַמאַטורגן סיגעל, פריימאַן און אַנדערע האָבן וועגן זייער בייטראַג צום אידישן טעאַטער. זיי האָבן אַ טיפע איבערצייגונג, אַז אויף זייערע פּלייצעס און מיט זייערע פעדערס האָבן זיי יאָרן און יאָרן אויפגעהאַלטן און אויסגעהאַלטן דאָס אידישע טעאַטער. דוכט מיר, אַז וואָס ס׳איז שייך צו די מערסטע אידישע טעאַטערס, זיינע זיי באַרעכטיקט צו זייער מיינונג.

דאָס האָט אָבער ניט צו טאָן מיט אונזער ענין. עס איז ניט מער וואָס דערמאָנענדיק ווילי סיגעל, האָט מיין ניט־שרייבערישע דערפאַרונג מיך פאַרפירט אַרויסצוזאָגן אָט די מיינונג.

האָט, אַלזאָ, ווילי סיגעל בייגעוואוינט מיינע אַ פאַרשטעלונג פון „די אָרעמע רייכע יתומה׳לע״ אין ליריק טעאַטער. געשען איז עס נאָכן שטאַרקן שלוס פון צווייטן אַקט: — איך, דאָס אָרעמע יתומה׳לע, נעבעך, שטיי־אײן ביי אַ רייכן טאַטן, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטער ווייב... זי האָט אויך אַ טעכטערל אין מיינע יאָרן, וואָס טראָגט־צו כסדר אַלערליי רכילות׳ן וועגן מיר צו איר מאַמען און מיין טאַטן. אַ דאַנק די רכילות׳ן, גיי איך דורך מורא׳דיקע ליידן און יסורים. מיינע צרות דערגרייכן די העכסטע שטופּע צום שלוס פון צווייטן אַקט, ווען איך, דאָס יתומה׳לע, נעבעך, קען עס מער ניט אויסהאַלטן און אין אַ מורא׳דיקן אויסברוך פון היסטעריע און קינדערשן פּראָטעסט לויף איך צו צו מיין טאַטן, קלאַפּ מיט מיינע קליינע שוואַכע פויסטן אין זיין שטאַרקער ברוסט, שרייענדיק מיט באַנומענע קולות: „נעם מיך צו פון דאַנען! נעם מיך צו פון דאַנען!״ און פאַל אין זיינע הענט אין חלשות.

רייצט עס מיך אַייך צו דערציילן, אַז ווען לעאָן בלאַנק האָט מיט מיר די סצענע געשפּילט צום ערשטן מאָל, האָט ער האַלטנדיק מיך אין זיינע הענט, חוץ די בראַוואָקונגס־ווערטער וואָס זאַלאַטאַרעפסקי האָט אים געגעבן אין דער סצענע, קושנדיק מיך, אַ פאַרגאַפטער געזאָגט: „צילי, דו ווייסט גאָרניט ווי נאַטירלעך דו ביזט אין דער סצענע״.

איך דאַרף אײַך ניט זאָגן, אַז דורך מיין היסטערישן אויסברוך איז דער טעאַטער־עולם ממש פאַרגאַנגען אין געוויין און שלוכצן.

אין מיין גאַרדעראָב נאָך דעם אַקט האָט שוין אויף מיר געוואַרט ווילי סיגעל, און מיט זיין שפּרודלדיקן הומאָר האָט ער מיר געזאָגט:

„צילי, זיצנדיק אין טעאַטער, און זעענדיק ווי דער עולם איז אַזוי אָנגעפילט מיט רחמנות צו דיר, און פאַרגיסט אַזוי פיל טרערן אויף דער אָרעמער צילי אַדלער, האָב איך זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט אויסצושרייען: מיין ליבער עולם, איר דאַרפט ניט פאַרגיסן אַזוי פיל טרערן... עס איז איר גאָרניט אַזוי שלעכט... זי האָט אַ שיינע, רייכע, אייגענע הויז אין סי־געיט ביים סאַמע ים... האָט ניט קיין רחמנות אויף איר, זי איז אַ לענדלעידי!...״

ווי אַן אָפּרו נאָך דער שטאַרקער מעלאָדראַמאַטישער ראָל מיינער אין זאַלאָטאַרעפסקי׳ס „אָרעמע רייכע יתומה׳לע״, בין איך ווידער אַריין אין צוויי עכט־ליטעראַרישע פּיעסן, אין וועלכע איך האָב אויפגעלעבט צוויי

באַליבטע ראָלן מיינע. אַנשל שאָר האָט אַריינגעלייגט זייער אַ סך מי און אַרויסגעוויזן אַ סך רעזשי־פאַרשטענדעניש ברענגענדיק פאַרן פילאַדעלפיער עולם אַ פּרעכטיקע אויפפירונג פון הירשביינ׳ס „די פוסטע קרעטשמע״. סיי ער, סיי די גאַנצע טרופּע האָבן פון דער פילאַדעלפיער קריטיק גע־קראָגן אַ סך אָנערקענונג. עס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ פּי־נאַנציעלער דערפאָלג. און ווידער האָט ליטעראַטור געהאַט איר נצחון אין פילאַדעלפיע.

קען איך ניט דורכלאָזן אַ זייער קאָמישן אינצידענט וואָס האָט פּאַסירט ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער „פוסטע קרעטשמע״ אין אַרטש סטריט טעאַטער.

ביי דער חתונה־צערעמאָניע אין צווייטן אַקט בין איך, מייטע די כלה, פאַרפּוצט אין אַ דאָרפישער חופּה־קלייד. כדי דאָס קליידל זאָל אויסקוקן ברייטער, האָט מיך די דרעסערקע אָנגעטאָן עטלעכע אונטערקליידלעך. האָט זי, הפּנים, פאַרגעסן ווי געהעריק צו פאַרפעסטיקן איינע פון די אונטער־קליידלעך. טרעפט איר דאָך שוין וואָס עס האָט פּאַסירט. טאַנצנדיק מיט די חבר׳טעס האָט זיך דאָס פאַרנאַכלעסקטע אונטערקליידל ביסלעכווייז אַלץ געררוקט אַראָפּ און אַראָפּ, ביז איך האָב דערפילט אַז עס פּלאָנטערט זיך מיר אונטער די פיס. נאָך איידער עמעצער אויף דער בינע האָט די קאַטאַסטראָפע באַמערקט, האָבן זיך כוואַליעס פון געלעכטער דערהערט פונם עולם. מאַדאַם וואַקסמאַן, וועלכע האָט געשפּילט אַלס מיין מאַמע, איז געווען די ערשטע אויף דער בינע דאָס צו באַמערקן. איך האָב געפילט אַז עפּעס מוז איך דאָ טאָן, כדי די קאַטאַסטראָפע צו פאַרווישן. און אַנשטאָט צו באַזייטיקן דאָס אונטערקליידל אויף אַ באַהאַלטענעם אופן, האָב איך דעמאָנ־סטראַטיוו אין טאַנץ אַרויסגעשפּאַנט פון קליידל. די מאַדאַם וואַקסמאַן האָט זייער געלונגען דאָס אויסגענוצט און געהאָלפן דעם אינצידענט צו פאַרוואַנד־לען אין אַ טייל פון טאַנץ. זי האָט מיטביידע הענט בולט פאַרן עולם אויפגעהויבן דאָס שיינע אונטערקליידל, טאַנצנדיק אַרויסגערוקט אַ בענקל אין פאָדערגרונט פון דער בינע און אַ גליקלעכע זייער צערעמאָניאַל דאָס אויסגעשפּרייט אויפן בענקל. דער עולם האָט אין אַ פריילעכער שטימונג אויפ־גענומען די סצענע ווי אַ נאַטירלעכער טייל פון דער פּיעסע.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף מאָרגן האָט סיי די דרעסערקע, סיי איך שוין באַוואָרנט אַז דאָס אונטערקליידל זאָל ניט פאַלן. אָבער גרובער, איינער פון די מענעדזשערס, איז אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע מיט אַ גוואַלדיקער טענה: „סטייטש, וואו איז אַהינגעקומען די שיינע סצענע מיטן אונטערקליידל?

פאַרוואָס האָט איר עס אויסגעלאָזן? עס איז דאָך געווען אַ וואונדערבאַרע סצענע".

ביי די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען איז דאָס אונטערקליידֹ פונקט אין צייט אַראָפּגעפאַלן...

ציטערט מיר אַביסל מיין האַנט, ווען איך נעם דאָ אויסרעכענען די טרופּע:

לעאָן בלאַנק, צילי אַדלער, סעם קעסטין און דאָראַ וויסמאַן... צו־זאַמען מיט דיינע פיינמאַן, מאָריס וויסמאַן, מאָריס גאָלדבערג, אסתר וואַקסמאַן, מאַדאַם מאָריס וויסמאַן, סאָלטשע וויזנפריינט, יעקב מעסטל, דעיוו גראָס, סאָניאַ גורסקאַיאַ, אַנשל שאָר און דעיוו פּאַפּער. ווי געזאָגט, ציטערט די האַנט און עס דריקט דאָס האַרץ וואָס פון אַלע איז, אונז צו לאַנגע יאָר, געבליבן בלויז דאָראַ וויסמאַן, סאָניאַ גורסקאַיאַ, דעיוו פּאַפּער און איך.

אין יענער צייט, צו זיין פינקטלעך, דעם 17טן יאַנואַר, האָב איך צו מיין ערן־אָוונט געשטעלט הויפּטמאַנ׳ס „איינזאַמע מענטשן". מוז איך דאָ ווידער קאָמפּלימענטירן אַנשל שאָר׳ן פאַר די אַלע באַמיאונגען זיינע, העלפנ־דיק מיר אין דער אויפפירונג פון דער פּיעסע.

ווילט זיך מיר פאַרצייכענען דעם מאָדנעם קוריאָז, די פּאַריקע צוויי סעזאָנען, סיי אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער, סיי אין גאַרדען טעאַטער, ביי־דע אַנערקענט אַלס די ערשטע שוואַלבן פון דעם בעסערן און נייעם וועג אין אידישן טעאַטער, צו וועלכע איך האָב צוגעטראָגן אַ סך מי און אָנ־שטרענגונג, האָב איך ביי מיינע ערן־אָוונטן געהאַט אויסצושטיין אַזוי פיל ערגערנישן, און דווקא אין אַרטש סטריט טעאַטער, אַנערקענט אַלס פאַר־שטייער פונם אַזוי־גערופענעם „אַלטן אידישן טעאַטער", דווקא דאָרט איז מיר באַשערט געווען פון מיין ערן־אָוונט צו האָבן בלויז פרייד און פאַר־געניגן.

אַנשטאָט אַליין עס צו דערציילן וויל איך דאָ ציטירן אַ טייל פון דעם, וואָס עס האָט געשריבן אונזער ליבער א. פרומקין: „אויסער דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס צילי אַדלער, צוזאַמען מיט די אַנדערע שוישפּילער האָבן געהאַט לעצטע וואָך אין דער „פאָסטער קרעטשמע", איז זי אויך לעצטן מאָנטיק ביינאַכט אויפגעטראָטן אין דער הויפּט־ראָלע פון הויפּטמאַנ׳ס „איינזאַמע מענטשן", אין וועלכער זי איז געווען אומאיבערטרעפלעך. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן צו איר ערן־אָוונט, און עס וועט ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז אַרטש סטריט טעאַטער האָט ניט זייער אָפט געזען אַזאַ אויסערגעוויינלעך גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט ניט נאָר יעדן זיץ־פּלאַץ ביז אַרויף אויבן, אויף דעם לעצטן באַלקאָן, נאָר גאָר, גאָר אַ סך זיינען געשטאַנען אין געדיכטע רייען אין הינטערגרונט.

„נאָך דער פאָרשטעלונג האָט אַ גרופּע נאָענטע פריינט און פאַרערער פון צילי אַדלער אויף גיך אַראַנזשירט אַ קליינעם באַנקעט. צווישן די פאַרזאַמלטע ביים לאַנגן, לאַנגן טיש איז געזעסן אויבן אָן מאַדאַם דיינע פיינמאַן, דער בענעפיציאַנטינס מוטער, מיט אויגן וואָס האָבן געשיינט פון נחת און פרייד. די גאַנצע פּני פון דער פילאַדעלפיער ליטעראַריש־קינסטלעריש וועלט זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד און אַנערקענונג צו דער גרויסער קינסטלערין. מיט קורצע רעדעס, פול מיט אויסדרוקן פון ליבע און אַנערקענונג, זיינען אויפגעטראָטן יעקב מעסטל, אַלס פאַרטרעטער פון דער טעאַטער־משפחה, און ל. קרישטאַל, אַלס פאַרטרעטער פון דער צייטונגס־וועלט”.

איך קען ניט מיט זיכערקייט זאָגן וועלכן טאָג, און אפילו ניט וועלכן חודש אין פרילינג, 1921, האָט שוואַרץ זיך ווידער דערמאָנט אין מיר. עס האָט אָבער געמוזט זיין היפּשע עטלעכע וואָכן איידער מיין סעזאָן אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט טעאַטער האָט זיך געענדיקט. ווי גייט דער אויסדרוק, אין אַ שיינעם טאָג, האָט מיר מאָריס שוואַרץ אָנגעקלונגען אַז ער איז אין פילאַדעלפיע און וויל מיך זען; ער וואָלט וועלן מיך אַנגאַזשירן פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן אין אידישן קונסט־טעאַטער.

קען איך, ליידער, ניט זאָגן, אַז די נייס האָט מיך שטאַרק אויפגעמונטערט, אַז איך האָב זיך געפילט דערהויבן. מיין קלאָרער קאָפּ האָט ניט דערלאָזן איך זאָל זיך ווידער איבערגעבן צו נייע חלומות, פריידיקע האָפענונגען, ליכטיקע טרוימען וועגן אַ צוקונפט פאַר מיר אין שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער. איך וויל ניט לייקענען, אַז מיך האָט געצויגן צו ווידער לעבן און שאַפן אין דער בעסערער פּיעסע, אין בעסערן טעאַטער. אָבער אָט דער געפיל מיינער האָט פאַר אַ מינוט ניט אויסגעמעקט פון מיין זכרון די ביטערע דערפאַרונגען, וואָס שוואַרץ האָט מיר צוגעטיילט אין אורווינג פּלעיס טעאַטער.

איך בין געגאַנגען צו דער באַגעגעניש מיט שוואַרצ׳ן מיט זיכערע, פעסטע טריט, ניט, חלילה, געטראָגן פון פאַנטאַסטישע פליגלען. מיר האָבן ווידער, ווי מיט אַ יאָר צען־עלף צוריק, געגעסן לאָנטש אין פילאַדעלפיע. דער איינציקער חילוק פון דעם לאָנטש מיט די לאָנטשעס פון אַמאָל איז געווען דאָס, וואָס מירביידע זיינען געווען מיט עלף יאָר עלטער און שוין בעסער געקענט איינער דעם צווייטן... אָנשטאָט צו קוקן מיט אויגן פאַר־

ליבטע, און פירן אַ געשפּרעך אין סטיל פון יונג־מיידלשן און יונג־בחור׳שן ראָמאַנס, האָבן מיר זיך ביידע באַטראַכט מיט קליגערע אויגן, און אונזער געשפּרעך איז געווען אַ סאָרט געראַנגל פון וועלן געשעפטלעך אויסקלי־גערן איינער דעם צווייטן. עס האָט געקעמפט, פון איין זייט, אַ שטאַרקער ווילן, אַ בענקעניש צום בעסערן טעאַטער; פון דער צווייטער זייט, דער געשעפטסמאַן, וואָס אַ חוץ סטאַר־שוישפּילער, איז ער אויך געבענטשט מיט אַ פליגלדיקער שפּראַך און אַ פאַרשטענדעניש ווי אַזוי צו רייצן מיין שטאַרקן חשק, מיין גרויסע בענקעניש. מוז איך צוגעבן, אַז אויב מען דאַרף באַשטימען אַ זיגער אין יענעם געשפּרעך, איז עס געווען שוואַרץ. איך קען, אָבער, מיט קלאָרקייט זאָגן, אַז איך האָב פאַרלוירן באַוואוסטזיניק.

עס איז עפּעס געוואָרן כמעט אַ פעסטגעשטעלטער געזעץ, אַז דער בע־סערער טעאַטער קען די שוישפּילער ניט צאָלן אַזעלכע שכירות ווי די אַזוי־גערופענע שונד־טעאַטערס, אַזוי אַז איך בין גרייט געווען אַראָפּצולאָזן פון די שכירות וואָס איך האָב געקראָגן ביי אַנשל שאָר. פון די אַנדערע שיין־געמאָלענע טעאַטראַלע חלומות מיט וועלכע שוואַרץ האָט מיך געפּראוווט באַגייסטערן וועגן דער נייער הימם פון זיין אידישן קונסט־טעאַטער אין דעם גאַרדן טעאַטער וואָס ער האָט איבערגענומען, בין איך ניט נתפּעל געוואָרן. ווי זאָגט מען עס אין ענגליש: „אַי טוק איט וויטה עי גרעין אָוו סאָלט״.

שוואַרץ האָט אויך אין יענעם געשפּרעך אונזערן מיך שטאַרק צוגע־רעדט איך זאָל אָננעמען זיין פאַרשלאַג מיט אים צו פאָרן אויף זיין לענ־גערן פּראָווינץ טור. ער פאָרט אַרויס מיט שלום עליכם׳ס „שווער צו זיין אַ איד״, און אַזוי ווי ער האָט בערטאַ גערסטין ניט אַנגאַזשירט פאַרן קומענדיקן סעזאָן, וואָלט ער בעסער געוואָלט אַז איך, זיין לידינג־לעידי פאַרן נייעם סעזאָן, זאָל קריגן די פּובליסיטי וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם פּראָווינץ־טור פון זיין קונסט־טעאַטער: „אמת, די ראָלע איז ניט אַזוי אַי־אַי־אַי, אָבער איך בין זיכער אַז דו וועסט זיך אָנזען אין דער ראָלע״.

איך האָב זיך, הייסט עס, געלאָזט איבעררײדן, אָבער אויך אין דעם פאַל איז עס ניט געווען אינגאַנצן שוואַרצ׳ס כוח וואָס האָט מיך באַווירקט, נאָר די פינאַנציעלע געווינסן וואָס דאָס האָט פאַר מיר געמיינט. פילאַדעלפיע ווי אַ פּראָווינץ־שטאָט האָט ניט קיין זומער־טור. אָנצונעמען שוואַרצ׳ס פאַרשלאַג האָט פאַר מיר געמיינט צו פאַרדינען אַרום טויזנט דאָלער — אַזוי, אַז אַרום און אַרום בין איך פון יענעם ראַנדעוואו מיט שוואַרצ׳ן אַוועק כמעט אַ צופרידענע...

מיך האָט געפרייט די דערוואַרטונג פון אַ סעזאָן פון בעסערן אידישן

טעאַטער — די געלעגנהייט זיך צו פּאַרטיפן אין ראָלן פון קינסטלעריש־פּאַרטראַכטע געשטאַלטן. און צו דעם — דער פּראָווינץ־טור, וואָס וועט מיר געבן די געלעגנהייט מיט אַ לייכטערן געמיט אַרויסצופּאָרן מיט מיין קינד און מיין פייגע׳ן אויף אַ באַקוועמער זומער־וואַקאַציע. אָבער הפּנים אַז דאָס ווערטל „פון צוזאָגן ביז געבן איז אַ גרויסער מהלך״, איז אַן אמת׳דיק ווערטל, און אַוודאי איז די טעאַטער־פּראָפעסיע ניט קיין אויסנאַם.

אַרום צוויי אָדער דריי וואָכן פאַרן אַרויספאָרן אויפן טור האָט שוואַרץ מיט מיר זיך ווידער געטראָפן אין פילאַדעלפיע. ס׳האָט זיך, חלילה, גאָרניט געענדערט בנוגע מיין זיין מיט אים קומענדיקן סעזאָן. וואָס עס האָט זיך יאָ געענדערט איז דער ענין טור. עס הייסט, ניט דער טור האָט זיך גע־ענדערט, נאָר מיין פאָרן אויפן טור. גראָד דאַן האָט מוני ווייזנפריינד (פּאָול מוני), וואָס האָט געהאַט אַזאַ ריזיקן דערפּאָלג אין „שווער צו זיין אַ איד״, חתונה געהאַט מיט עמאַ פינקל׳ס אינגערער טאָכטער, בעלאַ, אַ זייער פיינע, יונגע אַקטריסע. האָט מוני אַנדערש ניט געוואָלט פאָרן אויפן טור מיט שוואַרצ׳ן, סיידן בעלאַ וועט אַנטייל נעמען אין דעם טור. קיין אַנדער פרויען־ראָלע אין „שווער צו זיין אַ איד״ איז ניטאָ. אַזוי ווי די ראָלע איז ניט אַזוי אַי־אַי־אַי, מוז ער נעמען בעלאַ׳ן פאַר דער ראָלע — אַזוי האָט מיר שוואַרץ פאַרזיכערט.

איז ווער קען האָבן טענות וואָס אַ יונג־פאַרהייראַט פּאָרפאָלק וויל זיך ניט שיידן אין זייערע האָניק־חדשים? ס׳האָט מיר נאָר אַביסל שאָקירט די לייכטקייט מיט וועלכער שוואַרץ האָט דעם „יאָ״ און „ניין״ באַהאַנדלט, זיך אפילו ניט פאַרטראַכט, אַז זייענדיק זיכער מיט זיין טור, האָב איך פאַר־לוירן אַנדערע געלעגנהייטן. זיין איינציקער אויסדרוק אויף מיך צו באַרואיקן איז געוועזן: „נאָך אַלעמען, צילי, איז דאָס דאָך ניט פאַר דיר קיין ראָלע. די ראָלע איז צו קליין פאַר דיר...״

ער האָט ניט געוואוסט, אַז אָט די דאָזיקע צוויי פראַזן וועלן אים אַנטקעגנקומען דורכן סעזאָן, ווייל ווען אים איז אויסגעקומען שפּעטער אין סעזאָן צו שפּילן „שווער צו זיין אַ איד״ און ער האָט, ווי אַ פאַרשטענד־לעכע זאַך, מיר געגעבן די ראָלע, האָב איך זי צוריקגעוויזן. איך האָב בלויז ווידערהאָלט זיינע ווערטער: „האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז די ראָלע איז ניט פאַר מיר — די ראָלע איז צו קליין פאַר מיר...״

איך האָב באַשלאָסן מיין קליינע היים אין פילאַדעלפיע ניט צו צע־ברעכן. איך בין אַליין אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק און בין איינגעשטאַנען ביי לילי און לודוויג זאַץ, מיין שוועסטער און שוואָגער, אין זייער שיינער און באַקוועמער היים אויף דער 110טער גאַס, אַנטקעגן סענטראַל פּאַרק.

די אורזאַך פאַר ניט צעברעכן מיין היים אין פילאַדעלפיע איז געווען אַ פילפאַכיקע. ראשית, האָט מיין היים געדאַרפט בלייבן אין פילאַדעלפיע צוליב לעגאַלע סיבות אַרום מיין גט מיט לאַזאַר פריד. דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך. צווייטנס, האָט מיין אונטערבאַוואוסטזיין עפּעס ווי מיר אונטער־געזאָגט, אַז איך וועל מן הסתם זיך ביי שוואַרצ׳ן ניט האַלטן מער ווי איין סעזאָן אויף אַמאָל. דריטנס, האָב איך ניט געוואָלט מיין קינד זאָל ליידן פון דער אַקטיאָרישער דאָליע — וואַנדערן. אַזוי ווי מיין מאַמע איז אויפן קומענדיקן סעזאָן געווען אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיע, איז זי מיט פייגע׳ן און מיין קינד געבליבן אין יענער היים מיינער.

רייצט מיך מיין מאַמישע שוואַכקייט איך צו דערציילן אַ חכמה׳לע פון מיין זעליק׳ל, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַרום פינף יאָר. איך פאַרלאָז זיך אויף דעם, אַז יעדער ווייסט, אַז אַלץ וואָס זייער קינד זאָגט איז אַ חכמה. געדענק איך ווי, שפּילנדיק זיך מיט זיינע חברים׳לעך, האָט ער זיך באַרימט, אַז אים היטן אָפּ דריי פרויען: „מיין מאַמע, מיין באָבע און מיין פייגע. מיין באָבע איז די ,פּיקסערין׳ — אַז מיין שפּילצייג ווערט קאַליע, איז זי שטענדיק גרייט דאָס צו ׳פּיקסן׳. מיין פייגע איז די ,קאָכער־קע׳ — זי קאָכט שטענדיק מאכלים וואָס איך האָב ליב. מיין מאַמע איז די ,לייענערקע׳ — זי לייענט מיר שטענדיק די שענסט מעשיות, אַמאָל לייענט זי עס אפילו אָן אַ ביכל. אָבער אַלע דריי אַרבעטן פאַר מיר...״ האָט אים, נעבעך, יענעם סעזאָן אָפּט אויסגעפעלט די דריטע, די לייענערקע...

די ערשטע פּיעסע יענעם סעזאָן אין שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער איז געווען „דער דיבוק״ פון ש. אַנ—סקי, אַ פּיעסע וועלכע האָט געשאַפן עפּאָכע אין אידישן טעאַטער איבער גאָר דער וועלט. דוכט מיר, אַז קיין פּיעסע איז ניט געשפּילט געוואָרן אַזוי פיל, מ׳קען זאָגן, אַז כמעט אין יעדן ווינקעלע, וואו נאָר אידן געפינען זיך. איך גלויב, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַ פּיעסע אין דער אידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור, וואָס איז גשפּילט געוואָרן אין אַזוי פיל שפּראַכן ווי „דער דיבוק״.

די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע אויפפירונגען פון דער פּיעסע זיינען געווען, אין ערשטער ריי, די פּראַכטיקע „הבימה״ אויפפירונג, אונטער דעם יונגן, מייסטערהאַפטן רעזשיסאָר י. ב. וואַכטאַנגאָוו. און כמעט אין דער זעלבער ריי איז פאַררעכנט געוואָרן דוד הערמאַנ׳ס פיין־פאַרטראַכטע רעזשי מיט דער ווילנער טרופּע. דוד הערמאַנ׳ס אויפפירונג דעם 19טן דעצעמבער, 1920, אין וואַרשע, אין עליזעאום טעאַטער, איז געווען די ערשטע פאָרשטע־לונג פון דעם „דיבוק״. דער עולם און דער גרויסער אינטערעס וואָס ער

האָט אַרויסגעוויזן אין דער פּיעסע, האָבן כמעט געצוואונגען אַ סך טעאַטערס די פּיעסע אויפצופירן.

זאָל עס מיר שוואַרץ ניט האַלטן פאַר קיין זינד, ווען איך וועל דאָ פאַרצייכענען, אַז אויך ער האָט זיך גענומען צום „דיבוק" אַ דאַנק דער גוואַלדיקער פּאָפּולאַריטעט וואָס די פּיעסע האָט אומעטום געהאַט — כאָטש מען האָט אין אונזער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט געהאַט גערעדט פון „דיבוק" שוין אַ היפּשע צייט, אָבער ווייטער פון ריידן איז עס ניט געגאַנגען. דער צוטרוי, אַז די פּיעסע האָט די ווערט געשטעלט צו ווערן, אַז זי האָט מעגלעכקייטן פאַר אַ דערפאָלג ביים אידישן טעאַטער־עולם — דאָס איז ערשט געקומען ווען די פּיעסע האָט געמאַכט אַזאַ סענסאַציאָנאַלן דערפאָלג אין אויסלאַנד ביי דער ווילנער טרופּע און אַנדערע טעאַטער־געזעלשאַפטן.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז שוואַרץ האָט פאַר יענעם סעזאָן איבער־גענומען דעם גאַרדען טעאַטער אין דער 27טער גאַס. דאָס טעאַטער האָט זיך גענויטיקט אין אַ היפּשן רעמאָנט, אויך איז די בינע געווען פאַרנומען מיט בויען די דעקאָראַציעס פאַרן „דיבוק", אַזוי אַז אָנגעהויבן די פּראָבען האָבן מיר אין זאַל פון „מאַנהעטן לאַיסעאום" אויף דער פערטער גאַס. געדענק איך ווי וואונדערלעך מאָריס שוואַרץ האָט פאַר דער טרופּע פאָרגעלעזן דעם „דיבוק". מען האָט געקענט זען, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט אויף צו שטודירן די פּיעסע.

איך געדענק זייער קלאָר דעם איינדרוק וואָס איך האָב געהאַט ביי מיין ערשטער ווידער־באַגעגעניש מיט שוואַרצ'ן ביי דער אַרבעט נאָך אַ משך פון צוויי יאָר גאַנצע. עס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע זיכערקייט אין דעם צוגאַנג צו זיין אַרבעט. גלייכצייטיק האָט שטאַרקער אַרויסגעסטאַר־טשעט די אויטאָריטעט מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן צו דער טרופּע. נאָך זיין פּרעכטיקער פאָרלעזונג האָב איך מיט נייגעריקייט געוואַרט אויף אַ לענגערע אויפקלערונג, אויב איר ווילט, אַ לעקציע, וועגן דעם וואָס די פּיעסע „דער דיבוק" שטעלט מיט זיך פאָר, וועגן דעם מיסטיציזם וואָס ליגט אין דער פּיעסע באַהאַלטן, וועגן די פאַרשידענע אָנצוהערענישן, וואָס גע־פינען זיך כמעט אין יעדער ראָלע. שוואַרץ האָט זיכער אָט די אַלע זאַכן דורכגעשטודירט, דורכגעטראַכט. ער האָט דאָס אַלץ אַריינגעוועבט אין אַ באַשטימטן רעזשי־פּלאַן, און אָט־אָט וועט ער די לעקציע האַלטן, כדי יעדער אַקטיאָר זאָל פילן וואָס די רעזשי דערוואַרט ער זאָל אַרויסברענגען. איך האָב געפילט, הערנדיק זיין פאָרלעזונג, אַז דאָס איז זייער בויטיק פאַר מיין

ראָלע, פּאַר די ראָלן פון די אַנדערע. די לעקציע איז ניט געקומען. אפשר ביי די פּראָבעס, האָב איך געטראַכט.

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבעס פון „דיבוק״ האָבן די מערסטע פון אונז געבלאָנדזשעט. איך אין מיין ראָלע, האָב זייער שטאַרק געבלאָנדזשעט. די ראָלע פון „לאה״ איז אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט: אַ יונג מיידל, וואָס איז באַהערשט פון ליבע צו אַ בחור וועלכן זי קען כמעט ניט, אָבער וועלכער איז איר באַשערטער פון דער השגחה. זי האָט ניט קיין איין ליבעס־סצענע, כמעט קיין איין וואָרט ניט, אויף אויסצודריקן איר טיפע ליבע צו אים. בלויז אין איין סצענע אין שול זעט מען לאה׳ן און חנן׳ען צוזאַמען אויף דער בינע. זיי ריידן כמעט קיין וואָרט ניט צווישן זיך. זי דאַרף בלויז מיט אירע אויגן, מיט באַהאַלטענע בליקן פון דער באָבען און די אַנדערע וואָס געפינען זיך אין שול, אַרויסצייגן אַז איר נשמה איז באַהעפט אין דער נשמה פון איר באַשערטן חנן. דאָס אַרויסצוברענגען פאָדערט אייגענע פאַר־טיפונג און אַ קלאָרע ריכט־ליניע וואָס די רעזשי דאַרף אָנצייגן און אויפקלערן.

אַ געבוירענע אין אַמעריקע, האָב איך זעלטן געהערט, און אַוודאי קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן אין וועלכן ס׳איז אַריין אַ דיבוק. אין לאה׳ן גייט אַריין דער דיבוק פון איר פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם באַשערטן חנן. ער דאַרף פון איר אַרויסריידן. איך האָב ממש ניט געוואוסט מיט וואָס מ׳עסט עס. האָט מיר דערפאַר אפשר מער ווי אַלעמען געפעלט די דערוואַרטעטע לעקציע פון רעזשיסאָר. איך האָב געפּרוואווט זוכן אַן ענטפער אין דער ראָלע, אין דער פּיעסע, אין די פּינטעלעך וואָס דער מחבר האָט אין זיין פּיעסע אַזוי אָפט אָנגעצייכנט.

איך האָב גערעדט מיט אַ צאָל מענטשן, זוכנדיק די אויפקלערונג וואָס מיר האָט געפעלט. מיין שוואָגער, לודוויג זאַץ, איז דערצויגן געוואָרן און זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין גאַליציע. דאָרט גייען אַרום אַ סך מעשיות און לעגענדעס וועגן דיבוקים. ריידנדיק מיט מיר, האָט ער מיר דערציילט עטלעכע מעשיות. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן אַ סצענע וואָס ער האָט אַליין ביישגעוואוינט פון אַ יונגן בחור, וואָס איז געלעגן אין פּאָליש פון אַ שול, זיך געוואָרפן אין אַלערליי קאָנוואולסיעס און פון אים האָט אַרויסגע־שריגן עפּעס ווי אַ פרעמדער קול. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין אים איז אַריין אַ דיבוק.

פון די אַלע רייד און געשפּרעכן האָב איך, אין מיין בלאָנדזשעניש, די ראָלע אויסגעפורעמט. איך געדענק ווי פיזיש שווער מיר איז אָנגע־קומען אַרויסצוברענגען מיין געשאַפענע פאַנטאַזיע פון דעם קול ווען דער

דיבוק דאַרף פון מיר אַרויסריידן. איך געדענק אפילו, אַז פון דער פיזישער אָנשטרענגונג האָב איך איינמאָל אַוועקגעחלש׳ט, און מ׳האָט מיך פון דער בינע אַראָפּגעטראָגן. איך בין ניט געווען זיכער מיט דער ריכטיקייט פון מיין אויפפאַסונג אין די סצענעס ווען דער דיבוק רעדט פון מיר אַרויס. ווען איך האָב געזען שפּעטער דעם „דיבוק" ביי דער „הבימה", מיט דער וואונדערלעך־טאַלאַנטירטער, און מיט אַזוי פיל מעלות געבענטשטער חנה ראָווינאַ, אין דער ראָלע פון לאה און געהערט אירע טענער פון דיבוק, האָב איך געהאַט שטאַרקע טענות צו זיך... איך האָב איר אפילו שטאַרק מקנא געווען פאַר אַ טייל פון אירע באַוועגונגען אין דער ראָלע בשעת זי ראַנגלט זיך מיטן דיבוק. אין דער סצענע לאה׳ס, ווען דער מיראָפּאָלער צדיק זוכט פון איר אַרויסצוטרייבן דעם דיבוק, און דער דיבוק, אין גרויסע יסורים, שרייט פון איר אַרויס: „זי איז מיין באַשערטע, איך וועל פון איר ניט אַרויסגיין..." האָט לאה (ראָווינאַ) זאָגנדיק די ווערטער, מיט אירע הענט זיך אַליין אַרומגענומען... איינגעקלאַמערט אירע אָרעמס אַרום איר האַלז. איך בין שטאַרק אימפּאָנירט געוואָרן פון דער סצענע אירער. קענענדיק די ראָלע, האָב איך דערפילט, ווי פאָרטרעפלעך דאָס דריקט אויס די געפילן וואָס לאה לעבט דאַן דורך. מען האָט מיר דערציילט, מיט וויפיל וויזיע און פאַרשטענדעניש דער יונגער רעזשיסאָר וואַכטאַנגאָוו האָט אויף דער און ענלעכע סצענעס געאַרבעט.

די אויפפירונג פון „דיבוק" איז שוואַרצ׳ן זייער שווער אָנגעקומען. אַמשווערסטן זיינען אים אָנגעקומען די צוויי ראָלן: חנן און דער משולח. עס האָט אים געפעלט אַן אַקטיאָר וואָס זאָל זיין פיזיש צוגעפּאַסט צו דער ריין־נשמה׳דיקער ראָל פון חנן — דער בחור וואָס לעבט בלויז אין גייסט, וואָס איז פאַרטיפט אין קבלה, וואָס פאַסט משבת לשבת, וואָס, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס: „מיר איז שווערער שבת צו עסן, ווי אַ גאַנצע וואָך צו פאַסטן" — אַ מענטש אַ שאָטן...

וויסן אַלע אַז „דער דיבוק" האָט אַ סך מאַסן־סצענעס. האָט זיך שוואַרץ פאַרבונדן מיטן „קונסט־רינג", אַן אַמאַטאָרן־גרופּע מיט אַמביציעס אויף אייגענע נייע פאַרזוכן אויפן געביט פון אידיש טעאַטער. אַ טייל פון דער גרופּע זיינען אין לויף פון יאָרן אַרויף אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אידישער בינע. עטלעכע פון זיי האָבן מיט אַ היפּשער מאָס דערפאָלג זיך איינגעבירגערט אין אידישן טעאַטער, צווישן זיי, יהודה בלייך, צבי סקולער, משה שטראַסבערג, יעקב בערגרין, באָריס ווײנער, דער מאַלער דזשעק סאָבעל, שערמאַן און אַנדערע.

צווישן די מיטגלידער פון קונסט־רינג איז געווען אַ יונגער מאַלער,

אברהם גאָלדבערג, וועלכער איז סיי מיט זיין פיגור, סיי מיט זיין בלאַסן אויסגעצויגענעם פּנים, שוואַרצע האָר און שיינענדיקע אויסדרוקספולע אויגן, געווען ווי געוואונטשן פאַר דער ראָלע פון חנן. האָט שוואַרץ אַ היפּשע פאַר וואָכן מיט אים די ראָלע פּראָבירט, ער האָט אים אָבער ניט צופרידנ־געשטעלט.

די ראָלע פון מיראָפּאָלער צדיק וועלכע שוואַרץ האָט געשפּילט, הויבט זיך אָן אין דריטן אַקט. חנן שטאַרבט אין ערשטן אַקט. האָט שוואַרץ צו אַלעמענס איבעראַשונג באַשלאָסן אַליין צו שפּילן אויך די ראָלע פון חנן.

נאָך שווערער איז שוואַרצ׳ן אָנגעקומען די ראָלע פון משולח. דער משולח איז כמעט אַ סימבאָלישע געשטאַלט אין דעם „דיבוק״. ער פאַר־טרעט, אַזוי צו זאָגן, דעם יושר אין דער פּיעסע. ער מאָנט גערעכטיקייט פאַר די געקריוודעטע; ער זוכט גלייך צו מאַכן די קרומקייטן וואָס ווערן אין דער פּיעסע באַגאַנגען. קען איך זיך ניט צוריקהאַלטן פון פאַרצייכענען דאָ דעם פענאָמענאַלן דערפאָלג וואָס נח נאַכבוש האָט אין דער ראָלע געהאַט אין דער אויפפירונג פון דער ווילנער טרופּע. עס איז ניט איבערטריבן צו זאָגן, אַז ער איז מיט דער ראָלע געוואָרן וועלט־באַרימט, וואו נאָר אידיש טעאַטער איז געשפּילט געוואָרן. דער אַקטיאָר וואָס האָט ביי שוואַרצ׳ן פּראָבירט די ראָלע פון משולח, האָט בשום אופן שוואַרצ׳ן ניט צופרידנ־געשטעלט. ער האָט ענדלעך פאַר דער ראָלע באַשטימט דעם באַקאַנטן שוישפּילער פון אייראָפּע, מיט אַ הויכן סטאַזש אין אייראָפּעאישן אידישן טעאַטער, דזשוליוס אַדלער.

איז כדאי דאָ צו ברענגען אַן אומגליקלעכן טעות, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער־אידישער טעאַטער־פּראָפעסיע. דער אַקטיאָר וואָס האָט שוואַרצ׳ן ניט צופרידנגעשטעלט אין דער ראָלע פון משולח, האָט ענדלעך דערלעבט זי צו שפּילן שפּעטער אויף אונזער פּראָווינץ־טור. צום שלוס פון צווייטן אַקט, ווען פון דער כלה, מיין ראָלע לאה, הויבן אָן אַרויסצושרייען די מאָדנע טענער פון דעם אַזוי־גערופענעם דיבוק, ענדיקט דער משולח דעם אַקט מיט פאָלגנדיקער פראַזע, וועלכע ווערט אַרויסגערעדט קלאָר, דייטלעך, כמעט געציילט יעדעס וואָרט: „אין דער כלה איז אַריין אַ דיבוק!...״

איידער מיר זיינען געפאָרן אויפן טור, האָט שוואַרץ אַרויסגעשיקט דעם באַטרעפנדיקן אַקטיאָר אין פאָראויס כדי צו געפינען די נויטיקע צאָל מענטשן פאַר די מאַסן־סצענעס פון „דיבוק״ און מיט זיי די סצענעס איינ־שטודירן; מ׳קען דאָך ניט מיטפירן צענדליקער סטאַטיסטן. פירן מענטשן אויף אַ טור איז זייער אַ טייערער ביסן. אין שיקאַגאָ זיינען די גרעסטע טייל

פון די סטאַטיסטן געווען גויים, וואָס אַן אַגענטור האָט צוגעשטעלט. די שלוס־סצענע, ווען אין דער כלה גייט אַריין דער דיבוק, קומט פאַר ביי דער חופּה, וואו אַלע סטאַטיסטן שטייען מיט ליכטלעך אין די הענט. און ווען דער משולח זאָגט אַרויס זיינע אויסגעצויגענע שלוס־ווערטער, דאַרפן זיי אַלע מיט די ליכטלעך אין די הענט אויסדריקן שרעק, אַרויסלאָזן אַן אויסרוף — „אָ־ה־ה־!...״ און ווייל די בינע איז זייער טונקל, די חופּה קומט פאָר אויף דער גאַס, מאַכט עס אַן איינדרוקספולן עפעקט, ווען צו־זאַמען מיט זייער אויסגעצויגענעם „אָה״ טוען זיך אַלע שיינענדיקע ליכט־לעך אַ באַוועג אין אַ געוויסער ריכטונג.

ווייסנדיק אַז זיי פאַרשטייען ניט קיין אידיש, און זיי וועלן ניט וויסן ווען זיי דאַרפן מאַכן זייער סצענע, האָט ער מיט זיי אָפּגעמאַכט אַז זיי זאָלן כסדר קוקן אויף אים און ער וועט זיי געבן דעם צייכן, ווען זיי זאָלן אַרויסזאָגן דעם „אָה״ און באַוועגן מיט די ליכטלעך. איז אים, הפּנים, שטאַרק געלעגן אין זינען, אַז דער עפעקט פון די ליכטלעך זאָל ווי געהעריק דורכ־געפירט ווערן. און אָט ווי אַזוי עס איז ביי אים אַרויסגעקומען אָט די דייטלעך, אויסגעצויגענע קלאָרע פראַזע: אין דער כלה איז אַריין אַ ליכטל...״

איז שווער מיר איבערצוגעבן ווי מיר אַלע האָבן געפילט ווען דער פאַרהאַנג איז מיט די אומגליקלעכע ווערטער געפאַלן. געוויינלעך, אין אַזעלכע פאַלן דערוועקט זיך ביי שוישפּילער אַ סאָרט מיטגעפיל צו דעם וואָס האָט דאָס אומגליק צו מאַכן אויף דער בינע אַזאַ סאָרט שרעקלעכן טעות. האָט עס אונז טיילווייז געפרייט, ווען ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן אַז ער האָט דעם טעות געמאַכט.

דאָס מעשה׳לע אָבער איז געוואָרן אַ שם־דבר אין אונזער טעאַטער־פּראָפעסיע...

עטלעכע וואָכן האָבן מיר אין מאַנהעטן לאַיסעאום געמאַכט די פּראָבעס פון „דיבוק״ ביז מיר זיינען אַריבער אין טעאַטער — אָבער אַלץ ניט אויף דער בינע. אויף דער באַלקאָני אין טעאַטער, הינטער די רייען, איז געווען אַ היפּש גראַמער פּלאַץ — האָבן מיר דאָרט פאַרגעזעצט אונזערע פּראָבעס. די בינע איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיטן געבוי פון די דעקאָראַציעס.

ערשט דעם סאַמע לעצטן טאָג פאַר דער פּרעמיערע האָבן מיר גע־מאַכט די ערשטע און לעצטע פּראָבע אויף דער בינע. אומגעפער אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט האָבן מיר די פּראָבעס אָנגעהויבן. זיינען, פאַרשטייט זיך, אַ סך סצענעס איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן. אויך זיינען פאָרגעקומען לאַנגע אָפּהאַלטונגען פעסטצושטעלן און אַרויסברענגען פּינקטלעך די פאַרשידענע

ליכט־עפעקטן. די נייע דעקאָראַציעס זיינען אויך דאַן צום ערשטן מאָל אויפ־געשטעלט געוואָרן צום געברויך פון די שוישפּילער. און זייער אָפט אין אַזעלכע פאַלן איז נויטיק דאָ און דאָרט עפּעס צו ענדערן, עפּעס צוצופּאַסן. דאָס אויך האָט פאַרנומען אַ סך צייט. „דער דיבוק״ פאַרמאָגט פיר אַקטן, יעדער פון די ערשטע דריי האָט אַנדערע דעקאָראַציעס. ווען איר ערשט איצט פאַרשטיין ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז זעקס אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר קוים פאַרטיק געוואָרן מיט די ערשטע דריי אַקטן.

נעם איך זיך ניט אונטער אייך איבערצוגעבן ווי מיר אַלע האָבן געפילט דורכמאַכנדיק אַזאַ שווערע וואַך־נאַכט, פונקט ערב דער פּרעמי־ערע, ווען אין דעם זעלבן אָוונט דאַרפן מיר זיין גרייט, פול מיט ענערגיע, אָפּצושפּילן צום ערשטן מאָל אַזאַ שווערע פּיעסע ווי „דער דיבוק״. אפילו שוואַרץ וואָס איז אין דער פּראָפעסיע באַרימט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן כוח און אויסדויער, אפילו ער איז געווען דערשעפּט און אויסגעמאַטערט. איז געבליבן מיט אַלעמענס צושטימונג, אַז די עטלעכע שעה רו האָבן מער ווערט ווי פאַרברענגען אין פּראָבעץ פון לעצטן אַקט. האָבן מיר זיך פאַרלאָזט, ווי זאָגט מען עס, אויף גאָטס באַראָט און אויף אונזער לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג, אַז מיר וועלן ווי ניט איז דורכקומען בשלום אָן דער פּראָבע פון לעצטן אַקט.

הפּנים, דערפאַר וואָס אַנ—סקי׳ס „דיבוק״ האָט חדשים נאָכאַנאַנד פאַר־נומען דעם אויבן־אָן אין טעאַטער־באַשרייבונגען אין דער אידישער פּרעסע פון גאָר דער וועלט, און ניט ווייניק אויך אין פרעמד־שפּראַכיקע צייטונ־גען, האָט עס אונז אַלעמען אָנגעפילט מיט אַ סך נערוועזיטעט און ציטערנ־דיקער דערוואַרטונג צו אונזער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע. שוין אין די גאַרדעראָבן, גרימירנדיק זיך און בכלל גרייטנדיק זיך פאַר יענער פאָרשטעלונג, איז יעדער פון אונז געווען מורא׳דיק אָנגעשטעקט מיט נער־וועזער שפּאַנונג. רעכענען שוישפּילער און סטאַטיסטן, זיינען געווען צווישן פופציק און זעכציק מענטשן אויף דער בינע. מ׳האָט ממש געקענט די אַלגעמיינע נערוועזיטעט שניידן מיט אַ מעסער.

די ערשטע פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן ניט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן ברייטן עולם. אין יענע יאָרן האָט אין דער אידישער ניו יאָרק עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע מיט דעם זייער טשיקאַווען נאָמען „די שנאָרער״. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון אינטעליגענטע יונגע מענער און פרויען וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אידישער קולטור, ליטעראַטור און בעסערן אידישן טעאַטער׳ זיי האָבן, בכלל, געוועקט די אידישע ניו יאָרק צו אַלערליי קולטורעלע געשעענישן און זיך, אַזוי צו זאָגן, געמישט און

געהאָלפן אַרויסרופן אין דער עפנטלעכקייט ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט אידישער קולטור און ליטעראַטור.

דער פאָרזיצער, אָדער פרעזידענט, ווי דער אמת ווערט געוויינלעך באַטיטלט אין אידישע אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך גערופן „דער קעניג פון די שנאָררערס״, געבאָרגט פון זאַנגוויל׳ס אַ טיטל פון זיינעם אַ באַרימטן בוך. פון דער שנאָרער־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אונז אָפּגעשטעלט דער באַקאַנטער שלום־עליכם־פאָרלייענער און אַרטיסט, אַל. העריס. און ווער געדענקט ניט דעם באַרימטן „מייער״ פון די „שנאָרערס״? ניט קיין אַרטיסט, ניט קיין קינסטלער, אָבער יעדער איינער וואָס האָט ווען־עס־איז געהאַט אַ שייכות מיט אידישער ליטעראַטור און אידישער קולטור, האָט אָפּט געמוזט ענטפערן אויף „טענות און מיינונגען״ פון מייער׳ן פון די „שנאָרערס״. ביי דער ערשטער אויפפירונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, מיט אַרום דריי יאָר פריער, זיינען די שנאָרערס און זייערע אָנהענגער געווען די גרויסע מערהייט פון די פּאָר הונדערט מענטשן וואָס האָבן מיט אַזאַ גוואַלדיקער באַגייסטערונג אויפגענומען יענע פאָרשטעלונג. כדי אָנצושטעקן דעם טעאַטער־עולם מיט זייער באַגייסטערונג, האָבן זיי פאַרפאַסט און פּאָפּולער געמאַכט אַזאַ לידל: „אין אידישן טעאַטער איז געווען טונקל, איז געקומען הירשביין מיט אַ פאַרוואָרפן ווינקל״. און דאָס זיינען געווען די שנאָרער, וועלכע האָבן ביי שוואַרצ׳ן אָפּגעקויפט די ערשטע פאָרשטעלונג פון „דיבוק״. איז עס געווען ניט נאָר אַ טובה און דערמוטיקונג פאַר שוואַרצ׳ן אין דער פינאַנציעלער זייט פון טעאַטער, עס איז אויך געווען אַ גרויסע טובה פאַר אונז, שוישפּילער, צו האָבן אַזאַ פיינעם עולם פאַר וועמען אויסצופרואוון אונזערע זוכענישן, אונזערע בלאָנדזשענישן, און פאַרדעקן אונזער דערשעפּטקייט פון דער פריערדיקער וואָך־נאַכט.

ציט מיך דאָ אַרויסצוזאָגן מיין באַוואונדערונג פאַר אַנ—סקי׳ס וואונדערלעכער פאַרשטענדעניש, ווי אַזוי מיסטיש צו באַווירקן אַ טעאַטער־עולם. אין זיינע באַמערקונגען אין דעם געדרוקטן טעקסט פון „דיבוק״ פאָדערט ער, אַז איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף ביי אַ פּולקאָמענער פינצטערניש זאָל זיך הערן פון דער ווייטן אַ שטילער מיסטישער געזאַנג. קען איך ניט פאַרגעסן דעם ציטער וואָס איך האָב דערפילט ווען ס׳האָט זיך אין דער פינצטערניש דערהערט דאָס געזאַנג: „מחמת וואָס, מחמת וואָס — איז די נשמה פון העכסטער הויך, אַראָפּ אין טיפסטן גרונד?... דאָס פאַלן טראָגט דאָס אויפקומען אין זיך...״ און איך האָב קיין שום צווייפל ניט געהאַט, אַז דער עולם אין טעאַטער איז שטאַרק באַווירקט

געוואָרן פון די ווערטער און דעם ניגון, און דאָס האָט געשאַפן די פּאַסיקע אַטמאָספערע אויפצונעמען די צאַרט־מיסטישע פאָרשטעלונג פון „דיבוק".

טרעפט זיך מן הסתם ביי אַ סך מענטשן וואָס דער זכרון פון געוויסע איינדרוקן בלייבט איינגעקריצט אין זייער געדעכעניש לאַנגע, לאַנגע יאָרן. מיין איינדרוק פון דעם אָנהויב פון „דער דיבוק" פּיעסע איז נאָך ביז היינט אין מיין זכרון, סיי דאָס געזאַנג פון „מחמת וואָס", איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, און דער גמרא־ניגון פון די „בטלנים" תיכף ווען דער פאָהאַנג גייט אויף.

אַ סך פון מיינע פריינט האָבן מיר אָפט דערציילט, אַז ביים אויפגאַנג פון פאָרהאַנג נאָך די מיסטישע טענער פון דעם „מחמת וואָס", האָט די טונקעלע באַלייכטונג פון בלויז טיילן פון דער שול אַרויסגערופן אַ געפיל פון קדושה ביים עולם אין טעאַטער. די ערשטע סצענע, דער געשפּרעך פון די דריי בטלנים, האָט געהאָלפן פאַרשטאַרקן אָט דעם געפיל. געפין איך פאַר נויטיק דאָ צו פאַרצייכענען, אַז צוויי פון די דריי בטלנים, זיינען ניט געווען אין יענער צייט קיין פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די אַמאַטאָרן־גרופּע, דער קונסט־רינג, האָט שוואַרצ'ן צוגעשטעלט אַלע אַנטיילנעמער אין די מאַסן־סצענעס פון „דיבוק". אַ צאָל פון זיי האָבן אויך געשפּילט קלענערע ראָלן. בלויז דעם ערשטן בטלן האָט געשפּילט אַ פּראָפעסיאָנעלער, אליהו טענענהאָלץ.

דער דריטער בטלן איז געשפּילט געוואָרן פון אַ מיטגליד פון קונסט־רינג, וואָס האָט זינט דאַן זיך געשאַפן און פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין בעסערן אידישן טעאַטער. געדענק איך זייער קלאָר, ווי שטייענדיק הינטער דער בינע, האָב איך דערהערט אין געשפּרעך פון די בטלנים איינעמס אַ זייער קורצן אויסדרוק, בלויז צוויי ווערטער: „ס'אַראַ האַרצוויי־טיק..." דער אמת פּונם טאָן אין מיר אַריין אין די אויערן און טיף אין האַרצן: „אוי, ווער איז עס?" אַזאַ אויפריכטיקער האַרציקער טאָן... איך האָב אויסגעפונען. מיר זיינען געוואָרן נאָענטע פריינט, און עד היום האַלט איך זייער אַ סך פון דעם טאַלאַנטירטן, פרעכטיקן כאַראַקטער־שויי־שפּילער און רעזשיסאָר, פיינעם איידעלן מענטש, האַרציקן פריינט, יהודה בלייך.

איך האָב, ווי איר זעט, דורכגעלאָזן דעם וואָס האָט געשפּילט דעם צווייטן בטלן. אין יענער צייט פון 1921, ווען „דער דיבוק" איז אויפגעפירט געוואָרן, איז דער וואָס האָט געשפּילט דעם צווייטן בטלן, געווען זייער ווייניק באַקאַנט צום עולם. ער איז דאַן געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, וואָס האָט געשריבן אייגנאַרטיקע לידער און אויפגעטראָטן

פאַר אָרגאַניזאַציעס, ביי זייערע אונטערנעמונגען, דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער דיכטער, דער ערשט־ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער א. לוצקי...

די סצענע פון די בטלנים איז פון זיי דורכגעפירט געוואָרן זייער פיין און האָט געלאָזט אַ טיפן איינדרוק. די קונסט־רינגלער האָבן פאַרמאָגט היפּשע אינטעליגענץ, געווען באַקאַנט מיט דער אידישער ליטעראַטור, געקענט די פּיעסע „דער דיבוק״ און מיט אַ סך ליבע דורכגעפירט די אַלע מאַסן־סצענעס און די קלענערע ראָלן וואָס אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט.

דער חתן, מיט וועמען מ׳דאַרף מיך פירן צו דער חופּה אין „דיבוק״, איז אויך געווען אַ יונגער בחור פון קונסט־רינג. איך זאָג „מ׳דאַרף מיך פירן צו דער חופּה״, ווייל עס קומט ניט צו דעם. פּונקט דאַן ווען מען פירט אים צו צו מיר צום באַדעקן, טו איך אַ שפּרונג אויף, רייס אַרויס דאָס טיכל פון זיינע הענט און שטויס אים אָפּ שרייענדיק: „ניט דו ביזט מיין חתן!...״ געדענק איך ווי זיצנדיק אויפן שטול ביי דער סצענע, ווען דער שיינער בחור וואָס האָט געשפּילט דעם חתן גייט צו צו מיר מיטן טיכל, האָב איך שטיל געזאָגט צו בינע אַבראַמאָוויטש, וועלכע איז געשטאַנען ביי מיין זייט: „ס׳אַרא זיסער בחור, אַ שאָד וואָס איך דאַרף אים אַזוי שלעכט באַהאַנדלען...״

דאָס איז געווען זיין ערשטע ראָלע אויף דער בינע. אָבער זינט דאַן האָט ער זיך געשאַפן אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט אין בעסערן אידישן טעאַטער. ער האָט זיך אויך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען אויף דער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאָבליו־אי־ווי־די״. דאָס איז מיין ליבער חבר און פריינט, וואָס איצט קענען אים אַלע, דער באמת־טאַלאַנטפולער, צבי סקולער, דער „גראַם־מייסטער״.

איז עס טשיקאַווע צו דערציילן, אַז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, רעדנדיק מיט צבי סקולער פון דער „דיבוק״־צייט, האָט ער מיר פאַר־טרויט אַ סוד: ער האָט דאַן געהערט מיין באַמערקונג צו בינע אַבראַמאָוויטש וועגן אים, עס איז אים, זאָגט ער, פאַרבליבן אין זכרון ביזן הייטיקן טאָג.

איך האָב דאָ פריער אויסגערעכנט אַ צאָל פון די יונגע בחורים פון קונסט־רינג, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט געשאַפן אַ נאָמען אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אידישער בינע. וויל איך ניט קריוודען די יונגע מיידלעך פון קונסט־רינג, וועלכע האָבן דאַן אין „דיבוק״ אָנטייל גענומען. אויך צווישן זיי האָבן עטלעכע שפּעטער אויף איין וועג אָדער אַן אַנדערן זיך געשאַפן אַ נאָמען, צווישן זיי, קלאַראַ לענגסטער, מלכה קאָרנשטיין, בראָנטשע בערנשטיין, מרים גאָלדבערג, וועלכע האָבן אין די שפּעטערדיקע

יאָרן זיך צייטנווייז אויסגעלעבט אויף דער אידישער און ענגלישער בינע. צווישן זיי איז אויך געווען די איצט גאָר פיינע דערציילערין, שרה האַמער־זשאַקלין. קענט איר שוין אַליין זען, אַז יענע בחורים און מיידלעך פון קונסט־רינג האָבן פאַרמאָגט אינטעליגענץ און פיינעם טאַלאַנט.

צווישן זיי איז אויך געווען חנה ספעקטאָר, וועלכע איז שפּעטער באַ־רימט געוואָרן אַלס איינע פון די ערשטע און בעסטע פּרויען־פּערזענלעכ־קייטן אויף דער אידישער ראַדיאָ. אין אירע טעטיקייטן אויף דאַבליו־אי־ווי־די, האָט זי ניט נאָר זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען, זי האָט אויך אינספּירירט און געוועקט אַ סך פרויען זיך ווידמען צו געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און אַרום איר איז געשאַפן געוואָרן אַ היפּשע פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שפּעטער דורך דעם הסתדרות־קאַמפּיין געטאָן זייער אַ סך צו ראַטעווען אידישע יתומים פון דער חרוב־געוואָרענער אייראָפּע.

זיי אַלע האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, צוגעקלעפּט צו מיר, און די מערסטע פרייע צייט זייערע ביי אַ פאַרשטעלונג פלעגן זיי פאַרברענגען אין מיין גאַרדעראָבע. מיט אַ טייל פון זיי בין איך געוואָרן נאָענטע פריינט און אַן אָפּטע אַריינגייערין אין זייערע היימען. איבערהויפּט, חנה ספעקטאָר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון אָסקאַר גאָרין, וועלכער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער אידישער ראַדיאָ־וועלט. זייער היים איז באמת מיט דער צייט געוואָרן אַן אָרט וואו די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון דער ליטעראַריש קינסטלערישער וועלט פלעגן זיך דאָרט צוזאַמענ־טרעפן.

פיל איך אַ טיפן ווייטיק דערמאָנענדיק זיי און די היים זייערע, וואָס איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן ניט איבערלאָזנדיק קיינעם וואָס זאָל פאָרזעצן אָט די וואַרעמע הכנסת־אורחים מידה. אָסקאַר גאָרין און חנה ספעקטאָר זיינען פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. ווערט מיין ווייטיק נאָך טיפער ווען איך דערמאָן זיך, אַז דריי פון די פיר זיינען שוין פון אונז אַוועק. אויך מלכה קאָרנשטיין און בראָנטשע בערנשטיין זיינען שוין ניטאָ. מיר זיינען געווען אַזעלכע נאָענטע פריינט, און איך טראַכט איצט, אַז איך בין זיי שולדיק דאַנקבאַרקייט... זיי האָבן מיר פאַרזיסט אַ סך שווערע, ביטערע טעג און נעכט, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצולעבן יענעם סעזאָן סיי אין מיין טעאַטער־לעבן, סיי אין מיין פּערזענלעכן לעבן. מיט זייער פריילעכקייט, מיט זייער געטריישאַפט און ליבע צו זייער אַרבעט און צו מיר, האָבן זיי מיר אַ סך פאַרגרינגערט מיין לאַסט.

קומען מיר איצט ניט־ווילנדיק אַרויף אויף מיין זכרון די טענות און די קשיות וואָס איך, אין מיין ראָלע אַלס לאה אין „דיבוק", פרעג מיין

באַבען: „זאָג מיר, באַבעניו, אַ מענטש ווערט דאָך געבוירן אויף אַ גרויסן, לאַנגן לעבן. און אַז ער שטאַרבט פאַר דער צייט, וואו קומט אַהין זיין ניט־דערלעבטער לעבן, זיין פרייד און זיין לייד, — זיינע געדאַנקען וואָס ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, זיינע מעשים וואָס ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טאָן?... וואו קומען אַהין די קינדער, וועלכע ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו האָבן — וואו קומט דאָס אַלץ אַהין?"

טראַכט איך איצט און קלער פּונקט ווי לאה אין „דיבוק": טאַקע, וואָס ווערט פון די ניט־אויסגעלעבטע לעבנס? האָבן די מענטשן דאָך אַזוי פיל ליבע און געטריישאַפט מיר צוגעטיילט, צייטנווייז מיט זייער פרייד און לוסטיקייט מיך דערהויבן, און איך בין דאָך ניט געווען די איינציקע אין זייער קרייז. די שיינע וואַרעמע היים פון חנה ספּעקטאָר און אָסקאַר גאָרין האָט מיך אַזוי פיל מאָל אין שווערע מאָמענטן אין גאַנג פון מיין לעבן מיט וואַרעמ־קייט אויפגענומען, מיך געטרייסט און געצערטלט, איז טאַקע פאַרוואָס איז אָט די וואַרעמע און מיט אַ סך אינהאַלט אָנגעפילטע היים אַזוי גרויזאַם אָפּגעווישט געוואָרן, קיין שריד ופליט ניט געבליבן? אויך אַ היים האָט אַ נשמה, וואו טאַקע איז די נשמה אַהינגעקומען?

זייט מיר מוחל פאַר מיינע טרויעריקע און אפשר נאַרישע זכרונות און טראַכטענישן. איך האָב געפילט אַרויסצודערציילן די בענקעניש מיינע. זיי פעלן מיר — די ליבע חבר'טעס מיינע.

עס איז דאָ אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז געוויסע געשעענישן און פּאַ־סירונגען קענען אַ סך בעסער און קלאָרער אויפגעקלערט און אָפּגעשאַצט ווערן, וואָס ווייטער מען גייט אַוועק פון זיי. איז עס, הפנים, אַ גערעכטע מיינונג. אָט טראַכט איך איצט, אַז אין דער צייט ווען מיר זיינען געווען פאַרכאַפּט פון „דיבוק" און פאַרנומען יעדער מיט זיין באַזונדער ראָל, אַ סך פון די ראָלן זייער שווערע, האָבן מיר די ווערט פון דער פּיעסע „דער דיבוק", אַנ—סקי'ס מייסטערהאַפטע טעאַטער שטיק ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. מיר האָבן אויך ניט באַגריפן פאַרוואָס דאָס שטיק האָט אַזוי פיל אודיטאָריעס צופרידנגעשטעלט, ביי זיי אַרויסגערופן באַגייסטערונג, זיי־ענדיק פאַרנומען יעדער מיט זיך, האָבן מיר דאָס גאַנצע פאַרזען. איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, ווען איך טראַכט פון מיין ראָלע, פון די פאַר־שוינען אין דער פּיעסע, מיט וועלכע איך קום אין באַרירונג; ווען איך קוק אַריין, מיש די בלעטער פון „דיבוק" און שטעל זיך אָפּ אויף געוויסע סצענעס, דוכט מיר, אַז מ'דאַרף גאָרניט זיין קיין גוואַלדיקער טעאַטראַל אָדער אַ טיפער פאַרשטייער פון ליטעראַטור צו קענען אָנטאַפּן און דערפילן

דעם כוח, וואָס דאָס שטיק פאַרמאָגט און די גוואַלדיקע ווירקונג, וואָס דאָס מוז האָבן אויף מענטשן בכלל, און אויף אידן בפרט.

„דער דיבוק״ האָט אַלע עלעמענטן צו נעמען אַן עולם אפילו אויב ער ווערט אויפגעפירט אויבערפלעכלעך, אָן טיפער פאַרשטענדעניש. עס איז פאַר מיר איצט אַ סך קלאָרער פאַרוואָס די פּיעסע האָט אַזוי געקענט באַ־גייסטערן און אַרויסרופן אַזוי פיל פאַרטיפונג, ביי דעם יונגן וואַכטאַנגאָוו, אַ ניט־איד, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין דעם מאָסקווער רוסישן קונסט־טעאַטער, אַ תלמיד פון דעם גרויסן סטאַניסלאַווסקי. ער האָט אַזוי דורכ־געדרונגען און דערגרונטעוועט די מיסטישע טיפקייטן פון „דיבוק״, אַז ער האָט געקענט מיט אַ גרופּע אינטעליגענטע, אַמביציעזע, אידעאַליסטישע יונגע ליבהאָבער שאַפן אַזאַ פּרעכטיקע פאָרשטעלונג. אַוודאי איז אמת, אַז אין אַ סך פון די יונגע ליבהאָבער זיינען געלעגן גרויסע טאַלאַנטן, וואָס וואַכטאַנגאָוו האָט אין זיי אויפגעלעבט און אַנטפּלעקט. דאָס האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס דערגרייכט דוד הערמאַן מיט דער ווילנער טרופּע, כמעט אונטער די זעלבע אומשטענדן.

ווייסן דאַך, מן הסתם, אַ סך פון איך, אַז דער הויפּט נאָמען פון דער פּיעסע ביי אַנ—סקי׳ן איז געווען „צווישן צוויי וועלטן״. „דער דיבוק״ איז געווען אַ צוגאָב נאָמען, זיינען די צוויי וועלטן ביי אַנ—סקי׳ן די וועלט און יענע וועלט. עס קען אָבער אויך זיין „אָרעם און רייך״, „צופרידענע און געקריוודעטע״.

נעמט, למשל, אַזאַ מעשה׳לע, אַ משל וואָס אַנ־סקי דערציילט דורכן מויל פון משולח, ער דערציילט עס דעם גביר, דעם שיינעם באַלעבאָס, רב סענדער בריניצער. עס איז אַ פאַרשטעלטע מעשה׳לע, אָבער יעדער איינער פון עולם, דער פּראָסטער שבפּראָסטע, האָט געהאַט די צופרידנ־קייט, אַז ער פאַרשטייט דעם משל, און וואָס דער משולח וויל מיט דעם אַרויסברענגען. אָט איז דאָס מעשה׳לע:

„עס איז געקומען צום רבי׳ן אַ חסיד, אַ גביר, נאָר אַ גרויסער קמצן. האָט דער רבי אים אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעפירט צום פענסטער און געזאָגט: — קוק... האָט דער גביר אַרויסגעקוקט אויפן גאַס. פרעגט אים דער רבי: — וואָס זעסטו? ענטפערט ער: — איך זע מענטשן... נעמט אים ווידער דער רבי פאַר האַנט און פירט אים צום שפּיגל און זאָגט: — קוק, וואָס זעסטו איצט? ענטפערט ער: — איצט זע איך זיך... זאָגט אים דער רבי: — פאַרשטייסטו מיך, אין פענסטער איז גלאָז און אין שפּיגל איז גלאָז, נאָר די גלאָז פון שפּיגל איז אַביסל באַזילבערט, און ווי־

באַלד נאָר באַזילבערט, הערט מען אויף צו זען מענטשן און מ׳הויבט אָן זען נאָר זיך...״

האָט יעדער פון עולם פון אָט דעם משל צוליב אַ סך סיבות שטאַרק הנאה געהאַט: ערשטנס, וואָס ער פאַרשטייט די טיפקייט פון משל, וואָס איז געצילט אַ שטאָך צו טאָן דעם גביר; צווייטנס, וואָס דער גביר קריגט דעם שטאָך; דריטנס, האָבן אַ סך דערפילט דעם אמת׳ן מיין וואָס דער משולח האָט באַצוועקט, אַז ער, דער גביר, האָט צוליב זיין רייכקייט, דאָס „באַזילבערטקייט״, פאַרזען דעם אָרעמען בחור חנן, זיין טאָכטערס זיווג.

ווי איך האָב שוין פריער אָנגעדייטעט, איז דער משולח אַ מין סימ־באָלישע פיגור — דער יושר אין דער פיעסע. ער קומט שטענדיק פונקט אין צייט צו דערפילן זיין שליחות. דערמאָנט עס מיך, ווען איך האָב ציטירט פון מיין ראָלע, לאה, ווי זי פאַרוואַרפט איר באָבען מיט אַלערליי קשיות, וועגן מענטשן וואָס שטאַרבן פאַר דער צייט. לאה ציט אירע טענות ווייטער — זי גיט אַרויס אירע פאַרבאָרגענע טיפע געפילן וועגן דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם, איר זיווג, איר באַשערטן. זי זאָגט: „האָט געלעבט אַ בחור, געווען איז ביי אים אַ הויכע נשמה און טיפע געדאַנקען. אַ לאַנגער לעבן איז געווען פאַר אים, און מיטאַמאָל, אין איין רגע, האָט זיך איבער־געריסן זיין לעבן. עס זיינען געקומען פרעמדע מענטשן און אים מקבר געווען אין פרעמדע ערד...״ און זי שרייט אויס מיט פאַרצווייפלונג: „וואו־זשע איז אַהינגעקומען זיין איבעריקער לעבן, זיינע רייד וואָס זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, זיינע תפילות וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן? באָבע, אַ ליכט אַז זי ווערט פאַרלאָשן צינדט מען זי ווידער אָן און זי ברענט ווייטער, ביז זי ברענט אויס ביזן סוף. ווי אַזוי־זשע קען פאַרלאָשן ווערן אויף אייביק אַ ניט־אויסגעברענטע ליכט פון לעבן, ווי קען דאָס זיין?!...״

מענטשן אין טעאַטער מוזן פאַרכאַפּט ווערן פון אומפאַרשטענדלעכע קשיות אַזעלכע וואָס זיינען דאָך פאַרשטענדלעך פאַר כמעט יעדן פון זיי. ביי געוויסע פאַסירונגען אין זייער לעבן האָבן זיי אפשר אויך געטראַכט אַזוי.

די באָבע קען לאה׳ס קשיות ניט פאַרענטפערן. זי זאָגט איר: „מען טאָר ניט, טאָכטער, טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן. דער אויבערשטער ווייסט וואָס ער טוט. מיר זיינען בלינדע, מיר ווייסן גאָרניט״.

אָבער אין יענער מינוט קומט דער משולח, אַזוי געהיימניספול און שטיל, אַרויף אויף דער בינע, און מיטאַמאָל, ווי באַווירקט פון זיין אָנ־וועזנהייט, הויבט זיך לאה אָן אַליין פאַרענטפערן אירע שווערע קשיות. זי זאָגט פלוצלונג מיט זיכערקייט: „ניין, באָבעניו, אַ מענטשנס לעבן גייט ניט פאַרלאָרן. אַז עמעצער שטאַרבט פאַר דער צייט, קערט זיך זיין נשמה

אום צוריק אויף דער וועלט כדי אויסצולעבן די איבעריקע יאָרן... צו פאַרענדיקן די ניט־געטאָנענע מעשים — דורכפילן די ניט־איבערגעלעבטע פריידן אין לעבן...״

און ווען דער משולח, שטייענדיק כמעט איבער איר, זאָגט אַרויס די ווערטער: „עס זיינען דאָ פאַרוואָגלטע נשמות וואָס געפינען קיין רו ניט, און זיי דרינגען אַריין אין אַ פרעמדן לעבעדיקן גוף ווי אַ דיבוק און דורך דעם דערגרייכן זיי זייער אויסלייטערונג...״ מיט אָט די ווערטער זיינע, האָט ער צוגעגרייט לאה׳ן אויפצונעמען דעם „דיבוק״, חנן׳ס נשמה, וואָס גייט שפּעטער אין איר אַריין. אָט די אַלע מיסטישע פאַרשטעלטע טענות זיינען אָבער צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן צושויער.

איך וויל זיך מיט אייך טיילן מיט אַ מאָדנעם געדאַנק, פון וועלכן איך בין באַהערשט געוואָרן גריבלענדיק זיך אין אַנ־סקי׳ס פּיעסע „דער דיבוק״. פאַרוואָס זאָל דאָס ביסעלע גליק וואָס איז אַ מענטשן באַשערט, קומען אַזוי שפּעט? עס וואָלט דאָך פאַר אַנ־סקי׳ן געווען אַזאַ גרויסע פרייד און אפשר פאַרלענגערט זיין לעבן, ווען ער וואָלט בייגעוואוינט דעם פענאָמע־נאַלן דערפאָלג פון זיין ליבלינגס־ווערק „דער דיבוק״. איז אָבער די ערשטע אויפפירונג פון זיין פּיעסע געקומען ערשט צו די שלושים נאָך זיין טויט. איז דאָס ניט עפּעס ווי אַ חוזק־שפּיל פון שיקזאַל?...

קריגט פאַר מיר גאָר אַ נייע באַדייטונג די דין־תורה, וואָס אַנ־סקי ברענגט אַרויס אַזוי קרעפטיק אין לעצטן אַקט פון „דיבוק״, אַ דין־תורה צווישן אַ טויטן און אַ לעבעדיקן, צווישן דעם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם חנן׳ס פאָטער, ניסן בן רבקה, און זיין אַלטן חבר, לאה׳ס פאָטער, סענדער בן העניע: — ס׳רופט אַרויס צו אַ דין־תורה ניסן בן רבקה, זיין אַלטן חבר סענדער בן העניע. איז דאָס, פאַרשטייט זיך, שווער איינצורעדן אַן עולם, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך. טוט עס אַנ־סקי דורכן רב פון שטעטל: דריי מאָל אין איין נאַכט איז צו אים געקומען צו חלום ניסן בן רבקה און האָט געפאָדערט די דין־תורה. ווערט דער משפּט צוגעגרייט: עס זעצן זיך אַוועק דריי דיינים, עס ווערט אַריינגעבראַכט אַן עדה אידן, עס שטייט אַ דער־שראָקענער דער כלה׳ס פאָטער, סענדער, און אין אַ ווינקל, אונטער אַ ווייסן ליילעך, דערוואַרט מען, אַז דאָרט געפינט זיך די נשמה פון דעם מת טהור, ניסן בן רבקה.

די מערקווירדיקע שטילקייט אין טעאַטער האָט עדות געזאָגט, אַז דער עולם זיצט אין דער גרעסטער שפּאַנונג צוזעענדיק אַזאַ אויסערגעוויינלעכע און האַרבע דין־תורה, צווישן אַ לעבעדיקן און אַ טויטן.

ווייל איך דאָ דערמאָנען די צוויי קונסט־רינגלער, וואָס האָבן געשפּילט די צוויי דייבים ביי דער דין־תּורה. דער ערשטער, משה שטראַסבערג, האָט זיך פּאַר לאַנגע יאָרן געשאַפּן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין קונסט־טעאַטער אַלס פיינער כאַראַקטער־שוישפּילער און בינע־טעכניקער. לעצטנס שפּילט ער אויך אויף דער ענגלישער בינע. דער צווייטער, יעקב בערגרין, האָט אַ צאָל יאָרן געשפּילט אויף דער אידישער בינע. ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין רודאָלף שילדקרויט׳ס „אונזער טעאַטער" אין די בראָנקס.

מיט מיין איבערגעבן מער־ווייניקער דעם אינהאַלט אין די שטאַרק־דראַמאַטישע סצענעס פון „דיבוק", וועט עס פאַר קיינעם קיין נייעס ניט זיין, אַז די פּיעסע איז געווען אַ ריזיקער קאַסע־דערפאָלג. זי איז געגאַנגען נאָכאַנאַנד אַרום 12 וואָכן אָדער מער און גאַנץ אָפט, אין שפּעטערדיקע וואָכן און חדשים, ווען דער טעאַטער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען אַ פּיעסע איז דורכגעפאַלן, האָט מען אויף שנעל צוריק אויפגעשטעלט דעם „דיבוק".

איז אַוודאי אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן אונזער „דיבוק". האָב איך אָבער דאָס געפיל, אַז סיי אונזער אויפפירונג, סיי דאָס וואָס איז געשריבן געוואָרן, האָט ניט קיין ספּעציפישעס וואָס זאָל פאַרכאַפּן דעם אינטערעס פון לייענער, וואָס זאָל צוגעבן עפּעס נייעס.

איך וויל דאָ אָבער אויף מיין אייגענער אחריות צושרייבן אַ גאַר היפשן חלק אין דעם דערפאָלג פון „דיבוק" צו איינעם, וואָס האָט אויף זיין אופן דערגרייכט אַ זייער הויכע מדריגה אין דעם טייל פון קונסט־טעאַטער, מיט וועלכן ער האָט זיך אָפּגעגעבן. ער האָט דאַן, אָן צווייפל, אַרויסגעוויזן אין אַ גרויסער מאָס דעם רייכן מוזיקאַלישן טאַלאַנט, וואָס ער פאַרמאָגט. זיינע חתונה־ניגונים און בכלל די מוזיק וועלכע האָט דעם „דיבוק", אַזוי צו זאָגן, באַפּוצט און באַשיינט, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אידישן חן, מיט אידישער האַרציקייט און פאַרטיפונג — דער באמת־שיינענדיקער שטערן אין יענע יאָרן, יוסף טשערניאַפסקי...

איך קען זיך ניט צוריקהאַלטן און, געטריי צו מיין דערציילן דאָ, פאַר־צייכענען, אַז ניט לאַנג נאָך דער דערעפענונג פון מיין צווייטן סעזאָן מיט שוואַרצ׳ן, איז שוין ווידער צווישן אונז דורכגעלאָפן „אַ שוואַרצע קאַץ". איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דער מאָדנעקייט, וואָס איך האָב אָפט באַמערקט אין שוואַרצ׳ס האַנדלונג אין זיין טעאַטער יענעם סעזאָן. דווקא דאַן, ווען זיין קונסט־טעאַטער האָט געהאַט אַ גרויסן פינאַנציעלן דערפאָלג, דווקא ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, פלעגט ער שטענדיק אַרומגיין אַ צערייצטער, אַן אומפריינטלעכער. און, פאַרקערט, ווען די פינאַנצן זיינען ניט געווען אַזוי

פויגלדיק, איז ער צו אונז כמעט שטענדיק געווען זייער פריינטלעך און אפילו צוגעלאָזן. וואונדערט עס מיך ביז היינט. אפשר זיינען דאָ אַזעלכע פּסיכאָלאָגן וואָס קענען דאָס אויסטייטשן...

נאָך מער האָט מיך געוואונדערט, און ס׳איז פאַר מיר ביז היינט געבליבן אַ רעטעניש, זיין מאָדנע באַציאונג סיי צו בערטאַ גערסטין, סיי צו מיר. טראַכט איך איצט פון דעם, קומט מיר אויפן זינען נאָך אַן אומפאַרשטענדלעכקייט. כאָטש בערטאַ גערסטין האָט ביי שוואַרצן געשפּילט אַמווייניקסטנס אַ צען סעזאָנען אָדער מער — איך אויך אַרום אַ פיר אָדער פינף סעזאָנען — איז אָבער מיט דער אויסנאַם פון דעם דערעפענונג־סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, אין דעם סעזאָן פון זיין צווייטער דערעפענונג פון זיין ספּעציעל־געבויטער נייעם היים אויף סעקאָנד עווענױ און צוועלפטער גאַס, זיינען בערטאַ און איך מער קיינמאָל ניט געווען צוזאַמען ביי שוואַרצ׳ן אין קונסט־טעאַטער.

ווייס איך, אַז די סעזאָנען ווען איך בין געווען מיט אים אָן בערטאַ׳ן, האָט ער וועגן איר גערעדט מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג, זי שטאַרק געלויבט אַלס שוישפּילערין און אפילו זיך פאַרגעוואָרפן למאי ער האָט זי ניט אין טעאַטער. איך בין דאַן אַלס שוישפּילערין ביי אים געווען נידעריקער ווי גראָז. פאַרקערט, ווייס איך אויך, אַז אין די סעזאָנען ווען בערטאַ איז ביי אים געווען אָן מיר, האָט ער די זעלבע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט וועגן מיר אַלס שוישפּילערין און בערטאַ איז דאַן געווען די גראָז. איז דאָס אויך אַן ענין פאַר פּסיכאָלאָגן אויסצוטייטשן.

די צווייטע פּיעסע יענעם סעזאָן איז געווען „לאַנדסלייט״, פון בערקאָוויטש. איז אַרום דעם דאָ צו דערציילן עפּעס וואָס איז ניט צו פיל באַקאַנט. „לאַנדסלייט״ האָט בערקאָוויטש לכתחילה אָנגעשריבן ווי אַן איינאַקטער. אַלס אַזעלכער איז ער אויפגעפירט געוואָרן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער צו אַ ספּעציעלן אָוונט. דער איינאַקטער האָט דאַן שטאַרק אויסגענומען, און בערקאָוויטש האָט פון דעם איינאַקטער געמאַכט אַ דריי־אַקטיקע קאָמעדיע. איז שווער צו זאָגן פאַרוואָס אַלס פּיעסע האָט עס ניט אויסגענומען. ס׳קען זיין, אַז די האַנדלונג וואָס האָט זיך אָנגעזען אין אַן איינאַקטער, איז ניט געווען גענוג צו האַלטן אַן עולם געשפּאַנט גאַנצע דריי אַקטן.

מיר איז מיין ראָלע אין „לאַנדסלייט״ געווען זייער ליב צום האַרצן. עס איז געווען עפּעס אַ טשיקאַווער כאַראַקטער פון אַן אַמעריקאַניזירטער

פוסטער מיידל, און מיר איז געלונגען צו שאַפן אַ קאָמישן טיפּ, וואָס איז אינגאַנצן געווען ווייט אַוועק פון דעם זשאַנער ראָלן, וואָס מיר איז ביז דאַן אויסגעקומען צו שפּילן. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך האָב זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער לייכטזיניקער, לוסטיקער ראָלע, איבער־הויפּט, נאָך מיין שווערער, טראַגישער לאה אין „דיבוק". קען זיין אַז אָט דער פאַרגעניגן מיינער האָט מיך דערפירט און געהאָלפן שאַפן אָט יענעם שאַרזש אין דער ראָלע פון „רייטשל".

איז, ווי איך האָב שוין אויבן געגעבן אָנצוהערן, האָט די פּיעסע ביים עולם ניט אויסגענומען. בלויז אַ פּאָר וואָכן האָט זי זיך געהאַלטן. איז דאָ כדאי איבערצוגעבן ווי עס האָט רעאַגירט די פּרעסע אויף דער פאַסירונג.

אונטערן נאָמען „אַ פּיעסע אַרויף אַ פּיעסע אַראָפּ", איז דעם 9טן דע־צעמבער אין איינער פון אונזערע צייטונגען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָס פאָלגענדיקע:

„איינע פון די נייע, דווקא אַ שיינע, סימפּאַטישע פּיעסע, איז אַרונטער־גענומען געוואָרן אין קונסט־טעאַטער. דאָס איז בערקאָוויטש'ס „לאַנדסלייט". הפּנים, צילי אַדלער, גאָלדשמיט און סאָניאַ גורסקאַיאַ האָבן ניט קיין גרויסע מזלות. אין „לאַנדסלייט" האָט גאָלדשמיט געקראָגן די גרעסטע ראָלע. צילי אַדלער האָט דאָרטן געהאַט אַ געלעכטערל פון אַן אַמעריקאַנער פּינטעפּליושקע, און סאָניאַ גורסקאַיאַ האָט צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע געקראָגן אַ פּאַסנ־דיקע ראָלע. וואָס טוט גאָט? גייט ניט די פּיעסע. „לאַנדסלייט" איז געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק אַלס איידעלע, פיינע אידישע קאָמעדיע. ס'איז אָבער שנעל אַרונטער און די בעסטע טעאַטער־גייער באַדויערן דעם פאַקט. וואָס אַזאַ פיינע זאַך האָט זיך ניט געהאַלטן אויף דער בינע. דער טעאַטער־עולם נעמט ניט קיין שטילע פּיעסן. מ'דאַרף אים מיט עפּעס איבעראַשן. מען מוז אים געבן אַזאַ זאַך פאַר וועלכער עס זאָל אויף אים ציטערן די הויט ווען ער זיצט אין טעאַטער".

וויל איך זיך נאָך באַרימען מיט דעם, וואָס עס האָט וועגן מיר געשריבן אין דער ראָלע פון רייטשל אין „לאַנדסלייט" דער באַוואוסטער זשורנאַליסט, איצטיקער רעדאַקטאָר פון „טאָג", סאָלאָמאָן דינגאָל:

„צילי אַדלער האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע צו שפּילן, אָבער זי האָט זי געשפּילט פיין און אַרויסגעבראַכט די פאַרשייטע, פאַרפּירערישע, טענעמענט־הויז מיידל, מיט טאַלאַנט. אין אַזאַ ראָלע איז אַלעמאָל דאָ די געפאַר פון שאַרזש און איבערטרייבונג. צילי אַדלער איז דערמיט ניט געשטרויכלט געוואָרן".

איז אפשר דאָ כדאי אָנצומערקן ווי אַזוי דער גאַנג פון די יאָרן און אויך די אַזוי־גערופענע נייע ווענן אין אידישן טעאַטער האָבן געענדערט זיינע פּירונגען. אין אַמאָליקן טעאַטער, ווען אַ נייע פּיעסע האָט ניט אויסגענומען — זי האָט זיך געהאַלטן אַ סך ווייניקער ווי מ׳האָט געהאָפט — האָט מען, כדי זיך צו ראַטעווען, אויפן סוף־וואָך געשטעלט עטלעכע דערפאָלגרייכע פּיעסן פון אַלטן רעפּערטואַר.

די פראַגע איז בלויז געווען ווער עס איז דער סטאַר פון טעאַטער: איז עס געווען אַדלער, האָט מען אויף שנעל געשטעלט דעם „אידישן קעניג ליר", „דער מטורף", „דער ווילדער מענטש", „די אמת׳ע קראַפט", „אלישע בן אבויה" און אַנדערע פּיעסן פון דעם סאָרט. איז קעסלער געווען דער סטאַר, זיינען די פּיעסן געווען „גאָט, מענטש און טייוול", „שלומ׳קע שאַרלאַטאַן", „די וואַרהייט", „קרייצער סאָנאַטאָ" און אַנדערע. וואו טאָמאַשעפסקי איז געווען דער סטאַר — „דער ישיבה־בחור", „דער גרינער בחור", „דוד׳ס פידעלע", „דער פאַרלוירענער גן־עדן", „דבורה׳לע די מיוחסת" און אַנדערע. פאַר לאַנגע יאָרן זיינען אָט די פּיעסן זייער אָפט געווען אַ רעטונגס־מיטל און מ׳איז זיכער געווען מיט גוטע איינגאַמעס פאַר די עטלעכע פאַרשטעלונגען אין סוף־וואָך ביז מ׳וועט צוגרייטן אַ נייע פּיעסע.

פאַרטראַכט מען זיך אַביסל וועגן אַזעלכע זאַכן, מוז מען קומען צו עטלעכע שלוסן. ראשית, סיי די געשאַפענע ראָלן, סיי די פּיעסן זיינען געבליבן אויף לאַנגע יאָרן אַ באַגאַזש, וועלכער האָט געבראַכט גוטע נוצן. שנית, די שוישפּילער פון יעדן טעאַטער האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו ווייזן אין די פיין־געשאַפענע כאַראַקטערן אין יענע פּיעסן. אַזוי זיינען די מערסטע שוישפּילער אין יענע יאָרן געווען געשפּילטע אין די דאָזיקע פּיעסן, האָט מען ניט געדאַרפט קיין סך פּראָבעס. די אַלטע סטאַר־שוישפּילער האָבן געהאַט די זיכערקייט און פעסטן גלויבן, אַז צווישן ברייטן טעאַטער־עולם זיינען שטענדיק דאָ היפשע צאָלן וואָס זיינען גרייט צו קומען זען פּיעסן פון אַלטן רעפּערטואַר און שוישפּילער וואָס האָבן זיך באַרימט געמאַכט אין זייערע ראָלן.

שוואַרץ האָט אין זיין טעאַטער ביי אַזעלכע פאַלן כמעט קיינמאָל ניט אויסגענוצט קיין געשפּילטע פּיעסן פון זיין רעפּערטואַר אויף אַ סוף־וואָך. אין יענעם פאַל, ווען „לאַנסדלייט" האָט געהאַט אַזאַ קיצור ימים, האָט ער אויסגענוצט דעם לעצטן גרויסן דערפאָלג זיינעם, די פּיעסע וואָס האָט אַ סך אידישע טעאַטערס איבער גאָר דער וועלט צייטנווייז געהאָלפן, „דער דיבוק". האָט די פּיעסע אויך אין דעם פאַל דערפילט די דערוואַרטונגען וואָס מ׳האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. מ׳האָט דערוויל מיט גרויס אימפּעט

געאַרבעט און פּראָבירט אַ פּיעסע וואָס האָט יענעם סעזאָן געהאַט כמעט אַ געצוואונגענעם דערפּאָלג, איך מיין דאָ די באַרימטע פּיעסע פון אונזער איצט אַנערקענטסטן און גרעסטן דיכטער ה. לייוויק׳ס „שמאַטעס״, אַ פּיעסע וואָס באַהאַנדלט אַ ווינקל פון אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקציע, „רעגס״. די באַשעפטיקטע אין „שמאַטעס״, די כאַראַקטערן וואָס לייוויק האָט געמאָלן, האָט מען אויך געקעט קלאַסיפיצירן אַלס „שמאַטעס״.

ווען איך האָב פריער גענוצט דעם אויסדרוק „אַ געצוואונגענער דער־פּאָלג״, וויל איך דאָ אונטערשטרייכן וואָס איז דאַן כמעט פון אַלעמען אַנער־קענט געוואָרן, אַז דער פּאַרהעלטנמעסיק היפּשער דערפּאָלג פון יענער פּיעסע, דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דער איינגעשפּאַרטקייט פון אַב. קאַהאַן אין זיין איבערציגונג און טיפן גלויבן, אַז לייוויק׳ס „שמאַטעס״ איז אַ קונסט־ווערק און אַלס אַזעלכע פּאַרדינט עס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט צו ווערן. זיינען די שפּאַלטן פון „פּאָרווערטס״ געווען אָפן פאַר לייוויק׳ס „שמאַ־טעס״. די פּיעסע איז אין פּאָרזעצונגען געדרוקט געוואָרן און זייער אָפט זיינען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערשינען אַרטיקלען מיט גינסטיקע מיי־נונגען וועגן „שמאַטעס״. אַוודאי האָט לייוויק׳ס „שמאַטעס״ כשר פּאַרדינט דעם דערפּאָלג.

איז דאָס ווידער אַ באַרעכטיקונג אויף מיין אַרויסגעזאָגטער מיינונג אין פריערדיקע קאַפּיטלען וועגן קאַהאַן׳ס גרויסע ווירקונג אויפן אידישן לייענער בכלל, און אויפן טעאַטער־עולם בפרט.

איך האָף, אַז אַ סך טעאַטער־גייער פון יענעם סעזאָן געפינען זיך צווישן די לייענער פון „מיין דערציילן״. געדענקען זיי אַלע דעם פענאָמע־נאַלן דערפּאָלג וואָס עס האָט אין יענער פּיעסע געהאַט איינער פון אונזערע זייער אינטעליגענטע שוישפּילער, וואָס האָט אויך געהאַט אַנזען אין דער שרייבערישער וועלט, ער איז איצטער איינער פונם „פּאָרווערטס״ שרייבער־שטאַב, מאַרק שווייד. זיין ר׳ עליע אין „שמאַטעס״ האָט דעמאָלט ביי אַלעמען שטאַרק אויסגענומען.

שוואַרץ האָט יענעם סעזאָן אין זיין קונסט־טעאַטער זיך פּאַרמאָסטן אויף נאָך אַ טייל פון טעאַטער־קונסט. מיט דער הילף פון זיין עכט־טאַלאַנ־טירטן מוזיקער יוסף טשערניאַפסקי אין טעקסטן וואָס, ווי מיר דוכט זיך, עס האָט געשריבן אונזער גרויסער הומאָריסט, דער פּרעכטיקער שיין־שרייבער, פּאָעט, דערציילער, דראַמאַטורג און וואָס נאָך, משה נאַדיר, האָט שוואַרץ דורכגעפירט צוויי קליין־קונסט אָוונטן, אונטערן נאָמען „דער קרומער שפּיגל״. איז דאָס, פּאַרשטייט זיך, געווען אַ ברייט פעלד. דאָס אידישע לעבן — די אַמעריקאַנער אידישע גאַס, דאָס פּאָליטישע לעבן אין אַמע־

ריקע, אונזער אייגענע באַהעמע, די שרייבער־וועלט, די טעאַטער־וועלט, געזעלשאַפטלעכע מענטשן בכלל, זיי זיינען וואונדערלעכע טעמען פאַר אַ „קרו־מען שפּיגל״.

משה נאַדיר איז זיכער געווען דער פּאַסיקער מענטש אויף דעם געביט. ס׳זיינען ביי אים אַרויסגעקומען עטלעכע „זייער חנ׳עוודיקע שטיפעריייען״. אַזוי, למשל, ווייסן דאָך אַ סך אַז אונזער באַרימטער „ראָמאַנטישער שוי־שפּילער״, סעמיועל גאָלדנבורג, האָט ליב געהאַט צו שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. זייענדיק געבענטשט מיט מוזיקאַלישע נייגונגען, האָט ער ביי יעדער גע־לעגנהייט וואָס ער האָט געהאַט, געשפּילט פּיאַנאָ אויף דער בינע. איז אין דעם „קרומען שפּיגל״ געווען אַ סצענע אויף אַ בית־עולם, וואו דער וואָס האָט פאָרגעשטעלט גאָלדעבורג׳ן איז געקומען אויף קבר־אבות. און אין סאַמע מיטן בית־עולם, צווישן די קברים איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ און גאָל־דענבורג האָט אויף איר אויסגעשפּילט זיינע געפילן. האָב איך שוין אַ סך מאָל דעמאָנט שוואַרצ׳ס בריה׳שקייט צו אימיטירן די גרויסע דריי. איז דאָרט געווען אַ סצענע, אַ פאַראַדיע אויף די לעצטע אַקטן פון אַלע מעלאָדראַמעס — „מייסטערווערקע״ אויף דער אידישער שונד־בינע. די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט מאָריס שוואַרץ, פאָרשטעלנדיק דעם העלד פון דער פּיעסע וועמעס נאָמען איז געווען „תמוז־שעפּסקי״... אַזעלכע און ענלעכע שאַרזשן און סאַטירעס האָבן אויסגעפּילט די פּראָגראַם. איז אָבער דער אידישער עולם געבליבן קאַלט דערצו; עס האָט זיי ניט גענומען. האָט זיך דער פאַרזוך געענדיקט מיט אַ פּאָר אָוונטן.

איך געפין אַלעמאָל אַ צוטשעפּעניש ווי אַזוי איך צו דערציילן וועגן מיין ערן־אָוונט יעדן סעזאָן. דאָס מאָל האָב איך אויך אַ צוטשעפּעניש. מיט אַ סעזאָן פריער האָט שוואַרץ אין זיין אירווינג פּלעיס טעאַטער פאַרן עולם אַרויסגעפירט אַ דייטשע שוישפּילערין, אַ קריסטין, מיטן נאָמען מאַדאַם דזשעני וואַליער. זי האָט, אָן צווייפל, פאַרמאָגט אַ סך טאַלאַנט, און איך שטעל זיך פאָר, אַז שפּילנדיק אין דייטש, אין איר שפּראַך, וואָלט זי איר טאַלאַנט פולשטענדיק געקענט אַרויסווייזן. ווען זי איז אָבער ביי שוואַרצ׳ן אויפגעטראָטן אין אידיש — אַ לשון וואָס איז איר געווען אינגאַנצן פרעמד — האָט עס איר זייער פיל געשטערט. אַ חוץ דעם, איז די אידישע שפּראַך פון איר מויל, נעבעך, אַרויסגעקומען זייער צעקאַליעטשעט. איז עס באמת געווען אומגערעכט צו איר אַלס שוישפּילערין.

אמת, אַז איר טאַלאַנט איז געווען אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז זי האָט, טראָץ די שפּראַך־שטערונגען, ביים אידישן עולם און ביי דער אידישער פּרעסע שטאַרק אויסגענומען. איר גרעסטן דערפאָלג האָט זי געמאַכט אין

אַ פּיעסע וואָס זי האָט אַוודאי אַ סך יאָרן געשפּילט אויף דער דייטשער בינע. געהייסן האָט די פּיעסע „די טענצערין", געשריבן פון ה. לענגיעל. די הויפּט־ראָלע אין דער פּיעסע האָט אַלערליי פאַרשידנאַרטיקע איבער־לעבונגען, וואָס רייצן אַ שוישפּילערין אין דער ראָלע זיך צו באַווייזן.

ליגט עס שוין אין דער נאַטור פון שוישפּילער צו וועלן זיך פאַר־מעסטן אין גרויסע באַרימטע ראָלן. קען איך דאָ זאָגן מיט מיין פולן ערנסט, אַז מיך האָט קיינמאָל ניט געדרייצט דער פאַרמעסט. ניט ווען מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן ראָלן אין וועלכע עס האָבן זיך באַרימט געמאַכט אונזערע אייגענע גרויסע: בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין, סאַראַ אַדלער, בעסי טאָמאַשעפסקי, און אַוודאי ניט שפּילנדיק ראָלן, אין וועלכע די גרעס־טע וועלט־באַרימטקייטן זיינען אויפגעטראָטן.

מיך האָט שטענדיק געדרייצט בלויז די ראָלע, די איבערלעבונגען, די געפילן, די אַלערליי איבערגאַנגען וואָס זיינען אין דער ראָלע פאַרקערפּערט, און ווי אַזוי איך קען מיט מיינע כוחות די ראָלע אויספילן און באַזיגן.

ווייל איך שוין דאָ זיך אויך נעמען דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אַז איך האַלט עס פאַר אַ הילפסלאָזיקייט מצד אַ קריטיקער, וואָס באַזירט זיין קריטיק אויף שוישפּילער אין מאַכן פאַרגלייכונגען. דאָס איז קיינמאָל ניט קיין גערעכטער צוגאַנג צו אַ שוישפּילער. יעדער איינער האָט זיין אייגנאַרטיקייט, זיינע מיטלען, זיינע וועגן, ווי אַזוי אויסצודריקן און איבער־געבן געפילן. כמעט זעלטן וועט איר זען צוויי לעבעדיקע מענטשן אין איין און דער זעלבער סיטואַציע, אַז זיי זאָלן אויסדריקן זייערע געפילן אויפן זעלבן אופן. און אַוודאי איז עס דער כלל ביי שוישפּילער, וועלכע פאָלגן נאָך זייער אייגענע אינטואיציע. בלויז שוישפּילער, וואָס ווילן עמעצן נאָכ־מאַכן, פּרובירן איבערצוגעבן זייערע געפילן ווי „יענער" וואָלט עס געטאָן.

מיין אויפנעמען די ראָלע פון דער טענצערין איז אויך, חלילה, ניט געווען צוליב אַ פאַרמעסט מיט דזשעני וואַליער. דעם סעזאָן ווען זי האָט געשפּילט אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, בין איך געווען אין פילאַדעלפיע, אַזוי אַז מיר איז ניט אויסגעקומען זי צו זען שפּילן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי האָט געשפּילט אויף דער „עווענױ", האָב איך זי געזען אין ל. פריימאַנ׳ס פּיעסע „שטאַקער פון ליבע". דאָס איז בלויז איין טייל פון מיין „צוטשעפּעניש", ווי איך רוף עס, וועגן מיין ערן־אָוונט יענעם סעזאָן.

דער צווייטער טייל איז דאָס, וואָס אין דער „טענצערין" איז געווען דער איינציקער ערן־אָוונט מיינער, אין וועלכן שוואַרץ האָט געשפּילט מיט מיר. טאַקע ער האָט מיר די פּיעסע רעקאָמענדירט און געגעבן...

די „שוואַרצע קאַץ" איז שוין אַרום יענער צייט אויסגעבלייכט געוואָרן.

קען איך, הפּנים, נייט בייקומען מיין באַרימערישן געפיל, וואָס איז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אַ טייל פון יעדער מענטשלעכער נאַטור. וויל איך אייך דאָ ברענגען אַ פּאָר קורצע ציטאַטן, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געשריבן וועגן יענעם אָוונט מיינעם, אונטערן קעפּל „דער טאַלאַנט פון צילי אַדלער": „...זי האָט אין דער ראָלע געוויזן אַ סך איינבילדונגס קראַפט און אַ קינסטלערישן געפיל און פאַרשטאַנד, וואָס האָט באַשטעטיקט דעם נאָמען וועלכן זי האָט זיך דערוואָרבן אויף דער אידישער בינע אַלס איינע פון אונזערע וויכטיקסטע קינסטלערינס... איך האָב איר נאָכגעפאָלגט אין דער דאָזיקער נייער ראָלע אירער מיט דער טיפסטער אויפמערקזאַמקייט. זי אָט פולשטענדיק אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער דאָזיקער ראָלע אויך... עס קען קיין פראַגע ניט זיין, אַז זי איז אַ געבוירענע קינסטלערין מיט אַן אמת'ן טאַלאַנט און אויך מיט שכל דערצו... איר שפּילן אין „דער טענצערין" האָט איר נאָמען אַלס קינסטלערין נאָך פעסטער געמאַכט".

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז יענעם סעזאָן איז ביי אונז אין טעאַטער געווען אַ פעריאָד פון „אַ פּיעסע אַרויף און אַ פּיעסע אַראָפּ". דערמאָן איך זיך, אַז צווישן יענע פּיעסן איז געווען „דער טויטער מענטש", פון שלום אַש; „פּרינץ לולו", פון לעאָן קאָברין; „דער געדאַנק", פון אַנדרעיעוו. זיי האָבן קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט.

איך געדענק אויך, אַז צום ערשטן מאָל אין מיין קאַריערע האָב איך יענעם סעזאָן, מיט שוואַרצ'ן אַלס „אוריאל אַקאָסטאַ", געשפּילט די באַרימטע ראָל יהודית. אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן האָב איך יענעם סעזאָן געהאַט ווען איך בין ווידער אויפגעטראָטן אין איינער פון מיינע ליבלינג־ראָלן פון הירשביין רעפּערטואַר, אַלס זעלדע אין „דעם שמידס טעכטער". נאָך די עטלעכע אַרויף־אַראָפּ" פּיעסן, האָבן מיר זיך ענדלעך ווידער דערשלאָגן צו אַן אומדערוואַרטן דערפאָלג. דאָס איז געווען אַ פּיעסע פון דעם זייער קרעפּטיקן, אייגנאַרטיק־טאַלאַנטירטן דערציילער, יונה ראָזנפעלד, אונטערן נאָמען „קאָנקורענטן". אין אָריגינאַל האָט ער עס געשריבן ווי אַ דערציילונג.

יונה ראָזנפעלד איז נאָך דאַן געווען אַ פּנים חדשות אין אונזער ליטעראַטור אין רוסלאַנד. ביי אונז אין אַמעריקע האָט דער „פאָרווערטס" אָט די דערציילונג אויפגעכאַפּט. אַב. קאַהאַן האָט פאַר די לייענער פון „פאָרווערטס" מיט אַ באַגייסטערטער פאָררעדע די דערציילונג אָפּגעדרוקט און געשריבן וועגן איר אַ לענגערע ליטעראַרישע אָפּשאַצונג, וואו ער האָט

אויסגעדריקט די העכסטע באַוואונדערונג און אַנערקענונג פאַרן גרויסן טאַ־לאַנט פון שרייבער. קומענדיק קיין אַמעריקע האָט יונה ראָזנפעלד פון זיין דערציילונג געמאַכט אַ דראַמע אין דריי אַקטן, און שוואַרץ האָט זי אויפגע־פירט. איז קיין שום צווייפל ניט, אַז „קאָנקורענטן" אַלס דראַמע האָט פאַר־מאָגט וואונדערלעך־געמאָלענע כאַראַקטערן. עס ווערט דאָרט אַנטפּלעקט אַ ווינקל פון לעבן און ס׳ווערן אַרויסגעבראַכט מענטשלעכע שוואַכקייטן פון אַן אויסערגעוויינלעכן און אייגנאַרטיקן סאָרט.

מיר דוכט, אַז אַ גרויסן חלק אין דעם דערפאָלג פון „קאָנקורענטן" דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן צו אַב. קאַהאַנ׳ס באַגייסטערטער קריטיק. און ווי קאַהאַן וואָלט עס געפילט, האָט ער אין זיין קריטיק, צווישן אַנדערעס, געזאָגט: „מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַגריסן לייוויק׳ן מיט זיין מערקווירדיקער לעבנס־דראַמע „שמאַטעס"; היינט פאַרשאַפט עס מיר אַן ענלעכן פאַרגעניגן צו באַגריסן ראָזנפעלד׳ן מיט זיין לעבנס־דראַמע „די קאָנקורענטן".

ס׳פאַרשטייט זיך אַז צו אָט דער שטאַרקער דראַמע און קאַהאַנ׳ס לויב איז אויך צוגעקומען דאָס פּרעכטיקע שפּילן פון די שוישפּילער. מאָריס שוואַרץ, חנה אַפּעל, יחיאל גאָלדשמיט — און לאָמיר שוין זיך אויך אַריינ־רעכענען — האָבן אויף אַ זייער געלונגענעם אופן אַרויסגעבראַכט די טיף־פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטערן פון דער פּיעסע. אַ גרויסע סענסאַציע אין „די קאָנקורענטן" איז געווען דאָס שפּילן פון אַן אַכט־יאָריק איינגעלע. די ראָלע איז ווייט ניט קיין געוויינלעכע קינדער־ראָלע, און מאָטעלע בראַנט האָט די ראָלע זייער געלונגען דורכגעפירט. זיין שפּילן דאַן האָט אין דער אידישער טעאַטער־וועלט געמאַכט כמעט אַזאַ רושם ווי דער קליינער דזשעקי קוגען האָט אַמאָל געמאַכט אין אַ מאָווי מיט טשאַרלי טשאַפּלין.

אויף פּסח פון יענעם סעזאָן האָט שוואַרץ זיך געראַנגלט מיט דער אויפפירונג פון אַ דראַמע פון אַ צווייטן יונגן דראַמאַטורג, פישל בימקאָ, אונטערן נאָמען „דעמבעס". איך זאָג „געראַנגלט", ווייל שוואַרץ האָט זיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף צוויי שוועריקייטן. די ערשטע שוועריקייט איז געווען זיין אייגענע. דאָס הייסט, ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. דאָרטן זיינען דאָ צוויי שטאַרקע מענער־ראָלן, דער פאָטער און דער זון. איז שוואַרצ׳ן געווען שווער צו באַשליסן וועלכע ראָלע ער זאָל שפּילן.

אין צווייטן געראַנגל בין איך שוין אויך געווען פאַרמישט. די הויפּט פרויען־ראָלע אין דער פּיעסע איז אַ יונגע דינסט־מיידל, מיט וועלכער דער פאָטער האָט חתונה נאָכדעם ווי ער בלייבט אַן אלמן. אָבער זיין דער־וואַקסענער זון פאַרליבט זיך אין דער יונגער מיידל און ער איז גרייט זי

צוצונעמען ביים טאַטן. שוואַרץ האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך, מיט מיין אײדעלער פיגור, קען ניט אַרויסברענגען דעם פּרויען־רייץ, פאַר וועלכע טאַטע און זון זאָלן זיך יאָגן. ער האָט פאַר דער ראָלע ספּעציעל אַנגאַזשירט אַ באַרימטע, זייער טאַלאַנטירטע סובּרעטין, וועלכע האָט געהאַט מער מיט עטלעכע פונט אויף איר קערפּער.

קען איך ניט זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז דאָס האָט מיך ניט גע־ערגערט. איך האָב זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, וואָס איך וועל קענען דעם גאַנצן פּסח פאַרברענגען מיט מיין קינד אין מיין היים אין פילאַדעלפיע. איר געדענקט דאָך, אַז איך האָב מיין היים אין פילאַדעלפיע יענעם סעזאָן ניט אויפגעגעבן.

פרייטיק אָוונט איז געווען די פּרעמיערע פון „דעמבעס". בין איך טאַקע יענעם פרייטיק אין דער פרי אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע. האָט אָבער מיין פרייד לאַנג ניט געדויערט. איך האָב קוים צייט געהאַט זיך אַביסל אָנ׳חיות׳ן מיט מיין קינד ווי איך האָב זונטיק פרי געקראָגן אַ טעלעגראַמע, אַז איך מוז מאָנטיק עלף אַזייגער אין דער פרי זיין ביי פּראָבע.

איך בין ממש צעמישט געוואָרן. וואָס הייסט דאָס? „דעמבעס" דאַרף דאָך גיין גאַנץ פּסח. ווען כ׳בין מאָנטיק געקומען צו פּראָבע, האָב איך אויסגעפונען, אַז די פּיעסע מוז אַראָפּ און שוין פאַר קומענדיקן פרייטיק, די צווייטע טעג פּסח, דאַרף אַרויף „דער אוצר", פון דוד פּינסקי.

ווען איך בין אַרויף אויף דער בינע, איז גראָד דער ערשטער מיט וועמען איך האָב זיך אָנגעטראָפן געווען שוואַרץ. האָב איך, הפּנים, ניט געקענטביישטיין דעם נסיון און עפּעס ווי אַליין פון זיך האָט זיך פון מיין צונג אַראָפּגעגליטשט אָט אַזאַ שטעכיקע פראַגע: „וואָס־זשע, דער סובּרעטינס עטלעכע פונט מער האָבן גאָרניט געהאָלפן?"

שוואַרץ האָט מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרשולדיקטן שמייכל, אָן ווערטער, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן חנ׳דל, די ליפּן פאַרצויגן, די צונג פאַרשטעקט אין דער לינקער באַק, אַ מאַך געטאָן אומבאַהאָלפן מיט די הענט.

עס ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס „גיפטל" אין מיר האָט זיך נאָך ניט צופרידנגעשטעלט. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און ס׳האָט זיך געמאַכט אַ צווייטע געלעגנהייט פאַר מיר מיין פאַרדרוס ווידער מיט עפּעס אויסצושיסן.

דער „אוצר" איז ניט קיין לייכטע פּיעסע איינצושטודירן. און כאָטש די מערסטע פון אונז, שוישפּילער, זיינען אין דער פּיעסע געווען געשפּילטע פון ערשטן סעזאָן אין אירווינג פּלעיס טעאַטער, זיינען אָבער דאָרט דאָ אַ סך מאַסן־סצענען. האָבן זיך געפאָדערט כסדרדיקע פּראָבען אין די עטלעכע טעג ביז פרייטיק. מיר האָבן געמוזט פּראָבירן גאַנצע טעג. מ׳האָט בלויז

געמאַכט אַן איבעררייס צו כאַפּן אַ בייס, וואָס מ׳האָט אַריינגעבראַכט. זיצן מיר ביי אַזאַ איבעררייס און שמועסן וועגן דעם באַנקעט וואָס מאַקס געבעל׳ס טרופּע גרייט צו פאַר אים. זיצט זיך שוואַרץ מיט אַ פלעשל מילך אין איין האַנט און מיט אַ סענדוויטש אין דער צווייטער האַנט, און ער טוט זיך אַזוי אַ זאָג: „געבעל האָט מזל — אים מאַכט מען אַ באַנקעט, וואָדען, מיר וועט מען מאַכן אַ באַנקעט ?...״

איך בין געזעסן מיט דער פּלייצע צו אים. און ווי נאָר ער האָט אַרויס־געזאָגט זיינע לעצטע ווערטער, האָב איך ספּאָנטאַן זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אים, און מיט מיין גאַנצן פייערדיקן טעמפּעראַמענט, שאָקלענדיק מיטן פינגער גלייך אים אין פּנים, מיט לאַכנדיקע אויגן אויסגעשריגן: „וואַרט, וואַרט, שוואַרץ, איך וועל דיר מאַכן אַ באַנקעט!״

שוואַרץ האָט טרינקענדיק פון פלעשל זיך אַזוי פאַרכלינעט, אַז ער האָט זיך אָפּגעגאָסן, און אַלעמען באַשפּריצט, ניט קענענדיק זיך איינהאַלטן פון געלעכטער. די גאַנצע טרופּע האָט ממש היסטעריש געלאַכט.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז שוואַרץ האָט מיך פאַרן קומענדיקן סעזאָן ניט פאַרגעלייגט קיין אַנגאַזשמאַ, און — למאי זאָל איך לייקענען, ניט איך האָב עס דערוואַרט, ניט איך האָב זיך געפּונען געערגערט.

פילאַדעלפיע האָט מיך געוואָלט. אַנשל שאָר האָט מיך געמאַכט אַן אָנציענדיקן פאָרשלאַג. איך האָב סיי ווי געוואָלט זיין אין פילאַדעלפיע צוליב מיין גט.

איך בין אַ צופרידענע געקומען אין מיין היים אין פילאַדעלפיע. פאַר־שטייט זיך, אַז עס האָבן אויף מיר געוואַרט אַ פּאָר ניט אַנגענעמע בעגעגע־נישן אין די פאַרהערן פון מיין גט. מיין לאָיער איז געווען דער באַרימטער מאָריס ספּייזער, וועלכער איז אין פילאַדעלפיע געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גאָר גרויסע אַדוואָקאַטן. ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט אין דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט געזען, אַז איך זאָל וואָס ווייניקער האָבן אַזעלכע אומאַנגענעמע באַגעגענישן. האָב איך טאַקע דורך דער צייט פון יענעם סעזאָן געקראָגן מיין גט.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיין טעאַטער־קאַריערע, איז פילאַדעלפיע פאַר מיר כמעט שטענדיק געווען ווי אַן אָפּרו־אָרט. ניט, חלילה, קיין אָפּרו פון אַרבעט. אין אַ פּראָווינץ־שטאָט — כאָטש פילאַדעלפיע איז אַ גרויסע שטאָט, איז זי בנוגע טעאַטער דאָך אַ פּראָווינץ־שטאָט — דאַרף מען אָפטער בייטן פּיעסן,

אַזוי אַז די אַרבעט איז גאָרניט קיין לייכטע. דער אָפּרו איז מער געווען אַ גייסטיקער — איך האָב זיך אָפּגערוט פון ערגערניש, פון האַרצווייטיק, פון אַנטוישונגען.

די פאַרוואַלטונג פון טעאַטער האָט מיך שטענדיק זייער פיין באַהאַנדלט. בכלל, איז די אַטמאָספערע אַרום מיר געווען זייער אַנגענעם. אַוודאי האָט דער פילאַדעלפיער עולם מיך אַרומגערינגלט מיט האַרציקייט און מיט אַ וואַרעמער באַציאונג. און כאָטש מיר פלעגט אָפּט אויסקומען אויפצוטרעטן אין פּיעסן וואָס ווערן באַצייכנט אַלס שונד, האָב איך זייער אָפּט געהאַט מיין שוישפּילערישע באַפרידיקונג אפילו אין אַזעלכע ראָלן ווי האָט זיך אויסגעדריקט דער פיינער זשורנאַליסט, מ. מלמד, אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט״: „עס איז ניט נאָר דאָס, וואָס צוליב צילי אַדלער ווערן פון צייט צו צייט אין אַרטש סטריט טעאַטער אויפגעפירט בעסערע פּיעסן, נאָר וויכטיק איז, הויפּטזעכלעך, איר אייגענע פערזאָן צווישן די היגע שוישפּילער. זי איז געבענטש ניט נאָר מיט אַ גרויסן טאַלאַנט, מיט אַ באַזונדערן חן, זי האָט אויך די מעלה, וואָס זי מאַכט זיך באַליבט ביי אירע קאָלעגן״.

אַ פּנים חדשות פאַר מיר אויפן פעלד פון טעאַטער־מוזיק האָט דאָן אויפגעשפּראָצט, אַ נייער טאַלאַנט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר. ער איז זינט דאַן אַרויף צו דער העכסטער הויך אויף דעם געביט, און איז ביז היינט איינער פון די געציילטע ערנסטע קאָמפּאָזיטאָרן אין אונזער טעאַטער־וועלט. דאָס איז אונזער שלום סעקונדאַ.

וויל איך דאָ אויסרעכענען בלויז עטלעכע פון דעם לאַנגן צעטל פּיעסן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן יענעם סעזאָן: „אין אַ וועלט פון זינד״, פון זאָלאָטאַרעפסקי; „ניט געבוירענע קינדער״, פון אָסיפּ דימאָוו; „די גאַסן־פרוי״, „מיידלעך אָן אַ היים״, טאָלסטאָי׳ס „רעזורעקשאָן״, און פּינ־סקי׳ס „אוצר״.

ווי איר זעט, האָט עס אונז געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ.

וויל איך זיך ניט אָפּשטעלן אויף אייַנצלהייטן אין דעם צעטל פון די אויסגערעכנטע פּיעסן. איך מוז אָבער אויסטיילן איין אויפפירונג פון יענעם סעזאָן, ווייל דאָס איז געווען סיי פאַר שלום סעקונדאַ און סיי פאַר מיר אַ טשיקאַווער אויפטו. עס איז אויפגעפירט געוואָרן וויליאַם סיגעל׳ס און שלום סעקונדאַ׳ס אָפּערעטע „די אַמעריקאַנער רבי׳צין״. איז אין דעם אליין, פאַרשטייט זיך, קיין טשיקאַוועס ניטאָ. אָבער אַן אָפּערעטע, געבויט אויף צילי אַדלער אַלס סוברעטין, מיט געזאַנג, אַ סך געזאַנג, און טענץ, דאָס איז געווען דאָס טשיקאַוועקייט.

שלום סעקונדאַ האָט זיך געדאַרפט בריה׳ן צו שרייבן אַזאַ מוזיק, וואָס איך מיט מיין „ריזיקער שטימע״ זאָל קענען זינגען, טאַקע ווי אַ „רעגעלע זינגערקע״, מיט דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. איך האָב אויך באַוויזן די קונסט פון טאַנצן, זינגענדיק אַ טערצעט מיטן קאָמיקער־פּאָרל מעלצער און יעטאַ צווערלינג. ביז היינט, ווען דער מחבר ווילי סיגעל טרעפט זיך מיט מיר, ווערט ער ניט מיד נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל מיך צו דערמאָנען אין מיין גרויסן סוקסעס אין זיין „אַמעריקאַנער רבי׳ציין״.

וויל איך דאָ אויסטיילן בלויז איין סצענע, וואָס וועט אייך אפשר געבן דעם באַגריף ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך געוואָרן, אַז איך, צילי אַדלער, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין דער הויפּט־ראָלע פון אַן אָפּערעטע, כמעט אין אַ פּרי־מאַדאָנע.

איך בין אַן אַמעריקאַנער מיידל ביי אַ רייכן טאַטן, וואָס פאַרגינט זיך אַ לוסט־רייזע אין זיין היים־שטעטל אין פּוילן. ער נעמט מיך מיט. פאַרווילט זיך ווילי סיגעל׳ן, אַז איך, דאָס אַמעריקאַנער מיידל, זאָל זיך דאָרט פאַרליבן דווקא אין אַ זייער פרומען פּוילשן ישיבה־בחור, וואָס באַקומט סמיכה אויף רבנות. איך לאָז דעם טאַטן אַליין פאָרן אַהיים, צוריק קיין אַמעריקע, הייסט עס, און איך האָב חתונה און ווער אַ רבי׳צין אין פּוילישן שטעטל. מיט אַ צייט שפּעטער קומען מיר קיין אַמעריקע.

איז אָט בין איך ביי מיר אין דער היים, אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס, און בענטש ליכט. פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַ בינע, אין אַן אָפּערעטע, בענטשט מען ליכט אין דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. אָבער פּלוצלונג דערהערט זיך אין אָפּענעם פענסטער דאָס שפּילן פון דזשעז־מוזיק. און אומבאַמערקטערהייט, ווי פון זיך אַליין, הויבן ביי מיר די אַקסלען זיך אָן צו באַוועגן. און מיט די הענט איבער מיינע פאַרמאַכטע אויגן ביים ליכט־בענטשן, באַוועגט זיך מיין גאַנצער קערפּער צום ריטם פון יענער דזשעז מוזיק. טו איך דאָס, פאַרשטייט זיך, מיט אַ מאָס, מיט באַטירלעכקייט. און דאָס האָט אַרויסגערופן ביים עולם געוואַלדיקע באַגייסטערונג און געלעכטער. דאָס איז באמת געווען דער שלאָגער פון סעזאָן.

וויל איך אייך ניט איבערגעבן דעם לויב און די אַנערקענונג, וואָס איך האָב פאַר דער ראָלע געקראָגן סיי פון דער שוישפּילערישער פּראָפּעסיע און סיי פון צייטונגס־מענטשן.

יענעם סעזאָן בין איך צום ערשטן מאָל אַנערקענט געוואָרן אַלס אַ סטאַר־אַטראַקציע פאַר פּראָווינץ־טורס. געדענקען מן הסתם אַ סך פון אייך דעם נאָמען עדווין א. רעלקין, וועלכער איז, אייגנטלעך, דער דערפינדער

און אָרגאַניזאַטאָר פון רעגלמעסיקע פּראָווינץ־טורס. אָן אים האָט קיין אידישער סטאַר ניט געקענט פאָרן אויף דער פּראָווינץ.

יענעם סעזאָן האָט רעלקין מיך אויך אַריינגענומען אין זיין צעטל פון סטאַרס, וועמענס געהאַלט באַשטייט פון אַ היפּשן פּראָצענט פון דער פולער איינּנאַמע. אויף פּסח יענעם סעזאָן האָט ער מיך געשיקט קיין באָסטאָן. בין איך דאָרט אויפגעטראָטן אין מיין דערפאָלג פון יענעם סעזאָן, אין דער „אַמעריקאַנער רבי׳צין״.

כדי איר זאָלט באַגרייפן דעם גרויסן דערפאָלג מיינעם אין באָסטאָן, וועל איך אייך אויסזאָגן, אַז פאַר דעם יום־טוב פּסח האָב איך אויף מיין חלק פאַרדינט איבער צוועלף הונדערט דאָלער. דער מענעדזשער פון דעם אידישן טעאַטער אין באָסטאָן איז געווען דער איצטיקער באַקאַנטער טע־אַטער־מענעדזשער אָסקאַר גרין.

ווען איך בין געקומען קיין באָסטאָן, האָט ער געפּרואווט מיר איינרעדן, אַז איך זאָל מיט אים אָפּמאַכן פאַר אַ באַשטימטן געהאַלט: „וואָס טויג דיר, צילי, צו טומלען זיך אין חשבונ׳ען פּראָצענטן? איך בין גרייט דיר צו באַצאָלן 500 דאָלער פאַר דער פּסח־וואָך״.

מיך האָט אָבער געררייצט דער געדאַנק צו זיין אַ „רעגעלע״ סטאַר. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין גרייט צו ריזיקירן אויף פּראָצענטן. זייער אָפט זינט דאַן, ביי אונזערע באַגעגענישן, דערמאָנט ער דעם פאַל און לויבט מיך פאַר מיין געוואַגטקייט: „צילי איז אַ גוד ספּאָרט!״

האַלט איך עס פאַר אַ מזל׳דיקן צופאַל, וואָס פּונקט איצט, דערציילנדיק פון מיין דערפאַרונג אין באָסטאָן, האָב איך געקראָגן אַ פּערזענלעך בריוועלע פון אַ איד אין באָסטאָן. חוץ אַ סך חן, פאַרמאָגט דאָס בריוועלע אַ געוויסע פּיעטעט, וואָס דערמאָנט יענע גליקלעכע צייט, ווען אידיש טעאַטער איז ביי אַ סך אידן געווען אַ טייל פון זייער לעבן. וועל איך ברענגען עטלעכע ציטאַטן פון דעם בריוועלע:

„איין זאַך וויל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז איך דערלעב שוין ביז פרייטיק, און איך דערזע אייער אַרטיקל אין „פאָרווערטס״, אַזוי ווערט מיר ליכטיק אין מיינע אויגן. עס כאַפּט מיך אַרום אַ פרייד, לעזנדיק אייער אמת׳ע געשיכטע, וואָס איר מאָלט אויס אַזוי לעבעדיק, אַקוראַט ווי עס וואָלט נעכטן פּאַסירט, און איך אַלטער איד וואָלט געוועזן דערביי. און דאָ וויל איך אייך אויסזאָגן נאָך אַ סוד. איך בין שוין אַ מאַן פון 82 יאָר. אין מיינע יאָרן האָב איך שוין געזען אַ סך אידיש טעאַטער. און ווייסט איר, ווען איך האָב זיך פאַרליבט אין

אייך צו ערשטן מאָל? דאָס איז געווען, ווען איר האָט געשילדערט „צינע״ אין „די גרינע פעלדער״. איך קען ניט פאַרגעסן אייער שע־מעוודיקייט אין צווייטן אַקט, ווי איר קוקט אַריין אין פענסטער, ווען דער רבי לערנט. איך וועל די צוויי שיינע אויגן קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

„איך בין זיכער, אַז איר געדענקט מיך ניט. אָבער אָט ווי איר זענט מיר באַקאַנט געוואָרן. מען האָט מיר צו אייך געבראַכט, אַז איך זאָל סופלירן ביי אייער אַ פאָרשטעלונג אין באָסטאָן. געדענק איך, ווי איר זענט אַרויסגעקומען אין אַ מינק קאָוט און גלייך צוגעגאַנגען צו מיר, און איר האָט געזאָגט:

„זאָגט מיר איך בעט אייך, איר קענט לייענען אידיש?״

„יאָ״ — האָב איך געזאָגט — „איך קען לייענען אידיש״.

„האָט איר געהייסן מיר געבן די פיעסע. איר האָט געוואָלט הערן ווי איך לייען זי. אַלזאָ, איך האָב יענע נאַכט סופלירט די פיעסע. איר האָט מיר באַצאָלט, און מיר נאָך געגעבן אַ דאָלער אַ טיפּ, וואָס איך האַלט אים ביזן היינטיקן טאָג. איך בעט ביי גאָט, אַז ער זאָל מיר נאָך געבן אַ פּאָר געזונטע יאָר, אַז איך זאָל נאָך הערן פון מיין טייערסטער צילי אַדלער. איך גריס אייך פון מיין טיפסטן האַרצן.

„פון מיר,

נייטען גאָלדמאַן״

איז מיין נאַריש האַרץ אַזאַ, אַז מער ווי איין טרער האָב איך אָפּגעווישט פון מיינע אויגן, לייענענדיק דאָס זיסע בריוועלע פון דעם 82־יאָריקן אַלטיטשקן. אַ האַרציקן דאַנק מיין ליבער נייטען גאָלדמאַן...

אַרום יענער צייט האָט מיר מיין מאַמע געשריבן פון לאָנדאָן, וואו זי האָט געשפּילט מיט יאָזעף קעסלער אין זיין פּאַוויליאָן טעאַטער, אַז ער וואָלט וועלן, אַז איך זאָל קומען גאַסטראָלירן קיין לאָנדאָן. זי דענקט אויך, אַז ס׳איז צייט פאַר מיר צו מאַכן אַ טור אין אייראָפּע בכלל. אפשר וועט זי אויך פאָרן מיט מיר. מיין איצטיקער זעלבסטשטענדיקער דערפאָלג אין באָסטאָן האָט געווירקט, אַז איך זאָל דעם פאָרשלאַג אָננעמען.

ווייסט איר פון מיין דערציילן ביז איצט, אַז דאָס איז שוין געווען מיין דריטער וויזיט אין איראָפּע. וועל איך זיך קיין סך ניט אָפּשטעלן אויף דעם אַנהויב פון יענעם טור מיינעם. איך האָב געשפּילט אַ פּינף, זעקס וואָכן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן טעאַטער, וואָס איז מיר שוין געווען גוט באַקאַנט פון מיינע פריערדיקע צוויי טורס. אויך איז דער לאָנדאָנער טעאַטער־עולם מיר ניט פרעמד געווען. זיי האָבן מיך אויפגענומען מיט וואַרעמקייט, ווי זייערע אַן אייגענע, זייער „דיינע׳ס״ טאָכטער. אויך די לאָנדאָנער פּרעסע האָט סיי מיין אַלטן רעפּערטואַר, סיי די נייע פּאָר הירשביין פּיעסן אויפגענומען און אָפּגעשאַצט אויף אַן אופן וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד און באַפרידיקונג. איך וועל בעסער אויספּירלעכער דערציילן וועגן מיינע גאַסטראָלן אין רומעניע.

צוזאַמען מיט מיר זיינען פון לאָנדאָן אַרויסגעפאָרן מיין מאַמע, יחיאל גאָלדשמיט, וועלכער איז צוגעקומען, און איזידאָר בוזעט. מיר האָבן מיט אַ כיוון פאַרלאָזט לאָנדאָן אַ פּאָר וואָכן איידער אונזער טור האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן אין רומעניע כדי צו קענען פאַרברענגען אַ קורצע צייט אין בערלין.

אגב, זיינען אין רומעניע צו אונזער טרופּע צוגעשטאַנען עטלעכע דאָרטיקע שוישפּילער, צווישן זיי אַ גאַנץ יונגער טאַלאַנטירטער בחור, דער שפּעטער אין אַמעריקע באַוואוסטער חיים טויבער.

דייטשלאַנד האָט נאָך דאַן היפּשלעך געליטן פון די נאָכווייאיקישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איבערהויפּט אויפן עקאָנאָמישן געביט. דער דייטשער מאַרק איז דאַן געווען זייער געפאַלן. בין איך זיכער אַז איר האָט שוין געהערט אַן אַ שיר מעשיות, אַנעקדאָטן און וויצן אַרום דעם ענין. וויל איך אייך דערציילן נאָך איינעם ביי וועלכן איך אַליין בין געווען אַן עדות, בעסער געזאָגט, מיין מאַמע און איך.

אין בערלין האָט זיך דאַן געפונען אַ גרופּע אַקטיאָרן, וואָס זיינען, נעבעך, געווען אויף צרות. ווען זיי האָבן אויסגעפונען אַז מיין מאַמע און איך זיינען אין בערלין, האָבן זיי אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן מיט זיי שפּילן עטלעכע פאָרשטעלונגען. דאָס וועט זיי פאַרזיכערן מיט אַ ביסל געלט אויף זייער אויסקומעניש. מיר האָבן זיי ניט געקענט אָפּזאָגן.

איך האָב איבערגעלאָזט די אַלע אַראַנזשירונגען צו מיין מאַמען.

געדענק איך ווי צום שלוס פון די פאָרשטעלונגען, ווען מיר האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרנומען פון טעאַטער, האָב איך באַמערקט אַן אַ שיר באַגאַזש. איך האָב געוואוסט, אַז אונזערביידנס גאַרדעראָב פון יענע פאָר־שטעלונגען איז אַריין אין איין קליינעם טשעמאָדאַנטשיק. קומענדיק אַהיים,

פרעג איך מיין מאַמען וואָס טוט זיך אין די אַלע טשעמאָדאַנעס. אַנשטאָט אַן ענטפער האָט זי געעפנט די טשעמאָדאַנעס. מיר האָט אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. אַלע זיינען זיי געווען אָנגעפּאַקעוועט מיט באַנקנאָטן:

„וואָס איז דאָס, מאַמע, איז דאָס „סטעידזש־געלט?"

„ניין טאָכטער, דאָס זיינען דייטשע מאַרקן — דאָס באַטרעפט מער ווי צוועלף מיליאָן".

„אַזוי פיל האָבן מיר פאַרדינט?"

„יאָ טאָכטער, מיר מוזן דאָס אָבער אַלץ שוין מאָרגן פרי אויסגעבן, אַ ניט קען עס פאַלן אויף העלפט".

„וואָס־זשע וועלן מיר קויפן?"

„זיי ניט אַזוי פאַרזאָרגט טאָכטער. ווען מיר וועלן צולייגן אַ פּאָר אַמע־ריקאַנער סענט, וועט עס אפשר קלעקן אויף צו קויפן אַ פּאָר זאָקן..."

און כדי איר זאָלט ניט מיינען, אַז דאָס איז איבערגעטריבן, וועל איך איך דערציילן, אַז אין איינעם פון די שענסטע קליידער־געשעפטן אין בערלין האָב איך אין אַ פענסטער דערזען אַ מאַנטל וואָס איז מיר זייער געפעלן. דער פרייז האָט זיך געלייענט: צוויי הונדערט מיליאָן מאַרק. פאַר אַ טשיקאַוועסט בין איך אַריינגעגאַנגען פרעגן וויפיל אַמעריקאַנער דאָלער דאַרף איך באַצאָלן פאַר דעם מאַנטל. איך האָב מיינע אויערן ניט געגלויבט ווען זי האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך קויף עס איצט, שוין, קען איך עס קריגן פאַר 35 אַמעריקאַנער דאָלער. האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן פאַר די עטלעכע דאָלער צו ווערן אַ פילפאַכיקע מיליאָנערשע.

אונזער טור דאַן האָט אונז פאַרשאַפט אַ סך פרייד און אַ סך צרות. איז לאָמיר פריער אָפּ׳פּטר׳ן די צרות.

אונזער ערשטער אויפטריט אין רומעניע איז געווען אין דעם זייער באַקאַנטן און ביים אידישן טעאַטער־עולם באַליבטן שטעטעלע בעלז. ווילט זיך מיר גלויבן, אַז בלויז אַ דאַנק דער נאָך־מלחמה צייט, האָבן זיך אין רומעניע געפונען אַזעלכע ניט־ערלעכע טעאַטער־אימפּרעסאַריאָס, ווי דער מיט וועמען אונז איז אויסגעקומען צו זיין אין בעלז פאַרבונדן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געשפּילט אויף פּראָצענטן. דאָס טעאַטער איז נאַכט־איין, נאַכט־אויס געווען איבערגעפּאַקט. ווען דער „אימפּרעסאַריאָ" פלעגט אונז אָבער נאָך דער פאָרשטעלונג אַרויפטראָגן אונזערע פּראָצענטן, איז עס לויט אַלע חשבונות געווען אַ זייער נישטיקע סומע. ווען מיר האָבן געהאַט טענות צו אים, האָט ער אונז באַוויזן דעם חשבון וואָס איז געווען אַ קאָפּיע פון דעם וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געדאַרפט קריגן צוליב די שטייערן.

ערשט שפּעטער האָט מען אונז אויפגעקלערט, אַז דער חשבון וואָס

מ׳גיט דער שטאָט איז אין די מערסטע פאַלן דורך כאַבאַר, אַ געפעלשטער. עס איז אַ פערטל פון דער אמת׳ער הכנסה. דאָס איז געווען באַקאַנט צו די שווישפילער דאָרט. מיר, אָבער, האָבן דערפון קיין אַנונג ניט געהאַט, און דער אימפּרעסאַריאָ האָט ביי זיך גע׳פּועל׳ט אַז אונז מעג מען אָפּנאַרן.

דאָס איז נאָך ווייט ניט געווען די ערגסטע צרה. כאַבאַר איז דאַן געווען זייער שטאַרק אין רומעניע. אַזוי, למשל, האָט די שטאָט־רעגירונג אין בעלז געפאָדערט ביי אַלע אויסלענדער זייערע פּאַספּאָרטן. מיין פּאַספּאָרט, אַלס די הויפּט פון דער טרופּע, האָט מען פאַרהאַלטן, און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז איך מוז פאַרלאָזן בעלז, איך טאָר דאָ ניט זיין. מיין פּאַספּאָרט אָבער קענען זיי מיר ניט אָפּגעבן. זייער „פּאַרוואָס״ איז ביז היינט פאַר מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך. אונטער דעם איז געלעגן בלויז איין זאַך — „כאַבאַר״. דאָס אָבער פאָדערן זיי ניט. זיי גיבן אייך בלויז אָנצוהערעניש, אַז איר דאַרפט עס זיי פאַרלייגן.

ביז אָבער איך האָב אויסגעפונען אַז ס׳האַנדלט זיך אין „לאַפּקע־געלט״, האָב איך איבערגעלעבט עטלעכע שוידערלעכע וואָכן. איך האָב זיך דערפילט מורא׳דיק הילפלאָז. איך, די פרייע אַמעריקאַנערין, האָב זיך פּלוצלונג געפונען אין אַ קלעם פון פּאָליציישע אינטריגעס, אַזש אַ פּאַניק איז מיך באַפאַלן. אין מיין פאַנטאַזיע זיינען אויפגעשוואומען אַלערליי מעשיות וועגן פּאָליציישע פאַרפאָלגונגען. אַ גליקלעכע בין איך געווען ווען איך האָב ענדלעך אויסגעפונען, אַז עטלעכע צענדליק דאָלער וועלן מיך פון אָט דעם קלעם באַפרייען, און איך וועל האָבן צוריק מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט.

ביז דאַן, אָבער, אין מיין פאַרצווייפלונג האָב איך זיך געגעבן אַ נדר, אַז אויב איך וועל אַמאָל צוריק קומען קיין אַמעריקע אַ לעבעדיקע, וועל איך דעם ערשטן „טעלעפאָן סלופּ״ אַרומכאַפּן און קושן. איז לאָמיר אייך דאָ אויסזאָגן דעם סוד, אַז איך האָב מיין נדר דערפילט...

איידער איך פאַרענדיק מיינע צרות, מוז איך אייך נאָך אויף אַ ווילע פאַרהאַלטן, כדי צו באַקענען מיט מיין האָטעל אין בעלז. געהייסן האָט עס „האָטעל פּאַריז״, אַנדערש ניט. איך צווייפל אָבער שטאַרק אויב דאָס סאַמע צוריקגעשטאַנען, פאַרוואָרפן ווינקל ערגעץ אין דער וועלט, קען זיך פאַר־גלייכן אין אומבאַקוועמלעכקייט און אומריינקייט מיט דעם וואָס מיר האָבן געפונען אין יענעם זאָגענאַנטן האָטעל. נאָך איצט, ווען איך טראַכט דערפון, כאַפּט מיך אַזש אָן אַ שוידער און אַ שרעקלעכער רחמנות אויף דער צילי אַדלער פון יענע עטלעכע וואָכן.

דאָס זיינען זאַכן וואָס עס איז פּשוט ניט אָנגענעם צו דערציילן. אגב,

וויל איך ביי אייך ניט צונעמען דעם נחת וואָס איר האָט, ווען איר הערט דאָס באַרימטע געשמאַקע לידל „מיין שטעטעלע בעלז".

אָבער אויך צו צרות קומט אַ סוף. זיינען מיר ענדלעך אַרויס פון בעלז און געקומען אין דער פּרעכטיקער, עכט־אייראָפּעאישער, שיינער שטאָט בוקאַרעסט.

געדענק איך אַ סצענע אויף דער באַן, פאַרנדיק פון בעלז קיין בוקאַ־רעסט. איך וועל זיך ניט אונטערנעמען אייך אָפּצומאָלן די „לוקסוסדיקע" וואַגאָנען. יענע סצענע איז פאָרגעקומען צווישן דעם קאָנדוקטאָר און אונ־זער נייעם מענעדזשער, עטינגער האָט ער געהייסן.

ס'איז געווען זייער אַ הייסער וויכוח אין רומעניש וואָס מיר האָבן כלל ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט אָבער געקלונגען זייער קריגעריש. ערשט שפּעטער האָט דער מענעדזשער אונז אויפגעקלערט אין וואָס ס'האָט זיך געהאַנדלט. דער קאָנדוקטאָר האָט צו אים געהאַט טענות און געזידלט למאי ער האָט געקויפט די באַן־בילעטן אין דער סטאַנציע־קאַסע. מיט אַזוי פיל מענטשן, וואָלט ער, דער קאָנדוקטאָר, אונז געלאָזט פאָרן פאַר אַ סך וויניקער געלט, וואָס וואָלט געבליבן ביי אים אין קעשענע.

„איך קען דאָך פון מיין קלאָגעדיקן געהאַלט ניט האָבן גענוג אויף צו לעבן", האָט דער קאָנדוקטאָר זיך באַקלאָגט. „איר האָט אין זינען נאָר אייערע באַקוועמלעכקייטן. פאַרוואָס באַרעכנט איר ניט אונזער לאַגע..."

איך האָב אים באמת מיטגעפילט און אויף אים רחמנות געהאַט.

פון אונזערע דערפאָלגרייכע גאַסטראָלן די עטלעכע וואָכן, איז די גרעסטע טייל פון דער הכנסה געבליבן ביים אימפּרעסאַריאָ אין קעשענע.

דער נייער אימפּרעסאַריאָ, עטינגער, האָט אויף גאָר אַ ברייטן אופן רעקלאַמירט מיינע גאַסטראָלן אין בוקאַרעסט. אַזוי, למשל, זיינען מיין ער־שטער און צווייטער נאָמען, וואָס באַשטייען פון ניין אותיות, אויף פּלאַ־קאַטן געווען מיט אַזעלכע ריזיקע בוכשטאַבן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ גרויסע וואַנט. די שטאָט איז ממש פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אָט די פּלאַ־קאַטן, אָן איבערטרייבונג, יעדער בוכשטאַב איז באַלד געווען אַזוי גרויס ווי איך. מוז איך דאָ אויפריכטיק זאָגן, אַז די רעקלאַמע האָט מיך שטאַרק אימפּאָנירט.

מיך האָבן אויך גערייצט צוויי אַרטיקלען אין אַ רומענישער טעאַטראַלער טאָג־צייטונג, „ראַמפּאַ", וועגן מיר און מיין קאַריערע, געשריבן פון זייערן

אַ מיטאַרבעטער, א. שיינפעלד. מ׳האָט מיר די אַרטיקלען פאַרטייטשט און ס׳איז מיר געפעלן דער צוגאַנג און דער אופן פון זיין שרייבן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך צו מיר אין האָטעל געמאָלדן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס דער שרייבער פון די רומענישע אַרטיקלען אין „ראַמפּאַ״. איך בין ממש איבערראַשט געוואָרן פון זיין פּרעכטיקן, געשמאַקן אידישן לשון. מיר האָבן זיך באַקענט. איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז שוין אַ צאָל יאָרן געווען פאַרבונדן מיט אידיש טעאַטער אין רומעניע. ער איז געווען דער געשעפטס־פירער פון די גאַסט־ראָלן פון מאלי פּיקאָן און יעקב קאַליך און אויך פון דער ווילנער טרופּע. ער האָט זיך, בכלל, אַרויסגעוויזן פאַר אַ פיינעם האַרציקן מענטשן, ער האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ סך צוטרוי. איך האָב אים פאַרגעלייגט און ער האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען צו ווערן מיין געשעפטס־פאַרטרעטער אין מיינע גאַסטראָלן אין רומעניע אויף אָפּצוהיטן מיינע אינטערעסן. ער האָט אויך אַ זייער פּאַכמענישן און ערלעכן אופן דערפילט זיין אויפגאַבע. ער איז פאַר מיר געווען ממש אַן אוצר. איך האָב אים טאַקע אַזוי גערופן די רעשט פון מיין טור אין רומעניע.

אין בוקאַרעסט האָבן זיך דאַן פאַרענדיקט די לעצטע גאַסטראָלן פון דער ווילנער טרופּע. האָב איך, פאַרשטייט זיך געזען ביי זיי אַ פּאָר פאָר־שטעלונגען, וועלכע האָבן מיך היפּשלעך אימפּאָנירט. איך בין אַנגענעם איבערראַשט געוואָרן פון אַ צאָל יונגע, טאַלאַנטירטע שוישפּילער. ביי איינער פון יענע פאָרשטעלונגען, מיר דוכט זיך אַנדרעיעוו׳ס ,טעג פון אונזער לעבן״, האָט אַרויסגעשיינט אַ חנ׳עווידיקער טאַלאַנט, דער יונגער יוסף בולאָוו. ער האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע און ווערנדיק ווידער אַנגאַזשירט ביי שוואַרצ׳ן אין זיין נייער טעאַטער־היים אויף צווייטער עוועניו און צוועלפטער גאַס, וואָס ער האָט געעפנט מיט זיין באַרימטער מאָדערניזירטער אויפפירונג פון גאָלדפאַדנ׳ס „לא תחמוד״, האָב איך פאַר שוואַרצ׳ן שטאַרק געלויבט בולאָוו׳ן, אים צוגערעדט צו ברענגען אים קיין אַמעריקע און אים אַנגאַזשירן פאַר דער ראָלע פון פרץ.

שוואַרץ האָט מיך געפאָלגט. איך געדענק, אָבער, אַז פאַר אַ ווײַלע האָב איך געהאַט אַרום דעם אַביסל ערגערניש. בולאָוו האָט ביי די פּראָבעס פון דער פּיעסע ניט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון זיין טאַלאַנט. דאָס איז אַ צוגאַנג זיינער — צו זיין איינגעהאַלטן אין לויף פון די פּראָבעס. שוואַרץ איז אָבער געוואָרן פאַרצווייפלט און געהאַט טענות למאי איך האָב אים צוגערעדט צו נעמען בולאָוו׳ן. פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער ביי די פאָרשטע־

לונגען האָט בולאָוו געוויזן וואָס ער קען, און שוואַרץ האָט צו מיר מער קיין טענות ניט געהאַט.

איך האָב דאַן אין רומעניע זיך באַקאַנט מיט נאָך אַ יונגן שוישפּילער, אַ ליבהאָבער־זינגער. זיין שלאַנקע פיגור און זייער איינדרוקספולער פּנים, האָבן מיך אימפּאָנירט. האָט מיר הנאה געטאָן ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַזוי גוט ווי אויפן וועג קיין אַמעריקע. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז ער וועט זיין אַ געווינס פאַר אונזער טעאַטער. פרייט עס מיר וואָס מיין געפיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. ביז היינט פאַרנעמט ער אַן אָנגעזעענעם אָרט אויף אונזער בינע, דער זייער פיינער שוישפּילער מוני סערעבראָוו.

מיינע פאָרשטעלונגען אין בוקאַרעסט האָבן געמאַכט אַ רושם. איז אַזוי ווי איך האָב אייך פריער דערציילט וועגן מיינע צרות, וועט איר מיר דערלויבן צו טיילן מיט אייך מיין נחת און פרייד דאָרט.

פונקט ווי איר, האָב איך אויך געלייענט אַ סך מאָל וועגן גרויסע, באַליבטע פערזענלעכקייטן אויף אַלערליי געביטן, ווען עס איז, אין פאַר־שידענע טיילן אין אייראָפּע, צוגעטיילט געוואָרן דער אויסערגעוויינלעכער כבוד, וואָס מענטשן האָבן זיך ביי געלעגנהייטן איינגעשפּאַנט אין קאַרעטן און געפירט זייערע באַליבטע איבער די גאַסן. איז מיר געווען באַשערט דאָס איבערצולעבן אין בוקאַרעסט. נאָך דער פּרעמיערע, אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, זיינען צו מיר צוגעקומען אַ גרופּע יונגע בחורים, מיך געגעבן אַ כאַפּ אויף די הענט און אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע. איך בין אויף אַ וויילע געוואָרן דערשראָקן. אָבער מיין „אוצר", שיינפעלד, האָט מיך באַרואיקט, זיך אַריינגעזעצט מיט מיר אין קאַרעטע און מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס זיינען סטודענטן, וואָס ווילן אויף זייער אופן אויסדריקן זייער באַגייסטערונג פאַר מיין שפּילן.. כ'האָב ערשט דאַן באַמערקט אַז די קאַ־רעטע האָט ניט קיין פערד, נאָר די סטודענטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט און מיך געשלעפּט דעם גאַנצן וועג פון טעאַטער צו מיין האָטעל, אַ היפּשע שטרעקע איבער די הויפּט גאַסן פון בוקאַרעסט — געשלעפּט און נאָכאַנאַנד געשריגן: „סע טראַיאַסקע צילי אַדלער". מיר האָט עס געקלונגען אַז זיי שרייען: „צעטראַסקעט צילי אַדלער". האָב איך צו שיינפעלד'ן פּראָטעס־טירט: „וואָס הייסט דאָס? עס געפעלט מיר ניט!" ער האָט געשמייכלט און מיר פאַרטייטשט, אַז אין רומעניש מיינט עס, „זאָל לעבן צילי אַדלער!"

איינער פון די באַרימטע טעאַטער־קריטיקער, פון דער גרעסטער רומע־נישער צייטונג, האָט געזען מיין פּרעמיערע. פירט זיך אין רומעניע, אַז אַ רעצענזיע דערשיינט ערשט דעם דריטן טאָג נאָך דער פאָרשטעלונג. דעם

טאָג נאָך מיין פּרעמיערע האָט דער קריטיקער, זיין נאָמען וויקטאָר עפטימא, געשריבן אַ קריטיק פון אַ פּרעמיערע אין דעם נאַציאָנאַל טעאַטער. ער האָט נאָך דער קריטיק צוגעגעבן די פאָלגענדיקע באַמערקונג:

„איך קען מיך ניט צוריקהאַלטן, כאָטש ערשט מאָרגן וועל איך שרייבן מיין קריטיק וועגן דער אַמעריקאַנער אידישער שוישפּילערין צילי אַדלער. איך וויל דאָ אָבער שוין איצט זאָגן, אַז צילי אַדלער איז אַ וואונדער־אַרטיסטין, איר שפּילן, איר מימיק, איר גרים, איר יעדע באַוועגונג דריקט אויס און פאַרקערפּערט גרויסע אמת׳ע קונסט. איר טאַלאַנט האָט ניט קיין גרענעץ. אַ דאַנק פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפט“.

שיינפעלד האָט אויסגעדריקט אַ סך איבעראַשונג און פרייד וועגן דער באַמערקונג:

„איר זעט די פאָר שורות? דאָס האָט מער די ווערט ווי גאַנצע זייטן רעקלאַמע. קיין שום אַרטיסט פון דעם גרעסטן רומענישן טעאַטער האָט נאָך ניט זוכה געווען, אַז וויקטאָר עפטימא זאָל אַזוי שרייבן וועגן אים“.

אַלע רומענישע ציטונגען האָבן זיך אָפּגערופן זייער ענטוזיאַסטיש אויף מיין שפּילן און געראַטן זייערע לייענער צו גיין זען צילי אַדלער. דאָס האָט אין טעאַטער געבראַכט אַ גרויסע צאָל קריסטן. עס זיינען אָפט ביי די פאָרשטעלונגען געווען מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן, מלוכה־באַאַמטע, אויך די גרעסטע שוישפּילער פון דער רומענישע בינע.

איך האָב דאַן פּלוצלונג באַקומען אַן איינלאַדונג פון דעם דירעקטאָר פון דעם גרויסן טעאַטער, רעזשינא מאַריאַ, טאָני בולאַנדרא, אין וועלכן ער בעט מיך צי קען איך זעקס אַזייגער פאַרנאַכט צוקומען אין זיין טעאַטער. ער האָט מיט מיר צו ריידן וועגן אַ זייער אַ וויכטיקן ענין. כ׳האָב די איינ־לאַדונג אָנגענומען און אין דער באַגלייטונג פון שיינפעלד׳ן בין איך גע־קומען צו דעם רומענישן דירעקטאָר. איך האָב געטראָפן אַ זייער אַריס־טאָקראַטישן און עלעגאַנטן מענטש. ער האָט אונז זייער פריינטלעך אויפגע־נומען און נאָך אַ היפּשע צאָל קאָמפּלימענטן, האָט ער מיר געמאַכט אַ זייער אָנציענדיקן פאָרשלאָג. ער וואָלט וועלן איך זאָל אין זיינער אַן אויפפירונג פון איבסענ׳ס באַרימטער פּיעסע „נאָראַ“, שפּילן די הויפּט־ראָלע מיט זיין טרופּע, פאַרשטייט זיך, איך זאָל שפּילן מיין ראָל אין אידיש און די טרופּע אין רומעניש. עס וועט זיין אַ סענסאַציע פאַר דעם רומענישן טעאַטער, און אַ גרויסער כבוד פאַר זיין טעאַטער.

עס האָט מיך דערמאָנט אין מיין טאַטנס שיילאָק אויף דער ענגלישער בינע, האָט עס מיך אַוודאי שטאַרק געצויגן נאָכצופאָלגן מיין גרויסן טאַטנס אויפטו. איך האָב זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגן. איך האָב שוין געהאַט

אַ קאָנטראַקט אויפצוטרעטן אין פּאַריז און אין בעלגיע. ער האָט דאָס זייער באַדויערט, און מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט מיר נאָך איבעררײדן האָט ער מיך אָפּגעפירט צו מיין האָטעל, נאָכאַנאַנד מיך רייצנדיק מיט זיין פאָרשלאַג. אפשר, אפשר קען איך געפינען אַ מעגלעכקייט מיין מאַרשרוט צו ענדערן. איך האָב אים אַ פּאָר טעג אַרום אים געגעבן מיין אַנטשיידענעם ענטפער, אַז איך מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם גרויסן כבוד פאַר מיר.

איז ווי איר זעט, האָבן מיינע גאַסטראָלן אין בוקאַרעסט מיר אָפּגעצאָלט מיט געגנוג נחת און פרייד פאַר מיינע צרות אין בעלז. אַ דאַנק שיינפעלד'ס פאַרכמאַנישן קאָנטראָל זיינען די פאַרדינסטן אונזערע אין אַ גרויסער מאָס געשטיגן. ניט ווייניקער דערפאָלגרייך זיינען געווען מיינע גאַסטראָלן אויך אין גאַלאַץ.

געדענק איך ניט צי איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז איך בין, בכלל, אַ שוואַכע שלאָפערקע. איך שטעל מיך פאָר, אַז דאָס האָט ווייניק צו טאָן מיט מיין פיזישן צושטאַנד, עס איז מער אַן איינרעדעניש. מיר ווײזט זיך אויס, אַז דער מינדסטער שאָרך וועט מיך פון מיין שלאָף אויפּ־וועקן. איך האָב זיך אויך איינגערעדט, אַז דער קלענסטער שיין וועט מיין שלאָף שטערן. איך בין, הפּנים, ניט דער איינציקער פאַרשוין אַזאַ אויף אונזער וועלטל, און עס זיינען דאָ ספּעציעל־געמאַכטע טונקעלע שילדן פאַר די אויגן און פאַר די אויערן. און ווען עס פעלן טונקעלע „שעידס" אויף די פענסטער פון האָטעל אָדער פאַרנדיק אויף די באַנען און די רעלסן רוישן און שטערן דעם שלאָף, נוץ איך אָט־דיביידע זאַכן.

געדענק איך דעם פאָלגענדיקן אינצידענט אין איינעם פון די רומע־נישע שטעטלעך וואו מאַנכע האָטעלן דאָרט זיינען ניט געבענטשט מיט באַקוועמלעכקייטן, אפילו די טירן דאָרט זיינען ניט שטענדיק אין אָרדענונג. אין איינעם אַ האָטעל אַזאַ, האָב איך פאַרטאָג, אין שלאָף, אַרומגעוויקלט מיט די אַלע פריטשאַנדאַלן, דערפילט, אַז אויגן קוקן אויף מיר. איך האָב מיט אימפּעט אַראָפּגעריסן דעם שילד פון מיינע אויגן און דערזען האַרט ביי מיין בעט שוואַרצע, שטעכיקע, פאַרוואונדערטע אויגן. מיין קוויטש האָט מן הסתם געקענט דערהערט ווערן איבערן גאַנצן שטעטל. די שטעכיקע אויגן זיינען אַנטלאָפן. ווייס איך עד היום ניט פון וואָס אָט די מאָדנע שוואַכקייט מיינע האָט מיך דאַן געראַטעוועט. זיכער בין איך, אַז מיינע פאַרבונדענע אויגן האָבן אים אָפּגעשראָקן.

נאָך מיין טור אין רומעניע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז צו שפּילן עטלעכע וואָכן אין טעאַטער לאַנקרי.

וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן צו־לאַנג אויף מיינע גאַסטראָלן דאָרט, כאָטש איך האָב געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג, סיי מאָראַליש, סיי פינאַנציעל. איך וועל אייך בלויז ווי אַ סך־הכל געבן עטלעכע קורצע זאַצן פון דעם וואָס עס האָט אין פּאַריז וועגן מיר געשריבן ג. פראַנק, אונטערן קעפּל: „ווי צילי אַדלער לאַכט": צילי אַדלער איז זייער שפּאָרזאַם אין טרערן. זי זוכט אין קעגנטייל וואָס מער לייכטער צו מאַכן די שווערע, פינצטערע דראַמע מיט איר פיינעם וואַרעמען טאָן, מיט אירע עכט־קינסטלערישע אינטאָנאַציעס, מיט איר רירנדיקער, איינפאַכער נאַטירלעכקייט, וואָס דער־גייט ביי איר אַזוי ווייט, אַזוי ווייט. די וועלכע וועלן ניט זען צילי אַדלער וועלן עס שטענדיק באַדויערן".

וויל איך אייך דערציילן נאָך אַ פריילעכע נייעס וואָס איז מיר געשען זייענדיק אין אייראָפּע. מיין שוואָגער לודוויג זאַץ האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט געקויפט פאַר זיך אַ הויז אין סי־געיט און אַז נעבן זיין הויז איז דאָ אַ צווייטע, וואָס ער וואָלט מיר געראַטן צו קויפן. מיין מאַמע האָט מיך צוגערעדט אָנצונעמען זאַצ׳ס עצה. זי האָט מיר אפילו פאַרגעלייגט צו ווערן אַ שותפ׳טע צו מיר. מיר האָבן טעלעגראַפירט זאַצ׳ן, ער זאָל דורכפירן דעם מסחר, אַזוי אַז קומענדיק קיין ניו יאָרק אַרום אָקטאָבער האָב איך געהאַט מיין אייגן הויז אין סי־געיט. אַרום צען יאָר האָב איך געהאַט מיין שיינע היים, וואו איך האָב דורכגעלעבט אַ סך פריילעכע און אָנגענעמע מאָמענטן און אויך ניט ווייניק טרויעריקע. מיינע פאַרדינסטן אויפן טור זיינען מיר גוט צונוץ געקומען סיי ביים קויפן די הויז, סיי זי ווי געהעריק אויסצו־מעבלירן.

דער אידישער טעאַטער סעזאָן איז שוין דאַן געווען אין פולן גאַנג. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז לודוויג זאַץ איז געווען פריי. ער האָט אָנגע־הויבן יענעם סעזאָן אין אַ נייעם אידישן טעאַטער אויף בראָדוועי, וואו רודאָלף שילדקרויט, באָריס טאָמאַשעפסקי און ער זיינען אויפגעטראָטן אין קאַרטאַזשינסקי׳ס אַ קאָמעדיע, „די דריי קליינע ביזנעסלייט". מער ווי דריי וואָכן האָט עס ניט אויסגעהאַלטן. איז עס פונדעסטוועגן פאַר מיר ביז היינט אַ רעטעניש וואָס אַזעלכע דריי גרויסע שוישפּילער זאָלן האָבן געהאַט אַזאַ דורכפאַל.

אַלנפאַלס, זאַץ איז געווען פריי. און ווען איך בין געקומען פון אייראָפּע, האָט עדווין רעלקין פאָרגעלייגט, אַז זאַץ און איך זאָלן אַרויספאָרן אויף אַ פּראָווינץ־טור. מיר איז ניט געווען צופיל צום האַרצן אַרויסצופאָרן אין

זאַצ׳ס דעמאָלסטיקן רעפּערטואַר. מיר האָבן אָבער ניט געוואָלט און ניט געקענט אָפּגעבן אַ סך צייט אויף צו זוכן אַ פּיעסע מיט פּאַסיקע ראָלן פאַר אונז ביידן. זיינען מיר דערווייל אַרויסגעפאָרן מיט זיינע צוויי פּיעסן, „דער גזלן״ און „דער משוגע׳נער״, ספּעציעל געשריבן פאַר זאַצ׳ן פון דעם עכט־פאָלקסטימלעכן, טאַלאַנטירטן דראַמאַטורג, הערי קאַלמאַנאָוויטש.

דער טור איז געווען אַ גרויסער פינאַנציעלער דערפאָלג. מיר האָבן אין עטלעכע חדשים געמאַכט אַ סך מער ווי מיר וואָלטן פאַרדינט באַזונדער אַלס אַנגאַזשירטע אין וועלכן־עס־איז טעאַטער פאַרן גאַנצן סעזאָן. אונזער טרופּע איז באַשטאַנען פון חנה און איזידאָר האָלענדער, לעאָן זיידמאַן, מאַדאַם גאָלדשטיין, יעטאַ בלאָק, פּעפּי לאַוויטץ און דער בוף־קאָמיקער דזשעק שאַרגעל.

געדענקט זיך מיר אַ געשעעניש אין באָסטאָן. זיצנדיק נאָך אַ פאָרשטע־לונג אין אַ אידישן רעסטאָראַן, האָבן מיר געקוקט מיט גרויס פאַרוואונ־דערונג, ווי ביי אַ צווייטן טישל פון אונז זיצט אַ גרופּע פון עטלעכע מענער און רעדט רוסיש. דער וואונדער איז ניט געווען אין דעם געשפּרעך, נאָר אין די אומגעהייערע פּאָרציעס קרויט (קאַפּוסטאַ) וואָס איינער פון זיי האָט נאָכאַנאַנד פאַרשלונגען. עס איז ממש שווער געווען צו גלויבן, אַז איין מענטש־לעכער מאָגן קען אַזוי פיל פאַרדייען. עס האָט, פאַרשטייט זיך, אויף יענעם טיש אויך ניט געפעלט קיין משקה.

כ׳האָב ענדלעך געמוזט צופרידנשטעלן מיין נייגעריקייט, און ווען דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן איז צוגעקומען צו אונזער טיש, האָב איך אים געפרעגט ווער דער רוסישער פרעסער איז. אַנשטאָט אַן ענטפער, איז דער באַלעבאָס צוגעגאַנגען צו יענעם טיש. ער האָט אים עפּעס געזאָגט. דער גוי האָט מיט אַ ברייטן שמייכל אַרויסגענומען זיין פּנים פון טעלער קרויט און דער באַלעבאָס האָט אים פאַר אונז פאָרגעשטעלט: „דאָס איז דער וועלט־באַרימטער רוסישער באַס, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש שאַליאַפּין״.

מיר זיינען געווען איבעראַשט און אפילו זיך געפילט שלעכט איבער אונזער אינערלעכן אָפּלאַכן פון אים מיט זיין עסן. אונזער געמוטשעטער „דאַסווידאַניע״ ביים געזעגענען זיך האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ ברוסטיקן געלעכטער. ער האָט דורכן באַלעבאָס אונז איינגעלאַדן צו איינעם פון זיינע קאָנצערטן. וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן איינעם פון זיינע לידער וואָס ער האָט געזונגען וועגן אַ פלוי (בלאָכאַ). איך האָב ערשט דאַן פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין נאָמען האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל באַגייסטערונג, און איך האָב פון גאַנצן האַרצן אים מוחל געווען פאַר זיין אויסערגעוויינלעכן אַפּעטיט. איך האָב מיטגעפילט דעם ענטוזיאַזם מיט וועלכן עס האָבן אויסגעדריקט

זייערע געפילן זיינע אידישע צוהערער, וואָס האָבן אויף די העכסטע קולות געקלאַפּט, אַפּלאָדירט און געשריגן: „גוואַלד, רבונו של עולם, שאַליאַפּין!"

געענדיקט האָבן מיר אונזער לענגערן פּראָווינץ־טור מיט אַ פּאָר וואָכן אין פּראָספּעקט טעאַטער, אין די בראָנקס. דעם לעצטן סוף־וואָך האָבן מיר אַנשטאָט אַ פּיעסע געשטעלט אַ פּראָגראַם פון פאַרשידענע אַקטן אין איינצלנע נומערן. צווישן זיי איז געווען אַ שטאַרקער אַקט פון סיגאַל'ס און שטיינבערג'ס באַרימטע מעלאָדראַמע „די פאַרגעסע מאַמע". דער אַקט באַשטייט פון אַ סצענע ווען דער יונגער דאָקטאָר, וואָס איז אין דער אמת'ן מיין אייגענער זון (מיר ביידע ווייסן דאָס ניט), געפינט מיך אין אַ משוגעים־הויז וואו ער איז דאָקטאָר. ער איבערצייגט זיך, אַז איך בין ניט משוגע און נעמט מיך פונם שפּיטאָל אַרויס און ברענגט מיך צו זיך אין שטוב. דאָרט ערשט פאַרליר איך מיין מורא און דערצייל אַלץ וואָס מיט מיר איז געשען. איך באַוויז אויך די בלויע צייכנס אויף מיין לייב פון די קלעפּ מיט וועלכע מ'פלעגט מיך שטראָפן אין שפּיטאָל.

איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מיין זעליק'ל, וואָס איז דאַן געווען אַ קינד פון זיבן יאָר, איז געזעסן מיט מיין פייגע'ן אין דער לאָזשע. ווען איך בין אַראָפּ פון דער בינע נאָך יענעם אַקט, איז ער צוגעלאָפן צו מיר אין אַ היסטערישן צושטאַנד און ער האָט קוים געקענט אַרויסשלוכצן די ווערטער: „פאַרוואָס, מאַמע, פאַרוואָס האָבן זיי דיך אַזוי געשלאָגן?" ער איז צוגעפאַלן צו מיין אַנטבלויזטער, מיט סיניאַקעס באַדעקטער ברוסט, און גענומען קושן די וואונדן.

איך האָב אים קוים באַרואיקט ווען איך האָב אים באַוויזן, אַז דאָס אַלץ איז טעאַטער־שפּיל און ווי גרינג די געמאַכטע סימנים ווערן אָפּגעווישט. איך בין ניט אינגאַנצן זיכער, אַז איך האָב אים איבערצייגט, אָדער אַז ער האָט ווירקלעך באַנומען דעם באַדייט פון טעאַטער־שפּיל. איך ווייס נאָר, אַז ביז היינט, ווען איך דערמאָן זיך אָן דער שרעק און דער פאַרצווייפלונג וואָס איך האָב מיין קינד פאַרשאַפט מיט יענער סצענע, טוט מיר וויי דאָס האַרץ.

נאָך יענעם טור אונזערן האָבן אי זאַך, אי איך מיט לייכטע געמיטער רואיק פאַרבראַכט און הנאה געהאַט פון אונזערע ליבע היימען בשכנות אין סי־געיט. מיר האָבן זיך געקילט אין פּרעכטיקן ים און זיך געלאָזט ברענען אויפן זאַמד אונטער דער הייסער זון. דאָרט האָבן גע'זומערט אַ סך געסט פון דער טעאַטער און ליטעראַרישער משפּחה. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט דער פריילעכער און שטענדיק אינטערעסאַנטער בעסי טאָמאַשעפסקי, וועלכע

האָט דאַן געוואוינט אין העף־מון האָטעל אויפן באָארדוואָק, און אַ סך פּרעכטיקע אָוונטן האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט.

טאַקע אויפן זאַמד אין סי־געיט יענעם זומער האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טעאַטער־שותפות פון אַ פירמע וואָס האָט עטלעכע יאָר פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אויף דער טעאַטער־פּראָווינץ, אַ שותפות וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינטימער פריינטשאַפט פאַר אַ צאָל יאָרן. דאָס איז די פירמע פון סעמיועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער.

ביז יענעם זומער האָב איך כמעט ניט געקענט סעמיועל גאָלדענבורג'ן. ערשט אין סי־געיט, וואו ער האָט יענעם זומער פאַרבראַכט, האָבן מיר זיך געטראָפן און נעענטער באַקענט.

שוין אין אָנהויב זומער האָט ער מיר דערציילט וועגן אַ טעאַטער־געשעפט וואָס מייק טאָמאַשעפסקי לעגט אים פאָר. מייק האָט אַ „ליס" אויפן גאַרדען טעאַטער אין פילאַדעלפיע. ער וויל אים פאַר אַ שותף. לעגט ער מיר פאָר, אַז איך זאָל צושטיין אַלס דריטער שותף. ער גלויבט זייער שטאַרק אין די מעגלעכקייטן אין פילאַדעלפיע. דער געשעפט וועט אַ סך זיכערער ווערן ווען איך מיט מיין פּאָפּולאַריטעט אין פילאַדעלפיע וועל צום געשעפט צושטיין. די פירמע „גאָלדענבורג און צילי אַדלער" איז, ווי מ'רופט עס אין אַמעריקאַנעם סלענג, „עי נעטשורעל".

מיינע דערפאָלגרייכע פאַרזוכן די לעצטע פאָר סעזאָנען אַלס אַן אַנער־קענטער „סטאַר" האָבן געהאָלפן אַז איך זאָל שנעל צושטימען און צושטיין צום געשעפט.

מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו עפענען דעם גאַרדען טעאַטער אין סעפטעמבער, אין פילאַדעלפיע.

טראַכט איך איצט פון יענעם סעזאָן אין גאַרדען טעאַטער, פלאָנטערן זיך פאַרשידענע געדאַנקען. פאַר די פינף, זעקס סעזאָנען, וואָס מיר איז שוין ביז דאַן אין מיין קאַריערע אויסגעקומען צו זיין פאַרבונדן מיט די אייגנטימער פון אָרטש סטריט טעאַטער, האָב איך פאַר זייער באַהאַנדלען מיך געהאַט די וואַרעמסטע געפילן צו זיי. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז מיר זאָל אַמאָל אויסקומען זיי צו ערגערן, אָדער זיין זייערע אַ קאָנקורענטקע. ס'לייגן זיך אָבער אַמאָל אומשטענדן אַזוי צוזאַמען, בפרט ביים אידישן טעאַטער, וואו אַלץ איז מעגלעך.

געדענק איך, אַז איך האָב שטילערהייט געוואונטשן, אַז אי מיר אין

גאַרדן טעאַטער, אי זיי אין אַרטש סטריט טעאַטער זאָלן דורכגיין דעם סעזאָן מיט פינאַנציעלן דערפאָלג.

סע דערמאָנט זיך מיר אויך אַ ניי געפיל, וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם סעזאָן — איך בין אַ באַלעבאָסטע — און עפּעס מיט אַן אַנדער אינטערעס בין איך געגאַנגען אין טעאַטער. מיין ערשטער בליק, ווען איך בין געקומען אין טעאַטער איז געווען צו דער קאַסע — ווי קוקן אויס די געשעפטן היינט נאַכט?...

איך האָב אין דער ערשטער פּיעסע, די דערעפענונגס־פּיעסע, רומ־שינסקי׳ס אָפּערעטע „די גאָלדענע כלה", ניט געשפּילט. איך האָב זיך ניט גענומען דאָס פאַרגעניגן, וואָס איך וואָלט זיך זיכער דערלויבט, ווען איך וואָלט געווען בלויז אַן אַנגעשטעלטע, צו פאָרן אַהיים קיין סי־געיט צו פאַרברענגען מיט מיין קינד. איך האָב פּייגע׳ן און מיין זעליקל׳ען אימ־פּאָרטירט צו מיר קיין פילאַדעלפיע אויף יענעם סוף וואָך. כאָטש איך האָב ניט געשפּילט, ניט געווען פאַרנומען מיט פּראָבעס, האָב איך דאָך געוואַרט אויף דער דערעפענונג — וועט קומען אַן עולם? ווי וועט פילאַדעלפיע אויפנעמען אונזער נייעם טעאַטער? מיין אַמביציע — סיי געשעפטלעך, סיי אַלס באַלעבאָסטע — האָט מיך געריי‌צט צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אָנהויב פון אונזער טעאַטער. דערנאָך בין איך כמעט יעדן זונטיק אַ צו־פרידענע אַוועקגעפאָרן קיין סי־געיט. און אַלע אין טעאַטער האָבן גע־שפּאַסט, ווען גאָלדענבורג פלעגט רופן מייק׳ן מאַנטיק פּרי: „קום, לאָמיר גיין צום וואָקזאַל (סטעישאָן) אָפּנעמען אונזער פּרינצעסין". און זיי פלעגן מיך פון סטעישאָן ברענגען צו פּראָבע.

מיר האָבן געהאַט אַ גאַר פיינע טרופּע. חוץ גאָלדענבורג און איך, האָט זיך אונזער טרופּע געלייענט: יודל דובינסקי, מר. און מרס. היימאַן, מרס. ווייזענפריינד, ר. נעסטער, ז. צוקערבערג, לוסי לעווין, אסתר נערעסלאַווסקי, משה דאָרף, נחום סטוטשקאָף, פאַולאַ קליידא, פעני טאָמאַשעפסקי, אייב גראָס און היימי דזשעיקאָבסאָן.

מיר האָבן יענעם סעזאָן אויפגעפירט אַן אַ שיר פּיעסן. געפין איך פאַר נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז ווי גוט אָדער שלעכט די פּיעסן זיינען געווען, האָט גאָלדענבורג שטענדיק מיטן גרעסטן ערנסט זיך אָפּגעגעבן מיט די אויפפירונגען. עס האָבן אונז ניט געפעלט קיין פערזענלעכע שוישפּי־לערישע דערפאָלגן. אַזוי, למשל, האָבן מיר אין דער „רומעני‌שער קרעטש־מע", פון קאַלמאַנאָוויטש; דער „בוים פון ליבע", פון ליבין; „דער וועג צום גליק", פון קאַלמאַנאָוויטש; „די קראַפט פון געזעץ", פון די שוועסטער

שמר — ביידע, סיי גאָלדענבורג און סיי איך, באַקומען האַרציקע לויב־געזאַנגען פון דער פילאַדעלפיער פרעסע.

ווייל איך ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן מיין טיפסטע דאַנקבאַרקייט און העכסטע אַנערקענונג צו די אַלע טעאַטער־רעצענזענטן און קריטיקער פון פילאַדעלפיע, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און אמת׳ער פריינטשאַפט מיינע אַלע סעזאָנען דאָרטן פאַרזיסט און פאַרשענערט. קען איך ליידער ניט געפינען די צייטונגען צו געבן אויסצוגן פון יעדן פון זיי. וועל איך כאָטש אין מיין בוך פאַרצייכענען די נעמען פון מ. קאַטץ, א. פרומקין, מ. מלמד ז״ל און צו לאַנגע יאָר אהרן קאַניעווסקי און ס. רעגענס־בערג.

וועל איך דאָ אויך פאַרצייכענען, אַז יענעם סעזאָן איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן מיטן זייער טאַלאַנ־טירטן כאַראַקטער־שוישפּילער, יודל דובינסקי. עס איז אויך געווען דער איינציקער סעזאָן אין מיין לאַנגע קאַריערע וואָס איך האָב געשפּילט און געטאַנצט און געזונגען מיט דעם קוועקזילבערדיקן, זייער געשיקטן און אויסערגעוויינלעך באַגאַבטן היימי דזשעיקאָבסאָן, דער פאַרלויפער פון דער דזשעיקאָבסאָן משפחה. אַ שאָד וואָס אויך ער איז פון אונז אַזוי פרי אָפּ־געריסן געוואָרן.

און טאַקע ער, היימי, האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיט זיין וואונדערלעכן מוזיקאַלישן טאַלאַנט צו באַזיגן אַ ראָלע וואָס איז געווען זייער ווייט פון מיין זשאַנער. און ווידער מוז איך דאָ אונטערשטרייכן די אומשטענדן וואָס טרעפן זיך אין אידישן טעאַטער, אַז מיר זאָל אויסקומען, אַזוי צו זאָגן, קאָנקורירן אין אַ ראָלע וואָס מיין שוואָגער, לודוויג זאַץ, האָט באַרימט געמאַכט. איך מיין דאָ די ראָלע פון יונגן רבי׳לע „שייקעניו״, פון גרשם באָדער׳ס באַרימטער אָפּערעטע, „דעם רבי׳נס ניגון״.

ס׳האָט גאָלדענבורג׳ן גענומען אַ סך רייד און אַ סך געבעט ביז ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי מיר, אַז איך זאָל זיך אונטערנעמען צו שפּילן יענע ראָלע. איך האָב שוין ביי אַ געלעגנהייט אין מיין דערציילן געזאָגט, אַז ביים שאַפן אַ ראָלע, האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט זיך צו פאַרמעסטן מיט עמעצן וואָס האָט זי פריער געשפּילט. און אַוודאי איז מיר אין געדאַנק ניט געלעגן זיך צו פאַרמעסטן מיט לודוויג זאַץ אין יענער ראָלע.

לודוויג זאַץ איז אויך געווען אַ ליבלינג אין פילאַדעלפיע. דער פי־לאַדעלפיער עולם האָט אים פאַררעכנט פאַר אַ זייעריקן. ס׳איז געווען אין פילאַדעלפיע וואו לודוויג האָט געמאַכט זיינע ערשטע גרויסע טריט פון זיין שפּעטערדיקער באַרימטקייט. איז עס פאַרשטענדלעך, אַז דער פילאַדעל־

פיער עולם איז געווען פאַראינטערעסירט ווי אַזוי צילי אַדלער וועט זיך אַרויסווייזן אין, פאַר מיר, אַזאַ טשיקאַווער ראָלע ווי „שייקעניו". איז כדי ניט געשטעלט צו ווערן אין דער לאַגע צו דאַרפן זאָגן מיין מיינונג וועגן מיין שפּילן אין דער ראָלע, וועל איך געבן אַ קורצע ציטאַטע פון אַ רעצענזיע וועגן „דעם רבי'נס ניגון":

„עס מוז דאָ גלייך באַמערקט ווערן, אַז דער צענטער פון אינטערעס אין „דעם רבינ'ס ניגון" איז די ראָלע שייקעניו, דעם קליינעם רבי'לע וואָס ווערט געשפּילט פון דער טאַלאַנטפולער צילי אַדלער... ביים אַרויסגיין פון טעאַטער האָט מען פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט ווי נאָר וועגן צילי אַדלער. זיי האָבן געזען זאַצ'ן אין דער ראָלע, זיינען זיי איצט געקומען מיט דער גרעסטער נייגעריקייט זען צילי אַדלער, און ווי זי פאַרגלייכט זיך מיט זאַצ'ן. פון די געשפּרעכן וואָס איך האָב געהערט צווישן עולם דאַרף זיך צילי פילן שטאַרק געשמייכלט. און, באמת, זי שאַפט אַן ערנסטע טראַגיקאָמישע פיגור פון אַ אינגל וועמען מען וויל מיט גוואַלד מאַכן פאַר אַ רבי'ן. זי זינגט דאָס לידל 'איך בענק אַהיים' מיט געפיל און מיט אַ סך חן".

וויל איך דאָ נאָר צוגעבן, אַז „דעם רבי'נס ניגון" האָט אונז געבראַכט זייער גוטע איינגאַמעס פאַר היפשע עטלעכע וואָכן.

די קאָמבינאַציע סעמיועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער דערפאָלגרייך.

איז ווידער כדאי צו אונטערשטרייכן ווי צופעליקייטן קענען אַמאָל פירן צו וויכטיקע קאָנסעקווענצן. געדענק איך, למשל, דעם פאָלגענדיקן צופאַל: ס'איז געווען ווייט אין צווייטן טייל פון יענעם סעזאָן, ווען מיך האָט פּלוצלונג אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן מאָריס שוואַרץ. ער איז אין פילאַדעלפיע און ער וואָלט זיך וועלן זען מיט מיר. מיר האָבן אָפּגעמאַכט וואו זיך צו טרעפן.

ווען איך האָב דאָס דערציילט גאָלדענבורג'ן, איז ער געוואָרן אויסער זיך. ער וויל ניט איך זאָל גיין צו דער באַשטעלונג. ער איז זיכער אַז שוואַרץ איז אויסן מיך צו אַנגאַזשירן פאַרן קומענדיקן סעזאָן. איך טאָר דאָס ניט טאָן. מיר זיינען אַ דערפאָלגרייכע קאָמבינאַציע פאַר טעאַטער, און קיינער פון אונז טאָר ניט טראַכטן זיך צו אַנגאַזשירן אַליין ערגעץ אַנדערש.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז שוואַרץ האָט אין זיין געשפּרעך מיט מיר ניט געגעבן קיין שום אָנצוהערעניש וועגן וועלן מיך אַנגאַזשירן. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. גאָלדענבורג האָט זיך שטאַרק גע'כעס'ט און געפאָדערט מיר זאָלן תיכף גיין צו אַ לאַיער און אונטערשרייבן אַ לעגאַלן קאָנטראַקט, אַז מיר ווערן באַשטענדיקע טעאַטער־שותפים, אַז קיינער פון

גאָלדענבורג און זײַך אין „בוים פון ליבע” (פון ז. ליבין)

גאָלדענבורג און איך אין „די קראַפּט פון געזעץ" (פון די שמר־שוועסטער)

אונז טאָר ניט פאַרלאָזן די שותפות אָן דעם צווייטנס צושטימונג. ער האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצע רייע פּונקטן פאַר יעדן פון אונז, וואָס זאָל אונז געשעפטלעך צובינדן איינער צום צווייטן.

זיין אויפרעגונג איז אַלץ מער און מער געשטיגן. וועל איך זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז מיר איז דאָס געפעלן. איך האָב אַליין שטאַרק גע־גלויבט אין דעם דויערהאַפטן דערפאָלג פון אונזער פירמע, און אפילו ניט גע׳חלומ׳ט זיך ערגעץ אַנדערש צו אַנגאַזשירן. אָבער מיך האָט געפרייט וואָס אין גאָלדענבורג׳ס קאָפּ זיך איז געלעגן מער ווי געשעפטלעכער אינטערעס. איך האָב דערפילט, אַז ער וויל מיך פון זיך ניט אָפּלאָזן. טאַקע מיך אַליין, ניט דווקא די שוישפּילערין צילי אַדלער. האָט עס מיך געשמייכלט און גערייצט. אַז מיין געפיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט קענען עדות זאָגן די עטלעכע יאָר פון אונזער נאָענטער פריינטשאַפט.

ער האָט ענדלעך גע׳פועל׳ט ביי מיר איך זאָל אים דערלויבן מודיע זיין שוואַרצ׳ן אַז ס׳איז פאַר מיר ניט מעגלעך זיך מיט אים צו טרעפן. ער האָט מיך טאַקע תיכף געפירט צו אַ לאָיער און אָנגעגעבן די אַלע פּונקט פאַרן קאָנטראַקט וואָס מיר האָבן ביידע אונטערגעשריבן.

עס איז פאַר אונז צוגעגרייט געוואָרן אַ גאַנץ פיינער פּראָווינץ טור. מיר האָבן אויך גלייכצייטיק באַשלאָסן, אַז עס וואָלט געווען ראַטזאַם און צו גונסטן דעם געשעפט, אַז מיר זאָלן קומענדיקן סעזאָן קריגן אַ טעאַטער אין אַן אַנדער שטאָט. אונזער פּראָווינץ־טור האָט אונז געבראַכט אין פּראָספּעקט טעאַטער. זייענדיק אין ניו יאָרק, האָט מען אונז פון אַ פּאָר טעאַטערס געמאַכט פאָרשלאָגן פאַרן קומענדיקן סעזאָן. מיר האָבן אָבער ניט געוואָלט זיך אַנגאַזשירן ביי אַנדערע סטאַרס. מיר האָבן געוואָלט זיין אין אַ טעאַטער פאַר זיך אַליין, ווייטער פּרוּוון אונזער מזל אַלס טעאַטער־פירמע.

די אויגנבליק ברידער, סעם און פיליפּ, האָבן געדונגען אַ טעאַטער אויף בעדפאָרד עוועניו, אין וויליאַמסבורג — אַמפּעאָן טעאַטער — און געזוכט אַ טעאַטער־קאָמבינאַציע וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַ פינאַנציעלן דער־פאָלג אין יענער געגנט. די קאָמבינאַציע סעמיועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער האָט זיי אימפּאָנירט. אונזער דערפאָלג אין פילאַדעלפיע און אין פּראָספּעקט טעאַטער האָט זיי איבערצייגט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גוטער צוציאונגס־כוח פאַר זייער טעאַטער. פיליפּ אויגנבליק און זיין פרוי עני, זיינען געווען לאַנגיאָריקע פּראָווינץ־אַקטיאָרן. סעם איז געווען אַ רייכער געשעפטסמאַן. ווען זיי האָבן אונז פאָרגעלייגט זייער גוטע באַדינגונגען,

האָבן מיר דעם פֿאָרשלאַג אָנגענומען און אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אַלס די סטאַרס פֿון נייעם אַמפּעאָן טעאַטער פֿאַרן סעזאָן 1926־1925.

יענער סעזאָן אונזערער אין אַמפּעאָן טעאַטער איז געווען אַ שווערער. דאָס טעאַטער איז געווען ביים סאַמע אָנהויב פֿון וויליאַמסבורג, נאָענט צום „איסט ריווער". איך האָב געוואוינט אַזש אין סי־געיט. איז עס אַלעמען באַוואוסט, ספּעציעל ברוקלינער איינוואוינער, אַז פֿאָרן פֿון ברוקלין צו געוויסע אַנדערע געגנטן אין ברוקלין איז שווערער ווי צו פֿאָרן קיין ניו יאָרק. מ'מוז טאַקע פֿריער קומען קיין ניו יאָרק, און פֿון דאָרט ערשט זיך שלעפּן קיין וויליאַמסבורג. סיידן מ'פֿאָרט מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל אָדער מיט אַ טעקסי. קיין אויטאָמאָביל האָב איך ניט פֿאַרמאָגט, אויסגעבן אַ דרייסיק־פֿערציק דאָלער אַ וואָך אויף טעקסיס האָב איך קיין כּוח ניט געהאַט. איז דאָס שלעפּן זיך פֿון סי־געיט צום טעאַטער, און שפּעט ביינאַכט צוריק אַהיים, געווען אַן אָפּקומעניש.

אַ גליק איז געווען וואָס ניט ווייט פֿון טעאַטער האָבן געוואוינט מיינע ליבע פֿריינט, די טיקמאַנס. דאָרט פֿלעג איך פֿרייטיק און שבת־נאַכט איבערנעכטיקן. מלכּה קאָרנשטיין און טיקמאַן האָבן מיך געפּרואווט מאַכן אַזוי באַקוועם ווי מעגלעך. זיי האָבן זיך אַפֿילו געפֿילט שולדיק, וואָס זייער באַקוועמע דירה איז אַזש אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק אָן אַן „עלעוועיטאָר". איז זייער היים פֿאַר מיר יענעם סעזאָן געווען די גרעסטע ישועה. איך פֿלעג אָפֿט נאָך דער בייטאָגיקער פּראָבע, און פּראָבעס זיינען געווען כּמעט יעדן טאָג, זיך אַרויפֿכאַפּן צו די טיקמאַנס זיך אָפּצורוען ביז דער פֿאָרשטעלונג אין אָוונט. וועל איך זיי אייביק שולדיק בלייבן מיין האַרציקסטע דאַנקבאַרקייט.

אין גרויס־ניו־יאָרק האָבן דאַן געשפּילט אַרום צוועלף־דרייצן טעאַטערס. אין ברוקלין אַליין האָבן געשפּילט דריי טעאַטערס. איז די קאָנקורענץ געווען גרויס. מיר האָבן זייער אָפֿט געמוזט בייטן די פּיעסן. אין די עט־לעכע און דרייסיק וואָכן, וואָס יענער סעזאָן האָט געדויערט, האָב איך אָנגעציילט מער ווי צוואַנציק פּיעסן וואָס מיר האָבן געשפּילט. קענט איר זיך פֿאָרשטעלן די שווערע אַרבעט וואָס מיר האָבן געהאַט.

די אויגנבליקס האָבן ניט געשפּאָרט און צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנץ פֿיינע טרופּע. די מענער צו גאָלדענבורגן זיינען געווען עליע טענענהאָלץ, משה זילבערשטיין, פֿיליפּ אויגנבליק, זיגמונד צוקערבערג, אירווינג דזשעי־קאָבסאָן, טאַקע דער איצטיקער סטאַר־קאָמיקער, אייב גראָס, מאָריס דאָרף. די פֿרויען זיינען געווען צילי אַדלער; די יונגע, שיינע און שלאַנקע פֿרי־

מאַדאַנע עלאַ זיבעל, עני אויגנבליק, עני האָפמאַן, מיס קיטלמאַן און עני שאַפּיראָ.

ווייל איך דאָ צום קרעדיט פון דער טרופּע זאָגן, אַז זיי האָבן מיטן גרעסטן ערנסט זיך אָפּגעגעבן מיט דער שווערער אַרבעט פונם סעזאָן. מיר האָבן טאַקע באַוויזן אַרויסצוברענגען עטלעכע גאָר אינטערעסאַנטע אויפֿפירונגען און האָבן אפילו מיט גאָר אַ היפּשן דערפאָלג געשטעלט דעם „דיבוק״.

רייצט מיך איך צו דערציילן, אַז אין אַמפּעאָן טעאַטער אין וויליאַמסבורג האָב איך פאַר מיין ערן־אָוונט אויסגעקליבן איינע פון די סאַמע באַרימטסטע פּיעסן אין ראָלן פון דער וועלט־ליטעראַטור, דיומאַ׳ס „די קאַמעליען דאַמע״, אַ ראָלע, וואָס יעדע אַקטריסע וואָס האָט זיך אין איר קאַריערע דערהויבן צו אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע, וויל און זוכט זי צו באַזיגן. איך האָב די ראָל לאַנג שטודירט. מיר איז, לײדער, ניט געלונגען צו געפינען אפילו איינע פון די עטלעכע פיינע רעצענזיעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן יענעם ערן־אָוונט מיינעם. וועט איר, און איך, זיך מוזן באַנוגענען מיט דעם וואָס איך וועל אייך פאַרזיכערן, אַז איך האָב דער „קאַמעליען דאַמע״ געגעבן אַזוי פיל פון זיך ווי איך האָב פאַרמאָגט. כדי איר זאָלט פאַרשטיין מיין ערנסטע באַציאונג צו יענער ראָלע, וועל איך דאָ בלויז פאַרצייכענען, אַז די קליידער האָבן מיר געקאָסט נאָענט צו טויזנט דאָלער. אַ גליק, וואָס די טעאַטער־גייער האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אינטערעס צו מיין אָוונט. די קאַסע־הכנסה איז געווען עפּעס מער ווי פופצן הונדערט דאָלער...

ווייל איך דאָ בלויז, ווי אין אַן אַלגעמיינעם סך־הכל פון מיין סעזאָן אַרבעט אין אַמפּעאָן טעאַטער, ברענגען אַן אויסצוג פון איינעם פון די איצט גאָר אָנגעזעענע זשורנאַליסטן אין „פאָרווערטס״, וואָס האָט אַמאָל געזינדיקט מיט באָענטער פאַרבינדונג מיטן בעסערן אידישן טעאַטער, מיין ליבער פריינט לעאָן קרישטאל. אונטער אַ קעפּל „הויפּטזעכלעך וועגן שוישפּילער״, האָט ער אין אָקטאָבער 1925 געשריבן וועגן אַ רייע שוישפּילער, וואָס זיינען געווען אין געוויסע צייטן פאַרבונדן מיטן קונסט־טעאַטער און בעסערן טעאַטער בכלל, און זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלערליי טעאַטערס פון ניו יאָרק און ברוקלין. שרייבט ער וועגן זיינעם אַ שפּאַציר אין אָט די טעאַטערס, און אָט ווי ער גיט איבער זיינע איינדרוקן וועגן די פאַרשידענע פּיעסן אין יענע טעאַטערס:

„שאָטנס, פוסטער בינע־רוים און ליכט־רינגען, דאָס שפּרייט זיך אין אייער זכרון ווען איר דערמאָנט זיך אין די פאָרשטעלונגען אין די דאָזיקע

טעאַטערס. דאָרט וואו דער שוישפּילער פּילט ניט אויס די פּוסטקייט מיט אייגענער פּערזענלעכקייט, מיט זיין אייגענער קונסט, בלייבט אַ פּינצטערער חלל. באַווייזט זיך אָבער אויף דער בינע אַ שוישפּילער וואָס ברענגט מיט זיך עפּעס אייגנס, וואָס איז אין זיך און פאַר זיך אַליין אַ קינסטלערישער יש, איז ווי אַ ליכט־רינג וואָלט זיך צעשטראַלט און צעשפּילט אין דער לופטן״.

דערמאָנט ער סעמיועל גאָלדענבורג, יודל דובינסקי, יחיאל גאָלדשמיט, מישאַ און לוסי גערמאַן, עלי טענענהאָלץ, וועלכע שיינען אויף אַזאַ אופן אַרויס פון די פּוסטע נאַרישע פּיעסן, וואָס ווערן אין די פאַרשידענע טעאַטערס אויפגעפירט. וויל איך זיך באַרימען, פאַרשטייט זיך, מיט זיין מיינונג וועגן מיר:

„נאָכפאָלגנדיק צילי אַדלער׳ס אַרטיסטישע קאַריערע, און טראַכט איך אַמאָל וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער שוישפּילערין, דערמאָן איך זיך באַלד אָן איר רבקה׳לע אין שלום אַש׳ס „אַ שנירל פּערל״. זי האָט זיך מיט פייערדיקע אותיות איינגעקריצט, איינגעפּרעסט אין מיין זכרון, צילי אַדלער אַלס טראַגעדיסטין. איר מייסטערהאַפט שפּילן אין דימאָוו׳ס „אייביקער וואַנדערער״, אין הירשביינ׳ס „דאָרף מיידלעך״, איר קייטי אין הויפּטמאַנ׳ס „איינזאַמע מענטשן״ וואו זי האָט באַוויזן אַז זי קען זיין איינע פון די טיפסטע און פיינסטע דראַמאַטישע שוישפּילערינס אפילו אויף דער בעסטער בינע, אַז מען טרעפט זי אין אַמפּעאָן טעאַטער נעמט אָן אַ פאַרדרוס, פאַרוואָס זי און אַנדערע חברים אירע וואַלגערן זיך אין אַזוינע טעאַטערס, וואו זייער הויפּט־אויפגאַבע איז כאַטש אָפּצוהיטן דעם „ווי אַזוי אויב עס איז ניטאָ וואָס צו שפּילן״.

וואָלט איך זיך בכלל ניט געהאַט צו באַקלאָגן אויף יענעם סעזאָן אין אַמפּעאָן טעאַטער. שווערע אַרבעט אין טעאַטער האָט מיך קיינמאָל ניט געשראָקן; אויב באַר עס זיינען ניט געווען קיין פאַרדרוסן און האַרצווייטיק, האָב איך די אַרבעט און אפילו די מידקייט אָנגענומען פאַר ליב. צייטנ־ווייז, קומענדיק אַהעם שפּעט ביינאַכט, האָט מיר שוין אויך געפעלט מיין ליבער פּייגע׳ס זאָרג וועגן מיר און איר באַדינען מיך, ווייל זייער אָפּט יענעם סעזאָן האָט פּייגע אונטערגעקרענקט. איך האָב קוים מיט צרות גע׳פּועל׳ט ביי איר, זי זאָל ניט וואַרטן אויף מיין אהיימקומען, אַז זי זאָל ניט אויפשטיין פון בעט מיך צו באַדינען. ניט דער דאָקטאָר וואָס האָט זי באַהאַנדלט, ניט איך האָבן געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז פּייגע וועט זיך אַזוי שנעל אָפּגעזעגענען מיט אונז.

געדענק איך אַ פרי־מאָרגן ווען מיין זעליק האָט מיך זייער פרי געוועקט: — „איך בין הונגעריק, מאַמע״.

— „וואו איז פייגע?"

— „פייגע איז קראַנק..."

איך בין אַריין צו איר. זי האָט געפּרוּווט זיך אויפהויבן; איך האָב זי ניט געלאָזט. איך האָב טעלעפאָנירט נאָכן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען. ער האָט מיך עטוואָס באַרויִקט. איך האָב אַריינגערופן מיין שוועסטער לילי, זי זאָל אַכטונג געבן אויף פייגע׳ן און איך האָב געמוזט לויפן צו פּראָבע.

פייגע איז שוין פון איר קראַנקן-בעט ניט אויפגעשטאַנען. זי איז שטילערהייט, קוקנדיק מיט אירע ליבע, צאַרטע בליקן אויף זעליק׳לען און מיר, זיך אָפּגעזעגנט אויף אייביק פון דער וועלט, וואָס האָט זי אַזוי שטיפ-קינדעריש באַהאַנדלט, און מיט אונז, וואָס זיינען געווען איר איינציקער פאַרמעגן. איר טויט, דעם 9טן מערץ 1926, האָט מיך שטאַרק צעטרייסלט. איך ווייס ניט, אין געוועב פון מיין משפּחה-פּלאָנטער, וואָס פייגע איז מיר באמת געווען. איך האָב נאָר געפילט, אַז מיט איר טויט איז אויך עפּעס אין מיר אָפּגעשטאָרבן. זי האָט ניט געהאַט קיין פּאַראַדנע לוויה. זי איז אָבער צו קבורה געקומען ווי איינע פון דער טעאַטער-משפּחה אויף דעם בית עולם פון אידישן טעאַטער-פאַרבאַנד (דזשואיש טעאַטריקל עלייענס).

איך וועל שטענדיק מיט דאַנקבאַרקייט טראַכטן פון דעם וואונדער-לעכן טעאַטראַל שלום פּערלמוטער. זיין ליבע, זיין אינטערעס צו אידיש טעאַטער האָט ער אַרויסגעוויזן אין די פילע יאָרן פון זיין פאַרבינדונג מיטן טעאַטער אַלס סופליאָר און פּיעסן-שרייבער. זיין קרוין אַרבעט אָבער איז דער טעאַטער-אַרכיוו, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. אַן אמת׳ער אוצר פון אונזער טעאַטער-געשיכטע איז מיט מי פון אים געקליבן געוואָרן. דער אַרכיוו געפינט זיך איצט אין „ייוואָ".

ער האָט אַזוי האַרציק מיך מיטגעפילט. ער איז אויך געווען אַ סי-געיט איינוואוינער. פלעגט ער מיט מיר אָפט ריידן פון פייגע׳ן, מיך טרייסטן, און ער האָט ווי אַרויסגעלייענט פון מיינע געפילן און אָנגעשריבן אַן עפּיטאַף פאַר איר מצבה. און זייער אָפט איצט ווען איך קום אויף יענעם בית-עולם, וואו איך האָב שוין אַ היפּשע משפּחה, באַוויין איך איבעראַנייעס פייגע׳ס טויט, לייענענדיק די אויסגעקריצטע שורות פון דעם מיטפילנ-דיקן שלום פּערלמוטער:

עלנד ביזטו געשטאָרבן — אַוועק דיין לעבן ווי אַ ווינד —
אויף דיין קבר גיסט ד׳ער רעגן — ניט קיין טרערן פון אַ קינד —
אָט דעם שטיין מיט דיין נאָמען — אויף דיין קבר איך שטעל אַצינד —
אויף דיין יאָרצייט וועל איך היטן — ווי איך וואָלט געווען דיין קינד.

די געשעפטן אין אַמפּעאַן טעאַטער זיינען אין דער צווייטער העלפט פון סעזאָן געוואָרן שוואַך. פּאַרט איז דאָס געווען אַ ווינקל־טעאַטער. דאָס צוקומען אַהין איז ניט געווען זייער באַקוועם. די קאָנקורענץ פון די רייכע טעאַטערס אויף סעקאָנד עוועניו האָט אונז אַוודאי קיין גוטס ניט געטאָן. עס איז געווען לייכט איינצוזען אַז מען קען ניט דערוואַרטן אַז דאָרטן זאָל קענען עקזיסטירן אַ באַשטענדיקער טעאַטער. עס איז געווען אויסגעשלאָסן דאָס איבערנעמען איינעם פון די סטאַבילע טעאַטערס. סיי גאָלדענבורג, סיי איך האָבן ניט געוואָלט פאַרן ערגעץ אויף דער פּראָווינץ פאַר אַ סעזאָן. מיר האָבןביידע דערפילט אַז אונזער שותּפות מוז דערווייל אויפגעלייזט ווערן.

פונקט דאַן האָט די אַזוי־גערופענע ווינקל־פירמע, גאָלדבערג און דזשייקאָבס, איבערגענומען דעם גרויסן טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנאַל טעאַטער. זיי האָבן גאָלדענבורג׳ן געמאַכט אַ זייער אָנציענדיקן פאָרשלאַג, וועלכן ער האָט ניט געקענט צוריקוּוייזן. גלייכצייטיק האָט זיך שוואַרץ געגרייט פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן צו עפענען די נייע היים פון זיין קונסט־טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו און 12טע גאַס, אַ נייער פאַר אים ספּעציעל־געבויטער טעאַטער. האָט ער זיך ווידער פאַרבענקט נאָך מיר. איך, ווידער, האָב זיך פאַרבענקט נאָך דורכאויס־בעסערן טעאַטער. ווי האָט קרישטאָל געזאָגט: ס׳האָט זיך פאַרבענקט צו האָבן אויך וואָס צו שפּילן.

האָב איך געלייגט אויף דער וואָגשאָל די ערגערנישן און פאַרדרוסן וואָס זיינען שטענדיק פאַרבונדן מיט מיין זיין מיט שוואַרצ׳ן, קעגן דעם חשק ווידער צו קענען שאַפן נייע ראָלן און פּיעסן געשריבן פון שרייבער מיט קינסטלערישער וויזיע און שיינער ליטעראַרישער שפּראַך. דאָס צווייטע האָט געוואונען.

אַזוי איז שוין געווען דער ביטערער מזל פון די בעסערע שוישפּילער. ווען זיי האָבן זיך פאַרבענקט נאָך בעסער טעאַטער, האָבן זיי געמוזט אָנ־קומען צו שוואַרצ׳ן.

איך האָב זיך אונטערגענומען צו פּרואוון מיט אַלע כוחות ניט צו דערלאָזן צו פאַרדרוסן און ערגערניש, אָדער ווי ווייט מעגלעך זיי אויפ־נעמען ניט צו ערנסט, ניט צו טיף. איך האָב זיך בשום אופן ניט איינגערעדט, אַז שוואַרץ און איך וועלן מיט אַמאָל בעסער ווערן און אַזוי צו זאָגן האַלטן פאַסאָן.

אָבער, ווי געזאָגט, ס׳האָט זיך געבענקט נאָך אַ סעזאָן אין ניו יאָרק אונטער די שאַרפע אויגן פון דער ניו יאָרקער פּרעסע. אַזוי איז עס געקומען,

אַז איידער אונזער פּראָווינץ־טור נאָכן סעזאָן אין אַמפּעאָן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען מיר שוין ביידע, גאָלדענבורג און איך, געווען באַ־שטעלט אין פאַרשידענע טעאַטערס.

צום סוף פון יענעם סעזאָן האָבן מיר אויך באַשלאָסן, אַז ס׳וועט פּי־נאַנציעל אונז בעסער לוינען, אַז רעלקין זאָל אונז געבן באַזונדערע פּראָ־ווינץ־טורס.

מיין טור איז מערסטנס באַשטאַנען פון דעטראָיט און עטלעכע שטעט אַרום. די שטאָט דעטראָיט האָט מיך וואונדערלעך אויפגענומען. איך האָב געהאַט אַ באַדייטנדיקן פינאַנציעלן און שוישפּילערישן דערפאָלג אין ליט־מאַנ׳ס טעאַטער אין דעטראָיט. פון יענע צייטן האָב איך זיך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע האַרציקע און געטרייע פריינט, ספּעציעל די צוויי ליבע מענטשן, ישעיה וויינבערג און זיין פרוי ראָזאַ. איך האַלט, בכלל, אַז איך בין זייער מזל׳דיק אויף דעם געביט פון פריינטשאַפט. גראַד טרעף איך אָן אויף מענטשן אַזעלכע, וואָס האָבן דעם טאַלאַנט צו „געבן“ און „נעמען“ אמת׳ע פריינטשאַפט. אויב איר וועט עס ניט האַלטן פאַר אומבאַשיידן, מוז איך קומען צום אויספיר, אַז אויך איך פאַרמאָג עפּס פון דעם טאַלאַנט. צייל איך אַ היפּשע צאָל לאַנגיאָריקע איבערגעגעבענע פריינט. ישעיה וויינבערג איז געווען דער שטאָט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ פאַר דעטראָיט און אומגעגנט.

איז אָט קום איך אין דעטרויט, פאַרפאָר אין דעם שיינעם בוק־קאַדילאַק האָטעל. ווי נאָר איך פּרוביר זיך איינצואָרדענען אין מיין צימער, ערשט מ׳קלאַפּט אין טיר. עס קומט אַריין אַ יונגע, שיינע, חנ׳עוודיקע דאַמע.

זי האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט: ראָזאַ וויינבערג. זי האָט מיר דערמאָנט, אַז זי האָט מיך געזען אין לאָנדאָן מיט וואָסערע 18־17 יאָר צוריק. זי איז דאַן געווען אַ יונג מיידל, געוואוינט אין לאָנדאָן. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט מיין מאַמע. דיינע פיינמאַן איז געווען, און אויף שטענדיק פאַרבליבן, איר גאָט. ווען איך האָב יענעם סעזאָן געשפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער, האָט זי מיך געזען, און זי געדענקט מיך. חוץ דעם האָט זי גע־קראָגן אַ בריוו פון סיאָמאַ׳ן (גאָלדענבורג), און ער בעט איר, אַז זיי זאָלן מיר אַרויסוויזן אַזוי פיל פריינטשאַפט וויפיל זיי קענען. איז זי געקומען מיך נעמען צו זיך אַהיים.

איך האָב איר העפלעך באַדאַנקט און ווי ווייט מעגלעך איר פאַרזיכערט, אַז איך שאַץ שטאַרק אָפּ איר פאָרגעלייגטע גאַסטפריינטשאַפט, אָבער איך וויל ניט בשום אופן זיי באַשווערן און ווערן זייער גאַסט פאַר דער צייט פון מיין זיין אין דעטראָיט. זי האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען מיין אָפּזאָגן זיך. זי האָט גלייך אַרויפגערופן דעם האָטעל־באַדינער און

געהייסן אים אַראָפּנעמען מיין באַגאַזש און באַשטעלן אַ טעקסי. עס האָבן ניט געהאָלפן מיינע טענות. זי האָט מיך געבראַכט אין איר שיינער, באַקוועמער היים.

ווייס איך ניט צי אַ מאַמע קען בעסער אָפּהיטן איר קליין, ליב קינד, ווי ראָזאַ ווייבנבערג האָט מיך אָפּגעהיט. מיך געקעכלט און מיך געפּילנעוועט. ביז היינטיקן טאָג טראַכט איך מיט וואונדער ווי אַזוי, פאַר מיר דאַן כמעט אַ פרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע, — איך פאַר איר אויך — מיט וואָס פאַר אַ געטריישאַפט זי האָט מיך אויפגענומען. און פונקט אַזוי אויך איר מאַן, ישעיה, וואָס איז ליידער, ליידער פון איר אָפּגעריסן געוואָרן זייער פרי אין זייער לעבן.

איז מיר אָבער באַשערט געווען יענעם פרילינג דורכצומאַכן נאָך אַ זייער שווערע איבערלעבונג. פרייטיק, דעם 30טן אַפּריל, 1926, בין איך טיף געריר געוואָרן פון אַ מעלדונג, אַז דזשעיקאָב פּ. אַדלער איז געשטאָרבן. כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז זיין געזונט־צושטאַנד איז שוין די לעצטע צוויי יאָר געווען גאָרניט קיין גוטער, האָט די מעלדונג אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

ערשט מיט עטלעכע חדשים פריער ביי אונז אין אַמפעאָן טעאַטער האָט מיין ברודער אייב אַדלער געבראַכט מיין טאַטן פאַר איינער פון זיינע יערלעכע בענעפיט־פאָרשטעלונגען, דער איינציקער קוואַל פון זיין הכנסה וואָס ער האָט געהאַט די לעצטע פאַר יאָר פון זיין לעבן. ער האָט געשפּילט דעם לעצטן אַקט פון גאָרדינ׳ס „דער פרעמדער". מיין טאַטנס צושטאַנד דאַן האָט מיך ניט וויניקער דערשיטערט, ווי די איצטיקע מעלדונג פון זיין טויט.

ווייסן אפשר אַ סך פון אייך, אַז אין „פרעמדן", שטאַרבט נפתלי הערץ אין לעצטן אַקט. איז שוין אָפּגערעדט, אַז מיין טאַטנס אימפּאָזאַנטע דערשיינונג אויף דער בינע אין יענער ראָלע, האָט שטענדיק געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אויפן עולם.

אויך דאָס מאָל האָט דער עולם געהאַט די באַפרידיקונג. זיי האָבן אָבער ניט געוואוסט, אַז ס׳איז גאָרניט אַזוי גרינג געווען פאַר אונז אָט די אימפּאָזאַנטע פיגור פאַרן עולם צו ווייזן. איידער דער פאָרהאַנג איז אויפגעגאַנגען, האָט מען אים אַוועקגעשטעלט פאַר זיין שטול, אים אויסגעמושטירט, אַז זיין געהויבענער גרימירטער פּנים און קאָפּ זאָלן מיט שטאָלץ בלייבן אויפגעהויבן.

ווען ס׳איז געקומען די סצענע, ווען ער דאַרף זיך אַראָפּלאָזן אויפן בענקל און שטאַרבן, האָט ער עס ניט געטאָן. דער סופליאָר האָט צו אים געשעפּטשעט: „מר. אַדלער, איר דאַרפט שטאַרבן". ער איז אַלץ געשטאַנען

און ווי וויינענדיק, אין אַ כמעט קינדערשן טאָן, עטלעכע מאָל ווידערהאָלט: „איך וויל ניט שטאַרבן, איך וויל ניט שטאַרבן...״

קען איך דערפאַר ניט זאָגן, אַז איך בין פון דער מעלדונג שטאַרק איבעראַשט געוואָרן. אָבער אויטאָמאַטיש האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן פון מיינע אויגן. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען צו פאָרן קיין ניו יאָרק צו דער לוויה. איז אָבער אַ שוישפּילער ניט שטענדיק ביי זיך אין די הענט.

אָט ווי די צייטונג האָט איבערגעגעבן די מעלדונג וועגן דעם:

„שיר, שיר האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז צילי אַדלער זאָל אונז פּלוצלונג פאַרלאָזן צוליב דעם טויט פון איר גרויסן טאַטן, יעקב פּ. אַדלער. וועט איר לייענען אין היינטיקן „פאָרווערטס״ אַ דערקלערונג פון צילי אַדלער״.

דאָס איז אַ טייל פון דער דערקלערונג:

„ערשט היינט האָב איך דערפילט, ווי עס איז צום באַדויערן די לאַגע פונם שוישפּילער. זייענדיק אין דעטראָיט צו גאַסט־פאָרשטעלונגען, האָב איך זיך דערוואוסט פון מיין פאָטערס טויט. איך קען אים מער ניט זען. דעם טעאַטער קען מען ניט צומאַכן; עס איז אַ ברויט־פראַגע פאַר דריי־סיק־פערציק משפּחות. בין איך אויף זייער בקשה אַוועק צום באַוואוסטן רב, ר׳ יוסף תאומים, וועלכער האָט מיר דערקלערט, אַז אַזוי ווי עס איז יום־טוב, קיין שבעה טאָר מען ניט זיצן, און עס האַנדלט זיך אין פּרנסה פון אַזוי פיל מענטשן, זאָל איך פאָרזעצן צו שפּילן, און קומענדיקן מיטוואָך, אסרו־חג של פּסח, זאָל איך רייסן קריעה.

„טרויעריק אין אַזאַ אומגליקספאַל איז דער שיקזאַל פון אַ שוישפּילער. אין מיין האַרצן וועט אייביק לעבן דאָס הערלעכע געשטאַלט פון מיין גרויסן פאָטער.

„מיט דרך־ארץ,

צילי אַדלער

דעטראָיט, מיש., אַפּריל 5טן, 1926״.

איך וויל אָנהויבן מיין דערציילן וועגן שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער אין סעזאָן 1926־1927 מיט אַן אויסדרוק וואָס איז מיר פון יענעם סעזאָן פאַר־בליבן אין זכרון — „ס׳האָט ניט געבליצט״. מיר דוכט אַז די פּראַזע דריקט באמת אויס דעם סך־הכל פון יענעם סעזאָן. געדאַרפט האָט עס זיין אַ באַנייאונג, אַ גייסטיקע דערהויבונג, אַ ברייטערער פאַרנעם אָנגעפילט מיט יום־טוב. איז עס עפּעס ווי אונטער די הענט צערונען געוואָרן.

ראשית, דאָס אַריינציען זיך אין אַ געביידע וואָס איז ספּעציעל געבויט געוואָרן פאַר שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער אין סאַמע האַרץ פון אידישן ניו יאָרק. די געביידע איז אָבער ניט געווען פאַרטיק צו דער דערעפענונג פון סעזאָן. האָבן מיר, די אַזוי גערופענע „קונסט־טעאַטער טרופּע״, עטלעכע וואָכן זיך געוואַלגערט אַזש אין אַמפּעאָן טעאַטער אין וויליאַמסבורג. דאָס אַליין האָט עפּעס ווי פאַרטונקלט דעם גלאַנץ און די פּאַראַדנע דערעפענונג פונם סעזאָן.

אויך האָט שוין די נייגעריקייט, דער אומגעדולד זיך ענדלעך אַריינצו־קלייבן אין דער נייער היים, געפירט דערצו, אַז כאָטש די דערעפענונג איז ערשט פאָרגעקומען דעם 18טן נאָוועמבער, מער ווי צוויי חדשים שפּעטער ווי דער געוויינלעכער טעאַטער־סעזאָן דערעפענונג, איז דאָס טעאַטער נאָך אַלץ ניט געווען פולשטענדיק פאַרטיק. האָט די לאַנג־דערוואַרטעטע, פיל־פּובליקירטע פּרעמיערע פון גאָלדפאַדען׳ס מאָדערניזירטע אָפּערעטע „לא תחמוד״ (דאָס צענטע געבאָט), זיך געשלעפּט, געצויגן כמעט ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט, איז פאַרשטערט געוואָרן סיי דער געהויבענער יום־טוב פון דערעפענען די נייע היים, סיי די אויפפירונג גופא. אי דער עולם, אי די קריטיקער זיינען געוואָרן שטאַרק אויסגעמאַטערט. זייער געלונגען האָט עס באַשריבן דער רעצענזענט פון „קונדס״ אונטער אַ קעפּל, „מ׳קוילעט אָן אַ מעסער״, וואו ער האָט טענות למאי די קריטיק איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ רויער פאָרשטעלונג.

דערצו האָט שוואַרצ׳ן פאַרוואָלט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט פוטוריס־טישער רעזשי — קרומע מעבל, גרינע בערד, אומגעלומפּערטע נעזער.

האָט דאָס אַלץ אַפּגע׳סך־הכל׳ט איינער פון די קריטיקער אויף דעם אופן: „די אויפפירונג איז אַ וואַלד, מ׳קען פאַרבלאָנדזשען אין איר, מ׳קען זי ניט אָננעמען ווי אַ גאַנצע אויפפירונג, מ׳מוז זי באַטראַכטן דער־ווייל ווי אַ קאָלעקציע פון אויפפירונגען״.

נעם איך זיך ,חלילה, ניט אונטער אויסצודריקן אַ מיינונג וועגן דעם דאָזיקן סאָרט טעאַטער. איך ווייס נאָר, אַז איך בין געניטגט און צו מיר אַפּעלירט שטאַרקער וואָס מ׳רופט רעאַליסטיש טעאַטער. איך שטעל מיר פאָר, אַז שוואַרץ האָט זיך ערנסט פאַרמאָסטן צו ברענגען עפּעס נייע „קרומע״ וועגן, וואָס האָבן אויפגעשפּראָצט אין יענער צייט. ס׳איז אָבער געווען אַ בלאָנדזשעניש. אונזער עולם האָט עס ניט אויפגענומען. האָט דאָס אויך צוגעגעבן אַ חלק צו דעם ניט־בליציקן סעזאָן.

די טרופּע פון קונסט־טעאַטער יענעם סעזאָן איז באמת געווען אָנגעפּי־קעוועט מיט פאַרשידנאַרטיקן טאַלאַנט. רעכן איך זיי אויס לויטן א״ב:

בינע אַבראַמאָוויטש, צילי אַדלער, חנה אַפּעל, בן־צבי באַראַטאָוו, יוסף בולאָוו, בערטאַ געַרסטין, וואָלף גאָלדפאַדען, משה זילבערקאַסטן, אַברהם טייטלבוים, אַנאַ טייטלבוים, אברהם פישקינד, לאַזאַר פריד, ליובאַ קאַדיסאָן, איזידאָר קעשיר, מיכל ראָזנבערג, משה שטראַסבערג, מאָריס שוואַרץ, יוסף שוואַרצבערג.

חוץ דער טרופּע, די סאַמע סמעטענע פון אונזער שוישפּילער־משפּחה, איז די אויפפירונג פון „לא תחמוד" באַרייכערט געוואָרן מיט יוסף אחרונ׳ס וואונדערלעכע מוזיק אונטער דער פיינער דיריגענץ פון לאַזאַר פריד.

טראָץ דער גרויסער אָנשטרענגונג, טראָץ דער קאָסטבאַרער, קאָלאָסאַלער אויפפירונג, האָט „לא תחמוד" זיך קוים געהאַלטן אַרום פינף וואָכן. פון דאַן ביז ענדע סעזאָן איז געווען אַ לאַנגע פּעריאָדע פון אַרויף־און־אַראָפּ פּיעסן, צווישן זיי: „מענדל ספּיוואַק", פון יושקעוויטש; „יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ", פון אַנדרייעוו; „איר פאַרברעכן", פון מ. אָלגין; „יאַשקע מוזיקאַנט", פון דימאָוו; „דער קרייד צירקל", פון קלאַבונד; „גאָט פון נקמה", פון שלום אַש; „מענטשן־שטויב", פון דימאָוו.

זייַנען אין לויף פון סעזאָן געווען אָנגעזעענע דערגרייכונגען פון אַ צאָל שוישפּילער. אַזוי, למשל, האָט יוסף בולאָוו, ווי אַ נייער פרישער שוישפּילער־כוח, אויסגענומען אין אַ פּאָר ראָלן יענעם סעזאָן. אויך האָבן זיך אָנגעזען די צוויי פון פריער עטאַבלירטע שוישפּילער, זיילן פון קונסט־טעאַטער, בן־צבי באַראַטאָוו און איזידאָר קעשיר. בכלל אָבער, ווי געזאָגט, האָט יענער סעזאָן ניט געבליצט.

ציט מיך מיין שוואַכקייט צו באַרימען זיך דאָ, איבערצוגעבן צוויי מיינונגען פון רעצענזענטן וועגן מיין ראָלע אין „לא תחמוד": „צילי אַדלער אַלס די פרומע צנועה... אַזאַ שיינע, טיף־דורכגענומענע און איידל־דורכגעפירטע פאַרשטעלונג פון אַ כשר׳ער אידישער טאָכטער האָב איך נאָך ניט געזען. עס איז עפּעס אַזוינס וואָס קען געשעצט ווערן נאָר מיטן ריינעם געפיל. זי איז באמת געווען דאָס וואָס מ׳רופט אויסטערליש. ווי אַ פאַרקערפּערונג פון היינע׳ס ׳פּרינצעסן שבת׳, האָט זי אַרומגעשוועבט אויף דער בינע, אַ בילד פון אַן אַמאָליקער אידישער צנועה".

שרייבט אַ צווייטער: „אין איר ראָלע, פרומע, ברענגט צילי אַדלער אַרויס דעם געשליפענסטן גראַטעסק פון איבערטריבענער צניעות און פרומקייט. אידישע ווייבערשע פרומקייט מיט איר גרויסער קדושה וואָס גייט איבער אין לעכערלעכקייט, האָט באַקומען אַ ממשות׳דיקע געשטאַלט. וויפיל פיינקייט פון שניצערייַ איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן גראַטעסק אירן. צילי אַדלער האָט באַוויזן דעם פיינסטן חוש פון שוישפּיל".

וועט איר מיר שוין אויך מוזן מוחל זיין פֿאַר מיין באַרימען זיך מיט אַב. קאַהאַנ׳ס מיינונג וועגן מיין שפּילן אין דער צווייטער פּיעסע, „מענדל ספּיוואַק״: „צילי אַדלער אַלס די קימפּעטאָרין האָט אייגנטלעך ווייניק ווער־טער. עס איז אָבער אַזאַ ראָלע וואָס קיין סך ווערטער זיינען ניט נויטיק. מ׳קען שפּילן אָן רייד. און זי האָט געשפּילט וואונדערלעך, גוט געשפּילט. איר מימיק ווען זי איז געלעגן אין בעט, איר קרענקלעכער שמייכל, איר צערטלעכקייט, היסטערישע פריידּ און היסטערישע טרערן, איר אויסגעמאַ־טערטער בליק, איר צוהערן זיך צו די טענץ און דער מוזיק מיט אַ פּאָר־ריסענעם קאָפּ און פֿאַרמאַכטע אויגן, אַ מידע, אַ שלאַפּע — אַלץ איז געווען קונסט פון אַ געבוירענער קינסטלערין. ווידער און ווידער האָב איך זיך געקלערט, ניט אומזיסט איז זי אַ טאָכטער פון דזשעיקאָב פּ. אַדלער״.

וויל איך נאָך פֿאַרצייכענען אַן אויסצוג וואָס אונזער חיים עהרנרייך האָט געשריבן צום שלוס פון יענעם סעזאָן: „געבן אַ סך־הכּל פון דעם פֿאַרגאַנגענעם סעזאָן אין דעם אידישן טעאַטער איז גאָרניט אַזאַ לייכטער עסק. עס איז געווען אַ סעזאָן אָן אַ באַשטימטן פּנים, אָן אַ באַשטימטער פֿאַרב, פון אויפטואונגען אויף דער בינע און פון דער פּיעסע. איינער פון יענע סעזאָנען, וואָס וואָס־שנעלער מען פֿאַרגעסט פון זיי אַלץ גרינגער ווערט אויפן האַרצן״.

האָט עס שוין שיר־שיר געהאַלטן דערביי, אַז יענער סעזאָן צוזאַמען מיט דעם קומענדיקן, זאָלן פֿאַרבלייבן היסטאָריש אין גאַנג פון מיין קאַר־יערע. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל זיך קענען באַרימען אַז איך האָב אויסגעהאַלטן אידישקייט מיט שוואַרצ׳ן פּאָר צוויי סעזאָנען נאָכאַנאַנד. דער פֿאַקט איז, אַרויספֿאָרנדיק אויפן פּראָווינץ טור פון קונסט־טעאַטער בין איך שוין געווען אַנגאַזשירט ביי שוואַרצ׳ן פֿאַר דעם קומענ־דיקן סעזאָן. ווייס איך ניט צי איז עס מיין גוטער מזל אָדער שלעכטער מזל — עס איז ניט געשען. איך האָב ביי שוואַרצ׳ן דעם קומענדיקן סעזאָן ניט געשפּילט. וואָס האָט פּאַסירט? בין איך זיך פֿאַר אייך מודה, אַז דער גאַנצער ענין איז מיר פון קאָפּ אַרויס, נאָר גריבלענדיק זיך איצט אין די צייטונגען פון יענער פּעריאָדע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרטיקל אין „פֿאָרווערטס״, דעם 9טן סעפּטעמבער, 1927, אונטערן קעפּל, „צילי אַדלער שרייבט צום „פֿאָרווערטס״ פֿאַרוואָס זי איז אַוועק פון שוואַרץ טע־אַטער״.

דער שרייבער דערציילט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט פֿאָריקע וואָך אי־בערגעגעבן די ניים וועגן צילי אַדלער׳ס אַוועקגיין צו די גוים און איך

צוריקקומען אַהיים, האָט זי געהאַט אַ געשפּרעך מיט אים און אויפגע־קלערט די פאַקטן וואָס האָבן געפירט צו איר האַנדלונג.

דאָס האָט אויפגעפרישט דעם גאַנצן ענין אין מיין זכרון. איך האָב זיך באַמיט אין לויף פון מיין דערציילן צו אונטערשטרייכן וואָס עס מיינט פאַר אַ שוישפּילער אַז זיין נאָמען זאָל ניט פאַרשוויגן ווערן און וואָס פאַר אַ וויר־קונג אַנאָנסן האָבן אויפן גאַנג פון זיין קאַריערע.

שפּילנדיק אין קונסט־טעאַטער יענעם סעזאָן איז מיין נאָמען כמעט קיינמאָל ניט געווען אַנאָנסירט. איך האָב זיך באַקלאָגט פאַר גוסקינ׳ען. ער האָט מיר דערקלערט אַז דער סעזאָן איז שוין פאַרפאַלן. קומענדיקן סעזאָן וועט די פראַגע אויפגענומען ווערן.

פאַרן אַרויספאָרן אויפן פּראָווינץ־טור, האָב איך מיט שוואַרצ׳ן אָפּגע־מאַכט אין גוסקינ׳ס אַנוועזנהייט, אַז מיין נאָמען מוז געמאָלדן ווערן אין אַלע אַנאָנסן.

קומענדיק קיין פילאַדעלפיע, אַ שטאָט וואו מ׳קען מיך, אַ שטאָט וואו איך האָב אַ צאָל יאָרן פיגורירט אַלס הויפּט־שוישפּילערין אין אַ טעאַטער, איז חוץ שוואַרצ׳ס נאָמען אויף קיינעם פון די אַפישן, קיין אַנדער נאָמען ניט דערשינען. האָבן זיך אַלע געפילט געקריוודעט. איך בין אָבער געווען די איינציקע וואָס האָב מיין קריוודע אַרויסגעזאָגט אין דער הויך.

צופעליק איז אויך מר. גוסקין דאַן געווען אין טעאַטער אין פילאַדעלפיע, ווען איך האָב מיינע טענות אַרויסגעזאָגט.

האָב איך פאַרקוקט אַלע אַנדערע ענטפערס וואָס שוואַרץ האָט גע־געבן, למשל: „אַזוי וויל איך. איך בין דאָס פערדל. איך אַליין דאַרף ברענגען דעם עולם. איך וויל פון היינט אָן זיין אַ געבעל און אַ מאַלי פּיקאָן״, און נאָך אַזעלכע ענטפערס וואָס שטימען וואונדערלעך מיט פּרינ־ציפּן פון אַ קונסט־טעאַטער... האָב איך, ווי געזאָגט, אויף די אַלע ענט־פערס אויף מיין אופן רעאַגירט. אָבער ווען ער האָט ענדלעך אַרויסגעזאָגט: „ווען עס געפעלט ניט יענער זאָל גיין״ — דאָס האָב איך ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען, כאָטש גוסקין האָט אים דאַן געענטפערט: „מר. שוואַרץ, איך האַלט אייך פאַרן וואָרט. איך קען אייך שוין אויפלעזן די גאַנצע טרופּע״.

ס׳איז געבליבן, אַז ווען מען וועט קומען קיין ניו יאָרק וועט מען איבער דעם האַנדלען.

דער קלאַנג פון יענער פראַזע „ווען ס׳געפעלט ניט יענער זאָל גיין״, האָט מיך אין געדאַנק באַפרייט פון מיין אָפּמאַך מיט שוואַרצ׳ן פאַרן קו־מענדיקן סעזאָן. איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, אין וועלכן אַנדערן אידישן

טעאַטער איך קען נאָך קריגן אַן אָרט. די מערסטע טעאַטערס, אָבער, האָבן שוין זייערע טרופּעס פאַרפולט. האָב איך דערפאַר מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון אַ בראָדוועיער מענעדזשער פאַר אַ פּיעסע וואָס ער האָט זיך געקליבן אויפצופירן. איך האָב עס אָנגענומען ניט ווייל איך האָב געזוכט גליקן, נאָר ווייל איך האָב ניט געוואָלט באַליידיקט ווערן.

די ראָלע אין דער פּיעסע וואָס איך האָב געלייענט איז מיר געפעלן. דער מענעדזשער האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז עס דאַרפן געמאַכט ווערן ענדערונגען אין דער פּיעסע.

נאָך עטלעכע וואָכן, ווען די גאַנצע טרופּע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן, און איך האָב געהערט לייענען די פּיעסע, איז מיין ראָלע געווען אינגאַנצן אַנדערש — גאָרניט דער כאַראַקטער און דער אינהאַלט פון מיין פריערדיקער ראָלע. איך האָב געפילט אַז די ראָלע איז ניט פאַר מיר, און איך האָב געהאַט דעם מוט זיך פון דער ראָלע אָפּצואָגן, ניט האָבנדיק קיין שום אויסזיכטן צו זיין באַשעפטיקט יענעם סעזאָן.

ווי איר זעט, בין איך ניט אַוועק צו די גויים און צוריקגעקומען. האָב איך אין אָנהויב פון יענעם סעזאָן געשפּילט עטלעכע גאַסטראָל פאָרשטעלונגען אין נייטן און ראָזע גאָלדבערג׳ס פּראָספּעקט טעאַטער.

אין דעם אירווינג פּלעיס טעאַטער האָט מאַקס ווילנער פאַר יענעם סעזאָן, אַלס סטאַר, געהאַט דעם שוישפּילער מאַקס ראָזענטאַל. געדענק איך ניט פּינקטלעך ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אָבער ווילנער האָט מיך אַנגאַזשירט אַלס די „לידינג־לעידי״ צו מאַקס ראָזענטאַל.

בין איך געווען צופרידן, וואָס אין דער טרופּע פון אירווינג פּלעיס טעאַטער האָט זיך געפונען מיין איינגסטע שוועסטער, סטעלאַ אַדלער.

קען איך ניט זאָגן אַז איך האָב געהאַט אַ סך נחת און שוישפּילערישע פרייד יענעם סעזאָן, כאָטש איך בין געווען זייער פּראָמינענט אַנאָנסירט ווי אַ „רעגעלער סטאַר״. מיך האָבן באמת ניט גערייצט די גרויסע אַנאָנסן. איך האָב אָבער שטענדיק פּראָטעסטירט, ווען מען האָט מיך געוואָלט איגנאָרירן און דערנידעריקן.

הפּנים, אַז דער רעפּערטואַר פון יענעם סעזאָן האָט מיר שטאַרק דערעסן, כאָטש איך געדענק עטלעכע פריידיקע פאָרשטעלונגען, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען „דעם שמידס טעכטער״, מיט מיין שוועסטער סטעלאַ אַלס מיין צווילינג־שוועסטער. געדענקט זיך מיר אויך אַ מאָמענט יענעם סעזאָן, וואָס האָט מיך צוריקגעפירט אין מיין געדעכעניש אויף אַ שאָק מיט יאָרן צוריק.

יענעם סעזאָן האָט ווידער אַן אַדלער טאָכטער געדאַרפט דורכמאַכן

די ניט צו־אַנגענעמע פּראָצעדורע פון מאַכן פּראָבע פאַר דער אַקטיאָרן יוניאָן, כדי צו קריגן די באַרעכטיקונג צו שפּילן טעאַטער. דאָס איז געווען מיין שוועסטער סטעלאַ. זיצנדיק ביי יענער פּראָבע, האָט אין מיין זכרון אויפגעבליצט יענע צייט, ווען איך בין געווען אין איר לאַגע.

ס'איז שוין אַ סך מאָל געשריבן געוואָרן פון דער פּראָצעדורע אין דער יוניאָן. איך וויל דאָ בלויז ברענגען עטלעכע קורצע אויסצוגן פון חיים עהרנרייך'ס אַן אַרטיקל פון מאַרטש 1927, אונטערן קעפּל, „געלעכטער, טרערן און וויצן ביי די עקזאַמענס אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן". מיר געפעלט זייער זיין צוגאַנג און טיפער, דורכדרינגענדיקער בליק, מיט וועלכן ער רעאַגירט אויף דעם ענין:

„די קאַנדידאַטקע ווערט דורכגענומען פון הונדערט און פופציק פּאָר אויגן, וואָס שטעכן איר דורך. דאָס זיינען אַלערליי אויגן — אויגן, וואָס קוקן מיט ביטול, מיט סימפּאַטיע, מיט גלייכגילטיקייט, מיט איראָניע, מיט אַ שמייכל, מיט אינטערעס. איר זעט אויגן, וועלכע קוקן אָן אַ זייט, אַזוי ווי פאַרשולדיקט. דאָס זיינען די אויגן פון די ערלעכע אַקטיאָרן. זיי ווייסן אין פאָראויס, אַז די קאַנדידאַטקע וועט ניט אַריינגיין, און זיי פּייניקט אַביסל דער געוויסן, וואָס זי דאַרף דורכגיין אומזיסט דעם האַרצוויטיק, דעם בזיון פון אַ דורכפאַל. שטייט, למשל, אַ מענעדזשער און הערט זיך צו צו דער פּראָבע פון אַ יונגער אַקטריסע, וואָס שפּילט איצט ביי אים אין טעאַטער אויף אַ פּריווילעגיע. זי פירט דורך אַ שטאַרק־דראַמאַטישע סצענע. ס'גיסן זיך אים טרערן פון די אויגן. ערשט קעסטין רוימט מיר איין אין אויער: „איר ווייסט פאַרוואָס ער וויינט? ער וועט איר קומענדיקע וואָך שוין דאַרפן צאָלן יוניאָן־וועידזשעס, מיט היפּשע עטלעכע דאָלער מער ווי איצט".

מיין שוועסטער סטעלאַ האָט צו איר פּראָבע געמאַכט אַ סצענע פון שעקספּיר'ס האַמלעט, „די משוגע'נע סצענע פון אָפעליאַ". איר שלאַנקע פיגור, וואָס איז געווען אַזוי גראַציעז אין ווייסן קלייד, איר בלאָנדער קאָפּ האָר, איר שיינער בלאַסער פּנים, האָבן דעם עולם ממש פאַרטשמעליעט. אָבער, הפּנים, אַז די גאַנצע פּראָצעדורע האָט אויף איר געהאַט אַ שווערע ווירקונג. צום סוף פון דער פּראָבע האָט זי אין דער אמת'ן אַוועקגע'חלש'ט. איז ביז היינט שווער פעסטצושטעלן, וואָס ס'האָט מער געווירקט אַז זי זאָל מיט אַזאַ גרויסער מאַיאָריטעט, כמעט איינשטימיק, אויפגענומען ווערן אַלס מיטגליד — איר אויסזען, איר נאָמען, איר שפּילן, אָדער איר חלש'ן...

איך האָב יענעם סעזאָן אויפגעגעבן די מעגלעכקייט צו פאָרן אויף

אַ פּראָווינץ־טור. דער נאַרישער סעזאָן, מיט די נאָך נאַרישערע פּיעסן און ראָלן האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערווילן, אַ גייסטיקע און פיזישע מידקייט. איך האָב באַשלאָסן זיך לאָזן וואוילגיין, פאַרברענגען אין מיין שיינער היים אין סי־געיט און זיך אויסרוען ביים ים.

בין איך פלוצלונג, אין איינעם פון יענע זומער־טעג איבעראַשט געוואָרן, ווען מיר האָט אָנגעקלונגען אויפן טעלעפאָן דער פאַרוואַלטער פון אונזער טעאַטער־יוניאָן, ראובן גוסקין:

„מיס אַדלער, מאָריס שוואַרץ וויל איך אַנגאַזשירן פאַרן קומענדיקן סעזאָן. זייט אַזוי גוט און קומט צו מיר אין אָפיס, וועלן מיר זיך דורכשמועסן".

אין יענע צייטן פלעגט גוסקין דורכפירן אַלע אַנגאַזשמאַס. איך האָב ממש מיינע אויערן ניט געגלויבט, און אויף אַ ווייל פאַרלוירן דאָס לשון. איך האָב אים אָבער געענטפערט:

„מר. גוסקין, אויב שוואַרץ וויל מיך אַנגאַזשירן, זאָל ער אַזוי גוט זיין און ריידן מיט מיר פערזענלעך".

— „גוט, איך וועל אים זאָגן".

אין דער שטימונג אין וועלכער איך האָב זיך געפונען נאָך יענעם טעאַטער־סעזאָן מיינעם, האָב איך זיך באמת געפרייט פון גוסקינ'ס נייס. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן צו פאַרגעסן מיין ברוגז און זיך לאָזן צוריידן צו נאָך אַן אַנגאַזשמאַ ביי שוואַרצ'ן.

איך האָב צופיל צייט ניט געהאַט צו טראַכטן דערפון, ווייל ווידער האָט זיך מיין טעלעפאָן צעקלונגען, און — הלוואי וואָלט מעגלעך געווען איבערצוגעבן קלאַנג און טאָן אין געשריבענע ווערטער!

אַ זייער טיפע באַסאָווע שטימע האָט געענטפערט אויף מיין „העלאָ". דאָס זיינען געווען שוואַרצ'ס נידעריקסטע ברוסט־טענער:

„העלאָ, דאָס רעדט שוואַרץ. איך... איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן".

איך, ווידער, אויף מיינע העכסטע סאָפּראַנאָ טענער:

„אָה, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן..."

„ווען און וואו קענען מיר זיך טרעפן?"

„ווען און וואו נאָר דו ווילסט — אפשר דאָ, ביי מיר אין שטוב?"

„ניין, איך וועל צופאָרן מיט מיין קאַר, וועלן מיר פאָרנדיק זיך דורכריידן".

שוואַרץ האָט אויך געוואוינט אין סי־געיט. האָב איך, מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, געזען צופאָרן זיין קאַר. איך בין אַרונטער. די טיר פון דער קאַר איז געווען פאַר מיר אָפן. ער האָט מיך אָבער ניט באַגריסט און ניט געקוקט אויף מיר. איך בין אַ שמייכלענדיקע אַריין אין קאַר,

זיך אַוועקגעזעצט, אָן אַ „העלאָ", און צוגעמאַכט די טיר. די קאַר האָט זיך געלאָזט אין וועג.

פאָרן מיר גאַס־איין, גאַס־אויס. שוין אַרויס פון סי־געיט, דורכגעפאָרן גאַנץ קאָני אײַלענד. מען רעדט ניט אַ וואָרט. דרייען מיר זיך פון גאַס צו גאַס. הפנים, ער האָט געוואַרט איך זאָל עפּעס זאָגן. איך האָב אויך געוואַרט. ער איז מיד געוואָרן. בײַם סאַמע סוף פון ברייטאָן, אַזש בײַ מאַנהעטן ביטש, האָט ער צוגעפירט דעם אויטאָמאָביל ביזן ים־ברעג און זיך אָפּגעשטעלט. לאַנגזאַם האָט ער אויסגעדרייט זײַן קאָפּ צו מיר, און זײַנע ערשטע ווערטער זײַנען געווען:

„אוי, וואָלט איך דיך געוואָלט שלאָגן! וואָס שרייבסטו בריוועלעך, וואָס שרייבסטו?"

— „פון וואָס פאַר אַ בריוועלעך רעדסטו?"

— „דײַן בריוועלע אין „פאָרווערטס" וועגן פילאַדעלפיע. קענסט האָבן טענות צו מיר, אָבער אַז דו שרייבסט אין אַ צײַטונג דאָס לייענען דאָך אַלע".

עפּעס ווי אַ שטיין איז אַראָפּ פון אונזערע הערצער און מיר האָבן זיך ביידע האַרציק פאַנאַנדערגעלאַכט.

„איצטער וועט שוין ניט קענען קומען צו אַזעלכע טענות מער. איך בין שוין איצטער מער זיכער מיט זיך. איך פיל זיך פעסט אויף מײַן פּאָזיציע. איך וויל איצט אַנגאַזשירן מער־ווייניק אַ שטענדיקע טרופּע, וואָס זאָל מיט מיר שטיין יאָר נאָך יאָר. יעדער וועט האָבן זײַן אָרט וואָס אים קומט. מיט איין וואָרט, עס וועט מער ניט זײַן וואָס ס'איז געווען", האָט ער גערעדט.

איך האָב געקוקט אויף אים און מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן, אַז אויף מײַן פּנים זאָל זיך ניט ווייזן קיין שמייכל. אוי, ווי איך האָב אים געוואָלט גלויבן!

שוואַרצ'ס שכל הישר האָט אים אַלעמאָל דיקטירט גוטע זאַכן, און ער קען עס אַזוי שיין אַרויסברענגען. די צרה איז נאָר געווען, וואָס דאָס האַרץ האָט אים ניט דערלאָזט.

האָב איך שטענדיק געהאָפט און געוואונטשן, אַז עס זאָל ענדלעך קומען די צײַט, ווען זײַן קאָפּ און זײַן האַרץ זאָלן האַרמאָנירן.

וואָס פאַר אַ ברכה עס וואָלט געווען פאַר אים, פאַר אונז אַלע און פאַרן בעסערן טעאַטער בכלל!

ווייס איך ניט צי האָט זיך די השגחה אין דעם אַריינגעמישט אָדער ס׳איז בלויז אַ שפּיל פון צופאַל וואָס אין יעדן פון די פיר סעזאָנען וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי שוואַרצ׳ן אין קונסט־טעאַטער האָבן מיר געעפנט אַ נייע היים פאַרן טעאַטער. סיי אין אורווינג פּלעיס, סיי אין גאַרדען, אויך אין דער 12טער גאַס און סעקאָנד עוועניו און איצט אין סיטי טעאַטער אויף דער 14טער גאַס, בין איך געווען די ערשטע אין זיין טרופּע. וויל איך זיך ניט אונטערנעמען אויסצוטייטשן דעם „פאַרוואָס״ און „פאַרווען״ פון אָט דעם צופאַל. ס׳האָט זיך אָבער, אַזוי צו זאָגן, אַרויס־געריסן פון מיין פּען דאָס צו פאַרצייכענען.

דעם 15טן סעפּטעמבער איז געעפנט געוואָרן יענער סעזאָן אין סיטי טעאַטער מיט שלום אַש׳ס „קידוש השם״, שוואַרצ׳ס אַ באַאַרבעטונג פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן. איז איידער איך טרעט צו צו דערציילן פון דער פּיעסע און פון דעם סעזאָן, מוז איך מיט אייך טיילן אַ שווערע אויפטרייסלונג וואָס איך האָב איצט איבערגעלעבט קוקנדיק אויף דער געדרוקטער פּראָג־ראַם פון דער דראַמע „קידוש השם״. גלייך אונטערן נאָמען זיינען אָפּגע־דרוקט די פאָלגענדיקע שורות: „מיר שעמען זיך אַלץ אַרויסצושרייבן וואָס די קאָזאַקן און טאָטאַרן האָבן געטאָן מיט די אידן, כדי מיר זאָלן ניט פאַרשעמען דעם מין מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן אין גאָט׳ס געשטאַלט (איבערגעשריבן פון אַן אַלטן ספר)״.

איך האָב אַ לאַנגע צייט צו זיך געקענט ניט קומען פון דער נשמה־אויפטרייסלונג ווען איך האָב איבערגעלייענט די ציטירטע שורות... און צו דער אייביקער, מיט ווייטיק אָנגעפילטער און פון טרערן פאַרשטיקטער אידישער פראַגע „פאַרוואָס, פאַרוואָס?״, האָט מיר געעגבערט מיין מוח, ווי וואָלט אָט דער אַלטער ספר אויסגעדריקט דאָס וואָס אונזער פאָלק האָט איבערגעלעבט אין לעצטן חורבן אין אייראָפּע... קענט איר פון די שורות פאַרשטיין וואָס די דראַמע „קידוש השם״ באַהאַנדלט.

עס איז געווען אַ ריזיקע אויפפירונג, אַ מאַסן־ספּעקטאַקל, 42 ריידנדיקע ראָלן זיינען פאַראַן אין דער פּיעסע, אין די מאַסן־סצענעס — אַמווינציגסטן אַרום 50 מענטשן. קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן דעם ריזיקן פאַרנעם פון דער אויפפירונג. איז אין דעם אַריינגעלייגט געוואָרן אַ מאַסע אַרבעט. חוץ שוואַרצ׳ן האָבן צו דעם ספּעקטאַקל אַ סך צוגעגעבן דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף אחרון, דער דעקאָראַטאָר ס. אָסטראָפּסקי און דער קאָריאָגראַף טשאַרלס אַדלער.

כאָטש עס זיינען, ווי געזאָגט, אין דער פּיעסע געווען 42 ראָלן, דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין, אַז נאָר אַ קליינע צאָל זיינען געווען אָנגעזעענע ראָלן,

און זיי זיינען איינגעשטאַנען אין גוטע הענט. איז אַרום און אַרום „קידוש השם" געווען אַ גרויסער דערפאָלג סיי קינסטלעריש, סיי פינאַנציעל.

ווילט זיך מיר דאָ אַרויסזאָגן אפשר אַ געוואַגט־פאַרשייטן געדאַנק: נאָך מיין נאַרישן טעאַטער־שכל האָט דער דערפאָלג פון „קידוש השם" דעם קונסט־טעאַטער אַ סך שאָדן געטאָן. שוואַרץ איז זינט דאַן געוואָרן אַ שקלאַף צו ספעקטאַקלען און דעקאָראַציעס. ער האָט פאַרזען דעם הויפט־טרעגער פון טעאַטער־קונסט — דעם שוישפילער. עס האָבן מער ניט פיגורירט די טעאַטער־פיעסע, די פיין־געמאָלענע ראָלן וואָס גיבן דעם שוישפילער אַ געלעגנהייט צו שאַפן. אפשר איז עס פאַרן עולם צייטנווייז אַ צוקער־לעקעכל צו זען אַ ספעקטאַקל, הנאה האָבן פון אַ שיינער דעקאָראַציע. אָבער וואָס עס פאַרבינדט דעם עולם מיט טעאַטער, וואָס עס רופט ביי זיי אַרויס אַ נאָענטע קרובה׳שאַפט צו טעאַטער, אַ זאַך וואָס ווערט אַ טייל פון זיי, איז איבער אַלץ דער שוישפילער. אָט דער עלעמענט איז מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און מיט אים — אַ גרויסער טייל פון עולם.

וויל איך דאָ ניט באַהויפטן, חלילה, אַז שוואַרצ׳ס רעזשיסאָרישע אַמ־ביציעס האָבן אים דערצו געטריבן. אָבער, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן פון דעם געיעג נאָך ספעקטאַקלען פון גרויסן פאַרנעם, אין דעם איז קיין שום צווייפל ניט. עס איז אַפילו דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די דעקאָראַציעס האָבן ביי געוויסע אויפפירונגען ממש צוגענומען ביים שוישפילער דעם שטח פון דער בינע וואָס דאַרף געהערן צו אים. מיר האָבן פשוט ניט געהאַט וואו צו שטיין און וואו זיך צו באַוועגן.

און נאָך עפעס דיקטירט מיר מיין נאַרישער טעאַטער־שכל, כאָטש ס׳האָבן אַ סך טעאַטער און ליטעראַטור־קריטיקער פון צייט צו צייט אַרויסגעזאָגט. מ׳דאַרף זיין ביז גאָר אַ גרויסער קינסטלער־שרייבער צו קענען פון אַ לענגערן ראָמאַן אָדער נאָוועלע שאַפן אַ טעאַטער־פיעסע. דער דערפאָלג פון „קידוש השם" האָט אויך אויף דעם געביט שוואַרצן פאַרפירט. זיינען יענעם סעזאָן געווען אַ היפשע צאָל אויפפירונגען, וואו ספעקטאַקל און דעקאָראַציע האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון שוישפילער.

ס׳איז אויפגעפירט געוואָרן יענעם סעזאָן אַ פאַרשידנאַרטיקער אויס־וואַל פון אידישע און וועלטלעכע פיעסן: „דער קאַרשן־גאָרטן", פון אַנטאָן טשעכאָוו, רעזשיסירט פון לעאָ בולגאַקאָוו, לויט סטאַניסלאַווסקי׳ס אויפ־פירונג אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער; „גאָט, מענטש און טייוול", פון יעקב גאָרדין, באַאַרבעט און רעזשיסירט פון מאָריס שוואַרץ; מאַרק שווייד׳ס איבערזעצונג פון שעקספיר׳ס „אטעלא", רעזשיסירט פון באָריס גלאַגאָלין

מיט דער הילף פון אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו; ה. סעקלער׳ס אַמעריקאַנער אידישע קאָמעדיע „מאַיאָר נח״, רעזשיסירט פון מאָריס שוואַרץ; און שלום עליכמ׳ס וואונדערלעך־ראָמאַנטישע נאָוועלע „סטעמפעניו״, באַאַרבעט און רעזשיסירט פון מאָריס שוואַרץ.

האָבן די אַלע אויפפירונגען אַרויסגערופן פאַרשידענע מיינונגען אין דער אידישער פרעסע. ווי געוויינלעך, האָט מען געהאַט טענות. בכלל, אָבער, קען מען זאָגן, איז דאָס געווען אַ פּרוכטבאַרער סעזאָן פון קונסט־טעאַטער.

וויל איך בלויז אַרויסנעמען געציילטע שורות וואָס שטרייכן אונטער מיינע פריער אַרויסגעזאָגטע פאַרשייטע מיינונגען. שרייבט, למשל, אַב. קאַהאַן: „מאָריס שוואַרץ האָט אַליין טאַלאַנט און ער האָט אַן אויסגעצייכנטע טרופּע, אָבער ער און זיינע שוישפּילער נויטיקן זיך אין אמת׳ע ראָלן״.

„ציטיר איך פון רעצענזענט ב. י. גאָלדשטיין: „עס איז, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל וואָס איך זע אַן אַנסאַמבאַל אויף דער בינע זאָל אַזוי ווייניק שפּילן, ווי דאָס איז דער פאַל אין דעם אידישן קונסט־טעאַטער ביי דער שפּיל פון שלום עליכמ׳ס „סטעמפּעניו״. נאָר געציילטע דריי־פיר אַקטיאָרן טוען טעאַטער־עבודה. די איבעריקע קומען אָפּ ווער מיט אַ צי פון אַקסל, ווער מיט אַ וואָרט אָדער ווערטל און ווער עס שאַרט זיך גלאַט אַריבער די ברעטער פון דער בינע״.

א. גלאַנץ שרייבט: „זעען מיר אַ רייע אַנגענעמע עפּיזאָדן וואָס קייטלען זיך ניש׳קשה׳דיק און וואָס פילן אָן אַן אָוונט מיט אַן עדה שלום עליכמ׳־דיקע פאַרשוינען. קיין דראַמע, אפילו קיין קאָמעדיע, איז ניט אַרויסגעקומען״.

אייניקע רעצענזענטן האָבן אפילו טענות געהאַט, אַז צוליב דער שפע פון דעקאָראַציעס האָבן די שוישפּילער ניט וואו זיך צו באַוועגן. פונ־דעסטוועגן איז צוגעטיילט געוואָרן אַ סך לויב צו איינצלנע שוישפּילער.

וויל איך דאָ פאַרצייכענען, אַז דער באַרימטער אייראָפּעאישער שוי־שפּילער אברהם מאָרעווסקי האָט יענעם סעזאָן געמאַכט זיין אויפטריט ביי אונז אין אַמעריקע און אַרויסגערופן גרויס אַנזען.

און אָט עטלעכע מיינונגען וועגן מיין שפּילן יענעם סעזאָן:

„צילי אַדלער האָט אַזוי טיף פאַרשטאַנען רחל׳ען, האָט אַזוי קינסט־לעריש געשילדערט שלום עליכמ׳ס פאַרליבטע צנועה. זי איז אַ קינסטלעריש־אויסגעשניצטע פיגור פון מאַזעפּעווקער אַלבום. זי איז אַזוי נאָענט דעם פאַרשטענדיקן שלום עליכם לייענער, אַז ער האָט געמוזט פילן איטלעכס וואָרט, יעדן ריר״.

וועגן מיין ראָלע אין טשעכאָוו׳ס „קאַרשן־גראָטן״ שרייבט מען: „די

אומגליקלעכע, היימלאָזע, צעדולטע אַלטע מויד איז סתם אַ גראָטעסק כאַ־ראַקטער, און צילי אַדלער האָט מיט פלינקייט און מיט חוש פאַר מאָס באַלעבט אָט־דאָס שטיק גראָטעסק".

צו מיין ערן־אָוונט יענעם סעזאָן האָב איך זיך דערלויבט אַ גרויסן לוקסוס. איך האָב פאַר זיך אַליין אויפגעלעבט די זיסע דעראינערונגען פון פאַקטישן אָנהויב פון בעסערן אידישן טעאַטער. איך האָב געשטעלט פרץ הירשביינ'ס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", כמעט מיט דער אָריגינעלער טרופּע. דער איינציקער וואָס האָט געפעלט איז געווען יעקב בן־עמי, וועלכער איז דאַן ניט געווען אין אַמעריקע. מיין שוואָגער לודוויג זאַץ איז געקומען אויפטרעטן אין זיין העכסט־געלונגענער שאַפונג, די ראָלע פון טאָדרעס. לויט דעם אָפּרוף פון עולם זעט אויס, אַז אויך זיי האָבן זיך אָפּגעפרישט מיט דער דעראינערונג פון יענעם נס.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז יענע פאָרשטעלונג פון „פאַרוואָרפן ווינקל", ביי וועלכער עס איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן דער גלאָררייכער אָנהויב, האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ דערמאָנונג וואָס איך גיי איצט איבערגעבן.

ס'זיינען אין פעברואַר יענעם יאָר דערשינען אין „טאָג" עטלעכע באַ־מערקונגען מיינע, וואָס איך וויל איצט דאָ זיי ציטירן:

„ווען איך טראַכט וועגן זיך און דעם עולם, מוזן מיינע געדאַנקען, אפילו ניט־ווילנדיק, צוריקגיין צום אָנהויב פון בעסערן אידישן טעאַטער. עס איז געווען אַ צייט פון שאַפן און דאָס פובליקום האָט זיך פונקט אַזוי באַטייליקט ווי מיר אַקטיאָרן; עס איז געווען אַ שאַפנדיקער עולם, ליב־שאַפט האָט פון די צושויער געשטראָמט צו אונז, ניט דווקא צו דעם אָדער יענעם אַקטיאָר. דער עולם האָט ליב געהאַט דאָס גאַנצע טעאַטער. עס איז באמת געווען אַ קונסט־פובליקום".

ווילט זיך איצט, אין פנים פון איצטיקער טרויעריקערווירקלעכקייט אַרום אידיש טעאַטער, פאָרט גלויבן, אַז דאָס אַלץ קען ווידער אויפגעלעבט ווערן... אַ חלום!... אַ חלום!...

דער סעזאָן וואָס איך האַלט איצט אין באַשרייבן איז געווען מיין לעצטער סעזאָן אין שוואַרצ'ס קונסט־טעאַטער, און ערגעץ טיף אין מיין אונטער־באַוואוסטזיין פלאָנטערט זיך איצט ווי אַ צוגאָב, כמעט דער סוף פון מיין קאַריערע. וועט אייך אפשר אָט דער צוגאָב קלאָר מאַכן פאַרוואָס די גרעסטע טייל פון מיין דערציילן וועגן דער קאַריערע מיינער זינט 1918, ווען יענער

האָפּענונגספולער אָנהויב איז געקומען צום לעבן, פאַרוואָס זינט דאַן איז מיין דערציילן אין גרעסטן טייל פאַרנומען מיט די סעזאָנען ווען איך האָב געשפּילט אין שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער.

אַוודאי איז מיין נאָמען, מיין סטאַזש אין דער אידישער טעאַטער־וועלט פעסטגעשטעלט געוואָרן נאָך פאַר 1918, ווען איך האָב געהאַט מיינע דער־פאָלגן אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטערס, אין פּיעסן פון ליבין, דימאָוו און אַנדערע, ווען עס האָבן מיך אָנערקענט אַלס הויפּט־שוישפּילערין אַזעלכע גרויסע און באַרימטע טאַלאַנטן ווי רודאָלף שילדקרויט און דוד קעסלער.

אָבער אינסטינקטיוו פיל איך מיט אַלע מיינע חושים, אַז מיין קאַריערע האָט דערגרייכט איר סאַמע הויכפּונקט דורך יענע פאַר סעזאָנען ביי שוואַרצ׳ן. וויל חוץ די באַפרידיקונג פון אייגענע קינסטלערישע דערגרייכונגען, איז אויך צוגעקומען די פרייד, די האָפענונג, אַז אונזער אידיש טעאַטער אַלס גאַנצעס ווערט אויסגעלייטערט, ווערט דערהויבן צום מאַסשטאַב פון וועלט־לעכן טעאַטער־פאַרנעם. דערפאַר לייג איך אַזוי פיל געוויכט אין מיין דער־ציילן אויף יענע פיר סעזאָנען. דערפאַר געפין איך פאַר נויטיק פּינקטלעך איבערצוגעבן די קלענסטע דעטאַלן פון יענע יאָרן. דערפאַר שמאַרצט אין מיר אַזוי דער ווייטיק פון יענע אַנטוישונגען, פון יענע צערונענע האָפענונגען.

קענט איר שוין אַליין זען, דאָס דער געדאַנק, אַז מיט יענעם סעזאָן האָט זיך ווי געענדיקט מיין קאַריערע, איז ניט געווען גלאַט אַ פראַזע. ווען איך טראַכט איצט וועגן די יאָרן אין מיין קאַריערע זינט יענעם סעזאָן אין 1929, קען איך באַשיינפערלעך זען, אַז מיטן באַשלוס מער ניט צו שפּילן ביי שוואַרצ׳ן, איז אויך אומבאַוואוסטזיניק געקומען אַ באַשטימ־טע ענדערונג אין מיין באַציאונג צום טעאַטער. דער ווייטערדיקער גאַנג פון מיין קאַריערע איז ווי פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרנסה־פאַך. דאָס מיינט ניט, אַז מיין באַציאונג צו טעאַטער־שפּיל האָט זיך געענדערט. איך האָב אַלץ געגעבן מיין שפּילן, מיינע ראָלן, ווי נאַריש זיי זיינען געווען, אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט. איך האָב ביי אַ סך געלעגנהייטן געזוכט צו שפּילן אַ בעסערע פּיעסע, אַ פיין־געמאָלענעם כאַ־ראַקטער. בכלל אָבער, איז דאָס טעאַטער פאַר מיר געוואָרן ניט מער ווי אַ פאַך. איך האָב דערפאַר סוף סעזאָן 1928־29 זייער גערן אויפגענומען דעם פאָרשלאָג פון פאַרטרעטער פון אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַ־דעלפיע, יעקב קאָן, צו ווערן דער סטאַר פון יענעם טעאַטער. ניט ער און ניט איך האָבן געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג, אַז די טעאַטער־

פאַרבינדונג אונזערע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ 25־יאָריקן צוזאַמענ־לעבן אַלס מאַן און פרוי.

עס איז מן הסתם אַ רייַנער צופאַל, וואָס די שטאָט פילאַדעלפיע האָט דירעקט און אומדירעקט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע סיי אין מיין טעאַטער־לעבן, סיי אין מיין פּערזענלעכן לעבן.. ניט נאָר האָב איך דאָרט אַ צאָל יאָרן, אונטער דער דירעקציע פון אַנשל שאָר, געהאַט גרויס דערפאָלג אַלס הויפּט שוישפּילערין, טראַגנדיק אַ טעאַטער אויף מיינע פּלייצעס, נאָר אויך אַ פּאָר ליבע־פּלאַנטערס, און אפילו אַ שידוך, ווי איר זעט, האָט פילאַדעלפיע מיר צוגעשטעלט.

דער באַלעבאָס יענעם סעזאָן איז געווען דזשאָש גרובער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער געשעפטלעכער זייט פון טעאַטער. די בינע־דירעקציע און די זאָרג פאַר דער טרופּע זיינען געלעגן אין די הענט פון דעם באַקאַנטן שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר, יעקב קאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז יעקב קאָן איז מיר ניט געווען קיין פרעמדער מענטש. נאָך פון מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע, אַלס צילי פיינמאַן, אַלס קינדער־ראַליסטקע, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו שפּילן מיט אים. קאָן איז שטענדיק געווען אַנגאַזשירט אין די דראַמאַטישע טעאַטערס פון די ערשטע יאָרן פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער האָט געשפּילט מיט קעסלער׳ן, אַדלער׳ן, פיינמאַנ׳ען, מאָגולעסקאָ׳ן, מאָשקאָוויטש׳ן און די אַנדערע גאונים פון יענעם דור.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין פילאַדעלפיע יענעם סעזאָן, אין 1929־1930, איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין געקומען מיט קאָנ׳ען אין באַרירונג אַלס דערוואַקסענע שוישפּילערין. קאָן איז כמעט קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדן מיט דעם וואָס איך באַצייכן אַלס די צווייטע גאָלדענע עפּאָכע פון אידישן טעאַטער. אָבער קאָן האָט געהאַט טעאַטער אין זיין בלוט; קאָן האָט געלעבט און געאָטעמט מיטן אידישן טעאַטער. קאָן האָט געהאַלטן אַז דאָס אידישע טעאַטער דאַרף צופרידנשטעלן דעם גרויסן, ברייטן עולם, וויַיל אידיש טעאַטער איז אַ טייל פון זייער לעבן.

אין זיין קאַריערע אויף דער בינע האָט ער געשפּילט פון צייט צו צייט הויפּט־ראָלן מיט די גרעסטע אידישע פרויען־סטאַרס, ווי בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין, סאַראַ אַדלער, און אַנדערע. ער האָט שטענדיק געטריי און מיט גאָר אַ גרויסער מאָס דרך־ארץ געדינט די פרויען־סטאַרס, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט. ער האָט צו זיי געפילט אַ סאָרט דאַנקבאַר־קייט פאַר דעם וואָס זיי האָבן געבראַכט צום טעאַטער — זייער אויפריכ־

טיקן טאַלאַנט און שוישפּילערישע דערהויבנקייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין טעאַטער געדינט און געהאָלפן. דורך די לאַנגע יאָרן זיינע אויף דער בינע האָט ער אָנגעקליבן היפּשע דערפאַרונג, סיי אין דער פירערשאַפט אויף דער בינע, סיי אין דער געשעפטלעכער פירערשאַפט.

יענער סעזאָן אין פילאַדעלפיע איז ער געווען דער פּאַקטישער באַלע־באָס פון טעאַטער. ער, טאַקע, האָט עס מיך אַנגאַזשירט. ערשט דאָרט האָב איך זיך נאָענט באַקענט מיט יעקב קאָן. אָט יענע געטריישאַפט און דרך־ארץ זיינער צו מיר האָב איך דערפילט שוין אין די ערשטע וואָכן פון סעזאָן. ער האָט מיט דער צייט אַלע מיינע זאָרגן ביי מיר צוגענומען. איך האָב זיך ניט געפילט מער אַליין, אונטערגעוואָרפן צו די טעאַטער פּאָלי־טיק און טעאַטער רכילות. קאָן האָט מיך פון אַלץ אָפּגעהיט.

ער איז ניט געווען קיין ראָמאַנטישער ליבהאָבער. ער האָט מיט מיר קיין ליבע ניט געשפּילט. איך האָב אָבער פּלוצלונג דערפילט, אַז אין מיין פּאָזיציע, אַלס פרוי אַליין, איז ער דער פּאַסיקסטער מענטש, וועמען איך וואָלט מיין לעבן געקענט אָנטרויען. ערשט צום סוף פון יענעם סעזאָן איז ביי אונז, אָן ליבעס־דרעקלערונגען, כמעט גלייכצייטיק געקומען דער באַוואוסטזיין, אַז מיר ווילן זיך איינס דאָס אַנדערע.

איז עס ביז גאָר טשיקאַווע און אינטערעסאַנט, ווי אַזוי דער שידוך אונזערער איז געשלאָסן געוואָרן.

צום סוף פון יענעם סעזאָן האָב איך פּלוצלונג געקראָגן אַ טעלעגראַ־מע פון בוענאָס איירעס, אין וועלכער מען האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו קומען אַהין גאַסטראָלירן אין עקסעלסיאָר טעאַטער אין זייער ווינטער־סעזאָן. די קאָנדיציעס זיינען געווען זייער גוטע. אָבער אַזוי ווי איך בין אַ שלעכטע פאָרערקע, האָב איך קיין חשק ניט געהאַט דערצו. כ׳האָב זיך אַן עצה געהאַלטן מיט קאָנ׳ען. און ווידער האָט קאָן באַוויזן וואָס הייסט טע־אַטער געשעפט:

„עס פּאַסט ניט, אַז דו זאָלסט אָפּזאָגן. מיר וועלן פּרוּוון מאַכן אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם חשק".

עס איז אַוועק אַהין אַ טעלעגראַמע, אַז אַנשטאָט די צוואַנציק פּראָ־צענט וואָס זיי האָבן פאָרגעשלאָגן פון דער ברוטאָ־איינגאַמע, וויל איך פינף און צוואַנציק. דאָס האָט ער געזאָגט, וועלן זיי ניט נאָכגעבן. איז טאַקע אויף צומאָרגנס צוריקגעקומען אַ טעלעגראַמע מיט איין וואָרט — „צו־פרידן"...

בין איך ערשט געוואָרן פאַרצווייפלט: „נו, חכם, וואָס טוט מען איצט? ווי דרייט מען זיך אַרויס? איך וויל אויף קיין פאַל ניט פאָרן!"

האָט קאָן געזאָגט:

„זאָרג זיך ניט. זיי האָבן דיר פאָרגעלייגט רייזע־הוצאות פאַר איין וועג, ווען סטו פאָדערן פאַר ביידע וועגן, היין און צוריק. דאָס וועלן זיי זיכער ניט נאָכגעבן״.

אויף מאָרגן איז געקומען דער ענטפער:

„באַצאָלן פאַר ביידע וועגן. אָבער מוזט זיין אויף דער שיף דעם באַ־שטימטן טאָג״.

אַ דערשלאָגענע האָב איך געפרעגט:

„וואָס וועט זיין איצט? ווי אַזוי וועסטו זיך איצט אַרויסדרייען דערפון?״

קוקט ער מיך אָן:

דו מיינסט טאַקע ערנסט אַזאַ פאָרשלאַג אָפּצוזאָגן? קיינער האָט נאָך אַזעלכע קאָנדיציעס ניט געקראָגן. דו טאָרסט עס ניט אָפּזאָגן. נאַר, וואָדען? אַזוי ווי דו ביזט אַ שלעכטע פאָרערקע, און איך וויל ניט אַז דו זאָלסט אַליין פאָרן, איז, לאָמיר חתונה האָבן און מיר׳ן פאָרן צוזאַמען...״

כאָטש ווייט פון אַ ראָמאַנטישן פאָרשלאַג, איז עס מיר אָבער געווען צום האַרצן. מיר האָבן חתונה געהאַט.

מיין זעליק׳ל איז דאַן אַלט געווען דרייצן יאָר. איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט פאַר מיין שוועסטער לילי זאַצ׳ס קינ־דער, אַז ווען ער וועט גרויס ווערן, ווען ער וועט אַלט ווערן זעכצן יאָר, וועט ער זיך באַמיען, אַז זיין טאַטע און זיין מאַמע זאָלן ווידער זיין צוזאַמען. איך האָב דערפאַר מיט אַ ציטערדיק האַרץ זיך געגרייט אים צו דערציילן וועגן מיין חתונה מיט יעקב קאָן.

געדענק איך, דאָס איז געווען אַ פרייטיק, מיר האָבן נאָר־וואָס גע־קראָגן חופה וקדושין, און קומענדיק אַהיים האָב איך זיך געפונען מיט זעליק׳ן אַליין אין שטוב. און איך האָב, עטוואָס אין פאַרלעגנהייט, אים געזאָגט:

„איך וויל אַז דו, זעליק׳ל, זאָלסט זיין דער ערשטער צו וויסן אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט יעקב קאָן.

איך האָב געקענט אין זיינע אויגן אַרויסלייענען איבעראַשונג, פאַר־וואונדערונג און אפילו סימנים פון אַנטוישונג. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיר, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס אין זיין יונגן מוח׳ל קומט פאָר. איך האָב פונדעסטוועגן זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט:

„האָסט מיר גאָרניט וואָס צו זאָגן?״

ער איז מיר געפאַלן אויפן האַלז, מיך געקושט. איך האָב געפילט דאָס קלאַפּן פון זיין הערצל, און ער האָט ענדלעך אַרויסגעזאָגט:

„איך האָף, מאַמע, אַז דו וועסט זיין זייער גליקלעך. דו דאַרפסט זיין גליקלעך".

תיכף נאָך אונזער חתונה האָבן מיר געמאַכט אַ טור אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. אונזער פּלאַן איז געווען: קומען צוריק קיין ניו יאָרק אַרום אָנהויב פון טעאַטער־סעזאָן, אַרום צוועלף אָדער פופצן וואָכן שפּעטער.

האָבן מיר טיילוויז געהאַלטן וואָרט. מיר זיינען געקומען צוריק קיין ניו יאָרק פאַרן אָנהויב פון טעאַטער־סעזאָן, נאָר מיט גאַנצע צוויי יאָר שפּעטער. פאַרבינדונגען האָבן זיך אַזוי געשלאָסן, אַז נאָך אַ היפּשן לאַנגן טור אין זיד אַמעריקע, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט קנאַפּע צוויי יאָר אין צענטראַל אייראָפּע, אין רומעניע און אין פּוילן.

וויל איך דערציילן אַן עפּיזאָד פון דער שיף און אונזער ערשטע דער־פאַרונג אַלס רייזנדע אין די שפּאַנישע אַמעריקאַנער לענדער.

אויף דער שיף האָט מיין דזשעק ניט געקענט פאַרטראָגן די מאכלים זייערע. ער האָט די קנאַפּע דריי וואָכן אויף דער שיף געלעבט אויף פרוכט און ברויט. צום סוף פון דער רייזע איז אונז אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אין דער פּאָרט־שטאָט סאַנטאָס. מיר האָבן דאָרט געדאַרפט אויסלאָדן און אַנלאַדן געוויסע פראַכט. מיין אויסגעהונגערטער דזשעק איז געווען זייער נייגעריק אָפּצועסן אַ גוטן אידישן מאַלצייט. האָבן מיר ביידע, צוזאַמען מיט אַ אידיש פּאָרפאָלק, וואָס האָט מיט אונז געטיילט דעם טיש אין עס־צימער פון דער שיף, זאַלבעפערט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט זוכן אַ גוטן אידישן רעסטאָראַן.

זיינען מיר געגאַנגען ביז מיר זיינען געקומען אין סאַמע געשפט־צענטער פון שטאָט. מיר האָבן געפּרוּווט זוכן אַ אידישן נאָמען אויף איינעם פון די געשעפטן. געזוכט, אָבער ניט געפונען. דאָס אויסזען פון די מענטשן דאָרט איז זייער ענלעך צו אידן. האָבן מיר געמאַכט אַ פּאָר פאַרזוכן צו פרעגן. זיי האָבן אונז אָנגעקוקט, געמאַכט מיט די הענט — מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אַז זיי פאַרשטייען אונז ניט. האָט דזשעק פּרובירט אַן אַנדער פּאָרטעל. זעענדיק אַ מענטשן ביי אַ געשעפט, האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן:

„אַלץ ניט קיין אידן?!"

דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. הפנים, אַז ס'זיינען טאַקע דאָרט ניט געווען קיין אידן. און אָט גייענדיק אין פירן אין דער ברייט, האָבן מיר זיך כמעט ווי אָנגעשלאָגן אין אַ שיינער, יונגער, בלאָנדער דאַמע, פון עכט־אַרישן אויסזען. טוט קאָן אַ זאָג אַרויס: „אָט ווען זי וואָלט געווען אַ אידישע!"

ערשט צו אונזער אַלעמענס איבעראַשונג טוט זיך די פרוי אַ דריי אויס צו אונז און זאָגט:

„איך בין אַ אידישע. וואָס־זשע, איר דאַרפט עפּעס?"

מיר האָבן זיך אַלע מיט איר אַרומגעכאַפּט, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ נאָענטע קרובה. מיר האָבן זי אַזש געוואָלט קושן. זי האָט דערציילט אַז זי קומט פון לאָנדאָן און געדענקט מיט ליבע דיינע פיינמאַן. ווען מיר

האָבן איר איבערגעגעבן וואָס מיר זוכן, האָט זי אונז געזאָגט וואו מיר קענען קריגן אַ גוטן מאָלצייט. זי האָט צוגערופן אַ טעקסי און געזאָגט דעם שאָפער וואוהין אונז צו פירן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פּרעכטיק־שיינעם, עכט־מאָדערנעם האָטעל. אַריינקומענדיק אינעווייניק, זיינען מיר ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם לוקסוסדיקן אויסזען און די קאָלירפולע אוניפאָרמען פון די באַדי־נער. דער מאָלצייט איז געווען, חוץ געשמאַק, זייער רייך, פּרעכטיק סער־ווירט און אַלץ לרוב. ווען מיר האָבן געענדיקט האָט קאָן אַ זאָג געטאָן:

„פאַר אַזאַ מאָלצייט וועט מען זיך הייסן שיין באַצאָלן. אָבער וויפיל זיי זאָלן ניט רעכענען האָט עס די ווערט״.

ווען ער האָט געקראָגן דעם חשבון פאַר אונז צוויי, האָט ער בשום אופן ניט געקענט אויסשטודירן וויפיל דאָס באַטרעפט אויף אַמעריקאַנער געלט. ער האָט זיך איינגעשטעלט און געגעבן דעם קעלנער איין צען דאָלאַר ביל, באַהאַלטנדיק אין דער האַנט נאָך צוויי צענערלעך אויב נויטיק. עס איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן ווען דער קעלנער האָט אים געפרעגט אין זיין געמישטן ענגליש אויב ער וויל די רעשט אין אַמערי־קאַנער געלט.

מיר זיינען ממש געבליבן געפּלעפט ווען ער האָט אונז צוריקגעבראַכט גאַנצע זיבן דאָלאַר מיט אַ היפּש ביסל פון זייערע קליינגעלט. אַז ער האָט דעם קעלנער אַוועקגעגעבן דאָס קליינגעלט, האָט יענער ממש זיך געבויגן אין דרייען. איך קען ביז היינט ניט פאַרשטיין ווי אַזוי זיי קענען פאַר אַזאַ לוקסוס רעכענען אַזוי ווייניק.

איבער פיר חדשים גאַנצע האָבן מיר געשפּילט אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער, מערסטנס אין דער הויפּט־שטאָט פון אַרגענטינע, פאַרשטייט זיך, אין בוענאָס איירעס. מיר האָבן אויך ניט פאַרזען אַ היפּשע צאָל פון די פּראָווינץ־שטעט — ראזאריאָ, קאָרדאָוואַ, מאָזעסוויל, באַסאַ וויל באַסאַ, קאַפּיזשאַ און אַנדערע.

ליגן פאַר מיר איצט, אָן אַ גוזמאַ, צענדילקער קאָלומס פון אַלערליי צייטונגען פון יענע מקומות מיט אָפּהאַנדלונגען גאַנצע, וועגן מיר און מיין שפּילן. אין די אַלע רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען איז באמת ניטאָ עפּעס נייס וואָס זאָל זיין אַנדערש פון די מיינונגען וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די ניו יאָרקער צייטונגען. דענק איך, אַז איך האָב זיך שוין גענוג באַרימט מיט לויב וואָס איז וועגן מיר געשריבן געוואָרן.

וועל איך פון דער גאַנצער מאַסע רעצענזיעס זיך אָפּשטעלן און בריינ־

גען בלויז געציילטע ציטאַטן, וואו דאָס געזאָגטע האָט אַ טשיקאַווען צוגאַנג, עפּעס וואָס האָט מיך שטאַרק צופרידנגעשטעלט.

שרייבט, למשל, שמואל ראָזשאַנסקי אין דער „אידישער ציַיטונג״:

„מען איז געוואוינט אַז „סטאַרן״ זאָלן מאַכן אַ שטאַרקן עפעקט מיטן ערשטן אויפטריט אויף דער בינע. זיי קאָנצענטרירן זיך אויף דעם מאָמענט. דאָס איז פאַר זיי פון גרויסער באַדייטונג. ציליַ אַדלער געהערט ניט צו דעם מין. לאָמיר זיך אפילו מודה זיין און זאָגן, אַז ציליַ אַדלער׳ס אויפטריט נעכטן אויף דער נאַכט האָט שיר־שיר ניט אַנטוישט. עפּעס איז זי אויפגעטראָטן אַזוי געוויינלעך, אָן באַזונדערן אָנשטעל, ניט געמאַכט קיינע טעאַטראַלע פּאַ־ראַדן. און דווקא אָט־די פּשטות אירע איז אַזוי אויסגעוואָקסן דורך דער וואַכעדיקער נאַטירלעכקייט אין דער ניט־געהויבענער פּראָזע פון דער מע־לאָדראַמע, אַז מען האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ציליַ אַדלער רעדט פון דער בינע אַראָפּ. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס גייט אַרום צווישן אונז אַ פּרוי מיטן נאָמען ,מאַשאַ׳, וואָס איר גאַנץ לעבן מאַרשירט פאַרביי אונז דורך דריי אַקטן. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע נאַטירלעכקייט, ס׳אַראַ וואונדערבאַרער רעאַליזם, עמאָציע פון די לויטערסטע קוואַלן, וואָס האָט גערירט ביז טרערן פון קינסטלערישער פרייד. זי איז בלי שום ספק פון די איינציקע אין דעם אידישן טעאַטער פון אַלע לענדער וואו עס זיינען דאָ אידישע קינסטלער״.

שרייבט אַ צווייטער, אונטערגעשריבן „צ״: „ציליַ אַדלער קען מיט רעכט איבער׳חזר׳ן די ווערטער פון יוליוס צעזאַר: „איך בין בין געקומען, כ׳האָב געזען און געזיגט״. אַ קליינע ענדערונג בלויז — אירע ווערטער דאַרפן זיין: איך בין געקומען, מ׳האָט מיך געזען און איך האָב געזיגט״. זי מעג דאָס מיט שטאָלץ זאָגן. איז אָבער ציליַ אַדלער ניט שטאָלץ. זי איז די פּשוט׳סטע און האַרציקסטע פרוי וואָס איר קענט זיך נאָר פאָר־שטעלן. אָבער גאָר גרויס איז די קינסטלערין ציליַ אַדלער. איר קונסט איז אַזוי איידל, אַזוי ערלעך, אַז זי האָט ממש דערהויבן אַ מעלאָדראַמע צו אַ הויכער שטופע פון קונסט״.

איך וויל אויך פאַרצייכענען אַ קבלת־פּנים וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פון דעם „נאָמבערג שרייבער־פאַראיין״. יענער אָוונט, אין אַ פּראָסטן מאָנ־טיק, האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון. ראשית, דער גרויסער עולם וואָס איז ניט מיד געוואָרן צו זיצן ביז האַלב נאָך דריי פאַרטאָג, און ניט ווייניקער — די האַרציקע וואַרעמקייט פון די באַגריסונ־גען, פון וועלכע איך בין שטאַרק גערירט געוואָרן. אָט האָט, למשל, איינער פון די באַגריסער זיך אויסגעדריקט: „מיר נעמען אויף ציליַ אַדלער אויף

אַזאַ היימישן אופן, גלייך ווי מיר וואָלטן זי פון לאַנג שוין געקענט און געזען שפּילן. איר נאָמען איז איר פאָראויסגעגאַנגען, ווייל דער נאָמען צילי אַדלער איז אין פאַרשידענע צייטן געווען פאַרבונדן מיט די בעסטע קינסטלערישע אויפטוען אויף דער אידישער בינע אין נאָרד־אַמעריקע״.

„צילי אַדלער״, האָט אַ צווייטער געזאָגט, „טראָגט אויף זיך דעם קרעדיט פון קינסטלערישן שאַפן, וואָס זי האָט דערוואָרבן אין פאַרשידענע יאָרן. זאָל די אויפנאַמע איר דינען ווי אַ סטימול אָנצוהאַלטן סיי איר דערהויבענעם שפּיל, סיי דאָס דערהויבענע וואָרט, אַלס די אמת׳ע יורש׳־טע פון איר גרויסן טאַטן יעקב פּ. אַדלער און איר גרויסער מאַמע דיינע פיינמאַן״.

אַ גרויסע איבעראַשונג איז פאַר מיר געווען ווען איך האָב צווישן די געסט דערזען מיינע צוויי קאָלעגן פון ניו יאָרק, יעקב בן־עמי און יעקב מעסטל. קורץ און האַרציק זיינען געווען די עטלעכע ווערטער פון יעקב מעסטל, ראַטנדיק אַלעמען צו קומען זען צילי אַדלער שפּילן: „איר מעגט מיר גלויבן, אַז זי איז פון די בעסטע וואָס אונזער אידישע בינע פאַרמאָגט״.

מיין חבר און פריינט, יעקב בן־עמי, האָט דערציילט ווי אָפט מיר האָבן צוזאַמען זיך געריסן צום שענערן און בעסערן אידישן טעאַטער.

חנ׳עוודיק און וויציק האָט זיך אויסגעדריקט דער באַרימטער טעאַטער־דירעקטאָר יצחק דייטש: „איך האָב צילי אַדלער קיינמאָל ניט געזען שפּילן. איך גלויב איר גרויסן נאָמען, פּונקט ווי איך בין איבערצייגט אַז ניו יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט, כאָטש איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען״.

ווייל איך פאַרענדיקן מיין טור אין יענע מקומות מיט אַ פּאָר טשיקאַווע עפּיזאָדן. דאָס איז געווען אַזש אין אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי. שווימט עס שטענדיק אַרויס אין מיין זכרון מיט אַ שמייכל. צו מיינער אַ פאַרשטע־לונג דאָרט איז געקומען אַ גרופּע אידישע יונגעלייט און מיידלעך פון איינער פון די אַרומיקע אידישע קאָלאָניעס. נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען מיר געבליבן זיצן אין האַלב־פינצטערן טעאַטער. זיי האָבן גאָרניט געוואָלט אַוועקגיין. אַלץ מער און מער זיינען זיי נייגעריק געווען צו הערן וועגן דער גרויסער אידישער וועלט, וועגן אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וועגן מיר אַליין: „גאָט ווייסט, צי מיר וועלן נאָכאַמאָל האָבן די זכיה צו זען אַ צילי אַדלער און מיט איר אַזוי נאָענט ריידן און פאַרברענגען״.

איך האָב געקוקט אין זייערע ליכטיקע פּנים׳ער, אין די ברענענדיקע אויגן וואָס האָבן פאַר מיר ווי באַלויכטן דעם האַלב־פינצטערן טעאַטער־זאַל, און איך האָב זיי געזאָגט: „אַז איר וועט לערנען אייערע קינדער אידיש, איז אי זיי וועלן זיך ניט שעמען מיט אייך, אי איר וועט אייער אידישקייט

ניט דאַרפֿן באַהאַלטן פֿון זיי, און איך וועל נאָך האָבן אין צוואַנציק יאָר אַרום אַ אידיש פּובליקום דאָ, צו וועמען צו קומען״.

זייער אָפֿט איז מיר אויסגעקומען אויף מיין פּראָווינץ־טור דאָרט זיך צו טרעפֿן מיט אַ סך האַרציקע אידן. זאָלן זיי זיך נאָר מערן, רבונו־של־עולם — אַזעלכע פיינע, גוטע, כאַטש אָרעמע אידן.

איך בין ביז גאָר אימפּאָנירט געוואָרן פֿון די צעוואָרפֿענע אידישע ישובים, קאָלאָניעס און קליינע דערפֿלעך, וואָס זיינען צעשאָטן מיילן ווייט פֿון די גרויסע שטעט. איבער אַ שטח פֿון הונדערטער מיילן געפֿינען זיך אָן אַ שיר אַזעלכע פּונקטן. די אידן דאָרט זיינען שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך אַ אידיש וואָרט, נאָך אידיש טעאַטער. פֿון צייט צו צייט ריידן זיך צונויף עטלעכע צענדליק ישובים און שטרענגען זיך אָן אַראָפּצובריינגען אַ אידישע פֿאָרשטעלונג. זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן ספּעציעלע שאַלאַשן אין צענטער־פּונקטן אַזעלכע, און אַהין ווערט געבראַכט אַ אידישע פֿאָרשטעלונג.

וועגן אָט די צענטער־פּונקטן וואָלט מען געקענט אָנשרייבן ביכער גאַנצע. די מערסטע פֿון זיי זיינען קליינע דערפֿלעך ,וואו די איינוואוינער באַשטייען בלויז פֿון אַ צענדליק אָדער עפּעס מער משפּחות.

אָן אָנגעזעענער באַלעבאָס פֿון אַזאַ דערפֿל איז דער הויפּט־פֿאַרזאָרגער פֿאַר אַזעלכע סאָרטן פֿאָרשטעלונגען. האַלט ער עס פֿאַר זיין חוב צו באַזאָרגן די טרופּע מיט פּלאַץ איבערצונעכטיקן. אונזער טרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַרום צען שוישפּילער און אויך צוויי בינע־טעכניקער. איז גאָרניט געווען קיין גרינגע זאַך אין אַזאַ קליין דערפֿל צוועלף נייע מענטשן באַזאָרגן.

די שטיבער דאָרט זיינען באַשטאַנען פֿון דריי, העכסטן פֿיר חדרים. מיר, אַלס דער הויפּט־שוישפּילערין, האָט דער פֿאַרזאָרגער אָפּגעגעבן זיין שלאָף־צימער. ווען דזשעק און איך זיינען אינדערפֿרי אויפֿגעשטאַנען, האָבן מיר די גאַנצע משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון מאַן און ווייב און אַ פֿינף־זעקס קינדער אין פֿאַרשידענעם עלטער, געזען אויסגעצויגן אויף דער ערד.

עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר צענטערס, וועלכע מ׳האָט שוין געקענט אָנרופֿן אַ קליין שטעטל, און אין איינעם אָדער צוויי אַזעלכע איז שוין אפילו געווען עפּעס וואָס האָט זיך גערופֿן האָטעל.

מוז איך אייך בעטן מיר צו גלויבן, אַז וואָס איך דערצייל אייך איצט, איז דער ריינער אמת. אין איינעם אַ האָטעל אַזאַ האָט דער פֿאַרזאָרגער ביים באַלעבאָס פֿון האָטעל געפֿאָדערט פֿאַר מיר מיט דזשעק׳ן דעם בעסטן צימער. ער האָט איין צימער מיט אַ וואַנע, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט.

מיר זיינען באַשטאַנען ער זאָל אונז דעם צימער אָפּגעבן. מיר זיינען גע־קומען אַהין שפּעט נאָכמיטאָג. דזשעק איז אַוועק אין טעאַטער, צו זען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג. איך האָב באַשלאָסן צו נעמען אַ וואַנע. ערשט איך זוך אַ קראַן פון וואַנען דאָס וואַסער זאָל קומען, איך קען ניט געפינען. איך רוף אַריין דעם באַלעבאָס און אַביסל פאַרשעמט זאָג איך אים, אַז איך ווייס ניט וואו צו געפינען אַ קראַן פון וואַסער.

„וואָסער וואַסער?" זאָגט ער. ניטאָ קיין קראַנען, ניטאָ קיין וואַסער".

„ווי אַזוי־זשע נעמט מען אַ וואַנע?"

„דאָס איז ניט אויף זיך צו באָדן. איר האָט דאָך געוואָלט אַ צימער מיט אַ וואַנע".

„אָבער וואָס איז אַ וואַנע אָן וואַסער?"

ער האָט געענטפערט זיינס: „איר האָט דאָך געוואָלט אַ צימער מיט אַ וואַנע".

„אָבער פאַרוואָס קומט אייך צוויי מאָל אַזוי פיל?"

זיין ענטפער איז אַלץ דער זעלבער: „איר האָט דאָך געוואָלט..."

דער „קרוין" עפּיזאָד פון יענעם טור מיינעם אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער איז געשען ביי אַ פאָרשטעלונג אין אַ ישוב אַזאַ מיטן נאָמען „קאַפּוזשאַ". דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסע בלעכענע געביידע, וואָס האָט געדינט פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פאַר אַלע ישובים פון יענער געגנט. וועל איך דורכלאָזן די איינצלהייטן פון אונזער רייזע אין אַ גרויסן אָפענעם וואָגן. איר קענט אַליין פאַרשטיין, אַז טרייסלען זיך איבער ווייכע, ניט־גלאַטע שליאַכן, אַ פּאָר שעה אין אַזאַ וואָגן איז ניט קיין פאַרגעניגנדיקע רייזע. אָבער מיר זיינען בשלום געקומען קיין קאַפּוזשאַ. און אָט זיץ איך ענדלעך אין מיין גאַרדעראָב, מ„שטיינס געזאָגט, און מאַך זיך פאַרטיק פאַר מיין ראָלע. ערשט ס'קומט אַריין דער אַראַנזשירער פון דער פאָרשטעלונג, דער סאַמע אָנגעזעענסטער איד אין קאַפּוזשאַ, און ווענדעט זיך צו מיר אומגעפער מיט די ווערטער:

„זייט מיר מוחל, מאַדאַם אַדלער, וואָס איך שטער אייך. איך מוז אייך אָבער באַקענען מיט אַ זייער מאָדנער סיטואַציע צו וועלכער מיר דאָ זיינען אונטערוואָרפן. ווען די טירן פון טעאַטער ווערן געעפנט אַריינצולאָזן דעם עולם, קומט אויך אַריין אַ ריזיק־גרויסער הונט. ער צעשפּרייט זיך אין זיין פולער לענג אין דעם מיטלסטן דורכגאַנג און פאָלגט נאָך וואָס ס'קומט פאַר

אויף דער בינע. איר דאַרפט אייך אסור שרעקן מאַדאַם אַדלער, דער כלב וועט אייך ניט שטערן. ער ליגט זיך שטיל און רואיק. מעג מען אויף דער בינע זינגען, טאַנצן, לאַכן, קריגן זיך, אפילו זיך שלאָגן; ער ליגט זיך רואיק און לאָזט קיין פּיפּס ניט אַרויס. נאָר עפּעס איז אַזוינס דאָ אין דעם כלב, וואָס ווען די הויפּט־העלדין נעמט וויינען, וויינט ער מיט".

אַ פאַרציטערטע בין איך געוואָרן: „וואָס רעדט איר, רב איד, איר ווייסט וואָס איר רעדט? איך בין אַ דראַמאַטישע שוישפּילערין, איך שפּיל דאָ היינט אַ שטאַרקע דראַמע; איך שפּיל די ראָל פון אַן אומגליקלעכע פרוי. ביים קלימאַקס פון יעדן אַקט, וויין איך און ווער היסטעריש. איך בין שטאָלץ דערמיט וואָס דער עולם וויינט מיט מיר מיט. טייכן טרערן ווערן אין טעאַטער פאַרגאָסן. אויב דער עולם וועט דערהערן דעם הונט וויינען, וועט דאָך ווערן אַ געלעכטער. די בעסטע סצענעס מיינע, וועט ער מיר פטר'ן; מיין גאַנצע פאַרשטעלונג וועט רואינירט ווערן. אָ, ניין, רב איד, אַכט טויזנט מייל האָב איך זיך געשלעפּט פון ניו יאָרק צו קומען צו אייך און איך וועל ניט דערלאָזן אַז אייער כלב זאָל מיין גאַנצע רעפּוטאַציע צונישט מאַכן. איך וויל געפעלן אייער עולם. איך וויל זיי זאָלן פאַר מיין שפּילן מיך ליב האָבן, מיך געדענקען..."

דער איד איז געשטאַנען אַ פאַרשולדיקטער. ער האָט בלויז געזאָגט: „וואָס קען איך טאָן, מאַדאַם אַדלער?!"

„וואָס הייסט וואָס?" האָב איך זיך צעשריען, „לאָזט היינט דעם הונט ניט אַריין אין טעאַטער!"

— „איר פאַרשטייט ניט, מאַדאַם אַדלער, מיר האָבן שוין דאָס אויך געפּרואווט, דער כלב נעמט אָבער מיט זיינע ריזיקע לאַפּעס קראַצן און קלאַפּן אין די ווענט. די געביידע איז פון בלעך... עס טויג ניט... עס איז אַ סך ערגער..."

— טאָ פאַרטרייבט אים ערגעץ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, פאַרשפּאַרט אים".

דער איד האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן: „דאָס רעדט זיך זייער גרינג, אָבער איר פאַרשטייט ניט, מיין טייערע, עס איז ניט מיין הונט. דער אייגנ־טימער פון דעם הונט איז אַ בייזער גוי, בכלל אַ מאָדנער פאַרשוין; גייט אַרום אַ שווייגנדיקער, מיט אַ פּיפּקע אין מויל, און אַ געלאָדענע ביקס אונטערן אָרעם. און ווי וועט זיין דעם וואָס וועט זיך פאַרטשעפּען מיט זיין הונט. איך מיט מיין משפחה דאַרפן דאָך דאָ בלייבן וואוינען. איר פאַרשטייט די לאַגע, מאַדאַם אַדלער?"

אַוודאי האָב איך פאַרשטאַנען. און ווי גייט דאָס ווערטל — „די שפּיל מוז אָנגיין..." קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ געפילן

איך בין אַרויף אויף דער בינע שפּילן, און מיט וואָס מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען. דער הונט איז מיר פאַר אַ מינוט פון קאָפּ ניט אַרויס.

צום סוף פון ערשטן אַקט פירט מען מיך צו דער חופּה. אָבער דווקא אין יענער מינוט האָט זיך דעם מחבר פון יענער פּיעסע פאַרוואָלט, אַז מיין ליבע מאַמע, פאַר קיין מאַמע ניט געדאַכט, זאָל קריגן אַ האַרץ־שלאַג און שטאַרבן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ דאַרף איך דערלאַנגען דעם ריכטיקן שאַרפן קוויטש, און פאַרגיין אין אַ יאָמער־געוויין. אָבער איך האָב אין זינען דעם הונט. איך טאָר ניט וויינען; דער הונט וועט מיטוויינען, דער עולם וועט לאַכן, דער שלוס־אַקט וועט רואינירט ווערן. האָב איך געמוזט מיין מאַמעס טויט אויפנעמען מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער...

געוויינלעך קריג איך נאָך דעם שלוס־אַקט גוואַלדיקע אַפּלאָדיסמענטן; דער פאַרהאַנג דאַרף זיך הויבן אַ סך, אַ סך מאָל. דאָ אָבער האָט דער עולם מיך אויפגענומען פונקט אַזוי קאַלט ווי איך האָב אויפגענומען מיין מאַמעס טויט. קוים עטלעכע פּעטשעלעך... זיי האָבן זיכער געטראַכט: „אויך מיר אַן עקטערקע, עס שטאַרבט איר מאַמע אונטער דער חופּה, און זי — גאָר־ניט...״ האָט עס מיך אַוודאי געערגערט. איך האָב זיך אָבער געטרייסט דערמיט וואָס מיר איז געלונגען ניט צו געבן דעם כלב די געלעגנהייט צו מאַכן דעם עולם לאַכן.

אַזוי בין איך מיט מאַטערניש בשלום דורכגעגאַנגען דעם צווייטן אַקט. מער אין זינען געהאַט דעם הונט ווי די דראַמע מיטן עולם... אָבער אין לעצטן אַקט, דאָרט ווערט שוין די טראַגעדיע מיט סכנות נפשות... איך האָב געפּרואווט געבן אַ קליין וויינעלע, און אָנגעשפּיצט מיין אויער צום הונט. שאַ, שטיל, איך הער גאָרניט. האָב איך זיך שוין דערלויבט אַ שטאַר־קערן וויין. דער כלב, דאַנקען גאָט, שוויגט. האָב איך געקראָגן קוראַזש, און גענומען דערלאַנגען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין... איך האָב דערשפּירט דעם עולמ׳ס מיטגעפיל, זיי וויינען מיט, ווייבער שלוכצן, מענער טראָגן פאַר׳גנב׳עט די ווייסע טיכלעך צו די אויגן... דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דאָס שפּילן נעמט אויס...

אָבער דאָ האָט מיר גאָר גענומען ערגערן אַן אַנדער ענין. ס׳טייטש, פאַרוואָס וויינט ניט דער הונט?!... מיט אַנדערע סטאַריכעס האָט ער מיטגעוויינט, פאַרוואָס־זשע וויינט ער ניט מיט מיר?!... איז עס אפשר שווער צו פאַרשטיין, אָבער איך האָב פּלוצלונג דערפילט, אַז מיך פאַר־דריסט למאי דעם הונט רירט ניט מיין געוויין... ס׳האָט מיך גערייצט. איך קען ניט דערוויזן וואָס אַנדערע האָבן יאָ דערוויזן... איז עס שוין ביי מיר אַריין אין אַן אַמביציע... איך מוז מאַכן דעם הונט וויינען...

האָב איך זיך צעלאָזן אויף אַלע כלים... פאַרגאַנגען אין היסטעריקעס אויף וואָס די וועלט שטייט... איך האָב אָפּגעגעבן אַלץ וואָס איך בין שולדיק געבליבן אין ערשטן און צווייטן אַקט.

ווען דער פאָרהאַנג איז ענדלעך געפאַלן, האָט דאָס טעאַטער זיך ממש געטרייסלט פון די דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן און דאָס טופּעניש פון די פיס. דער עולם דאָרט איז זייער אַ וואַרעמער, אַ שטורעמישער. די בראַוואָ געשרייען, די אויסרופן „צילי אַדלער!" דאָס וואַרפן היטלען אין דער לופטן... די אָוואַציע האָט אָנגעהאַלטן אָן אַן אָפּשטעל...

איך בין געשטאַנען, זיך געבויגט פאַרן עולם. איך האָב אָבער ניט גע־פילט די טיפע פרייד וואָס אַזאַ אָוואַציע רופט ביי מיר געוויינלעך אַרויס. ס'איז מיר ניט איינגעגאַנגען די שטורעמישע אויפנאַמע. טיף אין האַרצן האָב איך געפילט אַ נאָגעניש, אַ פאַרדרוס... אין מוח האָט מיר געעגבערט, סטייטש און סטייטש?!... דער הונט איז געבליבן גלייכגילטיק. מיין שפילן האָט אויף אים ניט געווירקט. פאַרוואָס? פאַרוואָס?... מאָדנע, איאָ? די גוואַלדיקע באַגייסטערונג פון עולם האָט מיך ניט גענומען, ווייל דעם הונט בין איך ניט געפעלן... אים האָט מיין שפילן ניט גערירט...

כמעט אַ דערשלאָגענע בין איך געגאַנגען צו מיין גאַרדעראָב. דאָרט איז שוין געשטאַנען דער אַראַנזשירער פון דער פאָרשטעלונג מיט פאַר־וויינטע אויגן, אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער: „אוי, אוי, מאַדאַם אַדלער! דער עולם איז פשוט משוגע פאַר אייער שפּילן. אַלע זיינען אויסער זיך. ערשט איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס איר האָט אַזאַ נאָמען. מיר האָבן דאָ נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ גרויסן עולם. פון די וויטסטע ישובים זיינען זיי געקומען. מיר האָבן אַזאַ שפּילן דאָ נאָך ניט געזען. זאָל אייך טאַקע גאָט געבן כוחות און לאַנגע, לאַנגע יאָרן..."

איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך בין גערירט פון זיין לויב, פון זיין באַגייסטערונג. אין דער אמת'ן אָבער האָב איך אַלץ געטראַכט פון הונט. איך האָב זיך ענדלעך מער ניט געקענט איינהאַלטן, און כלומר'שט גלייכגילטיק אַ זאָג געטאָן:

„דער הונט האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה. — מיין שרעק איז געווען אומזיסט. זייט מיר מוחל וואָס איך האָב אַזוי געשריען אויף אייך..."

— „אָ, איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן, מאַדאַם אַדלער. געווען אַזוי פאַר־נומען צו באַזעצן דעם גרויסן עולם, אַז איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אייך זאָגן. צום ערשטן מאָל זינט דאָס טעאַטער שטייט דאָ, איז היינט דער הונט ניט געקומען צו דער פאָרשטעלונג..."

מיט ברייט־צעעפנטע גליקלעכע אויגן, האָב איך אָנגעקוקט דעם אידן.

מיין שווישפילערישער רייץ האָט זיך איינגעשטילט... מיין כבוד, מיין נאָמען איז געראַטעוועט...

אונזער טור איבער דער פּראָווינץ פון די זיד־אַמעריקאַנער לענדער האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי איך האָב דערוואַרט, אַזש ביז נאָוועמבער. עס האָט קיין זין ניט געהאַט צו קומען צוריק קיין ניו יאָרק ווען אַלע טעאַטערס זיינען שוין לאַנג אָפן. האָב איך זיך טאַקע געוואונדערט וואָס מיין דזשעק, דער דערפאַרענער טעאַטער־געשעפטסמאַן, זאָל באַגיין אַזאַ טעות. איך האָב אָבער צו מיין איבעראַשונג אויסגעפונען, אַז דאָס איז ניט געווען קיין טעות פון דזשעקן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן פריער נאָך, אַז מיר זאָלן דאָס יאָר ניט שפּילן אין אַמעריקע. ער איז געווען נייגעריק אַז מיר זאָלן מאַכן אַ לענגערן טור איבער אייראָפּע. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין טעאַטער־חוש.

די פּרעכטיקע, נייע, נאָר וואָס אויפגעבויטע פראַנצויזישע שיף „אַט־לאַנטיק" האָט דאַן געמאַכט איר ערשטע רייזע פון פראַנקרייך קיין אַרגענטינע. האָט מען פאַר אונז באַשטעלט פּלאַץ אויף איר מאַרשרוט צוריק, פון ריאָ דע זשענעיראָ, צו מאַכן אונזער רייזע קיין אייראָפּע. געהאָלפן אונז צו קריגן פּלאַץ אויף דער שיף האָט דער הויפּט־ראַבינער פון בראַזיל, מיט וועמען מיר זיינען געוואָרן נאָענט באַפריינדעט אויף אונזערע גאַסטראָלן אין יענעם לאַנד. ער האָט אפילו באַוויזן פאַר אונז צו קריגן אַ פּרעכטיקע קאַיוטע אין ערשטן קלאַס כאָטש באַצאָלט האָבן מיר בלויז ווי פאַר צווייטן קלאַס. איז אונזער נסיעה באמת געווען אַ לוקסוסדיקע, אַ פאַרגעניגנדיקע.

ווייסט איר שוין פון פריער, אַז איך בין אַ שלעכטע פאַרערקע אויף אַ שיף. איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן ווען די ים־קראַנקייט האָט מיך אינגאַנצן ניט געטשעפּעט. איך האָב קיין איין מאָלצייט ניט פאַרפעלט און קיין איין מינוט אפילו ניט געליטן. איך האָב מיטגעמאַכט אַלע פאַרגעניגנס און פאַרוויילונגען, וואָס די פּרעכטיק־לוקסוסדיקע שיף האָט געהאַט לרוב.

געדענק איך ווי איך האָב ממש מיינע אויגן ניט געגלויבט אַרויס־גייענדיק אויף דער ערשט־קלאַסיקער פּראָמענאַדע, וואָס האָט זיך געצויגן כמעט איבער דער גאַנצער לענג פון שיף, ווען איך האָב זיך געפונען אין אַ מין אַלייע, צווישן די שענסטע געשעפטן, כמעט ווי אויף אונזער פינפטער עוועניו. אַלערליי סחורות, קליידער, שיך, היטעלעך, דימענטן, פון וואָס

איר קענט נאָר קלערן און טראַכטן. איך געדענק ניט נאָך אַ שיף, וואו איך האָב אַזוינס געזען. יעדן אָוונט זיינען געווען וואונדערלעכע פּאַרווײַלונגען מיט אַ פּרעכטיקן אָרקעסטער.

ווײַל איך זיך באַרימען ניט נאָר אַז איך האָב געטאַנצט, נאָר אַז אין אַ קאָנטעסט האָב איך געוואונען פאַר מיין טאַנצן דעם ערשטן פּרייז. איז אפשר כדאי איר זאָלט וויסן, אַז כאָטש איך האָב געוואונען דעם ערשטן פּרייז, האָב איך זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיטן צווייטן פּרייז. דער ערשטער פּרייז איז באַשטאַנען פון אַ שיינעם גאָלדענעם מיט שטיינער־באַזעצטן צלם... בין איך געווען צופרידן וואָס דער געווינער פון צווייטן פּרייז האָט יאָ געוואָלט דעם צלם; האָבן מיר זיך געביטן.

די באַן האָט אונז געבראַכט פון שערבורג קיין פּאַריז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין באַשטעלונג אין אַ האָטעל. האָט אונז אַ יונג פּאָרפּאָלק, וואָס איז מיט אונז געפאָרן פון ריאָ, פאָרגעלייגט צו פאָרן מיט זיי אין זעלבן האָטעל וואו זיי האָבן באַשטעלונגען. מיר האָבן זייער פאַרשלאַג אָנגענומען. זיינען מיר פאַרפאָרן אין אַ גאַנץ שיינעם, קליינעם אָבער ציכטיקן האָטעל, ווייט, ווייט פון צענטער פון פּאַריז.

די זעקס־שעה׳דיקע באַן־רייזע קיין פּאַריז האָט מיך, הפּנים, שטאַרק אויסגעמאַטערט, אַזוי אַז איך בין איינגעשלאָפן ווי אַ גע׳הרג׳עטע. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אָרום ניין אַזייגער אינדערפרי, בין איך געווען אַליין אין צימער. אויפן טישל לעבן בעט איז געלעגן אַ געשריבן צעטעלע פון דזשעק׳ן. ער איז אַוועק זוכן אַ פאַרבינדונג מיט אידיש טעאַטער. אויך איז שוין פאַר מיר באַשטעלט פרישטיק; „מען וועט עס דיר אַרויפטראָגן ווי נאָר דו וועסט אָנקלינגען״.

דאַרף איך אייך ניט זאָגן ווי אַנגענעם איך האָב זיך דערפילט פון מיין דזשעק׳ס באַזאָרגן מיך, איך זאָל זיך ניט פילן פאַרלוירן אַליין אין דער פרעמד. אַזעלכע און ענלעכע געטריישאַפטן האָט דזשעק מיר צוגעטיילט דורך די אַלע יאָרן פון אונזער צוזאַמענלעבן. עטלעכע שטונדן שפּעטער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט ערשט ריכטיק צו דערקענען און אָפּשאַצן זיינע פעאיקייטן בנוגע טעאַטער־געשעפטן. צום ערשטן מאָל אין פּאַריז, אָן אַ שפּראַך, האָט ער בלויז אין אַ פּאָר שעה דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט. אַוודאי איז עס אים ניט גרינג אָנגעקומען. ער האָט קוים מיט צרות אַ פראַנצויזישן טעקסי־מאַן געגעבן צו פאַרשטיין ער זאָל אים פירן צו אַ אידישן רעסטאָראַן. ווען יענער האָט ענדלעך צעקייט וואָס דזשעק מיינט, האָט ער אים געבראַכט צו דעם סאַמע באַקאַנטסטן אידישן רעסטאָראַן אין פּאַריז, פלאַמענבאַום׳ס.

דאָס איבעריקע איז שוין געווען גרינג. פון דאָרט האָט מען אים געבראַכט צו דעם באַרימטן אייראָפּעאישן טעאַטער־דירעקטאָר, קאָמפּאַניעץ, וועלכער האָט אין יענע יאָרן מיט זיין היפּש־פאַרצווייגטער משפּחה אָנגעפירט אידיש טעאַטער אין פאַריז. ווען מיין דזשעק האָט אים געזאָגט מיט וועמען ער איז געקומען, האָט עס לאַנג ניט גענומען און מען האָט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט די בעסטע באַדינגונגען, פאַר עטלעכע וואָכן, אין טעאַטער לאַנקרי.

איז דזשעק איצטער אין איילעניש צוריקגעקומען אין האָטעל, ווייל ער דאַרף נאָך היינט צוריקברענגען אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן אויף צו קענען באַשטעלן די אַפישן און באַזאָרגן די ציימונגס־אַנאָנסן.

איך האָב ממש מיינע אויגן ניט געגלויבט צו זען וואָס ער האָט באַוויזן אויפצוטאָן אין די פאָר שעה. ניט נאָר האָט ער שוין אין קעשענע דעם אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט, נאָר ער האָט שוין אויך באַזאָרגט אַ צימער פאַר אונז אין איינעם פון די גאָר פיינסטע האָטעלן צו יענער צייט, דעם בולוואַרד האוסמאַן האָטעל, אין סאַמע צענטער פון פאַריז. דאַרפן מיר זיך איצטער שנעל איינפּאַקן, עס וואַרט שוין אונטן אַ טעקסי מיר זאָלן זיך תיכף איבערקלייבן; ער מוז מיט אַ שעה שפּעטער זיין צוריק אין טעאַטער, ניט נאָר מיט „קאַטס" און בילדער, נאָר אויך מיט די אויסגעשריבענע ראָלן פאַר דער טרופּע, ווייל שוין מאָרגן אינדערפרי איז באַשטעלט די ערשטע פּראָבע פון קאַלמאַנאָוויטש'ס זייער פיינע לעבנס־בילד, „זיי אַ מאַמע". איך האָב די פּיעסע מיט אַ סעזאָן פריער מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט אין האָפּקינסאָן טעאַטער אין בראָנזוויל; שוין פרייטיק וועט זיין די פּרעמיערע. עס איז שווער איבערצוגעבן, און אפשר נאָך שווערער פאַר מענטשן אויסער דער פּראָפעסיע צו פאַרשטיין, וואָס עס מיינט ווען אַ געניטע האַנט נעמט אַוועק די זאָרגן וואָס אַ הויפּט־שוישפּילערין דאַרף געוויינלעך דורכגיין כדי אָנצוהויבן גאַסטראָלן אין אַ פרעמד לאַנד.

דורך אונזער גאַנצן טור פון קנאַפּע צוויי יאָר איבער אייראָפּע האָט דזשעק באַוויזן די אַלע זאַכן צו טאָן מיט אַזאַ לייכטקייט, אַז איך האָב גאָר קיין זאָרגן ניט געהאַט וועגן די אויפפירונגען.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערפילט אין זיכערע הענט. און כאָטש אין אונזער 25־יאָריקן צוזאַמענלעבן האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ סך שווערע און ביטערע צייטן, איז מיין גלויבן אין דזשעק'ס טעאַטער־דערפאַרונג קיינמאָל ניט געמינערט געוואָרן.

אונזערע גאַסטראָלן אין טעאַטער לאַנקרי זיינען געווען אומגעהייער דערפאָלגרייך. וויל איך איך ניט באַשווערן מיט דעם אַלעם וואָס איז

וועגן מיר געשריבן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער, ווי אויך אין דער באַגרענעצטער אידישער פרעסע אין פּאַריז. איך וויל אייך בלויז זאָגן, אַז די עטלעכע וואָכן דאָרט האָבן מיר זיך געפילט זייער דערהויבן, סיי פון די דערפאָלגן, פינאַנציעל און קינסטלעריש, און איבערהויפּט פון דעם קרייז אינטעליגענטע, וואַרעמע אידן, מיט וועמען ס'איז אונז אָפּט אויסגעקומען צו פאַרברענגען.

אגב, איז דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די טעאַטער־פירונג אין פּאַריז איז אַזאַ, אַז מ'שפּילט ניט כסדר אין איין טעאַטער. די פּאַריזער אידן זיינען צעוואָרפן אין פאַרשידענע געגנטן, אַזוי אַז דאָס טעאַטער ווערט געבראַכט צו זיי. קומט אויס דער זעלבער טרופּע צו שפּילן אין צוויי אָדער דריי טעאַטערס אין דער וואָך.

אַן אַנגענעמע איבעראַשונג האָבן מיר געהאַט ווען אין אַ שיינעם אינדערפרי האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען אין אונזער האָטעל־צימער. אויף מיין „העלאָ" איז געקומען דער פריילעכער ענטפער פון לודוויג זאַץ און דאַן מיין שוועסטער לילי. זיי זיינען פון לאָנדאָן אויפן וועג קיין וואַרשע. זיי האָבן זיך מיט אַ כיוון אָפּגעשטעלט אין פּאַריז מיט אונז צו פאַרברענגען עטלעכע וואָכן. דאַרף איך אייך שוין ניט זאָגן ווי פריילעך מיר האָבן פאַרבראַכט און דעם נחת וואָס איך האָב געהאַט פון מיינע דריי פּלימענעטשקעס — צירעלע, מירעלע און פייגעלע.

וועל איך פֿאַרענדיקן אונזערע גאַסטראָלן אין פּאַריז מיט אַן עפּיזאָד וואָס וועט אייך ווידער דערמאָנען אין צילי, דעם צעטראָגענעם מלאך.

איר האָט דאָך געהערט פֿון דער „מעטראָ" אין פּאַריז. אויף אונזער אַמעריקאַנער אידיש איז עס פּשוט די סאָבוועי. ניט מער וואָס די מעטראָ איז עפּעס אינגאַנצן אַנדערש פֿאַרצווייגט ווי אונזער סאָבוועי. ווען איר קומט אַראָפּ געפֿינט איר זיך פֿאַר עטלעכע אַראָפּגאַנגען וואָס פֿירן צו פֿאַרשידענע געגנטן פֿון שטאָט, מיט אויפשריפטן פֿאַר יעדן אַראָפּגאַנג פֿון די פֿאַרשידענע סטאַנציעס וואָס די באַן מאַכט. איך, דערזעענדיק דעם אויפשריפט און דעם נאָמען פֿון דער סטאַנציע וואָס מיר דאַרפֿן, בין אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ, ניט קוקנדיק אויף צוריק אויב מיין דזשעק גייט מיר נאָך. ער איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אַ פּאָר מינוט ביים קויפֿן די בילעטן. ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער מיך ניט געזען. פּלוצלונג האָב איך אונטן דערהערט אַ מאָדנעם אויסגעשריי, וואָס האָט אין אַ סך ווידער־קולות אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער סטאַנציע. איך האָב דער־קענט מיין דזשעק'ס קול שרייענדיק: „רבונו של עולם, וואו ביזטו?!" אין אַ היסטערישן געלעכטער בין איך צוריק אַרויף די טרעפּ און אַריינגע־פֿאַלן אין זיינע אָרעמס.

אונזער דערפֿאָלג אין פּאַריז האָט ביי מיין דזשעק'ן צעשפּילט די אַמביציע, און ער האָט באַשלאָסן, איידער מיר פֿאָרן קיין רומעניע, זיך אָפּצושטעלן אין בערלין, דייטשלאַנד. האָבן מיר אין אַ גאָר פֿיינער שטימונג פֿאַרלאָזן פּאַריז. די גוטע שטימונג האָט אויך אָנגעהאַלטן אויף דער אַנגענעמער באַן־רייזע דורך פֿראַנקרייך, ביז מיר זיינען אַריבערגעפֿאָרן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד. געווען איז דאָס אין פֿעברואַר, 1932, ווען די וועלט איז נאָך ניט געווען שטאַרק באַאומרואיקט וועגן די געשעענישן אין דייטשלאַנד, כאָטש דאָ און דאָרט איז שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן דעם אַנהויב פֿון היטלער, ימח שמו, און זיין נאַצי־באַוועגונג, מיט דער „סוואַס־טיקאַ". זיינען מיר ממש שאָקירט געוואָרן ווען מיר האָבן, אויפֿן וועג פֿון פֿראַנקרייך קיין בערלין, דורכפֿאָרנדיק פֿאַרשידענע דייטשע שטעט, געזען פֿון יעדן פֿענסטער די סוואַסטיקאַ־פֿאָנען.

אין אונזערע הערצער האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ מאָדנער אומרואיקער געפֿיל. די אומרואיקייט איז כמעט אַריבער אין שרעק, ווען אַראָפּגייענדיק פֿון דער באַן און אַרויסגייענדיק פֿון באַן־הויף אין דער שטאָט בערלין

האָבן מיר כמעט אויף יעדן שריט און טריט אָנגעטראָפן שטורעם־טרופּערס, וואָס האָבן מיט פּרעכקייט און ביטערן־האַס געקלאַפּט מיט פּושקעס אויס־רופנדיק: „העלפט אונז שיקן די אידן נאָך פּאַלעסטינע". איך האָב ממש מיינע אויערן ניט געגלויבט. און אָט האָט איינער אונטערגעטראָגן זיין קלאַפּנדיקע פּושקע גלייך צו מיר, און ווי ער וואָלט דערקענט אַז איך בין אַ איד, האָט ער אַריינגעלייגט ספּעציעלע פּרעכקייט אין זיין אויסרוף. איך האָב אָנגעשטעלט מיינע אויגן אויף אים; איך האָב גענומען צו הילף מיין שוישפּילערישע דערפאַרונג און אַריינגעלייגט אין מיין בליק אַזוי פיל פאַראַכטונג וויפיל איך האָב נאָר געפילט און געקענט אויסדריקן. מיין בליק האָט געטראָפן אין ציל. ער האָט דערפילט וואָס איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל פילן, און ווי אַן ענטפער, האָט ער מיט מער צערייצטקייט און מיט מער שנאה זיין אויסרוף ווידערהאָלט. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען...

אין האָטעל אין בערלין האָט מען אונז זייער העפלעך אויפגענומען. דזשעק האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם טעאַטער־פאַרוואַלטער, וואָס האָט אונזערע גאַסטראָלן אין בערלין געדאַרפט אַראַנזשירן. ער האָט אים אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז אין דער אַטמאָספערע וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין דייטשלאַנד, ווילן מיר דאָ ניט גאַסטראָלירן. דער פאַרוואַלטער האָט, חלילה, ניט געהאַט קיין טענות; פאַרקערט, ער האָט דזשעק'ן שטאַרק קאָמפּלימענטירט פאַר זיין באַשלוס און אים געזאָגט, אַז עס שרעקט זיי די אחריות וואָס זיי נעמען אויף זיך איצט צו געבן שטאַרק־פּובליקירטע אידישע פאַרשטעלונגען. עס זיינען שוין געווען פאַלן פון אָפענע סקאַנדאַלן. מיט דער האָפענונג, אַז די שווערע צייט ביי זיי וועט שנעל פאַריבער, האָט ער אונז געוואונטשן אַ דערפאָלגרייכן טור אין רומעניע און אין פּוילן. ער וועט מיט אונז שטיין אין פאַרבינדונג.

מיט אַ שווער האַרץ האָבן מיר אויף מאָרגן פרי פאַרלאָזן בערלין, האָפנדיק, ווי דער פאַרוואַלטער, אַז דאָס וועט גיך פאַריבער ווי אַ שלעכטער חלום. עס האָט זיך אָבער, צו אונזער גרויסן אומגליק, אויסגעלאָזט גאַנץ אַנדערש.

איך גיי איצט צו מיט פיינלעכע געפילן צו דערציילן וועגן אונזער טור יענעם אין רומעניע און פּוילן. ציענדיק פון מיינע זכרונות פון יענער צייט די פריידיקע איבערלעבונגען אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, וואו עס איז אונז אויסגעקומען צו גאַסטראָלירן, באַפאַלט מיר אַן אומעט און עס רייסט דאָס האַרץ טראַכטנדיק וואָס פון דעם אַלעם איז איצט געוואָרן.

שטעט און שטעטלעך אָנגעפּיקעוועט מיט אידן און אידישן שטייגער־

לעבן, מיט אידישע טראַדיציעס, דורות־לאַנגע איינגעפונדעוועטע אידישע אינסטיטוציעס — אַלץ איז אַזוי גרויזאַם אָפּגעווישט געוואָרן.

איר געדענקט מן הסתם, אַז אין מיינע גאַסטראָלן אין רומעניע מיט עטלעכע יאָר פריער, האָב איך געהאַט ניט וויניק אומאַנגענעמלעכקייטן פון פאַרוואַלטער, וואָס זיינען ניט געווען אָפּגעהיט מיט אונזערע פאַרדינסטן, פון פּאָליציייאישע געיעגן נאָך כאַבאַר, פון אומבאַקוועמע האָטעלן. פון די אַלע זאַכן האָב איך, אַ דאַנק דזשעק׳ס דערפאַרונג, אויף דעם טור ניט געליטן. איך וואָלט אָבער מיט צופרידנקייט דאָס אַלץ נאָך אַמאָל דורכ־געמאַכט, אַבי נאָר יענע שטעט און שטעטלעך און יענע אידן זאָלן נאָך זיין אויף זייערע ערטער.

אונזער צווייטער טור אין רומעניע איז אין יעדער הינזיכט געווען ניט וויניקער דערפאָלגרייך ווי אונזערע גאַסטראָלן אין פראַנקרייך.

דזשעק האָט אויסגעפּלאַנט, אַז מיר זאָלן זיין אין וואַרשע אויף פּסח. האָבן מיר מיט גאָר אַ פיינעם געפיל דאַן פאַרלאָזט רומעניע. ווי גייט דער אויסדרוק: מיר האָבן דאָרט געהאַט „אי כבוד, אי געלט“. מוז איך דאָ אָבער פאַרצייכענען אַן אינצידענט אויף דער גרענעץ, וואָס האָט אונז אויף אַ ווײַלע פאַרשאַפט אי צרות, אי שפּאַס.

אַרויספאָרנדיק פון רומעניע, ביי דעם „קאָסטאָם“־קאָנטראָל פון יענער גרענעץ, האָט דער באַאַמטער צעעפנט אונזער באַגאַזש און זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט ווען ער האָט דערזען אַ קלייד מיינס, אַ באָל־קלייד מיט אַ סך שיינענדיקע שטיינדלעך. זיי האָבן געבלישטשעט ווי אמת׳ע דימענטן. דאָס קלייד האָט מיר געקאָסט אַ סך געלט. איר געדענקט דאָך, אַז מיין גאַרדעראָב פאַר „קאַמעליען דאַמע“ האָט מיך געקאָסט העכער טויזנט דאָלער. דאָס באָל־קלייד איז פון יענער גאַרדעראָב. די שטיינדלעך זיינען געווען אַ ביליקע באַפּוצונג. דער באַאַמטער איז עפּעס ווי צעמישט געוואָרן. ער האָט צוגערופן נאָך עטלעכע באַאַמטע. יענע האָבן געבראַכט נייע און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט זיינען מיר געווען אַרומגע־רינגלט פון צענדליקער רעגירונגס־מענטשן. זיי האָבן, הפּנים, פאַרדעכטיקט, אַז מיר זיינען דימענט־שמוגלער און זייער פּאָליציייאישער שכל האָט זיי זיך געלאָזט איינריידן, אַז אויף אַזאַ פּשוט׳ן אופן שמוגלען מיר דימענטן. ס׳איז דזשעק׳ן און מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער זיי צו איבערצייגן, אַז דאָס זיינען פּראָסטע „רהיין סטאָונס“. ס׳איז אונז אָבער דאָך געלונגען ביי זיי אַוועקצונעמען דעם פאַרדאַכט אַז מיר זיינען דימענטן־שמוגלער.

מיר זיינען אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח אָנגעקומען אין דער אידישער

האַרציק־וואַרעמער, שיינער שטאָט וואַרשע. געדענקט איר אפשר, אַז איך בין געווען אויף אַ קורצן וויזיט אין וואַרשע אַרום 1916 מיט מיין מאַמען און שוועסטער לילי, פאַרנדיק פון לאָדזש, באַכן שטעלן די מצבה אויף זיגמונד פיינמאַנ׳ס קבר. דאַן האָב איך בלויז געזען וואַרשע פון מיין האָטעל פענסטער. ווי אויף אַ יונג־אַמעריקאַנער מיידל, האָט דאַן אויף מיר איבערגעלאָזט אַ שווערן איינדרוק די איבערטריבענע אויפגעבלאָזענע דיסציפּלין פון די אוניפאָרמירטע מיליטער.

איצטער אָבער, אין יאָר 1932, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען די אידישע וואַרשע, די שטאָט וואָס איז געווען אַזוי אָנגעפּיקעוועט סיי מיט רעליגיעזער אידישקייט, סיי מיט ליטעראַריש־קולטורעלער און עכט־מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ. וועל איך מיין גאַנץ לעבן שולדיק בלייבן מיין טיפסטע דאַנקבאַרקייט די באמת־האַרציקע קאָלעגיאַל־פריינטלעכע און ביז גאָר טאַלאַנטירטע פּאָרל, אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונד טורקאָוו.

מיר זיינען איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין וואַרשע, און תיכף אינדערפרי זיינען מיר איבעראַשט געוואָרן ווען ס׳האָט אונז גערופן טעלע־פאָניש אידאַ קאַמינסקאַ. זי האָט אונז זייער וואַרעם באַגריסט און פאַרבעטן אין זייער היים אויף וואַרעמעס. מיר האָבן עס מיט פרייד אָנגענומען. אַ קורצע צייט שפּעטער זיינען זיי נאָך אונז געקומען. מיר זיינען געוואָרן נאָענטע פריינט. אַ דאַנק זיי האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַ־קענען מיט אַלץ וואָס איז ווערט געווען צו זען און קענען אין וואַרשע. זייער אָפט האָבן זיי אונז אַרומגעפירט איבערן שטאָט און איך האָב ממש געשטוינט זעענדיק שפּאַצירנדיקע אידישע משפחות, מאַן, פרוי און קינדער, די מענער און די אינגלעך אָנגעטאָן אין עכט־רעליגיעזע אַלטמאָדישע בגדים; די מענער, פאַרשטייט זיך, מיט בערד און פאות און אויך די אינגלעך מיט לאַנגע פאה׳קעס. די פרויען, אָבער, און אויך די מיידלעך זיינען געווען געקליידט עכט־מאָדערן, לויט די סאַמע לעצטע מאָדעס.

איך האָב מיין באַוואונדערונג אויסגעדריקט פאַר אידאַ קאַמינסקאַ, און זי האָט מיר פאַרטייטשט דעם דאָזיקן פענאָמען. זי איז, בכלל, חוץ אינטעליגענט, חוץ אַ גרויסע, באַגאַבטע שוישפּילערין, זייער אַ קלוגע, אַן אמת־אידישע חכמה. מ׳האָט זי אין וואַרשע גערופן „נאַפּאָלעאָן אין אַ קליידל״. איך בין אויך אימפּאָנירט געוואָרן אויף איינעם פון מיינע וויזיטן מיט זיי אין וואַרשעווער אידישן אַרטיסטן־פאַראיין. דער נאָמען איז געווען פולשטענדיק באַרעכטיקט. דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרטיסטן און קינסט־לער פון יעדן סאָרט: ליטעראַטן, שוישפּילער, מאָלער, מוזיקער — אַלץ

וואָס קונסט פּאַרמאָגט. אידאַ און זיגמונד האָבן אונזער וויזיט אין וואַרשע, חוץ דעם שוישפּילערישן דערפאָלג, געמאַכט ביז גאָר אַנגענעם און פריידיק.

איך האָב פילע יאָרן געהאָפט זיי צו קענען אָפּדאַנקען מיט גאַסט־פריינטשאַפט אויף זייערן אַ וויזיט אין אַמעריקע. ביז איצט איז מיין האָפענונג ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מיט 24 יאָר שפּעטער, אין 1956, האָב איך זיך געטראָפן מיט זיגמונד טורקאָוו׳ן, אויף מיין קורצן, און אויף מיין מזל ניט אין צייט אויסגעקליבענעם, וויזיט קיין ישראל. אידאַן אָבער האָב איך זינט דאַן ניט געזען.

איך געדענק ווי אָפט מיר פלעגן זיך צוזאַמענריידן וועגן ראָלן, וואָס מיר ביידע האָבן געשפּילט, סיי קינדער־ראָלן און סיי דערוואַקסענע. אַ דאַנק איר מוטער, אסתר־רחל קאַמינסקי, וואָס האָט געשפּילט כמעט דעם גאַנצן גאָרדין רעפּערטואַר, איז איר, אידאַ׳ן, אויסגעקומען צו שפּילן די אַלע קינדער־ראָלן אין יענע פּיעסן, וואָס זיינען אויך געווען כמעט דער אָנהויב פון מיין קאַריערע.

גריבלענדיק זיך אין מיינע זכרונות פון יענעם וויזיט אונזערן אין וואַרשע, לעבט פאַר מיר אויף דער קרייז פון וואַרשעווער אינטעליגענץ, פון די ליטעראַריש־קולטורעלע קרייזן מיט וועלכע מיר איז אָפט אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ דאַנק אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונד טורקאָוו. ציט מיר פאַר איך צו באַרימען זיך מיט נאָך אַ מעלה וואָס איז מיר צוגעשריבן געוואָרן אין יענע קרייזן. כמעט ביי יעדער באַגעגעניש מיינער, האָבן זיי נאָכאַנאַנד געלויבט און באַוואונדערט מיין ריינעם, געשמאַקן אידישן לשון. זיי האָבן גאָרניט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין אַ געבוירענע אין אַמעריקע. די אַלע אַמעריקאַנער אידישע שוישפּילער וואָס האָבן גאַסטראָלירט אין וואַרשע, אפילו אייראָפּעאישע אידישע שוישפּילער וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט געשפּילט אין אַמעריקע און זיינען דערנאָך געקומען צוריק, האָבן אין זייער אידיש געניצט אַ סך אַמעריקאַניזמען. צום ערשטן מאָל, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, זעען מיר אַן אַמעריקאַנער שוישפּילערין, אַ געבוירענע אין אַמעריקע, וואָס רעדט אַזאַ פּרעכטיק־שיינעם, ריינעם אידיש לשון.

פלעגן זיי מיר דערציילן פון אַ סך קוריאָזן וואָס פלעגן פאָרקומען אויף דער בינע ווען דער אַמעריקאַנער גאַסט פלעגט פלוצלונג אַ זאָג טאָן: „אַט דאָ פעלט אַ טשער״ (בענקל); זעט אַז דער „קוירטן״ (פאָרהאַנג) זאָל פאַלן אַזוי און אַזוי...״

איז מיר, הייסט עס, צוגעקומען נאָך אַ מעלה פון וועלבער איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט. געדענק איך ווי די מעלה מיינע האָט מיר

פאַרשאַפט עגמת־נפש. דאָס איז געווען אין אַ רעסטאָראַן, ווען איך האָב פלוצלונג באַשטעלט אַ „געבאַקטע פּאַטעיטע״. דער קעלנער האָט אויף מיר אַזוי מאָדנע געקוקט. ערשט דאַן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז „פּאַטייטע״ איז ניט אידיש. איך האָב זיך אַרומגעקוקט צי קיינער פון „יענע קרייזן״ האָט ניט געהערט. איך האָב מיין רעפּוטאַציע ניט געוואָלט פאַרלירן.

געדענקט זיך מיר אויך נאָך אַ מאָדנער קוריאָז. אויף די גאַסן אין וואַרשע טרעפט מען אָן אַ שיר בעטלער. מיר דוכט, אַז דאָס איז אַ מכת־מדינה. אַ סך פון זיי זיינען זייער צודרינגלעך. בפרט ווען זיי דערשמעקן — און זיי האָבן אַ ספּעציעלן טאַלאַנט דערצו — אַז דער פאַרבייגייער איז אַן אַמעריקאַנער איד. מיין דזשעק האָט געטראָגן אַ ליכטיקן אויבער־מאַנטל. דאָס גיט צו אַ באַלעבאַטישן, פאַרמעגלעכן אויסזען, בפרט אַזאַ היפּשע פיגור ווי מיין דזשעק האָט געהאַט.

זיינען אונז אויף שריט און טריט נאָכגעגאַנגען רייען גאַנצע פון אַלערליי בעטלער. ניט בלויז אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָר געפאָדערט אַ באַשטימטע סומע, און געפאָדערט ניט, חלילה, אַ גראָשן אָדער אַ זלאָטע. אָט איז די פראַזע וואָס זיי האָבן נאָכאַנאַנד ווידערהאָלט: „גיט אַן אָרימען אידן אַ דאָלער, וואָס זעט עס זיך ביי אייך אָן?...״ אָבער, הפנים, אַז אַזוי פיל דאָלאַרן אַוועקצוגעבן טאָג־איין, טאָג־אויס, וואָלט זיך ביי דזשעק׳ן שטאַרק אָנגעזען. ער האָט בעסער באַשלאָסן ניט צו טראָגן מער דעם מאַנטל, וואָס איז צו רייך פאַר זיין קעשענע.

ווייס איך ניט צי איז עס געווען קלוג פון מיין זייט אָנצוהויבן מיינע גאַסטראָלן אין וואַרשע מיט אַ מעלאָדראַמע. איך קען פון מיין זכרון ניט אַרויסציען צי איז דאָס בכלל געווען אַן אויסגערעכנטע זאַך. עס איז געוואָרן ווי אַ רוטין אין אונזער טור איבער פאַרשידענע לענדער אָנצוהויבן מיט דער באַשטימטער פּיעסע. איז עס דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס אַ סך פון די וואַרשעווער רעצענזענטן האָבן יעדער אויף זיין אופן אויסגעדריקט איבעראַשונג און אומצופרידנקייט מיטן אויסוואַל. איך געדענק אָבער, אַז איך האָב דווקא אין דעם געפונען אַ געוויסע באַפרידיקונג. די מיינונגען, די שבחים וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן מיר און מיין שפּילן זיינען ביי מיר געווען מער אָנגעלעגט, ווייל די דערגרייכונג איז מער מיינע ווי דעם מחבר׳ס.

איך געדענק אויך, אַז איך האָב זיך אַרומגעשפּילט מיט דעם געדאַנק ניט צו געבן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז איך שפּיל בלויז אין פּיעסן פון ליטעראַרישן ווערט.

איך האָב דערפאַר זייער גוט פאַרשטאַנען ווען אַלחנן צייטלין האָט

וועגן מיין ערשטן אויפטריט אין סקאַלאַ טעאַטער, אין וואַרשע, געשריבן: „איך מוז מודה זיין, ווען איך האָב דערהערט, אַז די פּיעסע וואָס צילי אַדלער גרייט זיך שטעלן אין וואַרשע צו איר ערשטן אויפטריט רופט זיך „די אייביקע כלה" האָט מיר עפּעס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. אויך זי? אויך צילי אַדלער? אויך „אונזער צילי", ווי מען רופט זי אין אַמעריקע מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און געטריישאַפט?"

ס'איז מיר אָבער דערפאַר געווען מער אָנגעלייגט ווען ער זאָגט אין זיין רעצענזיע: „צילי אַדלער פאַרמאָגט אַ גרויסן קערנדיקן טאַלאַנט, אמת טעאַטער־בלוט. דאָס זעט מען פון יעדער באַוועגונג אירער, פון יעדן וואָרט וואָס זי רעדט אַרויס אויף דער בינע. זי איז צאַרט, איידל, חנ'עוודיק און קלוג, טעמפּעראַמענטפול און ראַפינירט. די איבערגאַנגען פון איין סיטואַציע אין דער צווייטער, פון איין שטימונג אין דער אַנדערער, ווערן פון איר דורכגעפירט אויף אַן אמת־מייסטערהאַפטן אופן".

שרייבט יעקב פּאַט: „איך האָב געזען צוויי שעה צייט צילי אַדלער אויף דער סצענע פון סקאַלאַ, און איך האָב געהערט, געפילט די גאַנצע צייט אַ צעשמעטערנדיקע אָנקלאַגע פון אידישן אַרטיסט קעגן דער אידישער ליטעראַטור. דער אַרטיסט שטייט מיט הונדערט קעפּ העכער ווי זיין דראַמאַטורג, און וואָס דער אַרטיסט איז טאַלאַנטירטער, וואָס זיין כוח איז גרעסער, שרייט אַרויס אַלץ שטאַרקער אַן אָנקלאַגע קעגן דער ליטעראַטור".

מוז איך מודה זיין אַז איך האָב ממש געשוועבט אין די הימלען לייענענדיק ווייטער אין זיין רעצענזיע, זיין מיינונג וועגן מיר דווקא אין דער מעלאָדראַמע: „צילי אַדלער איז אַ מייסטער, אַן אַרטיסט פון קאָפּ ביז די פיס. יעדער קער און באַוועגונג, אין די נעגל פון די הענט, איר גאַנצער נפש, מויל און בליקן, הענט און גוף, געוויין און געלעכטער, אַלץ, אַלץ שפּילט. זי איז אַזוי ווי אַ זעלטענער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, זי איז פול מיט האַרץ, טעמפּעראַמענט און חכמה, פיינע חכמה. זי איז אמת'דיק. פון איר שפּיל־נוסח, פון איר דיקציע און מימיק שלאָגט מיט קולטור, מיט ראַפינירטן שוישפּיל. און ניט נאָר איר שפּילן איז עכט און ציכטיק, נאָר אויך איר שפּראַך. די ווערטער און זאַצן וואָס קומען פון איר מויל אַרויס זיינען ריין, קיילעכדיק. אין די זאַצן שפּילן די ווערטער, די אותיות, אפילו די אָפּגעריסענע, די ניט־דערזאָגטע ווערטער".

איך האָב זייער האַרציק געלאַכט ווען י. פּערלע האָט באַמערקט אין זיין רעצענזיע: „לויט די פּלאַקאַטן וואָס הענגען אין די פענסטער, האָב איך מיר כּזורגעשטעלט צילי אַדלער אַ גרויסע, אַ צעוואַקסענע..." פאַר־

שטייט זיך אַז זעענדיק מיך אויף דער בינע, האָט זיך געענדערט זיין פאָר־שטעלונג וועגן מיר און ער אויך טיילט מיר צו אַ היפשע פּאָרציע לויב.

סיי די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן מיר אין דער וואַרשעווער פּרעסע, סיי די ליטעראַריש־קולטורעלע קרייזן אין וועלכע מיר האָבן זיך אָפּט געפונען, האָבן אין מיר צעשפּילט דעם חשק זיך צו ווייזן אין עטלעכע ראָלן מיינע פון בעסערן אידישן רעפּערטואַר. האָבן מיר פאַר דער צווייטער אויפפירונג צוגעגרייט הירשביין׳ס „גרינע פעלדער״. די צוזאַמענגעשטעלטע טרופּע האָט מיט ערנסט שטודירט די שיינע אידיליע. אַ צאָל אַקטיאָרן זיינען מיר געבליבן אין זכרון פון זייער פיינעם אַרויסברענגען די ראָלן — יצחק ליפּמאַן, זיין פרוי, זייער טאָכטער ענ׳י ליטאַן, אייזיק ראָטמאַן, חנה לעווין, הערמאַן פעניגשטיין, דוד לעדערמאַן, העברי און סימיק ריבאַ. ס׳איז מיר אין ווייטערדיקן גאַנג פון מיין קאַריערע קיינמאָל ניט אויסגע־קומען מער צו טרעפן זיך מיט זיי.

אָבער פאַר דער ראָלע פון מיין יונגן ברודערל אין דער פּיעסע, אברהם־יעקב, די ראָלע וואָס לאַזאַר פריד האָט דאָ געשפּילט, איז אויפגעטראָטן אַ צאַרט, יונג בחור׳ל, וואָס האָט זיך אין וואַרשע אַ נאָמען געמאַכט אין די רעוויו־טעאַטערס. ער איז נאָכדעם נאָך מער באַרימט געוואָרן אַלס דער קאָנפעראַנסיע פון אַ קליינער קונסט־טרופּע מיט דעם טשיקאַוון נאָמען „די באַנדע״, וואָס איז אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן געקומען קיין אַמעריקע, און אויך דאָ האָט זיך מנשה אָפּענהיים געשאַפן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אונזער טעאַטער־משפּחה. אין וואַרשע איז דאָס געווען זיין ערשטער אויפ־טריט אין אַן ערנסטער ראָלע.

און אָט זיינען אַ פּאָר קורצע אויסצוגן פון רעצענזיעס פון יענער אויפפירונג פון „גרינע פעלדער״. שרייבט אלחנן צייטלין אין „אונזער עקספּרעס״: „מיט דער פרישקייט און צאַפּלדיקייט פון צילי אַדלער האָט זיך אויך אָנגעשטעקט דער אַנסאַמבל פון סקאַלאַ טעאַטער, וואָס האָט מיט איר מיטגעשפּילט. האַרציק האָט פרוי נאַטאַליאַ ליפּמאַן אָפּגעשפּילט די ראָל פון דער מאַמען און מחיה׳דיק איז געווען דער יונגער אָפּענהיים אַלס אברהם־יעקב״.

שרייבט יהושע פּערלע (אין „מאָמענט״ אָדער „היינט״): „שפּילט דאָך אין די „גרינע פעלדער״ דער אַנסאַמבל גאַנץ אַנדערש ווי, להבדיל, אין דער „אייביקער כלה״. ווער שמועסט נאָך דער יונגער אָפּענהיים. ער גיט אַ כאַראַקטער פון בלוט און פלייש. אַ באַגאַבטער מענטש דער דאָזיקער אָפּענהיים. און וועמען האָט מען דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען? פּרץ הירשביין און צילי אַדלער״.

איך וויל פאַרענדיקן די גאַסטראָלן אין וואַרשע מיט מיינער אַ פריי־דיקער איבעראַשונג. אין די „ליטעראַרישע בלעטער“, רעדאַקטירט פון נחמן מייזל, האָט מען מיר געוויזן אַן אַרטיקל וועגן מיר וואָס איז געווען געדרוקט כמעט מיט אַ יאָר פריער. דער אַרטיקל, איז אַן אינטערוויו פון מיין ליב־האַרציקער קאָלעגין — וואָס האָט מיט מיר אין לויף פון מיין קאַריערע פאַרנומען דעם סאַמע אויבן־אָן אין בעסערן אידישן טעאַטער, די גאָר פיינע קינסטלערין בערטאַ גערסטין, וועלכע האָט אין יענער צייט גאַסטראָלירט אין וואַרשע.

פּאַסירט עס באמת זייער זעלטן, אַז אַ שוישפּילערין זאָל מיט אַזאַ וואַרעמקייט און טיפער אָפּשאַצונג באַהאַנדלען אירע אַ „קאָנקורענטקע“. נחמן מייזל האָט אָנגעהויבן זיין רעצענזיע וועגן מיר מיט אַ פראַזע, מיט וועלכער בערטאַ גערסטין האָט איר אָפּשאַצונג געענדיקט: „וואָס איז דאָ פאַראַן פיל צו דערציילן — צילי אַדלער דאַרף מען זען שפּילן“.

און נאָכדעם ווי ער רופט אַלעמען גיין זען צילי אַדלער שפּילן, מאַכט ער אַ סך־הכל וועגן מיין שפּילן מיט די פאָלגענדיקע פראַזן: „צילי אַדלער שפּילט ניט אַ ראָלע, זי לעבט אין דער ראָלע, פּילט זי אַן מיט בלוט, מיט חיות, מיט שפּרודלדיקן לעבן. אַלץ לעבט אין איר: די אויגן, הענט, פיס — איר גאַנצער קערפּער. זי פאַרקערפּערט אַמבעסטן דעם אויסדרוק — כל עצמותי תאמרנה“.

איך וואָלט באמת געקענט אָנשרייבן עטלעכע קאַפּיטלען וועגן אונזער דעמאָלטיקן טור אין אייראָפּע. ווי איר וועט שפּעטער זען, האָט זיך אונזער טור אויסגעצויגן אויף נאָך אַ יאָר. געדענק איך, אַז די לעצטע שטאָט אין פּוילן וואו מיר האָבן געשפּילט איז געווען ביאַליסטאָק. איז אַרום דעם דאָ אַ שטיקל סענטימענטאַלער אינצידענט. עס זיינען געקומען צו אונז צוויי מענעדזשערס פאַרצולייגן באַדינגונגען פאַר זייערע שטעט. איינער פון לעמבערג מיט זייער אַן אָנציענדיקן פאָרשלאָג; דער צווייטער פון ביאַליסטאָק. אויך מיט גוטע באַדינגונגען. מיטאַמאָל האָט מיך מיין דזשעק איבעראַשט, איבערלאָזנדיק צו מיר דעם אויסוואַל.

וויל איך, הפנים, באַרעכטיקן דאָס וואָס אַ סך האַלטן מיך פאַר אַ קלוגער, פאַר אַ חכמה. איך האָב זיך אָנגעשטויסן פאַרוואָס דזשעק האָט אַזוי געהאַנדלט. דזשעק איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק. און כאָטש ער האָט פאַרלאָזן זיין געבורטסשטאָט נאָך אַלס גאָר יונגער אינגל, כמעט

אַ קינד, פּלעגט ער ניט זעלטן ריידן מיט בענקשאַפֿט וועגן דער שטאָט און האָט געוואַרעמט די האָפֿענונג אַמאָל דאָרט ווידער צו זיין.

האָט ער, הפנים, מורא געהאַט, אַז זיינע סענטימענטן וועלן אים ניט דערלאָזן די צוויי פֿאָרשלאַגן באַטראַכטן פּראַקטיש און אומפּאַרטייאיש. האָט ער עס געלאָזן צו מיר. פֿאַרשטייט זיך אַז איך האָב אויסגעקליבן ביאַליסטאָק. וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווי איבערוועלטיקט דזשעק איז געווען ווען ער האָט מיך צוגעפֿירט צו דער שטוב וואו ער איז געבוירן געוואָרן און זיינע ערשטע יאָרן פֿאַרבראַכט. אַזאַ שמאָל געסעלע איז דאָס געווען, קוים צוויי מענטשן האָבן געקענט דורכגיין. און דאָס הייזל, אויך אַזוי קליין און אָרעם. ווען ער האָט פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק איז ער אַוועק מיט דער גאַנצער משפּחה זיינער, אַזוי אַז ער האָט דאָרט קיינעם ניט געדאַרפֿט זוכן. דאָך האָבן פֿונדעסטוועגן זיינע אַקסלען זיך אַ ווײַלע געטרייסלט שטייענדיק פֿאַר דעם הייזעלע.

ווייסן עס אַלע ביאַליסטאָקער, אַז צווישן די פֿילע מעלות וואָס ביאַ־ליסטאָק פֿאַרמאָגט שיילט זיך אויס איבער אַלעס דער וואונדער פֿון ביאַ־ליסטאָקער שטאָט־זייגער, אין סאַמע מיטן מאַרק פֿון שטאָט. עפּעס אַ כוח איז אין דעם זייגער געלעגן, וואָס ביז היינט, ווען ביאַליסטאָקער קומען זיך צוזאַמען, רעדט מען וועגן שטאָט־זייגער.

דזשעק האָט מיר אַפֿילו דערציילט, אַז אין געוויסע ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציעס זיינען פֿאָרגעקומען שטאַרקע מחלוקת׳ן ווייל עמעצער האָט זיך אויסגעדריקט מיט עטוואָס ביטול וועגן דעם דאָזיקן זייגער.

האָט מיך דזשעק געפֿירט אויף אַ דראָזשקע צום מאַרק, מיר צו ווייזן דעם וואונדער פֿון ביאַליסטאָק, דעם גרויסן שטאָט זייגער. אויפֿן וועג, געדענק איך, האָט ער מיט אַזוי פֿיל פּיעטעט גערעדט און דערציילט וועגן דעם דאָזיקן וואונדער, אַז מיר איז געקומען אין די געדאַנקען דער גרויסער זייגער איבער קופּער־יוניאָן, די זייגערס אויף די טורעמס פֿון דער עדיסאָן גאַז פֿירמע, אויף דער 14טער גאַס; פֿון מעטראָפּאָליטען לאַיף־אינשורענס קאָמפּאַני, און די אַנדערע ריזיקע זייגערס וואָס זיינען דאָ אין ניו יאָרק לרוב. ס׳איז מיר אויך געקומען אין געדאַנק דער באַרימטער לאָנדאָנער „ביג בען״. מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ניט אַנדערש, אַז די אַלע זייגערס זיינען ווי שפּילכלעך לגבי דעם ביאַליסטאָקער שטאָט־זייגער.

און אָט האָט זיך די דראָזשקע אָפּגעשטעלט און דזשעק, עפּעס ווי אַנטוישט, האָט געזאָגט: „אָט־דאָס איז עס!...״

איך האָב אַ קוק געטאָן, איך האָב ממש מיינע אויגן ניט געגלויבט. די זייגערס אויף די סאָבוועי־סטאַנציעס אין ניו יאָרק זיינען, אויב ניט

גרעסער, זיכער ניט קלענער פון יענעם גרויסן וואונדער פון ביאַליסטאָק.

ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן קעגן מיין ווילן: אָט דאָס איז גאָר, דזשעק!?...

צוליב דעם האָב איך זיך געדאַרפט העטשקען העטשקען אויף דער דראָשקע?״

עפּעס ווי אַ באַליידיקטער האָט דזשעק געקוקט אויף מיר און אויפן זייגער, און ווי פאַרשעמט אַרויסגעמורמלט: „ניט אַנדערש, דער זייגער איז איינגעדאַרט געוואָרן דורך די יאָרן...״ זאָלן מיר די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט מוחל זיין וואָס איך מאַך אַזוי צו נישט זייער גרויסן וואונדער.

דאָס אַלץ אָבער האָט מיר ניט געשטערט, אַז אונזערע גאַסטראָלן אין ביאַליסטאָק זאָלן זיך איינקריצן אין מיין זכרון. כאָטש איך בין אַזוי אַנטוישט געוואָרן אין דעם ביאַליסטאָקער שטאָט־זייגער, האָט מיך אָבער דערוואַרעמט און געגלעט די טיף־האַרציקע אידישקייט, וואָס האָט ממש פון יעדן הויז און פון די סאַמע שטיינער אין גאַס צו מיר אַרויסגעשריגן.

איך האָב מורא אַ טראַכט צו טאָן וואָס פון דעם אַלץ איז איצט געוואָרן.

שוין מיין אָנקומען אין ביאַליסטאָק האָט מיר פאַרשאַפט אָן אַ שיר פרייד. ביים וואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט אַ גרויסער עולם, וואָס האָט מיך אויפגענומען מיט אַ היפשער אָוואַציע. עס איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט מיט פּסח קאַפּלאַן, דער רעדאַקטאָר פון דער ביאַליסטאָקער צייטונג, אין דער שפּיץ.

אונזערע פאָרשטעלונגען אין פּאַלאַס טעאַטער זיינען געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג. דער טעאַטער איז באמת געווען אָנגעפילט מיט דער האַרציקער וואַרעמקייט פון עולם צו אונז. ס׳איז מיר זייער געפעלן אַן אויסדרוק אין איינער פון די רעצענזיעס דאָרט: „ווען צילי אַדלער לאַכט, לאַכט מיט איר מיט די וועלט, און ווען זי וויינט, איז עס אַ געוויין פון אַ יתום״.

צווישן דער טרופּע זיינען געווען: יודל גרינהויז, די פאַמיליע יוליאַ, הירש און זאַניאַ פלוים, שולקעס, די ברידער מתתיהו און שעפּטל זאַק, יצחק גאָדפריד און יעקב סוזאַנאָוו.

צוויי אין דער טרופּע זיינען אַ סך פון אייך באַקאַנט: דער ליבהאָבערזינגער יעקב סוזאַנאָוו, וועלכן מיר האָבן געהאָלפן קומען פון פוילן קיין לאָנדאָן און פון דאָרט קיין אַמעריקע.

און דער מיט־דירעקטאָר פון „אונזער טעאַטער״ אין עדיוקיישאָנעל אַלייענס אין ניו יאָרק, דער איבערזעצער פון דער פיינער קאָמעדיע „די ערשטע שוואַלב״, דער גאָר פיינער אַקטיאָר שעפּטל זאַק. אין מיין פאָרשטעלונג דאָרט, אין „גרינע פעלדער״, האָט ער פיין געשפּילט מיין עלטערן ברודער הירש־בער.

אגב, האָב איך זיך דאָרט באַגעגנט מיט דעם רעזשיסאָר און מאָלער

י. רויטבוים, וואָס האָט מיך אַנגעטאָן דעם כבוד צו מאָלן מיין בילד. איך האַלט עס פאַר אַ זייער אָנגעלייגטער מתנה.

איך האָב שוין אַרום יענער צייט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן אַהיים.

אָבער מיין דזשעק׳ן האָט, הפנים, שטאַרק אימפּאָנירט סיי דער געזונטער צוגאַנג פון דעם אייראָפּעאישן אידישן טעאַטער־עולם, סיי מיין גרויסער קינסטלערישער דערפאָלג. און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרווילן אין אייראָפּע נאָך אַ יאָר. פלעגט ער נאָכאַנאַנד קומען מיט נייע און נייע פאָרשלאַגן, און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט זיינען מיר שוין געווען דעם צווייטן ווינטער אין אייראָפּע און האָבן געשפּילט אין קאָוונע און ריגע.

מיר האָבן, בכלל, דורכגעקרייצט גאַנץ אייראָפּע אין דער לענג און אין דער ברייט. ניט דורכגעלאָזן אפילו אַנטווערפּן און ברוסעל אין בעלגיע, וואו מיר האָבן געשפּילט אין קעניגלעכן טעאַטער. איך האָב דאָס געפיל, אַז וואָלטן זיך דאָן ניט אָנגעהויבן די אומרועז אין אייראָפּע, וואָלט אפשר דזשעק זיך ניט אונטערגעגעבן אַזוי שנעל און מיר וואָלטן געבליבן אין אייראָפּע לענגער. איך, אָבער, האָב אים שטאַרק דערקוטשעט, אַז איך בענק זייער נאָך מיין היים, נאָך מיין זון, נאָך מיין מאַמען, נאָך מיינע חבר׳טעס און פריינט און ערשט אין מיטן אויגוסט, 1933, זיינען מיר געקומען צוריק קיין אַמעריקע.

צוליב די געשעענישן אין דייטשלאַנד און די אידן־פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן זיך היפּשלעך פאַרשטאַרקט, איז אונז גאָרניט געווען צום האַרצן, וואָס מען האָט אונז באַזאָרגט מיט אַ נסיעה אַהיים אויף אַ דייטשער שיף. און כאָטש די דייטשן אויף דער שיף, די מאַנשאַפט און באַדינער, האָבן אַרויסגעוויזן אי־בערטריבענע העפלעכקייט, איז אונז די רייזע גאָרניט איינגעגאַנגען. מיר האָבן אפילו געפּרואווט בייטן אויף אַ צווייטער שיף, גרייט געווען צו פאַרלירן עטלעכע צענדליק דאָלער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אוממעגלעכקייט, אַזוי געפּאַקט זיינען געווען אַלע שיף־ליניעס.

אָבער ענדלעך האָבן מיר דערזען ניו יאָרק מיט די פּרעכטיקע שפּיץ מויערן, וואָס זיינען מיר געווען אַזוי באַקאַנט און אַזוי ליב. און אָט דער־נעענטערן מיר זיך צום ניו יאָרקער האַפן, וואו אַן אַ שיר מענטשן־קעפּ האָבן געוואַרט אויף זייערע ליבסטע און טייערסטע. איך קען ניט פאַרגעסן דעם ציטער וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך האָב פּלוצלונג דערהערט אַלערליי אויסרופן פון אַן אַ שיר מיילער, וואָס האָבן זיך פון האַפן געטראָגן צו אונזער שיף, און איך האָב צווישן אַלע אויסגעשרייען דערקענט מיין זעליק׳ס קול שרייענדיק „מאָטהער"...

נאָך עפּעס געדענק איך פון מיין אַראָפּגיין פון שיף. איך האָב שוין

געזעגן צווישן עולם מיין זעליק׳ן, מיין מאַמען און אַן אַ שיר פריינט און נאָענטע. מיין מאַמע האָט אַכטונג געגעבן, אַז די ערשטע אָרעמס מיך אַרומצונעמען זאָלן זיין זעליק׳ס. ווי מאָדנע איך האָב געפילט. אין דעם פאַרגעניגן, אים צו האַלטן אַרומגענומען, האָט די שטעכיקייט פון זיין וואָקסנדיקע באָרד, מיך דערמאָנט: ניט מער קיין אינגעלע — אַ גרויסער בחור שוין...

ס׳איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן. ס׳איז אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן די שווערע געפילן פון געזעגענען זיך, פון „זיי געזונט״. מיר דוכט אָבער, אַז די פרייד פון באַגעגענען ווידער נאָענטע און פריינט האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. אַלנפאַלס האָב איך אַזוי געפילט יענעם טאָג, אין אויגוסט, 1933, ווען נאָך איבער צוויי יאָר וואַנדערן איבער דער וועלט בין איך געקומען אַהיים.

אין מיין זכרון איז איינגעקריצט, אַז קומענדיק פון יענעם לאַנגן טור אונזערן איבער די זיד־אַמעריקאַנער לענדער און אייראָפּע, האָב איך זיך באמת געפילט דערפרישט און דערהויבן. דער גרויסער אינטערעס פון דעם טעאַטער־עולם אומעטום, ספּעציעל די האַרציקע, וואַרעמע באַציאונג, וואָס די אידן אין פוילן ווייזן אַרויס צום טעאַטער און צום שוישפּילער. זייער באַגייסטערונג וואָס זיי דריקן אויס אַזוי דעמאָנסטראַטיוו און עפנטלעך, די קולטורעלע סביבה אַרום טעאַטער — דאָס אַלץ האָט אין מיר דערוועקט אַ פרישן באַגער זיך ווידער אָפּצוגעבן צו ערנסטע פּאַרזוכן, צו וויכטיקע אויפטועו אין אונזער טעאַטער.

דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקע האָט נאָך דאַן אויסגעקוקט היפּש־לעך איינגעפּונדעוועט אין פּאַרשפּרייט. כאָטש אַ געניט אויג האָט שוין דאַן געקענט מערקן קלאָרע סימנים פון געפאַרן, וואָס לויערן און שניידן זיך אַריין אין דעם אידישן טעאַטער־וועזן, און פאַרצערן עס ביסלעכווייז, שטופּענווייז. ס׳זיינען אָבער קיין סך געניטע אויגן ניט געווען, ניט אין אונזער טעאַטער־וועלט, ניט אין אונזער שרייבעריש־קולטורעלער וועלט. אפשר האָט מען נאָך דאַן געקענט אָפּשטעלן די מגפה... עס זעט אויס, אַז גאָר ווייניק פון אונז האָט אויף אַן אמת געאַרט די הפקרות, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אונזער טעאַטער־וועלט. ס׳האָט געהאַט גרינגשעצונג, עם־הארצות, ניבול־פּה, וואָס האָבן ממש געטריבן פון זיך ערנסטע טעאַטער־גייער און מענטשן מיט ערנסטע אַמביציעס אויף יעדן טעאַטער־געביט.

איז מיר דערפאַר געווען זייער צום האַרצן, וואָס גראָד דאַן, סוף זומער, 1933, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון אונזער טור, האָט דווקא דאָס 2טע עווניו טעאַטער, אַן אויסגעשרפּאָכטענער אָפּערעטן־טעאַטער, זיך געגרייט אויפצופירן פרץ הירשביינ׳ס וואונדערלעך־שיינע פאָלקלאָריסטישע מעשה׳לע, „אַ מעשה פון אַמאָל”. דאָס טעאַטער האָט עס ווייט און ברייט פּובליקירט אַלס אַ גרויסן מוזיקאַלישן ספּעקטאַקל, אַ קאָמבינאַציע פון ליטע־ראַטור און מוזיק, מיט לאַזאַר ווייַנער אַלס מוזיקער און אָסיפּ דימאָוו אַלס רעזשיסאָר, מיט אַ גאַר פיינער און געהויבענער שוישפּילער־טרופּע — מענער: גאָלדענבורג, בולאָוו, ראָזענטאַל, בלייך, סקולער, פעדער און אַנדערע; פרויען: ליובאַ קאַדיסאָן, דזשוליע אַדלער, פעני לובריצקי, און די מאַמע פון דער אידישער בינע, בינע אַבראַמאָוויטש. כאָטש די טרופּע איז שוין געווען פאַרפולט, האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו שפּילן די הויפּט־ראָל, וואָס איך האָב מיט פאַרגעניגן, אָן לאַנגע שהיות אָנגענומען.

אויף מיין דזשעק׳ס עצה בין איך בלויז באַשטאַנען דערויף, אַז מיין פאַרבינדונג מיטן טעאַטער איז נאָר פאַר פרץ הירשביינ׳ס פּיעסע. איך האָב דאָס רעכט זיך צוריקציען ווען די פּיעסע וועט אַראָפּ. דזשעק האָט מיר געוואָלט פאַרהיטן פון ערגערניש וואָס מיר קען אויסקומען ביים זיין גע־צוואונגען אַריינצוגיין אין דעם רעפּערטואַר פון די סטאַרס פון יענעם טעאַטער.

געדענק איך ווי ביי די פּראָבעס האָט מיך געפרייט די אַטמאָספערע וואָס אָסיפּ דימאָוו, לאַזאַר ווייַנער און די צאָל בעסערע שוישפּילער האָבן געשאַפן אין דער באַציאונג צו דער פּיעסע.

עס ליגט מיר אין זכרון אַ קלוגע טענה פון אונזער ליבער בינע אַבראַ־מאָוויטש צו איינעם פון די שוישפּילער אין דער טרופּע. אַ ברוגז׳ער אַזאַ, אַן אָנגעבלאָזענער, פלעגט ער אַריינקומען צו די פּראָבעס, אָן אַ גוט־מאָרגן. האָט זי אים איינמאָל פאַרגעוואָרפן: „איר זייט דאָך גאָרניט אַזאַ צעוואָר־פענער, מען זאָגט אפילו אויף אייך אַז איר זייט אַ קאַרגער. און דאָ, שטעלט זיך פאַר, בלויז פאַר איין גוט־מאָרגן אייערן וואָלט איר דאָך פון אַזוי פיל מענטשן געקראָגן אַ גוט־יאָר...”

די פּיעסע האָט געהאַט אַ גאָר ניש׳קשה׳דיקן דערפאָלג. דער פאַר־וואַלטער פון טעאַטער פלעגט מיך יעדן מאָל באַגריסן מיט די ווערטער: „אָט גייט מיין סוקסעסעלע”. האָט אָבער די גוטע שטימונג אויף דער בינע לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די פּערזענלעכע יאַגענישן צו סטאַרעווען, צו פאַר־כאַפּן אַלץ פאַר זיך, האָבן מיך דערעסן. דאָס טעאַטער האָט מיר אָנגעהויבן נמאס ווערן. האָב איך לויט מיין קאָנטראַקט זיך באַפרייט ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

מיין דזשעק האָט אָפּגעמאַכט מיט אַ טעאַטער אין שיקאַגאָ וואו מיר זאָלן שפּילן ביז סוף סעזאָן. בין איך ווידער אַריין אין דער שווערער רוטין פון אַ פּראָווינץ טעאַטער. איך האָב ווידער געסטאַרעוועט אין פאַרשידענע מעלאָדראַמעס.

יענעם סעזאָן האָבן מיר פּאָרט עטוואָס אויפגערודערט די דאָרטיקע בעסערע טעאַטער־גייערס. מיר האָבן אויפגעפירט אַן ערנסטע פּיעסע פון אַן אָנגעזעענעם שריפטשטעלער, כאָטש אַ גרינעם אַלס דראַמאַטורג. איך מיין דאָ חיים ליבערמאַנ׳ס, „דער נדר״, אַ שטאַרקע דראַמע פון אַלטן אידיש־חסיד׳ישן לעבן. מיר איז אַוודאי געווען צום האַרצן די ראָלע פון רחל׳ע, אַן עכט־טראַדיציאָנעל־אידישע צנועה וואָס ליידט נעבעך פאַר אַ זינד וואָס זי איז אין איר יוגנט באַגאַנגען. די פּיעסע האָט אין שיקאַגאָ געמאַכט אַ רושם, געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. ציט עס מיך דאָ צו פאַרצייכענען, אַז סיי חיים ליבערמאַן און ספּיציעל זיין פרוי, סאָניאַ גורסקאַיאַ, האָבן פאַר מיר זינט דאַן קיין אַנדער נאָמען נישט, ווי „רחל׳ע״.

מישנדיק אין מיין מוח די זכרונות פון יענע יאָרן, וואַרפט זיך מיר שטאַרק אין די אויגן דער אַרויף און אַראָפּ אין מיין דאַמאָלסטיקער טעאַטער־קאַריערע. אָט סטאַרעווע איך מיט מיין שוואָגער לודוויג זאַץ אין אַ מעלאָ־דראַמע „דיצווייטע ליבע״, פון הערי קאַלמאַנאָוויטש. איז כאָטש דר. מוקדוני און ב. לינדער שענקען מיר אָן אַ שיר קאָמפּלימענטן פאַר מיין שפּילן, געדענק איך אָבער קלאָר, אַז קיין סך פרייד און שוישפּילערישע באַפרידי־קונג האָב איך פון דעם ניט געהאַט. און אָט פיל איך זיך ווידער דערהויבן פון אַ קאָמעדיע, געשריבן ספּעציעל פאַר מיר פון דעם גרויסן דראַמאַטורג און דיכטער דוד פּינסקי, „שיר אַ טראַגעדיע״. מיט דער פּיעסע בין איך מיט אַ גרופּע שוישפּילער, עני ליליען, בראַנטשע בערנשטיין, מיין מאַן דזשעק קאָן און דער סופליאָר קעניג, אַרויסגעפאָרן אויף איינעם פון די יערלעכע פּראָווינץ־טורן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

איז דאָ, אגב, כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אָט די פּראָווינץ־טורן, סיי פון פאַרבאַנד, סיי פון אַרבעטער־רינג, זיינען פאַר לאַנגע יאָרן געוואָרן אַ גרויסער קולטורעלער בייטראָג פאַר די פּראָווינץ־שטעט איבער אַמע־ריקע און קענעדע.

אָט גיי איך ווידער אַריין אין איינער פון מיינע שטאַרקסטע מעלאָ־דראַמאַטישע פּיעסן, „די פאַרגעסענע מאַמע״. מען מאַכט פון דעם מיט מיר אַ פילם אונטערן נאָמען „וואו איז מיין קינד?״, און איך טרעט אויף פערזענלעך אין פאַרשידענע מואווי־הייזער, וואו דאָס בילד ווערט געוויזן.

און אָט באַטייליק איך זיך אין דער שיינער אויפפירונג פון נחום

סטוטשקאָוו׳ס „ביי טאַטע־מאַמעס טיש״, אין אירווינג פּלעיס טעאַטער מיט אַ גרופּע ערנסטע שוישפּילער. מיט מיר אין אויבן־אָן זיינען: מיכל ראָזנבערג, יהודה בלייך און יודל דובינסקי, אַפילו מיט אַ ספּעציעלן רעזשי־סאָר, מיכאַאיל ראָזומני. די פּיעסע, אַ פיין בילד וואָס באַהאַנדלט אַ וויכטיקן פּראָבלעם אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, האָט געהאַט גאָר אַ היפּשן דערפאָלג.

אָט אין אַזעלכע זיג־זאַגן איז אין יענע יאָרן מיין קאַריערע געגאַנגען.

דאַרף איך דאָ אויך פון יענער זיגזאַג־פּעריאָדע מיט גוטע דעראינערונגען דערמאָנען בן־עמי׳ס פיינע אויפפירונג פון „חבר נחמן״, אין נעשאָנאַל טעאַטער — אַ שטאַרקע דראַמע פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם גרויסן נאָוועליסט און דראַמאַטורג י. י. זינגער. אין יענער פּיעסע האָב איך צום ערשטן מאָל געשפּילט מיט דעם זייער פיינעם שוישפּילער און זינגער, יעקב רעכטצייט. זיין ערנסטע באַציאונג, זיין גרינטלעכער צוגאַנג צו זיין ראָלע, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. בין איך צופרידן ביי דער געלעגנהייט, מיט וואַרעמקייט צו דערמאָנען זיין יונגן ברודער, דעם באַגאַבטן און באַ׳חנ׳טן זינגער און שוישפּילער סימור רעכטצייט. איינער פון אונזערע פּאָפּולערסטע ראַדיאָ־סטאַרס. שפּעטער פּרעזידענט פון אונזער יוניאָן.

אגב, וויל איך דאָ אים קאָמפּלימענטירן ניט נאָר פאַר זיין פּערזענלעכן בייטראַג צום טעאַטער, נאָר אויך פאַר אויסקלייבן אַלס זיין לעבנס־באַגלייטערין, די ביז־גאָר טאַלאַנטירטע זינגערין און שוישפּילערין, די האַרציקע מרים קרעסין. מיט איר אינטעליגענץ, אידישן חן און אַל־זייטיקע פעאיקייטן, וואָלט זי ביי גינסטיקע אומשטענדן געקענט ווערן אַ וויכטיקער כוח ביים בעסערן אידישן טעאַטער. איר זאַפטיקער אידיש האָט זי מיט רעכט דער־הויבן צו דער וויכטיקסטער פרויען־פּערזענלעכקייט אין אונזער אידישער ראַדיאָ־וועלט.

ווייס איך ניט צי וועל איך מיט דעם אַנטדעקן אַ נייעס, צי אַנדערע וועלן זיך מיט מיר קרגן דערפאַר, אָבער אין מיין באַוואוסטזיין האָב איך שוין דערפילט דעם אָנהויב פון דער ירידה פון אידישן טעאַטער, דעם „פּונים יאַריד״, סיי מיין אייגענעם, סיי פון אידישן טעאַטער בכלל, נאָך אין יענער צייט פון די מיטן־דרייסיקער יאָרן. און ווי מענטשן אויף דער עלטער דערגייען אָפט צו קינדישקייט, איז אויך אונזער טעאַטער דער־גאַנגען צו זיינע אָנהויב־יאָרן פון אויפטרעטן אין קעלערס, ווען אפילו אויסער־לעך פאַרשענערט, ווי דער „באָרשט סוירקיט״ און אַנדערע זומער און ווינטער האָטעלן. עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס אידישע טעאַטער, די פּראָפעסיע בכלל, איז שנעל געגאַנגען באַרג אַראָפּ.

די הויפּט הכנסה פון אַ סך שוישפּילער איז געווען באַזירט אויף אַרויס־טריטן ביי באַנקעטן און ענלעכע שמחות. אַנדערע זיינען אפילו אַוועק אין שעפּער אַרבעטן. אַ קליינע צאָל האָט געהאַט דאָס גליק זיך צו פאַרבינדן מיט שטענדיקע פּראָגראַמען אויף דער אידישער ראַדיאָ; אַנדערע, וויניקער גליקלעכע, האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט צייטווייליקע אויפטריטן אויף דער ראַדיאָ. אין סך־הכל, איז אין לויף פון יענע יאָרן דאָס אידישע טעאַטער, אַלס פּראָפעסיע, אַלץ מער און מער געפאַלן. די נאָענט צו אָנדערהאַלבן צענדליק אידישע טעאַטערס וואָס האָבן עקזיסטירט אין ניו יאָרק, זיינען יאָר־איין, יאָר־אויס, רעדוצירט געוואָרן ביז מיר זיינען געבליבן ביי צוויי אָדער דריי פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס, וואָס עקזיסטירן מיט מאַטערניש אין דעם לעצטן צענדליק יאָר. די אַמאָליקע 40־וואָכיקע סעזאָנען זיינען איינ־געשרומפּט געוואָרן צו קוים 10 אָדער 12 וואָכן.

ס'זיינען געווען יאָרן, ווען דער גייסטיקער שיינדל פון אַ אידישן טעאַטער־סעזאָן אין ניו יאָרק איז באַשטאַנען אין די געלונגענע אויפפירונגען פון דער גרופּע אידיאַליסטישע טעאַטער־ליבהאָבער, פון דער „אידישער פאָלקס־בינע", אין אַן אָרימען, קלאָגעדיקן טעאַטער־זאַל ערגעץ אויף סטענטאָן סטריט, מיט אַ בינעלע ד' על ד'. קען איך ניט מיט ריינעם געוויסן אָנווייזן אויף וועלכע ניט איז טעאַטער־דערפאָלגן וואָס איך פּערזענלעך האָב דער־גרייכט אין די עפּעס מער פון די לעצטע צוויי צענדיק יאָר.

איך האָב זיך אויך געשאַפן אַ צאָל קאָנצערט־פּראָגראַמען און געהאַט אָפטע אַזעלכע אויפטריטן אין פאַרשידענע צענטערס איבערן לאַנד, פון דענווער ביז פלאָרידאַ, ביז וויניפּעג, אין דער ווייטער קאַנעדע. איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף די רייזעס מיינע מיט פיינע, אינטעליגענטע, וואַרעמע אידן, וואָס בענקען נאָך אידיש טעאַטער. מען האָט מיר צוגעטיילט אַ סך כבוד, און, ווי זאָגט מען עס, איך האָב זיך אויסגעשלאָגן אַ פיינעם לעבן. קיין טעאַטער־באַפרידיקונג איז עס ניט געווען.

ווי האָט עס לעצטנס אָפּגעז'סך־הכל'ט אָסיפ דימאָוו, רעדנדיק וועגן מיין קאַריערע — „וויפיל פיעסן, וויפיל ראָלן, וויפיל קאָנצערטן האָט צילי דורכגעמאַכט! שטיל, באַשיידן האָט די מיניאַטורנע דאַמע געקעמפט פאַר דער עקזיסטענץ פון אידישן טעאַטער, קיינמאָל ניט ביליק געמאַכט די בינע".

איך בין, הפּנים, ניט געווען די איינציקע וואָס האָט אַזוי געפילט וועגן דעם שנעלן גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ פון אידישן טעאַטער. דאָס האָט אויך אַנדערע באַאומרואיקט.

אַרום 1938 האָט מיין שוואָגער יוסף שיינגאָלד, מיין שוועסטער פּרענ־

ציס׳עס מאַן, וואָס איז אין אונזער טעאַטער־פּראָפּעסיע פאַררעכנט געוואָרן כמעט ווי אַן אַדלער, צוזאַמענגערופן די גאַנצע משפחה מיט דער אויסנאַם פון מיין שוועסטער סטעלאַ, וועלכע איז דאַן געווען אויף אַ טור אין זיד־אַמעריקע. זיינען אַלע אַדלערס געקומען. ער האָט פאַר אונז פאָרגעלייגט אַ זייער וואונדערלעכן פּלאַן. איך וואָלט געזאָגט, אַ געניאַלער איינפאַל, אַ צווייענדיקע קאָמבינאַציע.

די וועלט־באַרימטע משפחה ראָטשילד, איז אַ נאָמען וואָס איז יאָרן און דורות געווען אויף דער אידישער צונג, פון די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך ביז די גרעסטע אידישע ישובים. אַזוי פיל אַנעקדאָטן, מעשות און לעגענדעס זיינען פון און אַרום די ראָטשילדס געשאַפן געוואָרן אין פאָלק. דער נאָמען איז אין דער אידישער ליטעראַטור געוואָרן אַ סינאָנים פון עשירות, פון וועלכער שלום עליכם׳ס „ווען איך בין ראָטשילד" איז דער בעסטער ביישפּיל. וועגן אָט דער משפחה איז געשאַפן געוואָרן מיט יאָרן צוריק אַ קאָמעדיע אונטערן נאָמען „די 5 פראַנקפורטערס", ווייל דער שורש פון דער משפחה האָט געוואוינט אין דער דייטשער שטאָט פראַנקפורט.

שיינגאָלד האָט אונטערשטראָכן, אַז דער נאָמען אַדלער איז צווישן די אידישע טעאַטער־גייערס איבער דער וועלט, און ספּעציעל אין אַמעריקע, ניט ווייניקער באַקאַנט ווי דער נאָמען ראָטשילד. כאָטש דער הויפּט פון דער אַדלער־משפחה, דער וואָס האָט מער ווי אַלע געפירט צו דעם, אַז דער נאָמען אַדלער זאָל אַזוי באַרימט ווערן, דער נשר הגדול יעקב פּ. אַדלער, איז שוין ניט מער מיט אונז, ווייסן מיר אָבער אַלע, אַז צווישן די לעבנגעבליבענע אַדלערס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן מיט כבוד פאָרגעזעצט און געטראָגן דעם גרויסן נאָמען פון דער אַדלער־דינאַסטיע. לייגט ער דערפאַר פאָר, אַז אָט די קאָמעדיע זאָל געשפּילט ווערן פון דער אַדלער־משפחה. אין דער קאָמעדיע זיינען דאָ צען ראָלן — די צען ראָלן זאָלן געשפּילט ווערן פון צען אַדלערס.

דער געדאַנק האָט אונז אַלעמען אימפּאָנירט. אפילו די געשעפטסלייט פון אונזער משפחה, מיין ברודער אייב און מיין מאַן דזשעק קאָן, האָבן אין דעם געזען גאָר גרויסע מעגלעכקייטן. שיינגאָלד האָט אונז געזאָגט, אַז ער איז אַזוי זיכער געווען אין אונזער צושטימונג, אַז ער האָט שוין באַשטעלט די איבערזעצונג. דער נאָמען אין אידיש וועט זיין „מיליאָנען".

הפּנים, אַז צייט און יאָרן גלייכן אויס אַ סך קרומקייטן, גלעטן אויס אַ סך קנייטשן. אַזוי, אַז אין די שפּעטע, מיטעלע יאָרן מיינע, בין איך איינגעגלידערט געוואָרן אין דער גאַנצער אַדלער־משפחה. אַלע זיינען אַזוי באַהערשט געוואָרן פון דעם איינפאַל און דעם אויפטו, אַז עס האָט באמת

געהערשט אַ קאָלעגיאַלע און משפּחה׳דיקע שטימונג. ווען שיינגאָלד האָט פאַר אונז פאָרגעלייענט די קאָמעדיע און אַלס רעזשיסאָר איינגעטיילט די ראָלן, האָט זיך ביט געוויזן קיין שום קנאה, וואָס דווקא מיר איז צוגעטיילט געוואָרן די הויפּט־ראָלע, די באַרימטע ראָטשילד־מאַמע גדולה.

ס׳איז דערביי צוגעקומען נאָך אַן עלעמענט וואָס האָט אונז אַלעמען נאָך מער צוגעזאָגט, אַז אונזער פאַרזוך וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג. שיינגאָלד האָט אונז געמאָלדן, אַז דער באַרימטער ענגליש־אידישער קאָמי־קער און זינגער דזשאָרדזש דזשעסעל זעט אַזוי פיל מעגלעכקייטן אין דער קאָמבינאַציע, אַז ער האָט זיך אונטערגענומען די אויספירונג צו פינאַנסירן. האָט עס באמת אַראָפּגעשיינט פון קעפּלעך אין די ענגלישע צייטונגען — "Ten Adlers Play 5 Frankfurters" (צען אַדלערס שפּילן 5 פראַנקפורטערס), און ס׳האָט אימפּאָנירט די פּראָגראַם וואָס האָט זיך געלייענט: גדולה — צילי אַדלער; דזשעיקאָב — לוטהער אַדלער; אַנשל — אַדאָלף אַדלער; קאַרל — אוירווינג אַדלער; שאַרלאָט — דזשוליאַ אַדלער; דיוק אָוו טאונות — טשאַרלס אַדלער; קאָונטעס — עוועלין פּערל אַדלער; דאָטשעס פון קלאַוסטאָן — מאַדאַם סאַראַ אַדלער; סאַלאָמאָן — דזשאָזעף שיינגאָלד.

געשפּילט האָבן מיר אין דעם טעאַטער ניו יאָרקער, אויף בראָדוועי. איז דער אויספאַל פון אַלעמען געליבט געוואָרן, סיי אין דער אידישער, סיי אין דער ענגלישער פּרעסע. צו מיין באַדויערן מוז איך אָבער זאָגן, אַז דווקא די ענגלישע צייטונגען האָבן מיט מער סענטימענטן אונטערגע־שטראָכן די קאָמבינאַציע וואָס די גרויסע באַרימטע ראָטשילד־משפּחה ווערט אויפגעלעבט אויף דער בינע פון דער גרויסער באַרימטער אַדלער־משפּחה.

ס׳איז ביז היינט מיר שווער צו באַשטימען, פאַרוואָס די קאָמבינאַציע אין וועלכער אַלע אַן אויסנאַם האָבן געזען אַזוי פיל מעגלעכקייטן, אַז אָט די קאָמבינאַציע האָט ביט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג. ס׳קען זיין, אַז איך דאַרף זיך פילן טיילווייז שולדיק קעגן די אַדלערס. ווען שיינגאָלד האָט אונז פאָרגעלייגט דעם פּלאַן, זיינען עטלעכע פון אונז געווען מיט דער מיינונג, אַז די פאָרשטעלונג זאָל געשפּילט ווערן אין ענגליש. עס איז אַ ברייטערער פעלד, גרעסערע מעגלעכקייטן. איך בין באַשטאַנען, אַז מיר מוזן עס טאָן אין אידיש. מיין נאַטירלעכער אינסטינקט, האָב איך גע׳טענה׳ט, זאָגט מיר אונטער, אַז סיי די אַדלערס, סיי די ראָטשילדס זיינען אידישער אייגנטום. דער סענטימענט קען דערביי זיין נאָר אין דער אידישער שפּראַך. קען זיין, אַז מיין אינסטינקט האָט מיך און אונז אַלעמען אָפּגענאַרט. אָדער אפשר איז דער טעאַטער „ניו־יאָרקער" געווען צו־וויט פאַר אידישע טעאַטער־

גייער פון יענער צייט, אַזש אין די 50קער גאַסן און 8טע עוועניו. ס׳זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ סך גוטע מיינונגען סיי וועגן אויפטו, סיי וועגן שפּילן. אַוודאי האָב איך געקראָגן אָן אַ שיר וואָגיקע קאָמפּלימענטן. עס רייצט מיך אָבער ניט זיך איצט מיט זיי צו באַרימען.

מיט גאַנצע פינף יאָר שפּעטער האָט זיך ווידער באַוויזן אַ פאַרזוך עפּעס צו טאָן כדי אָפּצושטעלן די ירידה פון אונזער אידיש טעאַטער. מיין מאַן, דזשעק קאָן, פאַר וועמען, ווי איר ווייסט שוין, אידיש טעאַטער איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן, האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ פאַרזוך אויפצולעבן דעם אינטערעס פון אידישן עולם צו אידיש טעאַטער. דאָס איז געווען שוין כמעט סוף זומער פון 1943. ער האָט צו־זאַמענגערופן די פאָלגענדיקע שוישפּילער: יעקב בן־עמי, בערטאַ גערסטין, פּרענציס אַדלער, מישאַ און לוסי גערמאַן, מנחם רובין, מאַקס באָזשיק און מיר, און אונז פאָרגעלייגט אַ פּלאַן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס סוף זומער זיינען נאָך די אַלע שוישפּילער, מיך אַריינגערעכנט געווען פריי, ניט געווען אין ערגעץ אַנגאַזשירט — קיין טעאַטער האָט קיין אָרט ניט געהאַט, זיך ניט געגנויטיקט אין אַזעלכע ריזיקע כוחות ווי איך האָב דאָ אויבן אויסגערעכנט, — אָט דער פאַקט אַליין, דוכט מיר, זאָגט עדות וועגן דעם מורא׳דיקן גאַלאָפּ מיט וועלכן דאָס אידישע טעאַטער איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ.

מיין דזשעק האָט אונז פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן זיך אָרגאַניזירן, איינשטודירן גאָרדינ׳ס „גאָט, מענטש און טייוול״ און פאָרן איבער אַמעריקע. זיין טעאַטער־אינסטינקט האָט אים דיקטירט, אַז גראָדינ׳ס שטאַרקע סאָציאַלע אידישע דראַמע, געשפּילט פון לויטער ערשט־קלאַסיקע שוישפּילער, כמעט די סאַמע סמעטענע פון דער אידישער טעאַטער־פּראָפעסיע, וועט מוזן אויפוועקן ביים עולם זיינע סענטימענטן. ער האָט שטאַרק געגלויבט, אַז אַמעריקע פאַרמאָגט נאָך זייער אַ סך אידן וועמען עס גייט אָן אמת־אידיש טעאַטער.

איז, הפּנים, טיף אין די הערצער פון יעדן איינעם פון יענער אויסערגע־וויינלעכער גרופּע שוישפּילער געלעגן די זאָרג פאַר דער טרויעריקער לאַגע פון אידישן טעאַטער. אַלע האָבן דערפילט, אַז דער פּלאַן האָט גרויסע מעג־לעכקייטן, און דער גרויסער נס איז געשען. עס זיינען מיטאַמאָל ביי אָט די אַלע פירנדיקע שוישפּילער אַוועקגעפאַלן צוויי שוואַכקייטן מיט וועלכע סטאַר־שוישפּילער זיינען געווען געשטראָפט: ערשטנס, די מיינונג, אַז גלייכע קאָאָפּעראַטיווע פאַרדינסטן קענען זיי, חלילה, פינאַנציעל קריוודען; דאַן, די צווייטע, גרעסערע מורא, אַז ניט זיי וועט אָנקומען צו שפּילן די הויפּט־ראָל. אַלע האָבן מיט באַגייסטערונג זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

די קאָאָפּעראַטיווע טרופּע פון „גאָט, מענטש און טייוול״ מיט ראובן גוסקין — פאַרוואַלטער פון דער יוניאָן

דאַרף איך אייך ניט זאָגן, אַז יעדער איינער פון אונז איז געווען דורך־און־דורך באַקאַנט מיט יעדן וואָרט פון דער פּיעסע, מיט יעדער ראָלע, מיט יעדן כאַראַקטער. מיט אויסערגעוויינלעך־קאָלעגיאַלער און חבר׳ישער באַציאונג און גלייכצייטיק מיט אַ געוויסן דרך־ארץ, איז איינשטימיק באַשטימט געוואָרן בן־עמי אַלס רעזשיסאָר, ווי אויך דאָס איינטיילן פון די ראָלן. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין גאַנצער טעאַטער־קאַריערע ניט געפילט אַזאַ אויפריכטיקע צופרידנקייט פון איינעם מיטן צווייטן.

גאָר אָן אַ שוועריקייטן זיינען די ראָלן באַשטימט געוואָרן: אַלס הערשעלע דובראָוונער — יעקב בן־עמי; פּעסעניו — בערטאַ גערסטין; פריידעניו — פרענציס אַדלער; ציפּעניו — צילי אַדלער; לייזער בדחן — מאַקס באָזשיק; כאַצקל דראַכמע — מישאַ גערמאַן; דאָבע — לוסי גערמאַן; אוריאל מזיק— מנחם רובין. פאַר דער ראָלע פון מאָטעלע איז אָנגעשטעלט געוואָרן דער טאַלאַנטירטער יונגער שוישפּילער, יצחק רויטבלום. האָבן מיר מיט גרויס חשק און כמעט מיט יום־טוב׳דיקער שטימונג איינשטודירט די פּיעסע. יעדער דעטאַל, יעדע באַוועגונג איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און מיט דער שטרענגסטער דיסציפּלין.

געדענק איך מיט וואָס פאַר אַ שווערע הערצער מיר זיינען געגאַנגען פון אונזער האָטעל צום טעאַטער אין מאָנטרעאַל. די שטאָט איז געווען באַגראָבן אין טיפן שניי. מיר האָבן זיך ממש געהאַלטן ביי די הענט צו קענען בשלום דורכבראָדיען די בערג שניי. קיין טעקסיס, קיין טראַמווייען זיינען ניט געפאָרן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס טעאַטער וועט זיין ליידיק.

איז אונז ביז הייַנט ניט פאַרשטענדלעך ווי אַזוי דער עולם איז געקומען. דאָס טעאַטער איז בוכשטעבלעך געווען איבערגעפּאַקט. אונזער גאַנצער טור פון 13־14 וואָכן איז געווען איין גרויסער טריאומף. מ׳האָט ממש געזען די אויפלעבונג, די גוואַלדיקע באַנייאונג וואָס דער עולם האָט געפילט אין טעאַטער. מיר האָבן געשעפּט כבוד און געלט מיט דער פולער האַנט.

בלייבט נאָך אַלץ די אַלטע קשיא: פאַרוואָס איז פון דעם אויך גאָרניט געוואָרן? מען האָט זיך ניט געקענט פאַרשטענדיקן וועגן דעם אויסוואַל פון אַ צווייטער פּיעסע, סיי פון אַלטן רעפּערטואַר, סיי פון די ניי־געשריבענע פּיעסן. די גיסטיקע צייט איז פאַרשפּילט געוואָרן. ווי גייט דער געלונגענער אַמעריקאַנער אויסדרוק — „ווי מיסד דהי באָס!" (מיר האָבן פאַרשפּעטיקט דיבאַן).

איך ווייס ניט, צי יעדער איינער וואָס דערציילט זכרונות, וואָס גיט איבער די געשיכטע פון זיין לעבן, פילט אַזוי ווי איך פיל אַצינד. קומענדיק נאָענט צום סוף פון מיין דערציילן, ווער איך באַהערשט פון פיינלעכע געפילן, אַזוי ווי איך וואָלט זיך געשיידט מיט מיין אייגן לעבן. און אַוודאי איז דאָך דאָס אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז דאָ מוזן איינגעפלאָכטן ווערן פאַרגאַנגענע לעבנס פון אייגענע, פון נאָענטסטע, פון ליבסטע. וועט איר מיר דערפאַר מוחל זיין וואָס אין אָט די לעצטע קאַפּיטלען וועט זיך אָפּט אַריינרייסן אַ געפיל פון טרויער.

נאָך דעם טריאומף־טור פון אונזער קאָאָפּעראַטיווער טרופּע מיט „גאָט, מענטש און טייוול", האָט מיך באַגעגנט אַ שווערע טראַגישע פּאַסירונג אין מיין קליינער ענגער משפחה. אין אויגוסט, 1944, איז נאָך אַ שווערער קראַנקייט געשטאָרבן מיין שוואָגער, דער געניאַלער לודוויג זאַץ, קוים אין 49טן יאָר פון זיין לעבן. זיין פריצייטיקער טויט האָט מיך שטאַרק צע־טרייסלט. זיין גאַנץ לעבן, זיין טעאַטער־לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ים מיט אַלערליי געפילן. זאַץ איז געווען געבענטשט מיט דעם אמת'ן פונק פון געניאַליטעט און דאָך האָט ער אים אַזוי אָפּט צע'פּטר'ט אויף נישטיקע דערגרייכונגען. איך האָב אָפּט געהאַט דעם געפיל, שפּילנדיק מיט אים, אַז ער שפּילט צו'להכעיס, קעגן זיך אַליין, קעגן זיין געניאַלן טאַלאַנט און קעגן אונז אַלעמען. ערגעץ, באַך גאָר אין אָנהייבן פון זיין פּיל־צוזאָגנדיקער קאַריערע, האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט אַ געוויסער ציניזם פון וועלכן ער האָט ניט געקענט, און אפשר ניט געוואָלט, זיך באַפרייען.

צוויי יאָר שפּעטער, אין פעברואַר 1946, האָב איך געליטן נאָך אַ גרע־סערן פאַרלוסט. מיין מאַמע, דינע פיינמאַן, איז געשטאָרבן. איז דאָס אויך אַ רעטעניש וואָס איז שווער צו פאַרטייטשן מיט דער געזונטער לאָגיק. דער טויט פון אַזעלכע נאָענטע, מעג ער קומען אין טיפן עלטער, מעג ער באַפרייען פון לאַנגע, שווערע פיזישע יסורים אוןליידן, צעטרייסלט אונז. מיר ווערן דערשיטערט פון עצם טויט. מיין מאַמע איז, חוץ מיין קינד זעליק'ל, געווען דער ליבסטער מענטש וואָס איך האָב אין מיין לעבן געהאַט. אפשר האָט איר דאָס פון מיין דערציילן שוין אַליין אַרויס־גענומען. איר גרויסקייט אַלס שוישפּילערין, איר איידעלער, פיינער כאַ־ראַקטער, איר אָפענער, קלאָרער בליק אויפן לעבן, איר גרויסע, טראַגישע ליבע צו מיין טאַטן, יעקב פּ. אַדלער — דאָס אַלץ צוזאַמען, האָט מיין מאַמעס פּערזענלעכקייט טיף אַריינגעוואָרצלט אין מיין באַוואוסטזיין, אין

מיין לעבן, אין מיין טראַכטן, אין מיין אָטעמען. די לעצטע צוויי־דריי יאָר פון איר לעבן, זיינען פאַר איר געווען אַ שווערע משא. אויסגעוועפּט האָט זיך דער שאַרפער מוח אירער, זי האָט אָפט אַרויסגעוויזן כמעט קינדישע געדאַנקען. איך פלעג אַזוי מורא׳דיק ליידן זעענדיק ווי מיין גרויסע מאַמע ווערט־ניט, פאַרשווינדט. און דאָך האָט דער עצם טויט אירער מיך מורא׳דיק צעטרייסלט.

איך האָב טיילווייז געפילט אַ געוויסע טרייסט פון דעם ווי מיין מאַמעס טויט איז אויפגענומען געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל מיין מאַמע האָט אַ צאָל יאָרן פאַר איר טויט אין אַמעריקאַנער אידישן טעאַטער ניט געשפּילט. זי האָט יענע יאָרן געקיניגט אין לאָנדאָן. און מיר ווייסן זייער גוט ווי שנעל אַ שוישפּילער ווערט פאַרגעסן. האָב איך, ווי געזאָגט, דערפאַר געהאַט די גרויסע טרייסט וואָס אין דער פּרעסע דאָ האָט איר טויט אַרויסגערופן אַ סך אויסדרוק. צופעליק זיינען אין יענע וואָכן געשטאָרבן צוויי גאָר גרויסע, וועלט־באַרימטע טעאַטער־קינסט־לער, דער ענגלישער שוישפּילער דזשראָדזש אַרליס און איוואַן מאָסקווין, דער גרויסער רוסישער שוישפּילער. זיינען אין די אָפּשאַצונגען געמאַכט געוואָרן פאַרגלייכן. חוץ אירע גרויסע פאַרדינסטן אַלס שוישפּילערין, איז אין די נעקראָלאָגן אונטערשטראָכן געוואָרן איר איידעלע פּערזענלעכקייט און געזונטע לאָגיק.

עס איז טיילווייז צוליב מיין מאַמישער שוואַכקייט און אפשר אויך באַוואונדערונג פאַר מיין מאַמען, וואָס איך וויל דאָ פאַרצייכענען פאָלגענ־דיקן עפּיזאָד:

דאָס איז געווען ווען זי האָט געקראָגן איר ערשטע האַרץ־אַטאַקע, מער ווי אַ יאָר פאַר איר טויט. מיין זעליק׳ל איז דאַן געווען אַן „אינטורירן” אין בית־ישראל האָספּיטאַל. ער האָט פון איר וואוינונג אין די בראָנקס זי גענומען אין אַן אַמבולאַנס צו זיך אין שפּיטאָל. פון יענער רייזע אין אַמ־בולאַנס האָבן מיר דערציילט בײדע, סיי די מאַמע, סיי זעליק.

די מאַמע האָט מיר געזאָגט: „אוי, צילי, ווען איך בין געלעגן אין אַמבולאַנס און זעליק׳ל איז געזעסן לעבן מיר אין זיין ווייסן יוניפאָרם און געהאַלטן מיין האַנט, איז, קוקנדיק אויף אים, מיר ממש צוגעקומען אַ שטיק געזונט — מיין אייניקל ראַטעוועט מיך”.

זעליק האָט מיר געזאָגט: „זי האָט אין אַמבולאַנס אויף מיר געקוקט מיט אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל נחת, אַזוי פיל באַפרידיקונג, אַז אויב איך וועל אין מיין גאַנצער דאָקטאָרשער קאַריערע מער גאָרניט דערגרייכן, וועט אָט יענער מאָמענט וואָס האָט מיין ליבער באָבען געגעבן

אַזוי פיל צופרידנקייט מיר שוין האָבן באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט צו ווערן אַ דאָקטאָר".

אין מיין דערציילן האָט מיין משפחה־פּלאָנטער פאַרנומען אַ היפּשן אָרט, און כמעט שטענדיק אַרויסגערופן ניט ווייניק טרויער און גאַנץ אָפט טרערן. וויל איך דאָ, כמעט צום סוף פון מיין דערציילן, אויך פאַרצייכענען אַ פּאָר פריילעכע מאָמענטן, וועלכע זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם משפחה־פּלאָנטער מיינעם.

מיין זון איז געבוירן געוואָרן, געוואַקסן און געמאַכט אַלע זיינע דער־גרייכונגען אַלס זעליק פריד. ווייסן עס זייער ווייניק מענטשן אויסער דער פּראָפעסיע, אַז דר. סעלווין פריד איז מיין זון. זיינען אַרום דעם דאָ עטלעכע זייער טשיקאַווע, כמעט אומגלויבלעכע געשעענישן. אַ געוויסע צייט אין אָנהויב פון זיין מעדיצינישער קאַריערע, איז ער געווען דער דאָקטאָר פאַר אַלע אָנגעשטעלטע אין גימבעל׳ס דעפּאַרטמענט־סטאָר. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איינער פון די יונגע בחורים האָט געדאַרפט אָפּערירט ווערן. ווען יענער האָט עס דערציילט זיין מאַמען, אַ אידישע פרוי אין בראָנזוויל, איז זי געוואָרן אַ פאַרציטערטע — סטייטש, שוין אַן אָפּעראַציע? ווער האָט עס באַשלאָסן? ווער איז דער דאָקטאָר? דער זון האָט איר געזאָגט אַז דער דאָקטאָר הייסט פריד.

זי האָט זיך גלייך טעלעפאָניש געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם הויפּט פון איר זונס אָפּטיילונג און אים באַוואָרפן מיט אַלערליי פראַגן. ערשט נאָך אַ לאַנגן טעלעפאָן־געשפּרעך, האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זיך מיט אים דורכריידן פּערזענלעך. זי איז געקומען. זי האָט פאַר אים אויסגעגאָסן איר גאַנצע מאַמישע געטריישאַפט און זאָרג. זי מוז וויסן ווער איז דער דאָקטאָר, צי איז ער גרויס גענוג, אַז זי זאָל אים געטרויען איר אויג אין קאָפּ, וואָס פאַר אַ רעפּוטאַציע האָט ער אַלס דאָקטאָר. יענער האָט זיך געפונען פאַרלוירן פון די אַלע פראַגן. ער ווייסט נאָר, אַז ער איז אַ יונגער דאָקטאָר מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע. פאַר דער ציטערדיקער מאַמע איז עס, הפּנים, ניט געווען גענוג. זי האָט אַלץ גערעדט, גע׳טענה׳ט און געפּאָדערט. אין די אומגעדולדיקע עטנפערס פון דעם פאַרוואַלטער, אַ אידישער מיטליאָריקער מענטש, איז אַרויסגעקומען, אַז דער דר. סעלווין פריד איז דער זון פון צילי אַדלער. דער מוטערס אויגן האָבן ממש אויפ־געלויכטן און אַ גליקלעכע, אַ טריאומפירנדיקע איז זי ערשט באַפאַלן דעם פאַרוואַלטער: „פאַרוואָס האָט איר עס מיר באַלד ניט געזאָגט? איר וואָלט דאָך מיר פאַרשפּאָרט דאָס שלעפּן זיך אַזש פון בראָנזוויל צו אייך. אַז צילי אַדלער איז זיין מאַמע, קען איך אים געטרויען מיין קינד".

און כדי איר זאָלט ניט מיינען, אַז אַזאַ געפיל קען בלויז זיין ביי אַ מאַמען אין בראָנזוויל, מוז איך אייך דערציילן נאָך אַ געשעעניש:

דער הויפּט־ספּעציאַליסט אין דער יוראָלאָגישער אָפּטיילונג אין בית־ישראל האָספּיטאַל איז געווען דער באַרימטער פּראָפעסאָר ווילהעלם. מיין זעליק איז געווען זיין וויכטיקסטער געהילף און זייער אָפט אים פאַרטראָטן אפילו אין גאַר קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַן עלטערער איד איז געלעגן אין שפּיטאָל דאָרט, וואַרטנדיק אויף אַן אָפּעראַציע וואָס ווילהעלם האָט געדאַרפט דורכפירן.. און ס׳איז געשען, אַז דער דר. ווילהעלם איז אַליין פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין פלאָרידאַ, און אויף זעליק׳לען איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דאָס דורכפירן פון דער אָפּעראַציע. זעליק האָט געפונען פאַר נויטיק דעם פּאַציענט צו מעלדן וואָס ס׳איז געשען און פאַרזיכערט דעם אידן, אַז אויב ער האָט ניט דעם נויטיקן צוטרוי צו אים, וועט ער זיך ניט פילן, חלילה, באַליידיקט, אויב ער וויל אַן אַנדער ספּעציאַליסט אויף ווילהעלמ׳ס אָרט. דער איד איז געוואָרן שטאַרק באַאומרואיקט פון די נייעס. ער האָט פאַרלוירן געקוקט אויף זעליק׳לען: „ניט איך קען אייך, ניט איך האָב געהערט פון אייך, און אוודאי בין איך זייער פאַרצווייפלט פון דער סיטואַציע״.

אים צו באַרואיקן האָט זעליק געזאָגט: „איר האָט צייט ביז מאָרגן. טראַכט זיך דורך. רעדט זיך דורך מיט אייער משפחה און פריינט. איר וועט מיר מאָרגן געבן אייער באַשלוס״.

ווען זעליק איז אויף מאָרגן פרי אַריינגעקומען צום אידן אין צימער, האָט דער איד אַ שמייכלענדיקער מיט פאַרשנדיקע בליקן געקוקט אויף אים:

„איר זייט צילי אַדלער׳ס זון, דאָס איז פאַר מיר די בעסטע גאַראַנטיע. איך האָב צו אייך דעם גרעסטן צוטרוי״.

אַזעלכע עפּיזאָדן זיינען דאָ אַ סך.

ווען זעליק האָט עס מיר דערציילט, האָט ער מיר געזאָגט: „מיר דאַכט, מאַמע, אַז חוץ מיט דיינע אַלע קינסטלערישע דערגרייכונגען, דאַרפסטו זיך פילן גליקלעך וואָס מענטשן האָבן צו דיר אַזאַ אויסערגעוויינלעכן צוטרוי. אָט שטעל זיך פאָר: בלויז דיין נאָמען האָט פאַר געוויסע מענטשן מער ווערט ווי אַלע מיינע אוניווערזיטעטן, אַלע מיינע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען אין מאַאונט סיני און בית־ישראל שפּיטאָלן. בלויז דאָס וואָס איך בין דיין זון, איז ביי מענטשן גענוג זיך איבערצוגעבן אין מיינע הענט אַלס כירורג. דו טאָרסט, מאַמע, קיינמאָל ניט באַקלאָגן זיך אויף דיין ביטערן מזל אַלס שוישפּילערין. איך וועל זיך שעצן גליקלעך אויב איך וועל קע־

נען מיינע קינדער איבערלאָזן אַזאַ רעפּוטאַציע, אַזאַ נאָמען, אַזאַ ירושה. זייער אָפט אין אַזעלכע פאַלן טו איך שטילערהייט תּפילה איך זאָל קיינמאָל ניט געשטעלט ווערן אין דער לאַגע, אַז איך זאָל, חלילה, מיט מיינע מעדי־ צינישע דערגרייכונגען פאַרשעמען מיין רעפּוטאַציע און דעם צוטרוי וואָס מענטשן האָבן צו דיין נאָמען".

איך וועל דאָ פאַרצייכענען נאָך איין דערפאַרונג מיינע אין מיין קאַריערע. דעם סעזאָן 1945־1946 בין איך אַרומגעפאָרן אין די אַמעריקאַנער מיליטער־ רישע קעמפּס, געשיקט אַהינצו דורך דער „אידישער וועלפעיר באָארד". מיין פּראָגראַם איז געווען אַ געמישטע, פון אידישע און ענגלישע נומערן. דערמאָן איך דאָס ניט ווייל איך וויל זיך באַרימען מיט מיינע דערפאָלגן פאַר אידישע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, איך וויל דאָ אָבער פאַרצייכענען אַ קוריאָז.

מיר איז אויסגעקומען אויפצוטרעטן אין אַ קעמפּ ניט ווייט פון אַ גרויסער שטאָט. יענער קעמפּ האָט געהאַט גאָר אַ היפּשע צאָל אידישע סאָלדאַטן. אָבער דווקא פאַר יענעם אָוונט פון מיין אויפטריט האָבן אַ סך אידישע סאָלדאַטן געקראָגן סוף־וואָך אורלויב און זיינען אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, אַזוי אַז מיינע צושויער זיינען געווען מער ווי 90 פּראָצענט גוי׳אישע סאָלדאַטן. דער טשעפּליין האָט מיך געראַטן, איך זאָל אין מיין פּראָגראַם געבן בלויז ענגלישע נומערן. מיך האָט אָבער געצייצט סיי די באַרעכטיקונג ווי אַ שליח פון דער אידישער וועלפעיר באָארד, סיי ווי איינע וואָס האָט ליב אידיש, צו געבן כאָטש איין אידישן נומער, און אַלס דעם לעצטן נומער האָב איך אַנאָנסירט מאַני לייב׳ס „דער פּרעמדער".

איך האָב זיי אין ענגליש פריער פאַרטייטשט און אויפגעקלערט דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמע און דעם געדאַנק פון אליהו הנביא. האָבן זיך די שקצים געמאַכט זייער באַקוועם אויף זייערע ערטער און זיך צוגעגרייט „איבערצוקומען" דעם נומער. איך, פון מיין זייט, בין גרייט געווען אַז אַ סך, אפשר די מערסטע, אויב ניט אַלע, וועלן פאַרלאָזן דעם זאַל אין מיטן דעם נומער. געשען איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש. זיי האָבן מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט מיינע רייד און באַוועגונגען. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך פון זייערע לויזע און צעשפּרייטע פּאָזיציעס אויסגעגלייכט און זייער אויפ־ מערקזאַם זיך צוגעהערט.

קען איך אייך זאָגן זייער אויפריכטיק, אַז איך געדענק ניט ווען איך האָב געקראָגן אַזאַ שטורעמישע אָוואַציע נאָך מאַני לייב׳ס „דער פּרעמדער". איך האָב מיין ציל דערגרייכט.

באַטש איך האָלט ערשט ביי 1946, גאַנצע דרייצן יאָר צוריק, איז אָבער וואָס שייך מיין קאַריערע דאָן געווען דער לעצטער וויכטיקער עטאַפּ. יענעם זומער 1946 האָב איך פאַרבראַכט אין מאָנטיסעלאָ, ביי דוד און ראַיאַ מעדאָף אין זייער זומער־פּלאַץ. איך האָב זיך, אַזוי צו זאָגן, אויסגערוט פון מיין טור אין די מיליטערישע קעמפּס איבער דער ברייט און לענג פון אַמעריקע. מיין טעאַטער־פונק האָט נאָך אַלץ געצאַנקט אין מיר, און איך האָב מיט פאַרצווייפלונג געהאָפט, אַז קאָנצערטן וועלן ניט בלייבן דער הויך־פּונקט פון מיין ווייטערדיקער קאַריערע. האָב איך מיט מיין דזשעק׳ן זיך ווי ווייט מעגלעך געלאָזט וואוילגיין און הנאה געהאַט פון דער שיינער נאַטור אין די קעטסקיל בערג, און די אַלע „אָנציענדיקע באַקוועמלעכקייטן פון אַ „קאָך־אַליין" וואַקאַציע..."

אָבער פון דער העלער הויט איז געשען עפּעס, וואָס נאָר אַ דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט געקענט אויסטראַכטן. אָבער אַזוי איז דאָס געשען. אין אַ פרימאָרגן אַזאַ האָט מען פּלוצלונג מיך גערופן צום טעלעפאָן. ווען איך האָב געענטפערט, הער איך פון טעלעפאָן־רערל: „איז דאָס צילי אַדלער? דאָס רעדט בען העכט".

— „וועלכער בען העכט?"

— „בען העכט דער שרייבער".

איך בין זיכער געווען אַז עמעצער שפּילט מיט מיר אַ שפּיצל. זאָג איך זיך גאַנץ געמיטלעך:

„אָ, דאָס איז הייסט עס, דער בען העכט?... אויב אַזוי, רעדט צו אייך סאַראַ בערנהאַרדט אַליין!..."

אַ ברוסטיקער געלעכטער האָט זיך דערהערט פון רערל:

„שפּאַס אָן אַ זייט. איך בין בען העכט. הערט, צילי אַדלער, מיר קלייבן זיך מיט מיינער אָן אויפפירונג אויף בראָדוועי מיט פּאָול מוני. ער וויל אייך אַלס זיין מיטשפּילערין. אָט איז פּאָול, ער וויל צו אייך ריידן".

און איידער איך בין צו זיך געקומען פון איבעראַשונג, דערהער איך פּאָול מוני׳ס וואַרעמען „העלאָ, צילי!..." און עפּעס ווי אין חלום הער איך אים ריידן פון דער געפּלאַנטער אויפפירונג פון בען העכט׳ס „עי פלעג איז באָרן" (אַ פאָן איז אויפגעקומען), און צי איז מעגלעך אַז איך זאָל מאָרגן איינס אַזייגער, קומען קיין ניו יאָרק, זיך טרעפן מיט זיי. איך האָב געענטפערט אַז איך וועל דאָרט זיין, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען איך האָב שוין אויפגעהאַנגען דאָס רערל, בין איך נאָך אַלץ צו זיך ניט געקומען, און ווי אַ צעמישטע געשטאַנען ביים טעלעפאָן. די עטלעכע שכנים מעדאָפ׳ס האָבן מיר אַרומגערינגלט און ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס האָט

טאַקע פּאָול מוני גערעדט צו מיר, איז איינע מיט שייַנענדיקע אויגן צו־געלאָפן און געקושט דעם טעלעפאָן דורך וועלכן מוני׳ס קול איז באַר־וואָס דורכגעגאַנגען. אָט די סצענע, אפשר מער ווי אַלץ, האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין צעמישעניש.

אויף מאָרגן, צו דער באַשטימטער צייט, האָב איך זיך באַגעגנט מיט פּאָול מוני, בען העכט, מאַרלאָן ברענדאָ קווענטין רעינאָלדס און מיין ברודער לוטהער אַדלער. בען העכט׳ס ערשטע ווערטער זיינען געווען: „האָב טענות צו פּאָול מוני. מיר האָבן אים געגעבן אַ צעטל פון די גרעסטע סטאַרס פון בראָדוועי און האָליוואוד, איז ער באַשטאַנען אַז ער וויל דיך״.

מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען פון טעקסט. ווען עס איז געקומען צו מיינער אַ סצענע וואָס באַשטייט מער אין מימיק ווי אין ווערטער. ס׳איז אַ סצענע וואָס שפּילט זיך אָפּ מער אין דער פאַנטאַזיע, אין זכרון פון דער אַלטער פרוי, דערמאָנענדיק זיך ווי זי באַגעגנט אירע קינדער און פריינט וואָס קומען צו איר פּרייטיק צו נאַכטס אויף וועטשערע. אין די פּאָר מינוט וואָס איך האָב געלייענט איז בען העכט אויף אַ מינוט ניט רואיק געבליבן. אין זיין קוקן אויף מוני׳ן האָט מען דייטלעך געקענט זען, אַז ער שטימט־איין מיט זיין אויסוואַל.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבען אונטער דער רעזשי פון מיין ברודער לוטהער. די אויפפירונג איז געפּלאַנט געוואָרן בלויז פּאָר פיר וואָכן. אָבער הפנים אַז דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז דער לעצטער עטאַפּ פון מיין לאַנג־יאָריקער קאַריערע זאָל פאַרבלייבן איינער פון מיינע ליכטיקסטע קאַפּיטלען. דער דערפאָלג האָט זיך געצויגן אַ סך לענגער ווי די פיר וואָכן וואָס פּאָול מוני האָט צייט געהאַט דער אויפפירונג אָוועקצוגעבן. דאַן האָט מיין ברודער לוטהער איבערגענומען מוני׳ס ראָלע. אויך זיין און מאַרלאָן ברענדאָ׳ס צייט איז געווען באַגרענעצט, און יעקב בן־עמי מיט סידני לומעט האָבן איבערגענומען זייערע ראָלן. דאָ, אין ניו יאָרק, מיט אַ טור איבער די גרויסע אידישע צענטערס איבערן לאַנד, האָבן מיר עס געשפּילט קנאַפּע דרייסיק וואָכן. איך האָב געהאַט אָן אַ שיר שווישפּילערישע פרייד און לויב־געזאַנגען פון די וויכטיקסטע טעאַטער־קריטיקער פון אַמעריקע. וועל איך זיך ניט אַריינלאָזן ציטירן וואָס עס איז וועגן מיר געשריבן געוואָרן. איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז איך האָב זיך אָנגעזעטיקט מיט קאָמפּלימענטן איבערן קאָפּ. צו קריגן אַזוי פיל אָנזען אין דער ענגלישער פּרעסע אין ניו יאָרק, שפּילנדיק וויז־אַ־ווי דעם גרעסטן ליבלינג פון בראָדוועי, פּאָול מוני, איז ביי מיר געווען ביז גאָר אָנגעלעגט.

איך מוז דאָ ציטירן אַ פּאָר פּראַזן פֿון אַ בריוועלע, וואָס בען העכט האָט דורך יענע פֿאָרשטעלונגען מיר צוגעשיקט:

„בלויז ווי אַן אויסדרוק פֿון מיין גרויסער דאַנקבאַרקייט צו אייך, פֿאַר אייער וואונדערלעכער שאַפֿונג, גיב איך אייך דאָס רעכט צו נוצן אַלץ וואָס איך געפֿעלט פֿון מיינע שריפֿטן. איך וועל עס האַלטן פֿאַר אַ כבוד ווען איר וועט אין מיינע שאַפֿונגען געפֿינען אויסדרוק פֿאַר אייער טאַלאַנט, בען העכט״.

אַלס רעזולטאַט פֿון יענער ראָלע מיינער, האָב איך אַנטייל גענומען אין אַ באַרימטער מואווי צו יענער צייט, „דהי נעיקעד סיטי״ (די נאַקעטע שטאָט), אין וועלכער איך האָב אויך שטאַרק אויסגענומען.

טרעפֿט עס אָפֿט, אַז גוטס, ווי חלילה שלעכטס, קומט צו מענטשן אין גרויסע פּאָרציעס. האָט דער גורל יענעם יאָר, 1947, מיר אויך צוגעטיילט אַ גאָר גרויסע פּערזענלעכע פֿרייד — מיין זעליק׳ס חתונה. דאַרף איך ניט זאָגן, אַז דערלעבן דעם איינציקן זונס חתונה איז פֿאַר אַ מאַמען אַ גרויסער נחת. געדענק איך, אַז אַ סך פֿון די חתונה־געסט, אייגענע, פֿריינט און קאָלעגן, האָבן באַמערקט אַז זעליק האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיין אויסדערוויילטער איינע וואָס איז אין אויסזען ענלעך צו מיר. איך ווייס נאָר, אַז איך בין גאָר



גליקלעך וואָס איך בין מיטאַמאָל באַגליקט געוואָרן מיט אַזאַ האַרציקער, געטרייער טאָכטער ווי עס איז מיין שנור איריס.

און, ווי געוויינלעך אידישע שמחות, האָט אויך מיין גרעסטע שמחה אין מיר דערוועקט געפילן פון טרויער און באַדויער וואָס אַזוי פיל נאָענטע און ליבסטע, מיין זונס און מיינע, האָבן די פרייד ניט דערלעבט.

ווייל איך שוין, אגב, אין דעם טרויער־טאָן דערמאָנען די לעצטע צוויי טראַגישע פאַרלוסטן פון אונזער טעאַטער־פּראָפעסיע. אין מיין קאַריערע איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו שפּילן מיט זיי. זייער טויט אָבער האָט מיך טיף גערירט. איז אָפּגעריסן געוואָרן אין סאַמע בלי פון זיין קאַר־יערע איינער פון די געציילטע זיילן פון בעסערן אידישן טעאַטער, דער פיינער שוישפּילער און האַרציקער קאָלעגע און מענטש, גוסטאַוו בערגער. פאַרן איצטיקן אידישן טעאַטער איז דאָס אַ מורא׳דיקער פאַרלוסט.

אויך איז פון אונז אַוועק דער קרעפטיקער און באַגאַבטער שוישפּילער און ראַדיאָ־אַרטיסט, וויקטאָר פּעקער, וואָס האָט כסדר געזוכט אויף זיין אופן צו פאַרטיפן און פאַרשענערן אידיש טעאַטער. מוז איך דאָ פאַרצייכענען אַ סצענע ביי וויקטאָר פּעקער׳ס לוויה, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

זיצנדיק אין אַ זייטיקן חדר׳ל פון דעם „טשעפּעל״, צוזאַמען מיט מיינע צוויי גוטע פריינט, מדרכי ירדני און חנה׳לע סטראַמבערג, זע איך ווי עס קומט אַריין אַן עלטערער מאַן. ער בלייבט שטיין, קוקט אויף מיר אַ ווײַלע, און מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ לאָז אַראָפּ אויף די קני, כאַפּט אָן מיינע ביידע הענט און נעמט זיי קושן, און אַ טיף־גערירטער דאַנקט ער מיר וואָס מיט מיינע זכרונות האָב איך אין אים דערוועקט און אויפגעלעבט אַ גרויסן טייל פון זיינע אינגערע יאָרן און זיין ליבע צום טעאַטער. אַ פאַרלוירענע האָב איך מיט אַ טרערן־פאַרשטיקט קול אַרויסגעשעפּטשעט צו חנה׳לען און ירדני׳ן:

„גאָטעניו, וואָס פאַר אַ טייערע אידן, האַרציקע פאָלקס־מענטשן מיר פאַרמאָגן, מיט אַזוי פיל ליבע צום אידישן טעאַטער, איז ווי אַזוי־זשע איז עס מעגלעך אַז אונזער טעאַטער זאָל דערגיין צו אַזאַ ירידה?״

זינט יענעם דערפאָלג מיינעם אין 1947, אין „עי פלעג איז באָרן״, קען איך זיך ניט באַרימען אפילו מיט נאָך איין שוישפּילערישער דערגרייכונג. בין איך אין מיינע קאָנצערטן־אַרויסטרעטונגען אַזש דערגאַנגען צום באַרימטן בראָדוועיער וואָדעוויל הויז, פּאַלאַס טעאַטער. האָב איך אויך געשפּילט אין אַן „אָף־בראָדוועי״ טעאַטער מאָסענזאָנ׳ס באַרימטע פּיעסע, „זאַמדן פון נגב״, אונטער דער דירעקציע פון באַקאַנטן טעאַטער־אונטערנעמער ב. ראָטמאַן.

דאָס אַלץ אָבער איז בלויז געווען ווי די לעצטע אָטעם־צוגן פון מיין לאַנגער קאַריערע....



דער לויף פון לעבן, דער געיעג פון יאָרן וואָס זאַמלען זיך און לייגן זיך אָפּ שווער אויף אונזערע פּלייצעס, לערנען אונז אויפּצונעמען שוועריקייטן און אַנטוישונגען אין גאַנג פון די שפּעטערדיקע יאָרן. דזשעק און איך האָבן זיך אויך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו באַגעגענען אומפאַרמיידלעכקייטן אַזעלכע, וואָס ווערן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין לעבן פון באַיאָרנטע מענטשן, ספּעציעל שוישפּילער.

האָט זיך מיין דזשעק אפילו שטאַרק געווערט... פאַר אים איז זיין צילי אַדלער נאָך אַלץ געווען די סאַמע גרעסטע, די סאַמע בעסטע. אָבער זיין קראַנקייט האָט אים ביסלעכווייז פאַרצערט, און אין מאַי, 1956, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט דער צערודערטער וועלט...

ווייסט איר שוין, אַז איך היט זיך אין מיין דערציילן פון מעלאָדראַמאַטישע אויסברוכן — איז עס באמת גאָר ניט מעגלעך איבערצוגעבן דעם געפיל פון עלנד, פון הילפלאָזיקייט וואָס האָט מיך באַהערשט. עפּעס אַזאַ ליידיקייט, אַ שרעק צו זיין אַליין...

ווייל איך דאָ ווידער אונטערשטרייכן, אַז טראָץ מיינע בייזע טענות און ביטערע קריוודעס, וואָס האָבן זיך ביי מיר אָנגעקליבן אין שווערן גאַנג פון מיין לעבן, סיי אַ דאַנק מיין משפחה־פּלאָנטער, סיי פון די בייזווילליקע שטרויכלונגען אויפן וועג צו מיין קאַריערע, בין איך געווען מזל׳דיק אָפּצושפּאָרן אמת׳ע און געטרייע גוטע פריינט.

האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ניט לאַנג נאָך מיין דזשעק׳ס טויט, האָט מיינע אַ גוטע חבר׳טע, פעני סעמעלסאָן, זיך געגרייט פאַר אַ לאַנגער רייזע קיין אייראָפּע און ישראל. האָט זי זיך צוזאַמענגערעדט מיט עטלעכע פריינט מיינע, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ס׳וואָלט פאַר מיר גוט געווען צו מאַכן די רייזע צוזאַמען מיט איר. פעני האָט עס מיר פאָרגעלייגט. האָב איך מיט דאַנק אין איר פאָרשלאַג זיך אָנגעכאַפּט. מיין זון און שנור האָבן מיר דערצו צוגערעדט, און כדי ביי מיר צונעמען די זאָרג פון דער גאָר היפשער הוצאה, זיינען די קינדער באַשטאַנען צו דעקן אַלע קאָסטן.

האָט אַוודאי דער בלויזער געדאַנק פון זען דעם פאַרווירקלעכטן חלום פון דורות מיך געמונטערט און אָנגעפילט מיט שפּאַנונג. ס׳האָט מיך אָבער אויך געררייצט מיין שוישפּילערישע אַמביציע אויפצוטרעטן און אויסנעמען ביים עולם אין ישראל. איז מיר, הפּנים, ניט געווען באַשערט אַלץ צו דערגרייכן...

האָב איך געהאַט די גרויסע זכיה, איבערצולעבן און דורכפיבערן די אויסערגעוויינלעכע פרייד צו באַטרעטן די ישראל־ערד... צו זען, צו באַוואונדערן מיט מיינע אייגענע אויגן, דאָס ווידערגעבורט פון אַ פאָלק... דעם פּראָצעס פון אויפבוי פון דער מדינה, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

איך האָב אָבער געמוזט אָננעמען באהבה די צעשטערטע חלומות מיינע פון אַ שוישפּילערישן דערפאָלג אין ישראל, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער נסימ׳דיקער סיני־אַקציע, וואָס איז פאַר ישראל געווען אַ לעבנס־נויטיקייט. יענער נצחון אירער איז באַוואונדערט געוואָרן פון דער גאָרער וועלט. באַקלאָג איך זיך ניט אפילו וואָס דער קינסטלערישער דערפאָלג מיינער פון דער איינציקער פאָרשטעלונג וואָס איך האָב געגעבן אין „אוהל״ טעאַטער, אין תל־אביב, איז צוגישט געוואָרן דורך מיין כמעט־געצוואונגענעם אָפּפאָר פון ישראל. האָף איך נאָך צו דערלעבן אָט דעם שאָדן מיינעם אין ישראל, מיט כבוד פאַרגיטיקן...

אַ 5־6 חדשים נאָך מיין צוריקקומען פון ישראל האָב איך זיך געגרייט אויפצודעקן די מצבה אויפן קבר פון מיין מאַן יעקב קאָן. האָט זיך פאַר־

קליבן אַ געפיל פון אומרואיקייט אין מיר, וואָס האָט מיך אינגאַנצן באַהערשט. איז עס ביז גאָר מאָדנע, כמעט אומפאַרשטענדלעך, וואָס אין אַ מענטשלעכן מוח קען זיך אויסוועבן אין מאָמענטן אַזעלכע... וויל איך זיך טיילן מיט אייך מיט אַן איבערלעבונג מיינער פון יענע טרויעריקע טעג.

דאָס איז געשען פריטיק אינדערפרי פאַר יענעם זונטיק פון דער מצבה־אויפדעקונג. ס'איז געווען אַ מילדער טאָג אין דרויסן. דורך די אָפענע פענסטער פון מיין שלאָפצימער האָט דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך מיך אויפגעוועקט פון מיין אומרואיקן שלאָף. האָט זיך מיר געדאַכט, אַז בעענטער ווי שטענדיק הער איך דאָס פּישטשען פון אַ פויגעלע. איך נעם זיך אַרומ־קוקן, ערשט נאָענט צו מיין צוקאָפּנס שטייט זיך גאָר אַ פּיצעלע פויגעלע, מיטן שנאָבעלע פאַרריסן צו מיר — פּיעט, פּיעט, פּיעט... איך לאָז אַראָפּ מיין האַנט צום אָרט וואו ס'איז געשטאַנען און נעם רעדן צו דעם: „וואָס טוסטו דאָ? פון וואַנען קומסטו?...״ שפּרינגט עס אָן מורא אַרויף אויף מיין אָפענער האַנט, און פּישטשעט אַזוי שוואַך און רחמנות'דיק גלייך מיר אין פּנים אַריין, ווי ס'וואָלט מיר געענטפערט. — „וואָס, וואָס, נאַריש פוי־געלע? וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר? ביזט אַוודאי הונגעריק. איך ווייס דאָך ניט וואָס דיר צו געבן עסן...״ איך נעם זיין שנאָבעלע אַריין צו מיר אין מויל. דאָס דינע, שוואַכע פּישטשען האַלט אָן. איך בין מיטן פויגעלע אין האַנט אַראָפּ פון בעט, צעקרישלט אַ שטיקל ברויט, אַ בלעטל סאַלאַטע. עס עסט ניט. אַ שרעק איז מיך באַפאַלן. דאָס פויגעלע קען נאָך דאָ ביי מיר שטאַרבן. האָב איך עס אַוועקגעשטעלט אויף דער דרויסנדיקער זייט פון פענסטער, אפשר וועט די מאַמע אירע קומען נאָך איר, אָדער ס'וועט אַליין אַוועקפליען. מיין טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. איך בין געלאָפן ענטפערן. ווען איך בין צוריקגעקומען איז שוין דאָס פויגעלע ניט געווען. מיר איז עפּעס אומעטיק געוואָרן, און באַנג...

איך האָב גראָד יענעם טאָג זיך געגריבלט אין אַנ־סקי'ס „דיבוק״, וואָס איך האָב געדאַרפט פאַר מיין „צילי אַדלער דערציילט״. די מיסטישע רייד וועגן „נשמות פון געשטאָרבענע וואָס קערן זיך אום צוריק אויף דער וועלט דורך חיות און עופות״, האָבן מיר צערודערט... יענע נאַכט האָב איך לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. אין מיינע טרויעריקע געדאַנקען, האָט דאָס שוואַ־כינקע פויגעלע מיט דעם דינינקן „פּיעט, פּיעט, פּיעט״, מיט דער מאָדנער באַנעמונג, גענומען קריגן עפּעס אַ ניט־געוויינלעכע באַדייטונג... מיט אַ ציטערדיקער דערוואַרטונג אויפן פרימאָרגן, בין איך ענדלעך איינגעשלאָפן. דער שבת'דיקער פרימאָרגן האָט מיך ניט אַנטוישט; דאָס פויגעלע איז ווידער

געשטאַנען ביי מיין בעט... ניט־טראַכטנדיק האָב איך צום פויגעלע גענומען ריידן מיט די צערטלעכקייטן און ליבעס־נעמען ווי איך פלעג ריידן צו מיין דזשעק׳ן... דאָס דינינקע פישטשען האָט מיר אַזוי היימיש, אַזוי אָנגענעם געקלונגען... אַ פּאָר שעה האָב איך אַזוי פאַרבראַכט מיטן פויגעלע. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן וואָס איך האָב געמוזט דעם נאָכמיטאָג און אָוונט זיין אַוועק פון הויז. מיט שרעקעדיקער דערוואַרטונג האָב איך שפּעט אין אָוונט געעפנט מיין טיר. דאָס פויגעלע האָט געוואַרט ביי מיין בעט. ערשט זונטיק אינדערפרי, ווען איך בין שוין גרייט געווען צו גיין צו בית־עולם, איז דאָס פויגעלע, מיט אַ לעצטן „פּיעט, פּיעט פּיעט״ אַרויסגעפלויגן פון פענסטער...

זייער אָפט דערמאָן איך זיך מיט בענקשאַפט אָן דעם טשיקאַווען פויגעלע...

איצט, אין בין־השמשות פון מיין קאַריערע, קומט מיר אויס זייער וויניק זיך אָפּצוגעבן מיט שטודירן ראָלן.

אַנשטאָט ראָלן פאַרטראַכטע, געשאַפן פון שרייבער און דיכטער, האָב איך איבערגענומען און קוויק זיך די לעצטע עטלעכע יאָר מיט אַ ראָלע וואָס דאָס לעבן האָט מיר צוגעטיילט און וואָס איז מיר זייער ליב און טייער — אַ ראָלע וואָס גיט מיר בלויז נחת און פרייד אָן עין הרע, כמעט אָן אַ ברעקל האַרצווייטיק — מיין ראָלע אַלס צילי אַדלער די באָבע, מיט צוויי ליבע, זיסע אייניקלעך מיט וועלכע מיין זון און זיין באַשערטע האָבן מיך באַגליקט. אָן אָנשטרענגונג דערפיל איך אָט די ראָלע מיינע מיט מיין גאַנצן באָבעשן טאַלאַנט.

זיינען שוין דאָ אָן אַ שיר וויצן און אַנעקדאָטן וועגן באָבע־זיידע און זייער באַגייסטערונג פאַר די אייניקלעך. בין איך מן הסתם ניט קיין אויסנאַם. קען איך זיך טאַקע ניט צוריקהאַלטן פון דערציילן כאָטש איין חכמה׳לע; — צוויי אייניקלעך — צוויי חכמה׳לעך...

לואיזע־דיינע, די עלטערע, שוין אַ מויד אין די יאָרן, גאַנצע 9 יאָר, ביז 120, פירט זי מיט מיר אַנומעלטן אַזאַ געשפרעך:

„איך וויל דיר עפּעס פרעגן, באָבע צילי: ווען איך וועל גיין אין קאַלעדזש, און דער טיטשער וועט ריידן פון טעאַטער און באַרימטע אַקטיאָרן, און וועט אַוודאי דערמאָנען צילי אַדלער, מעג איך זיך אויפשטעלן און



זאָגן, אַז די באַרימטע צילי אַדלער איז מיין באָבע?״ זי זעט עס שוין אַזוי קלאָר פאַר די אויגן...

די אינגערע, דבורה׳לע (דעבאָראַ), האָט ביי אַ פייערונג אין איר פאָלק־שול פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ׳ס געבורטסטאָג, אַנטייל גענומען אין אַ טעאַטער שפיל. זי האָט געוואוסט אַז וואַשינגטאָן איז זייער באַרימט און דער־פאַר פרייען מיר זיך יעדן יאָר מיט זיין געבורטסטאָג. כדי צו דערמוטיקן איר שפילן, האָט איר די לערערין געזאָגט: „איך האָף אַז דו וועסט אַמאָל זיין אַזאַ גרויסע שוישפּילערין ווי דיין באַרימטע באָבע, צילי אַדלער״.

דערציילנדיק דאָס איר טאַטע־מאַמע, האָט די „גרויסע מויד״, באַלד 8 יאָר, זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט: „איז באָבע טאַקע אַזוי באַרימט?״ און מיט בלישטשענדיקע אויגעלעך האָט זי געפרעגט: „וועט מען איר געבורטסטאָג אויך פייערן יעדן יאָר ווי דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ׳ס? ס׳וועלן אומעטום זיין סטאַטועס פון באָבע צילי?...״

קען איך אַוודאי מיינע אייניקלעך ניט פאַרזיכערן אַז זייערע קינדערשע רייכע השגות וועלן מקוים ווערן — אָבער איך וויל האָבן דעם פאַר־געניגן צו ענדיקן „מיין דערציילן" מיט זייערע חכמה'לעך...

זוכצעטל פון נעמען

א

אַבערלענדער, אַלעקסאַנדער, 75
אַבערלענדער, סאָפיע, 75, 83
אַבראַמאָוויטש, בינאַ, 148, 149, 178, 191, 302, 316, 318, 324, 340, 347, 352, 357, 369, 509, 513, 515, 567, 613, 655
אַבראַמאָוויטש, טעסי, 177, 178
אַבראַמאָוויטש, ראוז, 177, 178
אַדלער, אירווינג, 660
אַדלער, אייב (אַדאָלף), 75, 76, 82, 83, 84, 86, 374, 377, 394, 399, 411, 610, 659, 660
אַדלער, דזשוליאַ, 47, 77, 91, 94, 334, 374, 468, 655, 600
אַדלער, דזשוליוס, 562
אַדלער, דזשעיקאָב פּ. אַדלער, זע: אַדלער, יעקב פּ.
אַדלער, טשאַרלס, 83, 84, 279, 402, 620, 660
אַדלער, יעקב פּ., 3, 6, 7, 9, 16, 17, 18, 19, 20, 22, 23, 24, 25, 26, 27, 29, 30, 31, 37, 38, 39, 40, 41, 42, 43, 44, 47, 52, 68, 72, 73, 74, 75, 76, 80, 83, 85, 88, 89, 94, 96, 98, 106, 107, 113, 133, 137, 139, 141, 156, 165, 172, 178, 189, 193, 201, 204, 205, 219, 222, 240, 244, 264, 265, 269, 270, 284, 286, 288, 290, 303, 305, 309, 311, 312, 331, 332, 340, 346, 367, 371, 374, 375, 376, 393, 394, 395, 396, 397, 398, 399, 400, 401, 402, 403, 405, 406, 423, 424, 425, 430, 431, 455, 456, 457, 468, 473, 503, 528, 541, 576, 610, 611, 614, 624, 632, 659, 664
אַדלער, לוטהער, 79, 660, 670
אַדלער, סאַראַ, 43, 44, 47, 72, 77, 78, 79, 84, 85, 86, 89, 90, 91, 98, 139, 141, 165, 166, 219, 232, 237, 240, 241, 244, 249, 251, 284, 285, 286, 288, 394, 395, 396, 397, 579, 625, 660
אַדלער, סטעלאַ, 77, 92, 94, 334, 376, 616, 617, 659
אַדלער, סעם, 510
אַדלער, עוועלין פּערל, 660
אַדלער, פּרענציס (ניוניאַ), 44, 47, 77, 78, 79, 89, 90, 96, 113, 117, 141, 169, 196, 285, 334, 335, 377, 378, 379, 380, 382, 395, 661, 663
אויגנבליק, סעם, 603, 604
אויגנבליק, עני, 603, 604, 605
אויגנבליק, פּיליפּ, 603, 604
אויערבאַך, סעם, 63, 64
אחרון, יוסף, 613, 620
איבסען, 490, 492, 511, 527, 546, 594
אידישע פּאָלקס־בינע, 658
איידלשטיין, איזידאָר, זע: עדלשטיין, איזידאָר
איידלשטיין יוסף, זע: עדלשטיין, יוסף
אייזיקאָוויטש, נייטן, 196
אימבער, נפתלי הערץ, 99
אַלגין, מ., 613
אַנדרעיעוו, לעאָניד, 511, 292, 613
אַנ־סקי, ש., 558, 564, 565, 569, 570, 572, 675
אָסטראָפּסקי, מ. 620
אסתר (דינסט־מיידל), 47, 48
אַפּעל, חנה, 191, 381, 433, 463, 490, 512, 581, 613
אָפּענהיים, מנשה, 649
אַקסעלבלאַנק, הערמאַן (חיים), 462
אַרליס, דזשאָרדזש, 665
אַרנשטיין, מאַרק, 217
אַש, שלום, 416, 426, 504, 527, 551, 580, 606, 613, 620
אַשעראָוויטש, מ., 171, 172, 483, 484, 485

ב

באַדער, גרשם, 524, 601
באָזשיק, מאַקס, 661, 663

באַטוויניק, בערל, 494, 510
באַראַטאָוו, בן־צבי, 613
באַראַנאָוו, מ. (פּאַרוועטס), 312, 315
באַראַנדעס, יוסף, 137
באַראַץ, דוד, 142, 267, 384, 385, 396, 408
באַרימאָר, דזשאָן, 89
באַרוכאָוו, ב., 460
בוזעט, איזידאָר, 588
בולאָוו, יוסף, 592, 593, 613, 655
בולאַנדראַ, טאָני, 594
בולגאַקאָוו, לעאָ, 621
בימקאָ, פּישל, 581
בירנבוים, לואיס, 376
בלאָק, יעטאָ, 597
בלאַנק, לעאָן, 72, 165, 176, 292, 316, 318, 324, 397, 546, 552, 554
בלייך, יהודה, 561, 566, 655, 657
בלעי, העלען, 520
בן־אבי, דר. אברהם, 381
בן־עמי, יעקב, 191, 217, 219, 347, 357, 358, 362, 416, 417, 431, 432, 433, 442, 443, 444, 445, 446, 448, 450, 455, 456, 459, 463, 464, 465, 490, 491, 494, 503, 505, 507, 509, 510, 511, 513, 517, 530, 531, 532, 623, 632, 657, 661, 663, 670
בעיקער, בעל, 308
בעלאַסקאָ, דוד, 78, 400, 549
בעלזער, חזן ניסן, 367
בעלזער, יודעלע, 64, 396
בערגער, גוסטאָוו, 672
בערגער, לעאָן, 287
בערגרין, יעקב, 561, 573
בערלין, אירווינג, 308
בערמאַן, הער, 345
בערנהאַרדט, סאַראַ, 25, 252, 669
בערנשטיין, בערל, (בערנאַרד), 107, 108, 109, 110, 111, 117, 147, 178, 421
בערנשטיין, בראָנטשע, 567, 568, 656
בערנשטיין, פּרעדי, 177, 178
בערקאָוויטש, 574, 575
בראַוויטש, קאַזימיר, 88
בראַנט, מאַטעלע, 581
ברענדאַ, מאַרטאַן, 670
ברי, אַנדזשע, 214
ברי, רוזשע, 214

ג

גאַגאַל, 484
גאָדפּריד, יצחק, 652
גאַזאַוועסקי, מאַרקוס, 126, 127, 196
גאַטליב, לואיס, 111
גאָלד, לייבוש, 302, 303
גאָלדבערג, אברהם, 562
גאָלדבערג, לואי (פּאַרוואַלטער), 294, 295, 296, 325, 421
גאָלדבערג (מאַן פון קלאַראַ ראַפאַלאַ), 267
גאָלדבערג, מאַקס, 395
גאָלדבערג, מאָריס, 554
גאָלדבערג, מרים, 567
גאָלדבערג, נייטן, 608, 616
גאָלדבערג, ראָזע, 616
גאָלדמאַן, נייטן, 587
גאָלדנבורג, סעמיועל, 200, 201, 218, 578, 599, 600, 601, 602, 603, 605, 608, 609, 655
גאָלדפאַדן, אברהם, 16, 128, 165, 209, 214, 282, 347, 546, 612
גאָלדפאַדן, וואָלף, 613
גאָלדשטיין, ב. י., 622
גאָלדשטיין, בעקי, 195, 196
גאָלדשטיין, דזשעני, 113, 114, 394
גאָלדשטיין, דזשעק, 196
גאָלדשטיין, שאַרלאָט, 247
גאָלדשמיד, יחיאל, 60, 61, 65, 66, 67, 191, 422, 433, 442, 443, 444, 448, 456, 459, 463, 464, 465, 478, 481, 482, 499, 500, 501, 503, 504, 505, 507, 509, 513, 517, 575, 581, 588, 606
גאָרדאָן, יהושע, 506
גאָרדין, יעקב, 72, 87, 88, 101, 107, 133, 139, 147, 148, 149, 150, 151, 152, 164, 165, 167, 169, 170, 171, 172, 173, 176, 189, 191, 195, 196, 202, 205, 209, 210, 211, 213, 232, 250, 253, 261, 262, 263, 264, 265, 270, 277, 308, 309, 318, 321, 395, 396, 397, 399, 403, 418, 419, 523, 524, 610, 621, 646, 661
גאָרין, אָסקאַר, 568, 569
גאָרין, ב., 263, 363, 459, 526
גאַרלאַנד, ראָבערט, 548
גודינסקי, בעלאַ (פּריילין), 72

גולאַש, 399, 400
גולדין, אַלפרעד, 424
גוסקין, ראובן, 615, 618
גוצקאָוו, 442
גורסקאַיאַ, סאָניאַ, 191, 554, 575, 656
גיבסאָן, מיכל, 87
גינזבורג, 72
גלאַגאָלין, באָריס, 621
גלאַנץ, א., 622
גליקמאַן, עליאַס, 241, 278
געביל, מאַקס, 394, 583, 615
געבעל (זע געביל, מאַקס)
געסט, מאָריס, 78, 400
גערמאַן, לוסי, 142, 143, 234, 252, 254, 255, 256, 257, 384, 396, 510, 606, 661, 663
גערמאַן, מישאַ, 142, 143, 227, 233, 235, 251, 252, 253, 254, 255, 256, 257, 260, 384, 385, 396, 510, 606, 661, 663
גערסטין, בערטאַ, 430, 433, 436, 490, 493, 494, 497, 556, 574, 613, 650, 661, 663
גראַדנער, אַנעט, 17, 28, 29, 30
גראַדנערס, די, 18, 19, 20, 21
גראַדנער, ישראל, 16, 17
גראָס, אייבי, 600, 604
גראָס, דעיוו, 554
גראָסמאַן, שלמה, 510
גראַף, פּיטער, 376
גרובער, דזשאַש, 227, 393, 553, 625
גרובער, מירעלע, 227
גרים, מ., 467, 468, 471, 472, 477, 526
גרין, אָסקאַר, 586
גרינבערג, צעזאַר, 397
גרינהויז, יודל, 652

ד

דאַנקאַן, איזאַדאָראַ, 124
דובינסקי, דוד, 537
דובינסקי, יודל, 504, 600, 601, 606, 657
דזשייקאָבס, 608
דזשייקאָבסאָן, הענריעטאַ, 459
דזשעיקאָבסאָן, היימי, 600, 601, 604
דזשעסעל, דזשאָרדזש, 660
דיומאַ, אַלעקסאַנדער, 320, 605
דיוק אָוו ווינדזאָר, 224
דייטש, יצחק, 632
דימאָוו, אָסיפּ, 238, 292, 316, 344, 345, 350, 355, 356, 357, 359, 360, 361, 362, 364, 367, 368, 370, 371, 378, 379, 430, 431, 432, 434, 436, 440, 441, 474, 502, 527, 584, 606, 613, 624, 655, 658
דינגאָל, סאָלאָמאָן, 575
דיקס, דאָדלי, 547
דיקשטיין, סאָל, 188, 267, 268, 269, 271, 288, 423
דעווידסאָן, דזשעני, 414
דעיווידסאָן, דעיוויד, 414
דאָרף, משה, 600, 604

ה

האָאַז, פּיליפּ, 101, 112, 113, 114, 117
האָלענדער, איזידאָר, 597
האָלענדער, חנה, 481, 597
האַמבורגער, 196
האַמער־זשאַקלין, שרה, 568
האָפמאַן, עני, 605
האָפּקינס, אַרטור, 491
האָרוויץ, דאָראַ, 100, 101, 105, 113, 117, 535
הויפטמאַן, גערהאַרד, 512, 515, 554, 606
הורוויטש, משה (פּראָפ.), 163
היימאַן, מר., 600
היימאַן, מרס., 600
היינע, היינריך, 458
הייערמאַן, הערמאַן, 218
הירש, לואיס, 439
הירשביין, פּרץ, 216, 217, 219, 358, 363, 426, 442, 443, 444, 445, 448, 449, 450, 451, 453, 454, 455, 458, 459, 460, 463, 464, 476, 477, 478, 479, 482, 486, 488, 489, 494, 502, 511, 512, 521, 530, 531, 545, 551, 553, 565, 580, 588, 606, 623, 649, 655
העכט, בען, 485, 669, 670, 671
העלד, אַננאַ, 18, 22, 123
העריס, אַל., 565
הערמאַן, דוד, 558, 570
הערצל, דר. טעאָדאָר, 319

ו

וואַילד, אָסקאַר, 490, 493, 511
וואַכטאַנגאָוו, י. ב., 558, 561, 570
וואַליער, דזשעני, 578, 579
וואַלערשטיין, מאַדאַם אסתר, 128, 199
וואַלקאָוויטש (מאַלער), 509
וואַקסמאַן, אסתר, 396, 553, 554
וואַרטסמאַן, דר., 414, 439, 459
וואַרפילד, דעיוויד, 91
ווייזנפריינד, מונע: זע מוני, פּאָול
ווייזנפריינד, מרס. (זע ווייזנפריינד, סאַלטשע)
ווייזנפריינד, סאַלטשע, 482, 554, 600
ווייזנפריינד, פיליפּ, 482
ווינבלאַט, סאַבינאַ, 72, 144
ווינבערג, ישעיה, 609, 610
ווינבערג, ראָזאַ, 609, 610
ווינטרויב, זיגמונד, 320, 321, 322, 339, 347, 357
ווינטרויב, מאַדאַם, 316, 336, 347, 357
ווינער, באָריס, 561
ווינער, לאַזאַר, 655
ווייסבערג, לואיס, 504, 506, 509
ווייסמאַן, בעסי, 17
ווייסמאַן, דאָראַ, 17, 546, 554
ווייסמאַן, מאַדאַם מאָריס, 554
ווייסמאַן, מאָריס, 554
ווייסמאַן, ראובן, 17
ווייצמאַן, חיים, 291
ווילהעלם, פּראָפ., 667
ווילנער, מאַקס, (מעקסי), 443
ווילנער, מאַקס, ר. 332, 346, 420, 421, 422, 423, 426, 435, 444, 445, 446, 447, 530, 616
ווילענסקי, ווילי, 177
וועלענסקי, מערי, 72, 140, 147, 150
ווינאָגראַדאָוו, אַנאַטאָל, 622
וולאַדעק, ב., 537
וועסטלי, העלען, 547

ז

זאָלאָטאַראָוו, דר. פּ., 521, 522, 527, 532
זאָלאָטאַרעווסקי, איזידאָר, 64, 376, 415, 550, 552, 584
זאַנגוויל, איזראַעל, 565
זאַנדבערג, יוליאַ (פרוי פון לאַדזשער טעאַטער־דירעקטאָר), 280, 282
זאַנדבערג, יצחק, 282
זאַנענטאַל, אַדאָלף, 25
זאַץ, לודוויג, 114, 142, 343, 363, 372, 374, 375, 376, 383, 384, 385, 386, 387, 393, 396, 402, 403, 404, 405, 406, 430, 431, 433, 435, 436, 437, 438, 433, 453, 456, 457, 459, 463, 464, 469, 478, 479, 490, 491, 492, 493, 494, 495, 496, 497, 498, 499, 500, 524, 525, 557, 560, 596, 597, 598, 601, 602, 623, 641, 656, 664
זאַץ, לילי: זע פיינמאַן, לילי
זאַץ, מירעלע, 132, 641
זאַץ, פייגעלע, 641
זאַץ, צירעלע, 132, 142, 143, 227, 375, 376, 641
זאַק, שעפטל, 652
זודערמאַן, הערמאַן, 181, 465, 474, 512
זוסמער, פאַני, 344, 345, 347
זיבעל, עלאַ, 605
זיבעל, פרידאַ, 196, 214
זיגפעלד, פ., 18
זיידמאַן, לעאָן, 597
זילבערט, יעקב, 252, 254, 255
זילבערקאַסטן, משה, 613
זילבערשטיין, משה, 396, 404, 405, 409, 604
זינגער, י. י., 657
זעליק, מיין זון: זע פריד, דר. סאלווין

ח

חיימאָוויטש, משה־היינע, 37
„חיימאָוויטשקע": זע סאַראַ אַדלער
חפץ, יאַשאַ, 460

ט

טאַאיראָוו, 171
טאַבאַטשניקאָף, נעטי (טאָביאַס), 72, 192
טאַבאַטשניקאָף, סעמיועל (טאָביאַס), 72, 150
טאָלסטאָי, ל., 584
טאָמאַשעפסקי, באָריס, 64, 72, 98, 130, 148, 189, 203, 204, 208, 209, 210, 244, 266, 268, 269, 277, 281, 288, 289, 290, 292, 293, 294, 302, 306, 307, 308, 310, 311, 316, 317, 319, 320, 324,

325, 326, 331, 332, 336, 337,
340, 341, 342, 343, 344, 346,
347, 348, 350, 351, 352, 353,
354, 355, 356, 357, 359, 360,
361, 362, 364, 365, 366, 367,
368, 371, 394, 409, 412, 421,
422, 423, 425, 430, 503, 576,
596, 608, 624
טאָמאַשפסקי, בעסי, 72, 98, 166, 203,
204, 244, 264, 288, 291, 292,
294, 295, 306, 310, 313, 314,
315, 316, 319, 320, 332, 333,
336, 395, 422, 579, 598
טאָמאַשעפסקי, הערי, 365
טאָמאַשעפסקי, מאַיק, 266, 267, 393,
394, 396, 421, 599, 600
טאָמאַשעפסקי, עני, 307, 324, 347
טאָמאַשעפסקי, פעני, 600
טאַנצמאַן, בערטאַ, 72
טאַרנבערג, סעמיועל, 72, 150, 151, 165,
176
טויבער, חיים, 588
טורקאָוו, זיגמונד, 645, 646
טייטלבוים, אברהם, 613
טייטלבוים, אַנאַ, 613
טיקמאַן, יעקב, 465, 466, 509, 517,
604
טענענהאָלץ, אליהו, 433, 465, 469, 470,
473, 499, 500, 501, 504, 566,
604, 606
טשאַפלין, טשאַרלי, 581
טשעכאָוו, אַנטאָן, 621, 622
טשערניאַפסקי, יוסף, 573, 577

י

יאָוועליער, קלמן, 155, 156
יאַנג, בועז, 272, 274, 276
יאַנג, קלאַראַ, 272, 274, 276
יהואש, 449
יוליאַ, די פאַמיליע, 652
יושקעוויטש, 613
ירדני, מרדכי, 672
ישראל דער יענקי, 459, 526

ל

לאָבעל, מאַלווינאַ, 236, 271, 272, 288,
418
לאָוויטץ, פעפי, 597
לאַטיינער, מרס., 493
לאַנדוי, זישאַ, 526
לאַנגע, סווען, 490, 527
לואיס, יאַשאַ (ברודער פון סאַראַ אַדלער),
86, 232, 237, 249, 241, 249
לואיס, מרס., 232, 233, 234, 235, 250,
251
לואיסאָן, לודוויג, 461
לובער, משה׳לע, 393
לובריצקי, אייזיק־יאַנקל, 196
לובריצקי, גאָלדע, 196
לובריצקי, דייוו, 196
לובריצקי, פעני, 196, 341, 655
לומינוס, י., 473
לומעט, סידני, 670
לוצקי, א., 567
ליבין, ז., 107, 108, 133, 203, 204,
208, 209, 210, 268, 269, 284, 291,
310, 315, 318, 319, 336, 348,
349, 350, 351, 387, 398, 319,
336, 348, 349, 350, 351, 387,
398, 404, 406, 418, 436, 437,
438, 439, 440, 446, 600, 624
ליבערט, הער. 345
ליבערמאַן, חיים, 656
ליטווין, 609
לייב, מאַני, 668
ליטאָן, עני, 649
לייוויק, ה., 445, 577, 581
ליליען, עני, 656
לינדער, ב., 656
ליפמאַן, יצחק, 649
ליפמאַן, נאַטאַליאַ, 649
ליפסקי, לואיס, 460, 528
ליפצין, קעני, 18, 21, 72, 98, 133,
134, 150, 165, 166, 191, 192,
244, 288, 399, 414, 579, 625
ליפשיץ, פריילין, 218
לעדערמאַן, דוד, 649
לעווין, לוסי, 600
לעוויט (מאָלער), 509
לעווין, חנה, 649
לענקיעל, ה., 579
לענקסער, קלאַראַ, 504, 506, 567

מ

מאָגולעסקאַ, בעסי, 316
מאָגולעסקאַ, זיגמונד, 51, 52, 72, 107,

144, 145, 165, 176, 367, 397,
414, 625
מאַהאַראַדזשאַ וואַדיאַ, 123
מאַזעגטאַל, דר. בן־ציון, 206
מאַמע, די: זע דיינע פיינמאַן
מאַנדעלקערן, 78
מאָנטעפיאָר, סער פרענציס, 216
מאָסקווין, איוואַן, 665
מאַרגאַשעס, ש., 537
מאָריסאָן, מאָריס, 176, 177, 250, 272,
320, 321, 322, 413
מאַרעווסקי, אברהם, 622
מאַרקאָוויטש, יאָזעף, 195, 196, 202,
203
מאָשקאָוויטש, מאָריס, 72, 150, 165, 170,
176, 219, 288, 343, 403, 414,
625
מוני, פּאָול, 131, 171, 481, 482, 483,
484, 485, 557, 669, 670
מוקדוני, דר., 484, 656
מזיק, אוריאל, 438, 442, 526
מיטניק, 103
מייזל, היימאַן, 72, 274, 275, 276, 509
מייזל, נחמן, 650
מייזעל, בעלאַ, 274
מייער, מאָריס, 80
„מייער" פון די שנאָרער, 565
מילער, לואי (רעדאַקטאָר פון וואַרהייט),
312, 360, 361, 505
מינץ, מאַיקל, 244
מלמד, מ., 584, 601
מעדאָף, דוד, 669
מעדאָף, ראַיאַ, 669
מעדוועדיעוו, מאַרק, 216
מעלצער, אַדאָלף, 214, 585
מעלצער, עני, 433
מענדעלע מוכר ספרים, 99
מענטל, בוירנס, 547
מעסטל, יעקב, 554, 555, 632
מעק'איוועז, קוריער, 541
משה'לע (פיינמאַנס' פּאַטריאָט), 137, 240
מתתיהו, די ברידער, 652

נ

נאָבעל, מיס, 100
נאַדאלסקי, סאָניאַ, 72, 433, 456
נאַדיר, משה, 577, 578
נאַטאַנזאָן, טשאַרלס, 112, 357
נאַכבוש, נח, 562
ניוניאַ: זע פראַנציס אַדלער
נייטהען, דזשאָרדזש דזשין, 461
נעמי, לאה, 218
נעסטער, ר., 600
נעראָסלאַווסקאַיאַ, אסתר, 345, 347, 600

ס

סאָבעל, דזשעק, 561
סוזאַנאָוו, יעקב, 652
סטאַניסלאַווסקי, 570, 621
סטוטשקאָף, נחום, 600, 657
סטראָמבערג, חנה'לע, 672
סטרינדבערג, א., 219
סיגעל, וויליאַם, 551, 552, 548, 585,
598
סימאָוויטש, היימי, 153, 154, 159, 160,
161, 162, 177
סימאַנאָף, אייבי, 153, 154, 159, 160,
161, 177
סימאַנאָף, בעטי, 153
סימאַנאָף, משה, 153, 154, 158
סימפּסאָן, וואַלי, 234
סעמעלסאָן, פעני, 673
סעקונדאַ, שלום, 584, 585
סעקלער, ה., 622
סערעבראָוו, מוני, 593
ספּיוואַק, בעלאַ, 548
ספּיוואַק, סעמיועל, 461, 548
ספּייזער, מאָריס, 583
ספּעקטאָר, חנה, 568, 569
סקולער, צבי, 561, 567, 655
סקורניק, מאַקס, 396

ע

עבראַמס, אַדאָלף, 509
עדלשטיין, איזידאָר, 298
עדלשטיין, יוסף, 294, 295, 301, 302,
303, 308, 325, 332, 346, 367,
375, 377, 394, 407, 463
עדלשטיין, פּאולינאַ, 72, 397
עהרנרייך, חיים, 614, 617
עטינגער, 591
עלגאַרד, איזידאָר, 509
ענטין, יואל, 61, 165, 264, 451, 457,
474, 488, 504, 509, 511, 526
עפּטימאַ, וויקטאָר, 594
עפּשטיין, אַלטער, 438
עפּשטיין, (טאָמאַשעפסקי'ס שוואָגער), 316,
347, 348, 352, 353

עפשטיין, מערי, 72, 150, 163, 347, 348, 352
עפשטיין, פעני, וואַדיאַ, 123, 196
ערבער, דזשוליוס, 443, 444, 491, 501

פ

פאַט, יעקב, 648
פאַפער, דעיוו, 554
פיין, מאַקס, 191
פיינבערג, געברידער, 196, 197, 198, 200, 201
פיינבערג, העריס, 197, 198, 201
פיינבערג, יאָשקע, 197, 198, 199, 201
פיינמאַן, בעקי, 53
פיינמאַן, דיינע (דינה), 3, 32, 42, 43, 46, 51, 54, 72, 80, 81, 103, 111, 135, 136, 145, 150, 166, 171, 172, 174, 176, 178, 207, 208, 218, 223, 224, 225, 226, 227, 232, 270, 90, 309, 371, 393, 396, 397, 399, 403, 468, 473, 528, 542, 554, 555, 609, 629, 632, 664
פיינמאַן, דזשאָו, 53, 177, 178
פיינמאַן, זיגמונד, 7, 16, 45, 46, 47, 48, 50, 51, 52, 53, 54, 72, 73, 74, 75, 78, 92, 98, 99, 101, 102, 103, 104, 105, 110, 111, 112, 117, 118, 119, 120, 124, 125, 136, 137, 144, 145, 153, 178, 193, 195, 196, 197, 203, 210, 214, 215, 216, 225, 240, 242, 270, 274, 282, 283, 397, 408, 624, 645
פיינמאַן, לילי (לאה), 4, 34, 49, 50, 51, 52, 73, 98, 99, 112, 113, 114, 115, 125, 133, 134, 135, 136, 142, 178, 193, 208, 219, 240, 242, 274, 279, 280, 309, 324, 341, 332, 343, 372, 374, 375, 376, 384, 386, 393, 396, 403, 404, 412, 468, 512, 557, 606, 627, 641, 645
פיינמאַן, פאַפאַ: זע פיינמאַן, זיגמונד
פיינמאַן, שיינדל, 224, 225, 226, 227, 229
פייגע (שיינע־פייגע), 34, 35, 37, 41, 43, 44, 45, 52, 53, 77, 98, 106, 113, 121, 134, 136, 137, 138, 139, 140, 141, 142, 240, 351, 364, 372, 373, 375, 395, 396, 409, 412, 413, 535, 557, 558, 598, 600, 606, 607
פינסקי, דוד, 263, 442, 490, 491, 492, 504, 506, 527, 542, 545, 547, 582, 584, 656
פינקעל, אייבי, 131
פינקעל, בעלאַ, 131, 557
פינקעל, לוסי, 131
פינקעל, מאָריס, 72, 111, 130, 131, 148
פינקעל, עמאַ, 130, 131, 132, 557
„פיף־פאַף“, 460
פיקאָן, מאַלי, 396, 407, 592, 615
פישמאַן, יעקב, 290, 291, 395
פישקינד, אברהם, 613
פלוים, הירש, 652
פלוים, זאַניאַ, 652
פעדער, 655
פעלדמאַן, אידאַ, 509
פעניקשטיין, הערמאַן, 649
פעקער, וויקטאָר, 672
פערלמוטער, שלום, 607
פערלע, יהושע, 648, 649
פראַגער, רעגינאַ, 146, 147, 155
פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב, 61, 442, 451, 465, 504
פראַנק, נ. 596
פרומקין, א., 410, 412, 554, 601
פריד, איירים, 672
פריד, דבורה׳לע, 677
פריד, לאַזאַר, 124, 142, 191, 344, 345, 357, 362, 371, 372, 373, 374, 375, 376, 377, 383, 384, 385, 391, 392, 393, 396, 410, 412, 509, 533, 534, 538, 539, 540, 541, 558, 513, 649
פריד, לואיזע־דיינע, 676
פריד, דר. סאַלווין (אשר זעליק׳ל), 34, 35, 87, 91, 92, 132, 167, 372, 381, 392, 408, 411, 413, 425, 539, 540, 541, 542, 558, 598, 600, 606, 607, 627, 653, 654, 664, 665, 666, 667, 671
פריימאַן, ל., 545, 551, 579
פרילוצקי, נח, 124, 263

פּרינץ אָוו וועלס, 223, 224, 225
פרישמאַן, דוד, 124
פרענק, יעקב, 205, 267
פרץ, י. ל., 432, 504, 505
פשיבישעווסקי, 451

צ

צווערלינג, יעטאַ, 585
צוקערבערג, הערשל, 421
צוקערבערג, זיגמונד, 214, 600, 604
צוקערבערג, רעגינאַ, 214, 357
צוקערמאַן, לייזער, 367
צייטלין, אלחנן, 647, 649

ק

קאַברין, לעאָן, 69, 107, 133, 281, 408, 580
קאַדיסאָן, ליובאַ, 613, 655
קאַהאַן, אַב., 263, 313, 314, 360, 361, 364, 452, 453, 456, 457, 516, 523, 524, 525, 530, 531, 532, 577, 580, 581, 614, 622
קאַטץ, מ., 601
קאַליך, יעקב, 407, 592
קאַליש, בערטאַ, 54, 72, 98, 159, 160, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 176, 177, 178, 181, 182, 183, 184, 185, 186, 187, 193, 235, 236, 244, 264, 396, 399, 414, 549, 579, 625
קאַלמאַנאָוויטש, הערי, 432, 597, 600, 640, 656
קאַמינסקאַ, אידאַ, 645, 647
קאַמינסקי, אסתר־רחל, 133, 236, 262, 646
קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ, 465
קאַמפּאַניעץ, 640
קאָן, דזשעק (יעקב), 4, 72, 204, 205, 380, 536, 538, 539, 540, 541, 624, 625, 626, 627, 629, 630, 638, 639, 640, 642, 643, 644, 650, 651, 652, 653, 655, 656, 659, 661, 669, 673, 674 675
קאָן, טשאַרלי (טשאַרלס), 162
קאַניעווסקי, אהרן, 601
קאַסקי, הערי, 81, 82, 222, 223, 224, 279
קאַסקי, עני, 81, 279, 280
קאַפּלאַן, פּסח, 652
קאַרטאַזשינסקי, 596
קראַנשטיין, מלכה (טיקמאַן), 89, 504, 506, 567, 568, 604
קאַרפּ, סאָפּיע, 11, 166
קוגען, דזשעקי, 581
„קונסט־רינג", 561, 566, 567, 573
קיטלמאַן, מיס, 605
קיידיש, דר., 49
קייזער, דזשעני, 83, 123
קלאַבונד, 613
קליידאַ, פּאַולאַ, 600
קלמן, 87
קעניג, 656
קעסטין, סעם, 220, 221, 324, 347, 546, 554, 617
קעסלער, איידאַ, 178
קעסלער, דוד, 54, 56, 57, 60, 61, 68, 69, 70, 72, 89, 98, 103, 107, 108, 109, 110, 146, 149, 150, 151, 156, 157, 158, 165, 171, 176, 177, 178, 187, 189, 190, 191, 192, 198, 199, 200, 235, 236, 265, 268, 269, 276, 288, 290, 311, 331, 332 338, 340, 341, 346, 347, 348, 349, 352, 353, 367, 394, 397, 412, 414, 415, 416, 417, 418, 419, 420, 421, 422, 423, 425, 429, 483, 503, 530, 576, 624, 625
קעסלער, דזשאָזעף, 342, 403, 587
קעשיר, איזידאָר, 394, 396, 398, 400, 401, 402, 613
קרישטאָל, לעאָן, 462, 555, 605, 608
קרעסין, מרים, 657

ר

ראַגאָף, הלל, 314, 437, 440, 441, 488, 526, 527
ראַווינאַ, חנה, 561
ראַזומני, מיכאַאיל, 657
ראָזנבערג, מיכל, 613, 657
ראָזנטאַל, באָריס, 196, 396, 433, 443, 456, 492, 497
ראָזנטאַל, סאַבינאַ, 267
ראָזנטאַל, קלאַראַ, 433
ראָזנפעלד, יונה, 580, 581
ראָזנפעלד, מאָריס, 378, 379, 382
ראָזענשטיין, סעמיועל, 416

ראָזענטאַל, מאַקס, 72, 144, 267, 616, 655
ראָזענטאַל, מרס. 433
ראָזשאַנסקי, שמואל, 631
ראָטשטיין, אייזיק, 649
ראָטמאַן, ב., 672
ראָטשטיין, עליאַס, 72, 277, 278, 279
ראָטשילד, משפחה, 659, 660
ראַסקין, שאול, 349, 368, 442
ראַפּאַלאַ, איוואַ, 283, 288
ראַפּאַלאַ, קלאַראַ, 267, 421
רובין, גרשון, 191, 357, 504, 505, 506, 507, 508, 509, 515
רובין, מנחם, 661, 663
רויטבוים, י., 653
רויטבלום, יצחק, 663
רומשינסקי, 600
רחל, 77, 395, 397
ריבאַ, הענרי, 649
ריבאַ, סימוק, 649
רייזען, אברהם, 504
רייכער, העדוויק, 506
רייכער, עמאַנועל, 191, 506, 508, 509, 510, 512, 513, 514, 515, 517, 518, 519, 520, 521, 527, 543, 545, 547
ריינהאַרדט, מאַקס, 506
רייס, עלמער, 89
ריכטער, משה, 414
רעגענסבערג, ס., 601
רענאַלדס, קווענטין, 670
רעכטצייט, יעקב, 657
רעכטצייט, סימור, 657
רעלקין, עדווין אי., 288, 394, 585, 586, 596, 609

ש

שאַא, בערנאַרד, 442, 490, 511, 550
שאַכט, גוסטאַוו, 84, 394, 396, 402, 506
שאַכט, הענרי, 506
שאַכט, עמילי, 84, 402
שאַליאַפּין, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, 597, 598
שאָמער, 294, 305, 440
שאַפּיראָ, גאָלדע, 316
שאַפּיראָ, הענריעטאַ, 504
שאַפּיראָ, עני, 247, 605
שאַר, אַנשל, 64, 65, 142, 166, 167, 168, 169, 227, 347, 375, 376, 383, 384, 385, 392, 393, 394, 395, 396, 397, 398, 404, 405, 406, 407, 421, 533, 542, 544, 545, 546, 547, 550, 553, 554, 556, 583, 625
שאַרגעל, דזשעק, 597
שוואַרץ, אַנאַ, 497
שוואַרץ, ז. (אַנדערטעיקער), 367
שוואַרץ, מאַריס, 188, 189, 190, 267, 268, 269, 271, 272, 273, 274, 276, 277, 279, 283, 287, 288, 323, 363, 383, 393, 418, 421, 422, 423, 424, 425, 426, 427, 429, 430, 431, 432, 433, 434, 435, 436, 437, 438, 439, 442, 443, 444, 445, 446, 447, 452, 453, 454, 455, 456, 457, 459, 462, 463, 464, 465, 466, 469, 470, 471, 472, 475, 476, 477, 478, 479, 481, 483, 484, 485, 489, 490, 493, 495, 498, 499, 500, 501, 502, 503, 505, 510, 511, 519, 526, 532, 534, 555, 556, 557, 558, 559, 561, 562, 564, 565, 573, 574, 576, 577, 578, 579, 580, 581, 582, 583, 592, 602, 603, 608, 611, 612, 613, 614, 615, 618, 619, 620, 621, 622, 623, 624
שוואַרצבערג, יוסף, 613
שווייד, מאַרק, 577, 621
שולקעס, 652
שומיאַטשער, אסתר, 450
שטיינבערג, שלמה, 421, 598
שטעטין, דינה, 11, 123
שטעטין, ר׳ יוסף חיים, 8, 9, 10, 11, 22, 25, 26, 106, 108, 110
שטעטין, צירל (צירעלע), 8, 22, 32, 111, 224
שטראַסבערג, משה, 561, 573, 613
שיינדל: זע פיינמאַן, שיינדל
שיינגאָלד, בעני, 196
שיינגאָלד, יוסף, 63, 196, 273, 274, 377, 395, 509, 513, 658, 659, 660
שיינגאָלד, ליאַליטשקע, 377
שיינגאָלד, פּערעלע, 377
שיינגאָלד, פרענציס (נוניע): זע אַדלער, פרענציס
שיינפעלד, א., 592, 593, 594, 595

שילדקרויט, יוסף (יאָזעף), 304, 305, 306
שילדקרויט, מאַדאַם, 296
שילדקרויט, רודאָלף, 208, 209, 220, 221, 289, 290, 291, 294, 295, 296, 297, 298, 299, 300, 301, 302, 304, 305, 310, 319, 354, 358, 573, 596, 624
שילינג, מאַרק, 214
שילער, 442
שלום עליכם, 88, 99, 116, 426, 484, 504, 537, 551, 556, 623, 659
שמר, שוועסטער, 601
„די שנאָרער״, 564, 565
שנייער, סעמיועל, 316, 339, 348, 349
שניצלער, אַרטור, 490
שניצער, הענריעטאַ, 191, 450, 504, 505, 506, 509, 516, 519
שניצער, לואיס, 450, 463, 504, 505, 506, 509, 516, 517, 526
שעקספּיר, וויליאַם, 617, 621
שערמאַן, 196, 561
שפּאַכנער, לילי, 182
שפּאַכנער, לעאָפּאָלד, 72, 181, 183, 185, 186, 244

ת

תאומים, ר׳ יוסף, 611